די אידישע
לאַנדסמאַנשאַפטען
פון ניו יאָרק

די אידישע
לאַנדסמאַנשאַפטען
פון ניו יאָרק

צוגעגרייט דורך דער אידישער שרייבער־גרופּע
אויפ'ן פעדעראַלען שרייבער פּראָיעקט

WORKS PROGRESS ADMINISTRATION
IN THE CITY OF NEW YORK

[ערשטער טייל]

ארויסגעגעבען פון
י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין

ניו יאָרק, נ. י.

1938

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

Copyright, 1938, by
THE YIDDISH WRITERS' UNION
New York, N. Y.

Futuro Press, Inc 200

Works Progress Administration

Harry L. Hopkins, Administrator
Ellen S. Woodward, Assistant Administrator
Henry G. Alsberg, Director of the Federal Writers' Project

Sponsored by

YIDDISH WRITERS' UNION

DR. B. HOFFMAN, President
M. DANZIS, Vice-President
B. LEVITIN, Treasurer
M. RIVLIN, Secretary

EXECUTIVE

L. BERMAN
WM. EDLIN
A. EPSTEIN
DR. L. FOGELMAN
CH. GOTTESFELD
H. KRETCHMAR (Liliput)
D. L. MEKLER
I. OPATOSHU
W. POCHOTZKY
A. SELDIN

י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין:

צביון (ד״ר ב. האָפמאן), פרעזידענט.
מ. דאַנציס, וויצע־פרעזידענט.
ב. לעוויטין, קאַסירער.
מ. ריוולין, סעקרעטאַר.

עקזעקוטיווע

י. אפאטאשו.
ל. בערמאן.
ח. גאָטעספעלד.
א. זעלדין.
ליליפוט (קרעטשמאַר)
ד. ל. מעקלער.
וו. עדלין.
א. עפשטיין.
וו. פאָכאָצקי.
ד״ר ל. פאָגעלמאן.

פון דער רעדאַקציע.

•

דאָס בוך „די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק" באַשטייט פון פאָלגענדיגע דריי טיילען:

1. **פאָרשונגען**
2. **ליטעראַטור**
3. **רייסטער פון אָרגאַניזאַציעס**

צוליב טעמים וואָס זיינען ניט געווען אָפּהענגיג פון אונז איז די אָרטאָגראַפיע פון בוך ניט קיין מאָדערנע און במילא ניט קיין אויסגעהאַלטענע.

אין רייסטער זיינען די נעמען פון די אָרגאַניזאַציעס אויסגעשטעלט אַלפאַבעטיש לויט זייערע שטעט. די נעמען פון שטעט זיינען אויסגעלייגט ווי אָנגענומען אין די אָנגעגעבענע קערפּערשאַפטען. (דערזעלבער נאָמען ווערט אָפט אויסגעלייגט אַנדערש ביי די פאַרשיידענע קערפּערשאַפטען פון דערזעלבער שטאָט).

אינהאַלט:

I

1. **י. א. ראַנטש:**
דער איצטיגער מצב פון די לאַנדסמאַנשאַפטען 9

2. **לאַמער שאַפּיראָ:**
אימיגראַציע און לאַנדסמאַנשאַפטען 24

3. טאַבעלעס 26

4. **מ. בלעכמאַן:**
די לאַנדסמאַנשאַפטען און די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס 33

5. **ע. פערשלייסער:**
די קאָנסטיטוציעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטען 43

6. **שמואל שוואַרץ:**
די לאַנדסמאַנשאַפטען־פאַרבאַנדען 52

7. **מנשה וואַקסער:**
פאָלקלאָר פון אידישע ישובים 61

8. **מ. ב—ן:**
ניט־אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען 64

9. **ב. ריווקין:**
די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטען 68

10. **מ. באַסין:**
די פאַמיליע קרייזען 109

11. **שלמה גימפּלין:**
אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון דער עלטסטער אידישער קהלה 111

12. **ד. ק.**
וואָס איז געוואָרען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען אין האַרלעם? 114

13. **דוד קעשיר:**
1) אין מאָהילעווער מושב זקנים; 2) ווען גאַליציע רעדט 116

14. **ג. ה. גאַרווין:**
יובל־פייערונג 119

15. **ד. ס.**
ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען 121

16. **בעריש וויינשטיין:**
אַ באַגעגעניש 123

17. **א. י. אַבראַמאָוויטש:**
ביי דער שוועל פון אַמאָל (לאַנדסמאַנשאַפטען רעסטאָראַנען) 125

18. **מנשה:**
לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר'ן אידישען געריכט 127

II

1. **ברוך גלאַזמאַן:**
דער לאַנדסלייט־מאָטיוו אין דער אידישער ליטעראַטור 133

2. רעצענזיעס וועגען לאַנדסמאַנשאַפטען־אויסגאַבעס ....
(„ווילנער־בוך", „טשאָרטקאָווער שפּיראָ־בוך", „לאָדזשער אַלמאַנאַך", „טע־ראַשטשער בוך", „מיין רייזע איבער גאַליציע", „פעלשטין־בוך", „ווישקאָווער־בוך", „פוילישע אידען", „ביאַליסטאָקער אויסגאַבען", „מיכל טענצער בוך" 142

3. **ג. ברוך:**
די סואווועניר־זשורנאַלען 152

4. מוסטערן פון לאַנדסמאַנשאַפט־ליטעראַטור 159

5. **אל גוריה:**
פאָרוואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע 201

6. אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע 203

7. ביבליאָגראַפיע פון קאָנסטיטוציעס, סואווועניר־זשורנאַלען א. א. 231

III

1. רייסטער פון לאַנדסמאַנשאַפטען־אָרגאַניזאַציעס 245

2. אינדעקס 373

3. ענגלישע אַדרעסען־ליסט 397

בילדער און אילוסטראַציעס:

1. הענרי סטריט, נ. י., — די גאַס פון די „אנשי'ס" — (וו. פּ. א. בילד) 13
2. קינדערלאך אין קאָוונאָ (פון „אַלמאַנאַך פון ליטווישען פאַרבאַנד, נ. י.) 23
3. תלמוד־תורה... „תחכמוני" אין זאַבלודאָווע. (פון „זאַבלודאָווער פנקס") 39
4. וואַרשעווער חיים סאַלאָמאָן מושב זקנים, סעקאָנד עווענוּ, נ. י. 42
5. שער־בלאַט פונם פנקס פון דער חברה־קדישא... אַנשי מאָלאָדעצנאָ, נ. י., 1885 46
6. דער אייביגער איד (פון זאָמעלבוך „פעלשטין") 63
7. געביידע פון דעם קעלצער אונטערשטיצונג פאַראיין אין ניו יאָרק 72
8. אַמדורער „בונד"־אָרגאַניזאַציע אין 1904 81
9. דעלעגאַטען פון בריסקער רעליף־קאָמיטעט טיילען־אויס שטיצע אין בריסק 93
10. ביאַליסטאָקער צענטער, נ. י. 105
11. געביידע פון די אנשי פוילען אין האַרלעם, איצט אַ קירך (וו. פּ. א. בילד) 115
12. כאָטינער דאַמען קאָמיטעט, מיט'ן אַמעריקאַנישען דעלעגאַט, 1936 120
13. געביידע פון די אנשי לובץ אין נ. י. (וו. פּ. א. בילד) 124
14. „וואַרשעווער רעסטאָראַן" אין ניו יאָרק 126
15. אויסצוגען פון אַ בריוו (פון יאָסעל קאָטלער'ס בוך „מונטערגאַנג") 141
16. פעלשטינער פאַראיין. צייכענונג פון נ. קאָזלאָווסקי („פעלשטין"־בוך) 148
17. אָשמענער רעליף־קאָמיטעט אין די מלחמה־יאָהרען 169
18. די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" אין גראַיעווע 171
19. דער וואַלד־קעמפּ פאַר די יתומים אין קריניק 182
20. די וואַסער־לייטונג אין גראַיעווע 192
21. זשיטאָמירער „תלמוד־תורה" אין ניו יאָרק 289
22. געביידע פון די „אנשי סלאָבאָדקע" אין האַרלעם, נ. י. 324
23. קאַלוואַריער שוהל, פּאַיק סטריט, נ. י. 359
נאָטען צו מ. סיגעליס „ליד פון ראקאָווער פרויען־קלוב", פון ג. קאמינסקי .. . 176

טייל I.

י. א. ראָנטש

דער איצטיגער מצב פון די לאַנדסמאַנשאַפטען

פון וואַנען איז אַ לאַנדסמאַן

עס מוז שטעקן עפּעס אַ טיפער זין אין דעם פאַקט, וואָס ווען צוויי אידען באַגעגענען זיך, צוויי ווילד־פרעמדע מענשען, אונטער וואָס פאַראַ אומשטענדען דאָס זאָל ניט פּאַסירען, אין וועלכער שטאָט פון לאַנד דאָס זאָל ניט פּאָרקומען, — זאָל דער צייכען פון זייער זיך וועלען דערנענטערען, זאָל די אומזעבאַרע אויסגעשטרעקטע האַנט זיין: „פון וואַנען איז אַ איד אַ לאַנדסמאַן?"

דוכט זיך, מען לעבט אין לאַנד שוין לענגער ווי מען האָט געלעבט אין דער אַלטער וועלט, מען איז אַוועק פון דאָרט נאָך כמעט אַ קינד, אַוועקגעטראָגען אָפּט די ביטערסטע דעראינערונגען, דאָך האָט אומבאַוואוסטזיניג פאַר זיך אַליין געטליעט אין האַרצען דער פונק פון דער אַלטער היים. מען האָט צענדליגער יאָהרען געהאַט פאַרגעסען אָן קרובים, אָן געבורטסאָרט, — מיטאַמאָל אומגעריכטערהייט, האָט מען זיך דערמאָנט אָן „דאָרט".

די לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי איז ביז'ן היינטיגען טאָג דאָס שטיפקינד אין אונזער אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען פון אַמעריקע. מען קוקט אָפּט אויף דעם מיטגליד ווי אויף דעם אָפּגעשטאַנענסטען עלעמענט; מען לאַכט אָפּט אָפּ פון אידיש וואָס מען נוצט אין דער סאָסייעטי, מען חוזק'ט פון איהרע פירונגען, פון די פּאָינטס אָוו אָרדערס, פון די בענעפיטס און קרקע. ווען אונזער שרייבער־גרופּע האָט באַשלאָסען צו פאַרנעמען זיך מיט אַן אויספאָרשונג איבער די לאַנדסמאַנשאַפטען, האָט מען פון אונז געלאַכט. מען האָט אונז פאָראויסגעזאָגט, אַז מיר פאַרנעמען זיך מיט קרקע, מיט אַ טויטער זאַך, „אַלע סאָסייעטיס זיינען ענליך איינע אויף דער צווייטער", ניטאָ וועגען וואָס צו שרייבען...

נאָר די אַלע אָפּשפּעטער — און צווישען זיי האָבען זיך געפונען מענשען וואָס פאַרנעמען אַן אָנגעזעהן אָרט אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, שרייבער און כלל־טוער — האָבען פאַרגעסען, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַן אינטעגראַלען טייל פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט, מיט דער סאַמע אָנגעזעענסטער, ווינציגסטענס לויט דער כמות, קערפּערשאַפט אין ניו יאָרק, און אין דער זעלבער צייט מיט דער סאַמע פאַרנאַכלעסיגטער מאַסען־אינסטיטוציע.

אונזערע פאָרטגעשריטענע, ראַדיקאַלע און ראַדיקאַלסטע אָרגאַניזאַציעס האָבען אין זייער געזעלשאַפטליכער מיסיע, וואָס זיי טראָגען דער וועלט, אָפּט פאַרזעהן איין קאַרדינאַלע זאַך — דעם אינדיווידוּ, דאָס פּינטעלע מענש אין דעם מיטגליד זייערען, דאָס האַרץ וואָס קלאַפּט אונטער די פליכטען און רעגולאַציעס. מען האָט זיך געזאָרגט פאַר אַלץ און יעדערען און פאַרנאַכלעסיגט די פּערזענליכע אינטערעסען פון די אייגענע מיטגלידער.

קיין מענש וויל ניט פאַרגעסען ווערען, פאַרזעהן ווערען. די לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי האָט אינסטינקטיוו דערפּיהלט אָט־די נויט און זי האָט איהרע מיטגלידער דערוואַרימט, צוגעטוליעט צו זיך. קראַנקהייט, טויט, נויט־פאַלען, עלענט — יעדער מיטגליד, אָרים צי רייך, טעטיג אָדער פּאַסיוו, האָט געפונען זיין אָנזעהן אין דער סאָסייעטי.

אמת, אַ סך סאָסייעטיס זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ווערטער־שלאַכפעלדער, וואו מחלוקת'ן צוליב גראָשענדיגע כבודים האָבען דערבראַכט צו זייער רואינע, אַ צאָל סאָסייעטיס האָבען זיך געשפּאָלטען און אַ סך זיינען אונטערגעגאַנגען, — דאָך געפינען מיר היינט־צו־טאָג הונדערטער און הונדערטער סאָסייעטיס און אנשים וואָס עקזיסטירען שוין צעהנדליגער יאָהרען און די פיהרער זייערע זיינען מוסטערען פון עהרליכע, איבערגעגעבענע פאָלקס־מענשען, וואָס זיינען מקריב זייער צייט און ענערגיע לטובת זייערע מיטגלידער.

אמת איז אויך אַז די מעהרסטע סאָסייעטיס זיינען נאָך היינט, אין דעם קריטישען יאָהר 1938, שטאַרק אָפּגעשטאַנען און מעהר ווי זייערע אייגענע בענעפיטען און ענגע געשעפט־אינטערעסען גייט זיי ניט אָן. מען האַלט נאָך אַן „אינערוואַכע" ביי דער טיהר און קיין פרעמדע מענשען ווערען ניט צוגעלאָזט צו קיין מיטינג, און ווען אונזערער אַ שרייבער פלעג — מיט זיין קרעדענשעל — וועלען אַריינקומען און ביייוואוינען אַ מיטינג, האָט מען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ שליח פון שונא'ס לאַגער.

אָנשטאָט צו זיין דער כח וואָס זיי קאָנען ווערען אין אידישען און אין אַלגעמיינעם לעבען דאָ אין לאַנד און אפילו אינטערנאַציאָנאַל, זיינען זיי נאָך מעהרסטענס איזאָלירט, „אינדעפּענדענט", ווי זיי האָבען זיך אַליין ליב אָנצורופען.

אויב מען האָט שוין מיט יאָהרען צוריק פאָראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען צוליב פאַרשיידענע „לאָגישע" סיבות, ווי דער אומגעזונטער צושטאַנד פון די בענעפיט אינשורענס, ווי דאָס אָפּשטעלען זיך פון דער אימיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, א. א., — דערזעהען מיר אָבער פון דער סטאַטיסטישער דאַטע וואָס אונזער שרייבער־גרופּע האָט צונויפגעקליבען,

אַז עס קומען צו מיטגלידער אין די סאָסייעטיס און אַז די סאָסייעטיס וואָס שליסען זיך אָן אין אַ פראַטערנאַלען אָרדען, פאַרלירען ניט זייער לאַנדסמאַנשאַפט פּרצוף דורך דער צוזאַמענשמעלצונג. מיר זעהען אויך, אַז כאָטש אין די אָרדענס (אַרבייטער רינג, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדען, נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד) גייט שוין אַ לענגערע צייט אָן אַ שריפטליכע און אַ מינדליכע דיסקוסיע וועגען לאַנדסמאַנשאַפט־ברענטשעס אָדער די מעהר אַמעריקאַנישע טעריטאָריעלע ברענטשעס, — און די קלאָרע לאָגיק איז, דוכט זיך, אויף דער זייט פון די לעצטע, — איז אָבער דער אַרגומענט פאַר לאַנדסמאַנשאַפטען ברענטשעס נאָך גאָר אַ שטאַרקער.

און דאָס דערפיהרט אונז צו דער פראַגע:

פאַרוואָס אַ בוך וועגען די לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק?

דער לייענער פון דער אידישער פּרעסע שטויסט זיך לעצטענס אָן אויף אַ סך נאָטיצען וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען גיבען אַריין אין די צייטונגען וועגען זייערע אונטערנעהמונגען, מען זעהט אַז עס קומט פאָר אַ לעבעדיגע טעטיגקייט אין די סאָסייעטיס. איבערהויפּט האָט די ביטערע לאַגע פון די אידן אין פוילען, רומעניע און אונגאַרען אויפגערודערט די היגע לאַנדסלייט און עס זיינען געבאָרען געוואָרען פאַראייניגטע רעליעף־קאָמיטעטען פאַר זייערע שטעטלעך. אָט די קאָמיטעטען זיינען דער בעסטער באַוויז, וואָס עס קאָן געטאָן ווערען, ווען די לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס זאָלען אָנערקענען זייערע געמיינשאַפטליכע געזעלשאַפטליכע אינטערעסען און באַווייזען זייער כח לטובת הכלל.

אונזער בוך טיילט בכיוון אויס די לאַנדסמאַנשאַפט בענעוואָלענט סאָסייעטי פון דער גלאַט בענעוואָלענט סאָסייעטי, לאָמיר זאָגען, פון אַ „מאַנהעטען בענעוואָלענט סאָסייעטי", ווייל דער לאַנדסמאַנשאַפט נאָמען שטעמפּעלט אָפּ דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון דעם סאָרט פאַראיין וואָס שטרייכט אונטער זיין היסטאָרישע ראָלע אין דער אימיגראַציע פון אַמעריקע. דורך דער אָנגעגעבענער אין אונזער בוך טאַבעלע פון דער גרינדונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען לויט זייערע יאָהרען, באַקומען מיר אַ קלאָר בילד פון דעם באַראָמעטער פון דער אידישער לאַגע אין אייראָפּע און אַמעריקע. דורך דער גרינדונג פון אַלערליי לאַנדסמאַנשאַפט ריכטונגען דערזעהען מיר די שטאַפּלען אויף וועלכע דעם אידישען אימיגראַנט איז אויסגעקומען צו קלעטערען.

די לאַנדסמאַנשאַפטען גיבען אונז דעם שליסעל צו דעם לעבען פון די ברייטע פאָלקסמאַסען. זיי זיינען דער אומדערשעפּליכער רעזערוו פאַר אַלע מאַסען־אָרגאַניזאַציעס.

ווען ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אַרבייטען אויף אַ שטודיע איבער די לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניו יאָרק, האָט אונזער שרייבער־גרופּע זיך אָנגעשטויסען אויף אָן אַ שיעור שטיינער אין וועג. עקזיסטירען לאַנדסמאַנשאַפטען שוין איבער 50 יאָהר און דאָך איז וועגען זיי ניט געשאַפען געוואָרען קיין ליטעראַטור, איז ניט פאַראַן קיין רעקאָרד פון זייער צאָל, אויפטואונגען, א. א. און דאָס וואָס איז לעצטענס געשאַפען געוואָרען, איז אויך מטושטש און אָפּט פאַלש.

וויפיל לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק? אויף דעם האָבען מיר ביי אָנגעזעהענע געזעלשאַפטליכע פיהרער, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט דעם ענין צוליב די אינטערעסען פון זייער רעספּעקטיווער אָרגאַניזאַציע, אַרויסגעקראָגען גוזמא'דיגע ציפערען. מיר זאָגען „אַרויסגעקראָגען", ווייל דאָס איז אַ גרויסער סוד! אַ צאָל חשוב'ע קערפּערשאַפטען האָבען זיך אָפּגעזאָגט אונז צו העלפען אין דער אַרבייט, האָבען באַין אופן ניט געוואָלט אונז געבען די ליסטען פון די סעקרעטאַרען אָדער די אַדרעסען וואו די סאָסייעטיס האַלטען אָפּ זייערע מיטינגען. עס האָט ניט געהאָלפען דאָס פאַרזיכערען, אַז מיר דאַרפען דאָס האָבען בלויז פאַר אַ שטודיע און ניט פאַר געלט־צוועקען, אַז די גאַראַנטיע דערפאַר איז די רעגירונג וואָס האַלט אונז אויס און דער פּרץ שרייבער־פאַראיין אונטער וועמעס שרייבערישער אויפזיכט מיר שטייען. בלויז אַ דאַנק אַ פּאָר געציילטע אויסנאַמען איז אונז געלונגען אָנצוהייבען די אַרבייט. דער „האַיאַס" איז געווען דער ערשטער אונז צו געבען דעם ליסט פון זיינע אַדרעסען. געגעבען אונז די פולסטע קאָאָפּעראַציע האָבען די לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנדען: דער פּוילישער פאַרבאַנד, דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד, דער רומענישער פאַרבאַנד און די אַרבייטער אָרדענס — דער אַרבייטער רינג, נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד און דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדען. באַהילפיג איז אויך געווען די איוואָ, דער ביאַליסטאָקער צענטער און אַ פּאָר יחידים.

ווען ס'איז געקומען צו דער פראַגע וויפיל לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק — דאָ האָט יעדער געהאַט זיין אייגענע צאָל: אַ טויזענט, צוויי טויזענט, 2,500, 3,000 און אפילו צווישען 5 און צען טויזענט!

ניט בעסער איז אויך געווען די ציפער וואָס מיר האָבען באַגעגענט אין דרוק. אַזוי שרייבט יהודה פּילטש אין אַן אַרבייט וועגען די לאַנדסמאַנשאַפטען אין דעם ספר השנה פון 1938 *), אַז מען קאָן אָננעהמען אַז די אַלגעמיינע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע דערגרייכט אַן ערך פון 3000. ניו יאָרק און אומגעגענט פאַרמאָגט, לויט זיין השערה, 950 לאַנדסמאַנשאַפטען. ער האַלט אַז די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידערשאַפט איבער'ן לאַנד באַטרעפט אַן ערך פון 200,000.

אין דער סאַמע לעצטער אויספירליכער אַרבייט וועגען דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען אין לאַנד, געשריבען פון דר. מ. קאַרפּף **) זאָגט זיך, אַז די צאָל פון די סאָסייעטיס (לאַנדסמאַנשאַפטען), וועלכע געפינען זיך אין אַלע שטעט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג איז ניט באַוואוסט, נאָר מען רעכענט אַז עס זיינען פאַראַן עטליכע טויזענט... מען ווייסט אויך ניט גענוי וועגען זייערע אַקטיוויטעטען און די סומעס געלט וואָס זיי האָבען געשאַפען...

*) ספר השנה ליהודי אמריקה, בעריכת מנחם ריבולוב, הוצאת ההסתדרות העברית באמריקה, נ. י. תרצ"ח.

**) Jewish Community Organization in the U. S., by Maurice Karpf, Ph.D., Bloch Publishing Co., 1938.

פאַר אונז איז דערפאַר געשטאַנען די אויפגאַבע צו טאָן אַ פּיאָנערען־אַרבייט, צו גיין צום מקור, צו די לאַנסמאַנשאַפטען גופא. מיר האָבען באַשלאָסען אַז מיר וועלען זיך אָפּגעבען צו פאָלגענדיגע לאַנדסמאַנשאַפטען קערפּערשאַפטען:

1. אנשי'ס, חברות און קאָנגרעגיישאַנס;
2. אינדעפּענדענט סאָסייעטיס;
3. ליידיס עיד און אָקזילעריס;
4. לאַנדסמאַנשאַפט־ברענטשעס אין די אָרדענס;
5. פאַמיליען־קרייזען און נעמען־סאָסייעטיס, און
6. פאַראייניגטע רעליעף און פּאַטראָנאַטען.

שפּעטער וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף יעדער קערפּערשאַפט באַזונדער. נאָר דאָ מוז מען פאַרלויפיג דעם וועג און דערקלעהרען, אַז די וואָס האָבען געהאַט דער־פאַרונג מיט די סאָסייעטיס האָבען אונז פאַראויסגעזאָגט פּעסימיסטישע רעזולטאַטען. זיי זיינען בלויז אין אַ קליינער טייל מקוים געוואָרען. זיכער איז, מוז מען מודה זיין, אַז ווען די סאָסייעטיס וואָלטען קאָאָפּערירט מיט אונז, וואָלטען מיר אָנשטאָט די אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבען געקראָגען פון איבער צוויי טויזענט אָרגאַניזאַציעס, געהאַט אינפאָר־מאַציע פון נאָך אַ 500 אָדער מעהר קערפּערשאַפטען.

יאָ, עס איז אָנגעקומען אויסערגעוויינליך שווער אַריינצו־דרינגען אָדער דורכצודרינגען די אינערוואַכעס, אָדער קלאָר צו מאַכען די סעקרעטאַרען, אַז מיר זיינען ניט געקומען, חלילה, נאָך שטיצע, נאָר, פאַרקעהרט, מיר זיינען געקומען עפּעס צוטראָגען.

געקומען זיינען אונזערע שרייבער מיט אַנקעטעס (זעה דעם מוסטער פון דער אַנקעטע אויף דער נעקסטער זייט). געקומען איז אונזער שליח צום סעקרעטאַר, אין מיטינג־פּלאַץ, פריה איידער דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבען, מיט אַ קרעדענשעל, געדרוקט אידיש, באַצויגען זיך פריינט־ליך. ווען דער סעקרעטאַר האָט שוין געהאַט איינגעשטימט צו ענטפערען, איז ער אָבער געוואָרען זעהר איינגעהאַלטען ביי דער פראַגע: „וואָס איז אייער פאַרמעגען". פון אַ טויזענט סאָסייעטיס האָבען אַרום דריי הונדערט זיך אָפּגע־זאָגט צו געבען אינפאָרמאַציע. פון 257 חברות האָבען 63 ניט געוואָלט געבען קיין ענטפער.

אין גאָר אַ סך פאַלען האָט דער סעקרעטאַר צוגענומען די אַנקעטע און צוגעזאָגט אויפצוגעהמען די פראַגע ביים מי־טינג און זי אַליין אויספילען און צושיקען צו אונז. די פאַקטען באַווייזען אָבער אַז פון 621 אַנקעטעס וואָס מיר האָבען איבערגעלאָזט מיט די סעקרעטאַרען, האָבען בלויז 68 אונז צוגעשיקט שריפטליך זייערע אויסגעפילטע אַנ־קעטעס. אַ דאַנק דעם וואָס אונזערע שרייבער האָבען עט־ליכע מאָל באַזוכט די דערמאָנטע סאָסייעטיס, האָבען זיי באַ־קומען ענטפערס פון 224 סאָסייעטיס. אַכט סעקרעטאַרען האָבען אונז געענטפערט, אַז זייער סאָסייעטי זאָגט זיך קאַ־טעגאָריש אָפּ צוליב אייגענע אורזאַכען צו געבען אינ־פאָרמאַציע.

אָט איז אַ טיפּישער ענטפער פון אַ סעקרעטאַר, אין זיין אָרטאָגראַפיע:

„ווערטי שרייאבער פין דעם פעדעראַל פּרהאיעקט
אַזוי וויא שבת נאָחט איז ערשינען אין מייאַן סהאסייטי איין קהאלעגי פון אייערע שרייבערס אין האָט מיר גי־להאזסט איין אַנקעטע אויסציפילען וועגין אינזער סהאסייטי אין איך האָב אים גיפּראָמיסט דאָס ציצישיקען נהאָר מין אסטהאם איז אייך באַוויסט אַז איין באַצאַלטיר בעאַמטיר פין אסהאסייטי קען אַלעיין ניט גיבען קייאַן אינפהאָרמאַציע פין זייאַן סהאסייטי ער מיז זיך ביפהאָר אַן פרעגין אין דיא עהירע בעאַמטי איך האָב דאָס גיבראַחט אויפין פלהאָר אין עס איז גיפהאלין איין פהארשלאַג פין איין ברידער אַז מיזהאל קייאַן אינפהאָרמאַציע ניט גיבען צי קעיינים ענפיר איך אייך אַז קען אייער ביטע ניט ערפילען".

אונזערע שרייבער איז אויסגעקומען צו באַזוכען איין און דיזעלבע סאָסייעטי צו עטליכע מאָל. די פראַגע איז ניט איינמאָל געבראַכט געוואָרען אויפ'ן פלאָר פאַר אַ דיסקוסיע און ניט איינמאָל האָט די סאָסייעטי איינגעלאַדען אונזער שרייבער צו דערשיינען און דערקלערען צוליב וואָס מען דאַרף געבען אינפאָרמאַציע.

די אידישע פּרעסע איז אַן אויסנאַם אונז צוהילף גע־קומען. געדרוקט אונזערע נאָטיצען, און בכלל קאָאָפּערירט אויף יעדען געביט. דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד האָט אונז אויך געלאָזט רעדען אויף זיין ראַדיאָ־פּראָגראַם.

די ערשטע אויסגעפילטע אַנקעטע איז אַריינגעבראַכט גע־וואָרען אין אָקטאָבער, 1937, די 2045סטע—אין יולי, 1938.

צוזאַמען האָבען מיר באַזוכט און דורכגעקאמט 154 מי־טינג־פּלעצער אין מאַנהעטען, ברוקלין און בראָנקס. אין די נייערע ישובים זיינען קיין לאַנדסמאַנשאַפט־קערפּערשאַפטען ניט פאַראַן. זייער צענטער איז נאָך אַלץ די איסט־סייד, און דער לאַנדסמאַן וואָס וואוינט אין סטעטען איילאַנד אָדער קווינס, כאַפּט זיך אַרונטער פון צייט־צו־צייט צו זיין סאָ־סייעטי אויף דער איסט־סייד.

אונזער אַנקעטע דערציילט אַז, דער גרעסטער מיטינג־צענ־טער פון לאַנדסמאַנשאַפטען איז דער סענטראַל פּלאַזאַ ענעקס מיט 250 אָרגאַניזאַציעס. נאָך איהם קומט די נעשאַנאַל טעאַטער געביידע מיט אַ 175 סאָסייעטיס. די לעצטע מאָדע פון די מעהר אַמעריקאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטען איז צו „באַזעצען" זיך אין האָטעלען און גראַד אין די בעסערע, אין סאַמע צענטער פון בראָדוויי (עדיסאָן, מעקאַלפּין).

די פאַמיליען־קרייזען האָבען אַ טענדענץ אָפּצוהאַלטען זייערע מיטינגען אין פּריוואַטע היימען, אויסער ווען זיי זיי־נען צו־שטאַרק צעצווייגט, דאַן „מיטן" זיי אין האָטעלען, אָדער אין אָנגעזעהענע לאָקאַלען.

די פאַרשיידענאַרטיגע לאַנדסמאַנשאַפט־קערפּערשאַפטען

געענטפערט אויף אונזערע אַנקעטע־בויגענס האָבען 2045 לאַנדסמאַנשאַפטען. איינגאַנצען זיך אָפּגעזאָגט צו געבען, אָדער ניט געגעבען קיין פולע אינפאָרמאַציע האָבען 423 לאַנדסמאַנשאַפטען. צוזאַמען ווייסען מיר וועגען 2468

לאַנדסמאַנשאַפט-אַנקעטע

1. נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע .... געגענט ....
2. ווען אָרגאַניזירט ? .... צוועק ....
3. ווי אַזוי ? ....
4. וויפיל מיטגלידער ביי דער גרינדונג ? .... דורכשניט עלטער דאַן ....
5. האָט איהר געהאָלפען גרינדען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ? ....
7. זייט איהר אַנגעשלאָסען אין אַ פאַרבאַנד .... וועלכען ? ....
8. וויפיל מיטגלידער זיינען איצט דאָ ? ....
9. עלעמענט : אַרבעטער .... געשעפטסלייט .... אַנדערע ....
10. דער איצטיגער דורכשניט עלטער .... פראָצענט פון ניט לאַנדסלייט ......
11. וויפיל אַמעריקאַנער געבאָרענע מיטגלידער האָט איהר .... יונגע ? ....
12. ווען מיטעט איהר ? .... פלאַץ ....
13. האָט איהר קולטורעלע טעטיקייטען ? ....
14. לעקציעס ? .... וועלכע ? .... טעאַטער בענעפיטס ? .... וואו ? ....
15. שפראַך פון מיטינגען ? .... קאָרעספּאָנדענץ .... פראָטאָקאָלען ....
16. צאָהלט איהר בענעפיטס ? .... וויפיל טויטען ? .... קראַנקען ? .... אַנדערע ? ....
17. וואָס זיינען אייערע דיוס ? ....
18. האָט איהר אייגענע קרקע ? .... וויפיל איינגעצאָהלט ? ...... וויפיל שולדיג ? ......
19. האָט איהר אַ געשריבענע אָדער געדרוקטע קאָנסטיטוציע ? ....
20. האָט איהר אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען ? ....
21. האָט איהר איינטייל גענומען אין די הילף אַקציעס לטובת אייער שטאָט ? ....
22. דורך וואָס פאַר אַן אַגענטור : דזשוינט ..... אַנדערע ..... זעלבשטענדיג .....
23. וויפיל ביז איצט געשאָפען ? .... געשיקט אַ שליח קיין אייראָפּע ? ....
24. וואָס זיינען אייערע פאַרבינדונגען מיט דער אַלטער היים ? ....
25. מיט וויפיל שטיצט איהר די דאָרטיגע אינסטיטוציעס ? ....
26. שטיצט איהר באַשטימטע אידישע אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס ? ....
27. וועלכע ? .... מיט וויפיל יעהרליך ? ....
28. וואָס איז אייער פאַרמעגענס ? ....
29. איז אייער סאָסייעטי : ציוניסטיש .... רעליגיעז .... פּראָגרעסיוו .... ראַדיקאַל ...
30. פאַלען אָפּ מיטגלידער ? .... קומען צו ? ....
31. נאָמען פון סעקרעטאַר .... אַדרעס ....
32. נאָמען פון אויספרעגער .... דאַטע ....

קערפּערשאַפטען. אונזערע טאַבעלעס האָבען פולע סטאַטיסטיק וועגען פאָלגענדיגע :

1. אנשים — 290 ;
2. סאָסייעטיס — 715 ;
3. פרויען עידס 71; פרויען אָקזילעריס — 287;
4. אָרדענס : אַרבייטער רינג ברענטשעס — 164, פרויען קלובען — 63 ; יוגענט — 6 ; נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד : 14 ברענטשעס, 2 פרויען קלובען. אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדען (אידישע סעקציע) : 53 ברענטשעס,, 11 פרויען קלובען, 2 יוגענט. לאָדזשעס — 23, פרויען אָקזילעריס — 2 ;
5. פאַמיליען־קרייזען 76 ; נעמען סאָסייעטיס 45 ;
6. פאַראייניגטע רעליעף קאָמיטעס — 39 ; פּאַטראָנאַטען — 25 ;
7. פאַרשיידענע צענטערס, קלובען — 18.

די אנשים. זיי זיינען די סאַמע עלטסטע לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניו יאָרק. אונזערע אַנקעטעס ווייזען, אַז 2 זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 64—1862 ; 5 — צווישען 1868 און 1877 און 25 צווישען 1877 און 1887 און אין אָנהויב פון דער מאַסען־אימיגראַציע (1897—1888) זיינען געגרינדעט געוואָרען 66 אנשים.

אויך די אנשים האָבען זייערע צענטערען. די מעהרסטע אנשים געפינען זיך איצט אויף דער שמאָלער הענרי סטריט. אויף אַ קורצען שטח פון אַ פּאָר בלאָק געפינען זיך איבער 100 אנשים. ניט יעדע אנשי פאַרנעמט אַן אייגענע געביידע. טייל זיינען באָרדערס ביי אַן אַנדער אנשי. אין איין צוויי־שטאָקיגער געביידע געפינען זיך צו פיר און צו פינף אנשים. כאָטש ס׳איז שווער צו קריגען אַ מנין.

אונזערע שרייבער איז אויסגעקומען צו גיין אַהין אַ סך מאָל, ביז דאָס שלעסעל איז אַראָפּגענומען געוואָרען פון דער טיר און מען האָט געטראָפען דעם שמש אָדער אַ

הענרי סטריט — די גאַס פון די אנשי׳ם

געזעמעל אידען. די מעהרסטע שמשים האָבען מורא געהאַט צו אַנטפּלעקען די „סודות״ פון זייער חברה, אָפּט ניט געוואָלט מגלה זיין דעם אַדרעס פון גבאי, אָדער סעקרעטאַר.

אויף דער פראַגע וועגען פאַרמעגענס האָבען אַ צאָל סעקרעטאַרען געגעבען סימבאָלישע ענטפערס. איינער האָט געהייסען שרייבען: „מתים״, אַן אַנדערער: „תורה לערנען״. אין איין שוהל האָט אונזער שרייבער, אַ יונגער דיכטער, דערקענט אין דעם שמש זיין אַמאָליגען מלמד פון שטעטעל; דערקענט האָט ער איהם לויט זיין קול...

אין אַלגעמיין האָבען זיך די אנשים באַצויגען סימפּאַטיש צו דער אַנקעטע. קיין ציניזם האָבען מיר ניט באַגעגענט. מורא, אָפּהענטיגקייט יאָ. די הויפּט־צרה אונזערע איז געווען וואָס מיר האָבען ניט געקאָנט אויסגעפינען ווען די אנשים האַלטען אָפּ זייערע מיטינגען. ווען מען פלעגט באַגעגענען די דאַוונערס, האָט מען ניט געטאָרט שרייבען. אַ צרה איז אויך געווען וואָס אַ צאָל שרייבער אונזערע האָבען פאַרגעסען זייערע היטלען, וועלכע זיי טראָגען זעלטען, אין דער היים. ניט איינמאָל איז אונזער שרייבער צונויפגעקומען, ווען ס׳האָט אויסגעפעלט צום מנין...

אַ צאָל אנשים רופען זיך אונטערשטיצונג פאַראיינען און די שוהל איז ביי זיי די בייזאַך. פון די קאָנסטיטוציעס זייערע דערוויסען מיר זיך, אַז די חברה קדישא און די מתעסקים אין יעדער אנשי שפּילען אַ הויפּט־ראָלע אין די אַקטיוויטעטען פון דער אינסטיטוציע.

דער קלעצקער פאַראיין, למשל, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענע שוהל־געביידע, האָט פאָלגענדיגע פונקטען וועגען דער שוהל אין זיין קאָנסטיטוציע:

„יעדער מיטגליד איז פאַרפּליכטעט זיך האַלטען רואיג און אַנשטענדיג אין שוהל און ניט אַרומגיין ביים דאַוונען.

אין דער צייט פון ח״ה און ק״ק ניט רײדען צווישען זיך, עס איז אַ פליכט פון די טראָסטיס אויפצופּאַסען וועגען דעם.

קיינער קען צום עמוד ניט גיין אַלס ש״ץ, ניט פרעגענדיג ביי די טראָסטיס.

ווען עס טרעפט צוויי בר־מצוות אָדער צוויי חתנים פון מיטגלידער אין איין שבת, זאָלען זיי צווישען זיך וואַרפען גורל צו וועמען דער מפטיר געהערט. ווען עס איז אַ בר־מצוה מיט אַ חתן, געהערט דער מפטיר צום בר־מצוה.

דער מנהג אין דאַוונען דאַרף זיין: „אשכנז״.

וועגען דער חברה קדישא איז אין דער קאָנסטיטוציע פאַראַן, צווישען אַנדערע, פאָלגענדיגע פונקטען:

„יעדען ט״ו כסלו רופט די ח״ק איין מיטינג און ערוועהלט פון זיך צוויי מעמבערס, אַלס גבאי ראשון און גבאי שני, די וואַהלען דאַרפען פאָרקומען דורך אַ באַלאָט. די גבאים דאַרפען קענען לעזען און שרייבען אַמווייניגסטענס אין אידיש.

יעדען שמיני עצרת, אחרון של פסח און דעם צווייטען טאָג שבועות געהערען די עליות צו ח״ק, די גבאים טיילען אויס די עליות צו די וואָס האָבען געקויפט און ניט פאַרקויפטע צו וועמען זייער אויסוואַהל איז.

די גבאים פון ח״ק דאַרפען פיקסען אַלעס, וואָס עס פאַדערט זיך אויף דער סעמעטערי פון פאַראיין פון זייער אייננאַהמע.

יעדען ט״ו כסלו מאַכט די ח״ק אַ סאַפּער פאַר איהרע מיטגלידער״.

די סאָסייעטיס. זיי זיינען געוויינליך איינגעטיילט אין „אינדעפּענדענט״, „פּוירסט״ און „פּראָגרעסיוו קראַנקען אונטערשטיצונג פאַראיין״. גאָר אַ גרויסע צאָל רופט זיך נאָך „יאָנג מען״, כאָטש די סאָסייעטי עקזיסטירט נאָענט פון אַ פופציג יאָהר, נאָר ווען זי איז געגרינדעט געוואָרען זיינען איהרע מיטגלידער באַשטאַנען פון יונגע בחורים אין עלטער פון 18 ביז עטליכע און צוואַנציג. איז דערפאַר ווען אַ אומדערפאַרענער מענטש קומט אַריין צו אַ יאָנג מענס סאָסייעטי און דערזעהט פאַר זיך גרויע קעפּ אין דער פירערשאַפט, רופט דאָס אַרויס ביי איהם אַ שמייכעל.

עס איז אָבער קלאָר. דער עלטערער דור וואָס איז געקומען אַהער פון היימישען שטעטעל איז געווען רעליגיעז און ער האָט געגרינדעט, פריער פון אַלעם, אַ חברה צום דאַוונען, אַן אַנשי. דער דור וואָס איז געקומען נאָך איהם, דער בחור וואָס איז אַנטלאָפען פון פריזיוו, פון הונגער אין שטעטעל, פון רדיפות, אָדער צוליב פּאָליטישע מאָטיווען, האָט דאָ זיך געוואָלט אויסגרינען און דערפאַר האָט ער שוין דער סאָסייעטי וואָס ער האָט געגרינדעט געגעבען אַן ענגלישען נאָמען.

לאָמיר נעמען עטליכע טיפּישע ענטפערס אויף דער פראַגע: „ווי אַזוי איז אייער סאָסייעטי געגרינדעט געוואָרען״, וואָס סעקרעטאַרען, אָדער די עלטסטע מיטגלידער האָבען געגעבען צו אונזערע שרייבער.

1. די מענער דאָ האָבען זיך געפיהלט עלענט, געלאָזען די פרויען, אָדער כלות אין דער אַלטער היים, פלעגט מען זיך צונויפקומען ביי אַ פאַרהייראַטען לאַנדסמאַן אין הויז, געטרונקען טיי, געשפּילט קאָרטען, אויסגעהערט פּאָטשטען וועגען דער לאַגע אין שטעטעל.

2. מען האָט געהאַלטען אין דעפּאָרטירען אַ לאַנדסמאַן צוליב קראַנקהייט, האָבען די לאַנדסלייט איינגעזעהן די וויכטיגקייט פון האָבען אַן אייגענעם פאַראיין צו העלפען זיך אין נויט.

3. אַ לאַנדסמאַן שטאַרבט אין פאַבריק. מען מיינט אַז ער איז אַ גריך, באַגראָבט מען איהם אויף פּאָטערס פילד. לאַנדסלייט דערוויסען זיך, גראָבט מען איהם אויס און מען באַשטימט צו האָבען אַן אייגענעם פאַראיין מיט קרקע, א. א.

פון די נעמען וואָס די סאָסייעטיס טראָגען איז צו זעהן, אַז עס פלעגען פאָרקומען שטרייטיגקייטען אין דער אָרגאַניזאַציע. פרומע געגען אַפּיקורסים, קליינשטאָט געגען אַמעריקאַניזאַציע, קאָנסערוואַטיווע געגען פּראָגרעסיווע. דער רעזולטאַט איז געווען אַ שפּאַלטונג און דאָס גרינדען פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע. („אינדעפּענדענט״).

די סאָסייעטי אין יענער צייט איז געווען די ערשטע לאַבאָראַטאָריע פאַר געזעלשאַפטליכע עקספּערימענטען. די מעהר פיהיגע, די וואָס האָבען באַגריפען די וויכטיגקייט

פון די געשעהענישען פון טאָג, האָבען געהאָלפען בויען די יוניאָן־באַוועגונג, די פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּרעסע, די אָרדענס. די מעהר צוריקגעשטאַנענע זיינען געבליבען אין דער סאָסייעטי און איבערגענומען איהר פיהרערשאַפט. דאָך געפינען מיר אָפט אָנגעזעענע טוער אין אַלע באַוועגונגען פון דער אידישער גאַס, ווי אויך שרייבער און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלען, וואָס געהערען נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג צו דער סאָסייעטי. פרעגט זיי פאַרוואָס, וועלען זיי אייך ענטפערען, אַז ניט די בענעפיטס האַלטען זיי צו, נאָר דער סענטימענט פון אַמאָליגע יאָהרען, פערזענליכע פריינטשאַפט מיט די מיטגלידער, אַ נאָסטאַלגיע נאָכ׳ן שטעטעל...

עס זיינען פאַראַן סאָסייעטיס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען ניט בלויז ווייל די באַלדיגע נויטווענדיגקייט האָט זיי צום לעבען געבראַכט, ווי אַ טויטפאַל פון אַ לאַנדסמאַן, עלענטקייט פון מיטגלידער, נאָר צוליב אידעאַליסטישע צוועקען. די טשעכאַנאָווצער סאָסייעטי, למשל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1899, האָט זיך געשטעלט פאַר איהר אויפגאַבע צו גרינדען דאָ אַ דאָרף אויפ׳ן נאָמען פון איהר היים־שטעטעל. איהרע מיטגלידער האָבען זיך געוואָלט באַזעצען אויף ערד, ווייל אונטער׳ן צאַר האָט אַ איד ניט געטאָרט האָבען קיין ערד. זיי האָבען זיך געגרינדעט אונטער׳ן נאָמען „האום לענד סאָסייעטי” און געזוכט ערד לעבען ניו יאָרק, נאַכהער האָבען זיך אָנגעהויבען שטרייטיגקייטען אין דער אָרגאַניזאַציע און פון פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרען.

אין אַ צאָל פון אונזערע אַנקעטעס געפינט מען פאָלגענדיגען כאַראַקטעריסטישען ענטפער וועגען דער גרינדונג פון דער סאָסייעטי: דאָס שטעטעל נאָך וועלכען די סאָסייעטי הייסט, איז אָפּגעווישט געוואָרען (מלחמה, שרפה) האָט מען באַשלאָסען צו שטיצען די אַרומיגע שטעטלעך.

די סאַמע עלטסטע לאַנדסמאַנשאַפט איז די האָלענדישע (1859) און די ערשטע פּוילישע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1870, זי האָט נאָך איצט 180 מיטגלידער.

די אינגסטע סאָסייעטי איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1937 מיט 15 מיטגלידער און איצט האָט זי 75 מיטגלידער פון וועלכע 71 זיינען אַמעריקאַנער געבאָרענע.

די פרויען פאַראיינען. אַזוי ווי די אנשי איז געווען די ערשטע לאַנדסמאַנשאַפט־אינסטאַנץ פון דעם ניי־אָנגעקומענעם אימיגראַנט פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער אין די אַכציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט און די סאָסייעטי איז געווען די צווייטע, אַזוי איז די פרויען־סאָסייעטי, אָדער ווי כמעט אַלע האָבען זיך גערופען — די אינדעפּענדענט לײדיס עיד סאָסייעטי און די לײדיס אָקזילערי פון די מענער סאָסייעטיס, — געווען די דריטע און פערטע אינסטאַנץ פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

די זעלבשטענדיגע פרויען־סאָסייעטי איז געווען אַ סימן פון פּראָגרעס פון דער נייער פרוי.

געענטפערט אויף אונזער אַנקעטע האָבען 71 לײדיס בענעוואָלענט עיד׳ס און 286 פרויען אָקזילעריס. די עלטסטע פרויען בענעוואלענט איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1895, די אינגסטע אין 1935. אונזערע שרייבער האָבען זיך אָנבאַגעגענט מיט די גרעסטע שוועריגקייטען צו באַקומען אינפאָרמאַציע צווישען די לײדיס. אויב די סעקרעטאַרשע האָט שוין באַגריפען די וויכטיגקייט פון אונזער אַרבייט און געענטפערט אויף די פראַגעס, האָבען זיך אָבער באַלד אַריינגעמישט אַקטיווע מיטגלידער און ניט געלאָזט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די „לײדיס” איז, אַז ביז׳ן היינטיגען טאָג זיינען נאָך די גרעסטע צאָל סעקרעטאַרען און אָפט פּרעזידענטען, ניט קיין פרויען, נאָר מענער.

די פרויען־סאָסייעטיס האַלטען אָפּ זייערע מיטינגען אין די פּלעצער וואו די מענער־סאָסייעטיס מיטען.

עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען אַ לײדיס עיד סאָסייעטי, וועלכע איז אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אייגענער קאָנסטיטוציע, אייגענע בענעפיטס און דער פרויען־אָקזילערי, וועלכע איז אַ טייל פון דער מענער אָרגאַניזאַציע.

דער מאַן־סעקרעטאַר פון דער מעזריטשער לײדיס עיד סאָסייעטי זאָגט אין זיין איינלייטונג צו דער קאָנסטיטוציע פון פאַראיין:

„מיר באַטראַכטען יעצט אונזער פאַראיין אַלס איין גרויסע וואַקסענדע פאַמיליע. מיר זיינען זיכער, דאָס אונזער מעזריטשער לײדיס אייד סאָסייעטי וועט פאַר אימער און עוויג עקזיסטירען. די פאַרגאַנגענהייט האָט אונז געלערענט צו שעצען און אַכטען אונזער פאַראיין פאַר די פיעלעס גוטעס וואָס מיר טוען, דאַרום געפינען מיר פאַר אַן הייליגע פליכט דיעזען פאַראיין מיט איהרע געזעצען אויפריכטיג צו האַלטען, דאָס אונזער שוועסטער־ליבע זאָל אונטער קיינע אומשטענדען נישט צושטערט ווערען”.

•

די לאַנדסמאַנשאַפט־ברענטשעס פון די אָרדענס. יעדער אידישער אָרדען האָט פּראָגרעסירט אַ דאַנק דעם וואָס איהם איז געלונגען אַריינצונעהמען און אַבסאָרבירען די סאָסייעטיס, נאָר דער לאַנדסמאַנשאַפט־גייסט איז געבליבען אין די מעהרסטע ברענטשעס. מען איז מאַקע אונטערוואָרפען צו אַלע רולס און רעגוליישאָנס פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט, נאָר עס הערשט פאָרט אַ היימישע וואַרימקייט ביי די לאַנדסמאַנשאַפט־ברענטשעס, מען רעדט וועגען דער אַלטער היים, מען דערמאָנט זיך אין אַמאָליגע טעג און ווען ס׳קומט צו וואַהלען און אין ברענטש זיינען פאַראַן אַ סך ניט לאַנדסלייט, וועלען די לאַנדסלייט זיך אָפט רעכענען מיט אַ קאַנדידאַט, וואָס שטאַמט פון זייער שטעטעל.

די ראַדיקאַלע אידישע אָרדענס מאַכען גרויסע אָנשטרענגונגען צו אַפּעלירען צו די סאָסייעטיס, אַז זיי זאָלען זיך אָנשליסען אין זייער אָרדען.

דער אינדעפּענדענט אָרדען ברית אברהם וואָס איז פּאַקטיש געגרינדעט געוואָרען דורך לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטיס, האָט זיך אָפּגעזאָגט אונז צו געבען אינפאָרמאַציע וועגען זיינע לאַנדסמאַנשאַפט ברענטשעס, דערקלערענדיג

אַז ער האָט ניט אַזעלכע, כאָטש אין דעם יעהרליכען באַריכט פון 1930 געפינען מיר 75 לאָדזשעס וואָס טראָגען לאַנדסמאַנשאַפט נעמען. אין אונזער אַנקעטע איז אונז בלויז געלונגען צו פאַרצייכענען 18 לאָדזשעס פון אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם.

אויך אין די אָרדענס גייט אָן די דיסקוסיע וועגען דער ראָלע פון זייערע פרויען אין זייערע ברענטשעס. אומעטום ווערט לעצטענס אָנערקענט די נויטווענדיגקייט אַריינצוציען די פרויען פון די מיטגלידער אין באַזונדערע קלובען, אָדער אַקטיוען, אָדער אַקזילעריס.

פאַמיליען־קרייזען. די נייעסטע פאָרם פון לאַנדסמאַשאַפטטען איז דער פאַמיליע־קרייז. עס איז כמעט אוממעגליך צו דערגיין וויפיל אַזעלכע קרייזען געפינען זיך אין ניו יאָרק, ווייל די מעהרסטע קרייזען האַלטען אָפּ זייערע מיטינגען אין פריוואַטע הייזער און ניט רעגולער. בלויז די גרעסערע און מעהר איינגעפונדעוועטע קומען זיך צונויף אין אַ באַשטימטען מיטינג־טאָג אין רעגולערע לאָקאַלען אָדער האָטעלען.

מיר האָבען געקראָגען אינפאָרמאַציע וועגען 76 פאַמיליען קרייזען, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 7,734, פון וועלכע 3821 זיינען אַמעריקאַנער געבאָרענע. דער צוועק פון דעם פאַמיליען־קרייז איז אין תוך דערזעלבער וואָס פון דער סאָסייעטי: קרקע, קראַנקען־בענעפיט, העלפען די אייגענע מיטגלידער אין דער אַלטער היים און די נויטבאַדערפטיגע דאָ אין לאַנד. איין קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז איהר צוועק איז „צו האַלטען די פאַמיליע־סאָסייעטי פאַראייניגט אויף אייביג". אַן אַנדער פאַמיליען־קרייז האָט געענטפערט: „אונזער אויפגאַבע איז ביקור חולים, גמילת חסדים און דערהויפּט שטיצען קרובים אין אייראָפּע".

די פאַמיליען־קרייזען זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו האַלטען די יוגענט לעבען זיך. צוליב דעם גרינדען זיי יוגענט־ליג'ס, אָדער קאָזין־קלאָבס און אפילו דזשוניאָר ליגס פאַר קינדער.

די מערסטע פאַמיליע־קרייזן האָבען אייגענע קרקע, קראַנקען בענעפיט, א. א. וו. נאָר אַ סך זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען בלויז צוליב „סאָשלס". מען קומט זיך צונויף איינמאָל אין חודש ביי אַ געדעקטען טיש און מען אונטערהאַלט זיך.

די לעצטע געשעענישען אין אייראָפּע גיבען אָבער דעם פאַמיליע־קרייז וויכטיגע אויפגאַבען. מען דאַרף העלפען די קרובים אין דער אַלטער היים מיט געלט, מיט קליידער. מען דאַרף זיי העלפען זיך אַרויסרייסען פון גיהנום. דאָס דערפיהרט דערצו, אַז דער פאַמיליע־קרייז וועט דאַרפען אָנקומען צו צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „האַיאַס", „דזשאָינט", לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד און דורכדעם וועט ער במילא אַריינגעצויגען ווערען אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

נעמען־אָרגאַניזאַציעס. זיי זיינען קלאַסיפיצירט ביי אונז ווי לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, ווייל זייערע גרינדער זיינען מעהרסטענס געווען לאַנדסלייט, וואָס האָבען זיך געשאַפען אַ נאָמען מיט זייער אַקטיוויטעט אין זייער קרייז און זיינען נאָכ'ן טויט, אָדער טיילמאָל, נאָך ביים לעבען, באַלוינט געוואָרען מיט אומשטערבליכקייט. די נעמען־אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אין אַלע פאָרמען פון טיפּען לאַנדסמאַנשאַפטען. אַן אנשי גיט זיך אַ נאָמען נאָך אַ רבי'ן, אַ סאָסייטי נאָך אַ באַריהמטען לאַנדסמאַן, אַן אָרדען־ברענטש נאָך אַ רעוואָלוציאָנערער לאַנדסמאַנשאַפט־פיגור.

אין אונזער אַנקעטע געפינען זיך 45 ריינע נעמען־אָרגאַניזאַציעס, וואָס דער נאָמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט איז ניט צוגעבונדען צו איהר, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 7482. פון זיי זיינען 1762 אַמעריקאַנער געבאָרענע.

רעליעף־אָרגאַניזאַציעס און פּאַטראָנאַטען. אין צייט פון אַ פאַלקס־אומגליק — מלחמה, פּאָגראָמען, רדיפות — פאַראייניגען זיך די לאַנדסמאַנשאַפטען מיט'ן צוועק צו העלפען זייער שטעטעל אין באַזונדערען אומגליק וואָס האָט איהם געטראָפען, אָדער עס ווערען אפילו געגרינדעט זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס מיט'ן איינציגען צוועק: צו שאַפען שטיצע פאַר'ן שטעטעל. איבערהויפּט זיינען רעליעף אָרגאַניזאַציעס אויפגעקומען אין די מלחמה־יאָהרען 1914—1920.

די סאַמע לעצטע פאָרמען פון רעליף זיינען די פאַראייניגטע רעליעף־קאָמיטעטען און די פּאַטראָנאַטען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען צו העלפען די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילען.

מיר האָבען אינפאָרמאַציע וועגען 39 רעליעף־קאָמיטעטען וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען צווישען 1913 און 1938. מיר האָבען אינפאָרמאַציע וועגען 25 פּאַטראָנאַטען. דער פּאַטראָנאַט ווערט אונטערשטיצט פון אַלערליי לאַנדסמאַנשאַפטען, ניט בלויז פון ראַדיקאַלע ברענטשעס, נאָר אָפט אויך פון די אָפּגעשטאַנענע סאָסייעטיס, וואָס דערוויסען זיך וועגען דעם גורל פון זייערע באַקאַנטע אָדער די קינדער פון זייערע לאַנדסלייט, וועלכע שמאַכטען אין די פּוילישע טורמעס.

די מיטגלידערשאַפט אין די לאַנדסמאַנשאַפטען: צאָהל, עלעמענט, פּראָצענט פון ניט־לאַנדסלייט

אין 1840 לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים (אנשים, סאָסייעטיס, אָרדען־ברענטשעס, פאַמיליען־קרייזען און איינצעלנע מיטגלידער אין די רעליף־אָרגאַניזאַציעס און פּאַטראָנאַטען) געפינען זיך 256,924 מיטגלידער, אָדער צו 140 אויף אַן אָרגאַניזאַציע. לויט דעם חשבון דאַרפען זיך אין די 423 אָרגאַניזאַציעס פון וועלכע מיר האָבען קיין פולע אינפאָרמאַציע ניט געקענט קריגען, געפינען אַרום 60,000 מיטגלידער. צוזאַמען, קען מען רעכענען, געפינען זיך אין ניו יאָרק אַרום 3,000 לאַנדסמאַנשאַפטען מיט אַ האַלבען מיליאָן מיטגלידער, אָדער יעדער פערטער איד אין ניו יאָרק באַלאַנגט צו אַ לאַנדסמאַנשאַפט.

די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען צווישען 1903 און 1909. ניט געקוקט אויף דעם

אָפשטעל פון אימיגראַציע זיינען אין די לעצטע 10 יאָהר צוגעקומען 32 אינדעפענדענט לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטיס. אַנדערש האַלט עס מיט די אנשים. פון 1928 ביז 1938 זיינען בלויז צוגעקומען 6 לאַנדסמאַנשאַפטען אנשי׳ס. דער ערשטער פאַמיליע־קרייז, לויט אונזער אַנקעטע, איז געגרינדעט געוואָרען אין 1887. אין 1934 זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען 11 פאַמיליע־קרייזען.

לויט זייער עקאָנאָמישער איינטיילונג געפינען מיר אויס, אַז 75% פון דער מיטגלידערשאַפט אין די לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציעס באַשטייט פון אַרבייטער, 15 פון קליינהענדלער און 10% פון פראָפעסיאָנאַלען. עס איז אוממעגליך געווען פעסטצושטעלען מעהר וועגען די ספעציפישע באַשעפטיקונגען פון דער מיטגלידערשאַפט, ווייל די סעקרעטאַרען האָבן קיין רעקאָרד דערפון ניט געפיהרט. ערשט אין די סאַמע לעצטע געדרוקטע אויסגאַבען פון אַ צאָל סאָסייעטיס האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו סטאַטיסטישע אויספאָרשונגען. אַזוי, למשל, דערציילט אונז „דהי פראָגרעסאר", דער ענגליש־ אידישער בולעטין פון דער בראָדיער י. מ. ב. און עדיוקיישאָנאַל עלאיענס פאַר מערץ 1938, אַז פון זייערע 104 מיטגלידער זיינען 75 געבאָרען געוואָרען אין פוילען, 21 אין די פאַראייניגטע שטאַטען, 4 אין רוסלאַנד, 2 אין רומעניע, איינער אין דייטשלאַנד און איינער אין עסטרייך. די צאָל קינדער פון די מיטגלידער איז 151. פיר און אַכציג פראָצענט פון די מיטגלידער זיינען אַמעריקאַנער בירגער. 47 מיטגלידער זיינען געבאָרען געוואָרען אין בראָדי.

ווי עס איז צו זעהן האָט מען אָבער קיין סטאַטיסטיק וועגען דער באַשעפטיקונג פון די מיטגלידער ניט גענומען. פון די פערזענליכע ענטפערס פון די סעקרעטאַרען באַקומט זיך, אַז די מיטגלידער זיינען באַשעפטיגט מעהרסטענס אין די נאָדעל־פאַכען, זיינען קרעמער און אין די פראָפעסיעס.

אַ טייל סעקרעטאַרען האָבען געענטפערט אַז ווען זייער סאָסייעטי האָט זיך געגרינדעט מיט יאָהרען צוריק זיינען די מאַיאָריטעט מיטגלידער געווען אין באַשטימטע פאַכען. ווען אַן אימיגראַנט איז אָנגעקומען אַהער, האָבען איהם די היגע לאַנדסלייט אַריינגענומען אין זייער שאַפ אַרבייטען. אַזוי, האָט איין סעקרעטאַר געענטפערט, אַז זיין סאָסייעטי איז באַשטאַנען פון לויטער וועסטען־מאַכער. ביז׳ן היינטיגען טאָג זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל מאַרמאָרעשער אין דער שניפסען־אינדוסטריע.

איבערהויפט זיינען עקאָנאָמיש מעהר צונויפגעקניפט די פאַמיליען־קרייזען. דער גרינדער פון אַ געוויסען פאַמיליע־קרייז האָט זיך אַרויפגעאַרבייט אין דער דעליקאַטעסען־ביזנעס, זיינען אַ צאָל פאַמיליעס פון זיין קרייז אַריין אין דערזעלבער „לאַין".

יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט אַ געוויסען פראָצענט פון ניט־לאַנדסלייט אין איהרע רייען. ווי אַזוי זיינען זיי אַריינגעפאַלען אַהין? מיר געפינען ליטוואַקעס אין גאַליציאַנער סאָסייעטיס, פאָליאַקען צווישען טיף־רוסישע אָרגאַניזאַציעס. די אורזאַכען זיינען פאַרשיידענע. די ערשטע איז די משפחה קרובה׳שאַפט. אַ רוסישער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גאַליציאַנערין. דער שווער האָט איהם אַריינגענומען אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט, א. א. וו. אַמאָל פאַסירט, אַז דער שאָפחבר האָט אַריינגענומען, אַ מאָל אַ שכן און אַמאָל איז ער אַריין צוליב געשעפט־אינטערעסען.

צוזאַמען ווייזט זיך אַרויס זיינען פאַראַן אַ 30% ניט־לאַנדסלייט אין דורכשניט אין אַלע טיפען לאַנדסמאַנשאַפטען.

דער גרעסטער שונא פון יעדער בענעפיט־אָרגאַניזאַציע, פונקט ווי דער שונא פון יעדען יחיד איז די אומרחמנות׳דיגע עלטער. ווי מיר האָבען געזעהן זיינען די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטען געגרינדעט געוואָרען אַלס „יאָנג מענס". מען איז טאַקע געווען יונג. מען האָט ניט מורא געהאַט פאַר קראַנק ווערען און, חלילה, פאַר טויט. היינט־צו־טאָג, ווען מען פייערט שוין דעם 25־סטען און 35סטען און אפילו דעם 50־סטען יובילייַ פון דער סאָסייעטי׳ס עקזיסטענץ, לויערט אָבער אויף איהר די געפאַר פון עלטער. די שטערבליכקייט ווערט גרעסער. דער מיטגליד קאָן אָפט שוין ניט צאָלען זיינע דיוס. ער אַרבייט שוין ניט, ער איז אָרים, קראַנק. אמת, די סאָסייעטיס גרינדען פאַרשיידענע פאָנדען צו באַשיצען זייערע מיטגלידער. לאָון פאָנדס, נויט־פאָנדס, און, איבערהויפט, פאָנדען צו באַצאָלען די דיוס פאַר עלטערע מיטגלידער. דער אָלד אייזדש פאָנד דריקט זיך אויס אין אַ סך סאָסייעטיס אין פאָלגענדיגער אָדער ענליכער פאָרם: אויב אַ מיטגליד באַלאַנגט 20 יאָהר און קאָן מעהר ניט צאָלען זיינע בילס, צאָלט פאַר איהם דער פאָנד און ער איז באַרעכטיגט צו אַלע זיינע בענעפיטען.

איינע פון די הויפט־פראָבלעמען איז, אַ דאַנק דעם אויבען־אַרויסגעבראַכטען, די פראָבלעם פון צוציען יונגע מענשען אַלס מיטגלידער פון דער סאָסייעטי.

די פראָבלעם פון יוגענט און אַמעריקאַניזאַציע

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונגען ווען מען באַזוכט אַ לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי איז צו טרעפען דריי דורות ביים מיטינג. איהר טרעפט אַ זקן אין אַ היימישער יאַרמעלקע, וועמעס וואָרט איז שטאַרק אָנגעזעהן ביי אַלע מיטגלידער. ער איז איינער פון די גרינדער פון דער סאָסייעטי, קאָן יעדען איינעם ביים ערשטען נאָמען, האָט פאַרנומען כמעט יעדען פון די אַמטען אין פאַרשידענע צייטען. איצט טראָגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די פליכטען אַ אינגערער מיטגליד, אַ איד אין די אָנהייב פערציגער. ער איז שוין דער צווייטער דור. ער איז ניט געווען פון די ערשטע מיטגלידער. ער איז אפשר גאָר קיין לאַנדסמאַן אויך ניט, נאָר צוליב זיינע פיהיגקייטען אויסגעקליבען געוואָרען צום אַמט. ער איז שוין מעהר אַמעריקאַניזירט און פיהרט דעם מיטינג אין ביידע שפראַכען, ווען נויטיג. דער וואָס גיט זיך אָפ צו די בילעטען פאַר׳ן באָל, דער

פאָרזיצער פון דער אַראַנזשיר־קאָמיטע פון יעהרליכען באַנקעט איז שוין אינגאַנצען אַן אַמעריקאַניזירטער, וועלכער האָט זיין לאַנדסמאַנשאַפט־שטעטעל אָדער קיינמאָל ניט געזעהן, אָדער ער איז אַוועק פון דאָרט ווען ער איז געווען גאָר קליין.

אונזער אַנקעטע האָט אָט־וואָס צו דערציילען וועגען דער צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע אין די לאַנדסמאַנשאַפטען. פון 256,924 מיטגלידער אין 1840 קערפּערשאַפטען, זיינען 38,441 אַמעריקאַנער געבאָרענע, אָדער 15%. זיי ווערען איינגעטיילט לויט זייער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, ווי פאָלגט: פון די 42,416 מיטגלידער אין די אנשים און חברות זיינען 5,214 אַמעריקאַנער געבאָרענע. פון די 114,360 מיטגלידער אין די סאָסייעטיס זיינען 17,695 אַמעריקאַנער געבאָרענע. פון די 29,872 אַרבייטער רינג מיטגלידער זיינען 1,862 אַמעריקאַנער געבאָרענע. פון די 11,761 מיטגלידער אין אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער אָרדען זיינען 1,065 אַמעריקאַנער געבאָרענע און פון די 1267 מיטגלידער אין נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד זיינען 120 אַמעריקאַנער געבאָרענע. פון די 4,240 מיטגלידער אין די לאָדזשעס זיינען 690 אַמעריקאַנער געבאָרענע.

דער גרעסטער פּראָצענט (פּראָפּאָרציאָנעל) אַמעריקאַנער געבאָרענע געפינט זיך אין די פאַמיליע־קרייזען. פון 7,734 מיטגלידער אין די פאַמיליע־קרייזען זיינען 3821 אַמעריקאַנער געבאָרענע.

אין די ליידיס עיד סאָסייעטיס געפינען זיך 6101 מיטגלידער, פון זיי זיינען 594 אַמעריקאַנער געבאָרענע און פון 22,496 מיטגלידער אין די ליידיס אָקזילעריס זיינען 2689 אַמעריקאַנער געבאָרענע.

די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען ניט קיין סטאַטיסטיק פון פּראָצענט יונגע אין זייערע רייען. די סעקרעטאַרען האָבען געפּרואווט טרעפען. די ענטפערס זיינען אין די מערסטע פאַלען געווען: „אַ קליינע צאָל", „צווישען 5 און 10 פּראָצענט". דאָך זיינען דאָ אויסנאַמען. איבערהויפּט אין די מעהר רעליגיעזע קרייזען.

וואָס ציט צו די אַמעריקאַנער געבאָרענע און יונגע עלעמענטען אין די לאַנדסמאַנשאַפטען? אויף דעם האָבען זיי אַליין ניט געקאָנט געבען קיין קלאָרע ענטפערס. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז עס האָט אַ סך צו טאָן מיט טראַדיציע. דער טאַטע איז געווען טעטיג, געהאַט אַ גוטען נאָמען אין דער סאָסייעטי, זעהט זיך דער זוהן אויך אָן דאָרט, האַלט ער אָן אַן אַמט, פיהלט ער אַז ער טוט אַ נוצליכע זאַך און די משפחה שטאָלצירט מיט איהם. אַנדערע לאָזען זיך איבעררעדען פון מיטגלידער פון דער משפחה, אָדער הויזפריינט. ביי אַ סך איז דאָס אַ פּראַקטישער ענין. זייערע פערזענליכע אינטערעסען פאָדערען עס פון זיי. עס העלפט זיי אין געשעפט, אין דער פּראָפעסיע. און גאָר אַנדערע ווערען באַוואויגען צוליב בענעפיטען זיך אָנצושליסען.

דריי דורות ביים זעלבען מיטינג האָבען, נאַטירליך, ניט דיזעלבע אינטערעסען און עס שווימען אַרויף פאַרשיידענע פּראָבלעמען, צווישען וועלכע די שפּראַך־פראַגע איז אַן אָנגעווייטיגטע.

די פראַגע פון שפּראַך און קולטור־טעטיגקייטען

אַמאָל האָבען כמעט אַלע טאָסייעטיס זיך געפיהרט דייטשמעריש. ניט בלויז די גאַליציאַנער און אונגאַרישע לאַנדסמאַנשאַפטען, נאָר אפילו רוסישע האָבען זיך באַנוצט מיט דער „יודישער אָדער זשאַרגאָנישער שפּראַכע" אויף זייערע מיטינגען. יעדע קאָנסטיטוציע פון אַ פאַראיין האָט אַ פונקט וועגען שפּראַך. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל:

„אַלע פערהאַנדלונגען וויא אויך בוכפיהרונג אין דיזען פעראיין זאָל זיין און געפיהרט ווערען אין דער יודישער שפּראַכע, אָבער דאָך זאָלען מיטגליעדער האָבען דאָס רעכט זיך צו בענוטצען אין דייטש און ענגליש אין די דעבאַטען." (קאָנסטיטוציאָן דער ביסקער בני ברית, ק. א. פ., אָנגענומען דען 12טען מערץ, 1921).

דעם בולט'סטען ביישפּיל פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג גיט אונז, דוכט זיך, די קאָנסטיטוציע פון דער קאָלאָמעאַר פרענדס אַסס'ן. דריי עקזעמפּלאַרען פון דערזעלבער קאָנסטיטוציע, וואָס זיינען דערשינען אין פאַרשיידענע צייטען, דערציילען, וועגען דער דאַטע פון דער גרינדונג פון פאַראיין. איינע זאָגט, אַז דער פאַראיין איז געגרינדעט "אַם 31־טען יענער 1904", אַ צווייטע זאָגט שוין „געגרינדעט אם 31־טען יאַנואַרי 1904" און די דריטע — „געגרינדעט 31־טען יאַנואַר 1904".

נאָר לאָמיר הערען וואָס דיזעלבע דריי עקזעמפּליאַרען פון דער קאָלאָמעאַר קאָנסטיטוציע זאָגען אַליין וועגען שפּראַך.

עקזעמפּלאַר נומער איינס: „אַללע פערהאַנדלונגען פאָם פעראיינע, פּראָטאָקאָלל — אונד פינאַנץ ביכער זאָללען אין דייטשער שפּראַכע געפיהרט ווערדען. ווענן אָבער דער בעטרעפפענדע בעאַמטע דער דייטשען שפּראַכע ניכט מעכטיג איזט, קענען דיזעלבען אין יודישער וויא אויך אין ענגלישער שפּראַכע געפיהרט ווערדען."

עקזעמפּלאַר נומער צוויי: „אַלע פערהאַנדלונגען דעם פעראיינעס פּראָטאָקאָל אונד פינאַנצ־ביכער זאָלען אין דייטשער שפּראַכע געפיהרט ווערדען. זאָללטע זיך אָבער קיין מיטגליעד פינדען דיע ביכער אין דייטשער שפּראַכע פיהרען צו קענען, זאָ דיע ביכער אין יידישער אָדער ענגלישער שפּראַכע פיהרען זאָלל".

עקזעמפּלאַר נומער דריי: „אַלע פערהאַנדלונגען ווי אויך די פּראָטאָקאָלען זאָלען ווערען געפיהרט אין אידיש. עס בלייבט אָבער פאַר יעדען מעמבער פריי זיך צו בענוצען מיט דער ענגלישער שפּראַך אויב ער געפינט דאָס פאַר נייטיג".

די קאָנסטיטוציע פון דער רבקה קאטלעראָוו לאָזשע,

געגרינדעט אין 1893, באַשטייט פון אַ פּאַדערבלאַט וואָס איז געדרוקט העלפט אין אידישע בוכשטאַבן און העלפט אין דייטשע. די אידישע טייל לייענט זיך: נעבענגעזעצטע דער רבקה קאַטלעראָוו לאָזשע נומ' 4 א. אָ. א. י.

און די דייטשע: „געגרינדעט אַם 17 אַפּריל, 1893, אַנגעגאָממען אַם 2 אָקטאָבער, 1900. ניו יאָרק. דרוק פאָן העלד קעסטענבאַום 289 סעקאָנד סט.".

היינט־צו־טאָג וויזט זיך אַרויס, אַז אידיש איז שטאַרקער אין די אנשיס און חברות, וועלכע דערלויבען צו פיהרען די ביכער אין ענגליש, נאָר באַשטייען דעראויף אַז די מיטינגען זאָלען געפיהרט ווערען אין אידיש. ווי עס קאָן עדות זאָגען, למשל, אַרטיקעל 2 פון קלעצקער א. פ., וואָס האָט אַן אייגענע שוהל.

„די פערהאַנדלונגען פון פעראיין, ווי אויך אַלע פינאַנס און פּראָטאָקאָלען ביכער, אויך אַלע נאָוטס, קענען געפירט ווערען אין אידיש און ענגליש. מיטינגען פון פעראיין דאַרפען געפירט ווערען נאָר אין דער אידישער שפּראַך."

די מעהרסטע קאָנסטיטוציעס פון די פאַמיליע־קרייזען ווערען געדרוקט אין ענגליש, נאָר זיי האָבען אַ פּונקט, אַז די טראַנסאַקציעס זאָלען געפיהרט ווערען אין ענגליש אָדער אידיש. כאָטש אין די יוגענט־צווייגען פון די פאַמיליע־קרייזען ווערט אַלץ דורכגעפיהרט בלויז אויף ענגליש.

פון איבער הונדערט קאָנסטיטוציעס וואָס געפינען זיך ביי אונז, איז ניטאָ קיין איינע וואו דער אַרטיקעל „דער" זאָל גענוצט ווערען קאָרעקט גראַמאַטיקאַליש. אומעטום איז דאָס — „די ערשטע פעראיין", ניט דער ערשטער א. אַ. וו. אומעטום איז דאָס — „די קאָנסטיטושאָן פון די ערשטער פעראיין", א. אַ. וו.

ביי אַ מיטינג פון אַ פאַראיין קאָן מען הערען אַ בבל פון שפּראַכען. דער אַלטער דור רעדט אַ זאַפטיגען אידיש, דורכגעפלאָכטען מיט העברעאישע ווערטליך און פסוקים, דער צווייטער דור רעדט אַ צעקאַליעטשעטען אידיש־ענגליש און דער נייער דור וואָס רעדט ענגליש בראָקט אַריין אידישע ווערטער און אויסדרוקען, אָט אַזוי ווי זיין זיידע האָט גענוצט דעם העברעאיש.

76 פּראָצענט פון אַלע סאָסייעטיס פיהרען זייערע פּראָטאָקאָלען אויף אידיש.

96 פּראָצ. פון אַלע פּראָטערנאַלע אָרבייטער אָרדענס פירען זייערע פּראָטאָקאָלען אויף אידיש. פון די לאַדזשעס פיהרען 70 פּראָצענט זייערע פּראָטאָקאָלען אויף אידיש, 15 פּראָצענט אויף ענגליש און 15 פּראָצענט אויף דייטש.

נאָר איין זאַך איז קלאָר: עס הערשט פולע טאָלעראַנץ צו יעדער שפּראַך.

די שפּראַך־פראַגע איז ענג פאַרבונדען מיט דער קולטור פּראָבלעם און אונטערהאַנדלונגען פון די פאַראיינען.

אויף דער פראַגע: „האָט איהר קולטורעלע טעטיגקייטען?" האָבען 898 געענטפערט אַז יאָ און 904 אַז ניט.

לויט זייער צעטיילונג האָבען 89 אנשיס געענטפערט אַז יאָ און 157 אַז ניט.

פון די אינדעפּענדענט סאָסייעטיס האָבען 273 געענטפערט אַז יאָ און 410 ניט.

פון די פרויען סאָסייעטיס האָבען 167 געענטפערט אַז יאָ און 192 — ניט.

פון די פראַטערנאַלע אָרבייטער אָרדענס האָבען 287 געענטפערט יאָ און בלויז 26 — ניט.

פון די לאַדזשעס האָבען 3 געענטפערט יאָ און 17 — ניט.

פון פאַמיליע־קרייזען — 43 יאָ און 72 ניט.

פון רעליעף און פאַטראָנאַטען — 36 יאָ און 30 ניט.

דער כאַראַקטער פון די קולטורעלע טעטיגקייטען שפּיגעלט אָפּ דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע. די מעהרסטע אנשיס און אינדעפּענדענטס האָבען ניט קיין לעקציעס איבער פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע פראַגען. אין די אנשיס איז דאָ דער רב וואָס האַלט אַ דרשה, אָדער אַ גאַסט וואָס רעדט וועגען ציוניזם. אין די „אינדעפּענדענט" באַנוצט מען זיך מיט'ן דאָקטאָר פון דער סאָסייעטי וואָס רעדט וועגען געזונט־פראַגען. די פראַטערנאַלע ברענטשעס האָבען שוין אַ באַשטימטען פּאָליטישען פּרצוף און קולטור שטייט אין פאָדערגרונט פון יעדען מיטינג.

די צייט שטייט אָבער ניט אויף אַן אָרט און אין אַ צאָל סאָסייעטיס קומען פאָר דעבאַטעס וועגען צולאָזען אָדער ניט צולאָזען דעם אָדער יענעם פאָרשטייער פון אַ פּאָליטישער ריכטונג. אַ צאָל באַריהמען זיך, אַז זייער סאָסייעטי איז אָפען פאַר אַלע ריכטונגען.

אונזערע שרייבער איז אויסגעקומען אויסצופילען זייערע אַנקעטעס ביי די סאָסייעטיס אין צייט פון די שטאָט־וואַהלען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז אַ סך סאָסייעטיס האָבען געוואָלט וויסען צי עס איז געווען אַ נאָטיץ וועגען אונזער אַרבייט אין דער אָדער יענער אידישער צייטונג וואָס האָט, נאַטירליך, געהאַט אַ שטעלונג צו די קאַנדידאַטען. אונזערע שרייבער האָבען זיך געדאַרפט פאַרזאָרגען מיט אונזערע נאָטיצען פון אַלע אידישע בלעטער. די „אינערוואַכעס" וואָס האָבען געדאַרפט אַריינלאָזען, זיינען געווען שטאַרק פּאַרטייאיש פּאָליטיש...

אַזוי ווי אונזער אַנקעטע איז געמאַכט געוואָרען אין אַ מאָדערנעם אידיש, איז דאָס ניט געפעהלען אַ סך פּרעזידענטען און סעקרעטאַרען, וואָס האָבען אונז באַשולדיגט, אַז מיר קאָנען קיין אידיש ניט. „וואָס פאַראַ שרייבער זייט איהר, אַז מען דאַרף זיך אויף אייער אידיש די ציינער צעברעכען".

כמעט יעדע לאַנדסמאַנשאַפט „לויפט" אַ טעאַטער. די טעאַטער־טיקעטס זיינען איינע פון די הויפּט־איינקונפטען פון דער סאָסייעטי. און כמעט דער גאַנצער אידישער טעאַטער פון ניו יאָרק האַלט זיך אויף אָף די טעאַטער־בענעפיטן פון די סאָסייעטיס. מיט דעם דערקלעהרט זיך וואָס די מעהרסטע פיעסען וואָס ווערען געוויזען אויף דער עוועניו

זיינען פאַקטיש לאַנדסמאַנשאַפט־פּיעסען. די האַנדלונג הייבט זיך אָן אויף יענער זייט ים, די העלדען זיינען „גרינע" וואָס גרינען זיך אויס. אַקט איינס איז אין היימישען שטעטעל, די איבעריגע אַקטען זיינען אויף דער איסט־סייד אָדער אויף ריווערסייד דרייוו. לעצטענס זיינען די האַנדלונגען געשטעלט געוואָרען אַביסעל פאַרקעהרט: ערשטער אַקט — דער אַמעריקאַנער קומט צוריק אין היימישען שטעטעל, א. אַ. וו.

די פראַגע וואו צו נעמען אַ טעאַטער ווערט לעצטענס שטאַרק דעבאַטירט אין די סאָסייעטיס. די מעהר אַמעריקאַניזירטע ווילען אַז מען זאָל גיין אויף בראָדוויי, אין אַן ענגלישען טעאַטער. דער עלטערער דור וויל ניט אַוועק פון דער עוועניו. דערפאַרונג האָט געוויזען אַז פון פינאַנציעלען צושטאַנד איז די „ענגלישע שאו" געוועןַ אַ דורכפאַל. די סאָסייעטי וויל אידיש טעאַטער, נאָר אַ סך ווילען עס אויף בראָדוויי.

אויסער די בענעפיט־טיקעטס זיינען די סואווענירזשורנאַלען וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען גיבען אַרויס צו זייערע יובילייאומס און יעהרליכע אונטערנעהמונגען אויך אַ קוואַל פון איינקונפטען. די „עדס" ברייגנען אַריין היפּשע הונדערטער טאָלער. לעצטענס האָבען טייל סאָסייעטיס אַרויסגעגעבען זשורנאַלען וואָס זיינען אַ לוקסוס מיט זייער פּאַפּיר און איינבונד. דאָרט וואו דער פּרעזידענט איז אַן אָנגעזעענער געשעפטסמאַן, ווערט אַזאַ אויסגאַבע אַריינברייגען אַ פּאָר טויזענט דאָלאַר. פאַר אַ ביישפּיל קאָן דינען דער סואווניר־זשורנאַל פון די ליפּקאַנער בעסאַראַבער, וואָס באַשטייט פון אַנאָנסען פון די גרעסטע פוטער־פירמעס אין ניו יאָרק, ווייל דער פּרעזידענט איז אַ אָנגעזעענער מיטגליד פון דער אינדוסטריע.

די שפּראַך־פראַגע זעהט זיך אויך אָן אין די זשורנאַלען. אויך דאָ הערשט טאָלעראַנץ, נאָר כמעט אין אַלע זשורנאַלען נעמט אידיש די אויבערהאַנט, מיט דער אויסנאַם פון די פאַמיליע־קרייזען, וואָס דרוקען זיך אויף ענגליש (כאָטש דער בעסטער זשורנאַל פון דעם מין וואָס מיר האָבען, — דעם פאָם־פליקער פאַמיליע קרייז — איז גראָד געדרוקט כמעט אינגאַנצען אין אידיש).

די טענדענץ איז אויך אַרויסצוגעבען מאָנאַטליכע און פעריאָדישע געדרוקטע בולעטינען. זיי באַשטייען געוויינליך פון פיר אָדער אַכט זייטען. דער בראָדער בולעטין „דהי פּראָגרעסאָר", גייט שוין אַרויס דאָס צעהנטע יאָהר. די מעהרסטע בולעטינען זיינען אין ענגליש, ריין אין שפּראַך און געשעפטסמעסיג אין אינהאַלט.

הילף און זעלבסט־הילף

דער רוקענביין פון דער לאַנדסמאַנשאַפט איז די אינדיווידועלע הילף וואָס ווערט געגעבען צו מיטגלידער אין צייט פון נויט, פון קראַנקהייט און צו דער פאַמיליע אין פאַל פון טויט. די סאָסייעטי קאָן יעדען מיטגליד פערזענליך. אין די עלטערע סאָסייעטיס קאָן מען זיך נאָך פון דער אַלטער היים, אָדער מען האָט געקאָנט די משפחה. ווען עס טרעפט אַ נויט־פאַל מיט אימיצען האָבען דערפאַר די מיטגלידער אַ פערזענליכען אינטערעס אין דעם. מען טוט מעהר ווי די געזעצען שלאָגען פאָר. און וואָס מען טוט איז דאָס אויף אַ פיינעם אופן. קיינער ווערט ניט פאַרשעהמט, מען דאַרף ניט דורכגיין קיין דערנידערונגען.

פון דעם איז געדרונגען, אַז צו די לאַנדסמאַנשאַפטען באַלאַנגען מעהרסטענס אַרבייטער און קליינקרעמער. זיי נויטיגען זיך אָפט אין אַ הלואה. זיינען געשאַפען געוואָרען לאון פאָנדס, וואו מען לייט געלט אָן פּראָצענט אָדער גאָר פאַר אַ קלייניגקייט. די ליי־קאַסע איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפטועך פון די סאָסייעטיס. דער שבעה־פאָנד האָט אויך אינזינען דעם אָרימאַן. דורך זיצען שבעה פאַרלירט מען אַ פּאָר טעג שכירות, דער פאָנד פאַרלייכטערט די לאַגע. דער פאָנד פאַר די אַלטע מיטגלידער האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין זעהר פראַקטיש. דער סעקרעטנער פאָנד, דער דיסטרעס און רעליעף פאָנד פאַר אייגענע מיטגלידער, וואָס ליידען נויט, קומט אַריין אין צייט ניט צו לאָזען אַרויסשטעלען די משפחה אין גאַס. אַ סך סאָסייעטיס האָבען אַ קאָנסאָמפשאָן פאָנד.

אַ צאָל סאָסייעטיס האָבען געשאַפען ספּעציעלע סטרייקפאָנדען. דאָס איז אַ נייעס, ווייל אין די מעהרסטע קאָנסטיטוציעס איז וועגען דעם קיין פונקט ניטאָ. דער אינדעפּענדענט בוקאַרעסטער אונט. פאַראיין, געגרינדעט אין 1901 האָט אַ פּונקט, וואו יעדער נייער מיטגליד מוז שווערען אַז ער וועט קיינמאָל ניט סקעבען — פאַר סקעבען ווערט מען געשטראָכען. דער פּויליש קאָסאָווער י. מ. פּראָגרעסיווער פאַראיין העלפט די מיטגלידער אין צייט פון סטרייק. אַזוי אויך דער קאָלאָמעאר און אַ צאָל אַנדערע. דער ליובערער פאַראיין האָט אַן אַרבייטלאָזען פאָנד. די סאָסייעטיס פּאַסען זיך־צו צו דער נייער צייט. דער זשורנאַל פון די אָשמאַנער דערציילט, אַז אין 1926, בעת דעם פאַרצויגענעם שניידער סטרייק, האָט די סאָסייעטי געשטיצט איהרע מיטגלידער סטרייקער מיט 1,500 דאָלער. פאַראַן סאָסייעטיס, וואָס העלפען אפילו די סטרייקערס פון זייער שטעטעל.

אַ צאָל לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען געהאָלפען גרינדען מושב זקנים׳ס (ערשטער ראָמאַנער ק. א. פּ. איז דער גרינדער פון דער מענאָראַה האָום אף בושוויק עוועניו, ברוקלין) אַנדערע צילען צו גרינדען אייגענע צענטערס וואָס זאָלען אין זיך האָבען מושב זקנים׳ס. אַזוי איז דער ביאַליסטאָקער שטאָלץ אויף זיין צענטער, וואָס איז דער גרעסטער פון זיין מין ביי אונז אין לאַנד, אַזוי האָבען די מאָהליוער זייער מושב זקנים, און די לעמבערגער זייערען, וואַרשעווער האָבען זייער חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים אויף דער סעקאָנד עוועניו. איינער פון די גרינדער פון מאָהילעווער פאַראיין איז איצט אַ תושב פון מאָהילעווער מושב זקנים.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען וועגען זעלבסט־הילף. יעדער פאַראיין טהוט אָבער אויך פאַר אַנדערע נויטיגע אינסטיטוציעס פון ניו יאָרק און איבער׳ן לאַנד. אין דער

ערשטער ריי קומט דער האַיאַס. דאַן די פאַרשיידענע סאַנאַטאָריומס, די דעי נוירסעריס, ישיבות, תלמוד תורה'ס, טשאַריטיס, אידישער קאָנגרעס, אַנטי־נאַצי ליג, פּאַלעסטינע, — אַלע געפינען אַ וואַרימען אָפּרוף ביי די לאַנדסמאַנשאַפטען. ווי האָט זיך אויסגעדריקט אַ סעקרעטאַר — קיינער גייט פון אונז ניט אַרויס מיט ליידיגען.

דאָס דערברייינגט, נאַטירליך, צו כלערליי אַנשיקענישען און פּראָפעסיאָנעלע פושקע־קלייבער. דער רעזולטאַט איז אַז אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען שטרענג און לאָזען ניט אַריין צו זיך, און אַנדערע קלייבען זיך אַריין אין האָטעלען, וואו מען קאָן צו זיי ניט אַנקומען אַזוי גרינג.

עס וועט אָבער זיין אַ טעות צו דענקען אַז די לאַנדסמאַנשאַפטען שטיצען בלויז אידישע אינסטיטוציעס. אַזוי האָבען די אושאַצער (געגרינדעט אין 1900) געשיקט געלט צום רויטען קרייץ בעת דער לעצטער פאַרפלייצונג. די נעמען פון די פאַראיינען זעהט מען ניט איינמאָל אין די צייטונגען, ווען מען דאַרף האָבען פאָנדען פאַר ספּעציעלע לאָקאַלע אָדער לאַנד־קאַטאַסטראָפעס.

לעצטענס האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען אַרויסגעוויזען זייער סימפּאַטיע פאַר אַלע קרבנות פון פאַשיזם. די פּראָגרעסיוו סלוצקער יאַנג מען העלפען די לאָיאַליסטען אין שפּאַניע דורכ'ן דובינסקי־פאָנד. גאַר אַ סך סאָסייעטיס און אנשים זיינען אָנגעשלאָסען אין די פוילישע פּאַטראָנאַטען, וועמעס אויפגאַבע איז צו העלפען די פּאָליטישע קרבנות פון פוילישען פאַשיזם.

די הויפּט־אַרבייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטען איז אָבער פאַר זייערע היים־שטעטלעך. אָט־די אַרבייט איז ניט אָפּצושאַצען. איבערהויפּט לעצטענס, ווען טויזענטער אידישע משפחות ווערען עקאָנאָמיש רואינירט, קומט די לאַנדסמאַנשאַפט און ברייינגט הילף אין דער ריכטיגער צייט. אַ דאַנק די ספּעציעלע פאַראייניגטע רעליעף קאָמיטעטען איז געלונגען דורכצופיהרען גרעסערע אַקציעס, אַקציעס וואָס באַצוועקען צו שטעלען אויף די פיס די געליטענע אין די שטעטלעך און ניט בלויז אָפּצוקומען מיט אַ פּאָר דאָלער. אָט־דאָ נעהמט אַ האַנט דער „דזשאָינט" דורך אָרגאַניזירען אַ לאַנדסמאַנשאַפט־דיוויזיע, דאָ קומט אַריין דער פאַרבאַנד פון פוילישע אידען, אָט־דאָ קאָן מען זיך פאַרלאָזען אַז דער „ארט" וועט מיט די אַמעריקאַנער פאָנדען בויען פאַך־שוהלען און בכלל זיין קאָנסטרוקטיוו אין דעם איבערבוי פון דער אידישער עקאָנאָמיק אויף יענער זייט ים.

אויסער דער פאַראייניגטער אַרבייט טהוט זיך כמעט יעדע לאַנדסמאַנשאַפט זעלבסטשטענדיגע אַרבייט פאַר'ן שטעטעל, איבערהויפּט טוען דאָס די עלטערע סאָסייעטיס. מען האַלט אויס אַ קינדער שול, אַ תלמוד תורה, אַ קיך, אַ שפּיטאָל, אַ מושב זקנים. שוין אָפּגערעדט וואָס שיקען געלט אויף פסח איז כמעט געוואָרען אַ טראַדיציע אין די לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיינען. אמת, אַ דאַנק די פאַרשיידענע שאַטירונגען אין די פאַראיינען אַנטשטייען ניט איינמאָל סכסוכים. די מעהר פּראָגרעסיווע ווילען ניט מען זאָל שטיצען די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אויב מען וועט ניט שטיצען זייערע וועלטליכע אינסטיטוציעס. אויב שטיצען די תלמוד תורה, דאַרף מען אויך שטיצען די אידישע ביבליאָטעק פון שטעטעל. עס פלעג ניט איינמאָל פּאַסירען אַז פאַראיינען זיינען געשפּאָלטען געוואָרען צוליב אַזעלכע פאַלען.

עס איז דערפאַר אַ טעות צו דענקען, אַז סאָסייעטיס זיינען זעהר אָפּגעשטאַנען. דער קאָלאָמעאַר פאַראיין באַריהמט זיך, אַז ער האָט מיט יאָהרען צוריק געהאָלפען גרינדען אויף דער איסט סייד דעם פערטען סאָציאַליסטישען דיסטריקט, פון וועלכען מייער לאָנדאָן איז דערוויילט געוואָרען אין קאָנגרעס. דער טשערקאַסער פאַראיין באַשטייט פון אַ ראַדיקאַלען עלעמענט, א. אַ. וו.

מאַכענדיג דעם סך־הכל פון הילף פאַר היגע און אויסלענדישע אינסטיטוציעס, באַקומט זיך פאָלגענדיגער חשבון:

1251 לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס פון אַלערליי טיפּען האָבען געשאָפען פאַר דער אַלטער היים אין משך פון די לעצטע נאָך־מלחמה יאָהרען די סומע פון 7,248,988 ד.

אין 1937 האָבען 1,004 לאַנדסמאַנשאַפטען געגעבען פאַר היגע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס 108,078 דאָלער.

פּרואוון צו פאַראייניגען די לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס

פון צייט צו צייט זיינען געמאַכט געוואָרען פאַרזוכען צו פאַראייניגען די אומאָפּהענגיגע לאַנדסמאַנשאַפטען און בענעפיט סאָסייעטיס אין אַ מין פעדעראַציע, נאָר די פּרואוון האָבען זיך ניט איינגעגעבען. איין פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרען אין 1934 אין שיקאַגאָ, און אַ צווייטער אין 1934 אין ניו יאָרק. די אָרגאַניזירער פון דער געפּלאַנטער שיקאַגאָר לאַנדסמאַנשאַפט פעדעראַציע האָבען אַרויסגעלאָזט אַ פלוג־בלאַט, אונטער'ן נאָמען „אַף־דער־וואַך", אין וועלכען עס איז פאָרמולירט געוואָרען דער געדאַנק פון אַ פעדעראַציע אויף פאָלגענדיגען אופן:

„די פאַראיינען פון לאַנדסלייט זיינען די איינציגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ פאַראייניגטען אידענטום אין אַ קליינעם פאָרמאַט, ווייל נאָר אין אַ לאַנדסלייט פאַראיין געפינט איהר אידען פון פאַרשיידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען און עקאָנאָמישע שטעלונגען, ווי אויך רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע, זיצענדיג זייט ביי זייט און פאַרהאַנדלענדיג פראַגען פון בשותפות'ן אינטערעס. דאַרום איז שוין זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַ פאַראייניגונג פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען אין איין צענטראַלער קערפּערשאַפט וועט פּאַקטיש מיינען אַ פאַראייניגטער אידענטום, און דאָס איז וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען פעדעראַציע דאַרף זיין און עס איז דערפאַר אַ אידישע גרונטפליכט פאַר יעדער לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציע זיך אַנצושליסען אָן איהר." (צירקולאַר בריוו, אַדרעסירט צו די

לאַנדסמאַנשאַפטען פון ה. גייל, פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט פעדעראַציע פון שיקאַגאָ און אומגעגענט).

אין זעלבען צירקולאַר ווערען פאָרגעשלאָגען דעפּאַרטמענטען וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פעדעראַציע. זיי זיינען, אַ מעדיקאַל דעפּאַרטמענט, אַ דענטאַל דעפּאַרטמענט, אַ ליגעל דעפּאַרטמענט, אַ יוגענט דעפּאַרטמענט און אַ קינדער דערציאונג דעפּאַרטמענט.

די „פאַראייניגטע אידישע אָרגאַניזאַציעס", וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין ניו יאָרק דורך חיים ווייַנטרויב, מיט'ן צוועק צו שאַפען אַ פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, האָט אין 1936, צו דער צווייטער קאָנפערענץ, אַרויסגעגעבען אַ נומער פון זשורנאַל „ברידערלעכקייט". דער זשורנאַל האָט געזאָלט „דינען אַלס לעהרער און וועגווייזער פאַר די פיהרער פון די לאַנדסמאַנשאַפטען און סאָסייעטיס. די פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון פאַרזיכערונג, בענעפיטען און קעגענזייטיגע הילפס-טעטיגקייטען, וועלען אויף אַ פאַכמענישען און וויסענשאַפטליכען אופן באַהאַנדעלט ווערען."

צווישען די צילען און אויפגאַבען פון דער געפּלאַנטער פאַראייניגונג האָבען זיך געפונען פאָלגענדיגע פונקטען:

„די פאַראייניגטע אידישע אָרגאַניזאַציעס איז אַ פרייער פאַרבאַנד פון אומאָפּהענגיגע לאַנדסמאַנשאַפטען און בענעוואָלענט סאָסייעטיס פאַר געמיינזאַמער טעטיגקייט, אייבערלאָזענדיג פולשטענדיגע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פאַר יעדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער."

„די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען געוועזן די פּיאָנערען פון דעם אָרגאַניזירטען אידישען לעבען אין אַמעריקע. נאָך היינט־צו־טאָג בילדען זיי אַ באַדייטענדיקען און שטאַרקען זיין פון דעם אָרגאַניזירטען אַמעריקאַנער אידענטום. ניט קוקענדיג אויף דעם, איז אָבער זייער אָנטייל אין דעם אויספּלאַנירען און אין דעם בויען פון די נייע פאָרמען פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע כמעט ווי ניט־באַמערקבאַר."

צווישען די אויפגאַבען האָט געזאָלט זיין: „שטודירען דעם אַלגעמיינעם און געזעלשאַפטליכען צושטאַנד פון די באַזונדערע פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטען פון בענעוואָלענט סאָסייעטיס."

„העלפען די אָרגאַניזאַציעס אָנצופיהרען אַ ברייטע און לעבעדיגע קולטורעלע און ערציערישע טעטיגקייט."

„העלפען די אָרגאַניזאַציעס אָנצופיהרען מיט אַזאַ טעטיגקייט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניששען און נויטען פון דער אין אַמעריקע־געבוירענער אָדער ערצויגענער יוגענט, כדי צו קענען זיי געווינען פאַר די אָרגאַניזאַציעס פון זייערע עלטערען".

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען פון דר. הערמאַן פראַנק, וועגען דער „אינשורענס פּראָבלעם ביי אומאָפּהענגיקע סאָסייעטיס", און פון ש. ניגער וועגען „קולטור און יוגענט אַרבייט ביי לאַנדסמאַנשאַפטען". עס האָבען אויך גערעדט וועגען לאַנדסמאַנשאַפט פּראָבלעמען דזשאָן ל. בערנשטיין, דר. ש. מאַרגאָשעס און דר. מ. סאָלטעס, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

די לאַנדסמאַנשאַפט־פעדעראַציעס וואָס עקזיסטירען היינט־צו־טאָג, ווי דער פאַרבאַנד פון פּוילישע אידען, דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד, דער ליטווישער, די רומענישע פעדעראַציע, די אונגאַרישע פעדעראַציע, האָבען אויך דורכגעמאַכט פאַרשיידענע טראַנספאָרמאַציעס. פון זיי איז בלויז דער פּוילישער דער שטאַנדהאַפטיגסטער. די אַנדערע זיינען אונטערגעגאַנגען און צוריק אויפגעלעבט געוואָרען. דער אוקראַינישער פאַרבאַנד האָט אין זיין צייט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע. אַ דאַנק דעם סאָוועטען־פאַרבאַנד האָבען זיך זיינע פונקציעס געענדיגט.

די צייט וועט מסתם ווייטער שפּינען דעם פאָדים פון די לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנדען און פאַראייניגונגען.

געדרוקטע אויסגאַבעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטען

הונדערטער און אפשר טויזענטער זשורנאַלען און בולעטינען זיינען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען אַרויסגעגעבען געוואָרען, נאָר ביכער ווינציג. און די ביכער וואָס זיינען פאַראַן שטעלען זיך מעהרסטענס אָפּ מעהר אויפן היימישען שטעטעל, ווי אויף די טעטיגקייטען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען דאָ אין לאַנד. אַזאַ בוך ווי „ווילנע", וואָס אַנטהאַלט איבער טויזענט זייטען און וואָס איז פון גאָר גרויסען ווערט, ווידמעט אָבער צו ווינציג פּלאַץ וועגען די ווילנער אין אַמעריקע. אַזאַ בוך ווי „פּעלשטין" פאַרנעהמט זיך אויך מעהרסטענס מיט די קדושים פון פּעלשטין. די אַנדערע ביכער ווי „דער לאַנדסמאַן" פון די ווישקאָווער און דער זאבלודאָווקער פּנקס און דאָס סמאַרגאָנער זאַמלבוך—ליידען פון זעלבען חסרון. דאָס פּראַכטפולע בוך „לאָדזש" דערציילט וועגען אַ פאַרזוך וואָס איז געמאַכט געוואָרען צו קריגען אינפאָרמאַציע וועגען די לאָדזשער פאַראיינען אין אַמעריקע, נאָר עס איז ניט געלונגען.

בלויז די אויסגאַבען פון די ביאַליסטאָקער קאָנען דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע אַזעלכע אויסגאַבען. דאָרט פאַרנעמען די ביאַליסטאָקער אין אַמעריקע אַן אָנגעזעהן פּלאַץ.

פון גרויסען ווערט זיינען די זאַמעלביכער „פּוילישע אידען" וואָס דער פּוילישער פאַרבאַנד גיט אַרויס ווי אַ פאָרזעצונג פון זיין אַמאָליגען מאָנאַטליכען זשורנאַל. דאָרט זיינען פאַראַן זעהר אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען וועגען דער געשיכטע פון פּוילישע אידען אין אַמעריקע.

גראָד לעצטענס האָבען אָנגעהויבען דערשיינען ביכער וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט טעמע אין דער שעהנער ליטעראַטור. די פּאָעזיע האָט דאָ די אויבערהאַנט. קלמן הייזלער'ס בוך לידער „קומאַרנער פאַרשוינען", דוד סעלצערס בוך „בעסאַראַבער לידער", ראַדאָשיצקי'ס בוך „ראַדאָשיץ", מענקע קאַצ'ס בוך לידער וועגען „סווענ־

ציאָן" און די פראָזע ביכער: ח. גאָטספעלד „מיין רייזע קיין גאַליציע" און יעקב גלאַטשטיינ'ס „ווען יאַש איז געפאָרן".

מען דאַרף אויך צורעכענען דאָס בוך „טאַראַסטשע" פון דעם ניט־פראָפעסיאָנעלען שרייבער־לאַנדסמאַן י. ראָבין, וואָס איז געווידמעט דער געשיכטע פון זיין שטעטעל.

די לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען לעצטענס געמאַכט זעהר אַ ווינטשענסווערטען פרואוו אַרויסצוגעבען ביכער פון זייערע לאַנדסלייט שרייבער. אַזוי האָט דער מלאַווער־בענדינער אַפּאַטאָשו אַרב. רינג ברענטש אַרויסגעגעבען אַן אָפּאַטאָשו־ביבליאָגראַפיע, די מאָזירער לאַנדסלייט האָבען אַרויסגעגעבען ברוך גלאַזמאַנ'ס ראָמאַן „לענדער און לעבענס", וואַרשעווער בר. 147 א. אַ. אָ. מ. באָרענשטיינ'ס בוך דערציילונגען, באַלטיק־וויטעבסקער בר. 33 א. אַ. אָ. גיט אַרויס ש. י. קאָזיניצ'עס בוך דראַמעס, א. אַ.

אַביסעל נביאות

וואָס פאַראַ צוקונפט שטעהט פאָר דער לאַנדסמאַנשאַפט באַוועגונג אין אַמעריקע? עס איז אַ סך גלייכער ניט צו נעמען אַ ביישפיל פון די נביאים וואָס האָבען פאָרויסגעזאָגט אַ סך זאַכען וועגען אידישקייט ביי אונז אין לאַנד און זיינען נעבעך געבליבען מיט אַ נאָז. גענוג זיך צו דערמאָנען, ווי מען האָט מיט דרייסיג יאָהר צוריק פאָראויסגעזאָגט אַז די אידישע שפּראַך וועט דאָ אונטערגעהן אין משך פון אַ פּאָר צענדליג יאָהר. דאָך זעהען מיר, אַז היינט־צו־טאָג בליהען דאָ הונדערטער אידישע קינדער שולען אין אַלע טיילען פון לאַנד און עס ערשיינען פּראַכטפולע קינדער זשורנאַלען און מעשה ביכלאך און מיר זעהען ווי אַמעריקאַנער געבאָרענע יונגעלייט ווערען אידישע לעהרער.

וויפיל מאָהל האָט מען שוין פאָראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען? אפשר טאַקע דערפאַר האָט מען זיי צופיל פאַרנאַכלעסיגט. די אידישע אינטעליגענץ האָט זיך ווינציג־וואָס אויף זיי אַרומגעקוקט.

זאָלען די ציפערען וואָס אונזערע טאַבעלעס ווייזען, זיין אַ שטיקעל לעהרע פאַר די וואָס ווילען פאַרשטעהן דאָס אידישע לעבען אין אַמעריקע. זיי, די טאַבעלעס, נאַרען ניט אָפּ. מיר האָבען זיי צונויפגעשטעלט פון ערשטע קוואַלען. דורך אונזערע הענט זיינען דורך די רעקאָרדס פון די איבער צוויי טויזענט אָרגאַניזאַציעס וואָס שטאָלצירען נאָך מיט זייער היים־אָרט.

גוטע מעשים געהען ניט אונטער. זיי נעמען אָפּט אָן נייע פאָרמען, נאָר דער אינהאַלט בלייבט דערזעלבער. די פאָרם פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע וועט זיך אפשר בייטען, איהר גייסט וועט אָבער בלייבען גאַנץ. דער גייסט פון זעלבסטהילף, פון זאָרג פאַר דעם שוואַכערען, פאַרן אונטערדריקטען און נויטבאַדערפטיגען.

קינדערלעך אין קאָוונע. (פון אַלמאַנאַך פון ליטווישען פאַרבאַנד, נ.י.)

לאַמעד שאַפּיראָ

אימיגראַציע און לאַנדסמאַנשאַפט

ווען איהר וואַרפט אַ בליק אויף וועלכער עס איז פון די גרעסערע דערשיינונגען פונ׳ם לעבען אין אַמעריקע, מוזט איהר תיכף דערזעהן אין הינטערגרונט אַ קארדינאלען פאַקטאָר: דעם קאָלאָסאַלען פּראָצעס וואָס רופט זיך אימיגראַציע. די ווירקונג פון דער אימיגראַציע איז געווען נישט קלענער פון דער ווירקונג פונ׳ם בירגערקריג, פון דער באַפרייאונג פון די נעגערס און פון דער באַזעצונג פון דעם מערב. זיי אַלע צוזאַמען האָבען אויסגעשניצט דאָס פּנים פון די היינטיגע „פאַראייניגטע שטאַטען".

די עמיגראַציע פון די פעלקער פון דער וועלט קיין אַמעריקע ווערט אָפט פאַרגליכען צו דער פעלקערוואַנדערונג אין אַזיע און אייראָפּע אין די פריע יאָהרהונדערטער פון דער איצטיגער ערא. דער פאַרגלייך איז זעהר אַן אויבערפלעכליכער. אין יענע יאָהרען האָבען זיך גאַנצע שבטים, אפילו גאַנצע פעלקער, אויפגעהויבען, מיט קינד־און־קייט, מיט אַלע בעבעכעס, מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס, און זיינען געגאַנגען אויף זייערע נאָענטסטע שכנים מיט פייער און שווערד: מ׳האָט גערויבט, געפייניגט, גע׳הרג׳עט — נישט מילדער, נישט מענשליכער ווי, למשל, בעת דער מיגראַציע פון די „רויטהינט" אין אינדיע, לויט דער באַשרייבונג פון רודיאַרד קיפּלינג. די באַפאַלענע שבטים זיינען געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען. און ווי אַזוי איז מען געלאָפען? פונקט ווי די אָנפאַלער: מיט קינד־און־קייט, מיט אַלע בעבעכעס און, פונקט ווי די אָנפאַלער אויף זיי, מיט פייער און שווערד אויף די נאָענטע שכנים. אַזוי אַרום איז דורכגעלאָפען כוואַליע נאָך כוואַליע פון מיגראַציע איבער׳ן גאַנצען אַלטען קאָנטינענט, פון דעם פּאַסיפיק ביז׳ן אַטלאַנטיק. נייע מלוכות זיינען געגרינדעט געוואָרען; נייע ציוויליזאַציעס זיינען געשאַפען געוואָרען, אין פאַרלויף פון איבער אַ טויזענט יאָהר. עס האָט זיך אויסגעפורעמט דאָס פּנים פון דער שפּעטערדיגער אייראָפּע. נאָר דער שטריך וואָס איז דאָ וויכטיג פאַר אונז איז: די מיגראַציעס האָבען אויסגעריסען פעלקער מיט די וואָרצלען; מ׳האָט ניט איבערגעלאָזען נאָך זיך קיין שום סימן פון צוגעבונדענקייט צו דער אַלטער היים. קיין קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבען ניט עקזיסטירט, און עס איז ניט געווען מיט וועמען צו קאָמוניקירען: די נאָכגעבליבענע, אויב עס זיינען געווען אַזעלכע, זיינען פאַרזונקען געוואָרען אין די כוואַליעס פון די באַזיגער.

גאַנץ אַנדערש איז צוגעגאַנגען די מיגראַציע קיין אַמעריקע. קיין גאַנצע שבטים מיטאַמאָל זיינען אַהער ניט געקומען; אפילו גאַנצע משפחות האָבען זעלטען־ווען איינגעוואַנדערט אַלע צוזאַמען: דער אָקעאַן איז געשטאַנען אין וועג. געגאַנגען זיינען מעהרסטענס פּולקרעפטיגע, פולבלוטיגע מענער: אַלערליי פּאָליטישע און רעליגיעזע דיסידענטען פון סקאָטלאַנד און ענגלאַנד; הוגענאָטען און „פרייע שווערדלער" פון פראַנקרייך; אַוואַנטוריסטען, גאָלדזוכער און קאַטוילישע מיסיאָנערען פון שפּאַניע. קיין פייער און שווערד האָט דאָ אויך ניט געפעלט, און דער רעזולטאַט איז געווען די צעשטערונג פון די אַלטע אַמעריקאַנער ציוויליזאַציעס און די כמעט־אויסראָטונג פון דער „רויטער" ראַסע. (דאָס לעצטע, אגב, איז אָנגעגאַנגען נישט בלויז דורך מלחמה און פאַרניכטונג, נאָר אויך דורך בלוטמישונג, וואָס האָט מסתמא ניט געפעלט אויך אין דער אַמאָליגער פעלקערוואַנדערונג. אַזוי אַרום האָבען די שפּאַניער מיט די אינדיאַנער געשאַפען אין מערב אַ מין נייע ראַסע — די מעקסיקאַנישע, און אין דרום האָבען די אייראָפּייער מיט די נעגערען אויסגעבילדעט די קרעאָלען און די מולאַטען. בלויז די גאוה׳דיגע ענגלענדער האָבען זיך כמעט ניט געמישט מיט די געבירטיגע, הגם זיי האָבען זיך ניט איינמאָל פאַרבונדען מיט געוויסע אינדיאַנער שבטים פאַר מלחמה־צוועקען.) נאָר דער וויכטיגסטער כאַראַקטערשטריך פון דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, דער שטריך וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו דער טעמע פון דעם אַרטיקעל איז דאָס וואָס מ׳האָט ניט איבערגעריסען די פאַרבינדונג מיט די היימלענדער.

די אייראָפּייאישע מלוכות האָבען געשטרעקט לאַנגע הענט אַריבער׳ן אַטלאַנטיק צו זייערע דעראָבערונגען אין די אַמעריקעס. שיפען זיינען געגאַנגען הין און צוריק צווישען די קאָנטינענטען, האָבען געפיהרט גרופּעס אימיגראַנטען, ווי אויך בריוו און גרוסען פון און צו די נאָך־זיך־געלאָזענע משפחות, קרובים, פריינט. אין פאַרלויף פון אַ קורצען יאָהרהונדערט האָט אַמעריקע געהאַט דריי מלחמות און אַ בירגערקריג, און נאָך יעדער מלחמה איז די אימיגראַציע געשטיגען. אין דעמזעלבען יאָהרהונדערט האָט דאָס לאַנד געשאַפען די גרעסטע ברויטפעלדער און פרוכטסעדער, האָט אויפגעריסען מינען און נאַפטקוואַלען, האָט אַנטוויקעלט פישערייען און פיצוכט, האָט אויפגעבויט אַ טעקסטילפאַבריקאַציע און אַ שווערע אינדוסטריע וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזעהן. דאָס אַלץ וואָלט נישט מעגליך געווען אָן אַ באַשטענדיגען צופלוס פון דערוואַקסענע, אַרבייטספייאיגע הענט אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע צו דער ניט־אַרבייטענדיגער באַפעלקערונג. עקאָנאָמישע און פּאָלי־

טישע באַדינגונגען אין אייראָפּע און די אַנטוויקלונג פון שיפבוי און נאַוויגאַציע האָבען דעם צופלוס געבראַכט. די געגענטען וואוהין די אימיגראַציע איז ניט געגאַנגען — די דרום־שטאַטען, למשל — זיינען טאַקע געבליבען עקאָנאָמיש הינטערשטעליג, ניט געקוקט דערויף וואָס זיי האָבען אַ לאַנגע צייט געהאַט אומזיסטע „הענט". מיין פונקט איז: די אימיגראַציע האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען חלק אינ׳ם אויפבוי פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, און אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז דער מענש איז אַ באַשעפעניש מיט שכל, איז דער אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע אַ ניט־פאַרשטענדליכע זאַך.

אָבער די אימיגראַציע האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען דעם, אַז זי בויט אַ נייע ציוויליזאַציע: זי האָט געהאַט איהרע אייגענע פּראָבלעמען. דער נייגעקומענער אימיגראַנט האָט, ווי יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש — אָדער אפילו ווי יעדער ניט־לעבעדיגער כח אין דער נאַטור — געזוכט די „ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד." ער האָט זיך דעריבער געטוליעט און געקלעפּט צו די מענשען פון זיין לאַנד, פון זיין געגענט, פון זיין שטאָט, צו די יעניגע וואָס ריידען זיין שפּראַך. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז ניט בלויז האָבען זיי געשאַפען די אַזוי־גערופענע געטאָס אין די גרויסע שטעט, נאָר זיי האָבען אפילו באַזעצט גאַנצע פּראָווינצען אין קאָמפּאַקטע מאַסען פון איין פעלקערשאַפט. די צפונ׳דיגע ווייץ־פעלדער זיינען באַזעסען און ווערען באַאַרבייט פון זעהר אַ גרויסער צאָל אימיגראַנטען פון די סקאַנדינאַווישע לענדער; אין פּענסילווייניע זיינען נאָך אַלץ פאַראַן געדיכטע נעסטען פון האָלענדער וואָס זיינען נאָך אַלץ „אָלד דאָטש" אין זייערע דרכים, הגם זיי זיינען געקומען אַהער מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. נאַטירליך, האָט זיך זייער לעבענס־שטייגער צוגעפּאַסט צו אַמעריקע; אָבער מיט דער צייט ענדערט זיך דער לעבענס־שטייגער אַפילו ביי מענשען וואָס בלייבען אין זייער היים. דער רעזולטאַט איז, אַז אַמעריקע איז ניט אַזאַ גוואַלטיגער „שמעלצטאָפּ" ווי מ׳האָט אַמאָל געמיינט.

די אידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז אין פאַרלויף פון עפּעס אַריבער הונדערט יאָהר געוואַקסען אַריבער פופצען הונדערט מאָל! עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ צעטרייסלונג דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין די עמיגראַציע־לענדער און וואָס פאַר אַן אויפטרייסלונג אין דעם לאַנד פון אימיגראַציע.

צוויי גרויסע כוואַליעס פון אידישער מיגראַציע האָבען צוגעשלאָגען צו די ברעגען פון אַמעריקע אין ווייניגער פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט: 1) נאָך די פּאָגראָמען פון נאָך 1870; 2) אַ ווייטע, נאָך גרעסערע כוואַליע, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 און נאָך די פּויערים־אויפשטאַנדען אין רומעניע — מיט זייערע אייגענע, נאָך גרעסערע פּאָגראָמען. די דאָזיגע קאַטאַסטראָפאַלע דערשיינונג האָט איבערהויפּט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער מיגראַציע פון אידען; פונדעסטוועגען איז דער הויפּט־פאַקטאָר געווען אַן אַנדערער, אַ שטענדיג ווירקענדיגער: דער דלות, די עקאָנאָמישע הינטערשטעליגקייט. די פּאָגראָמען זיינען געווען בלויז דער אַקטיוויזירענדיגער שטויס. האָבען דאָך אַנדערע פעלקער אויך עמיגרירט! אַזוי אַז אין תוך איז ניט געווען קיין צו־גרויסער אונטערשייד צווישען די טרייב־כחות פון דער אידישער און ניט־אידישער עמיגראַציע;. זעהט איהר, אינ׳ם כאַראַקטער פונ׳ם אימיגראַנט איז געלעגען שוין גאָר אַ גרויסער אונטערשייד, און ס׳איז ניט קיין שכל דאָס צו פאַרבאַהאַלטען אָדער פאַרלייקענען.

דער ניט־איד איז געקומען אַהער מיט קירקע און שפּאַדל, מיט האַק און זעג. מיט דלאָט און האַמער, מיט פייל און שרויפּענציער. דער איד איז געקומען — מיט דער נאָדעל. ניין, אפילו ניט מיט דער נאָדעל: וויפיל זיינען דאָס אינגאַנצען געווען שניידער און שוסטער אין די היימשטעטליך? „איינער אין אַ שטאָט, צוויי אין אַ משפחה," לויט׳ן העברייאישען אויסדרוק. פאַראַן פאַר דעם, פאַרשטייט זיך, גענוג היסטאָרישע אורזאַכען, אָבער דער פאַקט איז זיך אַ פאַקט. אַזוי אַז אפילו די נאָדעל האָט דער איד אויפגעהויבען פון דיל ערשט דאָ אין אַמעריקע — און האָט געשאַפען אַ ריזיגע קליידער־אינדוסטריע, וואָס איז נאָך איצט ביי איהם אין די הענט, הגם זי הויבט זיך אָן פון איהם אַרויסצוגליטשען. אַ גרויסער טייל אידען האָט זיך גענומען צו מסחר, צו קליין־ און גרויס־האַנדעל — און איך זעה ניט אין, אַז מיט דעם איז פאַראַן זיך וואָס צו שעמען. די וואַקסענדיגע יוגענט, האָט זיך געלערענט און איז געגאַנגען אין די פרייע פּראָפעסיעס און אין „ווייסקאָלנער"־אַרבייט. פאַראַן ביי אונז אויך אַ היפּשע צאָל פאַרמער און, מסתמא, דאָ און דאָרט אַ שפּרינקעל פון אידישע אַרבייטער אין די שווערע אינדוסטריעס, אָבער זיי זעהען זיך ווייניג אָן אין אונזער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטליכער סטרוקטור: מיר זיינען געווען און געבליבען אַ פאָלק פון שטאָט און גרויסשטאָט. ביי אונז, ווי ביי די אַנדערע פעלקער, איז די אימיגראַציע געגאַנגען אויף דעמזעלבען שטייגער: געקומען צו ערשט דערוואַקסענע, אַרבייטספייאיגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, טאַטעס, עלטערע זין און טעכטער, וואָס האָבען געלאָזען נאָך זיך די אומבאַהאָלפענע מאַמעס און קינדער. שפּעטער, ווען דאָס אידישע לעבען אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבען אויסקריסטאַליזירען אין סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָבען די אַרבייטער געשאַפען זייערע יוניעס און געווערקשאַפטען, די סוחרים און קרעמער — אַלערליי געשעפטליכע פאַראיינען, און אַלע צוזאַמען האָבען זיך איבערגעמישט אין אַ באַזונדערען טיפּ פאַרבאַנדען וואָס האָבען אַ שייכות מיט די שטעט, געגענטען און לענדער פון וואַנען זיי שטאַמען און מיט וועלכע זיי זיינען פאַרבונדען מיט אַזויפיל עמאָציאָנעלע פעדים — לאַנדסמאַנשאַפטען.

אַלגעמיינע טאַבעלע. נומער 1.

אַלע טאַבעלעס צוזאמענגעשטעלט פון ג. ה. גאַרווין.

אָרגאַניזאַציעס	צאָל אָרגאַניזאַציעס	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַש. געבראַכטע
געגענזייטיגע הילף פאַראיינען — — — — — — — — — —	714	114260	17685
געגענזייטיגע הילף פאַראיינען פארבונרען מיט שוהלען — — — — —	41	9374	1970
לאנדסמאנשאפט חברות („אַנשי״ס״). — — — — — — — — — —	249	33162	3268
פרויען בענעוואָלענט סאָסייעטיס — — — — — — — — — —	71	6101	589
פרויען הילפס סאָסייעטיס (אקזילערים) — — — — — — — — —	287	22431	2598
פרויען אקזילעריס ביי לאדזשען — — — — — — — — — — —	2	190	55
ארבייטער רינג ברענטשעס — — — — — — — — — — — —	164	25976	1477
ארבייטער רינג פרויען קלובען — — — — — — — — — — —	63	3676	207
ארבייטער רינג יוגענט און אַנדערע קלובען — — — — — — — —	6	220	178
אינט. ארב. אָרדן ברענטשעס — — — — — — — — — — —	53	11341	1013
אינט. ארב. אָרדן פרויען קלובען — — — — — — — — — —	11	383	19
אינט. ארב. אָרדן יוגענט קלובען — — — — — — — — — —	2	37	33
א. נ. א. פ. ברענטשעס — — — — — — — — — — — — —	14	1209	118
א. נ. א. פ. פרויען קלובען — — — — — — — — — — — —	2	58	2
א. א. ב. א. לאדזשעס — — — — — — — — — — — — —	16	2992	321
א. א. ב. א. נאָמען און אַנדערע לאַדזשעס (לאַנדסמאנשאַפטליכע) — —	2	325	100
לאנדסמאנשאפטליכע לאַדזשעס ביי פאַרשיידענע אָרדנס — — — —	5	923	269
פאמיליע־קרייזען — — — — — — — — — — — — — —	76	7734	3821
נאָמען־סאָסייעטיס — — — — — — — — — — — — — —	45	7482	1772
פארשיידענע — — — — — — — — — — — — — — — —	18	9193	2919
פולער סך הכל — — — — — — —	1841	257067	38414
רעליף פאַרבאַנדען — — — — — — — — — — — — — —	39		
פאַטראָנאַטען — — — — — — — — — — — — — — — —	25		

צוזאמען — — — — — — — — — — 1905

לאַנדסמאַנשאַפט חברות („אַנשי־ס״). טאַבעלע נומער 2

יאָר גרינדונג	צאָל פֿאַראַיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל פֿאַרשטאָרבענע מיטגלידער
1858				
1859				
1860				
1861				
1862	1	10	200	60
1863				
1864	1	7	90	10
1865				
1866				
1867				
1868				
1869				
1870	1	10	140	84
1871				
1872	1	7	45	30
1873	1	12	120	24
1874				
1875				
1876				
1877	2	32	360	65
1878				
1879				
1880	3	50	605	43
1881				
1882				
1883	2	42	365	82
1884	6	97	1170	235
1885	3	60	610	152
1886	4	64	1025	58
1887	7	112	1130	169
1888	11	362	1412	216
1889	6	89	1017	89
1890	10	191	1095	118
1891	6	95	710	46
1892	6	143	744	58
1893	7	141	785	108
1894	6	97	730	41
1895	5	111	647	70
1896	1	40	100	5
1897	8	152	1345	145

יאָר גרינדונג	צאָל פֿאַראַיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל פֿאַרשטאָרבענע מיטגלידער
1898	13	245	2046	140
1899	6	200	1315	154
1900	11	188	1413	182
1901	4	65	250	13
1902	7	152	942	34
1903	10	145	1480	143
1904	5	95	604	59
1905	7	105	958	71
1906	4	67	315	30
1907	6	73	835	83
1908	7	92	880	37
1909	4	106	450	32
1910	2	60	133	2
1911	5	92	580	82
1912	4	52	435	20
1913	7	208	735	32
1914	3	40	275	6
1915	1	10	75	
1916	3	54	285	33
1917	5	130	336	52
1918	6	78	345	10
1919	1	150	2000	20
1920	4	121	405	9
1921	4	124	252	18
1922	3	41	194	27
1923	5	78	240	7
1924	5	149	254	22
1925	1	17	100	10
1926	2	30	75	
1928	5	361	450	32
1931				
1932	1	10	60	
1933				
1934				
1935				
1936				
1937				
אַלגעמיינער סך הכל	249	5262	33162	3268

געגענזייטיגע הילף פאראיינען. טאַבעלע נומ. 3.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1858				
1859	1	7	490	ניט אָנגעגעבן
1860				
1861				
1862				
1863				
1864				
1865				
1866				
1867				
1868				
1869				
1870	1	25	180	9
1871				
1872				
1873				
1874				
1875				
1876				
1877				
1878				
1879				
1880				
1881				
1882				
1883	1	20	110	16
1884	1	7	314	62
1885				
1886	3	33	1013	307
1887	3	50	675	154
1888	6	86	1715	450
1889	7	121	1610	387
1890	5	80	1144	238
1891	6	126	1451	463
1892	10	248	2525	563
1893	8	114	2675	447
1894	3	30	760	121
1895	8	115	2402	512
1896	11	234	2802	457
1897	12	225	2254	299
1898	12	210	2708	590
1899	14	206	3224	548
1900	37	696	8665	1596
1901	20	458	4933	665
1902	28	929	6226	1454
1903	39	602	6806	1194
1904	38	656	8970	1069
1905	34	542	5737	832
1906	27	471	3882	585
1907	31	573	4473	532
1908	25	454	3020	455
1909	23	384	2781	282
1910	20	500	2712	339
1911	17	655	2236	215
1912	15	204	1986	221
1913	29	462	3074	325
1914	29	534	3212	478
1915	21	345	2042	230
1916	20	479	1904	138
1917	14	440	1546	146
1918	9	275	1036	161
1919	10	146	851	125
1920	23	561	2306	258
1921	12	278	860	108
1922	10	107	1004	69
1923	12	165	1068	97
1924	11	178	1125	98
1925	5	97	460	8
1926	7	155	343	29
1927	4	46	345	45
1928	5	125	445	17
1929	3	54	370	32
1930	3	27	234	8
1931	2	40	135	6
1932	2	30	150	14
1933	1	6	50	5
1934	4	217	270	36
1935	8	233	716	112
1936	3	83	160	7
1937	1	15	75	71
סך הכל	714	14159	114260	17685

געגענזייטיגע הילף פאַראיינען פאַרבונדען מיט רעליגיעזע שוהלען. טאַבעלע נומער 4.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראייִנען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1879				
1880				
1881				
1882				
1883				
1884				
1885				
1886				
1887	1	10	300	100
1888				
1889	1	12	225	67
1890				
1891				
1892	1	7	125	25
1893				
1894	1	10	135	20
1895	4	45	665	135
1896	1	10	300	30
1897	5	65	1305	192
1898	1	20	155	38
1899	3	60	630	70
1900	4	85	625	47
1901	3	55	1010	235
1902				
1903	2	45	560	34
1904				
1905	2	47	580	206
1906	2	85	315	169
1907	1	7	75	60
1908				
1909	1	12	75	10
1910	2	38	283	20
1911	2	35	210	41
1912	2	112	1570	453
1913	1	20	45	
1914				
1915				
1916	1	100	186	18
1917				
סך הכל	41	880	9374	1970

פרויען הילפס פאַראיינען (אקזילערים). טאַבעלע נומער 5

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראייִנען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1898	1	10	50	
1900				
1901				
1902	1	15	350	52
1903				
1904	1	50	100	3
1905				
1906				
1907				
1908	1	18	150	7
1909	1	40	210	55
1910				
1911	1	12	70	
1912	1	8	300	
1913	2	30	225	19
1914				
1915	1	8	65	12
1916	1	25	100	
1917				
1918	8	119	635	51
1919	4	47	520	22
1920	5	107	320	18
1921	3	75	185	3
1922	4	36	320	12
1923	9	171	2025	322
1924	9	354	580	24
1925	7	496	700	24
1926	9	109	749	26
1927	14	215	1130	141
1928	21	497	1278	82
1929	10	163	660	81
1930	10	75	530	48
1931	13	189	902	62
1932	22	431	1438	217
1933	16	273	990	88
1934	26	733	2161	316
1935	24	487	1710	238
1936	25	513	1630	368
1937	26	538	1832	274
1938	11	182	516	33
סך הכל	287	6026	22431	2598

פרויען געגענזייטיגע הילף פאַראיינען מיט קראַנקען, נויט-שטיצע און קרקע בענעפיטען

טאַבעלע נומער 6.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1895	1	7	200	30
1897	3	37	132	
1898	1	6	75	6
1900	4	65	470	68
1901	1	10	45	
1902	2	22	185	
1903	4	143	355	49
1904	4	112	370	38
1905	1	80	50	2
1906	2	106	207	38
1907	5	405	405	27
1908	2	55	106	
1909	2	30	200	
1910	4	61	470	36
1911				
1912	1	15	245	49
1913	1	6	56	
1914	3	33	255	19
1915	2	26	130	13
1916	4	50	176	8
1919	1	7	70	
1920	1	8	50	
1921	4	91	453	38
1922	3	45	285	30
1923				
1924	2	17	75	2
1925	3	47	281	37
1926	1	10	30	2
1927	2	28	140	5
1928	2	112	85	25
1929				
1930	2	20	180	63
1931				
1932				
1933	2	14	200	
1934				
1935	1	120	120	4
סך הכל	71	1788	6101	589

א. א. א. לאַנדסמאַנשאַפטען. טאַבעלע נומער 7.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1928	1	60	130	
1929	6	362	1873	192
1930	29	1732	7434	654
1931	3	58	473	39
1932	1	15	145	5
1933	2	25	305	30
1934	1	15	121	6
1935	6	76	490	45
1936				
1937	2	128	225	27
1938	2	130	145	15
סך הכל	53	2601	11341	1013

פרויען קלובען ביים א. א. א.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1934	1	15	30	4
1935	1	10	60	
1936	2	37	90	
1937	3	25	98	4
1938	4	63	105	11
סך הכל	11	150	383	19
אלג. סך הכל א.א.א. לאַנדס־מאַנשאַפטען	64	2751	11724	1032

א. נ. א. פ. לאַנדסמאַנשאַפטען. טאַבעלע נום. 8.

גרינדונגס יאָר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער בירגער
1911	1	10	130	6
1913				
1914				
1915	2	36	188	24
1916				
1917				
1918				
1919	1	45	95	2
1924				
1925				
1926				
1927				
1928	1	7	85	30
1929	1	25	100	10
1930				
1931				
1932				
1933	1	25	100	
1934	1	25	75	
1935	2	37	156	15
1936	3	58	210	26
1937	1	50	70	5
סך הכל	14	318	1209	118

פרויען קלובען ביים א. נ. א. פ.

גרינדונגס יאָר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער בירגער
1937	2	28	58	2
סך הכל	2	28	58	2
אַלג. סך הכל א. נ.א.פ. לאַנדס־שאַפטען	16	346	1267	120

פאַמיליען קרייזען. טאַבעלע נומער 9.

גרינדונגס יאָר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער בירגער
1887	1	10	225	60
1898	1	7	150	15
1899				
1900				
1901				
1902				
1903				
1904				
1905				
1906				
1907	1	60	105	25
1908				
1909				
1910	2	14	180	119
1911				
1912	1	35	150	105
1913	3	46	740	370
1914				
1915				
1916	1	10	48	3
1919	3	38	140	64
1920	3	53	506	372
1921	1	4	100	30
1922				
1923	2	362	436	100
1924	1	20	85	51
1925				
1926	1	8	240	120
1927	4	35	390	230
1928	5	138	507	176
1929	1	7	40	40
1930	1	18	60	30
1931	3	74	311	169
1932	4	67	245	40
1933	7	200	695	345
1934	11	597	1105	691
1935	2	60	100	41
1936	10	472	896	467
1937	4	118	193	109
1938	3	59	87	49
סך הכל	76	2512	7734	3821

א. ר. לאַנדסמאַנשאַפטען. טאַבעלע נומער 10.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1900				
1901				
1902	3	193	1190	59
1903	3	78	770	51
1904	15	378	3201	114
1905	4	102	865	113
1906	9	262	2083	105
1907	14	347	2489	138
1908	20	532	3962	203
1909	25	722	3366	171
1910	17	535	2039	132
1911	6	138	797	49
1912	6	117	700	19
1913	6	357	949	57
1914	2	80	182	5
1915	4	92	590	39
1916	5	130	407	15
1917	4	105	365	30
1918	2	45	280	19
1919	2	78	150	6
1920	6	372	536	51
1921	2	65	185	2
1922				
1923				
1924				
1925	1	28	72	5
1926				
1927				
1928	1	28	118	2
1929				
1930	2	82	210	5
1931	2	90	165	65
1932	1	32	65	2
1933	1	25	145	
1934				
1935	1	56	95	20
1936				
1937				
סך הכל	164	5069	25976	1477

פרויען קלובען ביים א. ר.

גרינדונגס יאָהר	צאָל פאַראיינען	צאָל מיטגלידער ביי גרינדונג	צאָל מיטגלידער אין 1938	צאָל אַמעריקאַנער געבאָרענע
1924	1	30	65	5
1927	1	12	75	
1928	1	15	70	10
1929	6	103	445	19
1930	10	227	710	28
1931	3	54	180	6
1932	4	68	245	34
1933	4	74	176	35
1934	6	119	305	20
1935	6	141	440	18
1936	12	254	500	21
1937	5	117	218	8
1938	4	89	247	3
סך הכל	63	1303	3676	207

אַלג. סך הכל א. ר. לאַנדס־מאַנשאַפטען	227	6372	29652	1684

מ. בלעכמאַן

די לאַנדסמאַנשאַפטען און די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס

ווי אין דער נאַטור, אַזוי אין דער געזעלשאַפט — וואָס איינפאַכער און פּרימיטיווער אַן אָרגאַניזם, אַלץ קאָמפּליצירטער איז ער, און אַלץ פונדאַמענטאַלער. ווי דער אַטאָם אין פיזיק און דער צעל אין ביאָלאָגיע, אַזוי זיינען אין דער סאָציאָלאָגיע די פּרימיטיווע סאָציאַלע איינסען: דער קלאַן, דער שבט, די פאַמיליע. שיעור ניט אַזוי פּרימיטיוו־קאָמפּליצירט און פונדאַמענטאַל סאָציאָלאָגיש זיינען די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס, געשאַפען ספּאָנטאַן, נאַטור־וואוקסיג, כאַאָטיש, פון די אידישע אימיגראַנטען־מאַסען גופא, אין דעם פּראָצעס פון זייער סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע אין אַמעריקע; און דער בעסטער וועג צו שטודירען אָט־די סאָסייעטיס, פּונקט ווי דער בעסטער וועג צו שטודירען אַלע קאָמפּליצירטע אָרגאַניזמען, איז צו באַאָבאַכטען זייערע רעאַקציעס צו זייער סביבה, זייערע באַציהונגען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומען מיט זיי אין שייכות.

אין קלעם פון זיינע ערשטע מיהזאַמע איבערגאַנגס־פּראָבלעמען, צעטומעלט פון זיין פלוצימדיגען שפּרונג פון איין וועלט אין אַן אַנדערער, פון כמעט־מיטעלאַלטער אין דער סאַמע העכסטער שטופע פון גרויס־אינדוסטריע אַריין, האָט דער אידישער אימיגראַנט זיך אויפגעבויט אַ סאָציאַלע נעסט, די לאַנדסמאַנשאַפטס־סאָסייעטי, וועלכע האָט איהם געגעבען אַ געוויסע מאָס פון סאָציאַלער זיכערקייט און פאַרמילדערט זיינע איבערגאַנגס־יסורים, אומגעקערט איהם כאָטש אַ שיין פון זיין פאַרלוירענער היימישער אַטמאָספערע און איהם געדינט ווי אַ מין בריק צווישען זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין געגענוואַרט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

באַלד פון אָנהויב איז פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטען אויפגעשוואומען די פראַגע — ניט טעאָרעטיש פאָרמולירט, פאַרשטעהט זיך, נאָר אין דער פּראַקטיק, אויף פאַרשידענע קאָנקרעטע אופנים: — קאָאָפּעראַציע אָדער איזאָלאַציע. און דער נאַטירליכער אויסוואַהל פון דער טיפּישער לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען — איזאָלאַציע. דער נאַטירליכער אויסוואַהל, ווייל די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דעם דורכשניטליכען אידישען אימיגראַנט זיינען געווען באַגרעניצט צו דעם ענגען קרייז פון זיינע אייגענע און נאָהענטע, און זיין לאַנדסמאַנשאַפט־אידעאַל איז געווען: אַ היימיש־שטעטלשער אינזעל אין דעם פרעמדען אָקעאַן; און ער האָט זאָרגפעלטיג געהיט, אַז זיין אינזעל זאָל ניט פאַרשלונגען ווערען פון דעם דרויסענדיגען אָקעאַן. אמת, אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען פרייוויליג געוואָרען לאָדזשעס און ברענטשעס פון גרויסע אידישע פראַטערנאַלע אָרדענס, אָדער האָבען זיך פאַראייניגט אין אַ פוילישען פאַרבאַנד, למשל. אָבער דאָס זיינען קאָמפּראָמיסען צווישען דעם פאַרלאַנג פון די מעהר אַנטוויקעלטע אָנפיהרענדיגע עלעמענטען פאַר אַסאָציאַציע און דעם שטאַרקען ווילען פון דער מעהרהייט צו זיין זעלבסטשטענדיג, צו עקזיסטירען פאַר זיך, אין איזאָלאַציע.

אָבער קיין פולשטענדיגע איזאָלאַציע קען ניט זיין היינטיגע צייטען. די אינטערעסען פון דער ענגער גרופּע זיינען פאַרבונדען מיט די אינטערעסען פון דעם גאַנצען פאָלק, פון דער ברייטער געזעלשאַפט. ווילענדיג, ניט־ווילענדיג האָבען די איזאָלירטע לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס געמוזט איינשטעלען געוויסע פאַרבינדונגען מיט פאַרשידענע דרויסענדיגע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. אַנדערש האָבען זיי ניט געקענט דורכפיהרען זייערע אייגענע ענגע אויפגאַבען. עס זיינען אויך געקומען אויפטרייסלענדיגע וועלט־געשעהענישען, וועלכע האָבען באַוואויגען די אָפּגעשטאַנענסטע לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס צו נעמען אַ שטעלונג צו נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען און זיך ווי־ניט־איז צו פאַרבינדן מיט די זיי סימפּאַטישע געזעלשאַפטליכע כחות. און וואָס ווייטער ווערען אַלץ מעהר לאַנדסמאַנשאַפטען איינגעשלאָסען אין דעם תהום פון טעטיגקייט פון דער אָדער יענער אַלגעמיינער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג.

די הויפּט אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַאיינפלוסען די לאַנדסמאַנשאַפטען און האָבען היינט־צו־טאָג אַ באַדייטענדיגע נאָכפאָלגערשאַפט צווישען זיי, זיינען:

1) „ה אַ י אַ ס". פולער נאָמען: „היברו שעלטערינג ענד אימיגראַנט עיד סאָסייעטי אָוו אַמעריקע" (אידישע הכנסת־אורחים און אימיגראַנטען־הילף געזעלשאַפט פון אַמעריקע). אָרגאַניזירט אַלס הכנסת־אורחים אין יאָהר 1889; רעאָרגאַניזירט אין דער היינטיגער פאָרם אַלס „האַיאַס" אין יאָהר 1909. צוועק: מאַטעריעלע, מאָראַלע און לעגאַלע הילף פאַר אידישע אימיגראַנטען. זיך פאַראייניגט מיט דער „איקאַ" אין יאָהר 1928 (אונטער פאַר־

קירצטען פאַראייניגטען נאָמען „היקעס") און העלפט אויך שאַפען נייע צענטערען פאַר אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. אַרום 800 ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעשלאָסען מיט צאָהלונגען פון 5 ביז 25 דאָלאַר אַ יאָהר. פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע — אברהם הערמאַן; הויפּט־פאַרוואַלטער — אייזיק ל. אָסאָווסקי. הויפּט־אָפיס: 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק.

2) „דזשאָינט". פולער נאָמען: אַמעריקאַן דזשואיש דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע". אָרגאַניזירט אין יאָהר 1914 פון „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", אָרגאַניזאַציע פון רייכע אידען פאַר פּאָליטיש־פילאַנטראָפּישע טעטיגקייטען אין אידישע אינטערעסען. צוועק: הילף אויף ברייט־פּלאַנירטען מאַסשטאַב פאַר נויטבאַדערפטיגע אידען אין אַלע לענדער וואו אידען ווערען פאַרפאָלגט. פאַרבינדונגען מיט אַרום 2,000 לאַנדסמאַנשאַפטען איבערן לאַנד. אַרום 500 לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעשלאָסען אָן דער ניי־געגרינדעטער „לאַנדסמאַנשאַפטען־פּראַטערנאַלער דיוויזיע" פונעם „דזשאָינט". ערשטער פּרעזידענט, פון 1914 ביז זיין טויט אין 1937: פעליקס מ. וואַרבורג; נייער פּרעזידענט: דזשאָנאַהאַ ב. וויז; סעקרעטאַר און עקזעקוטיוו־דירעקטאָר: דזשאָזעף סי. היימאַן; סעקרעטאַר פון דער „לאַנדסמאַנשאַפטען־פּראַטערנאַלער דיוויזיע": חיים ווינטרויב.

3) „אָרט". פולער נאָמען: געזעלשאַפט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען אידען. אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד אין יאָהר 1880; אין אַמעריקע אין יאָהר 1921. פולער אַמעריקאַנער נאָמען: „אַמעריקאַנער אָרט פעדעראַציע". (דאָס וואָרט „אָרט" באַשטייט פון די ראשי־תיבות פון די ערשטע דריי ווערטער פון דעם פולען רוסישען נאָמען: „אָבסטשעסטוואָ ראַספּראָסטראַניעניאַ טרודאַ"). צוועק: פאַרוואַנדלען אָרימע אידישע קרעמער און מעקלער אין פּראָדוקטיווע מענטשען אין אינדוסטריע און אַגריקולטור; לערנען קינדער און עלטערע אידען קוואַליפיצירטע מלאכות און מאָדערנע מעטאָדען פון ערד־אַרבייט; אָרגאַניזירען קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און אַגריקולטורעלע קאָלאָניעס פון אידען אין אייראָפּע, פּאַלעסטינע און אַנדערע איינוואַנדערונג־לענדער, און העלפען די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווען אַנטוויקלען און פאַרבעסערען זייער טעכניק, און אין דעם איינקויף פון רוי־מאַטעריאַלען און אָפּזאַץ פון זייערע פּראָדוקטען אויפן מאַרק. אַרום 150 לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניו יאָרק און טויזנעט איבערן לאַנד אָנגעשלאָסען. אַרום 1,500 ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפטען רופען זיך אָפּ פון צייט צו צייט אויף די פאַרשידענע אַפּילס פון דעם „אָרט". פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער „אָרט"־פעדעראַציע: ב. טשאַרני וולאַדעק; אַקטיווער פאָרזיצער: לואיס ב. בודין; עקזעקוטיוו־דירעקטאָר: פיליפּ בלאָק. אַמעריקאַנער הויפּט־אָפיס: 212 5טע עוועניו, ניו יאָרק.

4) אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס. אָרגאַניזירט אין יאָהר 1918. דעלעגאַטען דערוועהלט דורך דעמאָקראַטישע וואַהלען אין אַלע אידישע קהלות פון די פאַראייניגטע שטאַטען אינעם יאָהר 1917. צוועק: פּאָליטישע טעטיגקייט צו באַשיצען די אידישע רעכט אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט, פּראָפּאַגאַנדירען די אידייע פון אידישער נאַציאָנאַלער אחדות און העלפען אין דעם אויפבוי פון אַ אידישער היים אין ארץ ישראל. 960 אָרגאַניזאַציעס אָנגעשלאָסען, פון זיי אַרום אַ העלפט לאַנדסמאַנשאַפטען. פּרעזידענט: דר. סטיפען ס. וויז; וויצע־פּרעזידענט: לואיס ליפּסקי; עקזעקוטיוו־פאָרזיצער: נייטען ד. פּערלמאַן. הויפּט־אָפיס: 221 וועסט 57טע סטריט, ניו יאָרק.

5) ראַט פון אידישע אָרגאַניזאַציעס וועגען ארץ־ישראל. אָרגאַנירט אין יאָהר 1924. צוועק: העלפען דעם „יונאַיטעד פּאַלעסטיין אַפּיל" זאַמלען געלט פאַר דעם קרן־היסוד און קרן־קימת (נאַציאָנאַל־פאָנד); העלפען דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פּראָפּאַגאַנדירען דעם ציוניסטישען אידעאַל צווישען די סאָסייעטיס, לאָדזשעס, קלובען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק. 350 אָרגאַניזאַציעס אָנגעשלאָסען, אַרום אַ העלפט פון זיי לאַנדסמאַנשאַפטען. נאַציאָנאַלע פאָרזיצער: הרב אבא הלל סילווער און דר. סטיפען ס. וויז; סעקרעטאַר: סעמועל גאָלדשטיין. הויפּט־אָפיס: 111 — 5טע עוועניו, ניו יאָרק.

6) „איקאָר". פולער נאָמען: געזעלשאַפט צו העלפען דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטען־פאַרבאַנד. אָרגאַניזירט אין יאָהר 1924. צוועק: העלפען קאָלאָניזאַציע פון אידען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און באַזונדער דעם אויפבוי פון א אידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק אין בירא־בידזשאַן; פאַרטיידיגען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געגען זיינע שונאים און פּראָפּאַגאַנדירען פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד; אַרבעטען פאַר דער אייניגקייט פון אידישען פאָלק אין קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. 50 לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעשלאָסען. פּרעזידענט: פּראָפעסאָר טשאַרלס קונץ; נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר: ש. אַלמאַזאָוו; נאַציאָנאַלער אָרגאַנייזער: אַב. עפּשטיין. הויפּט־אָפיס: 799 בראָדוועי, ניו יאָרק.

7) אידישער פאָלקס־קאָמיטעט פאַר פאַראייניגטער אַקציע געגען פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. אָרגאַניזירט אין יאָהר 1936. צוועק: קאַמף געגען פאַשיזם, פאַר אידישע רעכט אין אַלע לענדער און געגען אידען־פאַרפאָלגונגען דורך מאַסען־פּראָטעסטען, מאַסען־פּעטיציעס, א. אַז. וו.; זאַמלען הילף פאַר די אידישע קרבנות פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, און פּראָפּאַגאַנדירען אַ פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אידען פאַר די דאָזיגע אויפגאַבען. אַרום הונדערט ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעשלאָסען. פּרעזידענט: וויליאַם ווינער;

גענעראַל-סעקרעטאַר : אפרים שוואַרצמאַן. הויפּט־אָפיס : 1127 בראָדוועי, ניו יאָרק.

8) אידישער אַרבייטער קאָמיטעט. אָרגאַניזירט פון אידישע יוניאָנס, אַרבעטער רינג, אידיש-סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד און פועלי־ציון אין דעם יאָהר 1934. צוועק : פאַרטרעטען די אידישע אַרבייטער אין אַלגעמיין־אידישע ענינים ; קאַמף געגען אַנטי־סעמיטיזם און פאַשיזם ; אָנפיהרען אָרגאַניזירטען באָיקאָט געגען נאַצישע פּראָדוקטען ; העלפען קרבנות פון פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען אין אַלע לענדער ; העלפען גאַנץ מאַכען די אידישע חורבנות און צוריקשטעלען די אידישע מאַסען אויף די פיס, וואו נאָר מעגליך. פאָרזיצער : ב. וולאַדעק ; טרעזשורער : דוד דובינסקי ; סעקרעטאַר : יוסף באַסקין ; עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר : ישעיה מינקאָף. הויפּט־אָפיס : 175 איסט בראָדוועי, ניו יאָרק.

דריי פאַזען פון אַנטוויקלונג :

דיזעלבע פאַקטאָרען, וועלכע האָבען באַוואויגען די אידישע אינטעליגענץ צו שאַפען די גרויסע אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, האָבען באַוואויגען די אידישע מאַסען צו שאַפען זייערע לאַנדסמאַנשאַפטס-סאָסייעטיס, און די זעלבע פאַקטאָרען טרייבען די לעצטע פון זייער איזאָלאַציע צו קאָאָפּעראַציע מיט די ערשטע. אָט־די פאַקטאָרען קענען איינגעטיילט ווערען אין דריי קאַטעגאָריעס, וועלכע אַנטשפּרעכען דריי באַשטימטע פאַזען אין דער אַנטוויקלונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען און זייערע טעטיגקייטען. אָט־די דריי פאַזען פאַסען זיך אַריין אין דריי באַשטימטע פעריאָדען אין דער געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע זינט אומגעפעהר 1885. זיי זיינען :

א) די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און מאָראַלע באַדערפענישען און נויטען פון דעם ניי־אָנגעקומענעם, „גרינעם" אימיגראַנט. די לאַנדסמאַנשאַפט איז אין אָט דער „גריניער" פאַזע פולשטענדיג אָפּגעזונדערט, קליינשטעטלדיג־קלאַניש, מיט אַ קנאַפּען אינטערעס אין זאַכען, מענטשען און פּאַסירונגען, וועלכע האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות מיט די מיטגלידער פון דער סאָסייעטי און זייערע נאָהענטסטע. די הילף־טעטיגקייט פון די איינגעוואַנדערטע אידען פאַר די אידען פון אייראָפּע טראָגט דאַן הויפּטזאכליך אַן אינדיווידועלען כאַראַקטער. אָט־די פאַזע אַנטשפּרעכט דעם פעריאָד פון 1885 ביז 1914, ד. ה. דעם פעריאָד פון גרויסער מאַסען־אימיגראַציע. העלפען אימיגראַנטען איז די איינציגע אויסער־לאַנדסמאַנשאַפטליכע הילף־טעטיגקייט, אין וועלכער די דורכשניטליכע אימיגראַנטישע סאָסייעטי איז נאָהענט און וואַרעם פאַראינטערעסירט. דער „האַיאַס" איז דעריבער אין יענעם פעריאָד די איינציגע ברייט־געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטס-סאָסייעטיס אָנערקענען און שטיצען.

ב.) דער געפיהל פון סימפּאַטיע, צובונד און אחריות, וואָס דער מעהר אָדער ווייניגער עקאָנאָמיש־איינגעאָרדענטער און הי־איינגעבירגערטער אימיגראַנט פיהלט צו זיינע ווייניגער גליקליכע לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים. אָט דער פאַקטאָר שפּילט די הויפּט־ראָליע אין דעם לעבען און אין דער טעטיגקייט פון די לאַנדמאַנשאַפטען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון די אומגליקען אויף אידען, וואָס זי האָט געבראַכט. אַ גרויסער פּראָצענט פון די לאַנדסמאַנשאַפטס-סאָסייעטיס, וועלכע עקזיסטירען היינט, זיינען געשאַפען געוואָרען אין יענער צייט מיט דעם צוועק צו העלפען די מלחמה־ליידענדיגע לאַנדסלייט. מלחמה־רעליף איז דעמאָלט געווען די הויפּט־טעטיגקייט ביי אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע האָבען פאַר דעם צוועק געמוזט איבערגעהן פון איזאָלאַציע צו קאָאָפּעראַציע מיט די אַלגעמיינע רעליף־אָרגאַניזאַציעס, און דורך זיי מיטן „דזשאָינט". אָט־די פאַזע פון מלחמה־רעליף, אָדער נויט־הילף, האָט אָנגעהאַלטען פון אויגוסט, 1914, ביז אומגעפעהר 1924.

ג) דער אָפּשטעל פון דער מאַסען־אימיגראַציע קיין אַמעריקע, דער עקאָנאָמישער קריזיס און די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אידען־פאַרפאָלגונגען אין אייראָפּע. אָט־די פאַזע הויבט זיך אָן אין 1924, מיט דעם אָפּשטעל פון דער מאַסען־אימיגראַציע, און זי אַנטוויקעלט זיך ביז היינט. פּלאַנמעסיגע, געזעלשאַפטליכע קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די אידען פון אייראָפּע און פאַלעסטינע ווערט אַלץ מעהר די הערשענדיגע הילף־טעטיגקייט צווישען די אידען פון אַמעריקע אין דעם פעריאָד. אין משך פון דעם פעריאָד ווערען אַלץ בולט'ער צוויי געגענזעצליכע טענדענצען און אַנטוויקלונגען צווישען אָט־די סאָסייעטיס : פון איין זייט קערען זיך פיל פון זיי אום צו דער אַמאָליגער איזאָלאַציע, אָדער זיי פאַרוואַנדלען זיך גאָר אין ענגע פאַמיליע־קרייזען; פון דער צווייטער זייט ווערען אַ סך פון זיי מעהר נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניג, באַזונדער אונטערן איינפלוס פון די אידישע חורבנות אין פוילען, דייטשלאַנד, א. אַז. וו. די ערשטע שניידען זיך אָפּ פון יעדען קאָנטאַקט מיט דעם ברייטען אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען ; די צווייטע ווערען אַלץ מעהר אַ וויכטיגער מאַסען־באַזיס, ניט נאָר פאַר די קאָנסטרוקטיווע הילף־פּראָיעקטען פון די וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, ווי „האַיאַס", „דזשאָינט", „אָרט", נאָר אויך פאַר די פאַרשידענע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און סאָציאַלע ריכטונגען, ווי אויסגעדריקט דורך דעם אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס, פּאַלעסטינאַ־ראַט, „איקאָר", אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און אידישען פאָלקס־קאָמיטעט.

אַ מעהר גענויער אַנאַליז פון יעדער איינער פון אָט־די דריי פאַזען וועט אונז ווייזען די נאָהענטע שייכות צווישען דער אַנטוויקלונג פון די לאַנדסמאַנשאַפט-סאָסייעטיס און דער אַנטוויקלונג פון דער ברייט־געזעלשאַפטליכער וואוילטעטיגער און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אידישער טעטיגקייט אין אַמעריקע.

ערשטע פּאַזע — אימיגראַציע־הילף ; „האַיאַס“.

אין שטראָם פון דער מאַסען־אימיגראַציע. טויזענטער שטעטלאַך פון פּוילען, ליטע, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, גאַליציע, א. אַז. וו. ליידיגען אויס זייערע באַפעלקערונגען קיין אַמעריקע. די גרויסע מעהרהייט פלייצט קיין ניו יאָרק און אין עטליכע אַנדערע גרויסע צענטערען פון אימיגראַציע. דער אימיגראַנט פאַלט באַלד ביי זיין אָנקום אַריין אין דער סביבה פון זיינע לאַנדסלייט, וועלכע באַגעגנען איהם ביים שיף, העלפען איהם געפינען אַרבייט, איינאָרדנען זיך אַ היים ; אויב ער קען ניט קיין מלאכה פון דער היים, לערנען זיי איהם אויס זייער מלאכה, אָדער זיי לייהען איהם אויס געלט און העלפען איהם איינאָרדענען זיך אַ שטיקעל ביזנעס. באַלד ווערט געשאַפען אַ מין „קלוב“ — מעהרסטענס ביי אַ לאַנדסמאַן אין הויז אָדער סטאָר, — וואו מען קומט זיך צוזאַמען אין די אָווענטען פאַרברענגען צוזאַמען, אָדער מען אָרגאַניזירט זיך אַן אייגענעם קלויז, וואו די לאַנדסלייט דאַווענען צוזאַמען, און אַזוי־אַרום האַלטען די לאַנדסלייט פאַר זיך קינסטליך אויף אין דעם נייעם לאַנד די אַלטע שטעטעלדיגע סביבה, נאָך וועלכער זיי בענקען.

דאָ האָבען מיר דעם נאַטור־וואוקסיגען אָנהויב פון דער שפּעטערדיגער מעהר מאָדערנער, נאָר ווייט ניט אַזוי היימישער לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי. אָנשטאָט די נאַטירליכע, ניט־געצוואונגענע שמועסען וועגען דעם היים־שטעטעל און די לאַנדסלייט, און אָנשטאָט די אוממיטעלבאַרע און ספּאָנטאַנע האַנדלונגען צו העלפען נייע אימיגראַנטען און אַנדערע נויט־באַדערפטיגע לאַנדסלייט, האָט מען אין דער ניי־מאָדישער סאָסייעטי איינגעפירט אַזעלכע ניט־היימישע זאַכען, ווי אַ „טשערמאַן“ מיט אַ „קאָנסטיטושאָן“, מיט „רעגעלע“ און „ספּעשעל“ מיטינגען, מיט אָנגעשטעלטע שאַבלאָנע „ספּיטשעס“, און אָפיציעלע „בענעפיטס“ און „סעמעטעריס“, א. אַז. וו. אָבער די סאָסייעטי איז געוואָרען אַ נויטווענדיגקייט פאַר דעם אימיגראַנט און זי איז געקומען אויף לאַנגע יאָהר. די לאַנדסמאַנשאַפט גיט דעם אימיגראַנט ניט נאָר מאַטעריעלע הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקען־בענעפיט, טויטען־בענעפיט, א. אַז. וו., נאָר זי באַוואָרענט איהם אויך געגען עלענטקייט אין דער פרעמד : זי איז אַן אָפיציעלע מחותנת׳טע אויף חתונות און אַנדערע שמחות ביי די משפחות פון איהרע מיטגלידער, און זי איז נאָך מעהר די אָפיציעלע אבל׳טע ביי לוויות, רחמנא ליצלן ; און איבער 120 יאָהר, ווייסט דער סאָסייעטי־מיטגליד, וועט ער אויך ניט בלייבען עלענט — ער וועט דאַן ליגען אויף אייגענער סאָסייעטי־קרקע, צווישען לאַנדסלייט. און ביי די יערליכע בעלער און קאָנצערטען פון די סאָסייעטיס טרעפען זיך אַלע לאַנדסלייט און עס ווערען געשלאָסען נייע פריינטשאַפטען און שידוכים.

אָבער די סאָסייעטי האָט אין זינען אויך הילף פאַר אַנדערע, פאַר קרובים און פריינט אין דער אַלטער היים, פאַר לאַנדסלייט בכלל, איבערהויפּט פאַר ניי־אַריבערגעקומענע, אָדער די וואָס קלייבען זיך אין וועג אַריין. די הילף־טעטיגקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטען אין יענעם פעריאָד איז, על־פּי כלל, ניט קיין קאָלעקטיווע, נאָר הויפּטזאַכליך אַן אינדיווידועלע, אַ פערזענליכע ; די איינצעלנע סאָסייעטי־מיטגלידער טוען זיך זייער הילף־אַרבייט יעדערער פאַר זיך, ד. ה. יעדערער העלפט זיך די זייניגע אין אייראָפּע מיט געלט אָדער מיט שיפקאַרטעס צו קומען קיין אַמעריקע. די ראָל פון דער סאָסייעטי איז דערביי בלויז צו העלפען דעם אינדיווידועלען מיטגליד העלפען זיינע אייגענע, אויב ער קען זיך אַליין קיין עצה ניט געבען. קאָלעקטיווע הילף פאַרן היים־שטעטעל ווערט אין יענער צייט געטאָן ספּאָראַדיש ; למשל : די סאָסייעטי שיקט געלט ערב פּסח אויף מעות־חיטים פאַר די שטעטעלשע אָרעמע־לייט, אַמאָל אויף אַ נייעם דאַך פאַר דעם אַלטען שטעטעלשען בית־מדרש ; אָדער די סאָסייעטי ברענגט זיך אַראָפּ פאַר איהר קלויז דעם אַלטען שטעטעלשען חזן, נאָך וועמעס נגינה די לאַנדסלייט זיינען פאַרבענקט. גרעסערע הילף־אַקציעס ווערען אונטערגענומען פון סאָסייעטיס ווען זייערע שטעטלאַך זיינען אַמאָל געטראָפען געוואָרען פון אַן אומגליק, ווי אַ שריפה, אַ מגפה, אָדער אַ פּאָגראָם. אַן אויסנאַם איז די סאָציאַליסטישע לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע שטיצט רעגעלמעסיג די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין איהר שטאָט אָדער שטעטעל.

וועגען אַלגעמיינע לייזונגען פון דער אידען־פראַגע האָט דער דורכשניטליכער מיטגליד פון דער דורכשניטליכער סאָסייעטי אין יענער צייט זעלטען געטראַכט. זיין „אידען־פראַגע“ איז געווען : ווי העלפט מען זיינע נאָהענטע ? און אָט־די פראַגע האָט ער געזוכט צו לייזען אַליין דורך אַראָפּברענגען קיין אַמעריקע אַזוי פיל פון זיי ווי ער האָט געקאָנט. אַזוי ווי הונדערטער טויזענטער אידען האָבען אויף אַזאַ אופן געלייזט די פראַגע פון זייערע נאָהענטע, איז זייער לייזונג ווירקליך געוואָרען אַן אַלגעמיינע לייזונג פון אַ גרויסען טייל פון דער אידען־פראַגע ; הונדערטער טויזענטער אינדיווידועלע לייזונגען זיינען געוואָרען איין גרויסע קאָלעקטיווע לייזונג — קוואַנטיטעט איז געוואָרען קוואַליטעט.

דאָס דערקלערט די גרויסע געזעלשאַפטליכע ראָל פון דעם „האַיאַס“ אין יענער צייט, כאָטש ער האָט דאַן געטאָן בלויז באַלדיגע הילף פאַר אינדיווידועלע אימיגראַנטען — געהאָלפען זיי אַריינקומען אין לאַנד, באַזאָרגט די עלענדע און נויטבאַדערפטיגע מיט נאַכטלעגער, שפּייז און אַנדערע נויטווענדיגקייטען, אָפּט געפונען פאַר זיי באַשעפטיגונג, אָדער אָפּגעזוכט זייערע לאַנדסלייט און קרובים, וועלכע האָבען איבערגענומען די זאָרג פאַר זיי. דער פונדאַמענטאַלער טוער און איניציאַטאָר פון אָט דער לייזונג פון דער אידען־פראַגע דורך אימיגראַציע איז געווען דער אינדיווידועלער איינגעוואַנדערטער איד אין אַמעריקע ; די סאָסייעטי איז דערין בלויז געווען זיין אַרויסהעלפערין, ווען

ער האָט געמוזט אָנקומען צו איהר הילף; דאָס וואָס די סאָסייעטיס האָבען ניט געקאָנט טאָן, האָט געטאָן דער „האַיאַס". מעהר האָט קיינער פון איהם ניט פאַרלאַנגט.

די שייכות צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען און דעם „האַיאַס" איז אָבער נאָך אָרגאַנישער. דער פאַקט איז, אַז דער „האַיאַס" האָט זיך אַליין אָנגעהויבען, ווי אַ מין לאַנדסמאַנשאַפט, אָדער ווי אַ לאַנדסמאַנשאַפטען־חברה פאַר אַ טראַדיציאָנעלער, פון די אייראָפּייאישע שטעטלאַך אַהער געבראַכטע צדקה־טעטיגקייט — פאַר דער אַלט־אידישער מצווה פון הכנסת־אורחים. דער אָנהויב פון אָט דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין דעם יאָהר 1889, ווען אַ גרופּע איינגעוואַנדערטע אידען האָבען געדונגען אַ פּאָר קליינע צימערען אויף עסעקס סטריט, אויף דער איסט־סאַיד אין ניו יאָרק, און דאָרט געגרינדעט אַ הכנסת־אורחים פאַר עלענטע אימיגראַנטען. אַפילו דער מאַסשטאַב פון דער אונטערנעמונג איז געווען אַ קליינשטעטלדיגער. די אויפגאַבען פון אָט־דער קליינער חברה זיינען אָבער געוואַקסען מיט'ן וואוקס פון דער אידישער אימיגראַציע, און דעם קליינעם אָנהויב איז געווען באַשערט אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג. אין יאָהר 1909 האָט זיך אָט די הכנסת־אורחים חברה פאַראייניגט מיט אַן אימיגראַנטען־הילף חברה און איז געוואָרען דער „האַיאַס". די צוועקען און אויפגאַבען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט זיינען דעמאָלסט פאָרמולירט געוואָרען אַזוי:

„צו פאַרגרינגערן דעם געזעצליכען אַריינקום פון אידישע אימיגראַנטען אין די פאַרשידענע פאָרטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען; צו באַזאָרגען זיי מיט צייטווייליגען נאַכטלעגער, שפּייז, קליידער און אַנדערע הילף... צו העלפען זיי אויפ'ן וועג צו זייערע באַשטימטע ערטער... צו העלפען זיי קריגען באַשעפטיגונג; צו אַנטמוטיגען זייער באַזעצען זיך אין איבערגעפּאַקטע שטעט; אויפצוהאַלטען אינפאָרמאַציע־ביוראָס... צו פאַרשפּרייטען אַמעריקאַנער אידעאַלען צווישען די ניי־אָנגעקומענע און דורך באַקענען זיי מיט אַמעריקאַנער געשיכטע און אינסטיטוציעס אַריינצוגעבען אין זיי אַן אמת'ן פּאַטריאָטיזם און ליבע צו זייער אַדאָפּטירטען לאַנד; צו מאַכען מעהר באַקאַנט צו דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען די פיל געווינסען פון געווינטשטער אימיגראַציע..."

דער „האַיאַס" איז דאָ שוין אַוועק אַ היבשען מהלך פון זיין אָנהויב מיט צוואַנציג יאָהר פריהער אַלס אַ קליינע איסט־סיידער הכנסת־אורחים חברה אויף אַ קליינשטעטלדיגען מאַסשטאַב. פון אַ לאָקאַלער חברה איז זי געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע; אַנשטאָט איהר פריהערדיגער באַגרעניצקייט צו קליין־צדקה, האָט זיך די פאַרגרעסערטע געזעלשאַפט איצט שוין געשטעלט אַלגעמיין־פּאָליטישע, קולטורעלע און קאָנסטרוקטיווע סאָציאַלע צוועקען און אויפגאַבען. דאָך האָט זיך נאָך דער „האַיאַס" אַלץ באַגרעניצט מיט אַמעריקע. ערשט אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט דער „האַיאַס" גענומען אויסשפּרייטען זיין טעטיגקייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, פון וואַנען אידען וואַנדערען אויס און וואוהין זיי וואַנדערען איין. און שפּעטער איז ער ביסלאכווייז איבערגעגאַנגען צו מעהר ווייט־גרייכענדיגע קאָנסטרוקטיווע טעטיגקייטען, צו העלפען לייזען די אידישע פראַגע בכלל, ווי זוכען נייע געביטען פאַר אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע, א. אַז. וו.

מיר זעהען אַזוי־אַרום ווי דער „האַיאַס", וועלכער האָט אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אויף אַ באַגרעניצטען קליינשטעטלדיגען מאַסשטאַב, ווי אַ מין לאַנדסמאַנשאַפטען־חברה, האָט פאַקטיש דורכגעמאַכט די זעלבע עוואָלוציע, ווי דאָס גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטען־וועזען, ד. ה. ער איז געגאַנגען פון באַלדיגער, באַגרעניצטער הילף צו אימיגראַנטען צו ברייטערער הילף־טעטיגקייט אויף יענער זייט ים, און וואָס ווייטער האָט זיך זיין טעטיגקייט, אונטער'ן דראַנג פון די געשיכטליכע אַנטוויקלונגען, אַלץ מעהר געמוזט אויסברייטערען, ביז וואַנען ער האָט (ספּעציעל נאָך דער פאַראייניגונג מיט דער יק"אַ) באַקומען אַ גרויסע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַדייטונג.

אָט־די אויסגעברייטערטע טעטיגקייט פון דעם „האַיאַס" געהערט אָבער צו די קומענדיגע פאַזען, וועלכע מיר באַשרייבען אונטען.

צווייטע פאַזע — נויט־הילף; „דזשאָינט" — „האַיאַס"

די וועלט־מלחמה האָט אַרויפגעלייגט אויף די אידען פון אַמעריקע די העכסטע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די אידען פון די מלחמה־לענדער, ד. ה. פאַקטיש פאַר דעם גורל פון דער גרויסער מעהרהייט פונעם אידישען פאָלק. די אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך מיטאַמאָל און אומדערבאַרעמדיג אָפּגעשטעלט. די מעגלעכקייטען פאַר אינדיווידועלער הילף, פון יחידים אין אַמעריקע צו יחידים אין די מלחמה־לענדער, זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדען. און די נויטווענדיגקייט פאַר הילף איז געוואָרען גרעסער און דרינגענדיגער. די הילף־רופען פון יענער זייט ים זיינען געוואָרען אַלץ פאַרצווייפעלטער און רירענדיגער: מיליאָנען אידען אין לעבענס־געפאַהר, הונדערטער שטעט און שטעטלאך חרוב, אַ גאַנץ פאָלק אויסגעריסען פון זיין באָדען און וואַנדערט אָפּדאַכלאָז וואוהין די אויגען טראָגען; הונגער, מגיפות, פּאָגראָמען, מאַסען־שחיטות. וואָס טוט מען? יעדער איד אין אַמעריקע, פון דעם רייכסטען פילאַנטראָפּ ביז דעם אָרעמסטען אַרבייטער, האָט געפיהלט אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט עפּעס צו טאָן.

ס'איז דאַמאָלסט קלאָהר געוואָרען אַפילו פאַר דעם אָפּגעשטאַנענסטען לאַנדסמאַנשאַפטס־מיטגליד, און אַפילו פאַר דעם וואָס האָט פון קיין אָרגאַניזאַציע פריהער ניט געוואָלט הערען, אַז די הילף קען איצט ניט זיין קיין אינדיווידועלע, נאָר אַז זי מוז זיין אַן אַלגעמיינע, אַ קאָלעקטיווע, פאַר די אידען פון אַ גאַנצען שטעטעל, פון אַ גאַנצען געגנט, פאַר אַלע מלחמה־ליידענדיגע אידען.

די אידען פון אַמעריקע האָבען זיך אָפּגערופען אויף די הילף־געשרייען פון יענער זייט ים אויף אַ גרויסען שטייגער. אַלע געזעלשאַפטליכע און אָרגאַניזאַטאָרישע כחות פון די אידען אין אַמעריקע האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין רעליף־טעטיגקייט. ס׳האָבען זיך אָרגאַניזירט אָן אַ שיעור נייע קאָמיטעטען און אָרגאַניזאַציעס אין אַלע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען פאַר הילף צו די מלחמה־ליידענדיגע אידען. די לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען זיך דאַן אַלע פאַרוואַנדעלט אין הילף־אָרגאַניזאַציעס, יעדע פאַר איהר שטעטעל. און נייע לאַנדסמאַנשאַפטען־סאָסייעטיס, ספּעציעל פאַר הילף־צוועקען, האָבען זיך אין יענער צייט אָרגאַניזירט אין די הונדערטער. אַ חוץ דער גרויסער צאָהל לאָקאַלע רעליף־אָרגאַניזאַציעס זיינען אין יענער צייט געשאַפען געוואָרען אַ ריי אַלגעמיינע, צענטראַלע רעליף־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געזוכט איינצושליסען אין זיך די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און האָבען געזאַמעלט הילף איבער גאַנץ אַמעריקע פאַר אַלע מלחמה־ליידענדיגע אידען פון אייראָפּע. די וויכטיגסטע פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס זיינען געוועזן: די „אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע", די „סענטראַל רעליף קאָמיטע" און די „דזשואיש פּיפּלס רעליף קאָמיטע". די ערשטע איז געוועזן אַן אָרגאַניזאַציע פון די אַזוי־גערופענע „דייטשע יהודים", ד. ה. פון די רייכע אידען און זייערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס; די צווייטע איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די זעלבע עלעמענטען, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט דעם אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס, ד. ה. פון די העכערע מיטעל־קלאַס עלעמענטען און אויך רייכע מזרח־אייראָפּייאישע אידען — ציוניסטען, מעהר אָדער ווייניגער אָרטאָדאָקסישע רבנים און פיהרער פון סינאַגאָגען און רעליגיעזע קהלות. די „פּיפּלס רעליף קאָמיטע" איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די מעהר דעמאָקראַטישע עלעמענטען צווישען די אַמעריקאַנער אידען. אין איהר זיינען געוועזן פאַרטראָטען אַרבייטער־יוניאָנס, סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, פּועלי־ציוניסטען, און אַנדערע אידישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און עלעמענטען. אַ סך פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, באַזונדער די פּראָגרעסיווערע, זיינען געוועזן אָנגעשלאָסען אָן דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", בעת די קאָנסערוואַטיווערע האָבען געהערט צו דער „סענטראַל רעליף", אָדער זיי זיינען גאָר געבליבען זעלבסטשטענדיג, באַנוגענדיג זיך אויסשליסליך מיט הילף פאַר זייער אייגענעם שטעטעל.

אויב אין דער זאַמלונג פון רעליף האָט יעדע אָרגאַניזאַציע און יעדער רעליף־קאָמיטעט געקאָנט אַרבייטען פאַר זיך, אויפ׳ן אייגענעם שטייגער, איז אָבער די צעטיילונג פון דער אַרבייט געוועזן אוממעגליך אין דער דיסטריבוציע, אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער הילף אין די מלחמה־לענדער. קיין נאָרמאַלע קאָמוניקאַציעס מיט די מלחמה־לענדער האָבען אין יענער צייט ניט געקענט זיין, און איבערשיקען די געזאַמעלטע געלטער האָט מען דעמאָלט געקענט נאָר מיט דער צושטימונג פון ביידע קריגענדיגע צדדים, וואָס האָט געקענט דערגרייכט ווערען בלויז מיט דער הילף פון דער דיפּלאָמאַטישער פאַרמיטלונג פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען און פון אַנדערע נייטראַלע מלוכות, וועלכע האָבען געהאַט דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען מיט ביידע צדדים. פאַר אַזאַ וויכטיגער אויפגאַבע איז נויטיג געוועזן צו שאַפען וואָס שנעלער איין איינציגע גרויסע, אויטאָריטאַטיווע, פון אַלע רעליף־אָרגאַנען באַפולמעכטיגטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויך געדאַרפט באַזיצען גרויסע פינאַנציעלע מיטלען און אַ הויכע מדרגה פון פּאָליטישען איינפלוס און פּרעסטיזש, כדי די מלוכות זאָלען האָבען צו איהר צוטרוי און שליסען מיט איהר אָפּמאַכען. אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געשאַפען געוואָרען פון די רייכע אידישע פילאַנטראָפּען אין אַמעריקע — די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע", אָדער ווי דאָס פאָלק רופט זי, דער „דזשאָינט". אָט־די אָרגאַניזאַציע האָט געשפּילט און שפּילט נאָך היינט אַ גרויסע היסטאָרישע ראָליע אין דעם אידישען לעבען איבער אַ גרויסען טייל פון דער וועלט, באַזונדער אין מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט דער „דזשאָינט" פאַנאַנדערגעטיילט שפּייז, קליידער און מעדיקאַמענטען צו הונדערטער טויזענטער אידען אין די מלחמה־לענדער און געראַטעוועט אומגעציילטע לעבענס. נאָך דער מלחמה איז אַנטשטאַנען די ריזיגע פּראָבלעם פון ווידעראויפבויען די חרוב׳ע ישובים און צוריקשטעלען אויף די פיס די מיליאָנען רואינירטע אידען. אָט־די פּראָבלעם איז אין ערגעץ ניט געלייזט געוואָרען גרינטליך, אַ חוץ אין סאָוועטען־רוסלאַנד. דאָך האָט דער „דזשאָינט" בייגעטראָגען אַ גרויסען חלק צו דער טיילווייזער לייזונג פון אָט־דער פּראָבלעם אויך אין פּוילען, רומעניע, ליטע, אונגאַרן, א. אַז. וו. דורך דער קאָנסטרוקטיווער הילף, וואָס ער פיהרט אָן אין יענע לענדער זינט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה. אין יענעם גאַנצען פּעריאָד, ד. ה. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון די ערשטע נאָך־מלחמה יאָהרען, זיינען די באַציהונגען צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטס־סאָסייעטיס און דעם „דזשאָינט" געוועזן זעלטען, אומדירעקט, ספּאָראַדיש. ערשט אין דער לעצטער צייט, ווען דער עקאָנאָמישער חורבן פון די אידען אין די דערמאָנטע לענדער איז געוואָרען אומגעהויער גרויס, האָט דער „דזשאָינט" דורך זיין אַרבייט אין פּוילען אַנטדעקט די לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע און גענומען איינשטעלען רעגעלמעסיגע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציהונגען מיט זיי. וועגען דעם שפּעטער.

אויך דער „היאַס" האָט אין יענעם פּעריאָד, ווי אויבען אָנגעוויזען, געמוזט אַרויס פון זיינע ענגע ראַמען און ער האָט גענומען פאַנאַנדערצווייגען זיין טעטיגקייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין די ערשטע מלחמה־יאָהרען האָט דער „היאַס" איינגעשטעלט אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע פּאָסט — די אָפיציעלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָסט איז דאַן געוועזן איבערגעריסען — און ער האָט איבערגעשיקט הונדערטער טויזענטער בריוו פון איינוואוינער פון די מלחמה־לענדער

צו זייערע קרובים און אייגענע אין אַמעריקע. שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז אַ סך אידישע אימיגראַנטען האָבען זיך געפּרואווט אַרויסכאַפּען פון רוסלאַנד דורך סי־ביר קיין כינע, פון וואַנען מען איז אַריבער קיין יאַפּאַן, און פון דאָרט האָבען זיי געהאָפט צו קענען אַריבערקומען קיין אַמעריקע. אָט־די אימיגראַנטען זיינען אָבער געבליבען שטעקען אויפ׳ן וועג אין גרויס נויט. אַ סך פון זיי האָבען באַוויזען צו דערגרייכען דעם יאַפּאַנעזישען פּאָרט יאָקאָהאַמאַ, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען און קיין מעגלעכקייטען צו פאָהרען קיין אַמעריקע. אַנדערע זיינען געבליבען שטעקען אין שאַנכאַי, אָדער אין סיביר. האָט דער „האַיאַס" אויך געעפענט אַ באַנק אין ניו יאָרק אויף איבערשיקען פריי אַמעריקאַנער דאָלאַרען צו די משפחות און קרובים פון אַמעריקאַנער אין אייראָפּע אַלס רעליף. אָט־די און אַנדערע הילף־טעטיגקייטען האָבען נע־הענטער געמאַכט דעם קאָנטאַקט צווישען דעם „האַיאַס" און די לאַנדסמאַנשאַפטען.

דריטע פאַזע — קאָנסטרוקטיווע הילף; „האַיאַס" — „דזשאָינט" — „אָרט"

די צרות פון דער וועלט־מלחמה האָבען געצוואונגען דעם אָפּגעשטאַנענטסטען אידען צו נעמען טראַכטען וועגען

(פון זאַבלודאָווער פּנקס)

דער „האַיאַס" האָט דאַן מיט דער דערלויבעניש פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג געשיקט אַ קאָמיסיע קיין יאַפּאַן, וועלכע האָט איינגעשטעלט אַ „האַיאַס"־אָפּטיילונג אין יאָ־קאָהאַמאַ, מיט ביוראָס אין די סיבירער שטעט אירקוטסק, כאַרבין און וולאַדיוואָסטאָק, און יענע אימיגראַנטען זיינען געהאָלפען געוואָרען. באַלד נאָך דער מלחמה האָט דער „האַיאַס" זיך גענומען אויפזוכען די פאַמיליעס און קרובים פון אַמעריקאַנער איינוואוינער, וועלכע זיינען פאַרלוירען געוואָרען אין די גרויסע, קאַטאַסטראָפאַלע וואַנדערונגען אין דער צייט פון דער מלחמה. פאַר דעם צוועק האָט דער „האַיאַס" געעפענט אַן אָפּטיילונג אין וואַרשע. שפּעטער וועלט־פּראָבלעמען און באַזונדער וועגען דעם גורל פון דעם אידישען פאָלק. שפּעטער זיינען געקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע און די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָבען געמאַכט די אידישע מאַסען מעהר נאַציאָנאַל־און סאָציאַל־באַוואוסטזיניג. דאָס האָט זיך געמוזט אָפּרופען אויך אויף די לאַנדסמאַנשאַפטען. טיילען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר ציוניסטיש. אַ סך פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג פאַר אַן אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס און האָבען איהם געגעבען אַ מאַסען־באַזע. אַנדערע זיינען געוואָרען סאָציאַליסטיש. די לעצטע האָבען זיך מעהרסטענס אָנגעשלאָסען אָן דעם

אַרבעטער רינג (די לינקערע פון זיי האָבן זיך שפּעטער אָפּגעטיילט און זיינען איבערגעגאַנגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער אָרדען). די גרויסע מעהרהייט פון זיי איז נאָך אַלץ פאַרבליבן קליינשטעטלדיג־איזאָלירט און באַגרעניצט צו זייערע אייגענע לאָקאַלע פּראָבלעמען, ביז וואַנען די אימיגראַציע קיין אַמעריקע איז פּאַקטיש אָפּגעשטעלט געוואָרען אין דעם יאָהר 1924, און ביז די לאַנדסמאַנשאַפטן־מיטגלידער האָבן גענומען דערהאַלטען אַלץ מעהר און אַלץ פּאַטעטישערע הילף־געשרייען פון זייערע קרובים. אַריבערברייגנען די קרובים אַהער האָט מען מעהר ניט געקענט. איז געבליבן: אָדער העלפען זיי אויף זייערע ערטער, אָדער געפינען פאַר זיי נייע איינוואַנדערונג־לענדער.

ס'איז געוויס ניט קיין צופאַל, וואָס צוויי פון די אויבענאויסגערעכנטע געזעלשאַפטען מיט געגענזעצליכע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָגראַמען און צילען, דער פּאַלעסטינעראַט און דער איקאָר, זיינען ביידע אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1924, אין דעם יאָהר ווען די טויערען פון אַמעריקע זיינען געשלאָסען געוואָרען פאַר מאַסען־אימיגראַציע. די גלייכצייטיגע ערשיינונג פון אָט־די צוויי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באַלד אָנגעהויבען אַ קאַמף פאַר איינפלוס צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען, האָט ווי אָנגעזאָגט: די צייט פאַר דער לייזונג פון דער אידען־פראַגע דורך אימיגראַציע, דורך הילף פון יחידים צו יחידים, איז פאַריבער; געקומען די צייט פאַר קאָלעקטיווער און קאָנסטרוקטיווער הילף, פאַר נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אַקציע פון גרויסע פאָלקסקאָלעקטיוון; קלייבט זיך אויס וועלכען איהר ווילט.

די אַרבייט פון די גרויסע וואוילטעטיגע געזעלשאַפטען „האַיאַס" און „דזשאָינט", האָט זיך אין דעם פעריאָד גענומען אַלץ מעהר אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַל־פּלאַנירטער, קאָנסטרוקטיווער הילף. דער „האַיאַס" האָט זיך, ווי אויבען געזאָגט, גענומען אין שותפות מיט דער „איקא", און מיט דער הילף פון פאַרשידענע אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס, זוכען אַ פּראַקטישע לייזונג פאַר די אָנגעווייטיגטע פּראָבלעמען פון גרויסע אידישע מאַסען דורך שאַפען נייע צענטערען פאַר אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין דרום־אַמעריקע און אין אַנדערע וועלט־טיילען. דער „דזשאָינט" האָט גענומען העלפען סיי די אידישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, סיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אַגראָ־דזשאָינט). ער האָט אויך כסדר געשטיצט די זעהר וויכטיגע טעטיגקייט פונעם „אָרט", ווי מיר וועלען שפּעטער אָנווייזען.

אָבער די וויכטיגסטע הילף־טעטיגקייט, וועלכע בינדט היינט צוזאַמען די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטען מיט דעם „דזשאָינט", זיינען די גמילת־חסד קאַסעס, וועלכע עקזיסטירען היינט מיט דער הילף פון דזשאָינט־סובסידיעס איבער גאַנץ פּוילען, ווי אויך אין ליטע, רומעניע און אונגאַרן. אַרום 850 גמילת־חסד קאַסעס און 500 קאָאָפּעראַטיווע אידישע פאָלקס־בענק עקזיסטירען היינט מיט דער הילף פון דעם „דזשאָינט" אין די דערמאָנטע לענדער. די דאָזיגע אינסטיטוציעס האַלטען אויף די פיס הונדערטער טויזענטער אידישע קליינבירגער, קרעמער, און בעל־מלאכות, וועלכע וואָלטען אָן דעם פרייען קרעדיט פון אָט־די קאַסעס שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. די מיטלען פונעם רייכען „דזשאָינט" קלעקען אָבער ניט צו געבען די קאַסעס די פולע נויטיגע שטיצע אין איינקלאַנג מיט דער גרויסער נויט פון די אידען אין יענע לענדער. האָט דער „דזשאָינט" דעריבער זיך געווענדט צו די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס אין אַמעריקע מיט אַ פּלאַן, לויט וועלכען ער פאַרפליכטעט זיך בייצוטראָגען צו דער לייה־קאַסע אין יעדער שטאָט און שטעטעל פּונקט אַזוי פיל וויפיל יעדע לאַנדסמאַנשאַפט דאָ אין אַמעריקע וועט בייטראָגען. פאַר דעם צוועק האָט איצט דער זשורנאַל „פאָלקס־הילף", אָרגאַן פון די גמילת־חסדים קאַסעס און פראַגען פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אין פּוילען (סובסידירט פון „דזשאָינט"), לעצטענס איינגעפיהרט אַ שטענדיגע אָפּטיילונג אונטער'ן נאָמען „די לאַנדמאַנשאַפטען און די ג"ח קאַסעס", וואו עס ווערען געדרוקט באַריכטען וועגען דער הילף פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטען צו די היימישע ג"ח קאַסעס און מען סטימולירט מיט אַלע מיטלען דעם קאָנטאַקט צווישען די קאַסע־מיטגלידער און זייערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע לטובת די קאַסעס. און פאַר דעם צוועק האָט דער „דזשאָינט", אין יאָר 1937, געגרינדעט די אויבען־דערמאָנטע לאַנדסמאַנשאַפטען־פראַטערנאַלע דיוויזיע, וועלכע אָרגאַניזירט די לאַנדסמאַנשאַפטען צו שטיצען די לייי־קאַסעס אין זייערע היים־שטעטלאך. דערמיט טוט דער דזשאָינט אויף זייער פיל ניט בלויז פאַר די אידען פון אייראָפּע, נאָר אויך פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטען גופא דאָ אין אַמעריקע. ער גיט זיי פרייע לעקציעס, אָפט אילוסטרירט מיט סטערעאָפּטישע בילדער פון דעם לעבען פון די פּוילישע אָדער אַנדערע אייראָפּייאישע אידען, באַזונדער, פאַרשטעהט זיך, פון דער הילף־טעטיגקייט פונעם „דזשאָינט" צווישען די נויט־באַדערפטיגע אידען, אַמאָל אַפילו פון דעם אייגענעם שטעטעל פון וואַנען די געגעבענע לאַנדסמאַנשאַפט קומט. און וואָס נאָך וויכטיגער, דער „דזשאָינט" האָט דורך זיין לאַנדסמאַנשאַפטען־אָפּטיילונג שוין באַוויזען צו פאַראייניגען הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַ מין רעפּרעזענטאַטיווער דעלעגאַטען־קערפּערשאַפט, וואָס פאַרזאַמעלט זיך פון צייט צו צייט אונטער זיין אויפזיכט צו פאַרהאַנדלען פראַגען פון הילף צו זייערע שטעטלאך און זייערע באַציהונגען צווישען זיך און מיט'ן „דזשאָינט". אַזאַ טעטיגקייט מוז האָבען אַ גרויסען אויפלעבענדיגען איינפלוס אויף די לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע רופען זיך אויף איהר אָפּ; עס ברייטערט אויס זייער סאָציאַלען און אָרגאַניזאַציאָנעלען האָריזאָנט, פרישט אָפּ און באַפעסטיגט זייער אָפּגעשוואַכטען קאָנטאַקט מיט זייערע היים־שטעטלאך, דערציהט זיי צו סאָציאַל־פּלאַנירטער זעלבסטטעטיגקייט און פיהרט זיי אַרויס פון זייער סטאַגנירטער איזאָלאַציע צו פרוכטבאַרער קאָ־

אָפּעראַציע צווישען זיך און מיט דער ברייטערער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט.

דער „דזשאָינט" איז אָבער ניט די איינציגע אָרגאַניזאַציע, וואָס פיהרט אָן אַזאַ טעטיגקייט און האָט אַזאַ איינפלוס אויף די לאַנדסמאַנשאַפטען. כמעט אַלע אויבען־אויסגערעכענטע און אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער טעטיג צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען, העלפען הויבען דעם סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען ניוואָ פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, אין איין ריכטונג אָדער אין אַ צווייטער. אַ באַדייטענדיגען איינפלוס צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און ער געווינט נייעם אימפּעט און איינפלוס אלס רעזולטאַט פון די אומגליקען און געפאַהרען, וואָס מעהרען זיך לעצטענס אויף אידען. אויך דער ראַט פון אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר ארץ־ישראל, דער געווערקשאַפטען קאַמפּעין־קאָמיטעט פאַר פאַלעסטינע, דער אי־קאָר, דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט, א. אַז. וו. שיקען פריי זייערע לעקטאָרען צו די לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע פאַרלאַנגען דאָס, און זוכען זיי צו אָרגאַניזירען פאַר זייערע צילען.

רעדט מען וועגען דער דריטער פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען און זייערע באַציהונגען מיט די גרעסערע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס — וועגען דער פאַזע פון קאָנסטרוקטיווער הילף — קען מען ניט אויסלאָזען די גרויסע ראָל פון נאָך אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויסגעטראָטען דעם וועג פאַר אָט דער פאַזע.

מיר מיינען דאָ דעם „אָרט", וועלכער האָט זיך פון דעם ערשטען טאָג פון זיין גרינדונג, מיט קנאַפּע זעכציג יאָהר צוריק אין פּעטערבורג, געווידמעט צו אַ ברייטער פּראָגראַם פון דעם, וואָס מיר רופען היינט קאָנסטרוקטיווע הילף — פאַקטיש צו דעם איבערבוי פון דעם גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען פון די אידישע מאַסען אין מזרח־אייראָפּע.

דער „אָרט" — פּיאָנער פון קאָנסטרוקטיווער הילף

דער „אָרט" האָט זיך פון אָנהויב אָן באַזירט אויף צוויי גרונט־הנחות: ערשטענס, אַז די אידען־פראַגע קען און דאַרף פונדאַמענטאַל געלייזט ווערען אין די ערטער וואו אידען וואוינען, און ניט דורך אויסוואַנדערונג; צווייטענס, אַז די אידען־פראַגע איז אין תוך אַן עקאָנאָמישע פראַגע און מוז געלייזט ווערען דורך עקאָנאָמישע מיטלען — דורך פאַרבייטען די ניט־נאָרמאַלע און ניט־געזונטע אידישע עקאָנאָמיק פון יענער צייט מיט אַ נאָרמאַלער און געזונטער עקאָנאָמיק, געבויט אויף פּראָדוקטיווער אַרבייט, אויף אַ אידישער אינדוסטריע און אַ אידישער אַגריקולטור. די באַדינגונגען אין רוסלאַנד און איבער דער וועלט פאַר דער וועלט־מלחמה זיינען אָבער ניט געווען גינסטיג פאַר אַ סאָציאַל־פּלאַנירטען איבערבוי פון דעם אידישען עקאָנאָמישען לעבען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. דער וועג צו אַגריקולטור איז געשלאָסען געוואָרען פאַר אידען אין רוסלאַנד (נאָכדעם ווי דער „אָרט" האָט געגרינדעט אַ צאָהל דערפאָלגרייכע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד) אונטער צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען און ניקאָלאַי דעם צווייטען, און כאָטש אידען האָבען זיך אַלץ מעהר גענומען צו מלאכה, האָבען זיי עס געטאָן אינדיווידועל, כאַאָטיש, בהלה'דיג, יעדער איינער געטריבען פון זיין נויט, און ניט אויף אַן אָרגאַניזירטען קאָאָפּעראַטיווען אופן, ווי דער „אָרט" האָט געפּריידיגט. און די אידישע מאַסען פון רוסלאַנד האָבען אין יענער צייט אַליין געלייזט זייער עקאָנאָמישע פראַגע דורך עמיגראַציע, הויפּטזאַכלאַך קיין אַמעריקע, אויך אויף אַן אינדיווידועלען, כאַאָטישען, בהלה'דיגען שטייגער. דער „אָרט" האָט אין יענער צייט אָנגעפירט אין די גרעסערע אידישע צענטערען אַ צאָהל מלאכה־שולען און טעכנישע אָוונט־קורסען פאַר דערוואַקסענע. מעהר האָט ער ווייניג געקענט אויפטאָן. זיין ראָל האָט דאַן געמוזט זיין אַ באַגרעניצטע. נאָך ווייניגער האָט דער „אָרט" געקענט אויפטאָן אין דעם צווייטען פּעריאָד, ד. ה. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד. ווען ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ראַטעווען לעבענס, באַזאָרגען מיליאָנען אידען מיט ברויט, אַ דאַך איבער'ן קאָפּ, קליידער, מעדיקאַמענטען, האָט מען ניט געקענט טראַכטען וועגען לערנען מלאכות, פאַרבעסערען די טעכניק, א. אַז. וו.

אָבער אַזוי שנעל ווי דער קריגס־פּעריאָד איז אַריבער האָט זיך דער „אָרט" גענומען מיט באַנייטער ענערגיע צו דער אַרבייט, און די באַדינגונגען זיינען איצט ערשט געוואָרען גינסטיג פאַר זיין פּראָגראַם פון עקאָנאָמישען איבערבוי פון דעם אידישען לעבען, באַזונדער אין סאָוועטען־רוסלאַנד, וואו די רעגירונג האָט די אַרבייט געטאָן פאַר איהם אָדער האָט געגעבען דעם „אָרט" די פולסטע קאָאָפּעראַציע. דער איינציגער אָפּהאַלט איז געווען דער מאַנגעל אין פינאַנציעלע מיטלען פאַר דער דורכפיהרונג פון זיין אַמביציעזער פּראָגראַם. פאַר דעם צוועק האָט דער „אָרט" נאָך דער מלחמה געעפענט אָפּטיילונגען און געגרינדעט אָרגאַניזאַציעס אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע. אין יאָהר 1921 האָט זיך אין אַמעריקע געגרינדעט די „פּיפּלס אָרט פעדערעישאָן" (שפּעטער געענדערט אויף אַמעריקאַן אָרט פעדעריישאָן"), וועלכע האָט פאַרביטען די „פּיפּלס רעליף קאָמיטע" פון דער מלחמה־צייט. אין אַנדערע ווערטער, די פּראָגרעסיווע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט זאַמלען נויט־הילף אין די מלחמה־צייטען זיינען איצט דורכ'ן „אָרט" איבערגעגאַנגען צו קאָנסטרוקטיווער הילף. אויך די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" איז באַלד געקומען צו הילף דעם „אָרט" מיט פינאַנצען. אין יאָהר 1927 האָט דער „אָרט" געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דעם „דזשאָינט", לויט וועלכען דער ערשטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע זעלבסטשטענדיגע

געלט־קאַמפּאַניעס אין אַמעריקע, און ער האָט זיך אָנשטאָט דעם פאַרפליכטעט צו באַטייליגען זיך אין די קאַמפּאַניעס פונעם „דזשאָינט”, וועלכער האָט פינאַנסירט אַ באַדייטענדיגען טייל פון די טעטיגקייטען פונעם „אָרט”. אָט דער אָפּמאַך האָט אָנגעהאַלטען ביז דעם יאָהר 1938 ווען די צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבען ווידער באַשלאָסען צו מאַכען באַזונדערע געלט־קאַמפּאַניעס.

אין יאָהר 1927 האָט גרשון זיבערט, „אָרט”־פאָרשטעהער פון פוילען, וועלכער איז דאַן געווען אויף אַ לענגערען באַזוך אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט אַ לאַנדסמאַנשאַפטען־אָרט־אָרגאַניזאַציע מיט'ן צוועק אַריינצוציהען די לאַנדסמאַנשאַפטען אין דער קאָנסטרוקטיווער הילף־טעטיגקייט פון דעם „אָרט”. דער פּלאַן איז געווען, אַז יעדע לאַנדסמאַנשאַפט זאָל העלפען אויפבויען אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג אין איהר היים־שטעטעל. די דאָזיגע לאַנדסמאַנשאַפטען־אָרגאַניזאַציע פון דעם „אָרט” האָט אין משך פון עטליכע יאָהר אויפגעטאָן אַ סך באַדייטענדיגע אַרבייט, געגרינדעט צענדליגער קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען און לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס, הויפּטזאַכליך אין סאָוועטען־פאַרבאַנד, דיזעלביגע אַרבייט ווערט איצט געטאָן אויף אַ קלענערען מאַסשטאַב אין פוילען, רומעניע און ליטע. אַרום 250 לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען געווען אָנגעשלאָסען אָן דער דערמאָנטער „אָרט”־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען דער מאָדעל און דער פּראָטאָטיפּ פון דער היינטיגער גרעסערער לאַנדסמאַנשאַפטען־פראַטערנאַלער דיוויזיע פון דעם „דזשאָינט”.

דער „אָרט” איז, ווי מיר זעהען, געווען דער פּיאָנער ניט נאָר אין דעם געביט פון קאָנסטרוקטיווער הילף בכלל, נאָר ער האָט אויך געוויזען דעם וועג ווי אַריינצוציהען די לאַנדסמאַנשאַפטען אין דער אַרבייט פאַר נאַציאָנאַל־קאָנסטרוקטיווע פּראָיעקטען, ווי זיי אַרויסצורייסען פון זייער אָפּגעזונדערטקייט און פאַרגליווערטקייט, און אַרויספירען אויפ'ן וועג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע, וואָס מיינט ממילא הויבען דעם סאָציאַלען און קולטורעלען ניוואָ פון די אָפּגעשטאַנענסטע לאַנדסמאַנשאַפטען און זיי אויפלעבען.

וואַרשעווער חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים אָוו סעקאָנד עוועניו.

ע. פערשלייסער

די קאָנסטיטוציעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטען

אייגלייטונג

צו דער קאָנסטיטוציע פון דער קאָנגרעגיישאָן מחזיקי תורה אנשי סייניער ואנשי ווילנאָ. (1873)

דוד המלך זאָגט אין תהילים: אלהים נצב בעדת אל.

דער הער גאָט געפינט זיך אין איינע געטליכע געמיינדע, אַז וואָס גרעסער די געמיינדע איז בעסער אונד אויך שענער, זאָוויא עס איז געשריבען „ברב עם הדרת מלך", גרעסער דיא געמיינדע איז שענער פיר גאָט; דארום האָבן מיר מחזיקי תורה אנשי סייניער ואנשי ווילנאָ געשלאָסן איך איין הייליגען ברידערליכען פערבאַנד לקיים ברב עם הדרת מלך! ובזכות זה מיט דער הייליגער גאָט צו הערען אונזערע תפלות ובקשות אונד וועט אונז באַשיצען פון אַללע שלעכטעס ר"ל. ולשלום יהיה לנו ולכל ישראל אמן ואמן:

אברהם בן דוד דאַווידסאָן, אחד מן האחים.

כמעט יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט איהר געדרוקטע קאָנסטיטוציע, וועלכע באַשטימט ווי די לאַנדסמאַנשאַפט זאָל זיך פיהרען.

די קאָנסטיטוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרען אין די ערשטע יאָהרען פון דער אַנטשטעהונג פון די סאָסייעטיס. אַז ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אַז מען איז ניט גע־ווען צופרידען מיט אַ פּונקט, אָדער עטלאַכע פּונקטען, האָט מען די קאָנסטיטוציע געענדערט, אַזוי איז פאַרצייכענט אויפ'ן שער־בלאַט פון אַ סך קאָנסטי־טוציעס: אָנגענומען אין דעם און דעם יאָהר, געענדערט אין דעם און דעם יאָהר. געוועהנליך איז נויטיג געווען, כדי צו ענדערען די קאָנסטיטוציע, צוויי דריטעל שטימען און אַ ספּעציעלער מיטינג, אָדער מיטינגען. אין די קאָנ־סטיטוציעס גופא ווערט אָנגעגעבען די פּראָצעדור פון דורכפיהרען אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע*).

די קאָנסטיטוציעס זיינען אָפּגעדרוקט אין קליינע ביכ־לאך, געוויינטליך אין פאָרמאַט פון 4 ביז 6 אינטשעס, און זיינען געשריבען אין אַלטמאָדישען, דייטשמערישען אידיש, מיט אַ שטארק פאַרעלטערטער אָרטאָגראַפיע (די ציטאַטען פון קאָנסטיטוציעס, וואָס וועלען געבראַכט ווערען, וועלען קענען דינען אַלס מוסטער), גאָר געציילטע זיינען געשריבען אינגאַנצען אין דייטש, אָבער מיט אידישע בוכ־שטאַבען. אַ סך האָבען אן ענגלישע איבערזעצונג ביי דער זייט. ווי ווייט וויכטיג ס'איז געווען יעדעס וואָרט פון דער קאָנסטיטוציע קען מען זעהן פון דער באַמערקונג פון דעם ערשטען טוראָווער אונטערשטיצונג פאַראיין, ועמענס קאָנ־סטיטוציע עס איז געדרוקט אין אידיש און אין ענגליש:

„אויב עס זיינען דאָ", זאָגט די באַמערקונג, „וועלכע עס איז מיספאַרשטענדישען צווישען דער אידישער און ענגלי־שער איבערזעצונג, איז די קאָנסטיטוציאָנעלע אויסטייט־שונג ווי עס איז געשריבען אין אידיש".

די קאָנסטיטוציעס פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטיס, זיינען שטארק עהנליך איינס צו ס'אַנדערע, האָבען כמעט אַלע דעם זעלבען נוסח, ווייל זיי זיינען אַלע געבויט אויף דעם זעלבען פּרינציפּ און דער צוועק זייערער איז דער זעלבער. דער אונטערשייד פון איין קאָנסטיטוציע און דער אנדערער איז נאָר אין דעטאַלען אין קלייניגקייטען, צ. ב. אין איינצאָהל פון דיוס, אין אופן פון בענעפיט אויס־צאָהלונגען, אין דער סומע פון בענעפיטען, וויפיל עס קומט איינעם, ווען די פרוי אָדער אַ קינד שטאַרבט, א. א. וו. דער אונטערשייד איז שוין אַ סך גרעסער צווישען די קאָנסטיטוציעס פון דער געוויינליכער לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי און דער „אנשי" סאָסייעטי, וועלכע האַלט אויף אַ שוהל און וועלכע שטעלט שטאַרק דעם טראָפּ אויף אָנ־

*) די מעזריטשער לעידים סאָסייעטי באַשרייבט אַזוי די נויטווענדיגקייט פון אויסבעסערען די אַלטע קאָנסטיטוציע אין דער איינלייטונג צו דער נייער קאָנסטיטוציע, אימיטירענדיג דעם סטיל פון דער „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענטס": „נאָך איין 17-יעהריגער עקזיסטענץ פון דער מעזריטשער לעידים עיד סאָסייעטי, האָבען מיר איינגעזעהען דאָס עס איז נעהטיג אונ־זער קאָנסטיטושאָן אויסבעסערען נאָך דעם שנעלען פּראָגרעס וואָס מיר מענשען פּראָגרעסירען, וואָס עלטער מיר ווערען, זעהען מיר דאָס די אַלטע מעטאָדען פון פריהערדיגע יאָהרען פּאַסען ניט צו דער יעצטיגער צייט און מיר זענען געצוואונגען יעצט פּיעלעס אויסצובעסערען..." א. א. וו.

האַלטען די רעליגיעזע אידישקייט מיט איהרע אַלע אַלטע מנהגים, אַזוי ווי מ'האָט זי אריבערגעבראַכט פון אַלטען, היימישען שטעטעל — און דעם פרויען אונטערשטיצונג פאַראיין (לעידיס עיד סאָסייעטי), וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט קראַנקען אונטערשטיצונג און הילף צו נויט־באַדערפטיגטע. אויף די קאָנסטיטוציעס פון „אַנשי" און לעידיס עידס, ווי ווייט זיי אונטערשיידען זיך פון די קאָנסטיטוציעס פון געוויינטליכע לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלען מיר זיך ספּעציעל אָפּשטעלען.

אַז מיר לייענען זיך אריין אין די קאָנסטיטוציעס, כאָטש זיי זיינען אַלע אַזוי זאכליך און טרוקען, דערפיהלען מיר דאָס לעבען פון דעם אימיגראַנטישען אידישען דור, וואָס האָט מיט אַלע כחות זיך געראַנגעלט ניט איינגעשלונגען צו ווערען פון דעם „מעלטינג פּאָט"; געקלאַמערט זיך אין דער אַלטער טראַדיציע. אין די אַלטע מנהגים, אין אַלטען לעבענס־שטייגער, וואָס ער האָט מיט זיך אריבערגעבראַכט פון דער אַלטער היים; מיר זעהען די גרויסע צוגעבונדענקייט צו דער אידישער שפּראַך. אין דער לאַנדסמאַנשאַפט האָט דער אידישער אימיגראַנט געפונען אַ ווינקעל, וואו ער האָט געקאָנט אָפּכאַפּען דעם אָטעם פון דער משונה'דיגער, שווערער פּרעמדקייט, וואָס האָט איהם געדראָהט צו פאַרניכטען גייסטיג; דאָ האָט ער געפּרואווט ציהען ווייטער דעם פאָדים פון דעם לעבען, וואָס איז איהם אַריין אין בלוט פון דור דורות.

דער אינהאַלט פון די קאָנסטיטוציעס

אַ סך קאָנסטיטוציעס גיבען אָפּ דאָס ערשטע בלעטעל פאַר אַן אינהאַלט פאַרצייכעניש, אייניגע גיבען אויך אָן די געשעפטס־פיהרונג און עטלעכע, גאָר געציילטע, האָבען אַ שבועה, וואָס יעדער מיטגליד מוז אָפּגעבען. די שבועה איז טשיקאַווע. אָט זיינען מוסטערען פון דער שבועה פון צוויי לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע זיינען אָפּגעדרוקט אויפ'ן פאָדער־בלעטעל פון זייערע קאָנסטיטוציעס. די שבועה פון נאַרעווקער אונטערשטיצונג פאַראיין (אין אָריגינעלער אויסלייגאַכץ).

„איך . . . . גיב מיין עהרען וואָרט און ערקלעהר אין געגענוואַרט פון בעאַמטע און ברידער פון נארעווקער פאַראיין, דאָס איך בין בערייט זיך אַלס ברודער אָנצושליסען, אַ געטרייער מעמבער צו זיין. איך וועל ניעמאַלס איין ברודער קיין שלעכטעס טהאָן, דיזע קאָנסטיטושאָן ריכטיג נאָכקומען, אַלע רעגעלען צו היטען און דיעזער פאַראיין טרייא צו פאַרבלייבען".

די שבועה פון דער חברה תבואות שור אנשי זאלקיעוו:

„איך . . . . .שווער פייערליך אין געגענווערטיק פון די פאַרזאַמעלטע ברידער פון דער חברה תבואות שור אנשי זאלקיעוו דאָס איך וועל נאָכקאָממען אַללע געזעטצע פון דער חברה, דאָס איך וועל ניט פעראַטהען די חברה מיט איהר אייגענטהום און וועל ניט פערעפענטליכען די אנגעלעגענהייטען פון דער חברה פאַר דער אויסערער וועלט, דאָס אַללעס וואָס אין דער חברה פאָרקאָמט וועל איך געהיים האַלטען, דאָס איך וועל איבערגעבען זיין צו יעדען פון די מיטגלידער מיט ברודער ליעבע. אין דעם שווער איך מיט מיין הייליגען עהרען וואָרט. אמן".

אַן אינהאַלט פאַרצייכעניש גיט געוויינטליך אָן די פאַרשיידענע אַרטיקלען פון דער קאָנסטיטוציע. אָט לאָמיר נעהמען די אינהאַלט־פאַרצייכעניש פון „די ערשטע ליובערער אונטערשטיצונג פאַראיין":

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

נאָמען, צוועק און שפּראַך
פאַרזאַמלונגען
באַאַמטע
נאָמינייטשאָן און וואַהל פון באַאַמטע
פליכטען פון באַאַמטע
קאָמיטעס און זייערע פליכטען
אויפנאַהמס באַדינגונגען
רעכטע פון מיטגלידער
פליכטע פון מיטגלידער און זייערע שטראָפען
קלאַגען
דאָקטאָר פאַרהאַנדלונגען
אונטערנעהמונגען
פאַרענדערונגען
פּאַרלאַמענטאַרישע רולס
רעזערוו און עמוירדזשענסי פאָנד
ענדאומענט פאָנד
אַרבעטסלאָזער פאָנד

דאָס איז כמעט דער אינהאַלט פון אַלע קאָנסטיטוציעס. דאָס זיינען די פונקטען אויף וועלכע די קאָנסטיטוציעס שטעלען זיך אָפּ. מיר וועלען נעהמען איין פונקט נאָכ'ן אַנדערען און איהם שטודירען; אָנווייזען מיט וואָס איין קאָנסטיטוציע אונטערשיידעט זיך פון דער אַנדערער און אָפּשטעלען זיך אויף פאַרשיידענע טשיקאַווע באַשטימונגען און מנהגים.

נאָמען, צוועק און שפּראַך.

אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען טראָגען דעם נאָמען פון זייער שטעטעל. זיי זיינען זעהר שטאָלץ אויף זייער שטעטעל. זיי זיינען, קאָן מען זאָגען, גרויסע פּאַטריאָטען פון זייער שטעטעל, און זיי ווילען, אַז דער נאָמען זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען. די ערשטע תקנה פון יעדער קאָנסטיטוציע גיט אָן דעם נאָמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און זאָגט אָן, אַז דער נאָמען זאָל קיינמאָל ניט געביטען ווערען, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט קאָן קיינמאָל ניט אויפגעלייזט ווערען, אַזוי לאַנג ווי ס'זיינען פאַראַן 7 — ביי אַנדערע 10, — מיטגלידער. דער נאָמען נעהמט אָן אַ כמעט מיסטיש־ריטואַלען כאַראַקטער. אַזוי צ. ב., שרייבט פאַר די קאָנסטיטוציע פון די אַנשי מאָלאָדעצנע, אַז דער פּרעזידענט דאַרף עפענען און שליסען דעם מיטינג מיט'ן שפּרוך, „חברה מבקשי שלום אנשי מאָלאָדעצנע".

די לאַנדסמאַנשאַפטס קאָנסטיטוציעס זיינען כמעט אַלע איינשטימיג, אַז די פאַרהאַנדלונגען און ביכער זאָלען געפיהרט ווערען אין דער אידישער שפּראַך. מ׳קען זעהן ווי ווייט דער ענין פון דער אידישער שפּראַך איז ביי די אַלע לאַנדסלייט געווען אַן ערנסטע פראַגע. דאָס איז געווען זייער שפּראַך. זיי האָבען זי ליב געהאַט און זיי האָבען געוואוסט פון דער געפאהר, וואָס לויערט אויף איהר דאָ אין אַמעריקע. דערפאַר באַוואָרענען זיי זיך. זיי ווילען, אַז דאָרט, וואו זיי קומען זיך צוזאמען אַלס ברידער און לאַנדסלייט, זאָלען זיי קאָנען ריידען זייער אייגענע שפּראַך. די לאַנדסמאַנשאַפט פון אנשי גראָדנע גיט אָן: „די ביכער און אַלע געשעפטס־האַנדלונגען זאָללען אין דער אידישער שפּראַך געפירט ווערען, די קאָנסטיטושאָן און נאָטיסעס זאָללען אין אידישע בוכשטאַבען געדרוקט זיין". אין אייניגע קאָנסטיטוציעס ווערט געזאָגט, אַז די מיטינגען זאָלען אין דער „ריינער אידישער שפּראַך" געפיהרט ווערען.

אין אַנדערע קאָנסטיטוציעס ווידער הייסט עס אין „דער זשאַרגאָנישער שפּראַך", אָדער „אין אידיש (זשאַרגאָן)". די אינדעפּענדענט מאָגילניצער קאָנסטיטוציע באַשטימט, אַז אויב אַ מיטגליד וויל ריידען ניט אויף אידיש, דאַרף ער צוערשט ביים פּרעזידענט בעטען אַ דערלויבעניש. די קאָלאָמייער אָבער זיינען אַן אויסנאַהם. זיי זיינען דייטשע פּאַטריאָטען. זייער אַלטע קאָנסטיטוציע באַשטימט: „אַז אַללע פאַרהאַנדלונגען פאָם פעריינע פּראָטאָקאָל און פינאַנץ ביכער, זאָללען אין דייטשער שפּראַכע געפירט ווערדען. ווען אָבער דער בעטרעפענדע בעאַמטע דער דייטשען שפּראַכע ניכט מעכטיג איזט קענען די זעלבען אין אידישען ווי אויך ענגלישער שפּראַכע געפיהרט ווערדען". מען קען זיך משער זיין, אַז אַ סך פון די מיטגלידער און אפילו באַאַמטע זיינען „דער דייטשער שפּראַכע ניכט מעכטיג געווען". די קאָנסטיטוציע פון די יונאָווער מאַכט אַ קאָמפּראָמיס — די ביזנעס און פיהרונגען זאָלען זיין אין אידיש און ענגליש; די פּראָטאָקאָל־ביכער זאָלען געפיהרט ווערען אין אידיש און די פינאַנץ־ביכער — אין ענגליש.

דער צוועק פון פאַראיין ווערט פון די „ערשטע קאַליסער" אָנגענומען:

1) אונטערשטיצונג אין פאַל פון קראַנקהייט, 2) טויטען בענעפיט פאַר מאַן און פרוי, 3) באַערדיגונג קאָסטען און באַגרעבניש פּלאַץ. די „ערשטע טוראָווער" לאַנדסמאַנשאַפט מאַכט עס קורץ: „דיעזער פעראיין בעשטעהט אום צו אונטערשטיצען קראַנקע און נויט־ליידענדע ברידער אויך טויטען־פעלע עקספּענסעס און ענדאומענטס אויסצוצאָלען". אין אַן אַנדערער קאָנסטיטוציע רעדט זיך אויך פון שבעה־בענעפיט און אין איינער — פון דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון די מיטגלידער. די „ערשטע שענדישאָווער גאַליציאַנער חברה" זאָגט: „דער צוועק פון דער חברה איז, דערהאַלטען דעם גייסט פון ברידערליכקייט צווישען אַללע שענדישאָווער לאַנדסלייט און דאַדורך דעמאָנסטרירען אחדות און שלום צווישען די ברידער פון דער חברה. דער דאָזיגער אידעאַל זאָל אויך אָנגעווענדעט ווערען צווישען דעם יונגען דור געבוירען אין דעם לאַנד, און שטרעבען איינצופלאַנצען אין זיי די באַוואוסטזיניגקייט פון זייער אָפּשטאַמונג".

דאָס קען מען זאָגען איז געווען דער גייסטיגער באַזיס פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, דער ציל און צוועק פון זייער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג.

פאַרזאַמלונגען

לויט דער קאָנסטיטוציע ווערען אָפּגעהאַלטען רעגולערע מיטינגען צוויי מאָל א חודש. געוויינטליך האָט יעדע סאָסייעטי אַ באַשטימטען טאָג אין דער וואָך, למשל, אַן ערשטען און דריטען זונטאָג, אָדער דעם צווייטען און פערטען דאָנערשטאָג, און דאָס גלייכען. אַכט אָדער אכט דרייסיג איז אין אַלע קאָנסטיטוציעס די פאָרגעשריבענע שעה ווען די מיטינגען זאָלען זיך אָנהויבען. דזשענעראַל מיטינגען ווערען אַלע דריי מאָנאַט גערופען. עס קענען אויך ספּעציעלע מיטינגען גערופען ווערען, אָדער פון פּרעזידענט, אָדער אויפ׳ן פאַרלאַנג פון זיבען אָדער צעהן מיטגלידער. אויף די ספּעציעלע מיטינגען טאָר קיין אַנדער זאַך ניט פאַרהאַנדעלט ווערען, נאָר דער ענין, צוליב וועלכען מען האָט דעם מיטינג פאַררופען. צו עפענען דעם מיטינג איז נויטיג אַ קוואָרום (7 אָדער 10 מיטגלידער), און זיי זיינען באַרעכטיגט אַלע געזעצליכע געשעפטען צו פאַרהאַנדלען.

באַאַמטע און וואַהלען.

די קאָנסטיטוציעס שרייבען פאָר די וואַהל פון פאָלגענדע באַמטע:

פּרעזידענט
וויס־פּרעזידענט
פינאַנץ־סעקרעטאַר
פּראָטאָקאָל־סעקרעטאר
קעשיר
טראָסטיס (די צאָל איז פאַרשיידען)
האָספּיטעלער
אינערוואַכע

טשערמאַן פון חברה קדישא (אַמאָל הייסט ער טשערמאַן פון „בית החיים", אָדער פון „סעמעטערי", אָדער פון „גאָטטעסאקער".)

פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען נאָך אַנדערע באַאַמטע, ווי טשערמאַן פון לאָאַן־פאָנד, אדוויזערי באָארד טשערמאַן פון נייע קאַנדידאטען, אַן עקזעקוטיוו באָארד, דאָקטוירים (וועגען די ספּעציעלע באַאַמטע פון די „אַנשי" לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלען מיר ריידען אין אַ באַזונדערען אַרטיקעל).

די באַאַמטע ווערען לרוב געוועהלט אויף 6 מאָנאַטען צייט. כדי צו קענען דערוועהלט ווערען צו אַן אַמט, מוז אַ „ברודער" לכל הפחות זיין 6 מאָנאַטען אַ מיטגליד פון דער סאָסייעטי, און גוטשטעהענד. אייניגע קאָנסטיטוציעס גיבען אָן

אַז די באַאַמטע מוזען קענען לייענען און שרייבען. נאָר יענער קען „לויפען" פאַר פרעזידענט, וואָס האָט שוין אַמאָל געהאַט אַן אַמט אין דער סאָסייעטי. אַ סך קאָנסטיטוציעס זאָגען, אַז פאָטער און זוהן, אָדער נאָהענטע קרובים קענען ניט זיין קיין באַאַמטע אין דערזעלבער צייט. די אורזאַך איז פאַרשטענדליך. מען האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען פון צופיל מאַכט אין די זעלבע הענט. די „טוראָווער" קאָנסטיטוציע שרייבט פאָר, אַז אַ פרעזידענט קען ניט זיין מעהר ווי

פּנקס מהחברה

קדישא, דחברה מבקשי שלום אנשי מאלאדעצנע שנתיסדה בשנת תרמ״ה לפ״ק פה ניי יארק אמעריקא

אם בין גויתי וריר הפריד נדיד
ליבי ורעיני יראין אחרו —
קירית לבבי — ונשאר לי כקים
ליבי. אשר נטע שם בריתו

נ״עשה
ביום גימל כ״א ימים לחדש כסלו שנת ושמח יי אלהים דרכעה פעל כלפנים בבאא.
לפ״ק

שער-בלאַט פון אַ חברה-קדישא פּנקס אין יאָהר 1885, נ. י.

צוויי טערמינען. דערנאָך מוז ער זיך אָפּזאָגען, אָבער נאָך 6 מאָנאַטען, קען ער ווידער לויפען פאַר פרעזידענט.

די קאָנסטיטוציעס רעכענען אויס גענוי די פליכטען פון די פאַרשיידענע באַאַמטע. מיר וועלען זיך נאָר אָפּשטעלען אויף די פליכטען פון „האָספּיטעלער" און „אינער-וואַכע", וואָס וועלען איינעם, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט די לאַנדסמאַנשאַפטען, קלינגען אודאי אומפאַרשטענדליך. דער האָספּיטעלער מוז באַזוכען יעדען ברודער, וואָס מעלדעט זיך קראַנק; ער מוז אַכטונג געבען, אַז דער קראַנקער זאָל באַהאַנדעלט ווערען ריכטיג פון דאָקטאָר. ער מוז דעם קראַנקען פערזענליך באַזוכען איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך. ער מוז באַריכטען ביי די מיטינגען וועגען דעם קראַנקען, פאַרזאָרגען, אַז קאָמיטעטען פון „ברידער", וואָס וואוינען אין דער נאָכבאַרשאַפט, זאָלען דעם קראַנקען באַזוכען און אַזוי ווייטער.

דער „אינער-וואַכער" איז דער שומר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. ער גיט אכטונג אויף דער אָרדענונג אין מיטינגפלאַץ, ער גיט אכטונג, קיינער זאָל ניט שטערען דעם מיטינג און א. וו.

פליכטען פון מיטגלידער

דער מיטגליד פון דער לאַנדסמאַנשאַפט איז פאַרפליכטעט צו קומען צו די מיטינגען, פאָלגען די באַאַמטע, באַצאָלען פּינקטליך זיינע חובות צו דער סאָסייעטי (אַז ניט, ווערט ער „געשטראָכען"). ס'איז פאַראַנען אַ ספּעציעלער „שטרייך-אָוועַנט" — ד. ה. דער לעצטער טערמין, ביז וועלכען אַ מעמבער קען באַצאָלען זיינע חובות, אָנטייל נעהמען אין קאָמיטעס, אין וועלכע מען וועהלט איהם אויס, באַזוכען אַ קראַנקען ברודער. ער מוז אומבאַדינגט קומען צו אַ לויה פון אַ געשטאָרבענעם ברודער. די קאָנסטיטוציע פון די „פּוכאָוויצער" האָט אַ ספּעציעלען פאַראַגראַף וועגען דעם:

„ביי אַ לויה פון אַ מיטגליד אָדער זיין פרוי איז יעדער מיטגליד פאַרפליכטעט זיך אַנשטענדיק אָנקליידען און קומען צו דער צייט... יעדער מיטגליד איז פאַרפליכטעט צו געהן אין ליין און טאָר ניט סמוקען אין דער צייט פון לויה, און ווען איינער פאָלגט ניט, ווערט ער שטראַפירט מיט 50 סענט".

וועָן אַ מעמבער האָט חתונה

אַן אַנדער פאַראַגראַף פון דער זעלבער קאָנסטיטוציע זאָגט:

„ווען איין מיטגליד איז געוואָרען איין מעמבער אַלס סינגעל און דערנאָך האָט ער געהייראַט, מוז ער גלייך מעלדען".

פאַראַגראַף 13 פון דער „פוירסט קאַליסער בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן" זאָגט וועגען דעם ענין אַזוי:

„ווען אַ מעמבער געהט הייראַטען, אַזוי איז ער פאַרפליכטעט זיין פרוי פאָרצושלאָגען אין פאַראיין, דער פאַראיין האָט צו אַפּוינטען אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל זיך מיט איהר איבערגעהען צום דאָקטאָר אום איין אַטעסט פון איהר געזונדהייט צו קריגען. אין פאַל אָבער זי איז פון דאָקטאָר ערקלעהרט געוואָרען אַלס אונגינסטיג, אַזוי פאַרבלייבט דער באַטרעפענדער מעמבער אַלס סינגעל און זאָל קיין טויטען בענעפיט פיר זיין פרוי פון פאַראיין ניט קריגען".

אַ סך קאָנסטיטוציעס באַשטימען אַ מתנה פאַר אַ מיטגליד, וואָס געהט חתונה האָבען. דער נאַרעווקער אונטערשטיצונג פאַראיין באַשטימט פינף דאָלער אויב דער מיט-

גליד באַלאַנגט אַ גאַנץ יאָהר צו דער סאָסייעטי. די יונאָוער לאַנדסמאַנשאַפט באַשטימט פאַר אַ מיטגליד וואָס איז שוין אַ גאַנץ יאָהר אין פאַראיין, 10 דאָלער און אויב 6 מאָנאַטען, פינף דאָלער. און נאָך ווערט באַשטימט, אַז דער פּרעזענט זאָל איבערגעגעבען ווערען פון דעם וויס־טשערמאַן ביי דער חתונה פון „ברודער".

די נאַרעווקער קאָנסטיטוציע באַשטעהט אויך, אַז אַ קאָמיטע פון 7 מיטגלידער מוז דערוועהלט ווערען צו באַזוכען אַ חתונה פון אַ מיטגליד אָדער חתונה פון זיינער אַ טאָכטער. „העטשעק איז אויף דער רעכענונג פון פאַראיין".

אַלע קאָנסטיטוציעס זיינען מסכים, אַז ווען אַ מיטגליד האָט חתונה מיט אַ גוי'ע, אָדער האָט חתונה ניט כדת משה וישראל, קען ער ניט פאַרבלייבען אין דער לאַנדסמאַנשאַפט.

נייע מיטגלידער

נייע מיטגלידער מוזען זיין אין עלטער פון 18 ביז 40, מוזען קערפּערליך און גייסטיג געזונט זיין, מוזען האָבען אַן אַנשטענדיגען מאָראַלישען כאַראַקטער, מוזען זיין אידען, און זייערע פרויען, אויב זיי זיינען פאַרהייראַט, מוזען זיין פון אידישען אָפּשטאַם און זיי מוזען זיין פאַרהייראַט לויט'ן אידישען דין, און קענען ערנעהרען זייערע פאַמיליעס.

דער נייער מיטגליד מוז אַמוויניגסטענס זיין 6 מאָנאַטען אין לאַנד. דאָס זיינען לויט אַלע קאָנסטיטוציעס די קוואַליפיקאַציעס, וואָס אַ קאַנדידאַט פאַר א לאַנדסמאַנשאַפט מוז באַזיצען. די קאָלאָמייער קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז קיין סאלון־קיפּערס קענען ניט ווערען קיין מיטגלידער. אייניגע קאָנסטיטוציעס באַגרעניצען די עלטער ביז 32 און אַנדערע ביז 35 יאָהר.

די פּראָצעדור איז געוויינטליך אַזאַ. דער קאַנדידאַט ווערט פון אַ מיטגליד פאָרגעשלאָגען. ער גיט אריין אַ שריפטליכע אַפּליקאַציע מיט דער ביילאַגע פון פאָרשלאָגס־געלט און אַ דאָקטאָר אַטעסטאַט. עס ווערט דערנאָך באַשטימט אַ קאָמיטעט, וועלכער אונטערזוכט דעם נייעם מיטגליד און באַריכטעט צו דער מיטגלידערשאַפט און ס'ווערט אָפּגעשטימט צי מען זאָל יאָ אַריינגעהמען, צי ניט.

דער איינטריט אָפּצאָל פון די קאַנדידאַטען איז לויט די יאָהרען. וואָס עלטער, אַלץ העכער דער איינטריט־אָפּצאָל.

די פּאָנעוועזשער קאָנסטיטוציע גיט אָן די פאָלגענדע אָפּצאָלונגען:

אין עלטער פון 20 ביז 24 יאָהר — — — 1 דאָל. 50 ס.
אין עלטער פון 25 ביז 29 יאָהר — — — 2 דאָל. — ס.
אין עלטער פון 30 ביז 34 יאָהר — — — 2 דאָל. 50 ס.
אין עלטער פון 35 ביז 40 יאָהר — — — 3 דאָל. 50 ס.

די יונאָוער קאָנסטיציע זאָגט, אַז „ווען דער דאָקטאָר אַטעסטאַט פאַר'ן קאַנדידאַט גינסטיג איז, אָבער פאַר זיין פרוי ניט גינסטיג איז, קען ער צום פאַראיין ניט באַלאַנגען" (דער פאַראיין זאָל ניט דאַרפען באַצאָלען קיין בענעפיט אין טויטענפאַל). אַנדערע קאָנסטיטוציעס נעהמען אַריין אַזאַ מיטגליד, אָבער אַלס סינגעל (ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרען). מאַנכע פאַראיינען נעהמען אינגאַנצען ניט אַריין קיין מיטגלידער איבער פערציג, אָדער נעהמען יאָ אריין, באַשטימענדיג דערביי אַ באַזונדערען העכערען איינטריט אָפּצאָל. פאַרשיידענע קאָנסטיטוציעס באַשטימען אויך פאַרשיידענע אנדערע אָפּצאָלען א חוץ די קוואַרטעל־דיוס. די סאַטאַנאָווער קאָנסטיטוציע פאַרלאַנגט, למשל, אַ חוץ אויפנאַמס־געלט, 10 דאָל. פאַר סעמעטערי, אַ דאָלער ענדאַומענט און 50 סענט פאַר קאָנסטיטושאָן ביכעל. (אין אַנדערע סאָסייעטיס קאָסט דאָס קאָנסטיטוציע ביכעל נאָר 25 סענט). די סאַטאַנאָווער קאָנסטיטוציע האָט אויך פאָלגענדע טשיקאַווע באַשטימונג: „אַ פרוי אַן אלמנה, אָדער א גרושה פון סאטאנאָוו ביז 40 יאָהר, קען אריינקומען אין אונזער פאַראיין אויף די פאָלגענדע פונקטען: 1) זי מוז באַצאָלען 25 דאָלער, 2) זי מוז צאָלען 2 דאָלער אַ קוואַרטעל דיוס, 3) און זי איז באַרעכטיגט בלויז צו סעמעטערי מיט באַערדיגונגס־קאָסטען".

די פוכאָוויצער קאָנסטיטוציע איז זעהר מקפיד אריינצונעהמען נאָר לאַנדסלייט. אין צווייטען פּאַראַגראַף פון אַרטיקעל וועגען דער אויפנאַהמע פון נייע מיטגלידער, האָט זי אַזאַ דין: „אַ קאַנדידאַט קען נאָר פאָרגעשלאָגען ווערען, וועלכער איז אַ פוכאָוויצער, אָדער 21 וויאָרסט ארום פוכאָוויץ, אויך פוכאָוויצער איידעמס, אויך אַ מיטגליד'ס אַן איידעם". פאַראַנען דאָרט אויך אַזאַ טשיקאַווע באַשטימונג: „ווען די פרוי' פון אַ נייעם קאַנדידאַט שוועגגערט, מוז ער וואַרטען ביז 4 וואָכען נאָך די ענטבינדונג און דאַן מוז א קאָמיטע ווידער באַזוכען די גאַנצע פאַמיליע און ברענגען אַ בעריכט צום מיטינג".

די באָארד אָוו דירעקטאָרס פון פוכאָוויצער האָט אויך דאָס רעכט אַריינצונעמען „באַגרעניצטע מעמבערס", ד. ה. מעמבערס, וואָס זיינען באַרעכטיגט נאָר צו אַזעלכע בענעפיטען, וואָס דער באָאַרד אָוו דירעקטאָרס וועט באַשטימען.

די נייע מיטגלידער ווערען אַריינגעפיהרט מיט פאַראַד. די סאַטאַנאָווער קאָנסטיטוציע באַשרייבט אַזוי די צערעמאָניע ביים אריינפיהרען קאַנדידאַטען:

„פיהרער און קאַנדידאַט קומען אריין און שטעלען פאַר דעם נייעם קאַנדידאַט פאַר'ן פרעזידענט, און דער פרעזידענט שווערט איהם איין: ווערטהער פריינד, בעפאָר איך וועל אייך איבערגעבען דעם צייכען פון אונזער סאָסייעטי און אייך איינשווערען פאַר איין ברודער, מוזט איהר געבען אייער עהרען וואָרט, אַז איהר פאַרפליכטעט זיך נאָכצוקומען אַלע געזעצען און פאָרשריפטען, ווי אויך אַלע פליכטען פון אונזער סאָסייעטי, און קיין ברודער סיי דורך וואָרט אָדער טהאַט קיין אונרעכט צו טון.

(פרעזידענט): 1. „איך וויל אייך באַקאַנט מאַכען מיט דעם צייכען און עמבלעם פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ווי איהר וועט זעהן, געפינט זיך אויף דעם באַטאָן אַן אַנקער און מיט אַנקער זענען מיר פאַראַנקערט, ברידערליך איבערגעגעבען

איינער צום צווייטען חס ושלום אין נויט, אַזוי ווי אַ שיף אויפ'ן ים ווען אַ שטורעם קומט אָן, איז דער אַנקער האַלט אָפּ דעם שטורעם, אַזוי באַדייטעט דער אַנקער ביי אונזער אָרגאַניזאַציע.

2. „יעצט קומט איינלאַס צייכען — ווען איהר קומט צום מיטינג און די טיר איז געשלאָסען, דארפט איהר געבען דאָס פאסיר וואָרט צום אינסייד גאַרד.

3. „יעצט קומט באַגריסונג צייכען — ווען איהר קומט אַריין און דער מיטינג געהט שוין אָן דאַרפט איהר באַגריסען דעם פּרעזידענט מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער ברוסט, דעם זעלבען באַגריסונג־צייכען דעם וויס־פּרעזידענט און דאַן פאַרנעמט איהר אייער פּלאַץ.

4. „יעצט קומט אָפּשטימונג־צייכען — ווען אַ פאָרשלאַג ווערט פאַרהאַנדעלט און דער פּרעזידענט נעהמט איהם צום אָפּשטימען צי איהר זענט פאַר'ן פאָרשלאַג, אָדער דאַגעגען, דאַרפט איהר אָפּגעבען אייער שטימע מיט אויפהויבען די רעכטע האַנט פאַר'ן פאָרשלאַג אָדער דאַגעגען אָבער איהר טאָרט ניט שטימען פאַר ביידע אי דאַפיר אי דאַגעגען".

5. „יעצט קומט האַמער־שלאַג צייכען — ווען דער פּרעזידענט גיט איין (1) קלאַפּ מיט דעם האַמער רופט ער אייך, צוויי (2) קלעפּ רופט ער די באַאַמטע, דריי (3) קלעפּ רופט ער די גאַנצע סאָסייעטי."

6. „יעצט קומט דער הויפּט־צייכען וואָס וועט אייך באַקאַנט מאַכען מיט אונזער סאָסייעטי אַז איהר מוזט אַטענדען די מיטינגען און לעזען די קאָנסטיטוציע, דאַן קענט איהר ווערען אַ גוטער מיטגליד."

7. „דער פּרעזידענט גיט דריי קלעפּ מיט'ן האַמער — אין נאָמען פון סאטאנאָווער בענעוואָלענט סאָסייעטי ערקלער איך דעם נייעם קאַנדידאַט געזעצליך אַריינגענומען מיט אַלע רעכטע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. מיינע ברידער, איך שטעל אייך פאָר אונזער נייעם מיטגליד. גיט איין קלאַפּ מיט'ן האַמער צו זעצען זיך."

ניט אַלע סאָסייעטיס פּראַווען אַזוינע גרויסע צערעמאָניעס. אָבער אַלע פּרואווען כאָטש אַף אַ זעהר פשוט'ן אופן, באַווירקען דעם נייעם קאַנדידאַט מיט דעם וויכטיגקייט פון מאָמענט.

עטלעכע קאָנסטיטוציעס רעכענען אויס די באַדייטונג פון דער צאָהל פון די האַמער קלעפּ וואָס דער פּרעזידענט גיט.

קראַנקען בענעפיט

יעדער גוטשטעהענדער מיטגליד, וואָס באַלאַנגט צו אַ לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי 6 מאָנאַטען, איז באַרעכטיגט ווען ער ווערט קראַנק און אונפעהיג צו אַרבעטען, צו קראַנקען־בענעפיט. די קאָנסטיטוציעס פון פאַרשידענע פאַראיינען באַוואָרנען זיך אָבער, אַז דער קראַנקען בענעפיט ווערט נאָר געצאָהלט דעמאָלט ווען אין דער קאַסע געפינט זיך אַזאַ סומע געלט. אייניגע פאַראיינען שטעלען אַוועק די סומע פון 1,000 דאָלער, אַנדערע 500 דאָלער, אַנדערע נידעריגער. אַנדערע העכער. אין פאַל ס'איז ניטאָ אַזויפיל געלט ווערט דער קראַנקען בענעפיט געשלאָסען. ווען אַ מיטגליד איז קראַנק אויף אַן אונמאָראַלישע קראַנקהייט קריגט ער ניט קיין בענעפיט. (אינטערעסאַנט איז וואָס אַלע קאָנסטיטוציעס אָהן אויסנאַהם האָבען דעם פּונקט.) דער בענעפיט איז ביי יעדער סאָסייעטי אַן אַנדערער אין דער צאָהל וואָכען, וואָס איינער קען קריגען דעם בענעפיט און אין דער וועכענטליכער סומע געלט. אייניגע סאָסייעטיס צאָהלען 8 וואָכען, אַנדערע 9, אייניגע 10, אַנדערע 12, אַנדערע 13 א. א. וו. אויב איינער ליידט פון אַ כראָנישער קראַנקהייט, קריגט ער אין אייניגע סאָסייעטיס בענעפיט אין משך פון איין יאָהר (די צאָהל וואָכען צו וועלכע ער איז באַרעכטיגט,) אין אַנדערע סאָסייעטיס צוויי יאָהר. דערנאָך קען ער אין מאַנכע פאַלען קריגען שטיצע, ניט קיין קראַנקען־בענעפיט. די האַראָדישטשער קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז „אַ קראַנקער מוז זיינע ביי־טרעגע און אַלע אָפּצאָהלונגען צאָהלען ווען דער פאַראיין האָט איהם ניט באַפרייט." די קאָנסטיטוציעס באַוואָרענען זיך אויך צו דער כראָניש קראַנקער האָט זיך ניט אַריינגע־גנב'עט מיט זיין כראָנישער קראַנקהייט אין דער סאָסייעטי. אייניגע קאָנסטיטוציעס נעמען פון איהם אין אַזאַ פאַל אַוועק די בענעפיטס, אַנדערע הייסען איהם אינגאַנצען אויסשליסען. די טוראָווער קאָנסטיטוציע האָט אַן אינטערעסאַנטע באַשטימונג וועגען איינעם וואָס ווערט קראַנק אויף קאָנסאָמפּשאָן (אַ קראַנקהייט וואָס איז צווישען די סוועט־שאַפּ אַרבעטער ניט געווען קיין זעלטענקייט) : „ווען אַ מעמבער ווערט קראַנק אויף קאָנסאָמפּשאָן זאָל ער קריגען 100 דאָלער עקסטרא אויסער דעם בענעפיט צו 20 דאָלער אַ וואָך אויסגעצאָהלט אין 5 וואָכען וואו ער וועט זיך געפינען, אין הויז אָדער אין קאָנטרי און ווען מען געפינט פאַר נויטווענדיג צו שטיצען איהם מעהר זאָל מען דאָס ביי אַ ספּעשעל מיטינג פאַרהאַנדלען."

די קאָנסטיטוציעס האָבען אויך באַשטימונגען וועגען שיקען צו די קראַנקע קאָמיטעס זיי מבקר חולים זיין און „לינה" ד. ה., ווען אַ קראַנקער נויטיגט זיך אין אַ מענטש וואָס זאָל בײַ איהם איבערנעכטיגען.

ש ב ע ה

יעדער מיטגליד פון לאַנדסמאַנשאַפט וואָס זיצט שבעה איז באַרעכטיגט פון דער סאָסייעטי צו שבעה בענעפיטען. דער שבעה בענעפיט איז געוויינליך 5 אָדער 7 דאָלער. אָבער צו דעם געלט איז ער נאָר דעמאָלט באַרעכטיגט ווען אַ קאָמיטע וואָס באַזוכט איהם (אין מאַנכע קאָנסטיטוציעס זאָגען אַן אַזאַ קאָמיטע דאַרף געשיקט ווערען יעדען טאָג), באַריכטעט אַז דער מענטש זיצט טאַקע שבעה. די קאָנסטיטוציע פון די האַראָדישטשער באַשטעהט אַז אויב אַ מיטגליד זיצט שבעה אויסער ניו יאָרק און וויל זיין שבעה בענעפיט, מוז ער אַן אַפידייוויט פון נאָטערי־פּאָבליק צושיקען.

נויטפאַל בענעפיט

אַ מיטגליד וואָס באַלאַנגט 6 מאָנאַטען צו אַ פאַראיין איז אין נויט־פאַל באַרעכטיגט צו שטיצע. די שטיצע באַטרעפט געוועהנליך 5 ביז 10 דאָלער. כדי צו קריגען אַ גרעסערע

שטיצע מוז אַ ספּעציעלער מיטינג פאַררופען ווערען. אינטערעסאַנט איז אַ פאַראַגראַף וועגען דעם ענין פון דער פּאָנעוועזשער קאָנסטיטוציע: „איין מיטגליד וועלכער וואַרפט דעם צווייטען פאָר אַז ער האָט גענומען שטיצע ווערט באַשטראָפט מיט איין דאָלער. צום צווייטען מאָל זאָל ער צו אַ געריכט איבערגעגעבען ווערען.״

טויטענפאַל און ענדאַומענט

פאַרזאָרגען זיך מיט קרקע נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז איינער פון די וויכטיגסטע מאָטיווען וואָס טרייבט יעדען איד אָנצושליסען זיך אין אַ סאָסייעטי. און קרקע אָדער סעמעטערי איז פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען פון יעדער לאַנדסמאַנשאַפט. אַלע פאַראייגען האָבען אייגענע סעמעטעריס. די קאָנסטיטוציעס האָבען לאַנגע פאַראַגראַפען וועגען די אַלע רעכטע פון אַ מיטגליד אין טויטען־פאַל. זיי רעכענען אויס מיט אַלע דעטאַלען די פליכטען פון פאַראיין ביי דער לויה און דעם ענדאַומענט אָדער פאַרזיכערונגס־געלט, (אין אַ סך פאַראיינען פער קאַפּיטא טעקס) וואָס דער פאַראיין דאַרף אויסצאָהלען דער פאַמיליע פון נפטר.

אַלע סאָסייעטיס טראָגען די קאָסטען פון דער לויה. זיי שרייבען געוויינליך פאָר וואָס דעם נפטר קומט: אַ טויטען־וואָגען (אַ הוירס), צוויי „קערידזשעס״ און די קאָסטען, ווערט אָנגעגעבען, זאָלען ניט איבערשטייגען אַ געוויסע סומע. זיי שרייבען אויך פאָר וואָס ס׳קומט אַ מיטגליד אין פאַל אַ קינד שטאַרבט. טייל סאָסייעטיס באַשטימען אַ סומע געלט, אַן ענדאַומענט, וואָס עס קומט די איבערגעבליבענע פון פאַרשטאָרבענעם און אַנדערע באַשטימען אַ פּער קאַפּיטא טעקס (געוועהנליך 1 דאָלער) וואָס יעדער מיטגליד מוז באַצאָהלען און דאָס געלט געהט פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם׳ס פאַמיליע. געוויינליך ווערט פאַרהאַלטען אַ דעפּאָזיט פאַר אַ מצבה, אַ באַוואָרענונג אַז אַ מצבה נאָך דעם פאַרשטאַרבענעם מיטגליד וועט געשטעלט ווערען. נאָכדעם ווי די מצבה ווערט געשטעלט, ווערט דאָס געלט אומגעקערט. די ענדאַומענט, אָדער דער פּער קאַפּיטא טעקס, איז אין פאַל פון טויט פון אַ פרוי פון אַ מיטגליד אין אַ סך סאָסייעטיס די העלפט פון דעם וואָס די פרוי באַקומט ווען דער מאַן שטאַרבט. די פרוי נאָכען טויט פון מאַן קען בלייבען אין פאַראיין. עס ווערט אין די קאָנסטיטוציעס באַשטימט וויפיל זי זאָל צאָהלען און זי איז נאָכ׳ן טויט באַרעכטיגט צו קרקע און לויה קאָסטען. איהרע יורשים זיינען ניט באַרעכטיגט צו קיין ענדאַומענט. ווען די פרוי הייראַט נאָכאַמאָל ענדיגען זיך אַלע איהרע פּריווילעגיעס. ווען אַ מיטגליד׳ס פרוי שטאַרבט און ער האָט באַקומען אַן ענדאַומענט און הייראַט נאָכאַמאָל מוז ער איינצאָהלען פאַר דער פרוי אַ סומע געלט (געוועהנליך 25 דאָלער). דערפאַר איז זי באַרעכטיגט צו קרקע און קאָסטען פון לויה. אָבער ענדאַומענט קען ער מעהר ווי איינמאָל ניט באַקומען.

די אַרטיקלען פון די קאָנסטיטוציעס וועגען טויטען־פאַלען און ענדאַומענט זיינען זייער דעטאַליזירט און נעהמען אַרום אַלע מעגלעכע פאַלען, ווייל דאָ האַנדעלט זיך וועגען געלט און די סאָסייעטיס באַוואָרענען זיך קעגען מעגלעכע קלאַגען. אָט זיינען אַ פּאָר פאַראַגראַפען פון דער ראָזאַנקער קאָנסטיטוציע וועגען טויטען־פאַלען:

פאַראַגראַף 8: „ווען עס שטאַרבט אַ מעמבער׳ס קינד, וועלכעס איז אונטער זיין רשות און דאָס קינד איז אונטער 1 יאָהר אַלט, איז עס באַרעכטיגט צו סעמעטערי, צו אַ מאַן וואָס זאָל טהאָן זיין רעכט און צו אַ באָגי. ווען דאָס קינד איז אָבער עלטער אַלס 1 יאהר איז עס באַרעכטיגט צו סעמעטערי, אַ לייכען־וואָגען, 1 קערידזש, און אַ מאַן צו טהאָן זיין רעכט אָדער אַ פרוי צו טהאָן איר רעכט.״

פאַראַגראַף 9: „קינדער וועלכע זיינען אונטער דעם פאָטער׳ס רשות הייסען טעכטער זאָלאַנג זיי זיינען אונפאַרהייראַט און זיהן וועלכע האָבען נאָך ניט עררייכט דאָס עלטער פון 18 יאָהר.״

פאַראַגראַף 10: „אַדאָפּטירטע קינדער ווערען גערעכענט ווי אייגענע קינדער און זיי באַלאַנגען צו אַלע עקספּענסעס פון דער סאָסייעטי. שטיף־קינדער ווערען ניט גערעכענט צו איהם און די סאָסייעטי איז ניט פערפליכטעט צו קיינע עקספּענסעס.״

פאַראַגראַף 11: „ווען אַ פרוי שיידעט זיך פון איהר מאַן און זי נעהמט די קינדער צו זיך, זיינען די קינדער באַרעכטיגט צו סעמעטערי און ענדאַומענט.״

פּאַרלאַמענטאַרישע רעגלען

אַלע קאָנסטיטוציעס גיבען אָפּ אַ סך פּלאַץ צו באַשטימונגען וועגען פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצען. זיי באַוואָרענען זיך אַז די סאָסייעטיס זאָלען זיין דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפטען און אַלע מיטגלידער זאָלען האָבען די זעלבע רעכט. זיי גיבען אָן מיט אַלע פּרטים ווי אַזוי די דעבאַטען זאָלען געפיהרט ווערען, וויפיל מאָל אַ מעמבער קען זיך מעלדען צום וואָרט, ווי מען שטימט וועגען פאָרשלאַגען, וועגען רעדנער ליסטען און רעדע־צייט, וועגען „שלוס דער רעדנער־ליסטע״ און „אַוועקלייגען אויפ׳ן טיש אַ פאָרשלאַג״ (טייבלען אַ פאָרשלאַג). מאַנכע גיבען נאָך צו אַז טאָמער איז עפּעס ניט קלאָר אין די פּאַרלעמענטאַרישע דינים זאָל מען זיך באַנוצען מיט „קושינג׳ס מאַניועל אָוו פּאַרלאַמענטאַריען רולס״.

פאַרשידענע אַנדערע פּונקטען אין די לאַנדסמאַנשאַפטען קאָנסטיטוציעס

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביז איצט באַריכות אויף די אַלע וויכטיגסטע פּונקטען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען קאָנסטיטוציעס. עס זיינען נאָך געבליבען פאַרשידענע מינדער־וויכטיגע פּונקטען, וועלכע מיר ווילען דאָ בקצור דערמאָנען. פאַרשידענע קאָנסטיטוציעס האָבען פאַרשידענע אייגענאַרטיגע אַרטיקלען. מאַנכע האָבען גאָר מאָדערנע אידייען; איניגע האָבען אַן „אָלד אײדזש פאָנד״, אַן „אינוואַלידען־פאָנד״; אַנדערע אַן „אָנעמפּלאָימענט פאָנד״. אַ סך קאָנסטיטוציעס האָבען אויך באַשטימונגען וועגען אַ „ליי־קאָסע״

פון וועלכע מיטגלידער קענען קריגען אַ קליינע הלואה. מאַנכע קאָנסטיטוציעס האָבען אַ ספּעציעלען פּונקט וועגען פאַרשידענע קאָמיטעס, וואָס דאַרפען אויסגעוועהלט ווערען און זייערע פונקציעס. עס ווערען אויסגעוועהלט: פינאַנס קאָמיטעס, קראַנקען און שבעה קאָמיטעס, אונטערשטיצונג און „אָלד־אײדזש" קאָמיטעס, „סעמעטערי" קאָמיטעס, און נאָך אַנדערע קאָמיטעס. אַלע קאָנסטיטוציעס האָבען אַרטיקלען וועגען פאַרשידענע קלאַגען און שטראָפען. עס ווערען אַרויפגעלייגט פאַרשידענע געלט שטראָפען פון עטליכע ביז 25 דאָלער פאַר אַלערליי חטאים, ווי ניט קומען צו מיטינגען, שטערען מיטינגען, פאַר ניט קומען צו קאָמיטעס, ניט קומען צו לויות א. א. וו. פון דעם קריגט די סאָסייעטי אַ נישקשה'דיגע הכנסה. לאָמיר נאָך דערמאָנען רייזע און אָבגאַנגקאַרטען וואָס סאָסייעטיס גיבען מיטגלידער, וואָס פאָהרען אַוועק אויף אַ קורצע צייט, און מיר וועלען האָבען אַרומגענומען אַלע פונקטען פון די לאַנדסמאַנשאַפט־קאָנסטיטוציעס. אין אָנהויב פון אונזער אַרטיקל האָבען מיר דערמאָנט וועגען פונקט וואָס אַלע קאָנסטיטוציעס האָבען וועגען ענדערען די קאָנסטיטוציע אָדער דורכפיהרען אַן אַמענדמענט. אַזאַ פאָרשלאַג מוז עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט ווערען און אַ ספּעציעלער מיטינג מוז פאַררופען ווערען און דער אַמענדמענט מוז קריגען צוויי דריטעל שטימען.

די אנשי קאָנסטיטוציעס

די קאָנסטיטוציעס פון די אנשי־לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אין א סך הינזיכטען ענליך צו די קאָנסטיטוציעס פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען און מיר האָבען זיך אויף אייניגע פון זיי אָפּגעשטעלט און אפילו געבראַכט ציטאַטען פון אַ צאָהל. עס זיינען אָבער פאַראַנען עטלעכע פונקטען וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר די אנשי'ס און זיינען אין געוויינלעכע לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטיס אינגאַנצען ניטאָ און פונקטען מיט וועלכע די קאָנסטיטוציעס פון די אנשי'ס געבען זיך אָפּ באַריכות און וואָס זיינען אין אַנדערע קאָנסטיטוציעס בלויז באַרירט געוואָרען, ווי דינים פון חברה קדישא א. א. וו.

די אנשי סאָסייעטי איז אגב פאַרבונדען מיט אַ שול און איינע פון איהרע הויפּט־אויפגאַבען איז אויפצוהאַלטען די אַלע רעליגיעזע מנהגים. ס'רוב קאָנסטיטוציעס פון די אנשי'ס באַטאָנען דאָס שטאַרק ווען ס'רעדט זיך וועגען צוועק פון דער חברה. אַזוי זאָגט די קאָנסטיטוציע פון די כוכב יעקב אנשי קאַמינעץ דליטא:

„דער צוועק פון דער חברה איז צו האָבען אַ שול צו דאַוועגען שבת ויו"ט און טעגליך, אויך צום לערנען, אַלעס זאָל געפיהרט ווערען כמנהג אשכנז סטריקט אָרטאָדאָקסיש."

מאַנכע קאָנסטיטוציעס באַוואָרענען זיך אַז מען זאָל זיך ניט נאָר פיהרען אָרטאָדאָקסיש, נאָר מען זאָל זיך פיהרען ווי מ'האָט זיך געפיהרט אין דער אַלטער היים. אַזוי זאָגט די קאָנסטיטוציע פון די אנשי לובעשאָוו ויאנאָווע אַז: „די געמיינדע זאָל האָבען איין שוהל צום דאַוועגען יעדען טאָג און שבת ויו"ט, כמנהג אחב"י 'אנשי לובעשאָוו ויאנאָווע'." אין דער קאָנסטיטוציע פון דער חברה עדת ישראל אנשי גאַליציא מנהג ספרד הייסט עס: „די חברה איסט געגרינדעט צו באַשטעהען ע"פי דתו"הק וע"פי מנהג חסידים הנוהגים בהקלויזען של צדיקי זמנינו... און דער נוסח התפלה זאָל תמיד זיין נוסח ספרד. עס קאָן ניעמאַלס געענדערט ווערדען."

די שענדישאָווער קאָנסטיטוציע זאָגט אַזוי: „די שענדישאָווער חברה איז געגרינדעט אויף די יסודות פון תורת ישראל און מוז געפיהרט ווערען אינ'ם גייסט פון רעליגיעזען אידענטום." אַ סך קאָנסטיטוציעס האָבען אויך באַשטימונגען אַז מעמבערס מוזען קומען צום דאַווענען און אַז מעמבערס וואָס קומען ניט עטלעכע מאָל צום דאַווענען זאָלען באַשטראָפט ווערען.

די קאָנסטיטוציעס האָבען אויך פאַרשידענע פונקטען ווי מען דאַרף זיך אויפפיהרען אין שוהל, לייענען די נדרים און עליות, וועגען פאַרקויפען טיקעטס פאַר יום טובים א. א. וו.

אַזוי זאָגט די קאָנסטיטוציע פון אנשי קראסילאָב ספרד: „אַלע סיטס געלדער פון יומים נוראים מוזען פאָראויס באַצאָהלט ווערען", און „ביז ענדע דעם יאָהר מוז אינגאַנצען די נדרים אויסגעצאָהלט ווערען."

די קראסילאָווער קאָנסטיטוציע האָט אויך אַזאַ טשיקאַווע פונקט: „איין בעל־תפלה וואָס גייט ימים נוראים פאָרבעטען פיר דעם עמוד טאָר ניט שערען און ניט גאָלען די באָרד און טאָר ניט זיין קיין מחלל שבת."

אַט זיינען אַ פּאָר זייער אינטערעסאַנטע דינים וועגען יאָהרצייט און מפטיר וועלכע די קאָנסטיטוציע פון די אנשי קאַמינעץ דליטא גיט אָפּ אַ היבש ביסעל פּלאַץ:

פּאַראַגראַף 3. „ווען אַ מעמבער האָט יאָהרצייט אום שבת אָדער נעקסטע וואָך ווען עס איז ניט קיין טאָג פון קריאת התורה געהערט דער מפטיר פון דיעזען שבת צו איהם און דער מפטיר זאָל ניט פאַרקויפט ווערען."

פּאַראַגראַף 5: „ווען אַ מעמבערס אַ זאָהן ווערט בר־מצוה אָדער ווען אַ מעמבערס אַ חתן געפינט זיך אין שול אום שבת קודם החתונה זאָל דער מפטיר ניט פאַרקויפט ווערען."

פּאַראַגראַף 7. „יעדער בר־מצוה מוז זיך מיט אַ מאָנאַט בעפאָר מעלדען ביי דעם שמש און דער יעניגער וועלכער זיך צום ערשטען געמעלדעט האָט, איז באַרעכטיגט צום מפטיר. דער שמש מוז אָבער אַ רעכטיגען רעקאָרד דעריבער פיהרען אין אַ בוך און דעם נאָמען פון די געמעלדעטע ריכטיג נאָך דער רייהע שרייבען."

און נאָך אַ טשיקאַווער דין וועגען חתונה און עליות.

פּאַראַגראַף 9. „ווען אַ מעמבער פאַרהייראַט זיין קינד זאָ באַקומט ער פריי די חופּה און געז־באַלייכטונג אין שוהל באַ דער מעלדונג דעם פּרעזידענטען, און האָט דאָס רעכט אם שבת אחר החתונה אויף דעם בימה נעבען דעם פּרעזידענטען צו שטעהען און די עליות צו פערטיילען צו זיינע מחותנים."

די אנשי לאַנדסמאַנשאַפט וועהלט אַ חוץ די געוויינליכע באַאַמטע ווי פּרעזידענט, וויס־פּרעזידענט, סעקרעטאַר, קאַסירער און אַנדערע, אויך גבאים, אַ שמש און מתעסקים פון „חברה קדישא". די פליכטען פון גבאי ווערען אין דער קאָנסטיטוציע פון עדת ישראל אנשי גאַליציע אַזוי באַשטימט:

„קיין מענש האָט דאָס רעכט זיך צו שטעלען מתפלל זיין פאַר דער עמוד בלא ידיעות הגבא. בשבתות ויו"ט זאָל ער די בעלי־תפלות מכבד זיין אויך די עליות און אַנדערע כבודים צו פערטיילען, אויסנאַמען ווען די עליות ווערען פאַרקויפט. דאַן בלייבט אים נאָר די עהרע ביים ס"ת צו שטעהען און דאָס איבריגע צו פיהרען, אויך ווען איין מעמבער איז איין בעל־שמחה," א. א. וו.

דער שמש וואָס איז געוועהנליך אַ באַצאָהלטער און אַ סך מאָל ניט קיין מיטגליד פון דער סאָסייעטי, מוז לויט דער קאָנסטיטוציע אויספאָלגען די באַפעלען פון די גבאים און סעקרעטאַרען און טאָן אַלץ וואָס אַ שמש פון אַ שוהל דאַרף טאָן. די קאָנסטיטוציע פון עדת ישראל אנשי גאַליציע זאָגט וועגען די פליכטען פון שמש אין אַ דייטשמערישען אידיש:

„ער מוז אויך יעדען שבת שלש סעודות פאַרבערייטען ווי אויך הבדלה למוצ"ש". און ווייטער — „זאָל מאַן אויספינדען דאָס דער שמש האָט געמאַכט איין בעטרוג ווירד ער פון זיין אַמט סוספענדירט."

די אַרבייט פון דער חברה קדישא ווערט זייער הויך געשטעלט אין דער אידישער טראַדיציע. די קאָנסטיטוציעס פון די אַנשי לאַנדסמאַנשאַפטען גיבען אָפּ אַ סך פּלאַץ צו די פליכטען און פריווילעגיעס פון די מתעסקים פון דער חברה קדישא. עטלעכע גיבען אָפּ אַ שטיקעל פּלאַץ צו לויבען און באַזינגען די וויכטיקייט פון דער חברה קדישא. דער פּרעזידענט פון דער פּאָנעוועזשער לאַנדסמאַנשאַפט, מ. בלומענטהאל, האָט פאַרפאַסט אַזאַ חבור וועגען דער חברה קדישא אָפּגעדרוקט אונטער זיין נאָמען צום סוף פון דער קאָנסטיטוציע.

„שטאַרבען, אָבער ניט אָפּשטאַרבען, יעדער מענש אויף זיין אָרט שטרעבט ניט אָפּצושטאַרבען, שטרעבט דאָס זיין אָנדענקען זאָל דויערען און בלייבען אויף דער וועלט וואָס לענגער. אונזער חברה קדישא חוץ וואָס זיי טרייען זייער בעסט דאָס די טהרה און קבורה זאָלען זיין נאָכ'ן דת ישראל פאַראייביגען זיי דעם נאָמען פון יעדען מעמבער דורך הזכרת נשמות יעדען טאָג פון יזכור און אַלעס וואָס איז מעגליך אַז אַ נאָמען פון אַ מיטגליד זאָל פון דער וועלט ניט פאַרגעסען ווערען." און ער ענדיגט — „עס איז ווינשענסווערט דאָס אונזערע יונגערע מעמבערס זאָלען זיך אָנשליסען אָן די חברה קדישא אום דיזע וויכטיגע אינסטיטושאָן זאָל אימער עקזיסטירען ווייל מיר זיינען דאָך שטערבליכע."

די ערשטע שענדישאָווער גאַליציאַנער חברה האָט אַזאַ פאָרוואָרט צו דעם אַרטיקעל וועגען חברה קדישא:

„די חברה קדישא ווערט באַטראַכט אין אידישען דין און ביים אידישען פאָלק אַלס די הייליגסטע און העכסטע עטישע קערפּערשאַפט, ווייל זי איז מקיים אין פולען זין פון וואָרט די מצוה פון חסד של אמת."

„דעראיבער איז דער אַמט פון מיטגלידער אין דער חברה קדישא ניט נאָר אַן אויסערגעוועהנליכער כבוד נאָר אויך אַ העכסט פעראַנטוואָרטליכער און מוז דורכגעפיהרט ווערען לויט דער דיסציפּלין און געזעצען פון דער חברה קדישא."

די קאָנסטיטוציעס גיבען אָן גענוי אַלע פליכטען פון די חברה קדישא לייט און אין אַנערקענונג פון זעהרע שווערע און ניט זעהר אַנגענעמע פליכטען באַלוינען זיי זיי מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. צו די פליכטען פון די מתעסקים פון דער חברה קדישא באַלאַנגען:

באַזאָרגען אַלץ וואָס האָט אַ שיכות מיט קבורה — תכריכים, ארון המת, קבר, די לויה א. א. וו. די מתעסקים דאַרפען אויך אַנוועזענד זיין ביי דער גסיסה ביז נאָך יציאת נשמה און באַזאָרגען די טהרה און זעהן אַלץ זאָל גיין לויטען אידישען דין. די סאָסייעטי באַזאָרגט אויך מיט אַ קדיש אויב נויטיג און היט אָפּ די יאָהרצייטען אויב ס'ניטאָ ווער ס'זאָל זיי אָפּהיטען. די קאָנסטיטוציע פון דער עדת ישראל אנשי גאַליציע גיט אָן אַז: „די חברה קדישא ברויכען צו זעהן אַז די טהרה וכל צרכי המת זאָל זיין נאָך מנהג קהילות קדישות וישרות מולדתנו גאַליציע".

די קאָנסטיטוציעס באַוויליגען פאַרשידענע געלדער פאַר דער חברה קדישא זיי זאָלען האָבען אַ שטיקעל „גוד טיים" אויך. די אויבען דערמאָנטע גאַליציאַנער קאָנסטיטוציע זאָגט אַז די חברה קדישא זאָל באַקומען 2 מאָל אין יאָהר פון דער של פסח 10 דאָלער און אויף הזכרות נשמות זאָל מען בשעת הקריאה מאַכען דער חברה קדישא איין מי שברך.

די ערשטע שענדישאָווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט אַזאַ פּונקט: „לזכרון דעם יאָהרצייט פונ'ם אַלטען שענדישאָווער רבי, ר' אברהם האראוויץ זצוק"ל זאָל די שענדישאָווער חברה אונטער דער אויפזיכט פון דער חברה קדישא מאַכען אַ סעודה. פאַר דער סעודה זאָל די חברה האָבען דאָס רעכט צו ספּענדען ביז 25 דאָלער". די קאָנסטיטוציע פון די אנשי באברויסק באַשטימט אַז אחרון של פסח שמיני עצרת און דער שבת פון פ' ויחי באַלאַנגען די עליות צו די חברים פון ח"ק און זייערע גבאים דאַרפען שטעהן אויף דער בימה און פאַרנאַנדערטיילען די עליות. און אַז די חברים פון דער חברה קדישא האָבען אַ רעכט אַז לאחר מאה שנה זאָל פאַר זיי אָפּגעטיילט ווערען עטלעכע פּלאַטס באַזונדער און דאָס זאָל זיך רופען דער שומרי שבת ווינקעל."

שמואל שוואַרץ

די לאַנדסמאַנשאַפטן־פאַרבאַנדן אין ניו יאָרק

די פאַרבאַנדען האָבען זיך פאַרמירט אין דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען סאָסייעטיס אין אַמעריקע. זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרבינדען די איינצעלנע, צעוואָרפענע לאַנדסמאַנשאַפטען צווישען זיך, צו דערהויבען זייער קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען מצב און צעמענטירען זיי אין איין גרויסען געזעלשאַפטליכען כח, וואָס זאָל זיין ווירקזאַם סיי אויפ׳ן נאַציאָנאַל קולטורעלען און סיי אויפן סאָציאַל עקאָנאָמישען געביט. די איינצעלנע אָפּגעזונדערטע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען מיט זייער אינדיווידועלער הילף־אַרבייט ניט געקענט באַפרידיגען די נויטען פון די אידישע מאַסען אין דער אַלטער היים, און זיי זיינען ניט געווען בכח צו לייזען די פּראָבלעם פון צוריק איינשטעלען און רעהאַביליטירען דאָס חרוב געוואָרענע אידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבען נאָך דער וועלט מלחמה. עס איז דעריבער געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט צו פאַראייניגען און צונויפברייננגען די פאַרשיידענע אידישע הילפס סאָסייעטיס און לאַנדסמאַנשאַפטען אין צענטראַלע קערפערשאַפטען, אַרויסהויבען פון זיי און אַנטוויקלען קאַדרען פירער און טוער, כדי זיי זאָלען קענען קאָלעקטיוו און אויף אַן אָרגאַניזירטען אופן אָנפיהרען די גרויסע הילף־אַרבייט און דערגרייכען אַ מאַקסימום רעזולטאַטען. אַזעלכע צענטראַלע קערפערשאַפטען האָבען זיך גענומען שאַפען נאָך מיט 30 יאָהר צוריק.

אַ דאַנק דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידען אויף יענער זייט ים, האָבען זיי זיך אָדער אַנטוויקעלט, אָדער זיי האָבען אויפגעהערט צו פונקציאָנירען. אַזוי זיינען, למשל, אויפגעלייזט געוואָרען דער אוקראַינישער פאַרבאַנד, דער בעסאַראַבער, דער בוקאָווינער פאַרבאַנד, א. אַ. די געשעענישען פון דער לעצטער צייט האָבען געבראַכט צו דער אויפלעבונג פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד, דעם ליטווישען א. אַ. וו

פּוילישער פאַרבאַנד, אָדער פעדעראַציע פון פּוילישע אידען אין אַמעריקע

דער פּוילישער פאַרבאַנד, וועלכער איז היינט אַ טייל פון דעם פּוילישען וועלט־פאַרבאַנד, איז געגרינדעט געוואָרען אין מאַי, 1908.

אַ גרופּע לאַנדסלייט פון פּוילען האָבען זיך אינקאָרפּאָרירט אַלס אַ פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט מיט דר. הענרי מאשקאָוויטש אין דער שפּיץ און פאַררופען אַ קאָנווענשאָן פון פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען אין בעטהאָווען האָל, 5־טע גאַס, נ. י. צו יענער קאָנווענשאָן זיינען געקומען אַרום 200 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען אַרום 50 לאַנדסמאַנשאַפטען. אברהם ראָזענבערג איז דערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט, און מר. זיגמונד מאסקאָוויטש — אַלס סעקרעטאַר. דער פאַרבאַנד האָט זיך דאַמאָלס גערופען — ״רוסיש־פּוילישע פעדעראַציע״.

די הויפּט־צוועקען פונ׳ם פאַרבאַנד זיינען געווען: צו וועקען און שטאַרקען דעם געפיל פון קרובה׳שאַפט צווישען די פּוילישע אידען אין אַמעריקע צו זייערע פאַרוואַנדטע אין דער אַלטער היים; העלפען פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק פון לאַנדסמאַנשאַפטען; העלפען די ניי־איינגעוואַנדערטע מאַטעריעל און געזעלשאַפטליך און בויען אַן אייגענעם האָספּיטאַל פאַר די וואָס קענען אַליין ניט באַצאָלען פאַר אָפּעראַציעס און מעדיצינישע הילף בכלל. די האָספּיטאַל פראַגע איז דאַן געווען די קאַרדינאַלסטע פראַגע. די פעדעראַציע האָט געווידמעט אַ סך כחות צו שאַפען אַזאַ מעדיצינישע אינסטיטוציע. די ערשטע צעהן יאָהר האָט די פעדעראַציע פאַרצייכענט ממשות׳דיגע רעזולטאַטען. די דאָזיגע אונטערנעמונג האָט אָבער ניט געהאַט קיין דויערענדיגע עקזיסטענץ, און ניט איבערגעלאָזט קיין שטאַרק אָנגענעמענע דערינערונגען. כאָטש פאַר די עטליכע יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער האָספּיטאַל פיל אויפגעטאָן פאַר דער פעדעראַציע און געגעבען מעדיצינישע הילף צו די מעהר אָרימערע שיכטען פון די רוסיש־פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען. דאָס איז דער היינטיגער בית דוד האָספּיטאַל, וועלכער ווערט איצט קאָנטראָלירט און אָנגעפיהרט פון אַ גרופּע דאָקטוירים אין דער שטאָט ניו יאָרק.

דירעקטע הילף פאַר די אידען אין פּוילען

גלייך ביים אויסברוך פונ׳ם וועלט־קריג האָט די פעדעראַציע אָנגעפיהרט מיט אַ געלט־קאַמפּאַניע און געזאַמעלט אַרום דרייסיג טויזענט דאָלאַר פאַר די אידען אין פּוילען. די פולע סומע פון דרייסיג טויזענט דאָלאַר איז אָפּגעשיקט געוואָרען מיט אַ ספּעציעלען שליח קיין וואַרשע. באַלד נאָך דער מלחמה האָט די פעדעראַציע געשיקט עטליכע וואַגאָנען אַלטע קליידער קיין פּוילען, די דאָזיגע הילפס־אַקציעס האָבען אין אַ גרויסער מאָס געבראַכט אין נאָענטען קאָנטאַקט יענע טיילען פון פּוילישע אידען אין אַמעריקע, וועלכע זיינען שוין כמעט געווען אָפּגעקילט פון דער אַלטער היים.

קאָנסטרוקטיווע הילף

צו דער 16־טער קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפגעהאַלטען געוואָרען דעם 11־טען מאַי, 1924, זיינען געקומען אַרום 300 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען 65 לאַנדסמאַנשאַפטען. אויף יענער קאָנווענשאָן האָט די פעדעראַציע אַריינגעטראָגען אַן ענדערונג אין איהר רעליף אַרבייט. באַגלייך מיט דער קאָאָרדינירונג פון די טעטיגקייטען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען און זייערע אינערליכע אַרבייטען, האָט די פעדעראַציע אויסגעטיילט די געלט־זאַמלונג צו די לאַנדסמאַנשאַפטען גופא. די פעדעראַציע האָט געמאַכט פאַר איהר הויפט אויפגאַבע צו סיסטעמאַטיזירען און אָרגאַניזירען די מאַטעריעלע שטיצע אויף אַ קאָנסטרוקטיווען אופן און בכלל וועקען און רופען דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידענטום צו זיין וואַך צו די באַדערפענישען פון דעם גרעסטען אידישען קבוץ אין אייראָפע. אויף יענער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע וועגען בייטראָגען 25,000 דאָלאַר צום „אָרט". די רעזאָלוציע לייענט זיך: „נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, אַז די גרויסע נויטווענדיגקייט צו געבען קאָנסטרוקטיווע הילף צו אונזערע ברידער אין פוילען איז ביי דער איינשרענקונג פון אימיגראַציע קיין אַמעריקע נאָך פיל דרינגליכער געוואָרען ווי ביז איצט; אַז די פאַרשפרייטונג פון נוצליכע מלאכות צווישען דעם יונגען דור, און די הילף פאַר אידישע אַרבייטס־מענשען דורך געבען זיי געצייג אויף קרעדיט, איז איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען צו פאַרבעסערען די אידישע עקאָנאָמישע לאַגע אין פוילען און אויסהאָדעווען אַ דור פון זעלבסשטענדיגע נוצליכע בירגער פאַר דעם לאַנד וואו זיי געפינען זיך — נעמענדיג דאָס אַלץ אין אנבאַטראַכט, זיי עס באַשלאָסען, אַז די 16־טע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע פון פוילישע אידען אין אַמעריקע, אינדאָרסירט די וויכטיגע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע אַרבייט פון „אָרט־פאַרבאַנד"; פאָדערט אויף אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען זיך צו באַטייליגען אין דער קאָנפערענץ פון „אָרט"; און אין לויף פון דעם יאָהר זאָל מיט דער הילף פון אַלע אָנגעשלאָסענע לאַנדסמאַנשאַפטען געשאַפען ווערען אַ פאָנד פון 25,000 דאָלאַר פאַר דער אַרבייט פון דעם פוילישען „אָרט".

אין די יאָהרען 1924—1930, ביז פאַר דעם גרויסען קריזיס, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ שווערער משא געלייגט אויף דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג און אויך שטאַרק געטראָפען די אידישע אַרבייטער און האָרעפאַשניקעס, האָבען די אַמעריקאַנער אידען איבערגעשיקט קיין פוילען פון 18 ביז 20 מיליאָן דאָלאַר יעהרליך. אַ היפשער טייל פון דעם געלט איז געזאַמעלט געוואָרען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון'ם פאַרבאַנד. אַרום פיר־הונדערט רעליף קאָמיטעס זיינען דאַמאַלט אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון'ם פאַרבאַנד און נאָענט צו טויזענט לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען דערגרייכט געוואָרען צו העלפען אויפבויען דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון די געטראָפענע אויף יענער זייט ים אויף אַ פראָדוקטיווען און קאָנסטרוקטיווען אופן.

אין שייכות צו דער פראַגע וועגען העלפען באַזעצען אידען אין בירא־בידזשאַן, האָט זיך דער פאַרבאַנד וואַרעם אָפגערופען. נאָכדעם ווי דער פאַרבאַנד האָט אויסגעטוישט אַ רייע וויכטיגע פראַגען מיט דעם בירא־בידזשאַנער קאָמיטעט בנוגע רייזע קאָסטען, פרייע לאַנד פאַר די פוילישע אידען באַגלייך מיט די אידען פון סאָוועטען פאַרבאַנד, אָדער צו וועלען די איבערגעוואַנדערטע אידען פון פוילען אויפגענומען ווערען ווי גלייכבאַרעכטיגטע בירגער און קענען זיך אָנשליסען אין די קאָלעקטיווע און רעגירונגס פאַרמס, האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסען אנטייל צו נעמען אין די קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען און אויך געשיקט אַ קאָמיטעט צום באַנקעט, וואָס איז דאַן געגעבען געוואָרען לכבוד דעם סאָוועטישען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

אין 1936 האָט דער פאַרבאַנד אָרגאַניזירט די „אַמעריקען אַפיל", אַן אַפאַראַט צו העלפען די אידען פון פוילען איינאָרדענען קאָאָפעראַטיווע אונטערנעמונגען און בכלל העלפען קאָנסטרוקטיוו אויפבויען דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון די אידען אין פוילען. דער פאַרבאַנד האָט געהאָלפען איינשטעלען אויפ'ן אָרט פאַרטרויענסווערטע פאַרטיילונגס־קאָמיטעטען. די געלדער זיינען אויסגעטיילט געוואָרען דורכאויס פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף, אויסער אין פאַלען, וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פאָגראָמירטע שטעט ווי, פשיטיק, טשיזשעוו און בריסק.

פאָליטישע טעטיגקייטען

מיט'ן צוועק איינצושטעלען נעענטערע באַציאונגען צווישען די פאָליאַקען און אידען אין אַמעריקע, האָט די פעדעראַציע געשאַפען אַ „גוד וויל" קאָמיטעט, וואָס איז געווען אונטער דער פיהרערשאַפט פון דר. יוסף טענענבוים. דער ערשטער מיטינג פון דעם „גוד וויל" קאָמיטעט איז אָפגעהאַלטען געוואָרען אין מעקאלפין האָטעל, נ. י., אין אַפריל, 1930. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון דרייסיג פערזאָן — 15 אידען און 15 ניט־אידען. די קאָנסטיטוציע פון קאָמיטעט זאָגט: „אַ געזעלשאַפט ווערט געגרינדעט צווישען אידען און ניט־אידען פון פוילישער אָפשטאַמונג, וועלכע וואוינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, צו העלפען קולטיווירען פריינדליכע באַציאונגען און שאַפען אַ געגענזייטיגע פאַרשטענדיגונג צווישען אידען און ניט־אידען פון פוילישער אָפשטאַמונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען".

די „גוד וויל" באַוועגונג האָט זיך פון דאַנען דערנאָך פאַרשפרייט אין פוילען זעלבסט און אין אַנדערע לענדער. עס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען.

די פעדעראַציע האָט אנטייל גענומען אין דעם קאַמפעין צו שאַפען אַ „שוואַרצבאָרד פאָנד", אין פאַרבינדונג מיט דעם פראָצעס איבער שוואַרצבאָרד'ן אין זיין נקמה־אַקט איבער דעם תלין פעטליוראָ; די פעדעראַציע האָט געהאָלפען זאַמלען אַלע מאַטעריאַלען וועגען די פעטליוראָ־פאָגראָמען.

אין פאַרבינדונג מיט דעם פראָיעקט, וואָס וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט געמאַכט צו דער פוילישער רעגירונג, אַז

די פוילישע רעגירונג זאָל העלפען דורך אַ גרעסערער עמיגראַציע באַפרייען זיך פון אַ גרעסערען טייל אידען אין פוילען, האָט דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד אַרויסגעגעבען פאָלגענדיגע מעלדונג:

„מיר, די פעדעראַציע פון די פוילישע אידען אין אַמעריקע, אַלס אַ טייל פון וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער נעמט אַריין פעדעראַציעס פון ניינצעהן לענדער, דריקען אויס אונזער שאַרפסטען פראָטעסט געגען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי׳ס פאַרהאַנדלונגען מיט דער פוילישער רעגירונג, אַז די אידען־פראַגע זאָל פאַרענטפערט ווערען דורך אַ געפּלאַנטער צוגעגרייטער עמיגראַציע. מיר פראָטעסטירען, קודם כל, געגען דעם עצם פּרינציפּ פון צולאָזען דעם געדאַנק, אַז די אידען־פראַגע אין פוילען קאָן פאַרענטפערט ווערען דורך זיין אויסגעטיילט פון אַנדערע מינאָריטעטען און, אַז דער גורל פון דריי און אַ האַלב מיליאָן אידען זאָל אָוועקגעפיהרט ווערען אויף אַן אַנדער אופן, ווי דאָס גאַנצע פוילישע פאָלק. אידען אין פוילען לעבען שוין דאָרט איבער טויזענט יאָהר. זיי האָבען בייגעשטייערט סיי מיט זייער בלוט און סיי מיט זייער גייסטיגען און אינדוסטריעלען כח צו אַלץ אין דעם היינטיגען פוילען. דאָס אידענטום אין פוילען מוז און זאָל סיי דורך פוילענ׳ס קאָנסטיטוציע און סיי דורך דער ווערסאַילער טריטי, שטייגען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע בירגער צו אַ בעסערען עקאָנאָמישען צושטאַנד. געוויס איז דאָ אין פוילען אַ פראַגע פון עמיגראַציע פאַר אידען, אָבער אַזוי גוט איז עס אויך פאַראַן פאַר די אוקראַינער און פאַר עטליכע מיליאָן פויערים, וועלכע לעבען איבער שווערע עקאָנאָמישע צייטען. דער וואָס טיילט אויס די אידישע מינאָריטעט און דערקלערט, אַז איהר לייזונג קאָן נאָר זיין אין אַ גרויסער מאַסענהאַפטער עמיגראַציע, איז אַ פאַררעטער צו די אידישע אינטערעסען אין פוילען, וועלכע זיינען אַזוי אויך געגנוג שוידערליך”.

די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבייט פון פאַרבאַנד

דער פאַרבאַנד האָט געהעריג אָפּגעשאַצט די ווירקונג פון פּרעסע און שריפט. אַרום 1924 האָט די פעדעראַציע, אונטער דער רעדאַקציע פון מר. ז. טיגעל, אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „דער פאַרבאַנד”. דער זשורנאַל איז דערשינען אין משך פון 6 יאָהר. דער „פאַרבאַנד” האָט געהאָלפען פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק פון לאַנדסמאַנשאַפטען און אונטער זיין איינפלוס געהאָלפען גרינדען לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַנדערע וועלט־טיילען ווי, אַרגענטינע, בראַזיל, פראַנקרייך, בעלגיע און קאַנאַדע. די 70 נומערען „פאַרבאַנד” אַנטהאַלטען אַן אוצר פון היסטאָרישען מאַטעריאַל וועגען דער געשיכטע פון די אידען אין פוילען אין אַמעריקע. אויך דער יעהרליכער בוך „פוילישע אידען”, וועלכער האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין יאָהר 1933, אונטער דער רעדאַקציע פון ז. טיגעל, איז אַ ליטעראַרישער בייטראג און אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגען אידישע ענינים בכלל און פויליש־אידישע בפרט.

דעם 22־טען פעברואַר, 1937, האָט די פעדעראַציע איינגעשטעלט אַ קולטור־סעקציע אויף אָנצופיהרען מיט דער קולטור־אַרבייט צווישען די פוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע. צווישען אַנדערע, האָט די קולטור־סעקציע זיך געשטעלט די אויפגאַבע צוציען און פאַראייניגען אַלע קולטור־שאַפענדיגע כחות אין לאַנד און העלפען דורכפיהרען די קולטור אויפגאַבען. די קולטור־סעקציע האָט אויך איינגעשטעלט אַ לעקציע ביוראָ און באַשלאָסען אַרויסגעבען פּעריאָדישע שריפטען און בראָשורען וועגען ענינים בנוגע די אידען אין פוילען. אויך העלפען פאַרשפּרייטען דאָס אידישע בוך.

אַלגעמיינע רעליף אַרבייט

אַחוץ די אויבען־דערמאָנטע פאָרמען פון רעליף האָט אויך די פעדעראַציע פיל מיטגעהאָלפען אין דעם, אַז די אָרימע שיכטען אין פוילען זאָלען באַקומען גענוצטע מלבושים פון זייערע קרובים אין אַמעריקע.

די אַקציע פון שיקען אַלטע קליידער קיין פוילען האָט אין אַ גרויסער מאָס אויך אַרויסגעהאָלפען דעם קליינעם שניידער אָדער שוסטער. די בעלי מלאכות האָבען באַקומען אַרבייט צו פאַרריכטען און איבערנייען די קליידער וואָס די קרובים האָבען באַקומען פון זייערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

פון גרויס וויכטיגקייט איז די אַרבייט וואָס די פעדעראַציע פיהרט אָן צו העלפען איהרע מיטגלידער בנוגע אימיגראַציע פון נאַטוראַליזאַציע ענינים פאַר די קרובים פון די פוילישע לאַנדסלייט. די פעדעראַציע האָט צווישען אַנדערע אויך איינגעפיהרט אַ רייע דעפּאַרטמענטס, וועלכע גיבען זיך אָפּ ספּעציעל מיט די פאָלגענדיגע אָנגעלעגענהייטען: אַ נאַטוראַליזאַציע ביוראָ וואו די מיטגלידער באַקומען אינפאָרמאַציע וועגען בירגער־פּאַפּירען; אַ אימיגראַציע קאָמיטע, וועלכע שטייט אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט׳ן נאַטוראַליזאַציע דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן; שטענדיגע פאַרבינדונג מיט דעם קאָמישיאָנער אָוו אימיגריישאָן אויף עליס איילאַנד; אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל אין וואַרשע, וועגען וויזעס און פּאַספּאָרטען פאַר די קרובים פון איהרע מיטגלידער.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט די פעדעראַציע, אויסער ניו יאָרק, פיר דיסטריקטען איבער׳ן לאַנד ווי, באָסטאָן, דעטראָיט, שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס. די פעדעראַציע האָט 300 ברענטשעס איבער׳ן לאַנד, וועלכע ציילען נאָענט צו 55 טויזענט מיטגלידער, 80 פון זיי אין ניו יאָרק.

דער הויפּט־אָפיס פון דער פעדעראַציע געפינט זיך אויף 225 וו. 34־טע גאַס, נ. י.

די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע“.

דעם 24־טען יאַנואַר, 1937, איז אין פּענסילווייניא האָטעל, ניו יאָרק, אָפּגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע קאָנווענשאָן פון גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפטען. צו יענער קאָנווענשאָן זיינען געקומען אַרום 20 לאַנדסמאַנשאַפטען, אַ צאָל פּראָמינענטע

אידישע כלל־טוער און אויך איניגע פּראָפעסיאָנאַלען אין דער שטאָט ניו יאָרק.

די ערשטע קאָנווענשאַן האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגענדיגע דערקלערונג:

„מיר, גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן, חברות, לאָדזשען, אַרבייטער רינג ברענטשעס, ליידיס אָקזילעריס און אַנדערע פאַרשיידענע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, לייגען היינט דעם פונדאַמענט פון אַ פאַראייניגטער גאַליציאַנער קערפּערשאַפט פון אַלע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע.

אונטער'ן נאָמען פון די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע" שאַפען מיר פאַר אייך, אידען אין גאַליציע, אַן אַדרעס צו וועמען איהר קענט זיך צו יעדער צייט ווענדען. אַן אַדרעס, צו וועמען אַ גרויסער טייל פון דעם קאַרגען מיליאָן צעבראָכענע אידישע לעבענס אין גאַליציע ריידען זיך אַראָפּ פון האַרצען".

קאָנסטרוקטיווע הילף

די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע", ווענדען אָן זייער הויפּט־טעטיגקייט אויף קאָנסטרוקטיווע וועגען. די צייטען פון מאָמענטאַנער פילאַנטראָפּישער הילף זיינען שוין לאַנג אַוועק! קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די געטראָפענע אויף יענער זייט ים איז אויפ'ן טאָג אָרדענונג פון יעדער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטליכע אונטערנעהמונג. די פאַראָרימטע אידישע מאַסען אין גאַליציע זיינען אַריינגעקלעמט געוואָרען צווישען די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען, וועלכע פיהרען אָן אַ סיסטעמאַטישען אָרגאַניזירטען קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון אַלעווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס. די הויכע שטייערען אין זייערע פאַרשיידענע פאָרמען און די באַגרעניצטע מעגליכקייטען פאַר קליין־האַנדעל און אַרבייט שטויסען אַרויס די בירגערליכע עלעמענטען פון די האַנדעלס־ספערען און גראָבען אונטער דעם באָדען פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז אוממעגליך, ביים בעסטען ווילען, אויפצוטאָן ממשות'דיגעס דורך מאָמענטאַנער פינאַנציעלער הילף. עס איז וויכטיג, אַז יעדער סענט וואָס ווערט געזאַמעלט, זאָל געבען די בעסטע דויערענדיגע רעזולטאַטען.

די „פּ. ג. א. האָט דעריבער גלייך פון אָנהויב באַשלאָסען צו אַרבייטען מיט'ן „דזשאָינט" האַנט און האַנט און העלפען אויפבויען די לעבענס פון די געטראָפענע אידישע מאַסען אויף אַ פּראָדוקטיווען און קאָנסטרוקטיווען אופן. צום ערשטען מאָל, פאַר די 20 יאָהר, זינט דער „דזשאָינט" איז טעטיג אויפ'ן רעליף געביט אין איראָפּע, וועט היינטיגס יאָהר אויסגעגעבען ווערען אין גאַליציע אַ דריטעל פון די געלדער וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר פּוילען. (דער בודזשעט פאַר פּוילען היינטיגס־יאָהר וועט זיין אומגעפער אַכט־הונדערט טויזענט דאָלאַר).

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז דער „דזשאָינט" האָט אונטערגענומען צו פאַרדאָפּלען די געזאַמעלטע געלדער פון גאַליציאַנער אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערען אָנגעווענדעט פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקען (אַ מאַקסימום פון צוויי טויזענט דאָלאַר פאַר אַן אָרגאַניזאַציע). די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע" האָבען די דאָזיגע פאַרטאָפּעלטע קאָנצעסיע באַקומען.

דער צושטאַנד פון דער אידישער יוגענט אויף יענער זייט ים איז פיליייכט דער טראַגישסטער קאַפּיטעל פונ'ם גאַליציאַנער אידענטום. די לאַגע פון דער שטודירענדיגער יוגענט און אינטעליגענץ איז האָפענונגסלאָז און פאַרצווייפעלט. די שטודירענדיגע יוגענט וואָלט גערען פאַרדינט ביי שווערע אַרבייט כדי צו פאַרדינען אַ שטיקעל ברויט אָבער קיין אַרבייט איז ניטאָ. כדי צו מאַכען דעם וואַקסענדיגען יונגען דור פּראָדוקטיוו איז אומבאַדינגט נויטיג צו לערנען אַ פאַך. דער נייער גאַליציאַנער פאַרבאַנד האָט געשאַפען אַ דירעקטען קאָנטאַקט מיט דעם „וואוזעט", אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען פאַרכמענישע קענטענישען צווישען דער יוגענט. די פּרעזידענטין פון „וואוזעט", דר. צעציליע קלאַפּטען, איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס גאַסט צו דער ניט לאַנג־אָפּגעהאַלטענער צווייטער יעהרליכער קאָנווענשאַן פון די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע".

דער פּ. ג. א. האָט אויף זיין צווייטער האַלב־יעהרליכער קאָנפערענץ, אַפּריל, 1938, אויפגענומען אַ רייע קאָנסטרוקטיווע פּלענער פון אַרבייט. די פּלענער שליסען איין די גמילת־חסד קאַסעס, וואַרשטאַטען, קליינע און גרעסערע קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און אַנדערע קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען.

עס זיינען אויך געשאַפען געוואָרען צוויי נייע אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען טעטיג אויף דעם געביט פון שאַפען פאַרכמענישע שולען און וואַרשטאַטען פאַר דער יוגענט און דערוואַקסענע אין גאַליציע. דאָס זיינען די „יוגענט גאַליציע" און די פרויען אָפּטיילונג ביי די פּ. ג. א.

דער פּ. ג. א. האָט אַרויסגעגעבען חנא גאָטעספעלד'ס בוך „מיין רייזע איבער גאַליציע". אינ'ם בוך ווערט געשילדערט דער צושטאַנד פון דעם היינטיגען פאַרוואָרלאָזטען אידישען לעבען אין גאַליציע.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע" אַן ערך 158 ברענטשעס מיט נאָענט צו 50 טויזענט מיטגלידער. דער נייער פאַרבאַנד האָט אויך פיל ברענטשעס אין פילאַדעלפיע, באָסטאָן, קליוולאַנד, שיקאַגאָ, דעטראָיט און אַנדערע שטעט.

מר. סאָל לאָוו, פּרעזידענט, און נחמיה גילמאָווסקי, עקזעקוטיוו דירעקטאָר. דער הויפּט־אָפיס פון דעם פאַרבאַנד איז אין 175 5טע עוועניו, ניו יאָרק.

די פאַראייניגטע רומענישע אידען אין אַמעריקע

אין 1909, ווען אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע העצעס און פאַרפאָלגונגען האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער די קעפּ פון די אידען אין רומעניע, האָבען אַ צאָל רומענישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע אַרויסגעלאָזען אַ רוף צו פאַראייניגען די רו־

מענישע לאַנדסלייט און אַנדערע סאָסייעטיס אין איין צענטראַלער קערפּערשאַפט. פיל אָרגאַניזאַציעס האָבען געענטפערט דעם רוף און געגרינדעט די „פעדעראַציע פון רומענישע אידען אין אַמעריקע״. זייט ביי זייט, האָט אויך דאַמאָלט אין אַמעריקע עקזיסטירט אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע אונטער׳ן נאָמען „די פאַראייניגטע רומענישע אידען אין אַמעריקע״. די דאָזיגע צוויי פאַרבאַנדען האָבען אָנגעפיהרט פאַרשיידענע טעטיגקייטען צו העלפען זייערע ברידער אין רומעניע מאַטעריעל און פּאָליטיש. אין 1916, האָבען זיך, אונטער דער ווירקונג פון אַ אידישער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך דאַמאָלט געפונען אין אַמעריקע, די צוויי פאַרבאַנדען פאַראייניגט אין איין אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען, „די פאַראייניגטע רומענישע אידען אין אַמעריקע״.

פּאָליטישע אַקציע — דער הויפּט־ציל

די ספּעציפישע באַדינגונגען און אויפגאַבען אַרום וועלכע דעם רומענישען פאַרבאַנד איז אויסגעקומען צו אַרבייטען, האָבען איהם אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען־פאַרבאַנדען און געלייגט אַ באַזונדערען שטעמפּעל אויף זיין אַרבייט. אין דער צייט, וואָס אַלע אַנדערע פאַרבאַנדען האָבען זיך געשטעלט אַלס זייער הויפּט־ציל צו לינדערען די עקאָנאָמישע נויטען פון זייערע קרובים און בני עיר אויף יענער זייט ים, האָט דער רומענישער פאַרבאַנד געשטעלט דעם טראָפּ הויפּטזאַכליך אויף פּאָליטישער אַקציע. אויף איהר גרינדונגס־קאָנווענשאָן האָט די פעדעראַציע אָנגענומען אַ פּרינציפּען־דערקלערונג: „די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך אַלס איהר הויפּט־אויפגאַבע אויסצוברייטערען און פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די אידען אין רומעניע; צו קעמפען פאַר דער גלייכבאַרעכטיגונג פון די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און בירגערליכע רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רומעניע און אויך אויסברייטערען און באַשיצען די אינטערעסען פון די אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע״.

אין פאַרבינדונג מיט דער געפּלאַנטער שלום־קאָנפערענץ אין אייראָפּע, אין 1917, האָט דער רומענישער פאַרבאַנד געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין וואַשינגטאָן, פאָרצוברייגען פאַר פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן, דעם דאַמאָלסדיגען פּרעזידענט פון אַמעריקע, אַ מעמאָראַנדום וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רומעניע. וואודראָו ווילסאָן האָט דאַמאָלסט וואַרעם אויפגענומען די דעלעגאַציע און פאַרזיכערט איינצושטעלען זיך פאַר די רעכט פון די רומענישע אידען. זיין דערקלערונג לייענט זיך ווי פאָלגט: „איך שעץ געהעריג אָפּ די ערנסטקייט פון דער פראַגע, וועלכע איהר האָט באַרירט אין אייער בריוו פונ׳ם 16־טען נאָוועמבער, 1918, און פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל די אַלע פראַגען נעמען אין באַטראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבייט וועגען פאַרזיכערען און ברייגגען שלום אויף דער וועלט״.

אַזאַ פונקט איז טאַקע שפּעטער אַריינגעבראַכט געוואָרן ווייז: „אַלע איינוואוינער אין די מלחמה־טעריטאָריעס, און אין דעם ווערסאילער אָפּמאַך. דער פונקט לייענט זיך טייל־ אויך די יעניגע, וועלכע זיינען אין צייט פון דער וועלטמלחמה געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זייער היימלאַנד, זאָל צוריק אומגעקערט ווערען, אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט און גלויבען, אַלע פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט באַגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון די באַטרעפענדע לענדער״.

עס איז צום פאַרדאַנקען דער אינטענסיווער און ענערגישער אַרבייט פון דעם רומענישען פאַרבאַנד, דורך זיין שטענדיגען וועקען און רופען די אַמעריקאַנישע עפענטליכקייט צו ווירקען אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג־זיך איינצושטעלען פאַר די רעכט פון די רומענישע אידען. אין 1919 איז אונטער׳ן דרוק פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, די רומענישע מאַכט געווען געצוואונגען צו גאַראַנטירען די מינאָריטעטען רעכט אין רומעניע.

דעם 16־טען יאַנואַר, 1938, איז אין האָטעל אַסטאָר אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ אויסעראָרדענטליכע קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטען אידען און ניט־אידען, צו באַטראַכטען די לאַגע פון די רומענישע אידען אין פאַרבינדונג מיט די נייע גזירות און פאַרפאָלגונגען אונטער דער דאַמאָלטדיגער גאָגאָ רעגירונג. אויף יענער קאָנפערענץ איז געגנוי אַרומגערעדט געוואָרען די לאַגע און עס זיינען אָנגענומען געוואָרען אַ ריי מיטלען צו באַקעמפען די דאָזיגע פאַרפאָלגונגען. די קאָנפערענץ האָט צווישען אַנדערס אָנגעוויזען, אַז לויט דעם מינאָריטעטען־אָפּמאַך פון דעם 9־טען דעצעמבער, 1919, און אויך לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָס די רומענישע רעגירונג האָט אָנגענומען דעם 29־טען מאַרטש, 1923, איז די אידען אין רומעניע גאַראַנטירט געוואָרען גלייכע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מינאָריטעטען אין רומעניע.

אין 1929, ווען די בעסאַראַביער אידען זיינען אין גרויסע מאַסען געטראָפען געוואָרען דורך פאַרפאָלגונגען און גרויסער פאַראָרימונג, זיינען דאָס געווען די „פאַראייניגטע רומענישע אידען אין אַמעריקע״, וועלכע זיינען זיי געקומען צו הילף. אויך, ווען די פייערען האָבען אויסגעבראָכען אין באָרשאָ, און מאַסען רומענישע אידען זיינען געבליבען אָן אַ דאַך און אָן מיטלען צו לעבען, האָט זיך דער רומענישער פאַרבאַנד געפונען אין דער ערשטער רייע צו העלפען די געטראָפענע אין דער אַלטער היים.

עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז דער רומענישער פאַרבאַנד האָט פיל מיטגעווירקט צו באַשיצען די רעכט פון די רומענישע אידען און האָט אַלע מאָל, ביי יעדער געלעגענהייט געזוכט צו געווינען דעם צוטרוי פון דער אַמעריקאַנער עפענטליכקייט, ווי אויך דעם צוטרוי און די שטיצע פון פיל פּראָמינענטע פערזענליכקייטען ווי, די געוועזענע פּרעזידענטען טעאָדאָר רוזוועלט און וואודראָוו ווילסאָן און אַנדערע אָנגעזעענע שטאַטסלייט פון אַמעריקע. אַדאַנק דעם אומאויפהערליכען פּראָטעסטירען און אינטערוועניִרען צו די

פאַרשטייער פון דער רומענישער רעגירונג אין וואַשינגטאָן, איז דעם רומענישען פאַרבאַנד געלונגען צו באַקעמפען דעם מינאָריטעט-געזעץ, געהאָלפען אויפלייזען די טרויעריג-באַריהמטע אַנטיסעמיטישע קריסטליכע סטודענטען-יוניאָן, דאָס צומאַכען אַנטיסעמיטישע קלובען און דאָס צוריקרופען פון אַלע אַנטיסעמיטישע לעהרער-ביכער אין די עלעמענטאַר-שוהלען.

דער רומענישער פאַרבאַנד האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען די „מנורה מושב זקנים", „די דזשואיש קאָנוואַלעסענט האָום". דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאָלפען גרינדען די „קהלה" פון ניו יאָרק און דעם אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס. דער פאַרבאַנד אַרבייט-מיט צוזאַמען מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע".

היינט צו טאָג פאַרמאָגט דער פאַרבאַנד אַרום 40 לאַנדסמאַנשאַפטען איבער'ן לאַנד און אַרום 30 אין שטאָט ניו יאָרק, וועלכע ציילען אַרום 10 טויזענט מיטגלידער.

דער פאַרבאַנד האַלט אָפּ יעהרליכע קאָנווענשאַנס און יעדע אָרגאַניזאַציע צאָהלט איהרע יעהרליכע דיוס צום פאַרבאַנד צווישען 25 און 50 דאָלאַר. עס זיינען אויך פאַראַן אייניגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס צאָלען 100 דאָלאַר אַ יאָהר שטייער צום פאַרבאַנד.

עס זיינען אויך פאַראַן יחידים, וועלכע ביישטייערען צום פאַרבאַנד פון פינף ביז צעהן דאָלאַר יעהרליך.

דער פאַרבאַנד ווערט פאַרוואַלטעט פון 25 פּראָמינענטע יעדע אָרגאַניזאַציע צאָלט איהרע יעהרליכע דיוס צום פאַר-מר. טשאַרלעס סאַנענרייך איז דער פרעזידענט פון דעם פאַרבאַנד, און מר. הערמאַן ספּייער — סעקרעטאַר.

דער הויפּט-אָפיס פון פאַרבאַנד געפינט זיך אויף 799 בראָדוועי, אין שטאָט ניו יאָרק.

דער פאַרבאַנד פון פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע

מיט ניין יאָהר צוריק, אַרום 1929, ווען עס האָבען אויסגעבראָכען די אומרוען אין פּאַלעסטינע און די לאַגע פון די פּאַלעסטינער אידען איז געוואָרען אומזיכער, האָט זיך דער געפיל פון קרובה'שאַפט און ברידערליכקייט פיל פאַרשטאַרקט ביי די פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע. עס איז דאַמאָלט פאַררופען געוואָרען אַ קאָנווענשאָן פון אַלע פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 6-טען יולי, 1930, אין פענסילוויניא האָטעל, ניו יאָרק. אויף יענער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּרינציפּען-דערקלערונג, וועלכע לייענט זיך טיילווייז: „די פעדעראַציע פון די פּאַלעסטינער אידען שטעלט זיך אַלס הויפּט-ציל צו העלפען אַנטוויקלען דעם אידישען ישוב אין פּאַלעסטינע ווי אויך צוזאַמענאַרבייטען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פּאַראינטערעסירט בייצושטייערען צום אויפבוי פון זייער היימלאַנד; צו דערמוטיגען די יעניגע, וועלכע ווילען זיך אומקערען צוריק קיין ארץ ישראל און העלפען זיי מאַטעריעל און מאָראַליש, ווי אויך צו שטיצען די פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע מאַטעריעל און גייסטיג".

קאָלאָניזאַציע אונטערנעהמונג

אין אָנפאַנג יאָהר 1933, האָט די פּאַלעסטינער פעדעראַציע געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט'ן „יכין", אַ קאָנטראַקטאָר געזעלשאַפט פאַר פלאַנצונגען, אָפּטיילונג פון הסתדרות, לויט וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען אין רשות פון „יכין" אַ נייער גרויסער שטח אין וואדי-האוואריט, פאַר דער באַזעצונג פון 200 נייע פאַמיליעס. די „יכין" האָט גענומען אויף זיך צו אָרגאַניזירען אין פאַרשיידענע לענדער 200 אַרבייטער און מיטעל-קלאַס פאַמיליעס, וועלכע קענען אין אַ משך פון 5-6 יאָהר אָפּשפּאָרען די נויטיגע מיטלען אויף צוצוגרייטען פאַר זיך פרדסים אויף דעם באָדען, כדי זיי זאָלען קענען קומען ווען די פרדסים וועלען פאַרטיג ווערען און מאַכען דערפון אַ לעבען.

דער פּלאַן פאַר קאָלאָניזאַציע האָט אַרויסגערופען אַ גוואַלדיגען אינטערעס ביי פיל פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע און געבראַכט טיילווייזע רעזולטאַטען. אַזוי, למשל, האָט זיך געגרינדעט אַ „יכין" אָפּטיילונג אין ניו יאָרק (1133 בראָדוויי), וואָס פיהרט אָן מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער דאָזיגער אונטערנעהמונג. היינט צו טאָג האָט שוין דער „יכין" פאַרפלאַנצט אַ צאָל פרדסים פאַר נאָענט צו 90 פאַמיליעס, 10 דונאָם פאַר יעדען.

מיטגלידער קאַמפּאַניע

דער פּאַלעסטינער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט אַלס זיין הויפּט-אויפגאַבע צו פאַראייניגען און צוזאַמענברייגען אַלע פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע, ספּעציעל, די יעניגע, וועלכע שטאַמען פון דעם אַלטען ישוב, ד. ה. די אידען וואָס האָבען איינגעוואַנדערט אין פּאַלעסטינע אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען פון פאַריגען יאָהר-הונדערט. לויט אַ סטאַטיסטישער אָפּשאַצונג זיינען פאַראַן אין אַמעריקע פון 10 ביז 15 טויזענט פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע. מעהרסטע שטאַמען פון 3- 4דורות צוריק.

דער פרעזידענט פון פאַרבאַנד, איזידאָר בענדזשאַמין, האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגענדיגען רוף, וועלכער לייענט זיך טיילווייז: „ארץ ישראל — אונזער געבורטס-לאַנד און נאַציאָנאַלע היימלאַנד — מאַכט דורך אַ שווערען קריזיס, אַ פּאָליטישען און אַן עקאָנאָמישען. דער אידישער ישוב פון קרוב צו אַ האַלבען מיליאָן נפשות דאָרט, פיהרט אָן אַ העפטיגען און מוטיגען קאַמף צו פאַרטיידיגען די אידישע פּאָזיציעס, וואָס זיינען דאָרט אויפגעבויט געוואָרען מיט אַזוי פיל אידישער מי, ענערגיע, בלוט און געלד. אינ'ם גלאָררייכען קאַמף וואָס דער אידישער ישוב פיהרט איצט אָן שטעהען אונזערע אייגענע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער און אַנדערע קרובים און פריינד אין די פאָדערשטע רייען, און זיי דאַרפען האָבען אונזער הילף, סיי מאָראַלישע און סיי מאַטעריעלע. מיר דאַ, ווען עס איז ניט באַשערט צו שטעהען

אין די ערשטע טרענטשעס קאָנען און מוזען העלפען כדי צו מאַכען זיכער, אַז דער קאַמף פאַר קיום הלאום און בנין ארץ ישראל וועט געוואונען ווערען. שטעהט צו דער אַרבייט פון אונזער הסתדרות פאַר ארץ ישראל!"

אין די לעצטע צוויי יאָהר, זינט די עמיגראַציע פון ארץ ישראל האָט זיך אויפסנייי גענומען מעהרען און עס האָבען גע־נומען אַריינקומען אַ צאָל אידען פון פאַלעסטינע קיין אַמע־ריקע, זיינען צוגעקומען אַ פּאָר אָרגאַניזאַציעס, אַן ערך פון 200 נייע מיטגלידער. ניט לאַנג צוריק, זיינען געגרינדעט געוואָרען צוויי אָרגאַניזאַציעס, איינע אין וואַשינגטאָן, ד. ק. און אַ צווייטע, אין באַלטימאָר, אין שטאַט מערילאַנד. אויך אַ פרויען אָרגאַניזאַציע, „דבורה ציון פאַראיין". די פרויען אָרגאַניזאַציע איז באַזונדערס טעטיג אין העלפען גרינדען אַ סאַניטאָריום און אַ היים פאַר קראַנקע און שוואַכע צום דער־האָלען זיך. צווישען אַנדערע, האָט די פעדעראַציע געהאָלפען גרינדען אַ גמילת חסד קאַסע (פריי לייַ־קאַסע) אין פאַלעס־טינע צו העלפען קליינע געשעפטסלייט און אַרבייטער אין אַ נויט פאַל. און אויך געהאָלפען גרינדען איניגע ישיבות און האָספיטעלער.

קולטור־אַרבייט

די פעדעראַציע פאַרשפרייט דעם געדאַנק פון אַלטען און נייעם ישוב ארץ ישראל דורך וואָרט און שריפט. צו די יאָהר־ביכער וואָס די פעדעראַציע פלעגט אַרויסגעבען ערב קאָנווענשאָנס, איז דער פעדעראַציע געלונגען צו פאַראינטע־רעסירען איהרע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס איבער'ן לאַנד אַרויסצוגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל. דער נייער זשורנאַל „ארצנו" (אונזער לאַנד), רעדאַקטירט פון הרב יעקוב ל. ווינשטער, איז דערשינען צום ערשטען מאָל אין אַפריל. די אַרטיקלען זיינען על פי רוב געשריבען אין העברעאיש. אויך דער יאָהר־בוך דערשיינט אין העברעאיש. לעצטענס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַן ענדערונג בנוגע דער שפראַך פון יאָהר־בוך און פון זשורנאַל „ארצנו". די אידישע שפראַך האָט זיך אין זיי גענומען איינבירגערען און פאַרנעהמען מעהר פלאַץ.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט די פעדעראַציע אַרום זיבעצעהן סאָסייעטיס איבער'ן לאַנד, וועלכע ציילען אַרום 15 הונדערט מיטגלידער.

יעדער מיטגליד צאָלט 50 סענט יעהרליכען שטייער צו דער פעדעראַציע.

די פעדעראַציע ווערט פאַרוואַלטעט פון אַן עקזעקוטיוו באָאַרד פון 30 מיטגלידער: 15 מיטגלידער — פון ניו יאָרק און 15 — פון אויסער ניו יאָרק.

מר. יצחק בענדזשאַמין — פרעזידענט, און רב יעקב ל. מוינשטער — סעקרעטאַר.

דער הויפּט־אָפיס פון דער „פעדעראציע פון פאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע" געפינט זיך אויף 38 פאַרק ראָו. ניו יאָרק סיטי.

פאַרבאַנד פון אונגאַרישע אידען אין אַמעריקע

דער פאַרבאַנד פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1909 און שפעטער, ארום 1914, אָפיציעל אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אַלס אַ נאַציאָנאַלע אינ־סטיטוציע פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע.

די ערשטע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מאַי 1914 אין ניו יאָרק. צו יענער קאָנווענשאָן זיינען גע־קומען ארום 15 לאַנדסמאַנשאַפטען און סאָסייעטיס, וועלכע האָבען פאַרטראָטען ארום 2000 מיטגלידער.

צילען פון אָרגאַניזאַציע

דער „פאַרבאַנד פון אונגאַרישע אידען אין אַמעריקע" דערקלערט: „מיר, די אונגאַרישע אידען אין אַמעריקע שטרעבען צו אָרגאַניזירען די אונגארישע אידען אין אַמע־ריקע פאַר דער פארבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער, סאָ־ציאַלער און פּאָליטישער לאַגע פון די אידען אין אונגאַרן".

מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך די לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אונגאַרן פיעל פאַרער־גערט. די מלחמה האָט זיך באַזונדערס שווער אָפּגערופען אויף דער אָרטיגער אידישער באַפעלקערונג צוליב די עקאָ־נאָמישע באַשריינקונגען און די שווערע לאַסטן פון אַלער־ליי שטייגענדיגע שטייערען. דער פאַרבאַנד האָט דאַן געגרי־מען אָרגאניזירען הילפס־קאָמיטעטען איבער'ן לאַנד. נאָ־הענט צו 70 שטעט איבער'ן לאַנד האָבען אָנגעפיהרט מיט רעליעף־ארבייט פאַר די מלחמה־לײדענדע אידען אין אונ־גאַרן.

אין אַ משך פון צוויי יאָהר (1916 — 1918) האָט דער פאַרבאַנד איבערגעשיקט יעדען מאָנאַט ארום פינף הונ־דערט טויזענט פונט אַלטע קליידער און שוכוואַרג פאַר די אידען אין אונגארן. די דאָזיגע קליידער און שוכוואַרג זיי־נען אויך איבערגעשיקט געוואָרען צו אַ צאָל ישיבות, ווי, פרעסבורגער, באיאד, ווייטסען, הוסט און אַנדערע.

פּאָליטישע הילף

אין יאָהר 1920, ווען האָרטי איז געקומען צו דער מאַכט אין אונגארן, האָט זיך די לאַגע פון די דאָרטיגע אידען טויזענטפאכיג פאַרערגערט. די אידישע באַפעלקערונג איז דעמאָלט בוכשטעבליך באַרויבט געוואָרען פון איהרע עלע־מענטאַרע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט. מאָסענווייז זיינען אידען אויסגעוויזען געוואָרען פון אונגאַרן. דער גירוש אונגאַרן (1920 — 1922) האָט געשטעלט גאַנצע הונדערט טויזענט אידען אויסער'ן געזעץ. אַלע איינגעוואַנדערטע קיין אונגאַרן נאָכ'ן ערשטען יאנואר 1914, האָבען געמוזט פאַר־לאָזען דאָס לאַנד. אויף אַ באזונדער אכזריות'דיגען אופן איז דער געזעץ דאמאָלט אָנגעווענדעט געוואָרען קעגען די אי־דישע איינגעוואַנדערטע פון רוסלאַנד און גאליציע.

דער „פאַרבאַנד פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע" האָט דאַן גענומען פאַרגרעסערען זיינע טהעטיגקייטען און געזע־

הען אויסברייטערען זיינע איינפלוס־ספערען. צוזאַמען מיט דעם אידישען קאָנגרעס און דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, האָט דער פאַרבאַנד אָנגעפיהרט פּאָליטישע אַקציעס דורך פּראָטעסטען, פּעטיציעס און דעמאָנסטראציעס.

אויפקלערונגס־אַרבייט

דורך וואָרט און שריפט האָט דער אונגארישער פאַרבאַנד גערופען און געוועקט דעם געפיהל פון קרובה'שאַפט צווישען די לאַנדסלייט פון די אונגארישע אידען אין אַמעריקע. אין אַ משך פון 15 יאָהר האָט די פעדעראציע ארויסגעגעבען אַ מאָנאַטליכען בולעטין, „אונגאַרישער אידישער קראָניקל”, שפּעטער דערשינען אונטער'ן נאָמען „דער אונגארישער אידישער בולעטין”. דער בולעטין האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען אין 1930 צוליב דעם קריזיס אין לאַנד. די פעדעראציע פיהרט אָן אַ שטענדיגע סעריע פון געשפּרעכען און שמועסען איבער פאַרשיידענע צייט־פראַגען איבער דער ראדיאָ, ווי אויך אַ ריי פאָרומס צווישען די אונגארישע לאַנדסמאַנשאַפּטען אין ניו יאָרק און אומגעגענט.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט דער פאַרבאַנד 107 אָרגאַניזאַציעס איבער'ן לאַנד, וועלכע ציילען נאָהענט צו 38 טויזענט מיטגלידער. ארום 37 ברענטשעס געפינען זיך אין ניו יאָרק, וועלכע ציילען נאָהענט צו 25 טויזענט מיטגלידער.

יעדע אָרגאַניזאַציע צאָלט אַ יעהליכען שטייער צום פאַרבאַנד, אַ מינימום פון 5 דאָלאַר.

די צאָל פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע באַטרעפט ארום 500,000 נפשות, ארום 125,000 געפינען זיך אין ניו יאָרק.

דער הויפּט אָפיס פון „דער פעדעראציע פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע” געפינט זיך אויף 395 בראָדוויי, ניו יאָרק.

דר. סעמיועל ביכלער, פּרעזידענט, און אַננא בערגער, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר.

אַסאָציאַציע פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע.

די אסאָציאַציע פון אונגארישע אידען אין אַמעריקע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאָהר 1933 פון אַ גרופּע אונגאריש־אידישע ציוניסטישע כלל־טוער, מיט דער מיטהילף פון בערנאַרד פּרייס, איינער פון די גרינדער און געוועזענער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער אַלטער פעדעראציע פון אונגארישע אידען.

דער אויפשטייג פון דעם אידען־פרעסערישען נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד און די וואַקסענדיגע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם און אידען־פרעסעריי איבער גאַנץ צענטראַל־אייראָפּע, פון האַמבורג ביז ווילנע, און פון בערלין און ווארשע ביז בודאפּעסט און בוקאַרעסט, האָט סטימולירט די אידען פון אַמעריקע צו באַנייטע און פאַרשטאַרקטע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיגקייטען צו באַקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם און צו העלפען מאַטעריעל, פּאָליטיש און מאָראַליש די אידען פון די פאשיסטישע לענדער. דאָס האָט געבראַכט אַן אויפלעבונג אין די טעטיגקייטען פון די פאַרשידענע לאַנדסמאנשאפטען. אויך די אונגארישע אידען אין אַמעריקע, וועמעס טעטיגקייטען פאַר זייערע ברידער אין דער אַלטער היים זיינען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען זינט די וואונדען פון דער וועלט־מלחמה זיינען מעהר אָדער ווייניגער פאַרהיילט געוואָרען, האָבען איצט באַשלאָסען, אַז די צייט איז געקומען פאַר זיי צו אָרגאַניזירען זיך מיט'ן צוועק צו ראטעווען די אידען פון זייער היימלאנד פון דער פאַשיסטישער מגיפה. איינער פון די רעזולטאַטען פון אָט דער באַוועגונג צווישען די אונגארישע אידען איז געוועזען די אַסאָציאַציע. איינער פון די אויסגעשפּראָכענע צילען פון אָט דער אסאָציאַציע איז צו פאַראייניגען אַלע אונגארישע אידען און זייערע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע צו העלפען די אידען פון אונגארן. אַן אנדער ציל פון אָט דער אָרגאַניזאַציע איז אויפצובויען אַ קאָלאָניע פון אונגארישע אידען אין פּאַלעסטינע.

די אַסאָציאַציע פון אונגארישע אידען ציילט ביז איצט 30 אָרגאַניזאַציעס, 25 פון זיי אין ניו יאָרק, און זי גרייט זיך איצט צו איהר פערטער קאָנווענשאָן, וועלכע וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין אָקטאָבער, 1938.

דער אָפיס פון דער אָרגאַניזאַציע איז: 41 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק. איהרע הויפּט־באַאַמטע זיינען: אַלעקסאַנדער אַלטמאַן — פּרעזידענט; בערנאַרד פּרייס — עקזעקוטיוו סעקרעטאַר.

דער פאַרבאַנד פון ליטווישע אידען אין אַמעריקע

דעם עלפטען יוני, 1937, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע ליטווישע לאַנדסלייט אין בעטהאָווען האָל, אין ניו יאָרק, אויסצוהערען אַ באַריכט פון מר. פרענק עפּשטיין, וועלכער איז דאַן צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין ליטע, זיין געבורטס לאַנד. עס איז געווען אַ גינסטיגער צופאַל פאַר די אידען אין ליטע, וואָס דער באַטרעפענדער גאַסט, פ. עפּשטיין, האָט, פאַר זיין קורצען באַזוך אין ליטאָ, אויף אַ גענויעם און גרינטליכען אופן שטודירט די לאַגע אויפ'ן אָרט, זיך באַקאָנט מיט דעם געדריקטען מצב פון דעם אידישען קבוץ אין ליטאָ, און פאַרהאַנדעלט וועגען די מיטלען צו העלפען די פאַראָרימטע און פאַרצווייפעלטע אידישע פאָלקס־מאַסען אין זייער געראנגעל פאַר א נאַציאָנאַלען און מענטשלאַכען קיום.

די לעצטע צוואנציג יאָהר, זינט ליטע האָט צוריקגעוואונען איהר אומאָפּהענגיקייט, און די ליטווישע אידען האָבען זיך, נאָך דעם טרויעריג־באַריהמטען גירוש־ליטע אין 1915, צוריקגעקערט אַהיים, איז דעם ליטווישען אידענטום אויסגעקומען דורכצומאַכען גוואַלדיגע שוועריגקייטען, כדי גובר צו זיין אומצאָליגע שטרויכלונגען אין קאַמף פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען עקאָנאָמישען, געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען.

צוליב דער שטייגענדיגער פאַראָרימונג פון לאַנד בכלל

און דאָס שטענדיגע ארונטערזינקען פון עקאָנאָמישען מצב פון די אידען בפרט, ווערט אַלץ שווערער אָנצוהאַלטען די אידישע פאָלקס־אינסטיטוציעס און עס דראָהעט זיי א געפאַהר פון אונטערגאַנג.

קאָנסטרוקטיווע הילף — הויפּט ציעל

דער „פאַרבאַנד פון ליטווישע אידען אין אַמעריקע״ האָט אויף דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן דערקלערט: „די הויפּט אויפגאַבע פון פאַרבאַנד איז, אַוועקצושטעלען דעם פאָלקסמענטש אין דער אַלטער היים אויף אַ געזונטען מצב פון פרנסה, כדי ער זאָל ניט זיין קיין לאַסט אין לאַנד, וואו ער לעבט און קיין שנאָרער צו זיינע קרובים אין אויסלאַנד״.

די אינסטיטוציעס פון די פאָלקס־מאַסען אין ליטע זיינען ביי היינט צו טאָג די איינציגע אָנשפּאַר־מיטלען אָן וועלכע דער לעבען פון דעם אידישען קיבוץ האַלט זיך אָן. צי דאָס איז אַ פרייע לייה־קאַסע, אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם אָדער וואַרשטאַט, אַ פאַכמאַנישע שול פון „אָרט״ פאַר קינדער אָדער די אינטערנאַטען פון „געזונט־הייזער״, איינגעאָרדענט פון דער „אָזע״, אָט די אַלע פאָלקס אינסטיטוציעס דינען אלס די איינציגע שוץ־וואַנט געגען דער אַלץ־וואַקסנדיגער געפאַהר צו ווערען ארויסגעשטויסען פון די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע ספערען פון לעבען. דער פאַרבאַנד האָט דעריבער גלייך פון אָנהויב אָן זיך געשטעלט אין דינסט פון די אידישע אינטערעסען אין ליטע דורך אומיטעלבאַרע פאַרבינדונגען מיט׳ן „אָרט״, „אָזע״ און אַנדערע קאָנסטרוקטיווע הילף־אָרגאַניזאַציעס.

גענוג אָנצואווייזען אויף אַזאַ פאַקט, וואָס פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער ליטווישער פאַרבאַנד באַוויזען איבערצושיקען קיין ליטע צום „אָרט״ און „אָזע״ קרוב צו זעקס טויזענט דאָלער. דער פאַרבאַנד בויט איצט ביים „אָרט״ אַן אינטערנאַט אין קאָוונע, אַ פאַכמענישע שול פאַר קינדער, וואו אָרימע קינדער פון דער פּראָווינץ קומען זיך לערנען אַ מלאכה; דער אינטערנאַט וועט טראָגען דעם נאָמען פון לאַנדסמאַן סידני הילמאַן, עהרעןפּרעזידענט פון „פאַרבאַנד פון ליטווישע אידען אין אַמעריקע״ און פּרעזידענט פון דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקא״.

די יוגענט פּראָבלעם

די הויפּט פּראָבלעם, וועלכע שטעהט פאַר דעם ליטווישען אידענטום היינט צו טאָג, איז די פּראָבלעם פון דער אידישער יוגענט. די יוגענט אין דער היינטיגער ליטע לעבט דורך אַ גוואַלדיג שווערע צייט. אין די טויזענטער, געהען ארום אידישע יונגעלייט, בחורים און מיידלאך, פּוסט און פּאַס, און האָבען ניט וואָס צו וואָס זיך צו נעהמען און וואו זיך אַהינצוטהאָן. פון די 160,000 אידען אין ליטע, געפינען זיך ארום אַ העלפט, קרוב צו אַכציג טויזענט נפשות, אין די קליינינקע שטעטלאך, וואו דאָס לעבען איז כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען; שרייבט דר. מ. סודארסקי: „דאָס כאַראַקטעריסטישע אידישע שטעטעלע אין ליטע געהט ממש אונטער. אַ קאַלטקייט און פּוסטקייט פיהלט זיך אין אַלע ווינקעלאך פון דער פּראָווינץ, אַ שוידערליכער אומעט איז אויסגעגאָסען איבער׳ן שטעטעלע און עס איז ניטאָ מיט וואָס די נשמה דאָרט צו דערקוויקען״.

דער פאַרבאַנד האָט דעריבער געווידמעט זיין הויפּט טעטיגקייט כדי צו העלפען לייזן די דאָזיגע פּראָבלעם אויף אַ געהעריגען אופן. צווישען אַנדערע שטיצט דער פאַרבאַנד „די הויז פון אַרבייט״, וועלכע געפינט זיך אין קאָוונע. דאָס איז איינע פון די שעהנסטע אידישע אינסטיטוציעס, וואָס דער „אָרט״ האָט געגרינדעט אין ליטע. הונדערטער קינדער און דערוואקסענע קריגען דאָרט זייער פאַך־אויסבילדונג און ווערען פּראָדוקטיווע, נוצליכע מענטשען. דער פאַרבאַנד שטיצט אויך די „אָזע״ מיט אַלע איהרע פאַרצווייגטע אָפּטהיילונגען אין דער פּראָווינץ, ווי זומער־קאָלאָניעס און אנדערע דערהאָלונג־פּלעצער. אין מאָנאַט אַפּריל פון היינטיגען יאָהר, האָט דער פאַרבאַנד איבערגעשיקט פאַר דער צענטראַלער „אָזע״ נאָהענט צו דריי הונדערט דאָלער און ארום פינף הונדערט דאָלער צום „אָרט״.

פּאָליטישע טעטיגקייט

דער פאַרבאַנד פון די ליטווישע אידען אין אַמעריקע האָט זיך געשטעלט אַלס איינע פון די הויפּט־ציעלען אָנצוקניפּען פריינטליכע באַציהונגען מיט די ליטווינער אין אַמעריקע.

דער ערשטער שריט איז געמאַכט געוואָרען, בעת דער פאַרבאַנד האָט איינגעאָרדענט אַ קאָנצערט פאַר׳ן 2טען מערץ היינטיגעס יאָהר, אין סענטראַל אָפּערא הויז, אין ניו יאָרק. דאָרטען איז אויפגעטראָטען דער ליטווישער „אידאַ־כאָר״, וועלכער באַשטעהט פון 60 געשולטע זינגער. צו יענעם קאָנצערט איז אויך אייגעלאַדען געוואָרען דער ליטווישער קאָנסול אין ניו יאָרק, ס. בודריס.

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז דער פאַרבאַנד פּלאַנעוועט צו פאַראינטערעסירען די ליטווישע אידען אין אַמעריקע צו זיין פאַרטראָטען אויף דער וועלט אויסשטעלונג אין ניו יאָרק פאַר׳ן יאָהר 1939.

דער פארבאנד פארמאָגט איבער׳ן לאַנד 6 אָפּטהיילונגען: ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר און נוארק. נאָהענט צו 40 סאָסייעטיס זיינען אָנגעשלאָסען אין פאַרבאַנד, וועלכע ציילען ארום 20 טויזענט מיטגלידער. ארום 30 סאָסייעטיס געפינען זיך אין ניו יאָרק מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 15 טויזענט. ארום 500 יחידים זיינען אָנגעשלאָסען אינדיווידועל אין פאַרבאַנד.

נאַציאָנאַלע באַאַמטע: סידני הילמאַן, עהרען־פּרעזידענט, דר. מ. סודארסקי, פּאָרזיצער פון באָאַרד אָוו דירעקטאָרס, פרענק עפּשטיין, גענעראַל סעקרעטאַר און דוד מאַטיס, פינאַנץ סעקרעטאַר. אַדרעס: 2256 וואָלטאָן עוו., בראנקס.

מנשה וואַקסער

פאָלקלאָר פון אידישע ישובים

אַ ווערטעל, זאָגט מען, און אַ קאַץ, האָבען אויף זיך קיין בעל־הבית ניט. כאַפּ זיי נאָר, ווען זיי האָבען. דאָס אידישע פאָלק, וואָס גאַרט אַזוי און ווערט באַווירקט פון'ם גלייכוואָרט, האַלט נאָך אָבער עד היום, אַז „אַ ווערטעל איז להבדיל אַ תורה". מעג אַ ווערטעל זיין פאַרנאַשט פון אַ פּרעמדען טיש, ווערט עס צעמאָלט און צעמוילט נאָכ'ן גוסט און גייסט פון'ם היימישען עולם, און באַקומט זיין אייגענעם תיקון.

דער פאָלקלאָר געוועב פון יעדער שפּראַך איז פאַרפעדימט מיט אַ פּרעמדען האָב־און־גאָב. עס פאָדערען זיך יאָהרען פון פּאַרטיפט פאַר'עקשנ'טן נאָכזוך, אום אויסצושיילען די פאַרהוילענע „כלאים" און פעסטצושטעלען די סימנים פון דער קענטעניש.

מיט'ן צעוואוקס און דערגרייך פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור פאַר די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר, האָט זיך קאָלאָסאַל אַנטוויקעלט דער שטודיום אויפ'ן געביט פון'ם אידישען פאָלקלאָר. דער ווילען צו אויסברייטערען די גרעניץ פון דער אייגענער שפּראַך, דער דראנג זיך צו באַפרייען פון'ם עצי גומר'דיגען אויסדרוק און פרעמד שפּראַכיקע השפעות, האָט דערוועקט אַ חשק זיך צו דערגראָבען צום מיט מאָך באַוואַקסענעם פאָלקסבאָדען, צו דערהוילען און צעעפענען די אור־אַלטע קוואַלען און ציען פון זיי יניקה. מע נישטערט, מע פאָרשט עפּיטעטען, אידיאָמען און רעדענסאַרטען פון פאָלקס־האָב. מען זוכט באַהויכען די אָפּגעשטאַנענע פאָרם מיט אַ דערפרישט און בלוטיגען אינהאַלט. און אין דער צייט, ווען מען לאָקט אַזוי נאָכ'ן אוממיטעלבאַרען רעדשטייגער אין דער קינדער נאַאיוועו באָבע־מעשה, אין שפּרוך און שפּריכווערטער, אין אַ באַהאַרצטער תחינה, אָפּגעלעבטע זאבאבאָנעס, פאַרוואָלגערטע מוסר־ספרים'לאך, בדחנ'ישע פערזען, לומד'ישע שיחות־חולין און אין די פורימ'שפּילען און שפּאַסיגע ווייצען, און מען שאַרט זאָרגעוודיג צונויף און מען פאַרשייערט די שפּראַך רייכטימער פון פאָלק, — פאַרגעסט מען דעם פאָלקשאַף וועגען די אידישע ישובים און ער גייט לאבוד. העכער אַ פערטעל הונדערט יאָהר צוריק האָט דער איבערגעגעבענער פאָרשער נח פרילוצקי געלעגט אַ גרונטיגען פונדאַמענט צו אַזאַ נאָכפאָרש, אָבער זיין אַרבייט איז דאַן מאָדנע איראָניזירט געוואָרען, און ווינציג וואָס ביז אַהער דערגאַנצט געוואָרען. ער שטייט נאָך עד היום פאַר'עקשנ'ט ביי זיין אַרבייט, און קיינער איילט זיך ניט אַרויסהעלפען.

דער פאָלקשאַף וועגען דאָרף־ און שטאָט־באַוואוינונג אינ'ם לאַנדבאַזעץ איז אַ וויכטיגער, אויב ניט דער וויכטיגסטער צושטייער, צום פאָלקדערקענטעניש. דער אַקלימאַטיש־געאָגראַפישער צושטאַנד פון יעדען לאַנד, די צווישנבאַציאונגען פון איהרע נאָענטע און ווייטע ישובים און שכנ'ישע לענדער און זייער קאָמוניקאַציע באַדינגונגען, דער אונטערשייד צווישען שטאָט און דאָרפלייט און די כל'ערליי שיכטען און פאַכמאַנשאַפטען פון איהרע באַוואוינער, קומען צום אויסדרוק אין די פאַרשידענע נעמען און טערמינען וואָס ווערען געגעבען צו די ישובים פון איהר געאָגראַפישען און טאָפּאָגראַפישען אייגענטום און איהר פאָלקסטימליך־עטנאָגראַפישער מסורה.

די אידישע מאַסען, וועלכע האָבען יאָהרען לאַנג געוואוינט איזאָלירט אין באַשטימטע תחומים, אין די ענג אייראָפּייאישע געטאָ ראַיאָנען און זיינען ניט געווען דערלויבט קיין אייגענע נאָמענקלאַטורען, פלעגען אָנגערירט ווערן פון יעדען קליינקלאַנגעוודיגען אָנדייט אין נאָמען פון אַ אידיש באַזעצטען תחום און איהם איבערקאָמבינירען אין העברעאיש: אָסטריע — אות־תורה, גאַליציע(ן) — גלי ציון, פוילן (אַלטטראַנסקריפּט: פולניה) — פה לן יה, מאָלדאַוויע — מלא דוי. מען האָט אויך געפּרואווט אַנטגויאישען די שטעטישע נעמען דורך אַ גלייכקלאַנגעוודיגען זיווג: האָראָדני (אַלטטראנסקריפּט: הראדני) — הר אדני, יעדוואבנע (אַלטטראַנסקריפּט: ידבנה) — יוד ־ בינה, ראדאָם — רע־דם (ווייל מען האָט דאָרט, אגב, געהאַנדעלט מיט חזיר האָר), עמשענאָוו — עם־שונאיו, פשעראָוו — פשע רב (וועגען אָט־דער שטאָט איז נאָכהער געשאַפען געוואָרען אַ לעגענדע: פשעראָוו האָט נעביך געליטען פאַר די פשעים פון'ם אַלטען רב, און ווען מען האָט צוגענומען אַ נייעם, האָט ער מיטגעבראַכט שפע, און פון דעמאָלט אָן רופט זיך די שטאָט שפעראָוו, שעדליץ — שד־לץ (און דערפון די רעדנסאָרטען: „שעדליצער פונק", „שעדליצער גיהנמ'ניקעס", „שעדליצער גיהנם"). צוליב אַ פאָלקזאבאבאָנע האָט מען זיך אפילו אין געוויסע פאַלען איינגעשטעלט אין איבערגעאַנדערשט דעם נאָמען אין העברעאיש. אַזוי האָט מען די שטאָט ביעלאיא צערקאָוו (סלאַוויש: די ווייסע קירך) אַ נאָמען געגעבען: שדה לבן (דאָס ווייסע פעלד, מיינענדיג דעם בית־עולם, און צעמאָל אויך: שוואַרץ־טומאה, פון וואַנען עס נעמט זיך דער אויסדרוק ביעלאָצערקאָווער שוואַרץ־טומאהיער, וואָס מיינט, אַז מען קען לייענען דעם פסוק הין און צוריק. מען האָט אפילו געפּרואווט צונויפשטעלען אַ נאָמען פון ראשי־תיבות: „פלאָצק מאַכט: פה למדו אבותינו צדיקים גדולים".

אַ היבש ביסעל רעדנסאַרטען זיינען שטיפעריש קאָנסטרואירט געוואָרען אויפ'ן דאָפּלזין, צי קלאַנג־קאָמבינאַציע, פון שטאָטישע נעמען. „פאַרוואָס רופט מען די שטאָט שעברעשין? ווייל שבר־שן, די שעברעזשינער אידען האָבען זיך די ציין צעבראָכען שרייענדיג וועגען עירוב"...

וועגען שעברעשין געהט אויך אין פאָלק אַזאַ מעשה: ווען דער פריץ האָט געוואָלט אַ נאָמען געבען דער שטעטעל, איז ער געקומען אין שוהל זיך אָנפרעגעןביים רב. דער רב איז דאַן געשטאַנען שמונה־עשרה און ניט געוואָלט מפסיק זיין. דער פריץ איז בייז געוואָרען און אים אויסגעשלאָגען אַ צאָן. שבר־שן! (ער האָט מיר אַ צאָהן אויסגעשלאָגען!) — האָט דער רב אויסגעשריגען אין העברעאיש. דער פריץ האָט דאָס צוגענומען פאַרן פאָרגעשלאָגענעם נאָמען.

עס ווערט אויך דערצעהלט אַ וויץ: פאַרוואָס הייסט די שטאָט שעברעשין? — „ווייל ש־ברעשין, שעברעשינער אידען ברעשן" (ברעשן אין סלאוויש הייסט: זאָגען ליגען.)

אַזוי ווערטעלט זיך אויך דאָס פאָלק וועגען באַרגיגענט געגענט אין קאָמאראָוו. „פאַרוואָס הייסט די שטאָט קאָמאראָוו? ווייל איין פּאַסאַזשיר רופט דאָרט דעם צווייטען: קום ארויף!" — פארוואָס רופט מען די שטאָט קראסנאָסטאוו? ווייל דאָרטען איז דאָ זעהר אַ שעהנער טייך (קראַסנאָ אוסטאַוו" הייסט אין רוסיש: שעהנע ברעגען, מעגליך, אז עס איז אַן אויסטייטש פון דער פאָלקסלעגענדע וועגען די „קראסניסטאָווער גרויסע וואַסער־שווימער").

פאַרוואָס רופט מען די שטאָט רזשעשאָוו אין גאַליציע ריישע? ווייל דער ראשית מדון, אָנהויב קריג צווישען ר' חיים סאַנזער און דער רוזשינער גזע, איז געוועזן אין ריישע — פאַרוואָס הייסט די שטאָט טשערנאָביל? טשאָרני איז אין רוסיש: שוואַרץ, ביל אין איז רוסיש:וויס; ווער עס קומט פאַרשוואַרצט פון די עוונות, ווערט קלאָהר פון חסרונות, אין זכות פון רבי'נס שכונה (וואוינאָרט). פאַרוואָס הייסט די שטאָט קאָלאָמייע? — ווייל קאָלאָ אין פּויליש הייסט: ראָד, און מייע הייסט: וואַשען, און כל־המיאָ שבעולם (אַרמייאיש: אַלע וואַסערען פון דער וועלט) זיינען ניט אימשטאַנד אָפּצואוואַשען אַ ראָד פון קאָלאָמייער בלאָטע.

אונזערע געאָגראַפישע רייכטימער אין אייראָפּייאישע ישובים זיינען מעהרסטענטהייל אין טאָל, און ניט אויף'ן באַרג (די אידישע קלויזען האָבען דאָך ניט געטאָרט ארויסשטעקען העכער דער קירך). גאָר אַ קנאַפּע צאָל פון זיי האָבען זיך פאַרהיט אינ'ם אידישען פאָלקלאָר. ניט אומזיסט געהט אַ שפּריכוואָרט: „קלאָהר ווי דער יאַמפּאָלער באַרג", וואָס געפינט זיך ערגעץ העט־העט אויסער דער שטאָט. עס איז דערצו אויך כאַראַקטעריסטיש דער אַזוי גערופענער „רימאַלאָווער באַרג סיני", וואָס די קינדער שלעפּען זיך צו איהם ל"ג בעומר־צייט ווי דורך אַ מדבר. די„רובלער בערג, גרייצער בערג (דערפון מעגליך, דער רעדנסאַרט: „פאָהר ניט אויף גרייצער וועג!), ווי די סילווער בערג, צויזמער בערג און קיידאנער, רופט מען ה י י ק ע ר ס. און פון דעם נעהמט זיך דער וויץ וועגען די קיידאנער איינוואוינער, וואָס האַלטען זיך גרויס און מיינען, אַז זיי זיינען דער עיקר. זיי האָבען זיך אַזוי לאַנג געשלאָגען אין האַרצען — „מיר קיידאַנער!", אַז עס איז ביי זיי פון דער אַנדער זייט ארויס אַ ה ו י ק ע ר.

ספּעציפיש רייך איז אונזער טאָפּאָגראַפישע טערמינאָלאָגיע. די צוויי־קלאַפּטערדיגע געטאָ געסלאַך, די ענגע קוואַרטאַלען פון אידישען תחום, דער אייביגער שמוץ און כראָנישע נויט, האָבען פאַראייביגט אַ גרוי פאַרזעהעניש אינ'ם פאָלקלאָר פונ'ם אידישען לאַנדבאַזיץ. קיין פאָלקשאַף פאַרמאָגט ניט אַזוי פיעל לעבעדיגע מתים ווי מיר האָבען. בלויז „די קעליקעווער מתים פאָהרען קיין יאַרן (אַ קור־אָרט אויף דעם סידעלע (סעודה'לע(". די אַנדערע מתים האָבען צו אַ לעבעדיגען גן־עדן ניט געקענט צוקומען. אַ היבש ביסעל פאַררעגיסטרירטע מתים האָבען מיר: אַפּטער מתים, ליפּסנער מתים, מאָנאַסטרישטשער מתים, קוויוועער מתים, קסיאָנדזער מתים, ריקעוועער מתים און שימסקער מתים. בלויז די ברודנער מתים האָבען זיך פאַרגינט צו ליגען לעבען ווארשא אויפ'ן בית־עולם. אַנדערע האָט מען צו זיי אַזוי גיך ניט צוגעלאָזט.

אַ בכבוד'דיגען אָרט פאַרנעמען ביי אונז די אַפּאָטשענער פגרים, וועלכע דיענען אַלס קוריאָז די איינציגע אין צעטעל. און ניט ווייט פון זיי ציהען זיך די לונגען — אָדיזשינער לונגען, גאָמבינער לונגען, טאָרטשינער לונגען און די יערעצער. אָט די לונגען, מוז מען צוגעבען, האָבען זיך צומאָל אויך א ציה געטהאָן און גענומען פלאַץ צווישען די שפּיטאַלער לופטכאַפּערס און אָטוואָצקער היסערס און כאָרכלאקעס.

א חוץ מאָטיקעלער זאַמד און קעלצער קאמיניצעס (שטיינערדיגער ערדשיכט), ווייסען מיר בלויז פון אַ גריצער גאַנאיידעס, דרילדזער גריבער, אָכאָטער און קאָנאָטאָפּער בלאָטעס, טולטשינער טינטער, וואו אַ קאַלב איז דערטרונקען געוואָרען ערב פּסח אין דער בלאָטע, גריבאָוויצער און טאַרטשינער ליימען (און דארום: די ליימענע גולמ'ס), וואָס זיינען ווי די זווערזשניצער זומפּן באַוואוסט אַלס מאַלאַריע פאַרשפּרייטער.

אָט דער אַקלימאַטישער פיבער האָט פאַראורזאַכט אונזער דובנער סמוטקעס (סלאוויש: אומעטיגע), סקווירער יאַדניקעס (סלאוויש: גריזנדיגע), אָסטראָווער בריטאַנעס (אומצופרידענע הינטלאַך), ריטשוויסער גאַפּעס (פאַר'חוש'טע), זשעלעכאָווער משוגענע לייט און קינסקער משוגעים. איהר ווייסט דאָך: „אַז מען פרעגט איינעם: ביזט אַ טשיטשילניקער? ענטפערט ער: ביזט אַליין משוגע"!

אָט די ליעבע טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען האָבען אונז באַשיינקט אַ קאָפּ־קרוין.

„באלד וועט מען זאָגען, אַז איך בין אַ באָלשוועצער", זאָגט איינער ווען ער טוט זיך אַ קראַץ און מיינט, אַז מענטשען זעהען. און די באָלשאָוויצער זיינען גראד ניט די איינציגע לויזערס. מיר האָבען אויך באַזינעווער און שעפּסער. אַ וויט־וויט אָנצוהערעניש הערט זיך אינ'ם רעדנסאַרט: שעפּסער רביצין געהט מיט די סאָלדאטען, די קופּקע אונטערין אָרעם, אין דער שקאָלע גאַס. אָט די שעפּסער רבי'צן

געפינט זיך בעיקר אין די לאַנג ניט צעקעמטע קאָלטענעס. איהר טרעפט זי, פאַר בעלנות, ביי די דרליטשער, וואָלאָנאַווער, זאשלער, סקישנער און קאזאנאָווער, אָפטמאָל פאַרקריכט זי — אויך אין די קרושניקער פאות און בילגרייער בערד. די שעפּסער אָבער, דארפט איהר וויסען, טראָגן אויך אַנדערע נעמען: שעפּסער קעפּ און שעפּסער חיות. חיות, ברוך השם, פעהלען אונז ניט. איהר האָט זיי ביי די באלצקער, וואָלינאָווער (צי: וואלאָניוועה), ווישקיוועה, וועניאָגראָווער, ליקעווער, נאָווידוואָרער, פלינסקער, קאזאנאָווער, קאָנסיוואָלער, ביי די ריקער און שטויסלאָבער.

צוליב אָט דער רבי׳צן ברויכען אַמאָל די „מעכילאָווער פאַריקעס״. פאַריקען דאַרפען אויך די פאַטריסקער גריזלער, די קארילעפקער פאַריכעס, און גלאַט פאַרכעס. פאַרכעס, ניט צו פארזינידיגען, האָבען מיר א סך. איהר געפינט זיי ביי די איגלינסקער, אילאַווער (צי: אילעווער), אישביצער, אמאַטשינער, באָלשאָוויצער, דרליטשער, וואָלינאָווער, זשאָרנאָוויצער, מאָנקעוויטצער, פשיסכעווער, קאטאבארגער, קשינער און ראדאָמער. אָבער אַ פאַריק אפילו איז ניט קיין איבעריגע שמירה פאַר די מאָנקעטאָווער (צי: מאָקאָטאָווער), וואנצען, קארטזשיגער פליי און יוזעפאָווער שוועדעס. קיין איבעריגען פאַרגעניגען האָט מען אויך ניט פון די ליפּנער יעזשאָרנקריכער (זשאַבעס) און פון אַן אָפּאָטשנער יאַשטשערקע.

טשודנאָווער דריפּקעס, פעטריקאָווער שלעפערס, דזשעלייאָווער שלימפּאַקעס, סאָקאָלער שלומפּערס, ביאלאָבזיגער, מאַקאָווער און נאָווידוואָרער סארגעס, און אַ שעהן ביסעל שליאָכעס — בענדינער, טארטשינער, יארזשמיקער, כענטשינער, לאָדזער, ניישטעטער, פאַרצעווער, פשיסכער, ראַדאָמער און ריקער. גרינע, שלאבעריגע קריכער — אפּאָטשנער קריכערס, זאקריטשנער קריכערס און יעוודאָבנער — קוקען זיי טאַקע אויס ווי אַ מאקאָווער כליאפּ, צי א פולטוסקער לאפּטשיכע, אויסגעטריקענטע ווי קאָזשניצער שטעקעלעס און פאַרעלטערטע ווי די טאָרעווער, טערלער און ליקאַווער דזיאדעס (זקנים).

די טאָפּאָגראפישע ברכה האָט איבערגעלאָזט גאַנץ קענטיקע סימנים אין אונזער פאָלקלאָר.

(פון זאַמלבוך „פעלשטין״)

מ. בל—ן

ניט־אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען אין די פאַראייניגטע שטאַטען

ביי קיין אַנדערע פון די איינגעוואַנדערטע פעלקער אין אַמעריקע זיינען די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס ניט אַזוי איינגעוואָרצעלט און פאַרשפּרייט, ווי ביי די אידען. די לאַנדסמאַנשאַפטען ביי די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אונטערשיידען זיך אויך פון די אידישע, ווי איינע פון די אַנדערע, סיי אין זייערע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, סיי אין דעם כאַראַקטער פון זייערע טעטיגקייטען.

די ספּעציפיש־אידישע סיבות פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען :

1) דער פאַקט, וואָס אידען זיינען, ווי אַ כלל, שטאָט־מענטשען, בעת די מעהרסטע אנדערע איינגעוואַנדערטע פעלקער באַשטעהען — הויפּטזעכליך פון פויערשע עלעמענטען. שטאָט־מענטשען זיינען בכלל מעהר געוואוינט צו אָרגאַניזאַציע ווי דאָרף־מענטשען.

2) די טראַדיציעס פון די קהלות און חברות, וועלכע האָבען עקזיסטירט ביי אידען זינט דעם טיפען מיטעלאַלטער אין יעדער שטאָט און שטעטעל. דאָס זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער דעמאָקראַטישע און פריוויליגע אָרגאַניזאַציעס, אומאָפּהיינגיג איינע פון די אנדערע און כמעט דורכאויס באַגרעניצט צו רעליגיעזע, רעליגיעז־קולטורעלע און צדקה־טעטיגקייטען פאַר די אידען פון איין איינציגען שטעטעל אָדער ענגער לאָקאַליטעט.

3) די לאַנגע געשיכטע פון אידען־פאַרפאָלגונגען אין אייראָפּע, וואָס האָט געטריבען די אידען צו לעבען צווישען זיך און העלפען איינער דעם אנדערען ; אין אַנדערע ווערטער, די לאַגע פון די אידען אַלס אַ כסדר פאַרפאָלגטע מינאָריטעט האָט זיי אויסגעלערענט צו אסאָציאירען זיך פאַר זעלבסט־הילף.

4) דער מאַסען־געלאַף כאַראַקטער פון דער אידישער אימיגראַציע. די גרויסע מעהרהייט אידישע אימיגראַנטען זיינען אָנגעקומען אין עטלעכע גרויסע צענטערען, הויפּטזעכליך קיין ניו יאָרק, וואו זיי האָבען שוין געפונען היבשע צאָלן פון זייערע לאַנדסלייט, צווישען וועמען זיי האָבען געפונען שוץ און טרייסט אין זייער עלענטקייט און הילף אין פאַל פון נויט.

5) די גרויסע אומגליקען און פּאָגראָמען אויף אידען אין אייראָפּאַ, באַזונדערס אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג אין רוסלאַנד, האָבען געפיהרט צו דער אָרגאַניזאַציע פון הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטען מיט׳ן צוועק צו זאַמלען הילף פאַר זייערע פאָגראָמירטע און רואינירטע היים־שטעטלאך. די לעצטע אַנטיסעמיטישע כוואַליעס זיינען נייע סיבות פאַר זייער פאָרזעצונג.

אָט די אלע פאַקטאָרען, וועלכע מיר געפינען ניט אַלע צוזאַמען און אין אַזאַ מאָס ביי קיין שום פאָלק, דערקלערען סיי די פאַרשאַרפטקייט און פאַרוואָרצעלטקייט פון די אידישע לאַנדסמאַנשאפטען, סיי זייער ספּעציפישען כאַראַקטער. אָבער ווען נאָר און ווי ווייט איינער אָדער מעהר פון די דאָזיגע פאַקטאָרען האָט געווירקט ביי אַן אַנדערען פון די איינגעוואנדערטע פעלקער אין אַמעריקע, האָבען זיך ביי זיי אויך באַוויזען לאַנדסמאַנשאפט־אָרגאַניזאַציעס אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם מיט ענליכע אויפגאַבען און פונקציעס, ווי די פון די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען.

אוקראַינער

אַ גוטעןביישפּיל געפינען מיר ביי די אוקראַינער. אין יאָהר 1929, ווען הונדערטער אוקראַינישע ישובים און קולטור־אינסטיטוציעס זיינען צעגראָמירט געוואָרען פון דער פוילישער פּאָליציי, האָבען זיך אין אַלע אוקראַינישע צענטערען אין אַמעריקע געשאַפען לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיטעטען מיט׳ן צוועק צו זאַמלען הילף פאַר די געליטענע היים־דערפער און שטעטלאך. דאָס זיינען אָבער געווען צייטווייליגע קאָמיטעטען, ניט קיין פערמאַנענטע אָרגאַניזאַציעס. די לאַנדסמאַנשאַפטליכע הילף־קאָמיטעטען האָבען עקזיסטירט בלויז אַזוי לאַנג, ווי די לאַגע אין פּויליש־אוקראַינע איז געווען דרינגליך, און זיי האָבען זיך אויפגעלייזט, ווען די לאַגע איז געוואָרען מעהר אָדער ווייניגער נאָרמאַל. די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירען היינט צווישען די אוקראַינער, זיינען ניט קיין אָרגאַניזאַציעס פון לאַנדסלייט פון אַ שטעטעל אָדער דאָרף, נאָר פון לאַנדסלייט פון אַ גאַנצער געגענט, ווי למשל, די בוקאָווינאַ־סאָסייעטי אין ניו יאָרק, אַ טויטען־קראַנקען בענעפיט סאָסייעטי פון אוקראַינער פון בוקאָווינע, מזרח־גאַליציע, וועלכע גיט זיך אויך אָפּ מיט זאַמלען הילף פאַר אוקראַינישע אינסטיטוציעס אין דער רומענישער פּראָווינץ, פון וואַנען זיי קומען. ערשט לעצטענס האָט זיך געגרינדעט אין ברוקלין, אפשר די ערשטע אוקראַינישע שטעטלדיגע לאַנדסמאַנשאַפט — דער מאָסטי־וועליקי ברענטש פון אינטערנאַצי־

אַנאַלען אַרבייטער אָרדען. נאָך וויניגער געפינען מיר לאַנדסמאַנשאַפטען צווישען די רוסען. אַ ווילנע־קלוב און גראָדנע־קלוב פון רוסישע אימיגראַנטען פון יענע שטעט, ביידע אין שיקאַגאָ, זיינען די איינציגע באַוואוסטע אויסנאַמען.

כינעזער

אַ מוסטער פון פאַרטיג־אַריבערגעבראַכטע, צייט־פאַרגליווערטע סאָסייעטי־פאָרמען געפינען מיר ביי די כינעזער. די כינעזער האָבען אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע זייערע פון אַלטערטום גע'ירשנ'טע חברות, די טאָנגס, אַזוי ווי זיי שטעהען און געהען, און זיי זעצען זיי דאָ פאָר אין אַ כמעט אומפאַרענדערטער פאָרם. אויף אַזוי ווייט ווי דאָס אַמעריקאַנער לעבען ענדערט די כינעזישע טאָנגס, אין עס צום ערגערען; זיי ווערען דאָ דעמאָראַליזירט. דאָס איז אין קאָנטראַסט מיט די אידען, וואָס האָבען ניט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע זייערע טראַדיציאָנעלע חברות גופא (וועלכע האָבען, אגם, לחלוטין קיין עהנליכקייט ניט צו די כינעזישע), נאָר זיי האָבען אונטער'ן איינפלוס פון די אידישע חברה־קהלה־טראַדיציעס זיך געשאַפען נייע, מאָדערנע אָרגאַניזאַציעס, צוגעפּאַסט צו די נייע אַמעריקאַנער באַדינגונגען.

איטאַליענער

ביי די איטאַליענער און די גריכען אין אַמעריקע שפּילען די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס כמעט אַזאַ גרויסע ראָל ווי ביי די אידען. די איטאַליענישע סאָסייעטיס אונטערשיידען זיך אָבער פון די אידישע דערמיט, וואָס זיי רופען זיך ניט אויף נעמען פון די שטעט אָדער דערפער, פון וואַנען זיי קומען, נאָר זיי רופען זיך מיט די נעמען פון די סאָסייעטיס, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין זייערע שטעטלאך און דערפלאַך אין איטאַליע. די דאָזיגע סאָסייעטיס זיינען אין איטאַליע פאַרבונדען מיט קירכען און קירך־אינסטיטוציעס, וועלכע זיי העלפען אויסהאַלטען. די סאָסייעטיס רופען זיך געווינליך אָן אויף די נעמען פון געוויסע קריסטליכע הייליגע, וועמעס גייסטער עס באַשיצען, ווי די מאַסען זיינען טראַדיציאָנעל איינגעגלויבט, זייערע באַשטימטע לאָקאַליטעטען און געגענטען. אריבערקומענדיג קיין אַמעריקע, האָבען די איטאַליענער אויך איבערגעפלאַנצט אויף דעם היגען באָדען זייערע לאָקאַלע סאָסייעטיס, דורך וועלכע זיי פיהרען אָן גאָטעס־דינסטען און רעליגיעזע צערעמאָניעס אויף דעם היימישען שטייגער. די אַנדערע אויפגאַבען פון די דאָזיגע איטאַליענישע לאַנדסמאַנשאַפטען־סאָסייעטיס זיינען: קעגענזייטיגע הילף, לויה, קרקע, א. א. וו., ווי אַלע אַנדערע סאָסייעטיס פון דעם מין.

קיין גענויע אויספאָרשונג פון די איטאַליענישע לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס איז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען. ס'איז דעריבער ניט באַוואוסט וויפיל אַזעלכע סאָסייעטיס עס עקזיסטירען היינט צו טאָג, וויפיל מיטגלידער זיי האָבען, א. אַז. וו. זייער צאָהל איז אָבער זעהר גרויס. מען שאַצט, אַז זיי האָבען ארום אַ מיליאָן מיטגלידער. די גרויסע איטאַליענישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאציעס זיינען כמעט אַלע ארויסגעוואקסען פון די זעלבסטשטענדיגע לאַנדסמאַנשאַפטען, פונקט ווי עס האָט פאַסירט ביי די אידען. די גרויסע מעהרהייט פון אָט די סאָסייעטיס איז נאָך אַלץ זעלבסטשטענדיג, אויך ווי ביי די אידען. פונדאַמענטאַל אונטערשיידען זיך אָבער די לאַנדסמאַנשאַפטען פון די צוויי פעלקער גאַנץ שאַרף. ערשטענס, דאָמינירט אין די איטאַליענישע סאָסייעטיס דער קירכליכער איינפלוס, בעת די מעהרסטע אידישע זיינען וועלטליכע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, און אויך די רעליגיעזע זיינען זעלבסטשטענדיג, ניט דאָמינירט פון קיין קירך; צווייטענס, די איטאַליענישע לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען ניט קיין נייע סאָציאַלע שאַפונגען פון די איטאַליענישע אימיגראַנטען, געגרינדעט אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו און צוגעפּאַסט צו נייע באַדינגונגען, ווי די אידישע, נאָר זיינען טראַדיציאָנעלע, פון מיטעלאַלטער גע'ירשנ'טע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וועלכע די איטאַליענישע מאַסען האָבען פאַרטיגערהייט געבראַכט פון דער אַלטער היים.

סערבען, קראָאַטען, א. א. וו.

לאַנדסמאַנשאַפטען פון אַ גאַנץ אַנדער מין געפינען מיר צווישען די אימיגראַנטען פון די סלאַווישע פעלקער פון דרום־ און צענטראַל־אייראָפּע. ביי זיי געפינען מיר אָרגאַניזאציעס, וועלכע רופען זיך אויף די נעמען פון שטעט אָדער געגענדען פון זייערע לענדער, אָבער דאָס זיינען ניט קיין לאַנדסלייט־אָרגאַניזאַציעס. ביי די סערבען, למשל, געפינען מיר אָרגאַניזאציעס, ענליך אויף לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע רופען זיך בעלגראדער סאָסייעטיס. דאָס זיינען אָבער ניט קיין סאָסייעטיס פון בעלגראַדער לאַנדסלייט, נאָר פון סערבען בכלל. דער נאָמען בעלגראד איז ביי זיי בלויז דער סימבאָל פון זייער נאַציע, פון זייער נאַציאָנאַלער סואַווערניטעט, פון זייער פאַרגרעסערטער סערבישער מלוכה. פונקט אַזוי זיינען ביי זיי פאַראַן סאָסייעטיס אויף נעמען פון בערג, טייכען, היסטאָרישע ערטער, נאַציאָנאַלע העלדען, א. אַז. וו. ווי למשל, די „קאָסאָוואָ־סאָסייעטי”, אין אָנדענק פון אַ באַרימטער היסטאָרישער שלאַכט צווישען די סערבען און טערקען אין יאָהר 1389 אויף דעם קאָסאָוואָ־פעלד. אָדער די אָביליטש סאָסייעטי, נאָך דעם סערבישען גענעראַל, וועלכער האָט געטויט דעם טערקישען סולטאַן אין דער שלאַכט אויף קאָסאָוואָ־פעלד. אָדער די לאָווטשעוואָ סאָסייעטי, נאָך אַ באַרג אין מאָנטענעגראָ, וועלכע סימבאָליזירט דעם קאַמף פון די סערבען און מאָנטענעגרער פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. בכלל האָבען זיך סערבען אין אַמעריקע אין אָנהויב אָרגאַניזירט פאַר קעגענזייטיגער הילף אין דער פאָרם פון לאַנדסמאַנשאַפטען. שפּעטער האָבען זיך די לאַנדסמאַנשאַפטען פאַראייניגט אין פעדעראַציעס, וועלכע זיינען געוואָרען פראַטערנאַלע אָרגאַניזאציעס.

דערנאָך האָבן זיך די באַזונדערע פעדעראציעס פאַראייניגט, אונטער'ן איינפלוס פון דער יוגאָסלאַווישער רעגירונג, אין איין פראָטערנאלער אָרגאַניזאַציע. בלויז אַ קליינע צאָל פון די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען נאָך פאַרבליבען עקזיסטירען אַלס זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס.

אן ענליכע אַנטוויקלונג האָבען דורכגעמאַכט די לאַנדסמאַנשאַפטען ביי די קראָאַטען און אַנדערע יוגאָסלאַווישע פעלקער. די מעהרסטע איינצעלנע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען זיך ביי זיי פעדערירט אין אַלגעמיינע פראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער קראָאַטישער פראָטערנאלער בונד, וועלכער האָט היינט לאָדזשעס אין יעדען קראָאַטישען ישוב. מיר געפינען ביי זיי אויך פיעל זעלבסטשטענדיגע סאָסייעטיס, וועלכע הייסען נאָך שטעטלאַך, טייכען און נאַציאָנאַלע פיגורען, ווי די „נעראַטאוואנסקא סלאָגא", נאָך אַ טייך; פונאַט סאָסייעטי, נאָך אַ שטעטעל; אַדריאַטישע סאָסייעטי, פון דאלמאַציער, וועלכע קומען פונ'ם ברעג פונ'ם אַדריאַטיק; אָדער די כאַראַקטעריסטישע סאָסייעטי, וועלכע רופט זיך „פּראַנינאַ־יורינאַ סאָסייעטי", נאָך צוויי פּאָפּולערע איסטרישע קאָמעדיאַנטען, אַ מין איימאָס און ענדי. אָדער די וועלעביט סאָסייעטי, נאָך אַ באַרג אין קראָאַציע. אַ סך פון זייערע סאָסייעטיס הייסען אויך נאָך הייליגע, ווי ביי די איטאַליענער.

אונטער'ן איינפלוס פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ביי די קראָאַטען האָט זיך לעצטענס געשאַפען אין יעדען קראָאַטישען צענטער אין אַמעריקע אַ צענטראַל קאָמיטעט פון קראָאַטישע אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמענגעשטעלט פון דעלעגאַטען פון איינצעלנע סאָסייעטיס און קלובען, מיט די אויפגאַבען צו זאַמלען הילף פאַר פּאָליטיש־אַרעסטירטע קראָאַטען אין יוגאָסלאַוויע, העלפען די קראָאַטישע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, אָנפיהרען אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע קולטורעלע טעטיגקייטען אין אַמעריקע, אָרגאַניזירען טאַמבוריצאַ־אָרקעסטערען (די טאַמבוריצא איז אַ קראָאַטישער נאַציאָנאַלער אינסטרומענט), העלפען די מיטגלידער ווערען אַמעריקאַנער בירגער, א. א. וו.

טשעכאָסלאָוואַקען — לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניעס

אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון אַ פיעל העכערען, מעהר קאָנסטרוקטיווען און פערמאַנענטען סאָרט, ווי די אלע, וועלכע מיר האָבען ביז איצט אויסגערעכנט, איז די לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניע. אָט די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען ניט קיין געוויינליכע אָרגאַניזאַציעס, נאָר גאַנצע ישובים פון לאַנדסלייט, אַדער פון מענטשען פון איין נאַציאָנאַליטעט — שטעטלאַך, שטאָט־צענטערען, דערפער, וועלכע רופען זיך מיט די נעמען פון פאַרשיידענע ישובים אין דעם געבורטס־לאַנד, פון וואנען די קאָלאָניסטען קומען, אָדער וועלכע זיינען זיי צוליב וועלכער ניט איז אורזאַך טייער. אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניעס זיינען אין אַמעריקע קיין נייעס ניט. די גאַנצע געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע איז פול מיט אזעלכע לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניעס, אויפגעבויט פון ענגלישע, שאָטלענדישע, האָלענדישע, דייטשע, סקאַנדינאַווישע און אַנדערע אימיגראַנטען־קאָלאָניסטען. אין משך פון דעם לעצטען פעריאָד פון מאַסען־אימיגראַציע, האָבען די טשעכאָסלאָוואקען, מעהר ווי אַלע אַנדערע איינגעוואַנדערטע פעלקער, זיך אויסגעצייכענט מיט דער גרויסער צאָל לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניעס, וואָס זיי האָבען געגרינדעט אין פאַרשיידענע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אַ גרויסע צאָל פון אָט די טשעכאָסלאָוואקישע קאָלאָניעס זיינען אַגריקולטורעלע.

דר. טאָמאַס צאַפּעק, אַ באַקאַנטער טשעכישער פּובליציסט אין אַמעריקע, גיט אָן אַ סך־הכל פון 456 טשעכישע און 693 סלאָוואקישע ישובים אָדער לאַנדסמאַנשאַפט־קאָלאָניעס אין 37 שטאַטען. יעדער פון די דאָזיגע ישובים, צי אַ שטאָטישע אָדער א דאָרפישע קאָלאָניע, זאָגט דר. צאַפּעק, איז אַ צענטער, מיט אן אָפּטייל פון אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, אַ קירך, אָדער אַ מיטינג־זאַל. אָט די קאָלאָניעס רופען זיך מעהרסטענס מיט די נעמען פון פאַרשיידענע טשעכישע, מאָראַווישע און סלאָוואקישע שטעט און שטעטלאַך, ווי: פּראַהאַ, פּילזען, טאבאָר, פּראָטיווין, ברנאָ, וועלעהאַרד, מאָראַוויע, דובינא, א. א. וו. עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע נעמען ווי מאזאַריקטאַון, סלאָוואַקטאַון, א. א. ווייטער.

קיין לאַנדסמאַנשאַפטען פון דעם זעלביגען טיפּ ווי די אידישע, ביי וועלכע הילף־טעטיגקייט פאַר היימישע שטעטלאַך זאָל פאַרנעמען דעם אויבען־אָן, זיינען ביי די טשעכאָסלאָוואקען ניט באַקאַנט. איין איינציגער פאַל פון אַ סלאָוואקישער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט זיך מיט עטלעכע יאָהר צוריק אָרגאַניזירט אין שיקאַגאָ, איז ווערט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל זי איז די עקסטרעמסטע און, ווי ווייט אונז איז באַקאַנט, די איינציגע לאַנדסמאַנשאַפט פון דעם מין אין אַמעריקע. די דאָזיגע סאָסייעטי איז געגרינדעט געוואָרען פון לאַנדסלייט פון דעם סלאָוואקישען דאָרף לאַב און זי רופט זיך „לאבסקא אָבעץ", ד. ה. לאבער דאָרף. זי איז אָרגאַניזירט פּינקטליך ווי די מוניציפּאַלע רעגירונג אין זייער היימישען דאָרף. די סאָסייעטי האָט זיך איהר מעיאָר און אַנדערע דאָרפישע באַאַמטע, און אַן „אָבעטשני אוראַד" (דאָרפישער ראַט), וועלכער קומט זיך צוזאַמען רעגעלמעסיג און האַנדעלט פּונקט ווי זייער היימישער דאָרף־פאַרוואַלטונג. כדי צו שאַפען די היימישע אַטמאָספערע, געהט ארום איבער'ן זאַל, בעת די ראַט־פאַרזאַמלונגען, דער נאַכט־וועכטער מיט אַ שטעקען אין האַנט און ער רופט אויס: „וועטשערע צייט", אַ. א. וו., פּונקט ווי אין דער היים. די דאָזיגע סאָסייעטי גיט זיך איצט אָפּ מיט זאַמלען מאַטעריאַלען פאַר אַ בוך וועגען דער געשיכטע פון איהר דאָרף.

די טשעכען און סלאָוואקען האָבען אויך אַ רייה באַדייטענדיגע נאַציאָנאַלע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איינע פון זיי אָרגאַניזירט נאָך אין יאָהר 1850 אין ניו יאָרק. איהר הויפּט־קוואַרטיר איז דעמאָלט געווען אין נומער 14

סיטי האַל פּלייס, אויף דעם אָרט, וואו עס שטעהט איצט די ניו יאָרקער מוניציפּאַלע געביידע. אַ סך טשעכאָסלאָוואַקישע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען זיך אויך אַנגעשלאָסען אַלס באַזונדערע לאַדזשעס אין די פאַרשיידענע גרויסע אַמעריקאַנער אָרדנס, ווי אינדעפּענדענט אָרדער אָוו אָד־פעלאָוס, עלקס, נאַיטס אָוו פּיטיאַס, א. א. וו.

צווישען די טשעכאָסלאָוואַקען, פּונקט ווי צווישען די יוגאָסלאַווישע פעלקער, עקזיסטירען אויך אַ סך נאַציאָנאַל־קולטורעלע און ספּאָרט סאָסייעטיס, ווי די באַקאַנטע „סאָקאָל"־סאָסייעטיס, געזאַנג־פאַראיינען, א. אַ. וו. דאָס זיינען אָבער אַלץ אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אריבערגעבראַכט געוואָרען אין אַ פאַרטיגער פאָרם פון אייראָפּע און ניט קיין פּראָדוקטען פון דער צופּאַסונג פון אימיגראַנטען צו זייער נייעם באָדען.

לויזע לאַנדסמאַנשאַפט־אַסאָסיאַציעס — רומעניער

ביי איינציגע פעלקער, ווי ביי די רומעניער, למשל, עקזיסטירען דאָ און דאָרטען לויזע אסאָציאַציעס פון לאַנדסלייט, בלויז פאַר מאָראַלישע צוועקען און ניט מעהר. די רומענישע לאַנדסלייט פון געוויסע שטעט, וועלכע וואוינען אין דעטראָיט, קאַנטאָן און יאָנגסטאַון, זיינען פאַרבונדען אין אַ מין לויזע קלובען, אָהן קיין דיוס און קיין פאַרפליכטונגען. זייער איינציגע פונקציע איז דאָס, וואָס זיי קומען זיך צוזאַמען איין מאָל אַ יאָהר, זומער־צייט, צו אַ פּיקניק און זיי פאַרברייינגען צוזאַמען און האַלטען אזוי־ארום אָן אַלטע באַקאַנטשאַפטען און פרישען אָפּ אין זכרון די געדעכענישען פון זייערע רומענישע שטעט. פון צייט צו צייט בלויז אָרגאַניזירען זיך ביי די רומעניער ספּעציעלע לאַנדסמאַנשאַפטליכע קאָמיטעטען צו שאַפען הילף פאַר זייער היים־שטעטעל אָדער דערפעל פאַר א באַשטימטען צוועק. אַזוי זיינען באַקאַנט פאַלען, ווען אַזעלכע ספּעציעלע לאַנדסלייט־קאָמיטעטען האָבען געזאַמעלט געלט צווישען לאַנדסלייט פאַר'ן צוועק צו ברייינגען וואַסער אין זייער דאָרף אריין דורך אונטערערדישע רעהרען פון אַ נאָהענטען ברונעם; אָדער אויסצובויען א טאַנץ־זאַל פאַר דער יוגענט אין זייער געבורט־דאָרף; אָדער פאַר אַ נייעם קירך־קופּאָל, אָדער קירך־גלאָקען. אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיטעטען עקזיסטירען בלויז אזוי לאַנג ווי אָט די טעטיגקייטען געהען אָן און זיי לייזען זיך אויף אַזוי שנעל, ווי זייער צוועק איז דערגרייכט.

קירכען אַנשטאָט סאָסייעטיס, — פּאָליאַקען.

איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס ביי אַ רייהע איינגעוואַנדערטע פעלקער אין אַמעריקע האָבען זיך אַנטוויקעלט זעהר ווייניג זעלבסטשטענדיגע סאָסייעטיס פאַר קעגענזייטיגער און לאַנדסמאַנשאַפטליכער הילף, איז דער איינפלוס פון דער קירך, באַזונדער פון דער קאַטוילישער קירך, וועלכע זוכט אריינצודרינגען אין יעדען ווינקעל און געביט פון סאָציאַלער טעטיגקייט און לאָזט ווייניג פּלאַץ פאַר דער אייגענער איניציאַטיווע פון די מאַסען. די ראָל פון די קירכען אַלס אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון זעלבסטשטענדיגע סאָסייעטיס איז באַזונדער קענטיג צווישען די פּאָליאַקען. די פּוילישע קירכען אין אַמעריקע זיינען געוועזען באַזונדערס דערפאָלגרייך אין זייער טעטיגקייט צווישען די אימיגראַנטען, וועלכע זיי האָבען באוויזען אריינצוציהען אין גרויסע מאַסען אין זייערע פאַרשיידענע געמיינדע־טעטיגקייטען אין דעם גייסט פון פרומען קאַטוילִיציזם. (די איטאַליענער, צווישן וועלכע דער איינפלוס פון דער קאַטוילישער קירך איז אויך גרויס, זיינען ניט קיין אויסנאַם; אמת, ביי זיי זיינען די סאָסייעטיס שטאַרק פאַרשפּרייט, אָבער אָט די סאָסייעטיס זיינען, ווי מיר האָבען אויבען אָנגעוויזען, פּאַקטיש הילף־אָרגאַניזאַציעס צו די קירכען און זיי ווערען פון זיי סאַנקציאָנירט).

די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפטליכע סאָסייעטיס ביי אַלע איינגעוואַנדערטע פעלקער זיינען נאַציאָנאַליסטיש, אָפּגעזונדערט פון ענליכע אָרגאַניזאַציעס ביי אַנדערע פעלקער און האָבען באַציהונגען בלויז מיט אַזעלכע, וועלכע זיינען באַזונדערס נאָהנט צו זיי אין שפּראַך, קולטור, היסטאָרישע טראַדיציעס און אין אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע אַספּיראַציעס, ווי למשל, די קראָאַטען מיט די סלאָווענען, דאַלמאַציער, אָדער מיט די פּראָגרעסיווע סערבען. דער ערשטער אָרגאַניזירטער פאַרזוך צו פאַראייניגען די נאַציאָנאַלע סאָסייעטיס פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען אין אַמעריקע איז געמאַכט געוואָרען פון לינקס — אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער אָרדן. דאָס איז אָבער דערווייל בלויז אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיגט דעם פאַרקערטען כלל.

בכלל זיינען די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס סאָציאַלע דערשיינונגען, נאַטירליך פאַר אימיגראַנטען אין באַדינגונגען פון מאַסען־אימיגראַציע, טראַנזיציאָנעל און אמאָרפיש אין כאַראַקטער; זיי אַנטוויקלען זיך אין פאַרשיידענע מאַסען און נעהמען אָן פאַרשיידענע פאָרמען אין איינקלאַנג מיט די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, קולטור־צושטאַנדען און עקאָנאָמיש־פּאָליטישע באַדינגונגען פון די באַזונדערע פעלקער.

(צייכנונג פון פּוילישען פאַרבאַנד)

ב. ריווקין (וויינרעבע)

די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטען

(קאַפיטלען פון אַ גרעסערער אַרבעט)

.1

לאַנדסמאַנשאַפט, ווי דער נאָמען ווייזט, לכתחילה באַצייכענענדיג די פאַראייניגונג פון אימיגראַנטען, וואָס קומען פון איין היימלאַנד, האָט מיט דער צייט, איינהאַלטענדיג דעם ברייטערען זין, זיך פאַרשמעלערט ביז צו באַצייכענען די פאַראייניגונג פון אימיגראַנטען, וואָס קומען פון איין היימשטאָט. „שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט" — דאָס איז עס, וואָס מען פאַרשטייט איצט געוויינלאַך אונטער דער באַצייכענונג, און זי איז עס, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ הויפטזאַכלאַך. זי איז דער פראָדוקט און דער אָרגאַן פון זעלבסטהילף פון דער מזרח־אייראָפייאישער אימיגראַציע, וואָס האָט גענומען אַריינשטראָמען אין 1881 און וואָס האָט צוגעשטעלט די הויפט־מאַסע פון דער איצטיגער אידישער באַפעלקערונג דאָ אין לאַנד.

די לאַנדסמאַנשאַפט איז פאַקטיש די סאָציאַלע צעלע, פון וועלכער עס האָבען זיך אויפגעבויט, דירעקט אָדער אומדירעקט, די הויפט־גלידער פון סאָציאַלען אָרגאַניזם פון די מזרח־אייראָפייאישע אימיגראַנטען. אויף אַ דירעקטען אופן האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען געדינט פאַר די צעלען, וואָס זיינען אַריין אין געבוי פון אַ צאָל אָרדענס. אַ חוץ דעם „אינדעפענדענט אָרדער ברית אברהם", אַ באַשאַף פון פאָריגען יאָהרהונדערט, וועמעס קערפער איז ערשט דורך די לאַנדסמאַנשאַפטען זיך צעוואַקסען, זיינען אין פאַרלויף פון די ערשטע רריסיג יאָהר פון איצטיגען יאָהרהונדערט נישט ווייניגער פון פיר אָרדענס דורך דעם חיות, וואָס זיי האָבען געזויגען פון זייערע לאַנדסמאַנשאַפטען־צעלען, אויפגעהאָדעוועט געוואָרען: דער „אַרבעטער רינג" (געגרינדעט אין 1900), דער „ברית שלום" (געגרינדעט אין 1905), דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד" (געגרינדעט אין 1910), און דער ערשט אין 1930 געגרינדעטער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען". אַזוי שפעט, ווי אין די לויפענדיגע דרייסיגער, ווען דער שטראָם פון דער מזרח־אייראָפייאישער אימיגראַציע איז שוין איינגעטריקענט געוואָרען, האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען גענוג לעבענסזאַפט צו לאָזען געדייען אויף זיך אַ נייע, פרישע קערפערשאַפט.

זייער באַטייליגונג אין דעם אויפבוי פון די אָרדענס געהערט צו זייערע הויפט־אויפטוהען און עיקר־פאַרדינסטען; זייער ראָליע דאָ איז אָפען אָנערקענט. געוויינלאַך ווען אַ לאַנדסמאַנשאַפט שטייט צו צו אַן אָרדען, פאַרבלייבט זי מיט איהר נאָמען און האַלט איין איהר אידענטיטעט.

אָבער דער גרונט־באַטייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט איז פאָרט אין איהר פונקציאָנירען אַלס אינסטרומענט פון זעלבסט־הילף און ברודער־הילף. די פונקציע האָט איהר געגעבען איהר כאַראַקטער. אין דער ליניע פון דער פונקציע איז געגאַנגען איהר וואוקס און איהר ווייטערדיגע אַנטוויקלונג. דורך אָט דער פונקציע האָט די לאַנדסמאַנשאַפט זוכה געווען צו ווערען די סאָציאַלע צעלע, וואָס האָט אויפגעבויט דעם אָרדען, וועלכער אין זיין נייער פאָרמאַציע דערהויבט די זעלבסטהילף־אַקציע פון קליינעם קרייז צו פאָלקסהילף־אַקציע אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב — דער אָרדען, וואָס דינט ווי אַ מוסטער אַפילו פאַר די פרייע ניט אָנגעשלאָסענע לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס אַלע צוזאַמען טוען זיי זעלבסטשטענדיגען דינסט, ווי זיי וואָלטען אָנגעשלאָסען געווען אָן אַן אומזיכטבאַרען אָרדען.

.2

צוטרעטענדיג צו דער געשיכטע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, דאַרפען מיר, אום אויסצומיידען מיספאַרשטענדענישען, אַריינטראָגען אַ קאָרעקציע אין אונזער דעפיניציע פון לאַנדסמאַנשאַפט. אויב מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז דער זין איהרער האָט זיך פאַרשמעלערט ביז צו באַצייכענען די פאַראייניגונג פון אימיגראַנטען, וואָס קומען פון איין היים־שטאָט, דאַרף עס ניט צו בוכשטעבלאך פאַרשטאַנען ווערען. פון צייט צו צייט טרעפט — און וואָס ווייטער אַלץ אָפטער, — אַז אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון אַ גרעסערער שטאָט איז גענוג ברייטהאַרציג איינצושליסען די קלענערע שטעטלאך פון דער אומגעגענט; זי וועט אַפילו אַרייננעמען פאַר מיטגלידער אָפשטאַמלינגע פון ווייטערע געגענטען. אָבער די שטאָט, וואָס האָט געגעבען דעם נאָמען, האַלט איין געוועהנליך די מאַיאָריטעט מיטגלידערשאַפט און גיט דער לאַנדסמאַנשאַפט איהר יחוס.

די פאַרשמעלערונג פון דעם זין פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס דעקט אַ לאַנד, ביז אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס דעקט אַ שטאָט, — שטימט מיט דער ענדערונג און די פאָרמען פון אידישען אָרגאַניזירען זיך אין אַמעריקע. צוערשט ביז די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען די אידישע באַפעלקערונג דאָ איז געווען קליין, האָבען אידען

זיך אָרגאַניזירט לויט די לענדער פון זייער אָפּשטאַמונג. און דאַמאָלסט האָבען זיי זיך אַפּילו געהיט צו באַצייכענען זייערע לאַנד־פאַראייניגונגען אַלס לאַנדסמאַנשאַפטען, פאַר־שטעלענדיג זיי מיט דעם נאָמען אָרדענס.

ווען דער עלטסטער אידישער אָרדען „בני ברית” האָט זיך געגרינדעט אין 1843, איז עס געווען בעיקר אַ פאַר־איינינגונג פון די דייטשע אידען — כדי צו הויבען זייער פּרעסטיזש געגען דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזיש־האָלענדישער געמיינדע, וועלכע האָט זיך געהאַלטען יחוס'דיג געגען די ניי־אָנגעקומענע „אשכנזים”. אין דער קאָנסטיטוציע פון אָרדען ווערט אָנגעגעבען, אַז זיין צוועק איז — „צו פאַר־איינינגען די איזראַעליטען אין אַרבייט פאַר זייערע אייגענע העכסטע אינטערעסען און די אינטערעסען פון דער מענטש־הייט; צו אַנטוויקלען און צו שטייגערען דעם גייסט און די מאָראַל פון אונזערע גלויבענס־גענאָסען; איינצופלאַנ־צען אין זיי די ריינסטע פּרינציפּען פון פילאַנטראָפּיע; פון עהרע און פּאַטריאָטיזם; צו אונטערשטיצען וויסענ־שאַפט און קונסט...”—אַן אָרדען צו זאַמלען פּרעסטיזש!

אין איינקלאַנג מיט דער געהויבענער כונה איז ניט צו געפינען אין אָרדען לאַדזשעס מיט נעמען, וואָס זיינען אַסאָציאירט מיט וועלכער עס איז שטאָט און אַפּילו ניט מיט דעם לאַנד פון דער אָפּשטאַמונג פון די גרינדער; נאָר אַלץ אַזעלכע געהויבענע ביבלישע און היסטאָרישע נעמען: „ירדן”, „חברון”, „חנניה”, „עקיבה”, „הלל”, „מכבי”.

און צוריקגערעדט, וויפיל וואָלט געקאָנט אָננעמען זיך מיטגלידערשאַפט אין אַ לאָדזש פון די אָפּשטאַמלינגע פון איין דייטשער היימשטאָט? אַז די גאַנצע אידישע באַפעל־קערונג פון יונאַיטעד סטעיטס איז דאַמאָלסט, ביי דער גרינ־דונג פון אָרדען, געווען ווייניגער פון 50 טויזענט (ערשט פאַר'ן יאָהר 1847 ווערט אָנגעגעבען 50,000 אידישע נפשות פאַר'ן לאַנד און 10,000 פאַר ניו יאָרק). און זיי איז ניט געגאַנגען אין זעלבסטהילף. זיי זיינען געווען פון מעהר אָדער ווייניגער פאַרמעגלאַכען שטאַנד. פילאַנטראָפּיע יאָ: — „פאַרלייכטערען די נויטען פון די אָרימע, באַ־זוכען קראַנקע, שוץ און הילף פאַר אלמנות און יתומים” — אָבער דער אינשורענס בענעפיט, וואָס איז לכתחילה יאָ איינגעשלאָסען געווען צווישען די צוועקען פון אָרדען, איז שפּעטער אָפּגעשאַפט געוואָרען. איין אָריגינעלער צוועק איז געבליבען און האָט מיט דער צייט אַריבערגעוואויגען אַלע אַנדערע: „די פאַרטיידיגונג און רעטונג פון די קרבנות פון רדיפות”.

זייט 1882, ווען דער ערשטער „בני ברית”־לאָדזש איז געגרינדעט געוואָרען אין דייטשלאַנד, איז דער בני ברית זיך צעוואַקסען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלען אָרדען. מיט לאָדזשעס איבער גאַנץ אייראָפּע, אַפריקע, אַזיע — פאַרנעמענדיג אַ פּלאַץ אין פראָנט־רייע פון די אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען זיך איין פאַר אידישע רעכט, אין גייסט פון ווירדיגער פאַרזיכטיגקייט, הויפּט־זעכלאַך דורך באַאיינפלוסונג פון דער עפענטלאַכער מיי־נונג. היינט־צו־טאָג שענקט דער אָרדען זיין הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט דעם קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם, דער קול־טיווירונג פון גוטפריינטשאַפט צווישען אידען און קריסטען. — דער צוועק, וואָס די גרינדער פון אָרדען האָבען זיך אויפגעגעבען מיט קנאַפּע 100 יאָהר צוריק, איז נאָך מעהר ווי דערגרייכט געוואָרען: די דייטש־אידישע פאַרשטייער־שאַפט האָט ניט נאָר זיך אויסגעגליכען, נאָר אַפּילו אַריבער־געשטיגען אין אָנזעהן די עלטערע ספרד'ישע געמיינדע.

דער צווייטער אין עלטער וויכטיגער אָרדען איז „ברית אברהם” — געגרינדעט אין 1859 פון עסטרייכישע אידען; זיין ערשטע מיטגלידערשאַפט האָט ער ווערבירט פון עסט־רייכישע, ווי אויך פון דייטשע אידען פון ווייניגער פאַר־מעגלאַכען שטאַנד. זעלבסט־הילף איז דער ערשטער אימ־פּולס. אינשורענס־בענעפיט, קראַנקען־בענעפיט, אונטער־שטיצונג אין נויט זיינען אין פאָדערגרונט פון זייער אינ־טערעס. די שטעט פון זייער אָפּשטאַמונג גיבען נאָך ניט גענוג מיטגלידער, אַ לאָדזש זאָל זיך קאָנען אָנרופען אויף זייערע נעמען; אָבער די לאָדזשעס באַהאַלטען שוין ניט דאָס לאַנד פון זייער אָפּשטאַמונג. פאַרקערט. אויב דער אָרדען „בני ברית” האָט באַצייטענס שטאַלצירט מיט זיינע קינפטיגע גרויסע אויפטוען, שטאַלצירען די לאָדזשעס פון „ברית־אברהם” מיט די גרויסע נעמען פון זייער היים־לאַנד: פאַראַן לאָדזשעס, וואָס טיטולירען זיך: „קייזער פראַנץ יאָזעף”, „קייזער פרידריך”, „קרוינפּרינץ רודאָלף”. אַ לאָדזש, וואָס ריהמט זיך מיט „באַראָן ראָטשילד” (שפּעטער זיינען צוגעקומען די נייע באַרימטהייטען: „דר. הערצעל”, „דר. נאָרדוי”).

די גלענצענדיגסטע נעמען פון דער אידישער געשיכטע האָבען אויסגעכאַפּט די „בני־ברית”, איז פאַר „ברית־אברהם” געבליבען ניט אַזאַ גלענצענדיגער נאָמען: „מרדכי”. דערפאַר אָבער אַ סך לאָדזשעס, וואָס האָבען זיך אָנגערופען אויף די פאַמיליען־נעמען פון זייערע גרינ־דער פּרעזידענטען. כבוד וועמען כבוד קומט — יאָ, עס מעלדען זיך שוין נעמען, וואָס גיבען אָפּ כבוד דער נייער היים: „אַמעריקע”, „עמפּייר סטייט”, „האַרלעם”, „מאַנ־העטען”.

ערשט מיט דעם צושטראָם פון דער מזרח־אייראָפּיי־אישער אימיגראַציע אין די 80גער יאָהרען, באַווייזען זיך לאָדזשעס מיט אַלט־היימישע שטאָט־נעמען: „קיעוו”, „סור־וואַלק”, „אָסטראָלענקאַ”, נאָר די שטאָט־נעמען שטייען דאָ גיכער ווי שילדען, וואָס רופען צונויף די געוועזענע איינוואוינער פון דער היים־שטאָט.

אָבער די שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט טרעט שוין אויף מיט איהר פולען כאַראַקטער אין „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם”, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין 1887 — צו ירש'ענען זיין עלטערען ברודער „דעם אָרדען ברית אברהם”, און האָט טאַקע איהם גע'ירש'נט אויך — נאָך דריי־פיר צענדליג יאָהר (דאָס גענויע יאָהר פון זיין

פאַרשווינדען איז אָפיציעל נאָך ניט פעסטגעשטעלט, עס איז צוגעגאַנגען פּאַוואָליע).

געגרינדעט האָבען דעם „אינדעפּענדענט" אונגאַרישע אידען, וואָס זיי האָט זיך געדוכט, אַז די עסטרייכישע און דייטשע גלויבענס־גענאָסען קוקען אויף זיי אַראָפּ, ווי אויף קלענערע יחסנים פון זיך; און זיי זיינען געווען גענוג קלוג צו האַלטען ברייט אָפען זייער אָרגאַניזאַציע פאַר די מזרח־אייראָפּייער, וועלכע האָבען טאַקע דעם אָרדען איבערפליצט. אין „אינדעפּענדענט ברית אברהם" געפינען מיר שוין אַ היפּשע צאָהל לאָדזשעס מיט שטאָטנעמען: „פּאָלטאַווער", „סטאַניסלאַווער", „סטאָלינער". די ענדונג „ער" ווייזט אויף אַ „סאָסייעטי", אָדער „בענעוואָלענט אַסאָסיעישאָן" אָדער „בראָדערהוד" אָדער „אונטערשטיצונג־פאַראיין" — וואָס דאָס מיינט אַ ריכטיגע שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט. די לאַנדסמאַנשאַפטען־לאָדזשעס שטייגען ווייט אַריבער אין צאָהל די לאַדזשעס מיט בלייכע אַבסטראַקטע נעמען: „אַלטרואיסט", „פּארטונא", „אהבת אחים" (ברודער־ליבע). און קענטיג טאַקע, אַז די ברייטערע לאַנדסמאַנשאַפטען־באַזע האָט געהאָלפען דעם אָרדען צו וואוקס און שטאַנדהאַפטיגקייט. דער אָרדען איז אָנגעקוואָלען מיט מיטגלידערשאַפט, וואָס האָט אין עטלאַכע צענדליג יאָהר דערגרייכט איבער 200,000 — די גרעסטע צאָהל פאַר אַ אידישען אָרדען. און טאַקע אַ דאַנק דעם מעהר אויסגעשפּראָכענעם לאַנדסמאַנשאַפטען־כאַראַקטער האָט דער אינגערער אָרדען פאַרדרענגט פון דער סצענע זיין עלטערען ברודער־אָרדען.

.3

דאָ קענען מיר און מוזען מאַכען דעם איבערגאַנג פון די אָרדענס צו די לאַנדסמאַנשאַפטען, ווייל דער ווייטערדיגער גורל פון דעם אָרדען איז געקניפּט און געבונדען צו דער קאַריערע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. לאָזען מיר די אָרדענס דערווייל אָפּ, כדי שפּעטער צוריק זיי אויפצונעמען.

ס'קאָן סטאַטיסטיש געוויזען ווערען, אַז די שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט איז אַ באשאף פון דער מזרח־אייראָפּייאישער אימיגראַציע. אַרום יאָהר 1880, איידער די גרויסע אימיגראַנטישע עליה פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבען, איז געווען ביי 40,000 רוסישע און פּוילישע אידען איבער גאַנץ יונאַיטעד סטייטס, אַנטגעגען אַן אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג פון אַ פערטעל מיליאָן. (די דאַמאָלסדיגע אידישע באַפעלקערונג פון ניו יאָרק איז באַשטאַנען פון אַרום 60 טויזנט נפשות). זיינען געווען לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר 1880? וויפיל ניט איז יאָ. די אַנקעטע, וואָס די ניו יאָרקער קהילה האָט דורכגעפירט אין 1917, האָט אָנגערעכענט 1016 חברות פאַר געגענזייטיגער הילף — דאָס מיינט פרייע לאַנדסמאַנשאַפטען, ניט־געבונדענע ניט צו די עלטערע לאָדזשען־אָרדענס און ניט צו די אינגערע פראַטוירנאַל אָרדענס; איבער אַ העלפט — 632 — האָבען אָפּגעענטפערט אויף דער אַנקעטע, און פון זיי האָבען בלויז 9 אָנגעגעבען זייערע געבורטס־יאָהרען פאַר 1880.

די אַנקעטע, וואָס די אידישע שרייבער־גרופּע ביים פעדעראַלען פּראָיעקט אין ניו יאָרק האָט דורכגעפיהרט אין פאַרלויף פון יאָהר 1938, האָט אַרויסגעקראָגען ענטפערס פון איבער 2,000 לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס זייער פולע צאָהל ווערט געשאַצט אין 3,000. אין דער געבורטס־טאַבעלע פון די איבער 2,000 לאַנדסמאַנשאַפטען, איז צו געפינען 5, וואָס זייערע געבורטס־יאָהרען פאַלען אַריין אין די זיבעציגער און זעכציגער יאָהרען, אָנהייבענדיג פון יאָהר 1862 (אַ שוהל־לאַנדסמאַנשאַפט, אַן „אַנשי").

אין „ביאַליסטאָקער צענטער" 228 איסט בראָדוועי, אין וועלכען עס זיינען פאַראייניגט נאָהענט צו דריי צענדליג ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען, האָט זיך דערהאַלטען אַ קאָפּיע פון אַ טשאַרטער וואָס איז אין 1864 אַרויסגעגעבען געוואָרען צו אַ „ביאַליסטאָקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין". פון דעם פאַראיין איז קיין שפּור ניט געבליבען; קאָן מען אָננעמען, אַז עס זיינען געווען מעהר לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר די אַכציגער יאָהרען — מעהר וויפיל די אַנקעטעס ווייזען אָן. וואו זיינען זיי אַהינגעקומען? די סיבות פון זייער שפּורלאָזען פאַרשווינדען וועלען שפּעטער אויפגעקלערט ווערען: די הויפּט־סיבה: די אונגעזונטע, „אומוויסענשאַפטלאכע" עקאָנאָמיק פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס פאַרקירצט איהר לעבענסדויער ביז אַ דור און אַ האַלב, אויב זי געפינט באַצייטענס ניט קיין מיטלען ווי צוציען דעם יונגען דור. אַ לאַנדסמאַנשאַפט האָט אַ טבע, אַז ווען זי עלטערט זיך און יונגע מיטגלידערשאַפט קומט ניט צו אויף צו העלפען די עלטערע טראָגען די הוצאות אויף די קראַנקע און געשטאָרבענע, גיט זיך דער גוט־ברודערשאַפט־געפיל אונטער דעם האַרטען עקאָנאָמישען געזעץ, און די לאַנדסמאַנשאַפט שטאַרבט אַוועק, נאָך איידער אַלע איהרע מיטגלידער זיינען אויסגעשטאָרבען. אַ צאָהל פון זיי זיינען מסתמא אומגעקומען אין קראַך פון „אָרדער ברית אברהם".

אָבער דער אמת'ער אויפשטייג פון די לאַנדסמאַנשאַפטען איז געקומען נאָך די אימיגראַציע־כוואַליעס, וואָס מזרח־אייראָפּע האָט גענומען וואַרפען פון זיך — נאָך דער ערשטער גרויסער כוואַליע, וואָס איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון די פּאָגראָמען פון די זיבעציגער און אָנהויב אַכציגער יאָהרען אין דרום־רוסלאַנד; נאָך דער צווייטער נאָך גרעסערער כוואַליע, וואָס איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון די נאָך שוידערלאַכערע שחיטות, וואָס האָבען באַגלייט די דורכגעפאַלענע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905; צוויי גרויסע כוואַליעס, וואָס זיינען אונטערשטיצט געוואָרען פון צווישען־כוואַליעס נאָך די פּאָגראָמען פון די אָנהויב 90גער, נאָכ'ן קעשענעווער פּאָגראָם פון 1903, נאָך דער יאַפּאַנעזישער מלחמה פון 1904. די פויערישע אויפשטאַנדען אין רומעניע, וואָס זיינען אויסגעלאָפען אין פּאָגראָמען, האָבען אויך בייגעטראָגען זייער חלק צום אימיגראַציע־

שטראָם. **די פּליטים פון די פּאָגראָמירטע** שטעט, וואָס האָבען דורכגעבראָכען דעם וועג קיין אַמעריקע, האָבען מיטגעצויגען מיט זיך פּליטים פון די שטעט, וואָס האָבען געליטען פון אַ פּערמאַנענטען דלות־פּאָגראָם. פון 1881 ביז'ן יאָהר 1925, ווען די טויערען פון לאַנד זיינען פאַררייגעלט געוואָרען דורכ'ן קוואָטע־געזעץ פון 1924, האָט דער שטראָם אַריינגעבראַכט פון מזרח־אייראָפּע 2 מיליאָן מיט 650,000 טויזענט אידישע אימיגראַנטען — וואָס מיט די וואָסערע הונדערט טויזענט מזרח־אייראָפּייער אידען אַריבערגעקומענע נאָכדעם, מיט דעם צושטראָם פון אידישער אימיגראַציע פון אַנדערע לענדער, מיט דעם נאַטירלאַכען צוּוואוּקס, האָט געהויבען די אידישע באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַ פערטעל מיליאָן אַרום 1880, ביז 3,389,000 אין 1917, ביז 4,268,000 און 1917, ביז 4,500,000 איצט—וואָס כמעט אַ העלפט דערפון פאַלט אויס אויף דעם חלק פון ניו יאָרק.

די אידישע באַפעלקערונג פון ניו יאָרק איז געשטיגען פאַר די ערשטע 18 יאָהר, פון 1881 ביז 1898, אויף 533,478 נפשות; פאַר די 9 יאָהר פון 1899 ביז 1907 אויף 770,036 נפשות; פאַר די 7 יאָהר פון 1908 ביז 1914 אויף 609,559 נפשות — דערגרייכענדיג אין 1917 ביז 1,500,000; אין 1927 ביז נאָהענט צו צוויי מיליאָן. עס איז זיך משער צו זיין, אַז איצט שטייגט די צאָהל ווייט אַריבער צוויי מיליאָן.

וואָס זאָגט די סטאַטיסטיק פון די לאַנדסמאַנשאַפטען דערויף?

די אַנקעטע פון דער קהילה, פון 1917, האָט פאַר די 632 לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעגעבען פאָלגענדיגע צאָהלען: געגרינדעט ביז 1881 — 9; פון 1881 ביז 1901 — 205; פון 1902 ביז 1906 — 144; פון 1907 ביז 1917 — 251.

די אַנקעטע פון דער אידישער שרייבער־גרופּע ביים פעדעראַלען פּראָיעקט, מיט 21 יאָהר שפּעטער, וואָס דעקט אַ גרופּע פון 714 „פרייע" לאַנדסמאַנשאַפטען — ניט געבונדענע צו אָרדענס, וואָס זיי זיינען די מאַיאָריטעט. די אַנקעטע גיט: 2 גרינדונגען ביז 1881; 167 גרינדונגען פאַר 1881 — 1901; 166 גרינדונגען פאַר 1902 — 1906; 245 גרינדונגען פאַר 1907 — 1917.

ניט דיזעלביגע גרופּע לאַנדסמאַנשאַפטען געדעקט. די ליסטע פון דער קהילה־אַנקעטע איז אַ געמישטע — שליסט איין לאַנדסמאַנשאַפטען פון כל המינים, בעת פון דער פּראָיעקט־גרופּע זיינען אויסגעשלאָסען די חברות, וואָס זיינען צוגעבונדען צו שולען; די פרויען־קרייזען; די פאַמיליען־קרייזען; די לאַנדסמאַנשאַפטען אויף פּריוואַטע נעמען, וואָס פאַר די אַלע מינים ווערט געפירט אַ סעפּאַראַטער חשבון. עס איז אַן ענגערע, שטרענגערע, אָפּגעקליבענערע גרופּע. אַזוי אַז קיין פעסטע שלוסען קאָן מען קיין פאַרגלייך ניט ציהען.

אָבערביידע אַנקעטעס ווייזען רייטליך אָן, אַז די גרעסטע צאָהל גרינדונגען פאַלט גראָד אויף די יאָהרען 1901 — 1917 — די יאָהרען פון געדיכטעסטער מזרח־אייראָפּייאישער מאַסען־אימיגראַציע.

נאָך פון גרעסערען אינטערעס זיינען די צוויי ניי־צוגעקומענע רובריקען פון דער פּראָיעקט־אַנקעטע, וואָס דעקען די יאָהרען נאָך 1917 — 103 גרינדונגען פאַר 1918־1927 און בלויז 32 גרינדונגען פאַר 1928־1936; וואָס דאָס שפּיגעלט אָפּ פּינקטליך די פאַרקלענערונג פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע פאַר די צוויי פעריאָדען דורך די אימיגראַציע־פּאָליסיס פון די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָהרען, דורך דעם קוואָטאַ־געזעץ פון 1924 און דורך דעם קריזיס פון די ערשטע דרייסיגער.

מיינט עס צו זאָגען, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט רוקט זיך ביסלעכווייז אַראָפּ פון דער סצענע? עס הויבט זיך ניט אָן! די פּראָיעקט־אַנקעטע ווייזט אויף אַ היפּשען געווינס אין סכום פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־מיטגלידערשאַפט: אַנטקעגען די 88,187 מיטגלידער, וואָס די קהילה־אַנקעטע האָט אָנגעצעהלט פאַר 632 לאַנדסמאַנשאַפטען אין יאָהר 1917 — אַ דורכשניט פון 143 אויף אַ לאַנדסמאַנשאַפט — האָט די פּראָיעקט־אַנקעטע אָנצואווייזען; 714 לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס האָבען זיך געגרינדעט מיט 14,159 מיטגלידער — אַ דורכשניט פון 20 אויף אַ לאַנדסמאַנשאַפט — ציילען איצט 114,260 מיטגלידער — אַ דורכשניט פון 160 אויף אַ לאַנדסמאַנשאַפט. מיט דער פאַרקירצטער אימיגראַציע ווערען די לאַנדסמאַנשאַפטען ניט איינגעדאַרט, נאָר זיי וואַקסען און געדייען! — פון די 714 האָבען בלויז 15 אָנגעגעבען, אַז זיי האָבען איצט יונגערע מיטגלידער, ווי ביי דער גרינדונג. די פּראָיעקט־אַנקעטע באַווייזט נאָך מעהר: זי האָט אויסגעפונען נייע פאָרמען פון לאַנדסמאַנשאַפטען — די פאַמיליען־קרייזען, צום ביישפּיל, ביי וועלכע די צאָל הי־געבאָרענער מיטגלידערשאַפט דערגרייכט ביז 50%. אַנדערע נייע לאַנדסמאַנשאַפט־פאָרמען ווייזען נאָך אַ העכערען פּראָצענט הי־געבאָרענע.

וואָס דערפון דאַרף געדרונגען זיין, אַז די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען ניט אָנגעוויזען מיט זייער וואוקס אויסשליסלאך אויף דעם צופלוס פון אימיגראַציע. זיי קאָנען קענטיג זיך אַן עצה געבען — זיי האָבען זייערע מיטלען, ווי צו האַלטען זייער אַלטע מיטגלידערשאַפט און ווי צוצוקריגען נייע פון דער שטייגענדיגער באַפעלקערונג און פון דער אונטערוואַקסענדיגער יוגענט.

מיר האָבען געזוכט אין די אַנקעטעס אַ סטאַטיסטישע אילוסטראַציע אויף דעם כמעט זעלבסטפאַרשטענדליכען פאַקט, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט איז געשפּייזט געוואָרען פון דער מזרח־אימיגראַציע. אַרויסגעקראָגען האָבען מיר פיל מעהר: — אַ באַשטעטיקונג, אַז טראָץ די כמעט פאַרשלאָסענע טויערען פאַר דער מזרח־אייראָפּעאישער אידישער אימיגראַציע, זיינען די לאַנדסמאַנשאַפטען בשום אופן ניט אויסגעשפּילט. די ציפערען זאָגען, אַז ניין. פאַרדינען זיי דאַרום אונזער פולע אויפמערקזאַמקייט.

4

אויף אַזוי ווייט דאָס עדות זאָגען פון די ציפערען. מיר האָבען געוואונען אַ סטאַטיסטישע פאַרזיכערונג פון היינטיגען טאָג, אַז באַהאַנדלענדיג די לאַנדסמאַנשאַפט, האַנדלען מיר ניט מיט ווינט. קאָנען מיר צוריקגיין צו איהר געשיכטליכער קאַריערע.

ציפערען זיינען ניט אַלץ. — די לאַנדסמאַנשאַפט איז מזרח־אייראָפּעאיש ניט נאָר קוואַנטיטאַטיוו, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו. און די קוואַליטאַטיווע סיבות, וואָס האָבען זי אַרויסגעבראַכט, זיינען ניט ווייניגער וויכטיג. זיי האָבען עס גורם געווען, אַז די צאָל לאַנדסמאַנשאַפטען ביי אידען זאָל פּראָפּאָרציאָנעל זיין גרעסער פון דער צאָל ענליכע פאַראיינען פאַר קעגענזייטיגער הילף ביי וועלכער עס איז אַנדערער אימיגראַנטען־גרופּע. זיי, די קוואַליטאַטיווע סיבות, האָבען אין דער לאַנדסמאַנשאַפט אַריינגעגעבען איהרע ספּעציפישע אייגענשאַפטען. און זיי הויבען אָן איהר אמת'ע געשיכטע.

דער באַקוועמסטער וועג צו שטודירען די נאַטור פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און איהר פּראָגרעס איז איינטיילען איהר געשיכטע אין דריי פאַזען: די ערשטע פאזע וועלען מיר אָנרופען די סינאַגאָגאַל־צערעמאָניאַלע; די צווייטע — די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע; די דריטע די קאַטאַסטראָפאַלע. די ערשטע פאזע זינט דעם אויפקום פון די לאַנסמאַנשאַפטען ביז אַרום 1905; די צווייטע פאזע האָט זיך אָנגעהויבען פון 1900 און איז אַריינגעלאָפען אין דער דריטער, וואָס איהר אָנהויב איז געווען אין די יאָהרען פון דער וועלט־מלחמה.

שטודירען מיר די ערשטע פאזע. עס איז אויסגע'חשבונ'ט געוואָרען, אַז די 2,650,000 אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען אַריינגעקומען פון מזרח־אייראָפּע קיין יונייטעד



קעלצער אונטערשטיצונג-פאראיין, 5 לודלאָוו סטריט, נ. י.

סטייטס פאַר 1881—1925, האָבן אויסגעמאַכט אַ דריטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג פון מזרח־אייראָפּע, דעם נאַטירליכען צוואוואוקס אַריינגערעכענט. יעדער דריטער איד פון אַ שטאָט האָט איבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַן אמת׳ע פאָלקס איבערוואַנדערונג פון לאַנד צו לאַנד, ווי עס פלעגט טרעפען פאַרצייטען; ווי עס האָט געטראָפען מעהרערע מאָל מיט אידען אין מיטלאַלטער, ווען זיי פלעגען אַרויסגעטריבען ווערען פון זייערע איינגעזעסענע ישובים — פון שטעט און לענדער; ווי עס פאַסירט איצט מיט די אידען פון דייטשלאַנד און עסטרייך. און אידען זיינען געניט אין באַגעגענען אַזעלכע פאָלקס אומגליקען. שטעט פלעגען אַרויסגיין מקבל פנים זיין די אַרויסגעטריבענע, מיט די רבנים און די ראשי הקהל בראש, און זיי באַזאָרגען מיט אַלעס נויטיגען; טיילען מיט זיי וואוינונג, טיש און קלייד און זיי העלפען זיך איינאָרדענען אין זייער נייעם ישוב. און אַזוי האָבן אידען אויסגעהאַלטען די אַלע שרעקליכע גירושים און ניט אונטערגעגאַנגען.

און די מצוה פון מקבל פנים זיין אַרויסגעטריבענע איז אַריין אין פאָלקס געוויינהייט און כאַראַקטער, און אידען אין מזרח־אייראָפּע פלעגען די מצוה מקיים זיין, ווען אַ שטעטל פלעגט אָפּגעברענט ווערען; אָדער אַ שטעטל פלעגט לויפען פון אַ פּאָגראָם, און אידען פון גאַנץ רוסלאַנד האָבן די מצוה מקיים געווען אויף אַ גראַנדיעזען שטייגער בשעת דער וועלט־מלחמה, ווען די רוסישע קאָמאַנדירען האָבן אַרויסגעטריבען אַלע אידען פון אַלע שטעט און שטעטלאַך איבער דער גאַנצער לענג פון דער מערב־דיגער פראָנט־ליניע. איין העלפט אידען איז געווען יאָהרנלאַנג דער גאַסט פון דער צווייטער העלפט.

און די מצוה איז אַריינגעדרונגען אין אידישען לעבענס־שטייגער, אַלס די מצוה פון הכנסת אורחים, מקיים צו זיין אפילו ניט אין אַן עת צרה; דער גרעסטער אָרימאַן פלעגט עס האַלטען פאַר זיין גליק, ווען ער פלעגט קאָנען איינלאַדען צו זיין שבת׳דיגען טיש אַן אָרימאַן אַן אורח פון אַ פרעמדער שטאָט — דער אורח פלעגט איהם ברענגען דעם עונג שבת אין הויז אַריין.

אַט־די טאָפּעלטע מצוה — פון מקבל פנים זיין געטריבענע און פון הכנסת אורחים — איז גאַנץ אָפּט געווען דער ערשטער שטויס צו דער געבורט פון דער היגער שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט. צו ערשט איז עס געווען די זאָרג וועגען לאַנדסמאַן, דערנאָך ערשט די זאָרג וועגען זיך אַליין. איין שטאָט איז אַרויס מקבל פנים זיין, מכניס אורח זיין אַ צווייטע שטאָט — די פריער־אַריבערגעקומענע די נייע־אָנגעקומענע. בפרט ווען דאָס זיינען געווען ניט קיין פרעמדע צווישען זיך שטעט. וואָרום מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַציע האָט געשטראָמט אַהער שטאָט־וויז. איין מיטגליד פון דער פאַמיליע—אַ מאַן, אַ פאָטער, צי אַ זוהן—פלעגט אַרויספאָרען צוערשט, און דערנאָך אַראָפּברענגען די גאַנצע פאַמיליע. אָדער אַ קרוב פלעגט עס טאָן; אָדער ניט קיין קרוב, אַ פריינט, אַ באַקאַנטער, אַ לאַנדסמאַן פלעגט נעמען אַ שיפס־קאַרטע אויף אויסצאָלען, און די אַריבערגעקומענע פלעגען איבערנעמען די צאָלונגען אויף זיך. איין חלק שטאָט פלעגט מיטציען דעם אַנדערען.

עס איז איצט גאָר שווער זיך פאָרצושטעלען וואָס פאַר אַ וויכטיגע ראָלע די שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפטען האָבן געשפּילט אין די ערשטע יאָהרען פון אימיגראַציע. איידער די רעגולערע אינסטיטוציעס פאַר האַנדלען מיט׳ן אימיגראַנט האָבן זיך איינגעשטעלט. זיי זיינען געווען די סטאַנציעס פאַר הכנסת אורחים, דער „האַיאַס”. זיי זיינען געווען די זאַמעלפלעצער, די פאַמיליען־צענטערס, וואָס האָבן געהאָלפען דעם גרינעם זיך איינהיימישען און איינבירגערען אין דער נייער, פרעמדער מדינה. אַן אַרויסגעשלאָגענער פון דער סביבה וואו ער איז געווען איינגעוואָרצעלט, וואָלט דער גרינער דאָ, אָן קענטעניש פון שפּראַך, לאַנד און באַדינגונגען, פאַרפאַלען געוואָרען אין הפקר אַריין, ווען ניט די חברה היימישע מענשען, די לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט אים באַגעגענט, אויפגענומען, אַרויסגעהאָלפען, געפיהרט מיט זיינע ערשטע טריט, אַריינגעפיהרט אין אַ הויז, אין אַ שאַפּ און בכלל אַריינגעפיהרט איהם אין די נייע לעבענס־באַדינגונגען. די לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען די סטאַנציע פון גיכער הילף. און די לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען דער בריק צווישען אייראָפּע און אַמעריקע; דער אינוועניגסטער, פריינטליכער עליס איילאַנד. און די לאַנדסמאַנשאַפט האָט דעם גרינעם געלערנט די גרונט־כללים פון אַמעריקאַנישקייט — די ערשטע טבילה אין אַמעריקאַניזאַציע האָט ער דאָ באַקומען. און ווען דאָס לעבען פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידען האָט זיך דאָ אַזוי גיך איינגעשטעלט, איינגעאָרדענט און זיך אָרגאַניזירט — ווען דער שאַרפער איבערגאַנג פון היימישער קליינשטעטלדיגקייט צו אַמעריקאַנישער גרויסשטאָטיגקייט איז דורכגעגאַנגען פאַרהעלטענישמעסיק אַזוי גלאַטיג, אָן איבעריגער פּיין — איז עס געווען אַ דאַנק די לאַנדסמאַנשאַפטען.

5

הכנסת אורחים איז ניט די איינציגע אַלט־היימישע מצוה, וואָס איז דאָ אין לאַנד אויפגעלעבט געוואָרען אויף אַ גרויסען שטייגער. און אויב מיר האָבן אויבען אויסגעפיהרט, אַז די מצוה פון אויפנעהמען אַ גאַסט האָט גאַנץ אָפט געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דער גרינדונג פון אַ שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט, מוזען מיר דאָ די באַהויפּטונג עטוואָס פאַרריכטען: ס׳האָט דאָך געדאַרפט זיין ווער זאָל דעם גאַסט אויפנעמען. מעהרסטענס איז עס טאַקע געווען דער יחיד, דער קרוב, דער לאַנדסמאַן, וואָס האָט געקויפט די שיפסקאַרטע. אָבער ווען פון אַ פּאָגראָמירטער אָדער רואינירטער שטאָט פלעגען מיט אַמאָל אַריינפאַלען אַ צעהנדליג, אָדער 50 אָדער 100 — איז דאָס ניט געווען פאַר די כחות פון איין מענשען, פאַר׳ן יחיד און פאַר יחידים, די געסט אויפצונעמען. עס האָט געדאַרפט זיין נאָך פון פריער אַ שטיקעל פאַראייניקונג פון יחידים לאַנדסלייט, אַן אָנהויב פון אַ חברה,

אַ קעמערעל פון אַ קינפטיגער שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט. דער פרומער קלאַס אידען האָבען אַזאַ קעמערעל געהאַט אין זייער שוהל. די מצוה פון דאַוונען בצבור מיט אַ מנין, וואָס דער פרומער איד איז מחויב מקיים צו זיין יעדען טאָג אין וואָך, האָט געגעבען דעם גאָר־גאָר ערשטען שטויס צו דער גרינדונג פון אַן ערב־לאַנדסמאַנשאַפט, — פאָראויסגייענדיג דער מצוה פון הכנסת אורחים, פאַר וועלכער עס איז געקומען די אמת'ע געלעגענהייט ערשט מיט דער גרויסער אימיגראַנטישער עליה. פאַר די 40 טויזענט רוסישע און פוילישע אידען, וואָס האָבען זיך דאָ אָנגעזאַמעלט ביז 1880, איז דער מנין מסתמא געווען די איינציגע געלעגענהייט פאַר אַ לאַנדסלייט־צוזאַמענקונפט. צוערשט איז מען זיך צונויפגעקומען מתפלל זיין ביי אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערע שטוב. דערנאָך, אַז דער עולם האָט זיך אַביסעל פאַרגרעסערט, האָט מען אָפּגעדונגען אַ ווינקעל־האָל, אויף אַריינצושטעלען אַן אָרון קודש. און נאָך אַזאַ געשמאַקען אָפּדאַוונען בצבור, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער אַלטער היים, האָט דער אימיגראַנט זיך שוין ניט געפיהלט אַזוי עלענט אין פרעמדער מדינה.

און די שוהל איז דאָך ניט איין מצוה, ס'איז אַ גאַנצער געפלעכט פון מצוות. מיט דער שוהל איז שוין מיטגעגאַנגען דער גאַנצער היימיש־שטעטעלשער פרומער פּאַראַנדעק: די מצוה פון צדקה — העלפען נויטבאַדערפטיגע אויף ניט צוריקבאַצאָלען; די מצוה פון גמילות־חסדים — צו געבען הלואות אָן פּראָצענט; די מצוה פון בקור חולים — באַזוכען אַ קראַנקען און קויפען פאַר איהם רפואות, אויב די פאַמיליע איז מיטללאָז; די מצוה פון לינת הצדק — פון איבערנעכטיגען מיט די קראַנקע, און אויב דער קראַנקער שטאַרבט, איבערנעכטיגען מיט די אבלים, וואָס ביי די גאָר פרומע איז עס אויסגעשפּרייט געוואָרען ביז זיצען אַ גאַנצע וואָך שבעה מיט די אבלים. און על כולם: מיט דער שוהל־חברה איז מיטגעגאַנגען די חברה קדישה, וואָס האָט געגעבען דעם מת אַ אידישע לויה און געבראַכט דעם מת צו קבר ישראל.

די אַלע מצוות צוזאַמען האָט מקיים געווען די שוהל־חברה — מיט דער נפקא מינה, וואָס אין דער אַלטער היים האָט דער אָרעמאַן עס אַלץ באַקומען אומזיסט — אי די שוהל, אי דעם גמילת חסד, אי דעם באַזוך פון פריינט, ווען ער איז קראַנק, אי די לויה, אי דעם קבר. דאָ אין אַמעריקע, וואו דער היימישער קהל איז ניט געווען, האָט דער אימיגראַנט פאַר דעם אַלעמען געדאַרפט אין פאָראויס באַצאָלען; אַריינלייגען אין דער קאַסע פון חברה אַ וועכענטליכען אָדער חודש'ליכען אָפּצאָל.

און דאָס איז געווען גוט. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו דער אַמעריקאַניזירונג פון דער שוהל־חברה. פון הילף איז געוואָרען זעלבסטהילף. פון צדקה איז געוואָרען בענעפיט. דער מיטגליד פון דער חברה באַקומט דאָס אַלץ ניט ווי אַ צוגעוואָרפענע טובה, נאָר ווייל עס קומט איהם. ער האָט אַ רעכט עס צו דערוואַרטען און אַ רעכט צו מאָנען. דאָס האָט געהויבען זיין זעלבסט־ווירדע. דאָס האָט פאַרבעסערט און פאַרגרעסערט די הילף. אַזוי ווי פאַר דער לויה און פאַר דעם קבר האָט מען געדאַרפט באַצאָלען, האָט די שוהל־חברה געדאַרפט זיך איינשאַפען אַן אייגענעם בית־עולם, קויפען קרקע, כדי די קברים זאָלען אויסמאַכען ביליגער. און עס איז באַשטימט געוואָרען וויפיל דער קראַנקער דאַרף באַקומען אויסגעצאָלט אין בענעפיט. נאָך בעסער איז עס געווען פאַר דער אלמנה: אָנשטאָט אַ פּאָר רובעל, צוזאַמענגעקליבען אין אַ טיכעלע פון גוטהערציגע ווייבער — איז באַשטימט געוואָרען, אַז 200 דאָלער זאָל זי באַקומען, ווי דער חוב פון דער חברה צום מאַן — זי זאָל ניט בלייבען הילפלאָז מיט יתומים אויף די הענט, אין דער פרעמדער מדינה. (200 דאָלער איז די טראַדיציאָנעלע סומע, וואָס די שוהל־חברה האָט איבערגענומען פון דער דייטש־אידישער לאָדזש—פון אָרדען „ברית אברהם", אָדער „אינדעפּענדענט ברית אברהם",—וועלכע האָט עס איבערגענומען פון דער אַמעריקאַנישער „בענעוואָלענט סאָסייעטי" — און שטאַמען שטאַמט עס נאָך פון די „פרענדלי סאָסייעטיס" פון אַלט־ענגלאַנד).

אָט־דאָ האָט די מצוה פון הכנסת אורחים, וואָס נאָך 1881 האָט מען זי גענומען מקיים זיין אויף אַ גרויסען שטייגער, צוגעשפּילט צום איבערגאַנג פון דער שוהל־חברה אין אַ הילפס־חברה. עס האָבען זיך אויסגעפורעמט צוויי מינים: איין מין, וואו די הילפס־חברה פאַלט צונויף מיט דער שוהל־חברה, וואָס איהר הויפּט־זאָרג איז די שוהל און דער בית עולם, און איז יוצא פאַר בענעפיטס מיט אַ קאַסע פאַר גמילת חסדים און נויט־הילף — וואָס דאָס זיינען די „אנשי'ס." און אַ צווייטער מין, וואו די הילפס־חברה איז צוגעבונדען צו דער שוהל, אָבער פאַלט מיט איהר ניט צונויף, און קאָן אַריינגעמען מיטגלידער, וואָס געהערען זיך מיט דער שוהל ניט אָן. דער מין האָט שוין דעם גאַנצען צעטעל בענעפיטס — מיט קראַנקען־בענעפיט, מיט טויט־בענעפיט —פול איינגערעגולירט, מיט פעסטע סטאַטוטען פאַר איינצאָלונגען און אויסצאָלונגען.

אַזוי איז די שוהל־חברה, מיט דעם צושפּיל פון דער מצוה פון הכנסת אורחים, מיט דעם מוסטער פון אָרדען־לאָדזש פאַר די אויגען, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט — אַ לאַנדסלייט־פאַראייניקונג פאַר הילף און זעלבסטהילף.

און ס'זעט אויס, אַז די שוהל־חברה איז געווען די עלטסטע לאַנדסמאַנשאַפט־פאָרם דאָ אין לאַנד. אַז דאָס איז אַזוי, האָט די שרייבער־אַנקעטע אויסגעגראָבען אַ באַווייז — זי האָט געפונען אַ שוהל, וואָס איז איין עלטער מיט דעם „ביאַליסטאָקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין", וועלכער איז אויך געווען אַ צוגעבונדענער צו אַ שוהל — ביידע געגרינדעט אין 1864. און אַ שוהל וואָס איז נאָך עלטער פון 1862. דער פאַראיין איז פאַרשוואונדען, די שוהלען זיינען געבליבען.

פאַרשטייט זיך, אַז די גרויסע שפע אויף „אנשי'ס" איז

געקומען ערשט מיט דער אימיגראַציע־פאַרפלייצונג פון נאָך 1881 — ביז דאַמאָלס זיינען זיי געווען אויף די פינגער צו ציילען: דערנאָך זיינען זיי געוואָרען ניט איבערצוציילען. „אנשי׳ס” פלעגען אויסוואַקסען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגען און פונקט אַזוי גיך איינגעטריקענט ווערען.

די עלטסטע און גרעסטע שוהלען אין ניו יאָרק, וואָס שטייען נאָך עד היום, זיינען געגרינדעט געוואָרען פון „אנשי׳ס”. ניט אַלע אנשים האָבען זיך אַזוי פיין געקאָנט אַרויפאַרבייטען. די מעהרסטע זיינען געבליבען ביי זייערע ווינקעלאַך אין אַ האָל, מיט אַן אָרון־קודש׳ל, וואָס ערשט ימים־נוראים־צייט פלעגען זיי אָנגעלאָפען ווערען מיט בעלנים־מתפללים. דערפון האָט זיך עס גענומען — וואָס עס האָט ביז ניט־לאַנג אַזוי אונאַנגענעם זיך געוואָרפען סיי אין אידישע און סיי אין ניט־אידישע אויגען — אַז צו די גרויסע ימים־טובים — די ימים־נוראים — פלעגען פלוצלינג זיך באַווייזען שוהלען אין פאַסיגע און ניט־פאַסיגע פלעצער: אין פריוואַטע הייזער, אין דענסהאָלס, אין מואווי־הייזער, אין ביר־סאַלונס און נאָך ערגערע פלעצער. דאָס זיינען געווען די „אנשי׳ס”, וואָס פלעגען אַ גאַנץ יאָהר קיין כח ניט האָבען אפילו פאַר אַ שוהלכעל...

עס איז נאָך היינט קענטיג, אַז דער לאַנדסמאַנשאַפטליכער בענעפיט־פאַראיין שטאַמט אָפ פון דער שוהל־חברה; אַז די בענעפיטס האָבען געהאַט זייער אורשפרונג אין רעליגיעזע מצוות. די אָפשטאַמונג האָט געלאָזט אויף תמיד אין דער פסיכאָלאָגיע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. אַמעריקע האָט די מצוות מאָדערניזירט, איבעראַרבייטענדיג די צדקה הילף אין זעלבסטהילף, אָבער דער מצוה־כאַראַקטער איז געבליבען. הילף צו דרויסענדיגע, צו ניט־מיטגלידער האָט אַלעמאָל פאַרנומען אַ גרויסען אָרט אין דער פראַקטיק פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. בפרט נאָך דער מלחמה, ווען די הילף פאַר „דרויסען” — אין דער פאָרם פון רעליף פאַר דער היים־שטאָט — האָט ניט בלויז אויסגעגליכען, נאָר גאַנץ אָפט אַריבערגעשטיגען די זעלבסטהילף — ביי דער ניט־פרומער, אידייאישער, געזעלשאַפטליך־באַוואוסטזיניגער לאַנדסמאַנשאַפט נאָך מעהר אַזוי, ווי ביי דער אַלטמאָדיש־פרומער. פרייגעביגקייט, סאָלידאַריטעט־געפיהל איז דער גרונטשטריך פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

6

נאָכדעם ווי די לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך אָפגעפאַרטיגט מיט איהרע פריוואַט־יחיד׳ישע און עולמ׳שע מצוות — די מצוות, וואָס האָבען איהר געגעבען דעם געבורט־שטויס — האָט זי זיך איינגעשטעלט אויף אַ פערמאַנענטען באַזיס, פאַר הילף און זעלבסטהילף. וואָס ווייטער האָט זי אַלץ וועניגער געדאַרפט אָנקומען צו דער שוהל פאַר אַ הייבאַם. דער אַלץ זיך שטאַרקענדיגער אימיגראַציע־שטראָם האָט צוגעשטעלט מענש־מאַסע, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אין דער שוהל אַריינשפאַרען אָדער צו איהר צובינדען. איינמאָל איז דער מאָדעל געווען איינגעשטעלט, האָבען לאַנדסמאַנשאַפטען זיך געפורעמט פון זיך אַליין, אין אָפענטפער אויף דעם באַדאַרף אין זעלבסטהילף. — זייט דאַמאָלט איז די לאַנדסמאַנשאַפט געוואָרען אַ סאָציאַלער „יוניט” וואָס ווירקט און ווערט באַווירקט. פאַרבלייבענדיג דאָס וואָס זי איז — אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע פאַר בענעפיטס — האָט זי גראַדנווייז גענומען טאָן, אָדער געלאָזט דורך זיך טאָן, העכערען סאָציאַלען דינסט.

איהר ערשטער דירעקטער דינסט איז געגאַנגען אין דער ליניע פון איהר זעלבסטהילף־פונקציע. זי האָט גענומען אַרויפאַרבייטען די אָרדענס — דעם עלטערען, בכבוד׳יגען, גאַנץ דייטשמערישען „ברית אברהם” און דעם אינגערען, מעהר דעמאָקראַטישען, האַלב דייטשמערישען „אינדעפענדענט ברית אברהם”. דעם עלטערען האָט זי פאַרלענגערט דאָס לעבען אויף דרייסיג־פערציג יאָהר; אין דעם אינגערען האָט זי אַריינגעגעבען אימפעט פון וואוקס, ביז ער האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסען צו ווערען דער גרעסטער אידישער אָרדען.

צוליב וואָס און וועלכע לאַנדסמאַנשאַפט איז געגאַנגען אין אָרדען? — צוויי מאָטיווען זיינען געווען: אַ מאַטעריעלער און אַ גייסטיגער. פאַר נויט און פאַר וואוילטיג. מאַטעריעל, האָט דער בענעפיט־אינטערעס — די פרוזשינע פון איהר עקזיסטענץ — זי באַוועגט אין דער ריכטונג פון אָרדען. 500 דאָלער אַנשטאָט 200 איז שוין באַלד אַן אינשורענס־פאָליסי. — דערצו זיינען דעם אָרדענס 500 דאָלער געווען אַ סך זיכערער פון פאַראיינ׳ס 200. און די איינשפאָרונג פון הוצאות און קאָפדרייעניש אויף בוך־פיהרונג און פאַרוואַלטונג. און דער עיקר, די גרויס און דער פרעסטיזש פון אָרדען העלפט דער לאָדזש די ווערבירונג פון נייער מיטגלידערשאַפט. אמת, ס׳האָט געקאָסט טייערער: אין עלטערען אָרדען 12 ד. אַ יאָהר, אין אינגערען 15 — אַנטקעגען די 4, 5, 6 דאָלער, וואָס דער מיטגליד פון דער לאַנדסמאַנשאַפט האָט באַדאַרפט צאָלען. נאָר גאָר גיך זיינען דאָס רוב לאַנדסמאַנשאַפטען געוואָר געוואָרען, אַז די ביליגקייט אין דער לאַנדסמאַנשאַפט קאָסט טייערער. עס האָט לכתחילה אויסגעזען אַזוי אומשולדיג — 5 אָדער אפילו 10 סענט אַ וואָך אָפצאָל, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס? אָבער וואָס ווייטער האָט דער אָפצאָל זיך גענומען פאַרגרעסערען, און נאָך 15—20 יאָהר — און ביי מאַנכע לאַנדסמאַנשאַפטען אפילו נאָך פריער — דו קוקסט זיך אַרום: דער אָפצאָל האָט זיך פאַרטאָפעלט, פאַרדרייפאַכט...

ס׳רוב לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען באַפאַלען געוואָרען פון דער חלאת, וואָס פלאָגט די בענעפיט־סאָסייעטיס — די פריי־צייטיגע עלטער־שוואַכקייט — דער רעזולטאַט פון דער אומגעזונטער בענעפיט־עקאָנאָמיק, די סיסטעם פון „אַסעסמענטס”, קעגען וועלכען די אינשורענס עקספערטען האַלטען אין וואָרנען און די סטייט־געזעצען זוכען צו באַוואָרענען.

פאַר די גרינדער פון די לאַנדסמאַנשאַפטען איז „אַסעסמענטס” געווען די יושר׳דיגסטע, די „אידישסטע” סיס־

טעם. דאָס איז דאָך די אָנווענדונג אין דער פּראַקטיק פון פּרינציפּ פון „כל ישראל חברים״. אינגער, עלטער, אַלע גלייכע שותפים צו די בענעפיטס — היימיש ווי אָנגעהעריג צו איין משפחה. און היימיש, משפחה־מעסיג איז געווען דער סדר פון די צאָלונגען — „פון האַנט אין מויל״. די הוצאה האָט געדאַרפט געדעקט ווערן פון דער הכנסה; די הכנסה איז באַשטימט געוואָרן לויט דער הוצאה. די איינצאָלונגען לויט די אויסצאָלונגען — אחר המעשה; וויפיל געקרענקט, וויפיל געשטאָרבן, וויפיל אויסגעגעבן פאָריגען יאָהר, אַזאַ טעקס אַרויפגעוואָרפן אויף אַלעמען גלייך אויפן קינפטיגען יאָהר — גאָר ניט וויסענדיג זיך מאַכענדיג דערפון, אָדער טאַקע ניט וויסענדיג, אַז עס זיינען דאָ וויסענשאַפטליכע טאַבעלען, וואָס רעכענען אויס פאַר יאָהרען אין פאָראויס די וואַרשיינליכע יעהרליכע צאָל פון קראַנק־ און שטאַרב־פאַלען — די טאַבעלען, אויף וועלכע די אינשורענס קאָמפּאַניס און די נייע פראַטוירנאַל אָרדענס זיינען זיך סומך אין באַשטימען די צאָלונגען פון זייערע „פּאָליסי־האָלדערס״.

ווייס מען שוין איצט אין וואָס פאַר קלעם אַ „בענעפיט־סאָסייעטי״, וואָס האַלט זיך ביים סיסטעם פון „אַסעסמענטס״, פאַלט מיט דער צייט אַריין. די ערשטע צייט דינט דער פּרינציפּ פון „גלייך אויף גלייך״ זעהר גוט. די מעהרסטע מיטגלידער זיינען יונג און שטאַרק; קרענקען ווייניגער, שטאַרבען ווייניגער — און די הכנסה שטייגט אַריבער די הוצאה. אָבער אָט האָט די מיטגלידערשאַפט זיך פאַרעלטערט; מען קרענקט און מען שטאַרבט אַלץ מעהר — און דער טייערער פּרינציפּ פון „גלייך אויף גלייך״ — אין לשון קודש: די מצוה גדולה פון כל ישראל חברים — הערט אויף צו דינען. די הכנסה קאָן קוים נאָכהאַלטען די הוצאה. דער באַלאַנס בלייבט אַלץ אָפטער ניט קיין אויסגעגליכענער. די אינגערע מיטגלידער פאַלען אַוועק; פאַר וואָס קומט זיי דאָס צו טראָגען די לאַסט פון די אַלטע לייט? פרישע מיטגלידערשאַפט קומט ניט צו. און גראָד די, וואָס זיינען געווען צום לענגסטען אין דער סאָסייעטי, בלייבען די קרבנות: זיי קומט אויס צו טראָגען די גאַנצע לאַסט; און פון זייערע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרען אין דער קאַסע פון דער סאָסייעטי, פון וועלכע אַנדערע האָבען בענעפיטירט, וועלען זייערע פאַמיליעס קיין שום בענעפיט ניט ציען, ווייל די סאָסייעטי וועט שוין דאַמאָלס זיין באַנקראָט.

דער פּונקט איז דאָ אַרומגערעדט געוואָרען, הגם פאַר דער איצטיגער לאַנדסמאַנשאַפט דאַרף עס שוין זיין אלף בית; און יעדע לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט זיך דערהאַלטען פון יענע יאָהרען, האָט שוין אויסגעאַרבייט איהר מעטאָד ווי אַזוי זיך צו פינאַנסירען — מיט אָדער אָן וויסענשאַפטליכע טאַבעלען. אָט איז די „פוירסט באָלעכאָווער סיק בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן״ — באָלעכאָוו איז אַ קליין שטעטעל אין מזרח־גאַליציען — וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1898 מיט אַ פאָר צעהנדליג גרינע יונגע לייט, וואָס האָבען גענומען צאָלען צו 10 סענט אַ וואָך — און איצט ציילען זיי 350 מיטגלידער, צאָלען 350 דאָלאַר טויטען־בענעפיט, 7 דאָלאַר וועכענטליך פאַר 10 וואָכען אין סיק־בענעפיט, פאַרמאָגען 3 בית־עלמ׳ס — אַן אָרדען אין מיניאַטור. אָט איז „קאָלאָמעער פרענדס אַסאָסיאיישאָן״, וועלכע האָבען זיך געגרינדעט אין 1904 מיט 35 מיטגלידער און איצט ציילען זיי אַרום 450, — צאָלען די טויטען־בענעפיט 500 דאָלאַר — אַזוי ווי אין אָרדען — און סיק־בענעפיט 9 דאָלאַר וועכענטליך פאַר 15 וואָכען. און האָבען אַן אָלד־איידזש־פאָנד.

ווי אַזוי גיבען זיך לאַנדסמאַנשאַפטען היינט אַן עצה?

זיי האָבען פאַרשיידענע מעטאָדען. די פּראַקטיק האָט אויסגעלערענט „סיילסמענשיפּ״, פון איידעלען און ניט אַזאַ איידעלען סאָרט. דער ערגערער סאָרט: אויפגעבלאָזענע מיטגלידער־קאַמפּיינס מיט צוזאָגען, וואָס קאָנען ניט געהאַלטען ווערען. דער בעסערער סאָרט: טיכטיגע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט אויף צוציהען אינגערע מיטגלידערשאַפט. אַזוי טוען די באָלעכאָווער און קאָלאָמעער.

אָבער דעמאָלט, פאַר דרייסיג אָדער פערציג יאָהרען, האָבען די טוער פון די לאַנדסמאַנשאַפטען פון דעם נאָר וואָס אַרומגערעדטען אלף־בית־אמת וועגען אַסעסמענטס נאָך ניט געהאַט געהערט; אָדער ווען יאָ געהערט, איז עס זיי אין איין אויער אַריין און פון אַנדערען אַרויס. און זיי האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצואַרבייטען מיטלען אויף איבערצוקליגלען די איבלען פון „אַסעסמענטס״. האָט דאָס געגעבען אַ ריי וויכטיגע רעזולטאַטען.

דער ערשטער רעזולטאַט איז געווען דער שוין־דערמאָנטער פאַקט, אַז ס׳רוב לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען באַפאַלען געוואָרען פון פריצייטיגער עלטער־שוואַכקייט נאָך פריער ווי געוויינליך ביי אַ ניט־אידישער סאָסייעטי. ניט נאָך 20—25, נאָר נאָך 10 יאָהר. ווייל לכתחילה זיינען אין איהר פאַראייניגט געווען, ווי גלייכע שותפים, זעכציגיעהריגע מיט צוואַנציגיעהריגע; עלטערע אידען אין אַ גאָר היפשער צאָל, וואָרים ווער־זשע דען פאַרשטייט זיך אויף דעם עסק פון עוסקן זיך בצרכי צבור, ווען ניט אַן עלטערער איד?

דער צווייטער רעזולטאַט איז געווען — דאָס וואָס טרעפט אויך ביי דער ניט־אידישער „בענעפיט־סאָסייעטי״ — די אינגערע האָבען גענומען ווייכען פון דער עלטערער לאַנדסמאַנשאַפט. אי, סטייטש „כל ישראל חברים״ און איז דען ניט אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון הוילע מצוות געבאָרען? אודאי אַזוי, אָבער ווער קאָן זיי שטערען מקיים זיין די מצוות אין אַן אייגענער לאַנדסמאַנשאַפט? זיינען זיי אַוועק און האָבען געגרינדעט אַ „יאָנג מענס אַסאָסיאיישאָן״. אין צעהן יאָהר אַרום האָט זיך דאָס איבערגע׳חזר׳ט: אַ נייע אינגערע גרופּע לאַנדסלייט גרינדעט אַן „אינדעפּענדענט״ אָדער אַ „פּראָגרעסיוו יאָנג מענס״. דערפון נעמט זיך עס, וואָס יעדע שטאָט האָט איהרע אייגענע דריי־פיר יאָנג מענס־לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס אונטערשיידען זיך אַביסעלע אין זייערע נעמען און גאָר היפשלאַך אין זייער עלטער; וואָס דער דורכשניט־עלטער פון די עלטסטע „יאָנג מענס״ איז איצט

אַרום 50. צוזאַמען מיט די אַנדערע מינים נעמט זיך אָן לכל הפּחות ביי אַ צעהן לאַנדסמאַנשאַפטען אויף אַ שטאָט. און ניט נאָר אויף אַ שטאָט, נאָר אויף אַ שטעטעל אויך. — אַ שטעטעלשער רעליף קאָמיטעט שטעלט זיך צונויף פון ניט ווייניגער פון אַ האַלבען צענדליג לאַנדסמאַנשאַפטען.

דער דריטער רעזולטאַט איז געווען, וואָס די פאַר׳יתום׳טע עלטערע לאַנדסמאַנשאַפט, ניט קאָנענדיג מעהר טראָגען די הוצאה פון זעלבסשטענדיגער עקזיסטענץ, איז געלאָפען, אין פּחד פאַר אונטערגאַנג, זיך ראַטעווען אין אָרדען. צוגעגעבען, אַז עס זיינען שוין דאַמאָלט געווען עלטערע לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס קלאַמערנדיג זיך מיט אַלע כחות אָן זייער זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ, האָבען זיי ווי פּאָראויסגעכאַפּט די היינטיגע „נייע מעטאָדען", און זיי איז טאַקע געלונגען „אָפּצוראַטעווען" זיך פון אָרדען. אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז דער גרויסער געלאַף פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, ספּעציעל אין „אינדעפּענדענט ברית אברהם" אין פאַרלויף פון די 90־ער און פון די 1־טע צוואַנציג יאָהר פון איצטיגען יאָהרהונדערט, האָט געהאַט זיין הויפּט־סיבה אין דעם, וואָס זיי זיינען געיאָגט געוואָרען פון אַסעסמענט־טייוועל. מעגליך איז עס געווען, ווייל דער אָרדען גופא האָט געפיהרט זיין באַלעבאַטישקייט לויט׳ן זעלביגען לאַנדסמאַנשאַפטליכען אַסעסמענט־מעטאָד — דער אָרדען די זעלביגע לאָדזש 500—1000 מאָל פאַרגרעסערט; אין כמות, ניט אין איכות — און ער איז געווען אָפען פאַר כל ישראל — פאַר יונג און אַלט, אָן אונטערשייד. און די אינסטינקטיווע אמונה איז געווען ביים לאַנדסמאַנשאַפט־פירער, אַז ווייל דער אָרדען זאַמעלט אַ ריזיגען עולם, און די ניי־אָנגעקומענע טראָגען כסדר אין דער קאַסע אַריין, איז ביז די סכנה וועט דערגיין צו „מיין" לאַנדסמאַנשאַפט, וועט נאָך לאַנג געדויערען. אויף „מיין" לעבענסצייט וועט קלעקען.

אָבער דער אָרדען האָט געצויגען אַ ריזיגען עולם, און אויך אינגערען עולם דעריין, ניט בלויז דורך זיין מעהר געזיכערטען מאַטעריאַלען בענעפיט. דער אָרדען איז געווען ניט נאָר דער רעטונגס־אָרט פאַר חרוב׳ע עלטערע לאַנדסמאַנשאַפטן, נאָר אויך דער זאַמעל־פּלאַץ פאַר נאָך גאַנץ קרעפטיגע לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס זיינען אָנגעצויגען געוואָרען דורך אַ דערוואַרטעטען גייסטיגען בענעפיט. וואָס פאַר לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען דאָס געווען און וואָס פאַר אַ בענעפיט האָבען זיי געזוכט?

דאָס זיינען ניט געווען די „אנשים". אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט „אנשים" איז צו געפינען ביים „אינדעפּענדענט", און ביים עלטערען „ברית אברהם" נאָך ווייניגער. די הויפּטזאָרג פון די „אנשים" איז געווען די אויפהאַלטונג פון דער שוהל, און די שוהל האָט געהאַט איהר אייגענעם קוואַל פון הכנסות, אַחוץ דעם מיטגליד־אָפּצאָל. די עליות, די „ש׳נדר׳ס", יאָהרצייטען און דער בית־עולם האָבען געגעבען הכנסה.

(יאָ, אויך דער בית עולם, די קרקע. די שרייבער־אַנקעטע האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ צאָל „אנשים", און נאָכמעהר שוהל־חברות, „כמו־אנשי׳ס", וואָס האָבען זיך אָפּגערייניגט פון אַלע חובות, נאָך אָפּגעשפּאָרט קאַפּיטאַל און פאַרקלענערט דעם מיטגליד־אָפּצאָל — אַלץ אַ דאַנק דער הכנסה פון דער קרקע. זיי האָבען איינגעקויפט אַ גאַנצען הייליגען פעלד פאַר שפּאָט־ביליג, פאַרצעלירט אין לאַטס פאַר קברים, און אַ קבר וואָס קאָסט אַ מיטגליד אַ פּאָר דאָלער רעכענען זיי אַ ניט־מיטגליד אַ פּאָר הונדערט, לויט זיין פאַרמעגען. פאַראַן אַזעלכע לייט, וואָס ביים לעבען האָבען זיי זייערע לאַנדסלייט ניט געוואָלט אָנקוקען, אָבער דעם אייביגען שלאָף ווילען זיי שלאָפען צווישען אייגענע — ווילען זיי זיך לייגען אין קבר אַריין מיט אַ גרינגערען האַרצען. מעגען זיי פאַר דער זכיה גוט באַצאָלען—דאָס געהערט אויך צו די „נייע מעטאָדען" — ניט דער בעסטער „נייער מעטאָד" — דורך וועלכע די לאַנדסמאַנשאַפטען זוכען איצט איבערצוקומען די איבלען פון „אַסעסמענט"־סיסטעם).

אָבער ניט אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען געווען „אנשים". און ניט אַלע לאַנדסלייט זיינען געווען בעלנים צו גיין אין שוהל אַריין. זיי האָבען גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו דאַוונען, — און פאַר אָט־די „ניט־דאַוונער" איז דער אָרדען ווי באַשאַפען געווען...

7

דער שטראָם פון אימיגראַציע, איינמאָל האָט ער אויסגעבראָכען, האָט געריסען שטיקער פון שטעטעלשען מענטשטום, ניט איבערקלייבענדיג, און אַריבערגעבראַכט אַהער גאַנץ „רויען עלעמענט", דאָס וואָס מען רופט אויף אידיש „עמי הארצים". פון קנאַפּען יחוס, האָט מען אין דער היים אויף זיי קיין כבוד ניט געלייגט. מען האָט זיי קיין עליות ניט געגעבען. און עס וואָלט זיי אַליין ניט איינגעפאַלען צו קהל׳ן זיך. אָבער געזונטע יונגען זיינען זיי געווען. און אַמעריקע, וואָס רעכענט זיך ניט מיט זכות אָבות, נאָר שעצט זעהר הויך פּערזענליכע ענערגיע, האָט געגעבען אָט־דעם „רויען עלעמענט" ברייטע געלעגענהייטען זיך אַרויפצואַרבייטען. זיי זיינען געוואָרען סטאַטעטשנע. זיי האָבען זיך אפילו אויסגעלערענט שרייבען אַ פּאָר אידישע ווערטער און ריידן אַ געבראָכענעם ענגליש. און אַז זיי זיינען געקומען אין די מיטעלע יאָהרען, האָט זיך זיי — גאַנץ מענשליך — פאַרגלוסט כבוד. איז וואָס אין שוהל וועלען זיי גיין? זיי געדענקען זי נאָך פון דער אַלטער היים. אָבער די לאָדזש פון אָרדען האָט געטיילט כבוד מיט פולער האַנט. פון אַלע פּריווילעגיעס, וואָס דער אָרדען האָט צוגעטיילט דער לאָדזש, איז די וויכטיגסטע געווען כבוד־אויטאָנאָמיע. זי האָט געגעבען דעם טשערמאַן פון לאָדזש דאָס רעכט צו רופען זיך פּרעזידענט, און איהם אָנגעטאָן עפּאָלעטען מיט רויטע אַקסעלבאַנדען, און אַ מיטלאַלטערליכען מיליטערישען הוט מיט פעדערען. און האָט איהם געגעבען מאַכט צו טיילען כבודים און טיטולען. און דערלאַנגט אַ האַמער אין האַנט מיט פאַרוויקעלטע שפּרוכען און לאָזונגען.

די פיהרער פוןביידע אָרדענס, דייטשע און האַלב־דייטשע

אידען, וועלכע זיינען שוין געווען מיט ביידע פיס אין אַמעריקע, האָבען באַוויליגט צו העלפען דעם גרינעם „יודע״ פון „אַסטען״, וועלכער איז געווען בלויז מיט איין פוס אין אַמעריקע, אַריבערצושטעלען דעם צווייטען פוס. צוערשט האָבען זיי פאַר זיך קאָפּירט דעם גאַנצען צערעמאָניאַל און ריטואַל און רעגאַליא פון „עלקס״, ״אָד פעלאָוס״, ״שריינערס״, „מייסאָנס״ — און איצט האָבען זיי דעם גרינעם אַריינגעפיהרט אין די סתרי תורה פון די כלומרשט קאָנספּיראַטיווע אָרדענס. און יענער רויער עלעמענט, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבייט, האָט זיך צו דער דאָזיגער טעאַטעריי זיך צוגעפּאַסט מיט דעם הייסען כבוד־הונגער פון אַ געקריוודעטען אין כבוד. דער לאָדזשען־צערעמאָניאַל האָט איהם פולשטענדיג פאַרביטען דעם שוהל־צערעמאָניאַל. ווען וואָלט ער אין דער היים גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַ גבאי? — דאָ איז ער נאָך בעסער, אַ פּרעזידענט, און עס איז טאַקע געווען בעסער: אין דער היים פלעגט דער גבאי אַ פּאַטש טאָן אין שולחן: עס זאָל זיין ווי ער הייסט, און שטיל זאָל זיין! און דער קהל׳שער געפילדער פלעגט זיך איינשטילען. דער לאָדזשען־פּרעזידענט האָט געקלאַפּט מיט׳ן האַמער, אָבער דער האַמער האָט פאָרט געדאַרפט אָפּהיטען געוויסע פּאַרלאַמענטאַרישע כללים און האַלטען פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדענונג.

דער צערעמאָניאַל איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי ביי די ניט־אידישע אָרדענס — צו פּאַראַדירען מיט איהם אין גאַסען. אַזוי „אַמעריקאַניש״ צו זיין וואָלט די אידישע לאָדזש ניט געוואַגט. אָבער הינטער די פאַרשלאָסענע טירען איז געווען דער גאַנצער דעקאָרוס פון אַ געהיימען ריטערליך־ מיליטערישען מיטינג — מיט „אינסייד־וואַך״ און „אויטסייד־וואַך״, מיט פּאַסיר־ווערטער, פּאַראָלען, מיט מאַרשאַלען, רעגימענט־קאָמאַנדירען, מאַיאָרען, קאַפּיטאַנען. און דער פּרעזידענט מיט׳ן גאַנצען עולם האָבען גערן עס מיט געשפּילט — עס איז געווען אַן „ערזאַץ״־באַפרידיגונג פון זייער הונגער נאָך אַ רייך, פאַרביג לעבען. און ווידער האָבען זיי נאַאיוו געגלויבט, אַז דאָס גייען זיי אין אַמעריקע אַריין...

און פאַר אַט־דעם עלעמענט איז די לאָדזש טאַקע פּאַקטיש געווען אַ געעפענטער טויער אין אַמעריקע אַריין, וואָרים דער אָרדען האָט מיט זיין גרויס, מיט זיין פּרעסטיזש, מיט זיין ריזיגען עולם, צוזאַמען מיט דעם קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט, דעם אַרויפגעאַרבייטען ביזנעס־מאַן — געצויגען צו זיך דעם אויפגעקומענעם פּראָפעסיאָנאַל, דעם דאָקטאָר, דעם לאָיער, וועלכער האָט לכתחילה דאָ געזוכט פּראַקטיקע, און איז דערנאָך אַליין אַריינגעצויגען געוואָרען. און ווען קיין אָרדען־קאָנווענשאָן איז ניט געווען, איז די לאָדזש געווען די פּלאַטפאָרמע פון אָרדען, און צוזאַמען מיט דעם פּראָפעסיאָנאַל איז מיטאַריינגעצויגען געוואָרען די ערשטע שיכט פון דער אַמעריקאַניזירטער אידישער יוגענט, וועלכע האָט—גאַנץ נאַטירליך—געזוכט אַ שטעלונג אין לעבען, אין אַנשפּאַר פאַר אַ קאַריערע. — דער פּראָפעסיאָנאַל איז געווען דער שטילער געהילף פון פּרעזידענט, זיין מדריך אין הלכות צערעמאָניאַל, און הלכות פּאַרלאַמענטאַרישען עטיקעט; ער האָט אויך, שושקענדיג איהם אין אויער אַריין, איינגע׳חזר׳ט מיט איהם דעם ענגלישען שפּרוך, פאַרריכטענדיג זיינע גרייזען.

איז דאָ געווען פּלאַץ פאַר׳ן פּאָליטישען? — פּלענטי! אין צייט פון עלעקשאַן־קאַמפּיין פלעגט זיך באַווייזען דער דעמאָקראַט, דער רעפּובליקאַנער, איין צייט דער פּאָפּוליסט, שפּעטער אַ ווילע דער פּאַרשטעלטער סאָציאַליסט — פאַר אַ פּאַנג פון „וואָוטס״. איין תנאי איז איהם געשטעלט געוואָרען, אַז אין זיין פייערליכער רעדע לכבוד אַמעריקע, זאָל ער אַריינבראָקען אַ היפּשע פּאָרציע לויבווערטער פאַר׳ן יודענטום בכלל, פאַר די אידען וואָס ער קען בפרט, און בפרט און בפרט פאַר׳ן מיסטער פּרעזידענט.

אין איינקלאַנג מיט אַט־דער אַנטוויקלונג — מיט דעם צוקומען פון פּראָפעסיאָנאַל, יוגענט און פּאָליטישן — האָט זיך אויך ביסלעכווייז געביטען די שפּראַך פון לאָדזש. צוערשט איז עס געווען — אויס רעספּעקט צו די ערשטע פיהרער און גרינדער פון אָרדען — אַ פאַרדייטשמערישטער אידיש, וואו צעקאַליעטשע אידישע ווערטער זיינען גערמאַניזירט געוואָרען — אין דער שפּראַך זיינען געפיהרט געוואָרען די פּראָטאָקאָלען; אין דער שפּראַך, אגב אורחא, איז אויך געשריבען געוואָרען די ערשטע אידישע צייטונג; דערנאָך — אויס רעספּעקט צו די נייע געסט — איז עס געוואָרען אַ פאַרדייטשמערישטער ענגליש, וואו צעקאַליעטשע ענגלישע ווערטער זיינען גערמאַניזירט געוואָרען...

דער איבערגאַנג אין שפּראַך האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם ווערקסעל פון צוויי דורות אין אַרדען. די עלטערע היגע אידישע ליטעראַטור האָט זיך גענוג אָנגעלאַכט פון לאָדזש און איהר פּרעזידענט; זי איז אָנגעפּיקעוועט מיט פעליעטאָנען, וואָס חזק׳ן אָפּ פון זייערע קאָמישע געננג און אומגעלומפּערטען לשון — איבערקרימענדיג זייער פּאָפּוגאַיענדייטש און צעבראָכענעם ענגליש, וואָס איז ערשט גאַנץ געוואָרען דורך אַריינגעשטעלטע אידישע מאַמע־ווערטער. דער טעאַטער האָט דעם חוזק־פעליאָטאָן געשפּילט. און עס איז געווען גענוג וואָס חוזק צו מאַכען. אָבער אונטער דעם קאָמיזם איז פאָרט געווען אַ גאַנץ ערנסטער פּאַקט. פאַר אַ גרויסען קלאַס אידען איז דער אָרדען פאָרט געווען אַ העכערע מדרגה, און דער אַריינטריט אין לאָדזש אַ טריט פאָרווערטס אין אַמעריקאַניזאַציע — צום איינלעבען זיך און איינבירגערען זיך אין דער מדינה. די לאָדזש האָט אויסגעלערנט ענגליש דעם עולם, וואָס האָט זיין שולונג ניט געהאַט, און אויסגעלערנט פּאַרלאַמענטאַרישע פיהרונג, וואָס אין דעם האָט ער אויך קיין שולונג ניט געהאַט. און אַז מען מען וועט זיך גוט צוקוקען, זיינען די מעהרסטע אידישע טוערס, רעדנער, פיהרער פון עלטערען דור, וואָס האָבען שפּעטער געשפּילט גרויסע ראָלען — פון לאָדזש אַרויסגעוואַקסען; דאָרט האָבען זיי געאיבט זייערע ערשטע טריט, זייער צונג.

זעהר מעגליך, אַז דער אָרדען איז דאָ גאָט די נשמה שול-
דיג. ער האָט בלויז געגעבען די אַרענא, דעם עולם. דאָס איבעריגע האָט די סיטואַציע, דער געשיכטליכער מאָמענט, די נויט פון אַ דור אין איבערגאַנג געבראַכט.

אַחוץ אַמעריקאַנישקייט, האָט די לאָדזש גלייכצייטיג אויך געלערנט פאַרשטענדעניש פאַר ברייטערע אידישע אינטערעסען. אמת, אַ צאָל פון די „אַמעריקאַניזירטע", וואָס האָבען אין לאָדזש באַקומען זייער ערשטע איינווייאונג אין אָרדען-צערעמאָניאַל — די וואָס זיינען געווען עפּעס העכער אין בילדונג אָדער מעמד — אין פאַך, פּראָפעסיע אָדער ביזנעס — זיינען שפּעטער אינגאַנצען אַוועק צו די „עלקס", „איגלס", „אָד-פעלאָום", מייסאָנס—צו פאַרפולקאָמען זייער אַמעריקאַניזאַציע און קאַריערע, און האָבען געפּרוּאווט פאַרגעסען, אַז זיי האָבען וועלכע עס איז אידישע פליכטען. ס'איז אָבער זיי ניט געלונגען. זיי זיינען אין לאָדזש אָנגעשטעקט געוואָרען מיט גענוג אינטערעס פאַר אידישע ענינים, ניט איבערצוריסען פולשטענדיג זייער פריערדיגע פאַרבינדונג. זיינען זיי צוריקגעקומען — אָנצוהאַלטען טאָפּעלטע מיטגלידערשאַפט.

אמת איז אויך, אַז די אידישע אינטערעסען פון לאָדזש זיינען געווען פון אַ באַגרעניצטען כאַראַקטער. בדרך כלל האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין יענע טעטיגקייטען, וואָס אַ לאַנדסמאַנשאַפט פלעגט במילא טאָן — אין אָפּהעלפען די נאָענטע אידישע נויטען.

פאַר די ברייטערע אידישע אינטערעסען פלעגט דער לאָדזש, דער אָרדען אָפּקומען מיט הייסע פּלאַטפאָרם-רעדעס און פּראָטעסט-רעזאָלוציעס אויף די קאָנווענשאָנס — דעריין זיינען ביידע אָרדענס געווען ענליך, ביידע פון איין גייסטיגען שניט. קיין זעלבסטשטענדיגע אידיש-געזעלשאַפטליכע אַרבייט האָבען ביידע אָרדענס ניט געטאָן. ערשט שפּעטער האָבען זיי זייער אינטערעס אין אַלגעמיינע אידישע ענינים גענומען באַפרידיגען דורך דעלעגירען פאַרשטייער פון זייערע גרענד לאָדזשעס צו די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך געגרינדעט צו טאָן אידישע אַרבייט אויף אַ ברייטערען מאַסשטאַב — צו דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", אָרגאַניזירט אין 1906 פון די אידישע פּני מיט לואי מאַרשאַל בראש, פאַר דעם פּאָליטישען שוץ פון די אידישע מאַסען אין די לענדער פון פאַרפאָלגונג, און וואו די פיהרער פון „בני ברית" זיינען געווען דער רוקנביין; צום „אַמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס", וואָס איז אויפגעקומען צום סוף פון דער וועלט-מלחמה פאַר דערזעלביגער פּאָליטישער שוץ-פונקציע, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" האָט דערפיהלט, וועלכער האָט אָבער דעמאָקראַטיש געעפענט טיר און פענסטער פאַר דער מאַסע אַריינצוקוקען און פאַר איהרע פאַרשטייער אַריינצוקומען. בלויז אין אידישער אימיגראַציע האָט דער „אינדעפּענדענט ברית אברהם" צייטנוויז געטאָן זעלבסטשטענדיגע אַרבייט.

אויך אין אַלע אַנדערע פּרטים זיינען ביידע אָרדענס געווען זעהר ענליך. ביידע כמעט פון זעלביגען געזעלשאַפטליכען צוזאַמענשטעל — דער מיטלקלאַס-מענש איז געווען דער טאָגגעבער; דער אַרויפגעאַרבייטער בעל-הבית אָדער דער ניי-אויפגעקומענער פּראָפעסיאָנאַל איז געווען דער פּרעזידענט-אָרגאַניזאַטאָר פון לאָדזש; דער קליין בעל-הבית, גראָסערימאַן, פּעדלער, פּרומער און האַלב-פּרומער אַרבייטער האָבען געגעבען די מיטגלידערשאַפט.

אויפ'ן ערשטען פּלאַן ביי ביידע אָרדענס איז געווען דער מאַטעריעלער בענעפיט פון די מיטגלידער. אָבער משמעות, כדי דער מאַטעריעלער אינטערעס זאָל אַרויסגעבען פון זיך גענוג אָרגאַניזאַציאָנעלע צוזאַמענהעפטונג-קראַפט, דאַרף ער כסדר געוואָרימט ווערען, אויב ניט פון אַ שטאַרקער געזעלשאַפטליכער אידייע, איז לכל הפחות פון אַ שטאַרקען גוט-שכנות'שאַפט-געפיל, וואָס דאָס איז געקוואָלען — דעם אינגערען אָרדען אַ סך מעהר, דעם עלטערען אַ סך ווענינער — פון דער מזרח אייראָפּייאישער שטאָט-לאַנדסמאַנשאַפט, וואו די מעהרסטע מיטגלידער געדענקען זיך נאָך פון קינדוויז אָן; וואו נאָך 20—30 יאָהר זיין אין אַמעריקע ציילען זיי נאָך אַלץ אין זכרון יעדען הויז און יעדער גאַס, און וואו ווען די מיטגלידער קומען זיך צונויף אויף אַ מיטינג פילען זיי זיך צוריק אַריבערגעטראָגען אין זייער אַלטער היים.

8

כדי צו פאַרענדיגען מיט דער סינאַגאָגאַל-צערעמאָניאַלער פאַזע אין דער געשיכטע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, דאַרפען נאָך דערמאָנט ווערען איניגע פון איהרע ערשטע אינדירעקטע דינסטען. גאַנץ פרי האָט זי זיך אויפגעהויבען צו דער פאַרשטענדעניש פון די נויטען, וואָס שטייגען אַריבער די לאַנדסמאַנשאַפט-גרעניצען. אַזוי ווי זי איז געבאָרען געוואָרען פון דער זאָרג פאַר אַנדערע, איז זי פון אָנהויב אָן, אפילו זייענדיג פאַרטאָן אין זעלבסטהילף, געשטאַנען ברייט מיט שטיצע און אינטערעס אין נויטפאַלען, ניט נאָר וואו איהרע אייגענע מיטגלידער זיינען פאַרוויקעלט געווען.

דאָס איז געווען אַ לאַנדסמאַנשאַפט — אַ לאָדזש פון אָרדען „ברית אברהם" — וואָס האָט אין די אַכציגער יאָהרען געלעגט דעם ווינקעלשטיין פון דער אינסטיטוציע, וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס „האיאַס", וואָס פאַרוואַלטעט מיט די אידישע אימיגראַציע-ענינים — פריער פון אַלץ אין אַמעריקע, דערנאָך איבער גאַנצער וועלט. — אין דער דערפילונג פון דער מצוה הכנסת אורחים האָבען די פאַרשטייער פון דער לאָדזש „עזרא" זיך אָנגעשטויסען אין „קעסעל גאַרדען" אויף אַ האַרצרייסענדיגען פאַל פון אַן עלנטען אימיגראַנט, וועלכער האָט געקרעקט און איז געשטאָרבען, איידער נאָך אימיצער האָט זיך אויף איהם אומגעקוקט — און עס איז ניט געווען אפילו, ווער עס זאָל איהם ברענגען צו קבר ישראל. די לאָדזש האָט דאַמאָלסט באַשלאָסען אויסצושפּרייטען די מצוה פון הכנסת אורחים איבער די גרענעצען פון איהר שטאָט-אָנגעהעריקייטען. יעדער עלענטער אימיגראַנט איז אַ לאַנדסמאַן. זי האָט אָפּגעדונגען אַ קעלער,

וואו דער אימיגראַנט, וואָס איז געווען אָן אַ קרוב און אַ גואל, האָט געפונען וואוינונג, שפּייז און שוץ — ביז אַ דזשאַב איז פאַר איהם געפונען געוואָרען. דערפון האָט זיך דאָס אָנגעהויבען. די לאָדזש האָט אַרויסגעטיילט אַ צאָל מענשען, וואָס זיינען געוואָרען די ערשטע און לאַנג יעהריגע טוער פון דער אינסטיטוציע, וואָס איז געוואָקסען שטיצענדיג זיך אויף דער סימפּאַטיע פון דער גאַנצער מזרח־אייראָפּייאישער אידישער עפענטליכקייט. אָבער אפילו נאָך איצט זיינען די לאַנדסמאַנשאַפטען די הויפּטשטיצע פון „האַיאַס". יעהרליך ווערט פאַררופען אַ לאַנדסמאַנשאַפטען־קאָנפערענץ, וואָס דערוויילט פון זיך אַ קאונסיל, וואָס העלפט אין דער פאַרוואַלטונג, און דער עיקר העלפט ער אין עפענען די טירען פון די אָרגאַניזאַציעס פאַר געלט־אַפּילס, פון וועלכע די אינסטיטוציע שפּייזט זיך.

דער אָנהויב פון אידישען יוניאָניזם קאָן אויך צוגעפירט ווערען צו די לאַנדסמאַנשאַפטען. דערזעלביגער קרוב אָדער לאַנדסמאַן, וועלכער האָט געקויפט די שיפסקאַרטע אויף אויסצאָלען, איז געווען טאָפּעלט פאַראינטערעסירט צו קריגען פאַר דעם נײ־אַריבערגעקומענעם אַ דזשאַב — און געוויינליך האָט ער איהם אַרויפגעפיהרט צו זיך אין שאַפּ, און געוויינליך איז עס געווען אַן אַרויפגעאַרבייטער לאַנדסמאַן דער בעל־הבית פון שאַפּ. דער שפּעטער טרויעריג באַריהמטער סוועט־שאַפּ איז לכתחילה געווען אַ פּאַטריאַרכאַליש־לאַנדסמאַנשאַפטליכער אַנשטאַלט. אָבער „האַנדעלשאַפט איז ניט ברודערשאַפט", און עס פלעגען קומען צו אַ ריס. עס איז געווען אַ טראַגעדיע פון ביידע זייטען: סטייטש, ער העלפט, ראַטעוועט אייגענע מענשען, און זיי — אַזעלכע אומדאַנקבאַרען! — טוען איהם אַזויפיל צרות — פאָדערען קירצערע שטונדען, העכערע ווידזשעס. זשאַלעוועט ער דען זיי? איז ער דען ניט קיין הויז־פריינט? קומט ער ניט צו ברית'ן און חתונות? גיט ער דען ניט קיין חתונה־מתנות? — אָבער דעם האַלז איבערשניידען וועט ער זיך ניט לאָזען! — און דער שאַפּ פון זיין זייט: סטייטש, אַן אייגענער מענש זאָל זיין אַזאַ רוצח, אַזאַ אַכזר! קענען זיי איהם דען ניט פון דער היים, וואָס פאַר אַ יחסן ער איז? — און דאָ אַ גאַנצער באָס! — פלעגט זיך דאָס ענדיגען דערמיט, וואָס די גאַנצע שאַפּ־לאַנדסמאַנשאַפט פלעגט אַוועק אין דער יוניאָן, ווען אַ יוניאָן איז געווען, און טאָמער איז קיין יוניאָן ניט געווען, פלעגט די לאַנדסמאַנשאַפט גרינדען די יוניאָן. פלעגען יוניאָנס זיך טאַקע גרינדען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. מיטגלידער פון איינער פון די עלטסטע פאָריער יוניאָנס, וואָס איז פאָראויסגעגאַנגען דער איצטיגער פאָריערס אינטערנעשאָנאַלע גערעדענקען נאָך דעם לאַנדסמאַנשאַפט־אורשפּרונג פון זייער יוניאָן.

אַ יוניאָן איז אָרגאַניזירט לויט דער ליניע פון עקאָנאָמישען אינטערעס און די לאַנדסמאַנשאַפט שפּורען ווערען גיך אָפּגעווישט. אָבער די עלטערע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט עס איינגעהיט. די בעלעטריסטיק איז פול מיט דעם ריס אין שאַפּ, מיט דער שפּאַלטונג צווישען די לאַנדסלייט־פּראָלעטאַריער און לאַנדסמאַן באָס, און מיט דעם מאַרש פון די לאַנדסלייט אין דער יוניאָן אַריין. שלום אַש'עס באַוואוסטער ראָמאַן „אָנקעל מאָזעס" האָט פאַר זיין סוזשעט דיזעלביגע קלאַסענשפּאַלטונג — אַ לעבעדיגע, פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפטע, אילוסטראַציע צום קלאַסישען פּראָצעס, ווי צוויי קלאַסען ווערען אין געבורטסווייען געבאָרען פון זעלביגען מוטער־לייב. — דאָס מוטער־לייב איז געווען די לאַנדסמאַנשאַפט.

און ווען די אידישע יוניאָנס זיינען שוין געווען איינגעשטעלט, אָבער איידער נאָך זיי האָבען געהאַט זייערע גרויסע קאַסעס אויף צו פינאַנסירען זייערע סטרייקס, האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען ניט אָפּגעטאָן פון זיי זייער העלפענדיגע האַנט. אין פילע פאַלען זיינען עס געווען ניט די יוניאָנס, נאָר די לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס האָבען געצאָלט סטרייק־בענעפיט. די לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די אַרבייטער־אָרדענס, האָבען עס געטאָן ווי אַ רעגולערע פליכט, על פי דער קאָנסטיטוציע פון אָרדען, אין וועלכער עס איז אַריינגעשריבען ווי אַ הויפּט־פּונקט די אונטערשטיצונג פון אַרבייטערס קלאַסענקאַמף. אָבער אפילו די פרייע לאַנדסמאַנשאַפט, מיט אַ געמישטער מיטגלידערשאַפט, וואָס איז ניט אָנגעשלאָסען אָן אַן אַרבייטער־אָרדען, האָט עס אויך געטאָן. אָט איז די „קאָלאָמייער פריענדס אַסאָסיאיישאָן", וואָס טיילט איהר אינטערעס צווישען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַ פרומער שוהל — לייענען מיר אַרויס פון איהר באַריכט, געדרוקט אין איהר זשורנאַל פון יאָהר 1924, צום 20־טען יובילייאום פון איהר עקזיסטענץ — אַז בשעת דעם גרויסען קלאוקמאַכער סטרייק פון 1910, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער איצטיגער „אינטערנ. לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן", האָבען זיי געצאָלט וועכענטליכען סטרייק־בענעפיט צו זייערע סטרייקענדיגע קלאוקמאַכער־מיטגלידער פאַר דעם גאַנצען דויער פון סטרייק. זיי האָבען עס נאָך אַמאָל געטאָן אין 1914 צו זייערע סטרייקענדיגע בעקער־מיטגלידער. צוזאַמען האָבען זיי אויף די ביידע סטרייקס אויסגעגעבען 1675 דאָלער, וואָס האָט באַטראָפען מעהר וויפיל זיי האָבען אויסגעגעבען אויף נויט־שטיצע צו זייערע מיטגלידער פאַר די 5 יאָהר.

מיר זיינען שוין דערמיט אַריבער אין דער צווייטער, אידייאישער, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַזע אין דער געשיכטע פון דער לאַנדמאַנשאַפט.

.9

אַריבערקומענדיג די שוועל פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, האָט דער הויפּט שטראָם פון דער געגענזייטיגער הילף־באַוועגונג, זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון אַרבייטער אָרדען. דאַרף מען אָבער זאָגען, אַז ניט די לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען די ערשטע צעלע, פון וועלכער עס האָט זיך גענומען פורעמען דער ארבייטער אָרדן. נאָר דער אידייאישער בענעפיט־פאַראיין — וואָס דאָס מיינט אַ פאַר־



אַמדורער „בונד"-אָרגאַניזאַציע אין 1904 (אַ סך פון די וואָס אויפ'ן בילד זיינען טעטיג אין אַמדורער פאַראיין)

אײן, וואו דער עלעמענט, וואָס אָרגאַניזירט און צעמענטירט איהם, איז ניט סתם בענעפיט, נאָר דער בענעפיט, וואָס איז צוגעהעפט צו אַ העכערער אידײע.

וואָס פאַר א העכערע אידײע איז עס געווען? דער ארבײטער אינטערעס; די ארבײטער אחדות; דער ארבײטער־אידעאַל; סאָציאַליזם. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער גרינדונג, אין 1892, אויף דער איסט סײד, אין 26 דעלענסי סטריט, פון אַ בענעפיט־פאַראײן, וואָס זײן אַנדערשקײט פון אַנדערע אידישע בענעפיט פאַראײנען איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער געגענזײטיגער בענעפיט איז דאָ צוגעשפּאַנט געוואָרן צום סאָציאַליזם. אָדער פארקערט, דארף מען זאָגען: דער סאָציאַליזם איז דאָ צוגעשפּאַנט געוואָרען צו געגענזײטיגן בענעפיט, כדי צו מאַכען דעם סאָציאַליזם זיך באַוועגען. ווארים פאַר די גרינדער פון ארבײטער רינג איז דער סאָציאַליזם לכתחילה געווען דער עיקר.

אָט דער ערשטער ארבײטער רינג־פּאַראײן האָט דורך פונאַנדערצווײגונג אין דרײ פאַראײנען צום סוף פון די 90־ער יאָהרען געגעבען געבורט צום אַרבײטער רינג אָרדן. אין 1901 ווערט די גרינדונג קאָנווענשאָן אָפּגעהאַלטען און א סטײט־טשארטער ווערט ארויסגעקראָגען; צו דער צווײטער קאָנווענשאָן אין 1902 האָט דער ארבײטער רינג שוין געצײלט 1000 מיטגלידער מיט אײניגע ברענטשעס אויסער ניו יאָרק; צו דער דריטער קאָנווענשאָן אין 1903 האָט ער שוין געצײלט 1500 מיטגלידער מיט 24 ברענטשעס; צו דער פערטער קאָנווענשאָן אין 1904 האָט זײן מיטגלידערשאפט זיך פאַרטאָפּלט און די צאָל ברענטשעס זיך פאַרדרײפאַכט — 3000 מיטגלידער און נאָהענט צו 70 ברענטשעס. דאָס יאָהר 1904 שליסט דעם גרינדונגס־פעריאָד פון אַרבײטער רינג.

כדי צו פאַרשטעהן אָט די גאַנצע אַנטוויקלונג — פון קלײנעם סאָציאַליסטישען בענעפיט־פאַראײן צום גרויסען אײנפלוסרײכען סאָציאַליסטישען ארבײטער אָרדען, דארף מען זיך דערקונדיגען, פון וואַנען האָט זיך גענומען די השפעה פון דער סאָציאַליסטישער אידײע אויף דער אימיגראַנטישער אידישער מאַסע.

דער סאָציאַליזם איז ניט געווען דער אָפּשלאָג פון דער טרײד יוניאָניסטישער פּראַקטיק. די טרײד יוניאָן באַוועגונג איז ניט געווען אזוי שטאַרק ארויסצופאָדערען ניט אַנדערש אַ קרוינונג דורך סאָציאַליסטישער טעאָריע. די אימיגראַנטישע מאַסע — פון דער הײם קלײנע בעל מלאכות, קרעמערלאַך, הענדלער מיט ווינט, געפאלענע באַלעבאַטים און מענטשען פון אַלערלײ אומבאַשטימטע באַשעפטיגונגען — האָט דאָ ערשט גענומען זיך פּראָלעטאַריזירען אין די צעהנדליגער טויזענטער; צום ערשטען מאָל געקומען אין באַריהרונג מיט'ן שאַפּ און נאָר וואָס געוואָהר געוואָרען וואָס יוניאָן איז. די נײ געוואָרענע פּראָלעטאַריער האָבען ערשט געלערענט יוניאָניזם. יעדער גרעסערער סטרײק פלעגט ארויסרופען אַן אימפּעטדיגע רעש'דיגע גרינדונג פון א יוניאָן, וועלכע פלעגט אָבער באַלד צעפאַלען ווערען. אָבער בעת די פאַרזוכען אויף יוניאָניזם האָבען געטראָגען אַ צופעליגען, אימפולסיווען כאַראקטער און נאָך יעדען דורכפאַל האָט זיך געדוכט, אַז עס איז אַ סוף צו אַלע פאַרזוכען, האָט די סאָציאַליסטישע אידײע, פאַרקעהרט, סיסטעמאַטיש זיך געזאמעלט, פאַרכאַפּענדיג אַלץ מעהר די מחות און די הערצער. און די סאָציאַליסטישע אידײע איז דאָס געווען, וואָס האָט אָבער און ווידער אינספּירירט צו נײע פאַרזוכען; זי האָט ארויסגעפאָדערט די טרײד־יוניאָניסטישע פּראַקטיק און ניט פאַרקערט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געקומען פריהער, און זי איז געווען די אָרגאַניזיר־קראַפט.

פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? און ווי אַזוי האָט זי זיך אָנגענומען? — מיר שרײבען ניט די געשיכטע פון אידישען סאָציאַליזם. דאָ זײנען מיר פאַראינטערעסירט אין איהם נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האָט געדינט צו אָרגאַניזירען די אידישע אימיגראַנטישע מאַסע. קוקענדיג אויף צוריק צו יענעם פעריאָד, איז לײכט אײנצוזעהן, אַז דער אידישער סאָציאַליזם האָט דעמאָלט געדעקט פאַרשײדענע אינהאַלטען, וואָס האָבען דירעקט מיט'ן סאָציאַליזם ניט געהאַט צו טהאָן. ער האָט געדעקט דעם גאַנצען איבערגאַנג פון אַלט־הײם צו אַמעריקע, פון קלײן־שטאָט צו גרויס־שטאָט, פון קלײן־בירגער־שטאַנד צו פּראָלעטאַרישקײט, פון פרומער טראַדיציע צו פרײען וועלט־אויסבליק.

די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע וואָג פון דעמאָלטדיגען אידישען סאָציאַליזם איז געווען קנאַפּ. די נאָדל־אינדוסטריע — דאָס פעלד פון זײן אַפּליקאַציע — האָט דעמאָלט נאָך ניט פארנומען דעם גרויסען אָרט צווישען די אמעריקאַנער אינדוסטריען, וואָס זי פאַרנעמט הײנט. אָבער דער בײטראָג פון סאָציאַליזם צו דער אַמעריקאַניזאציע פון אימיגראַנט אין ברײטען זין פון וואָרט — דאָס מײנט צו זײן אײנלעבען זיך און אײנבירגערען זיך אין דער מדינה — איז געווען געוואלדיג. דרײ פערטעל פון דעם סאָציאַליזם איז געווען אָט דער אָרגאַניזירענדיגער־אַמעריקאַניזירענדיגער דינסט. און מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען קײן צוגעפּאסטערע אידײע, וואָס זאָל קענען דערפילען פאַר'ן אידישען עמיגראנט זײן פונקציע.

דער סאָציאַליזם האָט פריער פון אַלץ איהם פאַרביטען די תורה; די אידײאישע גרופּע האָט איהם פאַרביטען די שול. — אויבען האָבען מיר אויסגעפיהרט, אַז פאַר דעם פרומען עלטערען דור האָט די שוהל, מיט איהר תורה, מיט איהרע מצוות, געדינט ווי אַ מוסטער פאַר זײנע בענעפיט־פאַראײנען — די „אנשים". האָט דער ניט־פרומער אינגערער עולם — וואָס מיט דער אויסברײטערונג פון אימיגראַציע־שטראָם איז ער געוואָרען די גרויסע מאַיאָריטעט — זיך אויך גענויטיגט אין אַ שוהל, וואו מען זאָל לערנען מיט איהם תורה, וואָס זאָל איהם הײסען טאָן מעשים טובים, וואָס זאָלען אַזוי גוט זײן ווי די פרומע מצוות. — דער איד איז פון אַלעמאָל אָנגעהאַנגען געווען אויף דער תורה: האָט דאָס אריינגעאַרבײט אין זײן פּסיכאָלאָגיע אַ געוויינהײט צו דענקען, פילען און לעבען לויט תורה. און ווען זײן נשמה

האָט זיך אויסגעליידיגט פון דער אַלטער תורה, איז אָבער איהר אָרט געבליבען פונקציאָנירען און האָט געבעטען אַ תורה־„סאָבסטיטוט”. טעאָרעטיש וואָלט יעדע אַנדערע העכערע אידייע געקאָנט פאַרנעמען דעם אָרט; אָבער פראַקטיש האָט דער סאָציאַליזם צום בעסטען קאָרעספּאָנדירט מיט דעם נייעם פּראָלעטאַרישען צושטאַנד; אויב ער האָט גלייך ניט געענטפערט אויף די פּראָלעטאַרישע נויטען, האָט ער זיי פאַרענטפערט: ער האָט צוגעזאָגט גאולה, פאַרגיטיגונג.

אָבער וואָסערע זכות'ן דער סאָציאַליזם האָט זיך ניט פאַרדינט אין די הימלען, אויף דער ערד איז ער געווען אַ האָלסייל־מעטאָד אויסצוגרינען די 100,000 קעפּיגע גריינע מאַסע; אַ מעטאָד צו ציוויליזירען און אַמעריקאַניזירען דעם אימיגראַנט, וואָס איז געווען פונקט צוגעפּאַסט צו זיין פּסיכאָלאָגיע און סיטואַציע: דורך אַרויפלערנען תורה אויף זיין פּרנסה. צוערשט איז עס געווען אַבסטראַקטער סאָציאַליזם — היילע באַגייסטערונג פאַר א צוקונפט־חלום; אָבער גאַר גיך האָט ער זיך גענומען אָנגעמען מיט אַלץ מעהר פּראַקטישען זין — מיט טאָג־טעגליכען עקאָנאָמישען, אַמעריקאַנישען און אידישען אינהאַלט — ביז ער איז אָנגעלאָדען געוואָרען מיט דעם פולען אינהאַלט, מיט וועלכען דער אידישער ארבעטער אין אַמעריקע לעבט היינט צו טאָג.

און דער הויפּט־אָרגאַן פון דער פאַרטאָג־טעגליכונג פון סאָציאַליסטישען צוקונפט־חלום — פון דער ציוויליזירונג, אַמעריקאַניזירונג און אידיזירונג פון דער אידישער פאָלקסמאַסע איז געווען דער אַרבעטער־אָרדען וואָס האָט זיין אָנהויב געהאַט אין אַן אידייאישען בענעפיט־פאַראיין, וועלכער האָט געטאָן אַן „אומגעהערטע” זאַך, פון וועלכער די דעמאָלטדיגע סאָציאַליסטישע פיהרער זיינען לכתחילה גאָר ניט געווען אַזוי צופרידען — ער האָט קאָמבינירט דעם יום טוב'דיגען סאָציאַליזם מיט וואָכעדיגע בענעפיטס; וואָס אָט די קאָמבינאַציע האָט דעם ארבייטער רינג אין זיין גרינדונגס־פעריאָד — ביז'ן יאָהר 1904 — געגעבען 70 ברענטשעס מיט 3000 מיטגלידער.

נאָר עפּעס האָט דאָך געפעלט צו דער פולער געדייאונג פון ארבייטער רינג — עפּעס וואָס זאָל דעם בונד פון אידייאישער סאָלידאַריטעט פאַרהאַרציגען און דערוואַרימען; וואָס אַ גרויסע צאָל פּראָסט־פּשוט'ע בענעפיטס־פאַראיינען האָבען יאָ פאַרמאָגט, און דער אידייאישער בענעפיט־פאַראיין נאָך ניט — די לאַנדסמאַנשאַפטליכע צונויפגעבונדענקייט. איז דאָס אויך אונטערגעקומען.

פונקט ווי עס איז געשעהען ביים עלטערן לאָדזשען־אָרדען: די בענעפיט סאָסייעטי האָט איהם געגעבען דעם געבורט־שטויס און די לאַנדסמאַנשאַפט דעם שוואונג פון וואוקס — אַזוי איז אויך דאָ געשעהן: ערשט ווען ארום 1905 איז אויפגעקומען די אידייאישע, סאָציאַליסטיש געשטימטע לאַנדסמאַנשאַפט, און זי האָט זיך איינגעשפּאַנט צו דינען ווי א פור פאַר דעם ארבייטער רינג, איז דער אָרדען זיך צעפאָהרען און צעוואַקסען.

די שטייגענדיגע ארבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, די רעוואָלוציע פון 1905, וועלכע איז אויסגעלאָפען אין מאַכען שחיטות איבער'ן גאַנצען אידשען תחום, האָט גענומען אריבערוואַרפען קיין יונייטעד סטייטס סאָציאַליסטיש, און סאָציאַליסטיש־ציוניסטיש געשטימטע יוגענט־מאַסע, גענוג אָנצושפּייזען מיט מיטגלידערשאַפט הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטען פון דער זעלביגער אידייאישער איינשטעלונג.

די גרעסטע מאַיאָריטעט פון די ניי אָנגעקומענע סאָציאַליסטיש־געשטימטע אימיגראַנטען איז געווען אונטער דער השפּעה פון „בונד” — די פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעפיהרט אַ העלדיש־רעוואָלוציאָנערען קאַמף קעגען דער צאַרישער רעגירונג און וועלכע האָט אָרגאַניזירט זעלבסט־שוץ־באַטאַליאָנען אין די שטעט פאַר דער פאַרהיטונג און אָפּוועהר קעגען פּאָגראָמען. האָט די פּאַרטיי צוגעשטעלט די גרעסטע צאָל פליכטלינגע קיין אַמעריקע — סיי אַזעלכע, וואָס האָבען באַצייטענס זיך געראַטעוועט פון אַ דראָהענדיגען אַרעסט, סיי אַזעלכע, וואָס זיי איז געלונגען צו אַנטלויפען פון די געפענגענישען און פון פארשיקונג אין סיביר — און עס איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז די, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע, לעבענדיג דאָ אונטער בעסערע אומשטענדען, זאָלען פון דאַנען וועלען שטיצען זייער רעוואָלוציאָנערע מוטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכער זיי האָבען אַוועקגעגעבען זייער יוגענט־יאָהרען און וואָס די קרבנות, וואָס זיי האָבען פאַר איהר געבראַכט, האָבען די אָרגאַניזאַציע איינגעבאַקען ביי זיי אין האַרצען. און עס איז ווידער געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז זייער ערשטע סימפּאַטיע זאָלען זיי אוועקשענקען דער „בונדישער” אָרגאַניזאַציע פון זייער אייגענער היים־שטאָט. אין יענע יאָהרען האָט יעדע שטאָט צוגעשטעלט צעהנדליגערוייז פליכטלינגע־בונדיסטען, צונויפגעבונדענע דורך די נאָך פרישע זכרונות פון די געמיינשאַפטליכע רעוואָלוציאָנערע איבערלעבונגען; עס פלעגט קיין וואָך ניט אַריבערגעהן, זיי זאָלען ניט דאַרפען מכניס אורח זיין אַ נייעם פליכטלינג, וואָס האָט גאַנץ אָפט זיך ארויסגעריסען פון אונטער דער סאַמע תליה און איז געווען אַ בוזים־פריינט פון יעדען איינעם פון זיי פון קינדווייז אָן. האָבען זיך דאָ אויסגעבילדעט לאַנדסלייט־ליגעס פאַר דער שטיצע פון „בונד” אויף די נעמען פון שטעט.

אַזעלכע ליגעס זיינען געווען איבערן לאַנד ביי 40, וועלכע זיינען פאַרבונדען געווען דורך אַ „צענטראַלען פאַרבאַנד” אין ניו יאָרק, וואָס זיין הויפּט־עובדה איז געווען צו פּאָפּולאַריזירען די אידייען פון „בונד” און צו אראַנזשירען געלט־קאַמפּאַניעס פאַר איהם און זיין זעלבסט־שוץ.

און דאָ האָט א. ליעסין אַ גרויסען דינסט געטהאָן דעם אַרבייטער רינג. ער, וועלכער איז נאָך אין זיין יוגענט מיט זיין „אָפּאָזיציע” אין מינסק געווען דער פאָרלויפער פון „בונד”, איז שפּעטער, ווען דער „בונד” האָט זיך אָרגאַניזירט, דאָ געוואָרען זיין הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסט אין דער פּרעסע, באַזינגענדיג אין ליעד און פּראָזע די גבורות פון

זיינע העלדען און זיין זעלבסטשוץ. איז ער זעלבסטפאַרשטענדליך טעטיג געווען אין „צענטראַלען פאַרבאַנד פון ניו יאָרק. האָט ער אין 1907 אריינגעבראַכט אַ פאָרשלאָג, אַז אַלע בונדישע ליגעס פון איבער'ן לאַנד זאָלען זיך אָנשליסען אָן ארבייטער רינג. זיין ערשטער ארגומענט איז געווען: וואָס וועט זיין, אַז דאָס באפרייטע רוסלאַנד וועט מעהר ניט פאָדערען קיין הילף? זיין צווייטער אַרגומענט: מען קאָן דאָך אייביג ניט לעבען מיט דעם „אָפּגעשטראַהלטען לעבען" פון דער אַמאָליגער היים הינטער די ימים! — עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אַז מען לעבט אין אַמעריקע, זאָל מען לעבען מיט די אינטערעסען פון אַמעריקע. דארפען די בונדישע ליגעס פאַר זייער אייגענער זעלבסטדערהאַלטונג צושטיין צום ארבייטער רינג.

דער פאָרשלאַג איז דורכגעאַנגען. און אַ. ליעסין איז באַאויפטראגט געוואָרען צו שרייבען דעם ערשטען אויפרוף. און ער האָט איהם אָנגעשריבען און אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס": — „דער ארבייטער רינג און די ראדיקאַלע לאַנדסלייט־פאַראיינען" — וואָס האָט געהאַט אַ באַלדיגען עפעקט. אַלע 40 בונדישע ליגעס פון איבער'ן לאַנד האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַלס לאַנדסמאַנשאַפטען־ברענטשעס אָן ארבייטער רינג.

די פערציג האָבען געמאַכט דעם אָנהויב. ראדיקאַלע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען גענומען צושטראָמען צום ארבייטער רינג. און די קאָמבינאַציע פון די דריי עלעמענטען — פון אידייאישער אינספיראציע, געגענזייטיגען בענעפיט און לאַנדסמאַנשאַפטליכער צונויפגעבונדענקייט — האָט געטהאָן מיט'ן אַרבייטער רינג די גרעסטע פעולה: — זיין מיטגלידערשאפט האָט גענומען אריינלויפען אין די צעהנדליגע טויזענטער.

איצט האַלט דער ארבייטער רינג ביי 750 ברענטשעס איבער'ן לאַנד, מיט 71 טויזענט מיטגלידער; וואָס פון זיי זיינען 352 ברענטשעס אין ניו יאָרק מיט אָרום 50,000 מיטגלידער — און 50 פראָצענט פון די ניו יאָרקער ברענטשעס זיינען לאַנדסמאַנשאַפטען.

(נאָך ניו יאָרק קומט שיקאַגאָ מיט איהר גרויסער צאָל לאַנדסמאַנשאַפטען־ברענטשעס; פאַראַן אַפילו אַ שיקאַגער לאַנדסמאַשאַפט־ברענטש אין לאָס אנזשעלעס — פון די אריבערגעקומענע פון שיקאַגאָ. דער לאַנדסמאַנשאַפט אינסטינקט איז אזוי איינגעוואָרצעלט אין אידישען פאָלקסמענטשען, אַז ער פאַרלאַנדסמאַנשאַפט אַפילו אַמעריקאַנער שטעט).

דאָ מוזען מיר זיך אָפּשטעלען. די ווייטערדיגע געשיכטע פון אַרבייטער רינג דאַרף באַהאַנדעלט ווערען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויפשטייג פון די צוויי נייע אַרבעטער אָרדענס און מיט דער שטייגענדיגער ראָלע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

נאָך צוויי מאָל האָט זיך איבערגע'חזר'ט דער זעלביגער אָרגאַניזיר־פּראָצעס: דורך דער איניציאַטיוו פון אידייאישען בענעפיט פאַראיין, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט, האָט אין 1910 זיך געגרינדעט דער „אידישער נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד" — און אין 1930 דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדען" — וואָס די דריי אָרדענס מיט זייער גרויס און וויכטיגקייט, פארנעמען איצט דעם אויבענאָן אויף דער אידישער סצענע, פאַרדרענגענדיג אַלץ מעהר אין הינטערגרונט דעם עלטערען לאדזשען־אָרדען.

אזוי אז מען קען זאָגען אָהן איבערטרייבונג, אַז דאָס איז געווען די לאַנדסמאַנשאַפט, אין איהר אידייאישער פאַזע, וואָס האָט דערלאַנגט דער אידישער פאָלקס־מאַסע איהר פאַרנעהמסטען געזעלשאַפטליכען אָרגאַן.

נאָך דער גרינדונג פון ערשטען סאָציאַליסטישען אַרבייטער אָרדען — דעם ארבייטער רינג — האָט שפּעטער־צו זיך אָנגעצייכענט נאָך אַ לאַנדסמאַנשאַפטען באַוועגונג — צום לאַנד־פאַרבאַנד, ווי דער פוילישער, גאַליציאַנער, רומענישער, בעסאַראַבער און אַנדערע פאַרבאַנדען. דער פאַרבאַנד, אָנהויבענדיג פון דער שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפט, שטייגענדיג פון אונטען ארויף, זוכט זיך צו דערהויבען צו לאַנדסמאַנשאַפט אין ברייטען זין פון וואָרט — צו דער פאַראייניגונג פון אימיגראַנטען, וואָס שטאַמען פון איין לאַנד, וואָס דערמיט אייגענטליך האָט זיך דאָך אָנגעהויבען די אידשע אָרגאניזירונג אין אַמעריקע. דער ערשטער אידישער אָרדען — „בני ברית" — ווי מיר האָבען געזעהן, איז אינקאָגניטאָ געווען די פאַראייניגונג פון דייטשע אידען — א פאראייניגונג פון יחידים, נאַטירליך, ניט פון שטאָט־לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען — כדי אויסצוגלייכען זיך אין יחוס מיט דער עלטערער ספרדישער געמיינדע.

דער דראנג אויסצוגלייכען זיך אין יחוס, איז הויפּטזעכליך אויך געווען די טרייבקראפט צו דער באַנייטער אָנשטרענגונג צו אָרגאניזירען זיך אין לאַנד־פאַרבאַנדען: אין די יאָהרען פון זייער אויספורעמונג, אין ערשטען יאָהרצענדליג פון איצטיגען יאָהרהונדערט, האָבען נאָך גאַנץ שטארק זיך געפיהלט די פסיכאָלאָגישע מחיצות צווישן די פאַרשיידענע סעקציעס פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע לויט די לענדער פון זייער אָפּשטאַמונג. אָבער די שמעלץ־קראַפט פון אַמעריקע און די אונטערגעקומענע קאַטאַסטראָפאלע געשעהענישען דרויסען פון אַמעריקע האָבען אין צווייטען יאָהרצענדליג גענומען אָפּווישען דעם דאָזיגען סעפּאראטיזם. אַזוי אז אָט די לאַנדסמאַנשאַפטען־באַוועגונג אין דער ריכטונג פון לאַנד־פאַרבאַנד, איז געווען ניט נאָר אַ שפּעטערע, נאָר אויך א פארשפּעטיגטע אַנטוויקלונג. זיי האָבען זיך געראַנגעלט און ראנגלען זיך נאָך עד היום פאַר זייער רעכט צו עקזיסטירען.

אָפּלייגענדיג דעם פאַרבאַנד און זיינע פּראָבלעמען פאַר אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג, קעהרען מיר זיך אום צום אַרבייטער אָרדען, וואָס זיין אויפשטייג געהערט צום סאַמע עיקר פון געזעלשאַפטליכען אַנטוויקלונג־פּראָצעס, וואָס

די אידישע פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט פאַר'ן האַלבען יאָהרהונדערט, וואָס דערפון טאַקע זיין גרויס פאַרנעם און גרויסע ראָלע.

10.

די טעמע פון דער אַרבייט איז די לאַנדסמאַנשאַפט, ניט דער אָרדען — די לאַנדסמאַנשאַפט אין דעם אָרדען און די לאַנדסמאַנשאַפט אויסערען אָרדען. און דעם אויבען־אָן גיבען מיר אָפּ דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט — דאָס מיינט בעיקר דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אָרדען.

וואָס איז דער טעם פאַר'ן פאָרצוג? אויסגעפורעמט פון דעם אָרדען און כסדר פון איהם געפורעמט, פורעמט די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט פון איהר זייט דעם אָרדען. עס איז אַ טאָפּעלטער, געגענזייטיגער פּראָצעס. און אין אָט דעם געגענזייטיגען פּראָצעס איז די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט די באַשטימענדיגע קראַפט. זי באשטימט מעהר דעם כאראקטער פון דעם אָרדען, ווי זי ווערט פון איהם באַשטימט. זי איז פריהער פון איהם אויב ניט אין צייט, איז אין איהר סאָציאַלער פונקציע. זי צווינגט דעם אָרדען זיך צופּאַסען צו איהר, צווינגט אויף איהם ארויף ענדערונגען, טרייבט אָן אזוי ארום מיט זיין וואוקס און אַנטוויקלונג. און דורך דעם אָרדען באַיינפלוסט זי די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער אידישער פאָלקס־מאַסע. פאַרדינט זי דארום נאָך אַ גענויערען אַנאַליז, ווי מיר האָבער איהר ביז איצט אַהער געגעבען.

וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַן אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט? פריהער פון אַלץ איז זי אַ בענעפיט־פאַראיין, וואָס זעלבסט־הילף איז זיין פּרוזשינע; און ווייל אַ לאַנדסמאַנשאַפט, ווערט די זעלבסט־הילף פּרוזשינע געאוילט און געוואָרימט פון דער קרובה'שאפט־עמאָציע, און ווייל נאָך דערצו אַן אידייאישע אַרבייטער לאַנדסמאַנשאַפט, איז די זעלבסט־הילף־פּרוזשינע נאָך געהיצט און פאַרשטאַרקט אין איהר באַוועגליכקייט דורך דער צוגעגעבענער ענערגיע פון דער ארבייטער־אידייע און ארבעטער־סאָלידאריטעט. זי ירש'נט דריי ירושות, כפל'ענדיג זיי איינע אויף די אַנדערע.

אלס בענעפיט פאַראיין, האָט די ארבייטער לאַנדסמאנשאַפט, צו די געוויינטליכע בענעפיטס, וואָס פאַרוואַנדלען הילף צום אָרעמאן אין זעלבסט־הילף, נאָך איבערגענומען יענעם טייל פון עקאָנאָמישע זעלבסט־הילף, וואָס איז ניט געדעקט געוואָרען פון דער יוניאָן. די יוניאָן שיצט דעם ארבייטער בעת ער ארבייט אין שאַפּ און בעת ער סטרייקט צו פאַרבעסערען די קאנדיציעס פון דער ארבייט אין שאַפּ. די לאַנדסמאנשאפט, אַ חוץ, וואָס זי האָט געהאָלפען איהר אַרבייטער מיטגליד בעת אַן אומגליקספאַל, אין פאַל פון קראַנקהייט; און געהאָלפען דער פאַמיליע, ווען ער איז געשטאָרבען — די רעגולערע הילף פון אַ בענעפיט־פאַראיין, וואָס א יוניאָן אין געוויינליכען סדר איז ניט באַרופען צו געבען — האָט די לאַנדסמאַנשאַפט נאָך געטהאָן, וואָס די יוניאָן האָט ניט דערטהאָן: געהאָלפען איהר ארבייטער־מיטגליד, בעת ער האָט ניט געארבייט אין שאַפּ אין די לאַנגע סלעק סעזאָנען, אָדער ווען ער האָט אינגאַנצען פאַרלאָרען זיין דזשאַב — איידער נאָך די אידישע יוניאָן האָט זיך דערטראכט צו אָט דער פאָרם בענעפיט פאַר איהרע מיטגלידער. און ווען איניגע אידישע יוניאָנס האָבען שפּעטער איינגעפיהרט „אַנעמפּלאָימענט אינשורענס", האָט עס קיינמאָל נישט פונקציאָנירט ווי געהעריג און אויף לאַנג. האָט די לאַנדסמאנשאפט דערגאַנצט די יוניאָן.

(די אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האָט ערשט ניט לאַנג איינגעפיהרט „טויטען־בענעפיט" אין דער סומע פון 150 דאָלער, וואָס ווערט אויסגעצאָהלט צו די קרובים פון דעם פאַרשטאָרבענעם מיטגליד. — די פאָריערס יוניאָן פון ניו יאָרק פיהרט ערשט איצט איין אַן עמבריאָ־פאָרם פון „אַנעמפּלאָימענט אינשורענס".

אָט דער פאַקט, וואָס „אַנעמפּלאָימענט אינשורענס", איז ניט קיין רעגולערע יוניאָן־פּיטשור אין אַמעריקע, און „סאָשעל אינשורענס", עלטער פּענסיע נעהמען ערשט איצט אָנערקענט ווערען ווי א רעגירונגס־פליכט, בעת אפילו די רעאקציאָנערע פּרייסישע רעגירונג האָט עס שוין לאַנג געהאַט אריינגענומען אין איהר ארבייט־געזעצגעבונג — אָט די אָפּגעשטאַנענקייט האָט דאָס געבראַכט צו דער גרויסער שפע פון בענעפיט־פאַראיינען און בענעפיט־אָרדענס דאָ אין לאַנד, צווישען דער אַלגעמיינער, ווי צווישען דער אידישער באַפעלקערונג).

דאָס, וואָס די ארבייטער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פונקציאָנירט ווי א בענעפיט־פאַראיין און ווי א דערגאַנצונג צו דער יוניאָן האָט זי עקאָנאָמיש באַרעכטיגט: האָט זי געהאַט אַ פעסטע פיזישע באַזע, אויף וועלכער זיך אויפצובויען. אָבער די עקאָנאָמישע פונקציע אַליין שעפּט ניט אויס איהר סאָציאַלען כאַראַקטער און באַדייט. איהר באַזונדערע אויסגעצייכענטקייט נעהמט זיך אַרויס פון די צוגעגעבענע אידייאישע עלעמענטען. געשטאַרקט דורך אָט די צוגעגעבענע עלעמענטען שטייגט זי צו אַ העכערען מאָראלישען גראַד; איבערשטייגט זי פילפאַך אין הילף און זעלבסט־הילף די פשוט'ע לאנדסמאנשאפט, פאַרוואַנדלענדיג זיי אין סאָציאַלען דינסט.

אָט איז אַן אילוסטראַציע, ווי אַזוי בענעפיט קאָמבינירט זיך מיט לאַנדסמאַנשאַפט און אידייע פאַר אַ שטאַרקערען סאָציאלען עפעקט: מיר האָבען שוין איינמאָל געבראַכט פאַר אַ ביישפּיל די „קאָלאָמעער פרענדס אסאָסיאיישאָן", ווי זיי האָבען געצאָלט סטרייק־בענעפיט צו זייערע סטרייקענדיגע מיטגלידער — קלאָוקמאַכער און בעקער — איידער נאָך די קלאָוקמאַכער און בעקער יוניאָנס זיינען בכח געווען צו צאָהלען סטרייק־בענעפיט. דער זעלביגער קאָלאָמעער פאַראיין וועט אונז איצט דיענען פאַר א נאָך בעסערען ביישפּיל:

קאָלאָמעא, זייענדיג א שטאָט אין גאַליציען, אויפ'ן גרענעץ פון רוסלאַנד און פאַרמאָגענדיג א היפּשע אייגענע אינ־

דוסטריע, וואָס איז באַוואוסט איבער גאַנץ גאַליציען — טליתים וועבעריי — האָט נאָך אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט געהאַט ביי זיך אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַן אָפּגעשפּיגעלטע פון דער שכנ׳ישער מדינה. קאָלאָמעא איז געווען די ערשטע סטאַנציע פון די אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען פון רוסלאַנד. אַזוי ווי די קאָלאָמעאר אידישע ארבייטער זיינען פאַרנומען געווען מיט דער פּראָדוקציע פון אַ שוהל־ארטיקעל, האָבען זיי פאַראייניגט ביידע תורות: אי זיי זיינען געווען פרומע, בערדיגע שוהל־אידען, אי סאָציאַליסטען. האָבען זיי געשמאַק געדאַוועט און געפיהרט סטרייקס, טאַקע אין דער באַלעמעלאָכישער שוהל האָבען זיי געגרינדעט דעם סאָציאַליסטישען פאַראיין, וואָס איז געוואָרען אַ צווייג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

און ווען אַ צאָל קאָלאָמעער טליתים וועבער האָבען אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואָס איז געווען זייער כונה ביים גרינדען דעם פאַראיין אין 1904? נעהמען מיר ארויס פון די יובילעי־זשורנאַלען, וואָס דער פאַראיין האָט ארויסגעגעבען צו זיין 20טען און 25טען געבורטס־יאָהר:

— „ווי געוויינליך, האָבען מיר צוערשט אויפגעזוכט אַלטע באַקאַנטע און חברים, אום דורך זיי, וועלכע זיינען דאָ געווען פון פריהער, זיך באַקענען מיט דעם היגען לעבען. געהאָפּט האָבען מיר צו געפינען צווישען זיי אָט די היימישע אַטמאָספערע, די גייסטיגע ווארימקייט, נאָך וועלכער עס האָט זיך אַזוי געביינקט... מיר האָבען געזוכט כאָטש איין ווינקעלע אין גאַליציאַנער קוואַרטאַל, וואָס זאָל ביי אונז פאַרנעמען דעם לעבעדיגען פּלאַץ, וועלכען עס האָט פארנומען אַמאָל אונזער סאָציאַליסטישער פאַראיין אין קאלאמעא".

אַלזאָ, דער לאַנדסמאַנשאַפט־מאָטיוו און דער סאָציאַליסטישער מאָטיוו, וואָס ביי די קאָלאָמער זיינען די ביידע מאָטיווען צונויפגעפאַלען, האָבען געגעבען דעם ערשטען שטויס.

אַ צווייטער פון די גרינדער באַשטעטיגט דעם לאַנדסמאַנשאַפטליך־סאָציאַליסטישען מאָטיוו און באַקרעפטיגט איהם מיט דעם זעלבסטפארשטענדלאכען פּראַקטישען מאָטיוו:— שטיצע: שטיצע אין ענגערען זין — צו זיך אליין — און שטיצע אין ברייטערען זין — צו דער סאָציאַליסטישער אידייע.

אָבער ביידע באַריכטען פאַרוואַרפען נאָך אַ וואונק אויף אַ דריטען מאָטיוו, וואָס האָט זיי ארויפגעפיהרט אויפ׳ן געדאַנק פון אַ פאַראיין. און דער דריטער מאָטיוו שלאָגט אין פּינטעלע: — דעם געשטיגענעם מאָראַלישען פּולס וואָס צייכענט אויס די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט.

דער ערשטער באַריכט:

„ווען מיר האָבען זיך ארויסגעלאָזען זוכען לאַנדסלייט, וואָס האָבען מיר געפונען צווישען די אידישע ארבייטער פון גאַליציען אין אונזער קוואַרטאַל פון יענער צייט, פון וואָס אויך אונזערע לאַנדסלייט זיינען ניט געווען קיין אויסנאַהם? ביר־סאלאָן מאָראַל, וועלכע איז געווען אַזוי נידעריג און אָפּשטויסענדיג, אַז עס האָט אזש פאַרכאַפּט ביים האַרצען"...

דער צווייטער באַריכט: — „דעם שטויס צו דער גרינדונג פון פאַראיין האָט געגעבען דאָס וואַלגערען זיך פון אונזערע לאַנדסלייט און בעסערען עלעמענט אויף די קאָנערס פון ריווינגטאָן סטריט און אין די בארס פון סאלאָנען".

די קליינע גרופּע איניציאַטאָרס מיט די גערעאטעוועטע פון די ביר סאַלאָנען, האָבען געגעבען דעם פאראיין ביי דער גרינדונג 25 מיטגלידער.

ראטעווען פון די ביר־סאַלאָנען — אַזא סאָציאלע מיסיע וואָלט קיין יוניאָן ניט איינגעפאלען, און קיין פּשוט׳ן בענעפיט פאַראיין אודאי ניט. די „סאָציאַלע מיסיאָנערען", וואָס האָבען „גערעאטעוועט" אין די ביר־סאלאָנען, זיינען צו יענער צייט געווען ווי „וואָרד־פּאָליטישענס", וועלכע פלעגען קומען אַהין איינהאַנדלען וואוטס פאַר גלעזער ביר און וויסקי, אָבער אַ לאַנדסמאַנשאַפט, אינספּירירט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע, האָט יאָ גענומען אויף זיך אַזא רעטונגס־פליכט.

אגב אָט די סאָציאַליסטישע לאַנדסמאַנשאפט — די קאָלאָמעער פרענדס אַסאָסיעישאָן — וועלכע האָט פון 25 מיטגלידער ביי דער גרינדונג זיך צעוואקסען ביז צו 400 מיטגלידער היינט — האָט קיינמאָל זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן ארבייטער רינג — ווארום? ווייל צו איהר זיינען צוגעשטאַנען אַ היפּשע צאָל היימישע טליתים וועבער, וועלכע זיינען פאַרבליבען פרומע שוהל אידען און וואָס אייניגע פון זיי האָבען זיך ארויפגעאַרבייט אַליין צו ווערען באַלעבאַטים, וואָס דאָס אָבער האָט ניט געשטערט זייער צוזאַמענהאַלטען זיך און ניט אָפּגעהאַלטען זיי צו טאָן פלייסיגע סאָציאליסטישע ארבייט: אין 1905 שטיצען זיי מיט געלט אַ וועבער־סטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכען אין קאָלאָמעא. אין 1906 וואַרפען זיי זיך אריין אין דער באַוועגונג צו באַפרייען די אַרעסטירטע באַאַמטע פון וועסטערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס מאָיער, הייוואוד און פעטיבאָן. אין 1907 צוזאַמען מיט דעם קאָלאָמעאר ברענטש פון ארבייטער רינג — ברענטש 42 — פייערען זיי דעם גרויסען וואַל־זיג פון די עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטען. און בשותפות מיט׳ן זעלביגען ארבייטער־רינג ברעטש אָרגאַניזירען זיי דעם אַכטען אַסעמבלי דיסטריקט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי. און עד היום שטעהט די לאַנדסמאנשאפט ניט אָפּ פון קיין סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג, טראָץ אי׳הר געמישטער פּראָלעטאַריש־באַלעבאַטישער, פריי־פרומער מיטגלידערשאַפט.

עס זיינען פאַראַן מעהרערע אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפטען פון געמישטען כאראקטער, וואָס זיינען געבליבען הענגען צווישען שוהל־חברה און סאָציאַליסטישען פאַראיין און וואָס האָבען ניט געקענט צושטיין ניט צום באַלעבאַטישען און ניט צום אַרבייטער אָרדען. מעהרסטענס זיינען עס לאַנדסמאנשאפטען, וואָס זייער מיטגלידערשאַפט שטאַמט פון רוסלאַנד — פון געגענדען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט

מיט אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג — אזוי די געגענט וואָס האָט געהאַט ביאַליסטאָק פאַר איהר צענטער — מיט די ארומיגע שטעטלאך קרינעק, זאבלודאָווא א. א. וו. — אַ ראַיאָן פון געדיכטער אינדוסטריאַליזאציע, מיט וועבערייען און גאַרבערייען, וואָס האָבען געשפייזט מיט וועב־און לעדער־שטאָפען גאַנץ רוסלאַנד. — געגרינדעט האָבען זיך געווייינטליך אַזעלכע לאַנדסמאַנשאפטען פאַר 1905 און ביז די רוסישע רעוואָלוציע האָט אריינגעוואָרפען די צווייטע גרויסע אידישע אימיגראַציע־כוואַליע, האָבען די גרינדער שוין באַוויזען זיך ארויפצוארבייטען. דערנאָך ערשט האָבען זיי צוגעקראָגען דעם צופלוס פון אינגערען סאָציאַליסטישען עלעמענט. איז אָט דער אידייאישער צוגאָב גענוג געווען צו פאַרפיינערען, פאַרטיפען, דערהויבען זייער הילף־מאָראל ביז א גראַד, צו וועלכען די לאַנדסמאַנשאַפטען לכתחילה זיינען גאָר ניט גרייט געווען.

לייענען מיר אין זייערע זשורנאלען און פנקס'ן ריהרענדיגע געשיכטעס וועגען אנטלאָפענע פון געפענגענישען און סיבירער פאַרשיקונג, וואָס דורך די חדשים פון הונגערען, פריהרען און נע־ונד, זיינען זיי אָנגעגריפען געוואָרען פון קראַנקהייטען, וואָס האָבען זיי פאַר'משפט צו אַ לאַנגזאַמען טויט אָדער צו אַ פלעצליכען אויסברוך פון משוגעת. האָט די לאַנדסמאַנשאַפט זיי באַזאָרגט מיט היימען, געשפייזט, געהיילט און איינער אָדער צוויי פרייוויליגע פלעגען זיך אָפּגעבען מיט זיי כדי צו שטעלען זיי ווען מעגליך אויף די פיס, אָדער צו פאַרלייכטערען זיי דעם טויט...

זעלטען וועלכע שוהל־חברה וואָלט דערפיהרט איהר מצוה פון הכנסת אורחים ביז צו אַזאַ הייליגער מסירת נפש. פאַר דעם דורכשניטליכען פרומען שוהל-אידען איז אַזאַ איינער אַ זינדיגער, א רשע, וואָס איז אַ מצוה אויף איהם, ער זאָל באַשטראָפט ווערען. אָבער די לאַנדסמאנשאפט, וועלכע האָט געקראָגען די איינשפּריצונג פון דער אידייע, איז יאָ ארויפגעשטיגען צו אָט דער מדרגה פון סאָציאלען פליכט־באַוואוסטזיין.

אָבער ניט דאריין, ניט אין די געהויבענע מאָראלישע מעלות פון דער אידייאישער לאַנדסמאנשאַפט, איז איהר הויפּט־אויסצייכענונג. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיך איינגעשטילט; די אָפּגעשפּיגעלטע העראָאישע שטימונג דאָ איז אראָפּגעזונקען אין וואָכעדיגען לעבענס־שטייגער, זיך איבערזעצענדיג אין מעסיגע סאָציאליסטישע און טריידיוניאָניסטישע פליכטען פון געוויינלאַכען שניט, וואָס פאָדערען ניט קיין באַזונדערע העראָאישע אָנשטריינגונג. און יעמאָלט ערשט, אין איהר וואָכעדיגער איינשטעלונג, האָט די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט, דורכ'ן אָרדען, גענומען שפּילען איהר פולע סאָציאלע ראָלע, מיט קאָנצעקווענצען פאַר דער גאַנצער אידישער פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע.

די אידייאישע אָרדן־לאַנדסמאַנשאַפט, אין איהר וואָכעדיגער איינשטעלונג, באַשטעהט פון אַ קליין הייפעלע אַקטיוויסטען, וואָס שטעהט אונטער דער השפּעה פון דער סאָציאַליסטישער פיהרערשאַפט פון אָרדן: די איבעריגע מיטגלידערשאַפט איז אַ מאַסע, וואָס איהר סאָציאליסטישקייט באַשטעהט בלויז דעריין, וואָס זי איז וויליג צו לאָזען זיך פיהרען פון די אַקטיוויסטען, וועלכע נעהמען אינסטרוקציעס פון דער אָרדן־פיהרערשאַפט. קומט אַ צוזאמענשפּיל פון אידייע און מאַסע. די אידייע איז אין פערמאַנענטען קאָמפּראָמיס מיט מאַסע. — צו אַלעס ערשט, דער הויפּט־פאַקט צום געדענקען איז דאָ:

די אידייאישע לאַנדסמאנשאפט, דורך איהר מאסע־מיטגלידערשאפט, בלייבט אין עצם אַ לאַנדסמאנשאפט, אפילו ווען אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג. זי טוט אַלץ, וואָס די עלטערע לאַנדסמאַנשאַפט טוט און טוט נאָך מעהר — צוליב'ן צוגאָב פון אידייאישקייט. אָבער זי הערט זיך גאַנץ שטאַרק צו, פונקט ווי איהר עלטערע שוועסטער, צו איהרע אייגענע נויטען און וועט זיי ניט פאַרבויגען, טראָץ דעם וואָס זי האָט צוגעקראָגען נייע סאָציאלע פליכטען. — האָבענדיג צו טהאָן מיט מאסע, וואָס האַנדעלט פריהער פון אַלץ אין אייגענעם אינטערעס וועלכע קען אַנדערש ניט, ווי נאָר לאָזען זיך דיקטירען פון איהרע אייגענע לעבענס־נויטען — דאַרף די פיהרערשאַפט פון ארבייטער אָרדן, אַדאַפּטירענדיג זיך צו דער מאַסע־מיטגלידערשאַפט, גאַנץ פאָרזיכטיג, גראַדענווייז, דעם זעלבסט אינטערעס פון דער מאַסע סאָציאליסטיש אידייאיזירען. פון דער אַנדער זייט, דאַרף דער זעלבסט-אינטערעס פון אַ מאַסע ניט ענג פאַרשטאַנען ווערען, ווי די זעלבסטקאָנצענטרירטקייט פון אַ יחיד, וואָס זוכט נאָר זיין אייגענע טובה — בפרט ווען דער זעלבסט אינטערעס ווערט כסדר געלייטערט דורך העכערער סאָציאלער באַוואוסטזיניגקייט.

אַ מאַסע, אפילו ווען אידייאיזירט, איז ווי אַ שוואָם, וואָס זויגט איינפלוסען, וואָס דערגרייכען צו איהר פון נאָהענט און פון ווייט — דורך איהרע אייגענע דערפאַרונגען אין קאָנטאַקט מיט דער אַמעריקאַנער סביבה, וואו עס קומט איהר אויס צו פאַרדינען אויף אַ לעבען; דורך דעם אַמעריקאַניזירטען היי־געבאָרענעם דור אין אייגענעם פאַמיליען־קרייז. און זייענדיג פלייש פון פלייש, ביין פון ביין פון דער גאַנצער אידישער פאָלקס־מאַסע, נעהמט זי אויך אויף, דורך איינגעבאָרענער סימפּאַטיע, די איינפלוסען פון דער גאַנצער אידישער סיטואציע — דאָ אין לאַנד, און אויך איבער גאָר דער וועלט. — איז די אידייאישע לאַנדסמאַנשאפט דער „אָפּלעגער” פון די אלע „אידיזירענדיגע” און אַמעריקאַניזירענדיגע איינפלוסען — אַן „אָפּלעגער”, וואו זיי לייגען זיך אָפּ אין אַ האָמעאָפּאַטיש קאָנדענסירטען צושטאַנד. און די פיהרערשאַפט פון אַרבייטער אָרדען, אַדאַפּטירענדיג זיך צו דער מאַסע, דאַרף כסדר, גראַדענווייז, די אַלע „אידיזירענדיגע” און אַמעריקאַניזירענדיגע איינפלוסען אויפנעהמען, אידייאיזירען און אַקטיוויזירען...

איך רוף עס מיט אַ כיוון „אידיזירונג”, ניט נאַציאָנאַליזירונג, ווייל אָהן שום נאַציאָנאַלער טעאָריע. ס'מיינט פשוט אַז די רעאלע לעבענס־נויטען, די פאַקטישע לאַגע פון דער אידישער פאָלקס־מאסע, פריהער פאַר אַלץ אויף דעם אָרט

אַמעריקע, ווערען אַלץ מעהר אין אַכט גענומען. די אידיישע פיהרערשאַפט פון דעם אָרדן, אָפּרירענדיג מיט אַ מאַסע, אין דער געשטאַלט פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע איז דער געדיכטסטער, שאַרפסטער טראָפּען פון דעם גאַנצען ים פאָלקס־מאַסע, דאַרף איהר סאָציאַליזם מאַכען אָפּענט־פערען אויף דיביידע נויט-באַדערפעינישען פון דער מאַסע — צו רעאַגירען אויף דער אידישער וועלט־לאַגע, וואָס דאָס איז „אידיזירונג", און צו אָריענטירען זיך אויף אַמעריקע, וואָס דאָס איז אַמעריקאַניזירונג. — און דער אַרבייטער רינג, אַלס דער ערשטער אַרבייטער אָרדן אין פעלד, וואָס האָט צונויפגעזאָמעלט דאָס רוב מנין און רוב בנין פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־מיטגלידערשאַפט, איז געווען אַ ריזיגע סאָציאלע לאבאָראטאָריע, דורך וועלכער עס האָבען זיך דורכגעקרייצט און זיך צוזאַמענגעשמאָלצען די אַלע איינפלוסען, וואָס זיינען געקומען פון אויבען און פון אונטען, פון דער אידייע און פון דער מאַסע: דורך דעם ארבייטער רינג איז דורכגעגאַנגען די ערשטע שטופּע פון דעם טאָפּעלטען פּראָצעס — פון דער „אידיזירונג" און אַמעריקאַניזירונג פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע.

די דורכזעצונג פון אָט דעם טאָפּעלטען און גלייכצייטיגען פּראָצעס „אידיזירונג" און אַמעריקאַניזירונג איז די סאָמע וויכטיגסטע געזעלשאַפטלעכע פונקציע פון דער אידיישער לאַנדסמאַנשאפט, וואָס זי האָט דערפילט דורכ'ן אָרדן.

דער אַמעריקאַניזירונג־פּראָצעס איז אַ במילא'דיגער. אַמעריקע קען פאַר זיך באַשטעהן. די מאַכט פון איהר עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און קולטור, פון איהרע בילדונג־אינסטיטוציעס, פּרעסע און גאַנצען לעבענס־שטייגער — אָט די גיגאַנטישע מאַכט קען זיך באַגעהן אפילו אָהן מיטהעלפער אין אַמעריקאַניזירונג, בפרט ווען זי האָט די אויטאָמאַטישע און באַוואוסטזיניגע מיטהילף פון די יוניאָנס, פּאַרטייען און די אָרדנס. (אין די אָרדנס איז עס הויפּטזעכליך די יוגענט, וואָס טראָגט צו צו דער אַמעריקאַניזירונג; די מיטעליאָהריגע און עלטערע מיטגלידערשאַפט — צו דער אידיזירונג). — אינטערעסירען דאַרף אונז יענע מיטהילף, וואָס קריגט ארויס פון דער אַמעריקאַניזירונג דעם גרעסטען געווינס סיי פאַר אַמעריקע און סיי פאַר די זיך אַמעריקאַנירענדיגע. און אַזאַ מיטהילף איז טאַקע די אידיזירונג.

.11

דריי דייטלעך דערקענבאַרע שטופען האָט דער אידיזירונג פּראָצעס דורכגעמאַכט; מיט אַן אָפּשטאַנד אין צייט צווישען זיי, אָבער דאָך אין פאָרגעזעצטער אָרדנונג; וואָס איינע פיהרט צו דער אַנדערער אַריבער, און ווערט דאָך ניט איבערגעריסען; נאָר באַהעפט זיך מיט איהר נאָכפאָלגערין, קעגענזייטיג זיך שטאַרקענדיג: — די אידיזירונג פון דער ליטעראַטור, די אידיזירונג פון דער קולטור און די אידיזירונג פון דער געזעלשאַפטליכקייט, וואָס דאָס לעצטע האַלט נאָך אינמיטען.

דער בולט'סטער ביישפּיל איז טאַקע דאָס אויפקומען פון אַ אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועלכע איז אַ באַשאַף פון די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען זי צום ווינציגסטען אין זינען געהאַט. „אידיש וועט אונטערגעהן", האָבען זיי גע'טענה'עט, און דאָך אויפגעהאָדעוועט אַ אידישע ליטעראַטור. די סאַמע שפּראַך: אידיש — און אידישע ליטעראַטור און קולטור אודאי — איז געווען אומזין; נאָך מעהר: אַ בפירוש'ער פאַרברעכען קעגען זייער קאָסמאָפּאָליטישען סאָציאַליזם. אָבער געפיהרט האָבען זיי זייער סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אידיש, אונטערגעטראָגען עלעמענטאַרע וויסענשאַפטליכע אויפקלערונג, דעם אלף בית פון ציוויליזאציע און אַמעריקאַניזאציע — דעם עטיקעט פון אַ „מענטש ווערען" אין אַמעריקע — האָבען זיי אין אידיש. אפילו געלייקענט אידיש האָבען זיי אין אידיש. איז וייל אין אידיש, און אַ ברייטע לייענערשאַפט איז געשטאַנען גרייט הונגעריג, דאָרשטיג דאָס אַלץ איינצושלינגען — האָט אידיש — דער מאַמע־לשון פון דער לייענערשאַפט — זיך באַפעסטיגט אויף לאַנגע יאָהרען. גלייך מיט איהר ערשטען שוואונג, מיט איהר ווארפען זיך צו דער צייטונג, אזוי גיך זי האָט זיך אויסגעטשוכעט פון דער ים־רייזע און פון „קעסעלגאַרדען", האָט די מזרח־אייראָפּייאישע לייענערשאַפט געצוואונגען די עלטערע פּרעסע (צ. ב. ש. דאָס „אידישע טאַגעבלאַט") איבערגעהן פון דייטשמערישען קוידערוועלטש צו אַ ריינעם אידיש.

און וויבאַלד אַ גיריגע לייענערשאַפט איז געווען, האָט זי במילא אַרויסגערופען קינסטלערישע ליטעראַטור — ליד, דערצעהלונג — וואָס לכתחילה איז איהר אויפגעגעבען געוואָרען מיטצוהעלפען אין דער סאָציאַליסטישער פּראפּאגאנדע, אָבער אין פּראָצעס פון שרייבען פּראָפּאגאנדע, האָט די שרייבערישע לוסט ארויסגעצויגען דעם קינסטלער (עדעלשטאַדט, באָווטשאָווער, ראָזענפעלד, ליעסין — די פּאָעטען: ליבין, קאָברין — די דערצעהלער). — צום שבח פון די סאָציאַליסטישע פיהרער דאַרף געזאָגט ווערען, אַזוי גיך די פּראפּאגאנדע־ליטעראטור האָט גענומען ווייזען סימנים פון קינסטלערישקייט, האָבען זיי זיך פאַראינטערעסירט און גענומען זי מונטערען. די מעהרסטע פון זיי זיינען דערצויגען געוואָרען אויף דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, האָבען זיי געפּרעסט איהר רעאַליזם אין דער אידישער ליטעראַטור. (אב. קאהאן צום ביישפּיל; ניט גלויבענדיג אין דער צוקונפט פון דער היגער אידישער ליטעראַטור, האָט ער פאָרגעהאַלטען פאַר די אידישע דערצעהלער טשעכאָוו'ס דערצעהלונג פאַר אַ מוסטער).

און נאָך אַ שבח מוז געזאָגט ווערען אויף דער סאָציאַליסטישער פיהרערשאַפט, אז איינמאָל האָט זי זיך איינגעשפּאַנט אין דינסט צום אידישען אַרבייטער, איז זי ניט אָפּגעטראָטען. ניט אָלע, נאַטירליך. גאָר פיעלע פון די אַמאָליגע פיהרער זיינען אַנטלאָפען פון אידישען אַרבייטער און פון אידישער אַרבייט ביי דער ערשטער געלעגענהייט, אזוי גיך זיי האָבען עס געקענט באַוויזען, און האָבען מיט דער צייט זיך דערשלאָגען צו פּראָמינענץ אויף דער אַמעריקאַנער אַרענע אין פאַרשיידענע פּראָפעסיעס — אַלס לאָיערס, פּאָ־

ליטיקער, אַרטיסטען און שריפטשטעלער. — אָבער די, וואָס זיינען געבליבען, האָבען געטהאָן גרויסען דינסט, דאָס איז זיי צו פאַרדאַנקען, וואָס די אידישע פאָלקס־מאַסע איז באַרייכערט געוואָרען מיט אַ נייעם שעפערישען אויסדרוקס־מעדיום — ליטעראַטור, וועלכע שילדערענדיג מענטש און לעבען, גראָבענדיג זיך אין דער טיפעניש פון כאַראַקטער, נאָכגעהענדיג דעם אימיגראַנט טריט נאָך טריט, פון דער היים אין שאַפּ, פון שאַפּ אין דער יוניאָן, פון דער יוניאָן אין פאַמיליע־קרייז, מיט זיינע פריידען און ליידען, אַריבערטראָגענדיג איהם צוריק אין דער אַלטער היים און איהם צוריקבריינגענדיג קיין אַמעריקע — האָט זי, די ליטעראַטור, אין דער מעגליך שנעלסטער צייט, גייסטיג איבערגעפורעמט און דערהויבען ביז צו אַ היפשען גראַד אינטעליגענץ אַ מאַסע, וואָס האָט אַפילו קיין עלעמענטאַרע בילדונג ניט געהאַט.

נאַטירליך, די שעפערישע איניציאַטיווע איז דעם שריפטשטעלערס, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט דער מאַסע, אָבער דער אַוואַנגאַרד פון דער מאסע האָט זיך געזאמעלט אין אידייאישען פאַראיין, אין ארבייטער אָרדן, וואָס האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך די סאַמע ערשטע אָרגאַניזאציע געברויכער פון ליטעראטור; צייטונג, בראָשורע, בוך, ליעד, דערצעהלונג, ליטעראַרישער אָוונט — זיינען געווען זייער אָרגאַניזירונג־, אונטערהאַלטונג־ און צוזאַמענהאַלטונג־מיטלען. די ליטעראטור האָט פון סאַמע אָנהויב זיך געקענט אָנשפּאַרען אויף דעם פאַראיין, דעם אָרדן, ווי אויף זייער זיכערסטער קליענטעל (נאָך אין יאָהר 1892 האָט דער פאָטער־פאראיין פון ארבייטער רינג גענומען אונטער זיין ספּעציעלער זאָרג דעם גלייכצייטיג מיט איהם געגרינדעטען סאָציאַליסטישען חודש־זשורנאַל „צוקונפט”).

ביז 1905 איז די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראטור געשטערט געוואָרען דורך דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטינאַציאָנאַליזם פון די פיהרער, דורך דעם אומגלויבען, אַז די ליטעראטור איז אויף דויער. אויב היינט מאָרגען שטאַרבט זי, ווי קען דער שריפטשטעלער זיך פאַרמעסטען ברייט און טיף און הויך, ווי קען די שעפערישע אינטואיציע זיך אָנשפּאַנען ארויסצוקריגען פון איהם דאָס בעסטע, וואָס זיין גייסט פאַרמאָגט? — אָבער די אינגערע, אינטעליגענטערע און אידייאישערע אימיגראַציע, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געגעבען, מיט דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט, יואָס די נייערע אימיגראַציע האָט דערלאַנגט, טראָגט אַריין אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. אין דער אויפגעמונטערטער אַטמאָספּערע פון איסט־סאַיד, אפילו אָהן נאַציאָנאַליסטישער טעאָריע, נעהמט די מאַסע, מיט דער פיהרערשאַפט צוזאמען, פאקטיש זיך נאַציאָנאַליזירען—בלויז דורך דעם פאַקט, וואָס די מאַסע פיהרט אַ ברייט פאָלקס־לעבען. זי קריגט דעם געפיהל, אַז זי איז ניט גלאַט אַ צוזאַמענגעלאָפענער ערב־רב, נאָר אַ פאָלקישע געמיינשאַפט, א קבוץ, אַן עדה, וואָס געהט אין אַמעריקע אריין מיט אַן אייגען פנים און וועט פאַרנעהמען אַן אָרט אין איהר. די יוגענט פון דער מאַסע זוכט אויסדרוק פאַר דעם אין דער ליטעראַטור, און די ליטעראטור ענטפערט אָפּ באַצייטענס, איידער נאָך דער לייענער מאָנט עס פון איהר אויף א הויכען קול.

די ליטעראטור ווערט די טרעגערין פון פאָלקס־באַוואוסטזיין, זי נעהמט זיך אָן מיט גלויבען אין איהר באַרוף, ווערט זיכערער אין איהר קיום, אין איהר צוקונפט. דאָס טוט דער ליטעראטור גוט. ארום 1910 מאַכט זי דורך אַ נייע געבורט, עס פורעמט זיך אויס די ריכטונג פון די „יונגע” — די אידישע ליטעראַטור נעהמט זיך שטרעקען צו ווערק, וואָס זאָלען זי אויסגלייכען אין ראַנג מיט די גרויסע נאַציאָנאַלע ליטעראטורען אין דער משפחה פון דער וועלט־ליטעראטור, וואָס סוף־כל־סוף דערגרייכט זי עס: — דורך טעריטאָריע־ראָמאַנען, משיח־דראַמען, דורך אַ פּאָעזיע, וואָס איז קינסטלעריש עקוויוואַלענט צו רעליגיע. זי שפּרייט אַ גייסטיגען אידישען וועלט־געוועב און פיהרט גלייכצייטיג אריין די אידישע יוגענט מיט אַ ראָלע אין אַמעריקע.

קען מען ווידער אַמאָל פרעגען: וואָס געהערט זיך דאָס אַלץ אָן מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט און מיט דעם אַרבייטער אָרדן? — און דער ענטפער איז ווידער אַמאָל: אַודאי קען מען ניט זאָגען, אַז די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט האָט דאָס אַלץ אויפגעטאָן. נאָר אין איהר ראָלע פון אַ רעזאָנאַטאָר און „עמפּליפייער”, וואָס כאַפּט אויף, פאַרשטאַרקט און גיט איבער פאַרשטאַרקטערהייט די השפעות, וואָס זאַמלען זיך אָן אין דער אידישער פאָלקס־סביבה, האָט די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מאָנענדיגע און דאַנקבאַרע אוידיענץ, וואָס אָהן דעם קען ליטעראַטור ניט געמאָלט זיין. נאָכפאָלגענדיג די ליטעראַטור, האָט זי זי געשטויסען. זי האָט אונטערגעטריבען דעם אַרבייטער אָרדן צו ווערען אַן אַקטיווער באַשטעלער פון ליטעראַטור.

אָבער אָט איז אַ געביט, וואו די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט, דער אַוואַנגאַרד פון דער פאָלקס־מאַסע, האָט גענומען די איניציאַטיווע. ניט נאָר נאָכגעפאָלגט די ליטעראַטור און מיטגעגאַנגען מיט איהר פּראָגרעס, נאָר אויך איהר פאָראויסגעגאנגען; ניט נאָר געדיענט דעם שריפטשטעלער פאַר א טריבונע און געווען די ערשטע אויפנעמערין פון זיין בוך, געבענדיג איהם אויסערליכע הילף, נאָר זי האָט איהם אויך אינערליך געהאָלפען. זי האָט אָנגעשפּאַנט זיין שעפערישקייט מיט נייעם באַשלוס. דאָס איז געווען די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די אידישע ליטעראטור ביז קולטור, אָנהויבענדיג דערמיט די צווייטע אידיזירונג שטופּע.

דאָס האָט די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט ארויסגעפּאָדערט פאָלקס־שולען, וואו די שפּראַך פון אונטערריכט איז אידיש און אידישע ליטעראטור איז דער הויפּט־לימוד. אויף איהר אויפפאָדערונג, האָט דער ארבייטער אָרדן פאַרלייגט אַ נעץ פון פאָלקס־שולען איבער'ן לאַנד, אַוועקגעשטעלט אַ דערציהונגס־סיסטעם און פונאַנדערגעצווייגט אַ קולטור־טעטיגקייט אין פאַרשיידענע ריכטונגען — צו באַדי־

נען דעם דערוואקסענעם, ווי שול דאָס קינד: קאָנצערט,
טעאַטער־בענעפיט זיינען אויך געווען קוואַלען פון הכנסה
פאַרן אַלט־מאָדישען בענעפיט־פאַראיין און לאַנדסמאַנשאַפט;
די אידייאישע לאַנדסמאנשאפט, דורכ׳ן אָרדן, האָט פאַר־
פלאנצט איבער׳ן לאַנד צעהנדליגער כאָרען, דראמאטישע און
מוזיקאַלישע פאַראיינען, זי איז פון אָנהויב געווען אן ענטוזי־
אסטישע אונטערשטיצערין פון אידישען קונסט־טעאטער,
מאַכענדיג עס פאַר אַ פרינציפּ בלויז אין קונסט־טעאטער
קויפט זי איהרע בענעפיט־פאָרשטעלונג. זי האָט אויך
אַוועקגעשטעלט איהר אייגענעם קינסטלערישען אַרבייטער
טעאַטער — „אַרטעף״...

מיר מוזען דאָ איבעררייסען, כדי ניט פאָראויסצוכאַפּען
קולטור־אַנטוויקלונגען פון די סאַמע לעצטע יאָהרען, פאָר־
אויסכאַפּענדיג בלויז דעם אויספיהר: דער ארבייטער אָרדן,
אַלע ארבייטער אָרדנס צוזאַמען שטעלען היינט צו טאָג מיט
זיך פאָר א פול פונקציאָנירענדיגען אידישען קולטור־מיני־
סטעריום...

און זיי האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי קולטור אַליין.
דורך דער קולטור, וואָס עפענט פונאַנדער דאָס באַוואוסט־
זיין פון דער פאָלקס־מאַסע, איז דער ארבייטער אָרדן, גע־
שטיצט אויף דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט, אריינגע־
צויגען געוואָרען אין א רייה טעטיגקייטען, וואָס דאַרפען
העלפען צו דער לייזונג פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, גע־
זעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע אידישע נויט־פּראָבלעמען,
וואָס האָבען זיך אָנגעצייטיגט סיי דאָ אין לאַנד און סיי אין
די לענדער מעבר לים — די אידיזירונג פון דער קולטור
האָט געבראַכט מיט זיך די אידיזירונג פון דער געזעלשאפט־
ליכקייט.

.12

די מזרח־אייראָפּייאישע אימיגראַציע נאָך 1905 האָט גע־
בראַכט אַ גרויסע מאַסע סאָציאַל־באַוואוסטזיניגע יוגענט,
וועלכע האָט אין דער אַלטער היים געקעמפט אין די רייהען
אָדער געשטאַנען אונטער דער השפעה פון סאָציאַליסטישע
פאַרטייען, וואָס האָבען געהאַט מעהר אָדער ווייניגער אויס־
געשפּראָכענע נאַציאָנאַלע טענדענצען. איז די יוגענט געווען
ראוי מיט דער צייט אויך דאָ זיך נאַציאָנאַליזירען — וואָס
דערמיט ווערט געמיינט: אָפּצוגעבען זיך מיט אידישע טע־
טיגקייטען. אָבער צווישען אָט דער יוגענט איז געווען אַ מי־
נאָריטעט, וואָס איז געקומען אַהער אָנגעזאפּט מיט 100
פּראָצענטיגער נאַציאָנאַלער טעאָריע. זיי זיינען געווען ציו־
ניסטען סאָציאַליסטען. צו זיין אַ ציוניסט — פאַרטראַכטען
אַ אידישען צוקונפט־שטאַאַט אין פּאַלעסטינע — דאָס ווערט
ניט אונטערגעזאָגט דירעקט פון דער סיטואַציע אויפ׳ן אָרט
בפרט אַ ציוניסט־סאָציאַליסט זיין — דער שטאַאַט זאָל זיין
געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות — דערצו דאַרף מען
אודאי באַוואָפענט זיין מיט וועלט אנשויאונג, מיט „טעאָ־
ריע״, די טעאָריע איז געווען פאַרשיידענארטיג, און געררו־
פען האָבען זיי זיך מיט פאַרשיידענע נעמען. ביז 1910 האָ־
בען זיי זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ פאַרטיי, אונטער׳ן
נאָמען „פועלי ציון״. זיי האָבען אָבער באַלד זיך ארומגע־
זעהן, אַז דעם גרעסטען דערפאָלג צווישען די היגע אידי־
שע אַרבייטער האָבען ניט די פאַרטייען, נאָר די אָרדנס —
האָבען זיי זיך געשטעלט בויען אַן אָרדן...

דאָס איז דער „אידישער נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַר־
באַנד״, וועלכער, געגרינדעט אין 1910 מיט דריי ברענ־
טשעס אין פילאַדעלפיע, ווערבירט אויסשליסליך פון די
פאַרטיי־מיטגלידער פון די פועלי ציון, געטשאַרטערט אין
אָלבאַני אין 1912 מיט 500 מיטגלידער — ציילט ער איצט
200 ברענטשעס מיט 18 טויזענט מיטגלידער אין איבער
100 שטעט, וואָס פון זיי זיינען 80 ברענטשעס מיט 6 טוי־
זענט מיטגלידער אין ניו יאָרק.

די פּראָפּאָרציע פון לאַנדסמאַנשאַפען איז א סך קלענער
ווי אין ארבייטער רינג. בעת אין לעצטען מאַכען די לאַנדס־
מאַנשאַפטען אויס איבער אַ העלפט פון זיינע ניו יאָר־
קער ברענטשעס, איז אין פאַרבאַנד בלויז אַ פערטעל.
אָבער אין מיטגלידערשאַפט מאַכען זיי אויס אַ סך מעהר
ווי אַ פערטעל. און אויב אפילו אין צענטער — אין ניו
יאָרק — וועגען אריבער די אידייאישע גרופּירונגען, איז
אין דער פּראָווינץ אָבער כמעט יעדער נייער געווינס פון
פאַרבאַנד אַ לאַנדסמאַנשאַפט.

לויט דער אידייאישער פּאָפּולאריטעט פון דער ציוניס־
טישער אידייע צווישען די מאַסען, האָט מען גערארפט
דערוואַרטען אַ סך גרעסערע מיטגלידערשאַפט אין פאַר־
באַנד און א סך שטאַרקערע באַטייליגונג פון די לאַנדס־
מאנשאפטען אין איהם. נאָר דער פארבאנד איז א סך
שטרענגער אין זיין אידייאישער פּאַרטייאישקייט, ווי דער
ארב. רינג. אודאי ווייסען זיי, אַז לאַנדסמאנשאפטען זיינען די
בעסטע שפּייז פאַר אן אָרדן, און זיי ווענדען זיך כסדר
מיט אויפרופען צו די לאַנדסמאַנשאַפטען. אָבער אַזוי גיך,
ווי זיי קריגען אַריין אַ לאַנדסמאַנשאַפט, נעהמען זיי זי אי־
דייאיזירען, און די לאַנדסמאַנשאַפט ווערט אָן איהר לאַנדס־
מאַנשאַפט־כאַראַקטער און גיט זיך אן אידייאישען נאָמען.
לייכטער איז זיי צו מאַכען אן אָפּקלייב פון יחידים לויט
אידייאישער סימפּאַטיע. אין די לעצטע יאָהרען, ווען ציו־
ניסטישע סימפּאַטיעס האָבען זיך פאַרשפּרייט צווישען דער
אידישער אַרבייטערשאַפט, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן אין
די יוניאָנס צו מאַכען אַ יחידים־אָפּקלייב. זיי האָבען שוין
8 יוניאָן־ברענטשעס פון פאַרבאַנד אין ניו יאָרק און אָרגאַ־
ניזירען נאָך מעהר.

אודאי איז דעם פאַרבאַנד ניט לייכט צו געווינען די מאַ־
סע, ווייל ער פאָדערט פון זיינע מיטגלידער גרעסערע
קרבנות. דער פאַרבאַנד איז אַן אָרדען אין בוכשטעבליכען,
מיטעלאַרטערליכען זין — אַן אָרדן פון „ריטער פון היי־
ליגען לאַנד״. בשותפות מיט די פועלי ציון טראָגט ער רע־
גולערע פליכטען פאַר פּאַלעסטינע, פיהרענדיג יעהרליכע
„געווערקשאַפטען״־קאַמפּיינס, בויענדיג און אויפהאַלטענ־
דיג פּאַלעסטינישע אַרבייטער־אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראטיווע
קאָלאָניעס („קבוצות״). אויף זייער איניציאַטיווע און מיט
זייער שטיצע זיינען אין פּאַלעסטינע געגרינדעט געוואָרען
אַן אַרבייטער־באַנק, און עפּעס ענלעכעס צו אַ היגען אָרדן

— אַ קראַנקען־קאַסע („קופּת חולים”) און אַפילו אַ פייער אינשורענס קאָמפּאַניע (הסנה).

פונדעסטוועגן, טראָץ זיין פאַרשלונגענקייט מיט פּאַלעסטינע, איז דער נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, אַ דאַנק זיין היכער אידייאישער באַוואוסטזיניגקייט, געווען אַ פּיאָנער, וואָס האָט גענומען די ערשטע האַנט אין אַ גאַנצער ריי היגע אידישע טעטיגקייטען: ער איז געווען דער ערשטער ארבייטער אָרדען, וואָס האָט זיך לכתחילה געגרינדעט אויף „פראַטוירנאַל רייטס”, צווינגענדיג דערמיט אויף דעם ארבייטער רינג איבערצוגעהן פון אַלטען „אַסעסמענט”־סיסטעם צום נייעם וויסענשאַפטליכען צאָלונג־סיסטעם, נאָך אַן אינערליכען קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע 10 יאָהר. דערביי איז אינטערעסאַנט, וואָס די גענעראַל סעקרעטאַרען (י. וויינטרויב, וויליאם עדלין, דר. ב. האָפמאַן און גאָר באַזונדערס דר. פ. ראָזענבלאַט — „בן יקיר” — אַן עקספּערט אין עקאָנאָמיק — און נאָך איהם יוסף באסקין) און די עלטערע פיהרערשאַפט פון אָרדן זיינען געווען פאַר דער איינפיהרונג פון נייעם סיסטעם, וואָס האָט געקאָנט ווי טהאָן דוקא דער עלטערער מיטגלידערשאַפט — בעת דער אינגערער, סאָציאַליסטיש־היציגער עלעמענט איז געבליבען שטאָל און אייזען פאַר אַסעסמענטס — גאַנץ פאַרקערט, ווי עס איז געוויינליך דער פאַל אין אַ קאָנסערוואַטיווען אָרדן. — ערשט אין 1919, נאָך אַ יאָ־באַשלוס פון קאָנווענשאָן און נאָך דער גוטהייסונג פון דעם באַשלוס דורך אַ רעפערענדום, וואָס האָט גענומען צוויי יאָהר איהם דורכצוזעצען, זיינען די פראַטוירנאַלע רייטס אריין אין קראַפט. און אַנדערש ווי די שרעקעדיגע האָבען פאַראויסגעזאָגט, האָט דער ארבייטער רינג ניט געליטען קיין שום אָנווער אין מיטגלידערשאַפט, וועלכע פאַרקערט איז נאָך אַלץ געשטיגען, דערגרייכענדיג אין 1925 ביז 85 טויזענט — די העכסטע ציפער אין דער געשיכטע פון אָרדן. — דאָס מיינט, אַז דער דורכשניט־עלטער פון דער מיטגלידערשאַפט איז דעמאָלט נאָך געווען נעהענטער צו מיטעל־יעהריג, איידער צו אַלט.

איבערגעהענדיג צוריק צום נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד: — ער איז געווען פּיאָנעריש אויך אין איינשטעלען אויף דער אידישער גאַס די ערשטע שפּאָר און לייַ־קאַסעס— די קרעדיט־יוניאָנס — אויסברייטערענדיג די קאָאָפּעראַטיווע אינשורענס פון אָרדן ביז צו קאָאָפּעראַטיווען קרעדיט; אויסלייזענדיג די היימישע מצוה פון גמילת חסדים פון איהר צופעליגקייט, איינזייטיגקייט און סימן נדבה, וואָס קלעפּט צו איהר. אין קאָאָפּעראַטיווען קרעדיט איז דער היימישער גמילת חסד דערהויבען צו פעסטער, געזיכערטער, לעגאַליזירטער, סיסטעמאַטיזירטער און ווירדיגער געגענזייטיגער זעלבסט־הילף. די אַנדערע אָרדנס האָבען דעם פאַרבאַנד נאָכגעטהאָן, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט פון זיי אריבעריאָגען: ער ציילט איצט זיין אייגענס איבער 40 קרעדיט יוניאָנס איבער'ן לאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט גענומען איניציאַטיווע אין אַ רייהע אַנדערע טעטיגקייטען, פון נאָך ברייטערען פאַרנעם. אָבער זיין גרעסטען פּיאָנערישען פאַרדינסט, פון ממש היסטאָרישען באַדייט, האָט דער פאַרבאַנד צו פאַרצייכענען אויפ'ן געביעט פון קולטור. אין 1910 האָט דער זעלביגער קרייז, וואָס האָט אויסגעפלאַנעוועט און געלייגט דעם פונדאַמענט פון פאַרבאַנד, אויסגעטיילט פון זיך אַ גרופּע, מיט דעם באַוואוסטען שריפטשטעלער, טעאַטראַל און קולטור־טוער יואל ענטין בראש, וועלכע האָט געגרינדעט די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידישע פאָלקס־שולע אויף דעם נאָמען פון דעם דעמאָלט נאָך לעבעדיגען ליטעראַטור־קלאַסיגער י. ל. פּרץ — די ערשטע ניט נאָר אין ניו יאָרק און אין לאַנד, נאָר אין גאָר דער וועלט — אַ פאָלקס־שולע מיט אידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך און אידישער ליטעראַטור אַלס הויפּט־לימוד, געבענדיג דערמיט די ערשטע איבערזעצונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אידישער קולטור.

תיכף ווי דער לאָזונג איז קאָנקרעטיזירט געוואָרען דורך דער גרינדונג פון די ערשטע פאָלקס־שולען, האָט די איניציאַטיווע פון פאַרבאַנד ארויסגערופען אין אַ געוועט דעם אַרבייטער רינג. אויפרודערענדיג דעם אָרדן מיט אַ פאַרצויגענעם שאַרפען סכסוך צווישען דער עלטערער פיהרערשאַפט און דער אינגערער מיטגלידערשאַפט — נאָך אַ שאַרפערען סכסוך, ווי דער גלייכצייטיגער סכסוך איבער פראַטוירנאַל רייטס און וועלכער האָט זיך געצויגען כמעט פונקט אזוי לאַנג. ביידע פאַראַלעלע סכסוכים האָבען שיעור ניט געשפּאָלטען דעם ארבייטער רינג, צעטיילענדיג איהם אויף צוויי מחנות: אלטע און יונגע — מיט דער מערקווירדיג געענדערטער פאַרטיילונג פון די ראָלען. בעת אין סכסוך איבער פראַטוירנאַל רייטס זיינען די אַלטע געשטאַנען פאַר'ן פּראָגרעס, און די יונגע, אין רעאַקציאָנערען אוטאָפּיזם, זיינען באַשטאַנען, אַז אַלץ זאָל בלייבען ביים אַלטען, און די אַלטע האָבען געזיגט — איז אין דעם סכסוך איבער די פאָלקס־שולען זיינען די אַלטע געווען די איינגעשפּאַרטע.

אָבער די יונגע אַרויסשרייענדיג די פאָלקס־שטימונג, וואָס האָט זיך אַקומולירט אין די ברענטשעס, ספּעציעל אין די לאַנדסמאַנשאַפטען־ברענטשעס, וואו פאָלק איז ברייטער רעפּרעזענטירט — די יונגע האָבען געקעמפּט מיט מוטה און וואוט, מיט לייב־און־לעבען־ענטוזיאַזם, פאַר דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער פאָלקס־שול — און די יונגע האָבען אויסגעפיהרט.

אין נאָוועמבער 1918 האָט דער ארבייטער רינג געגרינדעט זיין ערשטע עלעמענטאַרע פאָלקס־שול — מיט 8 יאָהר פאַרשפּעטיגונג געגען פאַרבאַנד, דעם פּיאָנער אין פאָלקס־שולען־באַוועגונג. אָבער אין פאַרלויף פון די 20 יאָהר האָט ער איבערגעיאָגט זיין וועגווייזער־פאָראויסגעהער, פייערענדיג איצט דעם 20־יאָהריגען יובילי פון זיין פאָלקס־שול מיט אַ טאָפּעלט גרעסערען שול־סיסטעם — אויס דעם

פּשוט'ען טעם, וואָס ער איז 5 מאָל אזוי גרויס ווי דער פאַרבאַנד.

(די סטאַטיסטיק פון דעם שול־פאַרמעגן פוןביידע אָרדענס וועלען מיר שפּעטער ברייגנען).

אַז דאָס איז אַ ספּאָנטאַנער, דאָ אויפגעקומענער דראַנג ביי דער פאָלקס־מאַסע, ניט קיין אריבערגעבראַכטע פון דער אַלטער היים געוואוינהייט, האָבען מיר אַ ראיה דעריין — וואָס די פאָלקס־שולען באַוועגונג האָט זיך ערשט ריכטיג צעוואקסען, ווען די אימיגראַציע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט און עס איז פאַרמינערט געוואָרען דער צופלוס פון די אַלט־היימישע השפּעות.

עס וואָלט געווען צו פריה אונטערצופיהרען דעם סך הכל צו דער פאָלקס־שולען באַוועגונג ; און אודאי צו פריה צו מאַכען דעם סך הכל פון דעם גאַנצען פּראָצעס פון קולטור־אידיזירונג ; און מיר קענען אפילו ניט אָנהויבען רייִדען וועגען דער געזעלשאַפטליכער אידיזירונג, איידער מיר האָבען אריינגעפיהרט דעם דריטען און צום שפּעטסטען אויפגעקומענעם אַרבייטער אָרדען — נעמליך, דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער אָרדן.

.13

צוטרעטענדיג צום אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער אָרדן, שפּרייזען מיר אריבער פון דער נאַציאָנאַל־ראדיקאַלער פאַזע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט צו איהר קאַטאַסטראָפאַלער פאַזע, וואָס איהר אָנהויב פאַלט אומגעפער צונויף מיט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה.

צוויי מאָמענטען זיינען דאָ צו אונטערשיידען: — דעם סאָציאַל־פּאָליטישען מאָמענט — דער אויפקום פון דער סאָוועט־רעגירונג, וועלכע האָט אונטערנומען דעם גרינדליכסטען סאָציאלען איבערבוי, וואָס צו דעם האָט די אידישע פאָלקס־מאַסע דאָ בשום אופן ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג — שוין דערפאַר אליין, וואָס דריי מיליאָן אידען זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם איבערבוי־פּראָצעס. זעהר אַ פּיינליכער פּראָצעס — ספּעציעל ביים אָנהויב און ספּעציעל פאַר אידען, וועלכע האָבען געהאַט פאַרנומען פּאָזיציעס — קליינשטעטעלדיגע מלאכה, קליינשטעטעלדיגער האַנדעל — וואָס לאָזען זיך גאַנץ שווערליך אריינבויען אין אַ סאָציאליסטישער אָרדנונג.

און דער נאציאָנאַל־קאטאסטראָפאלער מאָמענט : אָן אַ זייט פון דער סאָוועטישער סאָציאלער איבערקערעניש זיינען אידען דורכגעגאַנגען איין חורבן נאָכ'ן צווייטען — די מיליטערישע פּאָגראָמען, וואָס די צאַרישע אויבער־קאָמאנדע האָט דורכגעפיהרט איבער דער אידישער באַפעלקערונג, אָפּווישענדיג הונדערטער קהלות איבער דער גאַנצער ליינג פון דער פראָנט־ליניע ; די אויסראָטונגס־פּאָגראָמען, דורך וועלכע די ווייסגוואַרדייאישע גענעראלען האָבען זיך נוקם געווען פאַר די מפּלות, וואָס זיי האָבען געליטען פון די באָלשעוויקעס אין צייט פון בירגער־קריג — אַ נקמה, וואָס אַ חוץ פאַרמעגען, האָט זי אָפּגעקאָסט די אידען אַ האַלבען מיליאָן לעבענס ; די עקאָנאָמישע פּאָגראָמען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען אין די ניי־געגרינדעטע מדינות ביי די גרעניצען פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַזוי גיך ווי זיי האָבען זיך געגרינדעט — זיך אָנגעהויבען און הערען עד היום ניט אויף. און דער לעצטער און שוידערליכסטער אַלזייטיגער היטלער־פּאָגראָם, וואָס פיהרט דורך אַ טויט־אורטהייל איבער דעם גאַנצען אידישען פאָלק דורך די אידען געפאַנגענע אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער, וואָס איז אַמאָל געווען דייטשלאַנד און עסטרייך.

אָט די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך גערוקט אומאונטערבראָכען פאַר 20 יאָהר צייט פון מזרח־אייראָפּע צו צענטראַל אייראָפּע, האָט ניט געקאָנט ניט אָפּרופען זיך מיט יסורים אין געפיהל פון דער היגער אידישער פאָלקס־מאַסע; און וואו זי איז אָרגאַניזירט, האָט זי געהאַנדעלט דורך איהרע אָרגאַניזאַציעס אין אָפּענטפער אויף דער קאַטאַסטראָפע.

נעהמען מיר צום ערשט דעם פּאָליטישען מאָמענט, וואָס שייכות'ט זיך מיט דער סאָוועט־רעגירונג, ווייל ער האָט געהאַט דעם באַלדיגסטען עפעקט אויף דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאַמעלט פאָלקס־מאַסע, וואָס האָט אי קאָפּ אי האַרץ — דעם ארבייטער אָרדן.

פונקט ווי די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע — פון 1905 — האָט פאַקטיש געשאַפען דעם ארבייטער רינג, צושטעלענדיג איהם סאָציאַליסטישע לאַנדסמאַנשאַפטען צעהנדליגערווייז, אזוי האָט די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע — פון 1917 — זיך דאָ אָפּגערופען מיט דער באַשאַפונג פון אַ נייעם אַרבייטער אָרדן. אָבער ניט מיטאַמאָל איז עס געשעהן. ווי די גאַנצע אידישע ארבייטער־באַוועגונג, זיינען די רייהען פון ארבייטער רינג געשפּאָלטען געוואָרען אויף רעכטס און אויף לינקס מיט דער שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד אַלס צעטיילונגס־ליניע — מיט דער מאַיאָריטעט אויפ'ן רעכטען צד.

דער סוף פון דער ראנגלעריי איז געקומען אין 1929, ווען די קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ האָט אָנגענומען אַ שאַרפע פאַרדאַמונגס־רעזאָלוציע געגען דער אינערליכער פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד, און דער לינקער פליגעל האָט איינגעזעהן, אז ער האָט שוין מעהר ניט וואָס צו טהאָן אין ארבייטער רינג. נאָך אַ פאַרזוך צונויפצושמעלצען זיך מיט דעם „אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג" פון מאַסאַטשוזעטס, וואָס האָט דוקא געהאַט די גוטהייסונג פון דער מאַיאָריטעט מיטגלידער פון „אינדעפּענדענט", אָבער איז געשטערט געוואָרען דורך אַן אינדזשאָנקשאָן, וואָס די עקזעקוטיווע האָט אַרויסגעקראָגען — האָבען 200 ברענטשעס — 157 געוועזענע ברענטשעס פון אַרבייטער רינג און מינאָריטעט־גרופּען פון ברענטשעס, איבעריגע „אינדעפּענדענט" — אויף אַ קאָנפערענץ אין ניו יאָרק, מערץ, דעם 30טען, 1930, זיך אָרגאַניזירט אַלס דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדן".

עס איז צו באַוואונדערען וויפיעל קראַפט עס האָט אַן אידייע צו אָרגאַניזירען אידישע פאָלקס־מאַסע. דער נייער אָרדן איז ממש געקוואָלען מיט מיטגלידער פון יאָהר צו

יאָהר: אין 1933 — 7,625 מיטגלידער; אין 1934 10,439 מיטגלידער; אין 1935 — 15,183 מיטגלידער; אין 1937 — 20,440 מיטגלידער; צו זיין אַכטער ניו יאָרקער שטאָט־קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטען אין זומער 1938, האָט ער שוין געציילט 22,000 מיטגלידער, פאַרטיילט צווישען 100 ברענטשעס — אין ניו יאָרק אַליין. איבער׳ן גאַנצען לאַנד 260 ברענטשעס מיט 36 טויזענט מיטגלידער.

און ווידער אַמאָל זעהען מיר די לאַנדסמאַנשאַפען ביי דער אַרבייט. ניט די אידייע אַליין, נאָר אידייע, וואָס איז געשטיצט אויף מאַטעריעלען בענעפיט, וואָס ביידע זיינען איינגעפּאַסט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט — דאָס איז עס, וואָס זאמעלט דעם אָרדן די גרעסטע צאָל מיטגלידער.

פּאָר אן אילוסטראציע קען אונז דיענען דער סמאַרגאָנער ברענטש פון אָרדן — (סמאַרגאָן אַמאָל אַ גרויסער אינדוסטריעלער גאַרבער־צענטער, איצט אַ שטעטעל אויפ׳ן גרענעץ פון פוילען און סאָוועט־רוסלאַנד) — געגרינדעט אין 1929 מיט 18 מיטגלידער, ציילט איצט דער ברענטש 200 מיטגלידער ניי־געזאַמעלטע פון סמאַרגאָנער לאַנדסלייט. דער לאַנדסמאַנשאַפט־עלעמענט גרייכט ניט אין אָרדען צו אַזאַ הויכער פּראָפּאָרציע, ווי אין ארבייטער רינג, אָבער ער איז טאָפּעלט אזוי גרויס ווי אין נאַציאָנאַלען ארבייטער פארבאנד. הגם די צאָל לאַנדסמאנשאפטען ברענטשעס ווייזט ווייניגער פון אַ העלפט, אָבער מעהר ווי אַ העלפט פון דער ניו יאָרקער מיטגלידערשאַפט איז קאָנצענטרירט אין די לאַנדסמאַנשאַפטען־ברענטשעס.

וואָס איז דאָס נייע, וואָס דער אָרדן האָט געבראַכט, זיין ביישטראָג צו דער אידייאישער אָרגאַניזירונג פון דער פאָלקסמאַסע — יענע אָרגאַניזירונג, וואָס שלעפּערט ניט איין, נאָר וועקט צו טעטיגקייט — און וואָס איז די ראָלע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט דערביי?

געבאָרען פון דער אָפּגעשלאָגענער היץ פון אן אָרעמאַנסקער רעוואָלוציע, צייכענט זיך דער אָרדן אוי־אי אויס מיט סאָציאַלען ראַדיקאַליזם — דער סאָציאַלער ראַדיקאַליזם איז אריינגעשריבען מיט ציפערען אין זיין קאָנסטיטוציע: אַנטקעגען די פּאַליסיס פון 100 ביז 3000 דאָלער, וואָס די ערשטע צוויי אָרדנס גיבן ארויס, גיט דער נייער אָרדן פּאַליסיס פון 100 ביז 2000 דאָלער - נאָמינעל; פּאַקטיש, שטייגט דער דורכשניט פון זיינע פּאליסיס ניט אַריבער 425 דאָלער. קלאָהר, דער אָרדן האָט אן אָרימערען קליענט, ווי די ערשטע צוויי אָרדנס — אין זיין גאָר גרויסער מאַיאָריטעט דעם אַרבייטער פון שאַפּ. און די אָרדען־פיהרער ראטהען איהם פּשוט אָפּ, ער זאָל ארויסנעהמען פּאַליסיס העכער פון 500 דאָלער. דער שאַפּ גיט ניט גענוג אויף צו צאָלען. ער זאָל זיך בעסער ניט אונטערנעהמען, ער וועט ארויספאַלען.

אין איינקלאַנג מיט דער שיטה, האָט דער אָרדן איינגעפיהרט די ביליגסטע רייטס — די אזוי גערופענע „סטעפּ רייטס" — אַ סיסטעם פון צאָהלונגען, וואו יעדער איינער צאָלט אין טויטען־בענעפיט פאָנד נאָר אַזוי פיל, וויפיל דער אָרדן נעהמט ריזיקע מיט איהם. אַזוי אז א יונגער אַר־

דעלעגאַטען פונ׳ם בריסקער רעליף קאָמיטעט ווי זיי טיילען אוים שטיצע אין בריסק.

בייטער פון 25 יאָהר, וועלכער פאַרדיענט בדרך כלל ווייניגער, דארף ניט אָנהויבען גלייך צאָלען 52 סענט אַ חודש, נאָר 22 סענט. די צאָלונגען שטייגען מיט דער שטייגענדיגער ריזיקע — ביז ערשט ווען ער דערגרייכט דעם עלטער פון 52 יאָהר, צאָהלט ער 52 סענט אַ חודש. אָבער אַ היפּשע צאָל מיטגלידער וועלען שוין האָבען ארויסגעפּאַלען פון אָרדן ביי אָט דעם עלטער, צוליב סלעק, ארבייטסלאָזיגקייט, עלטער־שוואַכקייט. וויל דער אָרדען ניט נעהמען קיין איבעריגען סענט אין פאָראויס. — ענליכע איינשפּאָרענישען ווערען געמאַכט דעם מיטגליד ביי די צאָלונגען אין קראַנקען־בענעפיט פאָנד.

מען זאָגט דעם מיטגליד אָפען, אַז זיין אינשורענס אָרדען פאַרזיכערט איהם ניט ווי געהעריג — נאָר אַ קליין ביסעלע פאַר׳ן ערגסטען נויט־פאַל. אַ בעסערע „אינשורענס" איז „סאָשעל אינשורענס", וואָס אַ רעגירונג צאָלט. און דער אָרדען האָט זיך אריינגעוואָרפען אין אַן אַקציע פאַר „סאָשעל אינשורענס", און אויף יעדען ברענטש איז ארויפגעלייגט געוואָרן אַ חוב צו באַטייליגען זיך אין די קאָנפערענצען, וואָס זיינען פאַר דעם צוועק גערופען געוואָרען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. — נאָך אַ בעסערע „אינשורענס" איז ווען די יוניאָן קעמפט אויס קאָנדיציעס, וואָס פארהיטען פון קראַנקהייטען, פון פריהצייטיגען עלטער, און לאָזען אָפּשפּאָרען אויף דער עלטער. דער אָרדען איז נאָר אַ הילפס־אָרגאַן אין קלאַסענקאַמף. און דער אָרדען האָט געהאַלטען כסדר פאַרנומען זיינע ברענטשעס מיט אַקציעס, וואָס דאַרפען העלפען אין קלאַסענקאַמף.

דער פּועל יוצא פון דעם סאָציאלען ראדיקאליזם, וואָס האָט געמאַכט דעם אָרדען אַגיטירען געגען זיין אייגענעם פּרעסטיזש, איז געווען, אז די מיטגלידערשאַפט איז אריינגעצויגען געוואָרען אין פילפאַכע טעטיגקייטען, וואָס האָבען אַ דירעקטע פּראַקטישע שייכות צו דעם אָרט אַמעריקע, וואו מען לעבט.

אויב מיר האָבען געזאָגט, אַז דער אַבסטראַקטער סאָציאליזם פון די 90טע יאָהרען האָט אריינגעפיהרט דעם גרינעם אידישען ארבייטער אין אַמעריקע, האָט דער מעהר פּראַקטישער סאָציאליזם פון די 30ער יאָהרען נאַטוראליזירט און איינגעבירגערט דעם אידישען אַרבייטער אין אַמעריקע — גרינטלאַכער האָט ער עס געטהאָן, ווי די „נאַטשוראליזיישאָן־ביוראָס", וואָס יעדער אידישער ארבייטער אָרדען העלפט פינאַנסירען און וואָס העלפען זיינען מיטגלידער ארויסקריגען בירגער־פּאַפּירען.

און אויב דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד", מיט זיין פּועלי ציוניסטישען נאַציאָנאַליזם האָט געדינט צו אידיזירען די אידישע אַרבייטער־גאַס, האָט דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדען" מיט זיין סאָציאלען ראדיקאַליזם, געדינט זי צו אַמעריקאַניזירען.

שוין מיט זיין ערשטען שריט האָט ער עס געטהאָן. וועלענדיג זיין סאָציאַל ראדיקאַלער פון ארבייטער רינג, שטעלענדיג דעם טראָפּ אויף דעם ריינעם קלאַסען־שטאַנדפּונקט, האָט ער זיך געפרעגט: צו וואָס אַ סעפּאַראַטער אידישער קלאַסען־קאַמף אָרדען? דער קלאַסען־קאַמף־שטאַנדפּונקט ווייס ניט פון נאַציאָנאַלע גרענעצען. און ער האָט באַשלאָסען: אַן אַל־אַמעריקאַנישער קלאַסען־קאַמף אָרדען זאָל עס זיין!

און עס האָט איהם גענומען ניט מעהר, ווי דריי יאָהר דעם באַשלוס דורכצוזעצען. זייט 1933 פונקציאָנירט דער אָרדען אַלס אַ סעקציע פון אַ פיעל פעלקערליכען אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער אָרדען, וועלכער שליסט איין, אַ חוץ דער אידישער—אַן ענגלישע, אונגארישע, סלאָוואַקישע, אוקראינישע, איטאַליענישע, פּוילישע, רומענישע און אַנדערע סעקציעס, פון וועלכע די אידישע איז די גרעסטע און די ענגלישע די צווייטע גרעסטע.

און די יוגענט פון די אַלע פעלקערשאַפטען ווערט אפילו ניט אָרגאַניזירט אין באַזונדערע סעקציעס — זי בילדעט איין פיעל־פעלקערליכע יוגענט־סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלען אָרדן. און, פאַרשטעהט זיך, אַז די שפּראַך, וואָס פאַראייניגט זי, איז ענגליש.

און אַ סברה, אַז די אידישע סעקציע פון אָרדען איז ניט שטאַרק מקפּיד, אַז די יוגענט גרופּען, וואָס ווערען אָרגאַניזירט ביי אידיש־ריידענדיגע ברענטשעס פון אָרדען, זאָלען דוקא רעדען די שפּראַך פון זייערע טאַטעס. זיי רעדען, וואָס עס רעדט זיך זיי צום לייכטסטען — ענגליש!

הייסט עס, אַז די אידישע סעקציע ניט נאָר וואָס זי שטעלט זיך ניט אַנטקעגען דעם פּראָצעס פון דער נאַטירלעכער אַמעריקאַניזאַציע, נאָר העלפט איהר מיט.

און דער גאַנצער פילפעלקערלעכער אָרדען איז אַן אָרגאַן פון אַמעריקאַניזאַציע — וואָרים וואָס קאָן פאַראייניגען די פילע פעלקערשאַפטען, ווען ניט אַמעריקע?

מיינט עס, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען — זיין אידישע סעקציע — דענאַציאָנאַליזירט די אידישע פאָלקס מאַסע? מאַכט אַ תל פון גאַנצען אויפטו פון באַלד 50 יאָהר „אידיזירען" די פאָלקס־מאַסע דורך ליטעראַטור און קולטור? — ניין, דאָס טאָר מען אויך ניט זאָגען. אפילו ווען די אָרדען־פירערשאַפט וואָלט עס געוואָלט, וואָלט זי עס ניט געקאָנט. די אָרדען מיטגלידערשאַפט וואָלט ניט דערלאָזט — די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס דער אָרדען האָט גע׳ירש׳ענט פון אַרבעטער רינג ביים אָפּשפּאַלטען זיך פון איהם. דער אָרדען האָט מיטגענומען אַ היפּשע צאָהל פון דעם מין — דער עיקר מיטגענומען אַ צאָהל פון די ענערגישסטע טוער פון די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפטען. און די האָבען תיכף זיך געשטעלט בויען פאָלקשולען, פאַרמעהרען פיבערהאַפטיג די קולטור־אינסטיטוציעס — כדי ניט צו בלייבען הינטערשטעליג קעגען די אַנדערע אַרבייטער אָרדענס — און אין איינע זיבען אַכט יאָהר האָבען זיי די אַנדערע אָנגעיאָגט. — האָבען מיר דאָ אַ געלעגענהייט אונטערצופיהרען דעם סך הכל פון גאַנצען קולטור־אויפטו פון אַלע אָרדענס צוזאַמען.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, דער פּיאָנער אין דער פאָלק־שולען באַוועגונג, האָט אַ פאַרמעגען פון זעכציג

פאָלק־שולען איבער׳ן לאַנד, מיט אַ באַזוך פון 4,000 קינדער, וואָס אויף דעם חלק פון ניו יאָרק פאַלט אויס ביי אַ דריטעל, מיט אַ צענטראַלער מיטעל־שול, וואָס צוזאַמען האָבען זיי אַ באַזוך נאָהענט צו 900 קינדער; גראַדואירט פון די עלעמענטאַרע שולען אין ניו יאָרק האָבען היי־יאָהר (אין פרילינג 1938) 50 קינדער.

דער שול־פאַרמעגען פון אַרבעטער רינג איז טאָפּעלט: 125 עלעמענטאַר־שולען איבער׳ן לאַנד, מיט אַ באַזוך פון 8,000 קינדער; פאַר ניו יאָרק: 52 עלעמענטאַר־שולען מיט 4,000 קינדער; אַ מיטל־שול מיט 300 קינדער. די גראַדואירונג: 500 איבער׳ן לאַנד; 180 אין ניו יאָרק, 53 פון דער ניו יאָרקער מיטל־שול.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען וויל ניט אָפּשטיין פון אַרבעטער רינג: 140 עלעמענטאַרע שולען איבער׳ן לאַנד, מיט 8,000 קינדער; אין ניו יאָרק 50 שולען מיט 4,000 קינדער און אַ מיטל־שול מיט 300 קינדער.

קומט אויס, אַז דער פלייסיגסטער שול־טוער איז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען: — 140 שולען אויף 260 ברענטשעס — הגם דערפון דאַרף אונטערגערעכענט ווערען, וואָס אַ היפּשע צאָהל שולען זיינען האַלבע, וואו מען לערענט בלויז דריי מאָהל אַ וואָך. דער אַרבעטער רינג, מיט זיינע 125 שולען אויף 750 ברענטשעס, קויפט אויס דעם צאָהל ־ מאנגעל מיט דער מעלה, וואָס זיין שול סיסטעם איז דאָס סאַמע גרונטאָוונע: מערסטענס פולע־וואָך־שולען. וואָס מיט אַ געוויסער אונטערשטיצונג מצד דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, האַלטען זיי זיך גאַנץ נישקשה אויס. — אַזוי אַז עס קומט אויס, אַז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, דער פיאָנער פון דער שול־באַוועגונג, איז מיט זיינע 60 שולען אויף 200 ברענטשעס דער הינטערשטעליגסטער אין פּרט פון צאָהל שולען.

צו די שול־סיסטעמען דאַרפען אודאי אויך צוגערעכענט ווערען די העכערע קורסען, וואָס גרייטען צו די לערערשאַפט:

דער פאַרבאַנד האָט אויך דאָ באַוויזען פיאָנערשאַפט, האָבענדיג געווען דער ערשטער צו גרינדען אַ לערער־סעמינאַר — אין 1918. מיט אַ דורכשניטלעכען יעהרליכען באַזוך פון 200 סטודענטען, האָט דער סעמינאַר ביז 1937 דורכגעלאָזט דורך זיינע קורסען איבער 3,000 סטודענטען, פון וועלכע איבער 150 האָבען גראַדואירט אַלס לערער, וואָס אַ גוטע העלפט פון זיי געפינט זיך אין אַקטיווען שולדינסט. יוגענט לערענט אין סעמינאַר ניט בלויז צוליב פּראָפעסיע, נאָר כדי אָנצונעהמען זיך מיט אידישען וויסען.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען האָט זיין אייגענס אַ לעבעדיג פונקציאָנירענדיגען „אַרבעטער־אוניווערזיטעט”, וואָס קאָמבינירט עלעמענטאַרע און העכערע קורסען פאַר יוגענט און דערוואַקסענע אַרבעטער, וואָס ווילען זיך צוגרייטען צו פירערשאַפט — מיט קורסען, וואָס גרייטען לערער פאַר די אָרדן שולען. דאָס שטודיום, מיט וועלכען די און יענע גיבען זיך אָפּ צום פלייסיגסטען, איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. מיט אַ יעהרליכען באַזוך פון צווישען 500 און 600, האָט דער אַרבעטער־אוניווערזיטעט — ביז׳ן סוף 1937 — גראַדואירט 130 לעהרער אין דער פּראָפעסיע.

צו פאַרענדיגען וועגען העכערע קורסען: — דער אַרבעטער רינג שטיצט דעם סעמינאַר פון פאַרבאַנד, פון וועלכען ער ציהט לערער, און ער האָט אַן אייגענעם דריי־יעהריגען לערער־קורס, פון וועלכען עס האָבען היי־יאָהר (אין פרילינג 1938) גראַדואירט 8 לערער־קאַנדידאַטען.

אָבער עס איז אַ סך מעהר ווי די ציפערען ווייזען. עס דאַרפען אין באַטראַכט גענומען ווערען ניט נאָר די קינדער, וואָס ווערען דערצויגען, נאָר אויך די דערציער — די לערער און די שול־פאַרוואַלטער. די שול דאַרף זיך אַליין אויסהאַלטען. דער שכר לימוד לויפט געוועהנליך פון 2 ביז 3 דאָלער אַ חודש, וואָס דאָס איז ניט גענוג אויף צו דעקען די הוצאות, בפרט ווען ניט אַלע עלטערען זיינען בכוח צו צאָהלען. איז דאָס דער ברענטש פון אָרדן, בדרך כלל, אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס באַשטייערט יעדען מיטגליד איהר׳ן מיט אַ שול־אָפּצאָהל. ערשט נאָכדעם קומט דער צענטראַלער שול־קאָמיטעט פון אָרדן און דעקט דעם דעפיציט. — די לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס פאַטראָניזירט די שולע, טיילט אויס פון זיך אַ שול־פאַרוואַלטונג, וועלכע זוכט צוצוציהען צו זיך די עלטערען, גאָר באַזונדערס די מוטערס פון די קינדער. און ווער האַלט זיי צוזאַמען, ווער מאַכט זיי אַקטיוו? דער לערער. ער דאַרף זיין דער דערציהער ניט נאָר פון די קינדער, נאָר אויך פון די פאַרוואַלטער און די עלטערען. ער דאַרף באַזאָרגען לעקציעס, קולטור־אויפקלערונג און קולטור־אונטערהאַלטונג. ער דאַרף פלאַנצען אין זיי ליבע און פאַרשטענדניש פאַר דער אידישער ליטעראַטור. ער ברענגט אַראָפּ שריפטשטעלער, פאָרלעזער, זינגער, שפּילער, אָדער ער דאַרף אַליין נעמען אויף זיך זייערע ראָלען.

איז אַ פאָלק שולע ניט בלויז אַ דערציאונג־אַנשטאַלט פאַר קינדער, נאָר אַ קולטור־אינסטיטוציע פאַר דערוואַקסענע. דער אַרבעטער רינג אַליין ציילט אין ניו יאָרק 70 לערער און 1,500 שול־טוער — זיינען זיי אין זייער גרויסער מאַיאָריטעט ענטוזיאַסטישע קולטור־טוער. און אַזוי איז ביי יעדען אַנדערען אַרבעטער אָרדן. די דערציאונג פון קינד ווערט די קולטור־אויסלעבונג פון דערוואַקסענעם.

און וואָס די שול־פאַרוואַלטונג פון אַן איינצעלנעם ברענטש, אָדער ברענטש־לאַנדסמאַנשאַפט, טוט — טוט אויף אַ פיעל גרעסערען מאַסשטאַב די צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג פון אָרדן — בילדונגס־ אָדער קולטור קאָמיטעטען, ווי זיי רופען זיך. אויף זיי דאַרף מען אודאי זאָגען, אַז מיט דערציאונג שעפּט זיך ניט אויס זייער גאַנצע קולטור־אַרבעט.

פריהער פון אַלץ זיינען די בילדונגס־קאָמיטעטען פון די אָרדנס פול־פונקציאָנירענדיגע פאַרלאַגען, וואָס גיבען אַרויס טעקסטביכער פון אידישע געשיכטע, ליטעראַטור־כרעסטאָמאַטיעס, ביאָגראַפיעס, בעלעטריסטישע ווערק און לידערזאַמלונגען פון איינצעלנע שריפטשטעלער פאַר קינדער־

און יוגענט־געברויך; פּעריאָדישע פּעדאַגאָגישע שריפטען פון אינטערעס פאַר לערער, שול־טוער און עלטערען.

געוויס דאַרפען אַריינגערעכענט ווערען די זומער־קעמפּס, מיט וועלכע יעדער שול־אָרגאַניזאַציע פיהרט אָן אין פאַרלויף פון צעהן וואָכען צייט און וואו אַ פּאָר טויזענט קינדער ווערען אַריינגעהאָדעוועט דורך שפּיל און ערענסט אין דער אידישער שפּראַך־ספערע. (דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אַליין האָט 4 אַזעלכע זומער קעמפּס איבער'ן לאַנד).

און די דערוואַקסענע, אַרום די קינדער, לעבען זיך אַריין אין פאַרלויף פון צעהן וואָכען אין דער אידישער קולטור ספערע. אַרום יעדען קינדער־קעמפּ וואַקסט זיך במילא פאַנאַנדער אַ נאָך גרעסערער קעמפּ פאַר דערוואַקסענע. און דאָ באַשטעטיגט זיך ווידער, אַז קינדער־דערציאונג איז די קולטור־אויסלעבונג פון די דערוואַקסענע. אודאי דאַרף עס אַזוי זיין. וואָס עלטערען חלום'ען פאַר זיך טוען זיי אַריין אין דער דערציאונג פון זייערע קינדער, און ערשט ווען זיי טוען עס, דערפילען זיי דעם גוטען טעם פון דעם גוטען חלום זייערען. אין די קעמפּס שעפּען טויזענטער פאָלקסמענטשען, אומגעשטערט, קאָלעקטיוו די פולע הנאה פון אויסלעבען זיך אין אידיש: — לעקציעס, דעבאַטען, סימפּאָזיומס וועגען ענינים, וואָס אין שטאָט קריכען זיי אין קאָפּ ניט אַריין; ליטעראַטור־פאָרלעזונגען, קאָנצערטען, דראַמאַטישע אויפפיהרונגען — מיט איינגעלאַדענע און אייגענע כוחות. די אָרדנס, דורך זייערע בילדונגס־קאָמיטעטען, מיען זיך גאַנץ שטאַרק אַרויסצוברענגען ביי דער מיטגלידערשאַפט אייגענע כוחות פאַר דער אייגענער קולטור־אונטערהאַלטונג. אַ חוץ קינדער־כאָרען ביי די שולען, העלפען זיי אָוועקשטעלען כאָרען פון דערוואַקסענע, מונטערען און שטיצען דראַמאַטישע גרופּעס ביי די ברענטשעס. אויף דעם געביט צייכענט זיך באַזונדערס אויס דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן". זיין צעטל אין ניו יאָרק אַליין: 10 כאָרען מיט 400 זינגער; פינף דראַמאַטישע גרופּעס, אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

פאַר דער אויפקלערונג און דער אונטערהאַלטונג פון דער מיטגלידערשאַפט אין די ווינטער־חדשים שיקען די אָרדנס אַרויס איבער ניו יאָרק און אויף טורען איבער דער פּראָווינץ: שריפטשטעלער, לעקטאָרען, דעקלאַמאַטאָרס און גאַנצע שפּילער־אַנסאַמבלען.

פאַר קולטור־קעמערלעך, וואו מען לעבט זיך אויס אין אידיש, דאַרפען אויך פאַררעכענט ווערען די פרויען־ברענטשעס אָדער די פרויען־קלובען פון די אָרדנס. — לכתחילה זיינען זיי געווען די „לעדיס אָקזילעריס" ביי די אָרדן־ברענטשעס, וואָס פלעגען אַרויסהעלפען די מענער אין זייערע אונטערנעמונגען. האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז אַ גרויסע עולה געשעט די פרויען: געראָד, ווען די מענער האַלטען אָפּ זייערע מיטינגען — אין די אָוונטען — זיינען זיי באַשעפטיגט אַרום הויז, אַרום די קינדער. און רייסען זיי אָפּ אַ פרייע שעה, פאַלען זיי אַריין צו מענערשע ביזנעס, וואָס האָבען פאַר פרויען קיין שום אינטערעס ניט. האָט מען באַשלאָסען, אום צו פאַרגרעסערען זייער אַקטיווע באַטייליגונג אין אָרדן, צו אָרגאַניזירען זיי זעלבסשטענדיג אין קלובען; און עס איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז דער בעסטער מיטל זיי צוזאַמענצוברענגען און צוזאַמענצוהאַלטען איז קולטור־אונטערהאַלטונג, אויפקלערונג אין פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער סאָציאַלער לאַגע פון דער פרוי אָדער קינדער־היגיענע. קומען זיי זיך צונויף אויף מיטינגען, ווען זיי האָבען די פרייסטע צייט — אין די נאָכמיטאָגען; אַ בוך ווערט פאָרגעלייענט; אַמאָל ווערט אַ שריפטשטעלער סיסטעמאַטיש שטודירט, אָדער אַ פרויען־פראַגע דיסקוטירט. מיט גרויס חשק טוען זיי די אַרבעט פון ליטעראַטור־פאַרשפּרייטונג און שולען־אונטערשטיצונג. גראַדענוויז ווערען זיי אַריינגעצויגען אין אַלץ ברייטערע טעטיקייטען — מערסטענס רעליף־טעטיקייטען — וואָס ווערען זיי אויפגעגעבען.

ביים אַרבעטער רינג איז פון אָנפאַנג אפילו געווען אַ טענדענץ צו אָרגאַניזירען די פרויען אין „פול־פלעדזשד" ברענטשעס — פונקט ווי די מענער, מיט אַלע בענעפיטס. און ער האָט געהאַט 15 אַזעלכע פרויען־ברענטשעס; דערנאָך האָט ער עס אויפגעגעבען — איצט האָט ער נישט מעהר ווי 5 אַזעלכע ברענטשעס איבער'ן לאַנד — פון זיי בלויז איינעם אין ניו יאָרק. זייט 1929 ווערען פרויען ביים אַרבעטער רינג אָרגאַניזירט אין האַלב־ברענטש האַלב־קולטור־קלוב, וואָס דער איינציגער בענעפיט, וואָס זיי ציהען, איז 100 דאָלער טויטען בענעפיט; און אָפט דאָס אויך ניט. קליינע בענעפיטס גיבען זיי זיך אַליין — דורך אָפּשפּאָרעניש. און דאָך זיינען זיי אַקטיוו — אין זעלבסט־בילדונג, שול־אַרבעט און רעליף.

אַזעלכע פרויען קלובען־ברענטשעס האָט דער אַרבעטער רינג איבער'ן לאַנד — 80; פון זיי אין ניו יאָרק — 63; די צאָהל ניו יאָרקער קלובען ביים אינטערנאַציאָנאַלען אָרדן איז צווישען 40 און 50; ביים פאַרבאַנד — 10.

די אָרדנס זיינען אַפּאַראַטען פאַר קולטור־אויסלעבונג אין אידיש — פריהער פון אַלץ פאַרשטעהט זיך, פאַר דער באַדינונג פון זייער מיטגלידערשאַפט. אָבער זיי ווילען ניט יוצא זיין מיט זייער מיטגלידערשאַפט אַליין. לעצטענס האָבען זיי זיך גענומען באַטראַכטען פאַר קולטור־אָרגאַנען פון דער גאַנצער פאָלקס־מאַסע, ווארום איז דען ניט זייער מיטגלידערשאַפט אַ טייל פון איהר? נו, זאָל זיין מיט דער ווייטערער אויסרעכענונג, אַז הויבענדיג זייער פּרעסטיזש, וועלען זיי צוציהען צו זיך מער פאָלקס מאַסע — אַזאַ חשבון איז אויך קיין חטא ניט!

אָט שפּרייטען זיי אויס זייער פאַרלעגערישע טעטיגקייט איבער די גרעניצען פון דירעקטען אָרדן־דינסט און שול־דינסט. אַ חוץ זייער אייגענע חודש'לעכע אָרדן־זשורנאַלען — „דער פריינד" פון אַרבעטער רינג, „די אידישע אַרבעטער שטימע" פון פאַרבאַנד; און אַ חוץ די פּעדאַגאָגישע אויסגאַבעס — ווערען זיי די אַרויסגעבער און פאַרשפּרייטער פון ליטעראַטור לשמה.

אויך דער אַרבעטער רינג האָט ביז אַהער מיט חשק אַרויס־
געגעבן איינצעלנע פּאָעטן, אונטער דעם אויסרייד, אַז
זייערע ווערק זיינען גוטער לעזע־שטאָף פאַר דער שול און
דעם אָרדן מיטגלידערשאַפט; אָבער אָט האָט דער אינטער־
נאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן געוויזן אַ ביישפּיל פון אַ
ברייטערער פאַרלעגערישער אונטערנעהמונג, וואָס ווי דער
כלל איז ביי די אָרדנס, וועט ער אין גיכען נאָכגעפאָלגט
ווערן פון די אַנדערע צוויי: ער האָט אין 1937 געגרינדעט
אַ „קאָאָפּעראַטיווען פאָלקס־פאַרלאַג", וואָס גיט אַרויס רעגו־
לער ווערק פון געזעלשאַפטליכען און אַלגעמיינעם ליטעראַ־
טור כאַראַקטער — פון שריפטשטעלער, אַלטע און אַנערקענ־
טע און נאָך גאָר יונגע, שטיצענדיג זיך אויף אבאָנימענטען
וואָס ווערען טיילוויז אין פאַראויס איינגעצאָהלט און וואָס
ביז אין מיטען 1938 האָט ער שוין 1,100 אַזעלכע פאַרקויפט
צווישען זיינע מיטגלידער. דער ציל איז צו דערגרייכען
10,000 אבאָנענטען, וואָס זאָלען זיך פאַרפליכטען אין פאַר־
לויף פון צוויי יאָהר צו קויפען לכל הפּחות פיער ביכער.

אַ חוץ זיינע אייגענע אויסגאַבעס, האָט דער „קאָאָפּעראַ־
טיווער פארלאַג" פאַרקויפט צווישען דער אָרדן־מיטגלידער־
שאַפט ביז 8־9 טויזענט קאָפּיעס פון דער „פרייהייט'ס"
פאָלקס־אויסגאַבע פון די צוויי קלאַסיקער, שלום עליכם און
י. ל. פּרץ. וועט מען זאָגען די „פרייהייט" איז אַן אייגענע
צייטונג. אָבער אָט האָט דער פארלאַג פאַרשפּרייט צו הונ־
דערטער קאָפּיעס פון די דריי יעהרליכע „זאַמעלביכער",
וואָס ווערען אַרויסגעגעבען פון ניט אַזעלכע „אייגענע" —
דער בעלעטריסט יוסף אָפּאָטאשו און דער פּאָעט ה. לייוויק
— דאָס אַלץ אַ חוץ דעם פּערמאַנענטען ליטעראַטור־פאַר־
קויף, וואָס ווערט דורכגעפיהרט אין די אָרדן־ברענטשעס און
דורך וועלכען צענדליקער טויזנטער קאָפּיעס פון פּאַמפלעטען
ווערען דורכ'ן יאָהר פאַרשפּרייט.

די אָרימע לייט פון די אָרדן־לאַנדסמאַנשאַפטען טוען עס!
און די לאַנדסמאַנשאַפטען פון אַלע אָרדנס שטרענגען זיך
גאַנץ אָפּט אָן אַרויסצוגעבן ליטעראַטור־ווערק — מיט פאָר־
צוג פאַר ווערק פון שריפטשטעלער, וואָס שטאַמען פון
זייערע היים־שטעט. יעדער אונטערנעמערישער שריפטשטע־
לער קאָן זיך ווענדען צו דער לאַנדסמאַנשאַפט פון זיין היים־
שטאָט, זי זאָל אים אַרויסגעבען, און ער וועט עס ביי איהר
פועל'ען. דאָס איז ניט קיין קלייניקייט אין אַ צייט, ווען דער
אידישער ביכער־מאַרק איז אַזוי געשלאָגען. זייט דער קריזיס
האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון די פּריוואַטע פאַרלאַגען
אין אַמעריקע, זיינען די לאַנדסמאַנשאַפט און דער אָרדן,
וואָס שטיצט זיך אויף איהר, כמעט די איינציגע, וואָס זיינען
פאַרלעגעריש טעטיג.

מיט איין וואָרט, די אָרדענס באַצוועקען צו ווערען בפועל
ממש דאָס אידישע „קולטור־מיניסטעריום", וואָס צוזאַמענ־
גענומען זיינען זיי עס טיילוויז שוין איצט.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז די קולטור־באַוועג־
גונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַרום דער דערציאונג־
טעטיקייט, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויף דער פאָלק־שול, וואָס
אָנגעקלאַמערט אָן דער אָרדן לאַנדסמאַנשאַפט — די קולטור־
באַוועגונג דעקט אַסך אַ גרעסערען שטח, ווי איהר באַזע, די
פאָלק־שול. — די קוואַליטאַטיווע וואָג פון דער פאָלק־שול
איבערשטייגט פיעל מעהר איהר קוואַנטיטאַטיווען אויסדרוק
אין דער ציפער 21,000 — די צאָהל קינדער, וואָס די
פאָלק־שול האָט דערגרייכט דאָ אין לאַנד. ווען מען זאָל צו
דער מיטגלידערשאַפט פון די דריי אַרבעטער אָרדנס צורע־
כענען די זעלבשטענדיגע שול־סיסטעמען פון די דריי שלום
עליכם פאָלק־אינסטיטוטען, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט
לויטען אָרדן־מוסטער, און די אַזוי גערופענע באָראָכאָוו־
שולען פון לינקע פועלי ציון — קאָן מען שאַצען, אַז די
קולטור־טעטיקייט, וואָס ציהט איהר יניקה פון דער פאָלק־
שול, שפּייזט אידייאיש, דירעקט צי אינדירעקט, צען מאָל
אַזויפיל דערוואַקסענע ווי קינדער.

.14

דער באַדייט פון דער אידייאיזירטער, סאָציאַל אויפגעוועק־
טער לאַנדסמאַנשאַפט, שעפּט זיך ניט אויס מיט איהר ראָלע
אַלס קולטור־פאַרשפּרייטערין. אין איהר טאָפּלטען כאַראַק־
טער: — אַ קעמערל, וואו עס הויזט אין מיניאַטור דאָס
גאַנצע אידישע פאָלק פון גאָר דער וועלט; און גלייכצייטיג
אַ קעמערל, וואָס איז אָפען פאַר אידייאישע לופט־צוגען —
איז איהר באַשערט געווען צו געבען אַ נייע ווענדונג דער
היגער אידישער געזעלשאַפטליכקייט. אין די ערשטע חורבן־
יאָהרען דורכ'ן רעליף איז עס געשעהען. — מיר וויסען
שוין:

דער סוף פון דער מלחמה האָט ניט פאַרענדיגט די מלחמה
פאַר די אידען פון מזרח־אייראָפּא — זי האָט זיך אַריבער־
געטראָגען פון שלאַכט־פעלד אין זייערע שטעט און שטעטלעך,
צו די שוועלען פון זייערע היימען, אין זייערע היימען אַריין.
און אָט די היים־מלחמה האָט איינגעמאָנט פון אידען ניט
ווייניגער, נאָך מער קרבנות אין מענטשען־לעבענס, ווי דאָס
שלאַכטפעלד. נאָך ערגער: דער סוף פון דער מלחמה איז
געווען דער אָנהויב פון אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט ביי די
לעבעדיגע אַוועקגענומען אַלע מיטלען צום לעבען — אַ קאַ־
טאַסטראָפע, וואָס איינמאָל האָט זי זיך אָנגעהויבען, האָט זי
גאָר קיין סוף ניט געוואָלט נעמען — אַרויסזעצענדיג מיל־
יאָנען אידען פון זייערע איינגעזעסענע פּאָזיציעס, איידער זיי
האָבען זיך געקאָנט אָנקלאַמערען אָן נייע עקאָנאָמישע פּאָ־
זיציעס.

אין סאָוועט־רוסלאַנד, נאָך באַלד אַ צעהנדליג יאָהר נאָכ־
ווייענישען פון חורבן, האָט די קאַטאַסטראָפע פאָרט גע־
נומען אַ סוף, ווען הונדערטער טויזענטער רעאַביליטאַציע־
פּייאיגע אידען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם פּראָ־
צעס פון סאָציאַלען איבערבוי, אין דער קאָלעקטיוויסטישער
אינדוסטריאַליזאַציע און אַגריקולטוריזאַציע. און בזכות זיי
קאָן שוין דער רעשט — די צעבראָכענע מענטשען־שערבלעך,
די אַלטע לייט — אויך לעבען. און עופ'עלעך און קינדער
זיינען דאָך די גליקלעכסטע בירגער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.
אין די מדינות, וואָס גרעניצען זיך מיט סאָוועט־רוסלאַנד

— גאָר ספּעציעל, אין פּוילן — וואו די אַרויסזעצונג פון די אידען פון זייערע אַלטע פּאָזיציעס ווערט ניט באַגלייט מיט קיין שום איבערבוי, נאָר די מיטעל־קלאַסען און די רעגירונג טרייבען אַ באַוואוסטזיניקע פּאָליטיק די אידען אַרויסצוזעצען און איבריג צו מאַכען — דאָרט ווערט דער חורבן פון יאָהר צו יאָהר אַלץ גרעסער. — און ווען די קאַטאַסטראָפע האָט זיך אַ רוק געטאָן ווייטער צו מערב, צו צענטראַל־איראָפּאַ, וואו די רעגירונגען, איצט די אין היטלער־רעגירונג פון דייטשלאַנד און עסטרייך זוכט אַריינצופּרעסען אין איינע עטליכע יאָהר, וואָס נעמט דער פּוילישער רעגירונג שוין באַלד 20 יאָהר — לאָזט דער חורבן איבער די אידען נאָר צוויי ברירות: אָדער טויט אָדער אויסוואַנדערונג. איז צום טויט העלפט די רעגירונג, און צו אויסוואַנדערונג מאַכט זי שטערונגען. כדי וואָס מעהר צו פאַרדינען אָן איהר.

אָט די נאָך־מלחמה־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט פאַר אידען אין איראָפּאַ נאָר איין ליכטיגע עפענונג — זייער איבערבוי דורך דער סאָוועט־רעגירונג, ווי אַ טייל פון דער איבערבוי, וואָס זי האָט אונטערגענומען פאַר׳ן גאַנצען לאַנד — האָט זיך אָפּגערופען אויף דער היגער פאָלקס־מאַסע מיט צוויי עפעקטען: — איין עפעקט, דער פּאָליטישער, גענויער דער סאָציאַל־אידייאישער, וואָס האָט זיך דערלאַנגט פון דער סאָוועט־רעגירונג — די נייע תורה, די באַנייטע סאָציאַלע אמונה, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ היפּשען טייל פון דער היגער אידישער פאָלקס־מאַסע, וואָס איין וויכטיגען רעזולטאַט איהרען, דעם ניי־אויפגעקומענעם אַרבעטער אָרדן, האָבען מיר שוין אַרומגערעדט. דער צווייטער, נאָך שטאַרקערער עפעקט, דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער האָט זיך דערלאַנגט פון אידישען חורבן; ער האָט פאַרכאַפּט כמעט די גאַנצע אידישע פאָלקס־מאַסע דאָ, מיט איהר פאָלקסטימליכסטער אָרגאַניזאַציע — די לאַנדסמאַנשאַפט. פינף־זעקס נייע אָרגאַניזאַציעס זיינען אויפגעקומען מיט די לאַנדסמאַנשאַפטען, אַלס זייער הויפּט־באַשטאַנד־טייל.

צוויי פאַקטאָרען האָבען דאָ געווירקט: ניט נאָר חורבן איז געוועזן, נאָר די טויערען פון אַמעריקע זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרען, פאַרשטעלענדיג דעם וועג אויף צו ראַטעווען זיך, ווי אידען האָבען זיך געראַטעוועט נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציגער יאָהרען און נאָך די פּאָגראָמען, וואָס האָבען באַגלייט די רעוואָלוציע פון 1905. ווען ניט די פאַרשפּאַרונג פון טויערען, וואָלט אַ העלפט פון די געטראָפענע פון חורבן זיך אַהער אַריבערגעקליבען, און די אידישע פאָלקס מאַסע דאָ וואָלט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע כוחות צו העלפען איהרע נאָהענטע זיך ראַטעווען. איז לית ברירה דער רעטונגס־דראַנג אויסגעלאָפען אין רעליף־טעטיקייט פאַר די פאַראומגליקטע ברידער פון מעבר לים.

די לאַנדסמאַנשאַפט מאַכט דורך אַ צווייטען העראָאישען פּעריאָד. איהר ערשטער העראָאישער אויפטריט איז געוועזן, ווען זי — די לאַנדסמאַנשאַפט, ספּעציעל די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט — האָט זיך מקריב געוועזן פאַר די פּליטים פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. — איצט איז יעדע לאַנדסמאַנשאַפט, אָן אונטערשייד, אידייאישע, ניט אידייאישע, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רעטונג־סטאַנציע, וואָס האָט געשטרעקט הילף איבער ימים און לענדער — אַ רעליף־סטאַנציע פון אַ מהלך. די הערצער האָבען מיטגעבלוטיגט, און אונטער דעם שטויס פון מיטבלוטיגענדיגען מיטלייד, ווערען אַלטע, כמעט געשטאָרבענע לאַנדסמאַנשאַפטען אויפגעלעבט: ס׳גרינדען זיך נייע לאַנדסמאַנשאַפטען ספּעציעל פאַר רעליף־צוועקען. לאַנדסמאַנשאַפטען פאַראייניגען זיך — אידייאישע מיט ניט אידייאישע — אין רעליף קאָמיטעטען צו ראַטעווען זייערע שטעט. קרובים שיקען צו קרובים, משפּחות צו משפּחות, און געמיינשאַפטליך געזאַמעלטע סומען ווערען געשיקט צו די שטעט. — שטעט זיינען צעשטערט געוועזן, די באַפעלקערונג צעזייט און צעשפּרייט, און אָפט איז אפילו קיין מיטעל ניט געוועזן ווי צו קאָמוניקירען זיך מיט קרובים און שטאָט־לייט; און אויף דער פּאָסט, וועלכע האָט סיי ווי רעגולער ניט געאַרבעט, איז אוממעגליך געוועזן צו פאַרלאָזען זיך, זי זאָל די אַדרעסאַטען געפינען. פלעגען די פּריוואַטע און קהל׳שע געלדער פון די רעליף־קאָמיטעס אָנפאַרטרויט ווערען צו דעלעגאַטען, וועלכע פלעגען זיך לאָזען אויף מסירת נפש די פאַרלאָרענע אויסצוזוכען און צונויפצונעמען. — מען שאַצט, אַז די סומע, וואָס איז אין יענע ערשטע נאָך־מלחמה יאָהרען אויף אַזאַ אופן אַריבערגעשיקט געוואָרען דורך די לאַנדסמאַנשאַפטליכע רעליף־קאָמיטעס, שטייגט פיעל מאָל אַריבער די מיליאָנען, וואָס די גרויסע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, די „דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע“, וואָס איז ספּעציעל פאַר דעם צוועק געגרינדעט געוואָרען, האָט דורך איהרע מעהר סיסטעמאַטישע מעטאָדען פאַרטיילט אין די טעריטאָריעס פון חורבן.

אָבער וועגען אָט דער בשותפות רעליף־אַרבעט פון די אידייאישע אָרדן לאַנדסמאַנשאַפטען מיט די אומאָפּהענגיגע לאַנדסמאַנשאַפטען, און וועגען דער ראָלע פון זייערע רעליף שליחים, די „אַמעריקאַנער דעלעגאַטען“, וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידען. דאָ וועלען מיר זיך בלויז אָפּשטעלען אויף אַ ספּעציעלען דינסט און פאַרדינסט פון דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט פאַר דער אידישער פאָלקס־אָרגאַניזירונג אין אַמעריקע.

אונטער דעם שטורעם און דראַנג פון רעליף זיינען די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפטען צוגעפלאָסען צום אַרבעטער אָרדן — גאָר ספּעציעל צום אַרבעטער רינג, וועלכער האָט דורך דעם אין יענע יאָהרען (1925־1926) געהאַט זיין גרעסטען געווינס אין מיטגלידערשאַפט, דערגרייכענדיג זיין מאַקסימום פון 85,000 אין 1925. דורך דעם אַרבעטער אָרדן האָט די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט דערפילט אַ פונקציע, וואָס האָט אין רעזולטאַט געגעבען אַ נייע אָריענטאַציע דער אידישער געזעלשאַפטליכער אַרבעט אין אַמעריקע, וואָס מיר וועלען זי באַצייכענען אַלס די אידיזירונג פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט.

(דאָס איז די דריטע שטופע אין דעם פּראָצעס פון אידיזירונג: — איהר ערשטע שטופע אין ערשטען יאָהר צעהנ־

דליק איז געווען: די אידיזירונג פון דער אידישער ליטע־ראַטור. איהר צווייטע שטופּע אין צווייטען יאָהרצענדליק, דורך דער פאָלק־שול, איז געווען די אידיזירונג פון דער אידישער קולטור. איז אונטערגעקומען אין דריטען יאָהר־צענדליק די אידיזירונג פון דער געזעלשאַפטליכקייט.)

עס איז אייגענטליך קיין אידישע געזעלשאַפטליכע אַרבעט ביז דעמאָלט ניט געווען. עס זיינען געווען אידישע פּראָ־טעסטען קעגען קעשענעווער פּאָגראָם און קעגען רדיפות אויף אידען בכלל. עס זיינען געווען אידישע טריאומף־ מי־טינגען צוליב דער געהאָפטער ישועה פאַר אידען דורך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 (וואָס האָבען שפּעטער אין 1917 זיך איבערגעחזר'ט לכבוד דער קערענסקי־רעגירונג). עס איז געווען ששון ושמחה, ווען די יונייטעד סטייטס רע־גירונג, אונטער פּרעזידענט טעפט, האָט אָפּגעבראָכען דעם האַנדעל־אָפּמאַך מיט דער צאַרישער רעגירונג איבער דיס־קרימינאַציע קעגען אַמעריקאַנער אידישע בירגער. אָבער אַמעריקאַנער אידען זאָלען זיך אַליין שטעלען אַ גרויסען אידישען ציל און סיסטעמאַטיש אַרבעטען פאַר דעם — דאָס איז ניט געווען.

יאָ, עס איז געווען שטיצע צום „בונד", הויפּטזעכליך אויף זעלבסטשוץ, און די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פאַר זייער גוטע אַרבעט לטובת אידישע אַרבעטער און אידען בכלל. — איז עס געווען בתורת אויפמונטערונג: זיי זאָלען טאָן די גוטע אַרבעט, ניט די אַמעריקאַנער אידען. און עס איז געווען ציוניזם, אין וועלכען אַ געוויסער טייל פון די אַמעריקאַנער אידען זיינען געווען אַריינגעטאָן. איז ערשטענס דער ציוניזם נאָך דעמאָלס געווען מעהר טעאָריע ווי פאַקט. די אידישע מדינה איז געווען צוקונפט־מוזיק. צווייטענס, אין ציוניזם האָבען אַמעריקאַנער אידען זיך באַטייליגט צוגלייך מיט אידען אין אַנדערע לענדער — ניט זיי זיינען געווען די איניציאַטאָרס און עס איז ניט געווען קיין ריין אַמערי־קאַנישע אונטערנעהמונג.

ערשט מיט דעם נאָך־מלחמה־רעליף איז עס געקומען. אַמעריקאַנער אידען — אידישע פאָלקס־מאַסע האָבען גע־נומען די איניציאַטיווע אין אַ גרויסער אידישער אונטערנעה־מונג און האָבען זי דורכגעזעצט.

די רעליף מאַשינעריע, וואָס די אַמעריקאַנער אידען האָבען דעמאָלט אויפגעבויט — די דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע — איז צונויפגעשטעלט געווען פון דריי רעליף־קאָמיטעס: די „פּיפּלס רעליף", וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס; די „סענטראַל רעליף", וואָס האָט רעפּרע־זענטירט די אָרטאָדאָקסיע, און די „אַמעריקען רעליף", וואָס האָט רעפּרעזענטירט די רייכע אידישע פילאַנטראָפּיע, איז דאָס געווען די „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", וואָס האָט אַרויס־געשטעלט די פאָדערונג, און איז באַשטאַנען אויף איהר און זי דורכגעזעצט דורך דער „ דזשוינט" — אַז די הילף זאָל זיין ניט קיין פילאַנטראָפּישע, נאָר אַ קאָנסטרוקטיווע; ניט קיין צייטווייליגע אָפּהילף פון נויט, נאָר אַ גרינטליכער איבערבוי אויף דער דויער. און די „פּיפּלס רעליף" איז

אָנגעשפּאַרט געווען אויף דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט. נאָכדעם ווי די „פּיפּלס רעליף" האָט זיך צענויפגעשמאָלצען מיט דער „דזשוינט", זיינען אויפגעקומען אַ ריי אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען די אַרבעטער אָרדנס פאַר זייער הויפּט־שטיצע—דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פון „אָרט", דער „געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר ארץ ישראל", דער „איקאָר", וואָס אַלע דריי צוזאַמען זיינען זיי אָנגעשטעלט צום אידישען איבערבוי אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

און אָפענטפערענדיג אויפן שטייגענדיגען אידישען אַל־וועלט־געפיל ביי דער פאָלקס־מאַסע, זיינען פּאַראַלעל מיט די אָרגאַניזאַציעס פאַר קאָנסטרוקטיווען רעליף, אויפגעקומען עטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר פּאָליטישער אַקציע לטובת די אידען אין די חורבן־לענדער — אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען געהאַט פּאַראַלעלע כוונות — איבערצוגיין, אַזוי צו זאָגען, פון פילאַנטראָפּישער פּאָליטיק צו קאָנסטרוקטיווער פּאָליטיק; ניט אָפּקומען מיט צייטווייליגער אָפּהילף, צו פאַריכטען וואו עס איז צו שטאַרק קאַליע געוואָרען — נאָר גרינטלעך איבערצובויען דעם פּאָליטישען סטאַטוס פון די אידען אין די לענדער פון די רדיפות.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון דעם כאַראַקטער איז געווען דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרען אין די שלוס־יאָהרען פון דער וועלט־מלחמה, אין צוגרייטונג צו דער פרידענס־קאָנפערענץ. מען קאָן ניט זאָגען, אַז דער פאַרבאַנד און די פּועלי ציון זיינען געווען די איניציאַטאָרס פון דער אידייע, אָבער דעם הויפּט־חלק פון דער אָרגאַניזיר־אַרבעט האָבען זיי אויף זיך דורכ־געטראָגען.

די סאָציאַליסטישע גרופּירונג אַרום אַרבעטער רינג איז צום אידישען קאָנגרעס ניט צוגעשטאַנען. און כדי ניט איבערצולאָזען די גאַנצע אידישע פּאָליטיק צום אידישען קאָנגרעס, האָבען די זעלביגע פירער, וואָס האָבען שפּעטער אַרויפגעאַרבעט דעם אַמעריקאַנעם „אָרט", געגרינדעט דעם „אידישען אַרבעטער קאָמיטעט".

די לינקערע גרופּירונג אַרום „אינט. אַרבעטער אָרדען" האָט מיט די זעלביגע צוועקען געגרינדעט דעם „אידישען פאָלקס־קאָמיטעט", וועלכער האָלט כסדר גרייט אָן אָנבאָט פון אַ פּאַראייניגטען פראָנט סיי צום „אידישען קאָנגרעס" און סיי צום „אידישען אַרבעטער קאָמיטעט".

גאָר לעצטענס זיינען צוגעקומען קולטור־אָרגאַניזאַציעס — דער „איקוף" — פון לינקען פאַראייניגטען קולטור־פראָנט — און די „ציקאָ" — פון רעכטען פאַראייניגטען קולטור־פראָנט. און די אַלע אויסגערעכענטע אָרגאַניזאַציעס — די פּאָליטישע ווי די קולטורעלע — האָבען די אידיי־אישע לאַנדסמאַנשאַפט, דורכ'ן אַרבעטער אָרדן, פאַר זייער הויפּט־אָנשפּאַר. אויב אפילו זי איז ניט די ערשטע אויפ־צוכאַפּען אַ פּרוכטבאַרע סאָציאַלע אידייע — די ריין אידיי־אישע גרופּע איז דעראיין פלינקער פון איהר — איז זי אָבער די ערשטע צו דערטראָגען די אידייע צו דער פאָלקס־מאַסע.

אָבער פאַרוואָס צושרייבען די אַלע פאַרדינסטען דעם אָרדן און דער לאַנדסמאַנשאַפט ? דער אימפּולס צו דער אויסגעברייטערטער אידישער געזעלשאַפטליכקייט האָט ניט געקאָנט קומען ניט פון די פּאָליטישע פאַרטייען און ניט פון די אידישע יוניאָנס. א ראיה האָבען מיר, אַז די אידישע סאָציאַליסטישע סעקציעס האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט און ווייסען נאָך עד היום ניט פון ספּעציעלע אידישע פּראָבלעמען.

נו, האָט פּאַסירט, אַז דיזעלביגע סאָציאַליסטישע פירער, בלייבענדיג אין זייער אַמעריקאַנער פאַרטיי דאָס וואָס זיי זיינען געווען: אידען וואָס ווייסען ניט, אַז עס איז דאָ, אַ אידיש פאָלק — האָבען זיי אויסער דער פאַרטיי, אין קאָנסטרוקטיווע רעליף, פּראַקטיש זיך דערהויבען צום אַלוועלטלעכען בליק אויפ'ן אידישען פאָלק ; און עס האָט געהייסען, אַז זיי האָבען עס נאָכגעצויגען נאָך זיך די פירערשאַפט פון אַרבעטער־אָרדן. אין דער אמת'ן אָבער זיינען די און יענע געשטויסען געוואָרען פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון אָרדן.

(פאַראַן נאָר איין פאַרטיי, וואָס איז האַלבוועגס אַזאַ אַלוועלטליכע אידישע פאַרטיי — די פּועלי ציון. נאָר האַלבוועגס, ווייל דער ציל איז ארץ ישראל. און אין די גלות לענדער טוט מען נאָר אַ האַלבע אַרבעט, די גאַנצע אַרבעט איז פאַר ארץ ישראל.)

דאָסזעלביגע גילט אויך פאַר די אידישע יוניאָנס. קיין אידישע פּראָבלעמען עקזיסטירען נאָך אַלץ ניט פאַר זיי. און ווען אין די לעצטע יאָהרען איז פאָרט געלונגען אַריינצוציען די אידישע יוניאָנס אין אַ ברייטער אונטערשטיצונג פון „אָרט", „אַרבעטער־קאָמיטעט", „פאָלקס־קאָמיטעט", וואָס גיבען זיך אָפּ מיט עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הילף צו די אידישע מאַסען אויף יענער זייט ים, און זיי גיבען היפּשע ביישטייערונגען צו די יעהרליכע קאַמפּיינס פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל — פרייגיביג זיינען זיי די אידישע יוניאָנס ! — איז עס דערפאַר, ווייל דער אינטערעס צו די דאָזיגע הילף־אַקציעס איז זיי אונטערגעטראָגען געוואָרען.

אגב, צוליב זייער איצטיגער געמישטער מיטגלידערשאַפט, קאָנען זיי גאָר ניט אָפיציעל, אָפען און דירעקט, נעמען אַ האַנט אין די אַלע אידישע טעטיקייטען : מוזען עס טאָן אינדירעקט און אומאָפיציעל — דורך דעלעגירען זייערע פאָרשטייער כלמר'שט אַלס יחידים, ניט אַלס פאַרטרעטער פון די יוניאָנס.

איז ניט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, ניט די יוניאָן — ווער זשע דען ? איז'ס געווען די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט דורך דעם אַרבעטער אָרדען געפּרעסט אויף די סאָציאַליסטישע פירער אַריבערשפּרייזען זייער טעאָרעטישע באַגרעניצטקייט. די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט איז ווי אַ רעהר, דורך וועלכער עס זויגען זיך דורך איינפלוסען, אומגעשטערט פון טעאָריען. הגם יעדע פון זיי איז צוגעקניפּט מיט'ן געפיל צו אַ באַזונדערער היים־שטאָט און באַזונדערען היים־לאַנד, אָבער פאַראייניגטע אין אַן אָרדן, וואָס האָט אין זייער אַלעמענס נאָמען אויסגעשטרעקט אַ העלפענדיגע האַנט פון מעבר לים צו זייערע אַלעמענס שטעט און לענדער ; אַריינגעקלעמטע צווישען גרויסען אידישען חורבן, וואָס האָט קיין אָפּשטעל ניט געמאַכט ביי די גרעניצען פון שטעט און לענדער, און דעם רעטונגסדראַנג, וואָס איז אָנגעקוואָלען אין זייערע הערצער — האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען אין זייער מיטגעפיהל אויך אָפּגעווישט אַלע גרעניצען.

די מעבר־לים־פּאָזיציע פון אַמעריקע, אַקעגען וועלכער אַלע אידישע לענדער זיינען ווי איין לאַנד ; די רעטענדיגע ראָלע פון דער אידישער אַמעריקע, וועלכע האָט געטראָגען רעטונג אין יעדען לאַנד, וואו זי איז נויטיג געווען, אָן אונטערשייד ; די שפּאַנונג פון גורל'דיגען מאָמענט — האָבען געגעבען געבורט צום אידישען אַל - וועלט - געפיל, וואָס דורכלויפענדיג דורך דער אידייאישער, סאָציאַליסטיש געשטימטער לאַנדסמאַנשאַפט, האָט ער געפונען זיין ערשטע פאַרקערפּערונג אין קאָנסטרוקטיווען רעליף, וואָס פאַרמאָגט זיך מעהר ווי אויף רעליף — צום אומעטומעטיגען, אַלזייטיגען איבערבוי פון אַבנאָרמאַלען אידישען לעבענס־רעזשים.

.15

עס איז אפשר ניט קיין יושר, וואָס מיר האָבען אזויפיעל זיך פאַרנומען מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבען אין אָרדן — ניט קיין יושר אנקעגען דער פיעל מאָל גרעסערער צאָהל לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס בלייבען דרויסן פון אָרדען. סך הכל וויפיעל קאָנען מיר אָנציילען אָרדן־לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניו יאָרק ? — דער חשבון אומגעפער וועט זיין אַזוי:—ביים אַרבעטער רינג 175, ביים אינטערנאַציאָנאַלען אָרדן 55, ביים נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד 20. צוגעבענדיג נאָך 50 פאַר'ן „ברית אברהם" און „ברית שלום", וועלען מיר האָבען אַ קימא לן פון 300 לאַנדסמאַנשאַפטען. נו, די טאַבעלע, וואָס מיר האָבען אויבען, אין אַריינפיר, געבראַכט, פון דער אַנקעטע פון דער אידישער גרופּע ביים שרייבער־פּראָיעקט, רעכענט אָן איבער צוויי און אַ האַלבמאָל אַזוי פיל אין איין קאַטעגאָריע — 714 אָרדענפרייע, ריינע לאַנדסמאַנשאַפטען. און צוגערעכענט די לאַנדסמאַנשאַפטען פון אַלע אַנדערע קאַטעגאָריעס — די „אנשים", שול חברות, פאַמיליען־קרייזען, פרויען און יוגענט פאַראייַנען ; צוגערעכענט די סתם בענעפיט־פאַראיינען — וועלען זיי געבען אַ סך הכל פון 3000.

איז פאַרוואָס קומט דער גאַנצער כבוד דער לאַנדסמאַנשאַפט, און דער בענעפיט־פאַראיין פאַרדינט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט און דאַרף ניט געציילט ווערען ? פאַראייניגען זיך דען בלויז לאַנדסלייט ? אין פאָלקס־געברויך איז לאַנדסמאַנשאַפט אַ לויזער נאָמען, וואָס באַצייכענט אויך דעם בענעפיט־פאַראיין, און עס שיינט, אַז דער לויזער געברויך איז אַ באַרעכטיגטער — ווייל עס איז ווירקלעך ניטאָ קיין שאַרפע גרענעץ צווישען בענעפיט־פאַראיין און לאַנדסמאַנ־

שאַפט, ווי די דעפיניציע פון לאַנדסמאַנשאַפט וויל עס האָבען — אַז זי איז אַ פאַראיין פון בלויז לאַנדסלייט, פון אָנגעהעריגע צו איין היימשטאָט. דרויסען פון אָרדן, פונקט ווי אין אָרדן, דרינגען אין דער לאַנדסמאַנשאַפט אַריין „פרעמדע", און דאָס פסל'ט ניט די לאַנדסמאַנשאַפט: ווען די היים־שטאָט רופט, רופט זיך די גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפט אָפּ ווי איין מענטש — וואָס דאָס איז געשען אויף טריט און שריט אין רעליף־פעריאָד, ווי מיר וועלען עס באַלד זען. איז ווי־באַלד דער סתם־בענעפיט־פאַראיין איז פאַר'ן פאָלק, און גאַנץ אָפט אין פאַקט, אויך אַ לאַנדסמאַנשאַפט — איז פאַר־וואָס־זשע אָפּגעבען דעם אויבענאָן דער לאַנדסמאַנשאַפט און דעם אויבען אָן פון אויבען אָן דער אידייאישער לאַנדסמאַנשאַפט? דער ענטפער אויף דער פראַגע איז שוין געגעבען געוואָרען: ווייל די אידייאישע לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דער באַטאַרעע, וואָס זאַמעלט געזעלשאַפטליכע ענערגיע, וואָס דער אָרדן אָרגאַניזירט און איבערזעצט אין געזעלשאַפטליכע מעשים, וואָס לאָזען זיך אָנזען און איבערציילען.

אָבער אויך די לאַנדסמאַנשאַפטליכע בענעפיט־פאַראיינען באַזיצען פּאָטענציעלע געזעלשאַפטליכע ענערגיע, וואָס דאָס באַווייזען זיי סיי מיט זייער עקזיסטענץ אַליין, וועלכע איז גאָר ניט לייכט, און סיי מיט זייער גרויסער צאָל. צום גרעסטען טייל אָבער שטעלען זיי מיט זיך פאָר אַ צעשטויבטען געזעלשאַפטליכען כח, וואָס דאַרף ערשט אַרויסגעבראַכט ווערען מכח אַל הפועל. ווי זיי וואָלטען צוזאַמען באַלאַנגט צו אַן אומזיכטבאַרען אָרדען, וואָס דאַרף ערשט אָרגאַניזירט ווערען; און זיי ווייזען טאַקע אַ טענדענץ צו אָרגאַניזירען זיך אין וועלכער עס איז פאָרם.

זיי האָבען ווירקליך ניט קיין לייכטע עקזיסטענץ. דער אָרדען טהוט זעהר גוט דער לאַנדסמאַנשאַפט אָדער דעם בענעפיט־פאַראיין, וואָס טרעטען אין איהם אַריין. דער אָרדען גיט פירערשאַפט, גיט אידייען, גיט ריכטונג און דיסציפּלין; ציט אַריין אין דערציאונגס־אַרבייט, אין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. ער סאָציאַליזירט, אידיזירט, אַמעריקאַניזירט. און פריער פון אַלץ גיט ער דעם געזונטען פינאַנציעלען סיסטעם פון „פראַטוירנאַל רייטס", וואָס גאַראַנטירט די בענעפיטס.

און דאָס איז דאָך פריער פון אַלץ די אומגעזונטע עקאָנאָמיק פון „אַסעסמענטס", וואָס שלאָגט און פלאָגט דעם אַלט־מאָדישען בענעפיט פאַראיין, וואָס בלייבט דרויסען פון אָרדען — אַלץ איינס, יאָ לאַנדסמאַנשאַפט, צי ניט לאַנדסמאַנשאַפט; מיט דעם פועל יוצא דערפון, וואָס דאָס איז מעהרסטענס געוועזען דער עלטערער אָדער מיטעליעהריגער פאַראיין, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט דרויסען פון אָרדען. דער אינגערער פאַראיין, אָדער דער אינגערער עלעמענט פון פאַראיין, דערשמעקענדיג די זיך־אָנרוקענדע סכנה פון אַסעסמענט־סיסטעם, וואָס וועט וואַרפען די גאַנצע הוצאה אויף די שטאַרקערע פּלייצעס, האָבען באַצייטענס זיך אָפּגעטראָגען צום אָרדען. אויך דער מיטגליד, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבייט, אויב מען האָט איהם ניט אָפּגעגעבען דעם גאַנצען כבוד, האָט זיך אויך אָפּגעטראָגען פון פאַראיין. אויך דער געבילדעטער יונגערמאַן, וועמען עס איז אפשר ניט אָנגעשטאַנען די „עם הארצות" פון זיין טאַטענס פאַראיין, איז אַוועק, סיידען ער איז געוועזען אַ פּראָפעסיאָנאַל און האָט געהאַט קאַריערריסטישע אַמביציעס...

(איצט שוין ניט אַזוי; נאָר דאָ ווערט באַשריבען דער צושטאַנד, לאָמיר זאָגען פון פאַר 25 יאָהרען, ווען דאָס אַנטלויפען פון דער געבילדעטער יוגענט פון די בענעפיט־פאַראיינען איז געווען אַ סיסטעמאַטישע דערשיינונג).

און וויפיל עס איז נאָך געבליבען געזונט און קראַפט אין פאַראיין, שטייט דער אָרדען ווי אַ געפערליכער קאָנקורענט דאַנעבען, און לויערט עס אויסצוכאַפּען. כסדר ער ווענדעט זיך מיט אויפרופען — דער עיקר, צום אינגערען ראַדיקאַלען עלעמענט אין פאַראיין — אויפרופען וואָס אַרגומענטירען גאַנץ איבערצייגענדיג, אַז די ראָלע פון די בענעפיט־פאַראיינען איז אויסגעשפּילט: ראַטעוועט זיך אין אָרדען! — און דער אָרדען באַנוגענט זיך ניט מיט אויפרופען. יעדער אָרדען האָט אין בענעפיט־פאַראיין זיין פּאַטריאָט, וועלכער איז דער „צוהאַלטער" פון פאַראיין; און יעדער פּאַטריאָט האָט זיין גרופּע, וועלכע לאַווירט, „אינטריגירט", ציט דראַטען און וואַרט אויף איהר געלעגענהייט. און אַזוי גיך ווי איין גרופּע וועגט אַריבער, ווערט דער פאַראיין, אָדער די גרופּע, אַריינגעצויגען אין אָרדען.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען, אויב דער פאַראיין צעפאַלט זיך ניט, ווערט ער איינגעדאַרט; אויב עס איז אַ לאַנדסמאַנשאַפט, בלייבט פון איהר בלויז איהר שטאָט־נאָמען. איז טאַקע אַ וואונדער, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל פון זיי האָבען זיך דערהאַלטען. עס זיינען נאָך מעהר אויסגעשטאָרבען, ווי געבליבען לעבען. די לעבען־געבליבענע זיינען געווען די שטאַרקסטע, די פייאיגסטע, וואָס האָבען זיך געקאָנט אַן עצה געבען.

פעריאָדיש, אומגעפער אַלע 10—15 יאָהר, פלעגט זיך איבער'חזר'ן דער קריזיס — אַ מגפה אויף די בענעפיט־פאַראיינען. אַזאַ קריזיס האָבען זיי דורכגעמאַכט אינמיטען פון צווייטען יאָהרצענדליג, בשעת דער וועלט־מלחמה. עס האָט זיך זיי געדוכט: אויס! און זיי האָבען ניט געוואוסט וועלכע שריט צו נעמען. האָבען זיי הונדערטווייז זיך אַוועקגעלייגט, גרייט צו שטאַרבען: איז געקומען די נאָך־מלחמה־קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז פאַר די אידישע ישובים פון יענער זייט געווען נאָך ערגער ווי די מלחמה — און די בענעפיט־פאַראיינען דאָ זיינען אָפּגערופען געוואָרען צום לעבען.

ספעציעל די לאַנדסמאַנשאַפטען. אפילו וואו נאָר אַ שטאָט־נאָמען איז פון איהר געבליבען, איז זי אָנגעלאָפען מיט מיטגלידערשאַפט; און שטעטלעך, וואָס וואָס האָבען קיין נאָמען דאָ ניט געהאַט, האָבען געגעבען געבורט צו נייע לאַנדסמאַנשאַפטען. דער מלאך המות, וואָס האָט געבושעוועט אויף יענער זייט — גאָר באַזונדערס אין אוקראַינע

— האָט אפילו טויטע געקאָנט אויפוועקען צום לעבען. פּראָסקוראָוו בלוטעט נאָך עד היום אין יעדען אידענס האַרץ: 3000 אידישע נפשות זיינען דאָרט אויסגעשאָכטען געוואָרען. אין פעלשטין, אַ קליין שטעטעלע דערביי, וואָס האָט פאַרמאָגט 1000 אידישע פאַמיליעס, זיינען 500 פון זיי אין אַ נאַכט מיט אַ טאָג אומגעבראַכט געוואָרען (זיי זיינען ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים אין „זאַמלבוך צום אָנדענק פון די פעלשטינער קדושים", וואָס די פעלשטינער לאַנדסמאַנשאַפט פון ניו יאָרק האָט פאַראַיאָהרען — אין 1937 — אַרויסגעגעבען. אַ דיק בוך, פון קרוב צו 700 זייטען, אין געדיכטער דורכגעפילטער שטימונג, וואָס פאַרלעבעדיגט פעלשטין און מאַכט פלאַץ פאַר איהר אין זכרון און אין דער געשיכטע).

פעטלורא און דעניקינס אַרמייען און די פּריוואַט-באַנדיטישע קאָזאַקישע מחנות האָבען דורך הריגות און שחיטות אויף אידישע שטעט געוואָלט פאַרשפּאָרען זיך צו שלאָגען מיט דער רויטער אַרמיי; אין פוילען האָט די אידישע באַפעלקערונג דורכגעמאַכט דרייערליי פּאָגראָמען: נקמה-פּאָגראָמען פון דער צאַרישער מיליטערישער קאָמאַנדע; קאַלטע פּאָגראָמען פון דער דייטשער אָקופּאַציע; און די „העלדישע" פּאָגראָמען איבער שוצלאָזע, מיט וועלכע דאָס נייע פוילישע מיליטער — די לעגיאָנערען — האָבען געמאָלדען דער וועלט, וואָסערע גבורים זיי זיינען; זייערע גבורות זיינען פאַרשריבען מיט אידיש בלוט אין פּינסק, ווילנע, לעמבערג; אין גאַליציען איז געווען אַ פּערמאַנענט שלאַכטפעלד און אידישע שטעט זיינען געשטאַנען צווישען אַלע פייערען.

כל זמן דער מלחמה-בראַזש האָט פאַרשטעלט, האָט זיך דאָ געזאַמעלט שטומער געוואַלט-געשריי אין די הערצער; און ווען דער פייער-פאַרהאַנג האָט זיך פונאַנדערגעריסען, האָבען זיך געעפענט פאַר'ן בליק די בלוט-רויטע זיילען רויך, וואָס האָבען געשלאָגען פון אידישען חורבן — און דער שטומער געוואַלט-געשריי האָט זיך איבערגעבראָכען אין אַ געוואַלטיגער רעטונגס-טאַט.

אַרומריידענדיג דעמזעלביגען פעריאָד ביי די אָרדענס, האָבען מיר שוין דערציילט וועגען דעם הערואישען פיבער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אידישע אַמעריקע, וועגען דער רעטונגס-עקספּעדיציע, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט דורך ספּעציעלע שליחים, רעליעף-טרעגער, ווייל די פּאָסט און די בענק און די רעגירונג-אַנשטאַלטען האָבען ניט געאַרבייט, און וועגען דעם גרויסען חלק, וואָס די פאָלקס-מאַסע, דורך איהרע אָרגאַניזאַציעס, האָט גענומען אין דער רעטונגס-אַקציע. — לאַנדסמאַנשאַפטען פון לינקס און פון רעכטס, פרייע און פרומע, ראַדיקאַלע און באַלעבאַטישע, פון די אָרדענס און אויסער די אָרדענס, האָבען זיך פאַראייניגט אין רעליעף-קאָמיטעס פאַר די חרוב'ע שטעט, און ריזיגע סומען זיינען געזאַמעלט געוואָרען, וואָס קיינער האָט זיי נאָך ניט איבערגעציילט. ווען די באַלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט דורך איהר דעלעגאַט אַריבערגעשיקט 14 טויזענט דאָלער, האָבען די פאַראייניגטע קאָלאָמייער לאַנדסמאַנשאַפטען אַריבערגעשיקט 54 טויזענט דאָלער. לאַנדסמאַנשאַפטען פון פּיצלעך שטעטלעך האָבען אין משך פון אַ פּאָר יאָהר אַריבערגעשיקט סומען, וואָס אין די גוטע צייטען וואָלט זיי גאָר שווער געווען עס אַרויסצוריידען. די אָשמאַנער — אַ שטעטעלע נעבען ווילנע — האָבען אין פאַרלויף פון 2 יאָהר איבערגעשיקט 150 טויזענט דאָלאַר, קרובים - געלדער אַריינגערעכענט. באַזונדערס פּראָמינענט דערמאָנט צו ווערען פאַרדינט דער ביאַליסטאָקער רעליעף-קאָמיטעט, אין וועלכען עס זיינען פאַראייניגט געווען צענדליגער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק און אומגעגענט און וועלכער האָט געדינט ווי אַ צענטראַלער רעליעף-אָפּיס פאַר די ביאַליסטאָקער פון איבער'ן גאַנצען לאַנד. און ניט נאָר פאַר די ביאַליסטאָקער. וואָרים דער קאָמיטעט האָט באַדינט מיט רעליעף ניט נאָר ביאַליסטאָק, נאָר אויך אַרום זעכציג שטעטלעך פון ראַיאָן, צו וועלכע עס איז קיין אַנדער צוטריט ניט געווען, ווי נאָר דורך אַ שליח. אַזוי חרוב זיינען זיי געווען. דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פלעגט יעדען דריטען חודש אַרויסשיקען אַ דעלעגאַט, און אין פאַרלויף פון די יאָהרען, וואָס דער קאָמיטעט האָט פונקציאָנירט (1919—1932), זיינען 5 מיליאָן דאָלאַר דורך איהם איבערגעשיקט געוואָרען פון קרובים צו קרובים; און אַרום 300 טויזענט דאָלער פאַר די אינסטיטוציעס פון ביאַליסטאָק, געזאַמעלט פון פּריוואַטע בייסטייערונגען און אונטערנעמונגען. און אויב דער אַמאָליגער אימפּעטיגער אינדוסטריעלער צענטער ביאַליסטאָק איז צוריק ניט אויפגעבויט געוואָרען דורך רעליעף אינדוסטריעל, איז ער אויפגעריכט געוואָרען געזעלשאַפטליך. און איצט קומט ביאַליסטאָק צו זיך אַ דאַנק די ביאַליסטאָקער פון אַמעריקע.

די רעליעף-שליחות קיין אוקראַינע, וואו די פאַרטיליקונג פון אידישע שטעט איז אָנגעגאַנגען דריי יאָהר צייט נאָך דער מלחמה, איז פאַרבונדען געווען מיט לעבענס-געפאַר (און צוויי רעליעף-קאָמיסאַרען פון דזשוינט — דר. פרידלענדער און דר. קאַנטאָר — זיינען טאַקע אומגעקומען פון באַנדיטישע הענט; דער דריטער — דער שריפטשטעלער מאָריס קאָץ האָט זיך געראַטעוועט אַ דאַנק זיין מיליטערישער סטאַטור אין אַמעריקאַנישען מונדיר). — דאַרף נאָך געזאָגט ווערען, אַז ניט נאָר רעליעף און רעליעף שליחים האָבען די אוקראַינישע לאַנדסמאַנשאַפטען געשיקט; אייניגע פון זיי, צום ביישפּיל די באָסלעווער לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס די גרעסטע פון זיי איז אין פילאַדעלפיע, באַקומענדיג די ידיעה, אַז זייערע שטעט ווערען כסדר באַלאַגערט פון קאָזאַקישע אַטאָמאַנען, האָבען געשיקט היפּשע סומען אויף זעלבסטשוץ; די אידישע באַפעלקערונג אַליין האָט אַרויסגערוקט פון זיך קאָמאַנדירען, העלדישע יונגען, פאָלקס-אינטעליגענטען, וועלכע אין שפּיץ פון אויף גיך אָרגאַניזירטער אידישער יוגענט-רעגימענטען האָבען אָנגעפיהרט אַ פאַרטיידיקונגס-קריג און געזיגט און פאַרטריבען די ווילדע מחנות. — ווען ניט אַט-די טרייסטענדיגע הילף פון אַמע-

ריקע, ווער ווייס, צי די אידען פון אוקראינע וואָלטען ווען עס איז זיך אויסגעטשוכעט פון דער שאַנד אויסגעליפערט צו ווערען אויף הפקר, פון דער באַליידיגונג געשאָכטען צו ווערען ווי שאָף.

נאָך פיר־פינף יאָהר האָט דער העראָאישער פיבער, וואָס האָט געהאַלטען די אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין הויכער טעמפעראַטור, גאַנץ נאַטירלעך זיך אויסגעפיבערט. עס איז ווי אָפּגעקילט געוואָרען דער סענטימענט צו „ראַטעווען" די אַלטע היים. די פאַראייניגטע רעליעף־קאָמיטעס האָבען זיך אויפגעלייזט, עס איז שטילער געוואָרען מיט רעליעף, אָבער די רעליעף טעטיגקייט האָט ניט אויפגעהערט. זי איז פשוט אַריין אין געוואוינהייט. קרובים שיקען צו קרובים, און יעדע לאַנדסמאַנשאַפט באַזונדער האַלט פאַר איהר פליכט צו באַשטימטע צייטען פון יאָהר — צו די גרויסע יום־טובים — צו שיקען שטיצע צו דער קהל'שער צדקה און צו די אינסטיטוציעס פון איהר שטעטעל. און ווידער די גרויסע רעליעף־אָרגאַניזאַציעס — דער „דזשוינט", דער ניי־אויפגעקומענער, באַנייטער „אָרט" און אַנדערע — פאַרזעהן די לאַנדסמאַנשאַפטען ניט אין זייערע יעהרליכע קאַמפיינס. קאָנען זיי מקיים זיין די מצוה פון העלפען אויפבויען די חרוב'ע אַלטע היים דאָ אויפ'ן אָרט.

דער „שטילשטאַנד" אין רעליעף, באַגלייט מיט זעלבסט־אויפבויאונג דאָ, האָט אָנגעהאַלטען אַ יאָהר אַכט, און איז איבערגעריסען געוואָרען דורך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז באַפאַלען די אידען פון דייטשלאַנד. צוגלייך מיט דעם אויפגעוועקטען אינטערעס פאַר די ברידער פון דייטשלאַנד, איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרען דער סענטימענט פאַר רעליעף צום אייגענעם היים־שטעטעל. ווי דער טראַגישער גורל פון די דייטשע אידען וואָלט דערמאָנט אַז דער אַלטער אומגליק געדויערט נאָך. און מעגליך, אַז די אינטענסיווע הילפס־אַקציע פאַר די דייטשע אידען האָט טיילווייז אָפּגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון „דזשוינט" פון דער סיטואַציע אין פוילען, וואו די רעגירונג, אָן פּראָקלאַמירונג פון ראַסען־טעאָריען, פיהרט דורך דיזעלביגע אַרויספרעסונג פון אידען—לאַנגזאַמער, אָן שאַרפע האַסטיגע שניטען, אָבער גענוג סיסטעמאַטיש. שיקען די שטעט און שטעטלעך פון פוילען און גאַליציע זייערע וויי־געשרייען צו זייערע לאַנדסלייט דאָ; טוען די לעצטע וואָס זיי קאָנען און וואָס מען זאָגט זיי פאַר די פאַראומגליקטע ברידער פון דייטשלאַנד — העלפען דורכפיהרען דעם באָיקאָט, נעמען אַ האַנט אין קאַמף קעגען „פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם", גיבען זייערע ביישטייערונגען פאַר די פליכטלינגע פון דייטשלאַנד — און שטעלען זיך אין רעליעף־דינסט צו זייער אייגענעם היימשטעטעל. לייענען מיר ווידער, ווי פאַר 20 יאָהרען, יעדען סוף וואָך אין די אידישע צייטונגען אויפרופען צו רעליעף־מיטינגען. אָט רופען די סטאַניסלאַווער זייערע 9 לאַנדסמאַנשאַפטען צו דער גרינדונג פון אַ פאַראייניגטען־רעליעף קאָמיטעט. אָט רופען לאַנדסלייט פון רישא, גאַליציען, צו דער גרינדונג פון אַ נייער לאַנדסמאַנשאַפט: — „אין הויז פון...... פראָספעקט פלייס, ברוקלין, וועט......פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די לאַנדסלייט פון רישא, מיט דעם צוועק צו גרינדען אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל שטיצען די אינסטיטוציעס פון דער אַלטער היים". — און עס גייט אַ צעטעל נעמען פון די צונויפרופער.

פון די נייע לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס גרינדען זיך יעדען סוף וואָך, וועלען די מעהרסטע אפשר פאַרשווינדען; אָבער עס וועלען זיך אָפּשטעלען גענוג, וואָס וועלען נעמען וואַקסען און וועלען זיך צעוואַקסען, מעהר אפשר ווי נאָך דעם גרינדונגס־אימפעט פון פאַר 20 יאָהרען — ווייל די נייע אויפלעבונג פון רעליעף־סענטימענט געפינט די לאַנדסמאַנשאַפטען געענדערטע אין באַנעם און פאַרנעם, געשטאַרקטע אין כאַראַקטער און באַרייכערטע אין גייסט, מיט נייע בעסערע מיטלען זיך אויפצוהאַלטען.

די ערשטע ניי־דערוואָרבענע אייגענשאַפט איז די פאַרגרעסערטע ענליכקייט צווישען די פאַרשיידענע מינים בענעפיט־פאַראיינען — אַ רעזולטאַט פון דער דערנענטערונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי דורך די פאַראייניגטע רעליעף־אַקציעס. דער סתם בענעפיט־פאַראיין האָט זיך דערנעענט צו דער לאַנדסמאַנשאַפט. ווען אין אַ בענעפיט־פאַראיין האָט זיך געפונען אַ גרופּע לאַנדסלייט פון איין שטאָט — וואָס דאָס איז אַן אָפטער פאַל — האָבען זיי אין רעליעף פעריאָד אַריינגעפרעסט דעם גאַנצען פאַראיין צו אַרבייטען פאַר זייער שטעטעל. איז דער פאַראיין געוואָרען כמעט אַ לאַנדסמאַנשאַפט. פון דער אַנדער זייט איז די לאַנדסמאַנשאַפט סיי דרויסען פון אָרדען, סיי אינעווייניג אין אָרדען — אָפענער געוואָרען פאַר פרעמדע. זי איז אויסגעמישטער געוואָרען אין איהר מיטגלידערשאַפט אין דערנענטערונג צום בענעפיט־פאַראיין. דער אַמאָליגער סעפּאַראַטיזם, וואָס האָט געמאַכט מחיצות צווישען געגענט און געגענט, צווישען שטאָט און שטאָט, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

אָט איז אַ טיפּישע פרייע לאַנדסמאַנשאַפט, אַ ניט געבונדענע צו אַן אָרדן און צו קיין פּאַרטיי — „דער ערשטער באַלעכאָווער קראַנקען־אונטערשטיצונג־פאַריין". אַ גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, 350 מיטגלידער, צווישען וועלכע בלויז אַ 60 פּראָצענט זיינען באַלעכאָווער אָדער כמעט באַלעכאָווער, פון דערבייאיגע שטעטלעך; די איבעריגע זיינען סתם גאַליציאַנער, רומענישע, רוסישע און ליטוואַקעס. אַלע ווייסען, אַז גאַליציאַנער און ליטוואַקעס זיינען אַמאָליגע צייטען ניט שוה בשוה געווען; פונדעסטוועגען האָט עס דעם פאַראיין ניט געשטערט צו האָבען אַ ב'כבוד'יגען ליטוואַק פאַר אַ פּרעזידענט פאַר צען יאָהר צייט. אַחוץ היגע טעטיגקייטען טראָגט די לאַנדסמאַנשאַפט אַלס גאַנצע, מיט 30—40 פּראָצענט „פרעמדע", ניט־באַלעכאָווער — רעגולערע פליכטען צו באַלעכאָוו: ווי שוין דערמאָנט, האָבען זיי אויף נאָך־מלחמה־רעליף געזאַמעלט 14,000 דאָל. און מיט אַ ספּעציעלען שליח עס אָפּגעשיקט; זייט דעמאָלט שיקען זיי יעהרלעך 1000 דאָלער אויף פּסח (צו דעם אַ געהיימע

שטיצע פאַר יורדים, אַראָפּגעקומענע בעלי־בתים צו 25 דאָלער יעדען); שטיצען דאָס פאָלקס־הויז אין באָלעכאָוו מיט דער ביבליאָטעק; זייט 1937 האָבען זיי גענומען אויף זיך צו שטיצען מיט 600 יעהרלעך די פאָלקס־שוהלע — די תלמוד תורה — וועלכע איז 100 יאָהר אַלט און איז דער שטאָלץ פון באָלעכאָוו און וואָס ביז אַהער האָט דאָס שטעטעל עס אַליין אויסגעהאַלטען — און די רוסישע, רומענישע און די ליטוואַקעס זיינען אין דעם פּרט געוואָרען גאַליציאַנער און באָלעכאָווער.

און ניט זעלטען טרעפט, דרויסען פון אָרדען, פונקט ווי אין דעם אָרדען, אַז נאָר אַ הייפעלע איז געבליבען, וואָס העלפט דער לאַנדסמאַנשאַפט טראָגען איהר שטעטעלשען נאָמען. די מאַיאָריטעט זיינען אַנגעלאָפענע „פרעמדע" — און די דערפאַרונג פון רעליעף האָט באַוויזען, אַז דאָס הייפעלע — דער „נוקלעאוס" פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — איז גענוג, די גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפט זאָל זיך באַשטייערען פאַר איהר נאָמען־שטעטעל.

אויב גאַליציאַנער און ליטוואַקעס קאָנען אַרבייטען אין האַרמאָניע אין דער באַלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט, ווי מיר האָבען נאָרוואָס געזעהן, קאָנען פינסקער און מינסקער, וואָס שטאַמען פון איין ליטא, אוודאי הויזען צוזאַמען און אַרבייטען צוזאַמען פאַר פינסק אָדער מינסק. דאָס האָט זיך געגעבען אין רעזולטאַט פון דער אחדות־געפיל — פון דעם אידישען אַלוועלט־געפיל — וואָס די קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער מען האָט געדאַרפט ראַטעווען, האָט פון זיך דערלאַנגט.

פון דער אַנדער זייט האָבען די רעליעף־קאַמפּיינס אַנטפּלעקט, אַז מעהרערע פון די סתם בענעפיט־פאַראיינען זיינען אין דער אמת'ן פאַרשטעלטע, באַהאַלטענע לאַנדסמאַנשאַפטען. דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע אידען" האָט אין זיין איצטיגען מיליאָן דאָלער קאַמפּיין פאַר קאָנסטרוקטיווען רעליעף אין פּוילען־גאַליציען „דעמאַסקירט" אַלס פּוילישע־אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען — אין שיקאַגאָ צום ביישפּיל: די „שיקאַגאָער פּראָגרעסיווס", און די „אַמעריקען פּראָגרעסיווס" און די „היברו פּראָגרעסיווס"; און די קאָנגרעגיישאָן „דורשי טוב", וועלכע האָבען פאַרגעסען צוצושטעלען, אַז זיי זיינען „אנשים" פון דעם און דעם שטעטעל אין פּוילען. נאָר די נויט פון זייערע ברידער אין פּוילען האָט זיי דערמאָנט ווער זיי זיינען.

אין ניו יאָרק האָבען זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען דער „פּראָגרעסיווער אָרדער אַף גרייטער ניו יאָרק" און די „הענרי קלעי" לאָדזש פון „אינדעפּענדענט ברית אברהם". עס איז שוין לאַנג אַ חשד געווען, אַז די נאָמען־חברות זיינען געהיימע, פאַרקאָנספּירירטע לאַנדסמאַנשאַפטען — ניט אַלע, נאַטירליך. מען נעמט דעם נאָמען פון אַ ב'כבוד'יגען לאַנדסמאַן און מען באַהאַלט זיך הינטער איהם. צו וואָס דאָס באַהאַלטעניש? — מען שעמט זיך מסתמא, וואָס אַבי ווער פון שטעטעל — אַ קבצן, אַ קצב, אַ שניידער, גרינדעט זיך אַ לאַנדסמאַנשאַפט. ווייל מען זיך ניט איבער'חזר'ן. און ווירקליך, דאָס קלענסטע שטעטעל פאַרגינט זיך צו האָבען צו צוויי דריי לאַנדסמאַנשאַפטען. און אַ גרעסערע שטאָט צו צען און צוועלף.

(דער „אַמעריקען קאָמיטע אַפּיל" פון פּוילישען פאַרבאַנד האָט, אגב אורחא, אויך אַרויסגעבראַכט, אַז עס איז גאָר ניט כלל, אַז דוקא די גרויסע לאַנדסמאַנשאַפט צייכענט זיך אויס אין רעליעף; אַמאָל אַ קליינע לאַנדסמאַנשאַפט, אויב זי האָט עטליכע ענערגישע טוער, מאַכט זי עס נאָך בעסער: די טשעכאַנאָווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט צוגעטראָגען 5000 דאָלער — ניט אייגענע, פאַרשטייט זיך, נאָר געזאַמעלטע — וואָס דאָס איז פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך מעהר, ווי אַלע וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפטען צוזאַמענגענומען).

ביידע זאַכען — אי די אויסמישונג פון די לאַנדסלייט אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, אי די פאַרוואַנדלונג פון סתם בענעפיט־פאַראיין אין אַ האַלבער לאַנדסמאַנשאַפט — ביידע גיבען איין רעזולטאַט: די פאַרגרעסערטע ענליכקייט צווישען די פאַרשיידענע מינים פאַראיינען. און די אויסגלייכענדיגע טענדענץ פון אַמעריקע, וואָס פאַרווישט מחיצות, שפּילט אויך אַריין אין פּראָצעס.

די צווייטע ניי־דערוואָרבענע אייגענשאַפט איז די פאַרגרעסערטע טאָלעראַנץ. דער ראַדיקאַלער אָרדען־ברענטש איז אויך טאָלעראַנטער געוואָרען, ווי דאָס אָפּיציעלע אָרדען־פּראָגראַם וואָלט דאָס איהם דערלויבט. ער שטיצט די תלמוד תורה פון זיין שטעטעל און אפילו די זקנים פון דער „חברה משניות". און דער פרומער קאָנסערוואַטיווער פאַראיין וועט ניט מאַכען קיין געוואַלד, ווען זיין געלט וועט געהן אויף דער אונטערשטיצונג פון דער וועלטליכער פאָלקשול און דער ביבליאָטעק, וואָס אַמאָליגע יאָהרען וואָלטען זיי ביידע פאַר איהם געווען טריף און פּסול. ווייל עס איז רעליעף, ווייל מען לעבט מיט'ן שטעטעל, ווייל דאָס שטעטעל אין אויפבויען זיך פון חורבן, איז גאַנץ אַנדערש פון שטעטעל פון פאַר די מלחמה־יאָהרען. די טעטיגקייטען, די אינסטיטוציעס דאָרט טראָגען אַן אַנדער כאַראַקטער.

דאָס שטעטעל איז איצט אַ מיניאַטור־וועלט־שטאַט, און האָט איבערגענומען די וועלט־חכמה, אַז יעדער זאָל גליקליך זיין אויף זיין פאַסאָן. וועגען „אָרט", „אָזע", „וואַזעט", קאָאָפּעראַטיוון און לייה־קאַסעס זיינען אַלע מסכים; און וועגען פאָלקס־שולען, אויב מען איז ניט מסכים, פאַרשטייט מען זיך און מען טאָלערירט זיך. דער רב אַליין וועט צוגעבען, אַז דער פאָלק־שול קומט אַ חלק; און טאָמער ניט, עס מאַכט זיך אַ סכסוך צווישען רב און פרויען־פאַראיין, וואָס שטיצט די פאָלק־שול, קאָן פּאַסירען, אַז די „יוצרות" זאָלען זיך פאַרדרייען, און דער ראַדיקאַלער ברענטש דאָ זאָל האַלטען מיט'ן רב און די קאָנסערוואַטיווע לאָדזש זאָל האַלטען דוקא מיט דעם ראַדיקאַלען פרייען־פאַראיין פון שטעטעל — צוליב פּערזענליכע און קרוב'ישע פאַרבינדונגען — אַזוי האָט מען זיך צוריק איינגעלעבט מיט'ן שטעטעל!

אָבער סכסוכים זיינען זעלטען — די נייע טאָלעראַנץ פון שטעטעל קומט איבער יעדען סכסוך. און די טאָלעראַנץ

פון שטעטעל האָט זיך אַריבערגעטראָגען אַהער. דער ראַדיקאַלער אָרדען ברענטש וועט ניט גיין אַזוי ווייט, ווי שטיצען אַ תלמוד תורה, אָבער ער וועט מיט דער לינקער האַנט ביישטייערען צום „אָרט", וואָס בויט דעם אידען אין גלות און מיט דער רעכטער האַנט דעם „געווערקשאַפטען־קאַמפיין", וואָס העלפט דער אידישער אַרבייטערשאַפט זיך אויפבויען אין ארץ ישראל — וואָס אָפּיציעל שליסען זיי אפילו איינע די אַנדערע ניט אויס, אָבער אין דער שטיל האַלטען זיי ביידע — אי דער „אָרט", אי דער „געווערקשאַפטען־קאַמפיין" — אַז דער צווייטער באַ׳גזל׳ט איהם. — די פרייע לאַנדסמאַנשאַפט, די ניט־געבונדענע צום אָרדען־פּראָגראַם, איז נאָך טאָלעראַנטער. זי שטיצט מיט ביידע הענט גלייכצייטיג אי דעם „איקאָר", וואָס העלפט בויען ביראָ־בידזשאַן, אי דעם קרן היסוד, וואָס בויט ארץ ישראל — וואָס שליסען איינע די אַנדערע אויס גאַנץ אָפּיציעל.

אָבער ניט נאָר די טאָלעראַנץ האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען איבערגענומען פון שטעטעל — זיי האָבען דאָס שטעטעל אַליין איבערגענומען אַהער. זיי האָבען עס גאָר ניט געדאַרפט איבערנעמען — דאָס שטעטעל האָט זיך אַליין אַריבערגעטראָגען אַהער. נאָכדעם ווי דאָס שטעטעל איז אין מלחמה־ און נאָך מלחמה־צייט חרוב געוואָרען, און די אידישע באַפעלקערונג איז אַ טייל אומגעקומען און אַ טייל צעזייט און צעשפּרייט געוואָרען, זיינען פאַראַן מעהר שטעטעלשע אידען, מיט דעם נאַטירליכען צואוואוקס, אין אַמעריקע, וויפיל עס זיינען פאַרבליבען אין היים־שטעטעל. — צום ביישפּיל, סמאַרגאָן, די גאַרבער־שטאָט, וואָס האָט געציילט 25 טויזענט אידישע נפשות פאַר דער מלחמה, האָט קוים זוכה געווען אַז 500 קליינע פאַמיליעס זאָלען זיך אומקערען. אין ניו יאָרק אַליין איז דאָ מעהר סמאַרגאָנער ווי אין סמאַרגאָן. די ביאַליסטאָקער זיינען צעטיילט העלפט אויף העלפט — 50 טויזענט נפשות אין ביאַליסטאָק און 50 טויזענט אין אַמעריקע.

דאָס, וואָס פון שטעטעל איז געוואָרען אַ העלפט, איז טאַקע לייכטער צו האַלטען זי אויפ׳ן קאָפּ. אָבער די צווייטע און גרעסערע העלפט פון קאָפּ איז גאַנץ נאַטירליך פאַרנומען מיט דער העלפט שטעטעל, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגען קיין אַמעריקע. סמאַרגאָן אין אַמעריקע, ביאַליסטאָק אין אַמעריקע דאַרפען אויפגעבויט ווערען! און אַזוי גיך דער רעליעף־פּלייס פון די לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע האָט געשטעלט אויף די פיס די שטעטלעך אויף יענער זייט, זיי זאָלען אַליין וויפיל ניט איז זיך קאָנען באַוועגען — האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען דאָ זיך גענומען זיך אַליין אויפבויען — מיט דער צוגעקומענער ענערגיע, וואָס דער רעליעף־פּלייס האָט אין זיי אויפגעוועקט.

די העראָאישע רעליף דערפאַהרונג איז אַזוי אַרום ניט אַריבער אָהן פעולה פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטען גופא. זי האָט מאָביליזירט זייערע כחות, ס׳האָבען זיך אַרויסגערוקט נייע, אינגערע ענערגישע טוער, ס׳האָט זיך פאַרגרעסערט זייער אונטערנעמערישקייט. וואָס זיי האָבען פריער געטאָן אין דער אַלטער היים, טוען זיי איצט פאַר זיך אַליין. זיי בויען זיך אויף.

דעם בעסטען ביישפּיל שטעלען צו די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען — זיי האָבען געהאַט דעם גרעסטען געווינס פון זייער גרויסער רעליעף אָנשטריינגונג. ווי פאַראייניגט זיי זיינען געווען אין רעליעף־—עטליכע צעהנדליג; אַזוי פאַראייניגט זיינען זיי איצט אין אַן אונטערנעמונג — דעם ביאַליסטאָקער צענטער און מושב זקנים — וואָס וואָלט געפאָדערט אַ גאַנצע היימישע שטאָט איהם אויסצוהאַלטען.

ביאַליסטאָקער צענטער און מושב זקנים, 228 איסט בראָדוויי

.16

אַז די לאַנדסמאַנשאַפטען ווילען נישט בלייבען איינגעשלאָסען אין זייערע שטאָט-גרעניצען, האָבען אַ צאָל פון זיי שוין באַוויזען דורך זייער צושטעהן צו די אָרדנס. אָבער אויך די אָרדן־פרייע לאַנדסמאַנשאַפטען ווילען זיך ניט באַנוגענען מיט זיך אַליין; אפשר טאַקע אין זעלבסט רעטונגדראַנג זוכען זיי כח, זוכען זיי ראָלע אין פאַראייניגונג. אַ פאַראייניגונג ניט אין אָרדן־פאָרמאַציע, וואָס צווינגט אויף זיי ארויף אַ רעגלאַמענט, וואָס ניט אַלע פון זיי האָבען כח אָדער חשק צו טראָגען; נאָר אַ פאַראייניגונג, וואָס

לאָזט זיי איבער פריי און אומאָפּהענגיג און גיט זיי דאָך דעם געווינס פון שותפות.

אין דריי ריכטונגען איז די אָרדן־פרייע פאַראייניגונג געגאַנגען — צום צענטער, צום לאַנד־פאַרבאַנד און צו דער פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס אַלע דריי האָבען געהאַט אַ געוויסע אָנציהונג פאַר די אָרדען לאַנדסמאַנשאַפטען אויך. דערווייל האָט בלויז דער צענטער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ פולשטענדיג געלונגענעם עקספּערימענט — ביי די ביאַליסטאָקער ; נאָכ׳ן אָרדען דער געלונגענסטער אויסדרוק פון די לאַנדסמאַנשאַפטליכע פאַראייניגונג־טענדענצען בכלל.

אויב מען וויל, איז דער ביאַליסטאָקער צענטער דער גרויסער פאַמיליען־קרייז; אָדער די „לאַנדסמאַנשאַפט" אין ברייטערען זין פון וואָרט. און אַזוי רופען זיי זיך טאַקע די דריי און אַ האַלב צעהנדליג ביאַליסטאָקער לאַנדסמיטשאַפטען — 28 פון זיי פון ניו יאָרק און אומגעגענד, וואָס זיינען פאַרבונדען דורכ׳ן צענטער — די „ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַשאַפט".

דאָס סאמע כאראַקטעריסטישע פון צענטער איז, וואָס אין איהם זיינען קאָמבינירט די לאַנדסמאַנשאַפטען פון אַלע מינים — פון די אנשי׳ס ביז דער ראַדיקאַלסטער אידיישער לאַנדסמאַנשאַפט — קאָמבינירט ניט נאָר אין זייערע אייגענשאַפטען, נאָר אויך אין זייערע טואונגען — שול, צדקה, מאָדערנע אידישע קולטור און קאָנסטרוקטיווע סאָציאַלע הילף — אין אַ העכערען סינטעז.

די צווייטע נאָכ׳ן צענטער פאַראייניגונג־טענדענץ צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען געהט אין דער ריכטונג פון לאַנד־פאַרבאַנד — צו דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ברייטסטען און אָריגיעלסטען זין פון וואָרט, ווי דאָס וואָרט באַטייט: — לאַנדסמאַנשאַפט. אָט אַזוי ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די אידישע אָרגאַניזירונג אין אַמעריקע, פאַרהונדערטיאָהרען, מיט דער גרינדונג פון „בני ברית", וואָס איז לכתחילה און פאַרשטעלטערהייט געווען די לאַנדסמאַנשאַפט פון די ניי־אָנגעקומענע אידען פון דייטשלאַנד.

פון די לאַנד־פאַרבאַנדען דער ממשות׳דיגסטער איז „דער פאַרבאַנד פון די פוילישע אידען". ביידע — אי דער צענטער, אי דער לאַנד־פאַרבאַנד — ווערען באַהאַנדעלט אין באַזונדערע אַרטיקלען. קאָן איך מיר פאַרשפּאָרען זיי ארומצוריידען.

די דריטע פאַראייניגונגס־טענדענץ, וואָס צייכענט זיך אָן ביי די לאַנדסמאַנשאַפטען, געהט אין דער ריכטונג פון אַ פעדעראַציע, וואָס, להיפוך צו די לאַנד־פאַרבאַנדען, זאָל זי איינשליסען אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען, אָהן שום אונטערשייד, ניט מאַכענדיג קיין מחיצות צווישען זיי לויט די לענדער פון זייער אָפּשטאַמונג ; וואָס דאָס שליסט שוין איין דעם מיין, אַז אַ פעדעראַציע איז מעהר געווענדעט צום אָרט אַמעריקע, איידער צום עבר לים. אַזאַ באַוועגונג איז דאָ אין ניו יאָרק אָנגעגאַנגען אין די יאָהרען 1933 — 1934, ניט איבערלאָזענדיג אָבער נאָך זיך קיין ממשות׳דיגע רעזולטאַטען.

אין ניו יאָרק, וואו די לאַנדסמאַנשאַפטען געפינען זיך פנים אל פנים מיט די גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען שוין זייער מאָנאָפּאָל אויף פאָלקס־רעטונג, איז דער לאַנדסמאַנשאַפטען־פאַראייניגונג ניט לייכט אָנצונעמען אפילו די ערשטע געשטאַלט פון פעדעראַציע. אָבער אויסער ניו יאָרק האָבען זיי עס לייכטער. דאָרט איז ניטאָ די געפאַהר, אַז זיי זאָלען גלייך מיט זייער ערשטען שריט צו אַ פעדעראַציע, אַרויפטרעטען אויפ׳ן הינער־אויג פון אַ וועלכער עס איז עטאַבלירטער גרויסער אינסטיטוציע. אין אין דער פּראָווינץ זעהען זיך די לאַנדסמאַנשאַפטען מעהר אָן. די גרעסערע פון זיי האָבען אייגענע בנינים — האַלבע „קאָמיוניטי־צענטערס". און שפּילען אַ גאַנץ קענטיגע ראָלע. מען רופט זיי צו אַלע שטאָטישע אסיפות. און זיי ווייזען טאַקע מעהר אינטערעס אין לאָקאַלע ענינים, ווי אין ניו יאָרק.

און די באַוועגונג צו פעדעראַציעס פון לאַנדסמאַנשאַפטען האָט אין דער פּראָווינץ זיך בולט׳ער אויסגעפורעמט ווי דאָ. זי האָט שוין אָנגעזאָגט איהרע ציעלען. זיי ווילען דורך דער פאַראייניגונג פון אַלע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אויסבילדען פון זיך אַ דעמאָקראַטישע קהילה, וואָס זאָל איבערנעמען די פאַרוואַלטונג איבער אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע די אידען אין שטאָט. פריהער פון אַלץ די פאַרוואַלטונג איבער דער פאָלקס־דערציהונג, וואָס זאָל ארומנעמען אַלע מינים לערען־אַנשטאַלטען — פון דער פאָלקשולע ביז צו דער תלמוד תורה. ניט בלויז דער מין, וואָס געפעלט דוקא די „טשאַריטיס". און איבערנעמען די פאַרוואַלטונג איבער כשרות, דאָס פרומע פאָלק זאָל קאָנען זאָגען א דעה בנוגע די פרייזען אויף כשר פלייש. און לייזען זייערע אייגענע פּראָטערנאַלע פּראָבלעמען. אויך די דרינגענדיגע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס מאַכען ווייטאָגן די אידישע איינוואוינער פון שטאָט.

אין פילאַדעלפיע איז די באַוועגונג, ארויסוואקסענדיג פון אַ קאַמף געגען יקרות אויף כשר פלייש, אָנגעגאַנגען דורך די יאָהרען 1929 — 1930, אריינציהענדיג ביז 700 פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ שטאַרקער באַטייליגונג פון די לאַדזשעס און פון דער פיהרערשאַפט פון אָרדען „ברית שלום". צוויי שטאָט־קאָנווענשאָנס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, וואָס די צווייטע האָט די קהילה שוין געהאַט אָרגאַניזירט — מיט אַן אויספיהר־קאָמיטעט, מיט אַ פאָרזיצער, מיט אַן אַפּאַראַט, גרייט אָנצוהויבען צו פונקציאָנירען — און איז פלוצלונג צוזאמענגעבראָכען געוואָרען דורך אַן איבערקערעניש אין דער לאָקאַלער צייטונג, וואָס האָט די קהילה קאָמפּאַניע דורך די צוויי יאָהר אָנגעפיהרט ; די צייטונג איז געצוואונגען געוואָרען דורך די לייט, וואָס האָבען געהאַלטען דעם מאָרטגיידזש אויף איהר מאַשינערי, אין איין נאַכט אומצודרעהען איהר פראָנט אין דער קהילה־אישו.

אין שיקאַגאָ איז די באַוועגונג צו אַ פעדעראַציע פון

לאַנדסמאַנשאַפטען אָנגעגאַנגען גלייכצייטיג מיט דער ניו יאָרקער באַוועגונג. צוויי יאָהר צייט האָט די פעדעראַציע פונקציאָנירט, אָרגאַניזירענדיג די לאַנדסמאַנשאַפטען פון שיקאַגאָ און אומגעגענד, אָפּהאַלטעדיג צוויי קאָנווענשאַנס, ארויסגעבענדיג פלוגבלעטער און אַ וואָכענשריפט. די קהילה־אישו איז אויפגעהויבען געוואָרען, אָבער איז נאָך אָפיציעל ניט געווען אריינגענומען אין פּראָגראַם. דאָך דאָס פּראָגראַם איז געווען אזוי ברייט אויסגעאַרבייט, אַז ווען די פעדעראַציע שטעלט זיך פעסטער איין, וואָלט זי במילא פונקציאָנירט ווי דעם פאָלקס אייגענע קהילה. די אָנפיהרער זיינען געווען יענע פאָלקס־אינטעליגעטען אין די לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס ווילען זיך ניט לאָזען איינשפּאַנען אין קיין פאַרטיי, באַשטעהענדיג דערויף, אַז די לאַנדסמאַנשאַפטען זאָלען אין פולסטער טאָלעראַנץ מאַכען ביי זיך פּלאַץ פאַר אַלע אידייען־ריכטונגען, וואָס האָבען געקראָגען אָנערקענונג ביים אידישען פאָלק.

אין דעטראָיט, קליוולענד, פּיטסבורג, ראטשעסטער האָבען די לאַנסמאַנשאַפטען נאָך ניט דערפיהרט אזוי ווייט ווי ביז אַ פעדעראַציע־קהילה; נאָר די גרעסטע לאַנדסמאַנשאַפטען — די אָדעסער, פּינסקער, בערדיטשעווער — זיינען צוגעשטאַנען צו די „קאָמיוניטי טשעסטס”, וועלכע האָבען לעצטענס, אונטער דעם איינפלוס פון די פּראָגרעסיווע סאָשעל וואירקערס, זיך גענומען עפענען פאַר׳ן פאָלק — מיט דער ווייטערדיגער כונה אַזוי אַרום גראַדענוויז איינצושטעלען אַ מעהר אָדער ווייניגער דעמאָקראַטישע קהילה. באַטייליגען זיך די לאַנדסמאַנשאַפטען אין די „קאָמיוניטי טשעסטס”־קאַמפּיינס און קריגען ארויס שטיצע — אין דעטראָיט, ראָטשעסטער פאַר די פאָלקס־שולען; אין פּיטסבורג — פאַר׳ן „אָרט”, מיט אַ צוזאָג פאַר דער פאָלקס־שולע, וואָס גרינדעט זיך דאָרט.

קהילה אין אַ ווענדונג מיט׳ן פּנים צו אַמעריקע. קהילה וואָלט במילא אריינגעצויגען אין די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס פּלאָגען די אידישע יוגענט אין אַמעריקע — אין פּראָבלעם פון דיסקרימינאַציע, אין פּראָבלעם פון איהר ניט פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטיילונג אין די פאַכען און פּראָפעסיעס.

די טענדענצען צו צענטער, לאַנד־פאַרבאַנד, פעדעראַציע פון לאַדסמאַנשאַפטען, אפילו ווען זיי וועלען די צוזאָגען, וואָס זיי טראָגען מיט זיך, ניט דערפילען, ווייזען זיי אָבער וואו די לאַנדסמאַנשאַפטען ציעלען.

די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אַ פּאָטענציעלער כח, וואָס בעט זיך אָרגאַניזירט צו ווערען. אָבער אפילו ניט אָרגאַניזירטערהייט, אין זייער איצטיקען צעשטויבטען צושטאַנד, שטעלען זיי מיט זיך פאָר אַ כח. אַ ראיה דערויף האָבען מיר אין דעם, וואָס יעדע גרעסערע אינסטיטוציע אָרגאַניזירט אַרום זיך אַ „קאָונסיל פון אָרגאַניזאַציעס”, וואָס דאָס מיינט פריהער פון אַלץ לאַנדסמאַנשאַפטען. גאַנץ פריה האָט זיך אָנגעהויבען די שעצונג פון דעם פאַרבאָרגענעם כח פון די לאַנדסמאַנשאַפטען. זיי זיינען ניט פאַרזעהן געוואָרען. יעדע אויפקומענדיגע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט געזוכט זיך אָנצושפּאַרען אויף זיי. די לאַנדסמאַנשאַפטען־קאָונסילס ביים „האַיאַס”, ביי דער דזשואיש עדיוקיישאָן אַסס׳ן, האָבען מיר שוין דערמאָנט אין אַ פריהערדיגער פאַרבינדונג. — ווען דר. י. מאַגנעס האָט אין 1909 אָרגאַניזירט די קהילה צו באַדינען סאָציאַל און נאַציאָנאַל די אידישע באַפעלקערונג פון גרויס ניו יאָרק, האָט ער געלייגט גרויס געוויכט דערויף די קהילה זאָל אריינציהען די לאַנדסמאַנשאַפטען. און כל זמן די קהילה האָט אָנגעהאַלטען אַ לעבעדיגע פאַרבינדונג מיט זיי, האָט עס אויסגעזעהן, אַז זי וועט איהר ציל דערגרייכען — און ניט איינגעשרומפּען ווערען צו אַ צאָל ספּעציעלע קאָמיטעס פאַר בילדונג און סאָציאַלער פאָרשונג. — דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס”, וואָס זיין הויפּט־זאָרג איז דער פּאָליטישער שוץ פון די אידען אין די לענדער פון פאַרפאָלגונג, גיט גוט אַכטונג, אַז די פאָרשטעהער פון די לאַנדסמאַנשאַפטען זאָלען ניט פעלען אויף זיינע קאָנפערענצען און אין זיין אַדמיניסטראַציע. אַזוי טוט אויך און ווערט באַלוינט פאַר איהר מיה די פעדעראַציע פון די אידישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען פון ניו יאָרק. אָבער די בעסטע ראיה אויף דער שעצונג, וואָס מען טיילט צו די לאַנדסמאַנשאַפטען, שטעלט צו די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע”; אָט די ריזיגע רעליעף מאַשינערי, וואָס איז בכח געווען אַרויסציהען יאָהר איין יאָהר אויס מיליאָנען אוצרות פון אַמעריקאַנער אידען — די „דזשאָינט” האָט די לאַנדסמאַנשאַפטען ניט נאָר ניט פאַרפעלט, נאָר האָט געטאָן אַ סך מעהר: אויפגעבויט אַרום זיך אַ רינג פון אַריבער 600 לאַנדסמאַנשאַפטען, און זוכט צו פּועלן ביי זיי נאָך איין זאַך — אַז די הילפס־געלטער, וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען זאַמלען פאַר זייערע שטעט, און די פּריוואַטע געלטער, וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען שיקען אַריבער פון קרובים צו קרובים, זאָלען געשיקט ווערען דורך דער דזשאָינט — פאַר זיכערקייט, שפּאָרונג פון הוצאות און סיסטעמאַטישער פאַרטיילונג. — אָט־דער פאַקט אַליין איז דער בעסטער אַטעסטאַט פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטען.

די דזשאָינט געדענקט, אַז איין צייט, אין די קאַטאַסטראָפאַלע נאָך־מלחמה יאָהרען, האָבען די דאָזיגע איבערשיקונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען באַטראָפען אַ סך מעהר, וויפיל די „דזשאָינט” אליין האָט געשיקט פון דער הכנסה פון איהרע רעליעף קאַמפּיינס.

און קיין רעליעף־קאַמפּיין — פאַר צוועקען אין אַמעריקע אָדער אויסלאַנד — אויף ישיבות, שפּיטעלער, סאַניטאַריומס, פאַר קולטור־אינסטיטוציעס, פאַר קאָלאָניזאַציע — אין פּאַלעסטינע אָדער בירא־בידזשאַן, הילף פאַר די פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך, לאָזט די לאַנדסמאַנשאַפטען ניט דורך. און די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אָפען פאַר יעדען אַפּיל — וואָס דאָס אַלץ איז גענוג באַווייז, ווי אָנגעזעהן די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אין דער אידישער עפענטליכקייט. דערמיט ווערט אַרויסגעוויזען ניט נאָר שעצונג פון דעם געלט־געבענדיגען כח פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס שטעלט זיך צונויף פון איינצעלנע דאָלארען, פינפערלאַך און צעהנערלאַך; נאָר אזוי ווי דאָס איז פרייוויליגע געבונג,

דאַרף עס האָבען הינטער זיך אַ געהעריגען האַרץ־אינטערעס און אידייאישע פאַרשטענדניש. דאָס איז אַ געבונג, וואָס דערציהט, אַדעלט, מאכט קלוג דעם געבער; יעדער געלט־קאַמפּיין איז גלייכצייטיג אַן אויפקלערונג־קאַמפּיין, וואָס הויבט ארויס די לאַנדסמאנשאפט פון ענגען קרייז פון אינטערעסען.

די לאַנדסמאנשאפט איז פאַקטיש אַ פאָלק־אויסבילדענדיגע אינסטיטוציע.

דאַרף דאָ נאָך אין באַטראַכט גענומען ווערען, אַז לאַנדסמאשאפט מיינט ניט די גענויע צאָל מיטגלידער, וויפיל זי פארמאָגט. ווען מען ווענדט זיך צו דער לאַנדסמאנשאפט, דערגרייכט מען דעם פיל גרעסערען עולם, וואָס געפינט זיך אין איהר איינפלוס־ספערע. ווי גרויס אין דער „גרעסערער עולם וואָס אַרום די לאַנדסמאַנשאַפטען? אָבער צורעשט ווי גרויס איז דער עולם, וואָס איז אינווייניג אין די לאַנדסמאַנשאַפטען? פאַר די וואָסערע 1905 וואָס זיינען טאַבולירט געוואָרען, גיט די שרייבער־אַנקעטע אָן — 257,067 מיטגלידער — איבער אַ פערטעל מיליאָן. לאַנדסמאנשאפטען אין ניו יאָרק ווערען געשאַצט איבער 3000 — קאָן די גאַנצע לאַנדסמאנשאפטען־מיטגלידערשאַפט פון ניו יאָרק געשאצט ווערען אין 450,000. דאָס איז דער אינעווייניגסטער עולם פון די לאַנדסמאנשאַפטען. אום צוצוקומען צום גרעסערען עולם, וואָס ארום די לאַנדסמאנשאפטען, דאַרף די צאָל פריהער פון אַלץ געטאָפּעלט ווערען. ווייל אויף יעדען מיטגליד אַ לאַנדסמאַנשאַפט איז ווינציגסטענס דאָ נאָך איינער אין דער פאַמיליע, וואָס בענעפיטירט דורך איהם פון דער לאַנדסמאנשאפט. — האָבען מיר שוין אַ קימא לן פון 900,000. — איצט דארפען מיר געדענקען, אַז כאָטש די לאנדסמאנשאפט האַלט אָן איהר מיטגלידערשאַפט־צאָל און פאַרמעהרט זיך נאָך, איז עס אַ פליסיגע מיטגלידערשאַפט ביי די ברעגען; מיטגלידער פאַלען אָפּ אין די זומער־חדשים אין די הונדערטער; דער שאָדען ווערט גוטגעמאַכט אין די ווינטער־חדשים מיט אַ הוספה. אָבער די הונדערטער אַוועקגעפאלענע האָבען פאַרזוכט פון מיטגלידערשאַפט. און דאָס געהט אָן כסדר אזוי דורך די צעהנדליגער יאָהרען. קאָנען מיר שוין אויפהויבען דעם „גרעסערען עולם" פון ארום די לאַנדסמאַנשאַפטען לכל הפחות ביז א מיליאָן מיט אַ פערטעל.

אַ מיליאָן מיט אַ פערטעל אידען אין ניו יאָרק זיינען אויף דעם אָדער יענעם אופן, דירעקט אָדער אומדירעקט, געקומען און קומען אין באריהרונג מיט די לאַנדסמאנשאפטען. און דאָס איז ערשט די קלענערע העלפט פון דעם „גרעסערען עולם"; די צווייטע, גרעסערע העלפט, געהערט צוזאַמען מיט די לאַנדסמאנשאפטען צו דער זעלביגער מזרח־אייראָפּייאישער סביבה. דער זעלביגער מענטשען־מאַטעריאל אינעווייניג אין די לאַנדסמאַנשאפטען, ווי דרויסען פון זיי. נאָר צופאַל, זייטיגע סיבות, האַלטען די — אינעווייניג און יענע — דרויסען. דאָס מיינט, אַז כמעט אַ העלפט פון דער אידישער באַפעלקערונג פון ניו יאָרק וואָלט געקאָנט דערגרייכט ווערען דורך די לאַנדסמאנשאפטען, ווען זיי וואָלטען רעאָרגאניזירט געוואָרען אין אַן אַגענטור פאַר אַקטיווער באאיינפלוסונג, אנשטאָט וואָס זיי זיינען איצט כלים פאַר פאסיווער אויפנעמונג פון איינפלוסען.

אַזאַ ריזיגער פּאָטענציעלער כח, מיט אַזאַ ריזיגער פּאָטענציעלער ווירקונג־ספערע, טאָר ניט פאַרנאַכלעסיגט ווערען. די לאַנדסמאַנשאַפטען האַלטען זיך, פאַרמעהרען זיך, אַדאָפּטירען זיך, פאַרוואַנדלען זייערע פאָרמען — אָבער ווער ווייס? — איבערלאָזען אומאָרגאניזירטערהייט אויף נאָך אַ צעהנדליג יאָהר, קאָן זייער כח צעפלאָסען ווערען. זיי דארפען געהאָלפען ווערען צו דער זעלבסט־אָרגאניזאציע, צו וועלכער זיי שטרעקען זיך.

מ. באַסין

די פאַמיליע־קרייזן

די פאַמיליע־קרייזן זיינען אַ נייע דערשיינונג אין דעם אידישען אָרגאַניזאַציע־לעבען דאָ אין לאַנד.

מענטשען האָבען דערפיהלט אַ זיכערען באָדען אונטער זיך, געלאָזען וואָרצלען אין איהם, איינגעלעבט זיך און האָבען אָנגעהויבען בענקען נאָך דער געזעלשאַפט פון אייגענע, קרובים.

ווי געזאָגט איז, אין תוך, דער פאַמיליע־קרייז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פאַר משפחה־קאָנטאַקט, מיט'ן אָפזיכט אויסצולעבען זיך געזעלשאַפטליך אין קרייז פון אייגענע.

עס איז געווען דער נאַטירליכער סענטימענט פון קרובה'שאַפט, וואָס איז אין די ערשטע יאָהרען פון איינוואַנדערונג, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אונטער נייע באַדינגונגען, נייעם לעבענסשטייגער, פאַרטויבט און אָפגעשוואַכט געוואָרען און וואָס האָט שפּעטער מיט דער אַקלימאַטיזירונג, אויפגעוואַכט און איז צוריקגעקומען אַ סך שטאַרקער, געפינענדיג זיין פולען אויסדרוק אין דער אָרגאַניזירונג אַרבייט, ווי אין דעם געזעלשאַפטליכען אויסלעבען זיך פון אָט־די קרייזען.

דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע משפחה־אָרגאַניזאַציעס דאָס פאַרהערלעכען און טייער האַלטען די עראינערונג פון אַלטע, פאַרשטאָרבענע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, וועמעס נעמען די מעהרסטע פון אָט־די פאַראיינען טראָגען.

איניגע פון זיי האָבען אַפילו פאַראייביגט די נעמען פון די, זיי פאַרהייליגטע, עלטערען און אור־עלטערען, דערמאָנענדיג זיי ווי אויסגעטיילטע פערזענליכקייטען אין באַזונדערע פאַראַגראַפען פון זייערע קאָנסטיטוציעס. אָט־די אויסצוגען ווערען פאָרגעלעזען ביי יעדער ערעפענונג פון אַ פאַרזאַמלונג און דינען ווי אַ מין צערעמאָניאַל: אַלע מיטגלידער שטעלען זיך אויף און הערען אויס אין שווייגען דעם אויסצוג פון דער קאָנסטיטוציע.

אַנדערע עפענען אויף די פאַרזאַמלונג מיט ספּעציעל פאַרפאַסטע לידער אין ענגליש. אָפטמאָל איז עס אויך אַ קאָמבינאַציע פון ענגליש מיט אידיש. דער שרייבער פון די שורות האָט בייגעוואוינט איניגע אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פון אָנהויב ביז צום סוף. זיי מאַכען דעם איינדרוק פון צוזאַמענקונפטען אויף באַוואוסטע אידישע שמחות, ווי חתונות, ברית'ן: צוערשט האַרציגע באַגעגענישען—מען האַלזט זיך, מען קושט זיך, ווי מען וואָלט זיך פאַר צענדליגע יאָהרען ניט געזען. פון אַלע זייטען פריידיגע אויסגעשרייען: „טייערינקע, שוועסטעריל, מאַמעלע". די מענער דריקען זיך וואַרים די הענט, קלאַפּען זיך וואוילזונגעריש אין פּלייצע. פאָרוויין און אין גרופּען בלייבט מען שטעהן איבערוואַרפענדיג זיך מיט גוטמוטיגע רייד און אָפטמאָל סודות'דיגע ווערטער, וואָס פאַרענדיגען זיך מיט פרעהליכע אויסרופען און געלעכטערס.

די געשעפט־זייט פון דער פאַרזאַמלונג ווערט ניט גענומען צו־ערנסט און ווערט אָפּגע'פּטר'ט שנעל. נאָכדעם הויבט זיך אָן דאָס פייערליכע אויפנעמען פון חשוב'ע מיטגלידער און געסט. דער כבוד, וואָס ווערט צוגעטיילט צו גאָר אַלטינקע פון דער משפחה, ברייננגט אַ באַזונדער יום טוב'דיגע אַטמאָספערע.

ביי אַיינער פון אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָט דער שרייבער אויך געהערט פאָרלייענען בריוו פון דייטשע פליכטלינגע, וואָס טראָגען דעם נאָמען פון דעם פאַמיליע־קרייז, אָבער וואָס געהערען זיך אפשר גאָרניט אָן מיט דער פאַמיליע. זיי האָבען געהערט, שרייבען זיי, פון דעם קרייז און האָפען, אַז דאָס איז אייגענע משפחה, וואָס וועט זיי העלפען אַריבערקומען אין אַמעריקע. און די עקזעקוטיווע האָט אויפ'ן פאַרלאַנג פון די מיטגלידער, פאַרשפּראָכען אויסצואַרבייטען פּלענער, ווי אַזוי אָפּצורופען זיך אויס'ן הילף־געשריי.

ווי געזאָגט, געהט דער געשעפט־טייל צו גאַנץ שנעל: יעדער מיטגליד טראָגט כמעט זינגענדיג צו זיין מעהרסטענס־פּריוויליגען בייטראָג צו דער אָרגאַניזאַציע אָדער צו אַ געוויסען וואוילטאַט־פאָנד, ווער מיט אַ שמייכעל, אַ וויץ, אַ חנ'דעל.

עטוואָס אָן דער זייט שטעהען געדעקטע טישען מיט פלעשער וויין, גאַנצע טאָרטען, זיס־געבעקס און סענדוויטשעס. שפּעטער ברענגט מען צו קאָפע, אייז־קרים, פאַרשיידענע אַנדערע נאַשערייען וואָס די מיטגלידער ברייננגען צוזאַמען. קורץ, כמעט — אַ חתונה. זעהר אָפט ווערען געוויזען סינעמאַטאָגראַף־בילדער פון פריהערדיגע צוזאַמענקונפטען, פייערונגען און אפילו פון וועלטליכע געשעהענישען.

ביי די געדעקטע טישען, ווערען אויסגעטיילט חתונה־מתנות און מתנות צו פאַרשידענע אַנדערע שמחות פון מיטגלידער. ביי אַזעלכע געלעגענהייטען געהט מען אַריין אין אַ געהויבענער שטימונג און מען הויבט אָן צוטראָגען ביישטייערונגען צו וואוילטאַט־פאָנדען. אַזוי ציהען זיך אַריין גע־

ווייניקע פאַרזאַמלונגען ביז איינס אַזייגער אין דער נאַכט און שפּעטער.

שוין אָפּגערעדט פון אָפּטע טיי־פּאַרטיס, וועטשע־רינקעס און גלאַט יום טוב'דיגע צוזאַמענקונפטען יעדען מאָהל ביי אַן אַנדער מיטגליד אין הויז.

ווי אַ פּרעזידענטין האָט דעם שרייבער איבערגעגעבען, פּראַוועט איהר פאַמיליע־קרייז אַלע פּסח אַן אַלגעמיינעם סדר מיט דער באַטייליגונג פון אַלע מיטגלידער און זייערע קינדער. און דער איינדרוק, די שמחה, די פייערליכקייט, זאָגט זי, איז גאָרניט איבערצוגעבען.

דאָס זיינען שוין אָבער שמחה'לאַך, וואָס האָבען, חוץ דעם געוויינליכען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער אויך אַן אַנדער אינהאַלט: דאָ האָט מען שוין באַזונדערס אין־זינען די יוגענט צוזאַמענצוברייננגען און דערנעהענטערען.

טאַטע־מאַמע זוכען שדוכים פאַר זייערע טעכטער און זיהן און וואָלטען וועלען, אַז עס זאָל זיין צווישען אייגענע. עפּעס מעהר נאָהענטקייט, מעהר שמחה,—שטעלט מען זיך ניט אינגאַנצען צופרידען מיט די באַזונדערע יוגענט־פאַראיינען, וואָס מען האָט, טאַקע פאַר דעם זעלבען צוועק געהאָלפען גרינדען, אַראַנזשירט מען ספּעציעלע שמחה'לאַך, וואו די יוגענט קומט פאַרברייננגען און טאַטע־מאַמע קלייבען נחת.

אַ באַזונדער אינטערעסאַנטער שטריך פון דער יוגענט פון אָט־די פאַראיינען זיינען זייערע ערשטע באַגעגענישען: כמעט אַלע יונגע מענטשען האָבען דאָך פריינט, חברים און קענען ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס זיי דאַרפען זוכען נייע באַקאַנטשאַפט. אָבער עס ווירקט ווי אַ כשוף: מ'דערקענט זיך — פאַרט אייגען בלוט — און מ'דערפיהלט איינס צום צווייטען עפּעס מעהר ווי צו גלאַט חברים, אַזוי האָט דער פּרעזידענט פון אַן אַנדער פאַמיליע־קרייז באַמערקט.

די פאַרזאַמלונגען פון די גרעסערע און רייכערע פאַמיליע־קרייזען ווערען געוויינליך אַראַנזשירט אין האָטעלען און טראָגען אָפּט, אויבענאויף, אַ פאָרמעלען, מעהר איינגעהאַלטענעם כאַראַקטער.

זעהר אָפט זיינען דאָס אָרגאַניזאַציעס מיט אַמעריקאַניזירטען, אַזוי־גערופענעם, אַרויפגעאַרבייטען עלעמענט, צווישען וועלכען עס געפינען זיך אַ היפּשע צאָהל אויפגעקומענע געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלען און אָפּילו פערזענליכקייטען, וואָס פאַרנעמען הויכע רעגירונגס־שטעלעס. אָבער אויך דאָרטען פעהלט ניט אויס די אמת'ע פרייד און פייערליכקייט פון אַ אידישער משפחה־צוזאַמענקונפט און אפילו ניט די אידישע שפּראַך.

כאָטש אַלע שטרענגען זיך אָן צו ריידען דורכאויס ענגליש, קען מען דאָרט ניט זעלטען הערען אַזעלכע אויסרופען ווי: „אוי, יו לוק וואונדערפול, קיינאַהאָרע". אָדער: „האו איז יור מעזיניקל?" צי: „ס'מאַזל אויף זיי".

זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דעם אַמעריקאַניזירטען מין פאַמיליע־קרייז, איז איינער פון זיי, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט באַזוכט.

ווען די נויט־געשרייען פון די מלחמה־קרבנות האָבען זיך געלאָזט הערען פון יענער זייט ים, האָט אָט־די גרויסע משפחה פון ניו יאָרק און אומגעגענט, אָרגאַניזירט זיך מיט'ן צוועק צו העלפען זייערע פאַראומגליקטע קרובים, אין דער אַלטער היים: אַכטונג צו געבען אויף די אומבאַהאָלפענע פון דער פאַמיליע דאָ אין אַמעריקע און שאַפען אַן אַטמאָספערע פאַר אַ דערנעהענטערונג פון אַלע מיטגלידער דורך אָפטע צוזאַמענקונפטען.

אין פאַרלויף פון יאָהרען האָט זיך דער פאַמיליע־בוים צעצווייגט און איז אויסגעוואַקסען צו אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 400. אין די קאַרגע 20 יאָהר, וואָס דער פאַראיין עקזיסטירט, זיינען דאָרט אויפגעקומען אַ היפּשע צאָהל אָנגעזעהענע און אַפילו באַוואוסטע פּערזענליכקייטען אויף פאַרשידענע געביטען פונ'ם אַמעריקאַנעם אידישען לעבען.

די ערשטע יאָהרען נאָך דער גרינדונג, האָט די אָרגאַניזאַציע געטראָגען אַ גאַנץ אידישליכען כאַראַקטער. די גרויסע אידישע בערד פון איהרע גרינדער האָבען זיך פּראָמינענט אָנגעזעהען אויפ'ן אויבענאָן פון די אָפיציעלע בריוו פון פאַראיין, וואו אַפילו די אידישע פאָהן ביים זייט פון דער אַמעריקאַנער האָט ניט אויסגעפעהלט.

שפּעטער אָבער ווען אַ צאָהל מיטגלידער זיינען אויפגעקומען און אויסגעוואַקסען צו העכערע שטעלעס אין געזעלשאַפטליכען לעבען און אין דער געשעפטס־וועלט פון ניו יאָרק, זיינען שוין אָט־די דערמאָהנטע פּראָמינענטע אידישע בערד מעהר קיין „שיינדעל" ניט געוועזן. און דער סעקרעטאַר פונ'ס קרייז האָט ביים אַרויסשיקען בריוו צו די „פּערזענליכקייטען" געמוזט אַרונטערנעמען די דערמאָנטע בערדיגע אידען מיט דער אידישער פאָהן צוזאַמען פון די בריוו.

איינע פון די אויפגאַבען פון דעם זעלבען פאַראיין איז אויך צו זעהן אַרויסהעלפען די אָרימערע מיטגלידער אין געשעפט אַז זיי זאָלען, „חלילה", קיין אַרבייטער ניט דאַרפען ווערען.

כמעט אַלע פאַמיליע־קרייזען שטרענגען זיך אָן דורך באַזונדערע פאָנדען צו פאַרזאָרגען די אומבאַהאָלפענע און פאַראָרימטע אין די אייגענע רייהען און זוכען צו מאַכען זיי פיהלען גוט און היימיש.

טראָץ דעם פּערזענליכען מאָטיוו פון כמעט אַלע פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס, טוען אַ היפּשע צאָהל פון זיי אַ סך גוטע אַרבייט אויסער די גרעניצען פון זייערע אייגענע רייהען: זיי אַרבייטען האַנט אין האַנט מיט פאַרשידענע וואוילטעטיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס, קומען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט פאַרשידענע אידישע אינסטיטוציעס דאָ אין לאַנד און אויך פון יענער זייט ים, וואָס זיי שטיצען מיט אַ פולער האַנט.

פאַר דעם צוועק האָבען זיי באַזונדערע פאָנדען, וואָס יעדע אָרגאַניזאַציע רופט אָן מיט אַן אַנדער נאָמען, ווי: „טשיר־פאָנד, סאָנשיין־פאָנד", א. ד. ג.

שלמה נימפלין

אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון דער עלטסטער אידישער קהילה אין ניו יאָרק

אַלערליי פעלקער זיינען פאַרהאַן אין ניו יאָרק. און — אַלערליי אידען. רוסישע אידען, פוילישע אידען, עסטרייכישע, האָלענדישע, רומענישע, אַפריקאַנישע... פון אַלע טיילען פון דער גאָרער וועלט.

די האָלענדישע אידען קאָנען אָנווייזען מיט באַזונדערען שטאָלץ — זיי זיינען געווען די ערשטע אידען צו לאַנדען אויפ'ן אַמעריקאַנעם באָדען. ניו יאָרק האָט דאַמאָלט געהייסען — ניט ניו יאָרק, נאָר „ניו אַמסטערדאַם" און איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע קאָלאָניעס פון דער האָלענדישער מלוכה.

אין פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון די ערשטע אידען אין ניו יאָרק, איז ווירקליך אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען: ווער זיינען געווען די ערשטע אידישע „סעטלערס" אין ניו אַמסטערדאַם און פונוואַנען זיינען זיי געקומען? מיט וואָסערע פרנסות האָבען זיי זיך באַשעפטיגט? ווי אַזוי האָט זיך די היגע אידישע קהילה פאַנאַנדערגעוואַקסען און ווי אַזוי איז די לאַנדסמאַנשאַפט פון די האָלענדישע אידען אין ניו יאָרק צושטאַנד געקומען?

אַ בלעטעל אידישע געשיכטע פון דער קאָלאָניאַלער אַמעריקע

אַריבער 40 יאָהר האָט האָלאַנד געוועלטיגט איבער ניו אַמסטערדאַם: פון 1623 ביז 1664. אין 1664 האָט ענגלאַנד די טעריטאָריע איינגענומען און, מיט'ן אויסנאַהם פון לערך אַ יאָהר, אָנגעהאַלטען איהר ממשלה ביז 1775, ווען די קאָלאָניסטען זיינען זיך צונויפגעקומעןביים „פּראָווינציאַלען קאָנגרעס" און געלייגט דעם באָדען פאַר דער גרויסער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. אָט־די רעוואָלוציע האָט, ווי יעדער ווייסט, אַ סוף־געמאַכט צו דער ענגלישער הערשאַפט איבער אַמעריקאַ און געפיהרט צו דער באַשאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיגער מדינה.

די 40 יאָהר פון דעם האָלענדישען רעזשים אין ניו אַמסטערדאַם זיינען געווען גינסטיגע פאַר אידישער אימיגראַציע דאָ. די היגע אידישע קהילה האָט געבליהט.

באַזונדערס וויכטיג פאַר אונז איז דאָס יאָהר 1654, וואָרום אין יולי פון דעם יאָהר, איז מיט דער שיף „פּעירטרי", אָנגעקומען אַהער פון האָלאַנד דער ערשטער אידישער „סעטלער" דזשייקאָב באַרסימסאָן. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דאָ געלאַנדעט די שיף „סט. קאַטאַרינאַ", מיטפיהרענדיג מיט זיך די ערשטע אידישע אימיגראַנטען־גרופּע: 27 אידען פון בראַזיל, וועלכע האָבען פון דאָרט געמוזט אַנטלויפען ווען פּאָרטוגאַל האָט די קאָלאָניע צוריקגענומען פון האָלאַנד. די פּאָרטוגעזער האָבען דאַן אַרויסגעגעבען אַ גזירה, אַז אַלע אידען פון בראַזיל מוזען אַרויס אין גלות. האָבען די 27 אידען, וועלכע מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, גענומען האַק־און־פּאַק און עמיגרירט קיין אַמעריקאַ. אינגיכען האָבען די עטליכע טויזענט נאָך פאַרבליבענע אידען אין בראַזיל, אויך געטאָהן דאָס זעלביגע.

מיט'ן אָנקומען פון יענע 27 אידען, איז פאַרבונדען אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט:

ווי עס ווייזט־אויס האָבען זיי קיין געלט אויף שיפסקאַרטען ניט געהאַט, וואַרום די שיפס־קאָמפּאַני האָט, פאַר'ן פאָהרען, אונטערגעשריבען מיט זיי אַ קאָנטראַקט: זי לייגט־אויס פאַר זיי דאָס געלט, מיט'ן תנאי, אַז מ'זאָל זיי ערלויבען פאַרקויפען דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פון די מיטפאָהרער און דערצו, האַלטען ביי זיך צוויי פּאַסאַזשירען, אַלס משכנות, ביז דער באַלאַנס פונם חוב וועט אויסגעצאָהלט ווערען.

די פּאַסאַזשירען האָבען דערויף איינגעשטימט — אַ ברירה האָבען זיי געהאַט? — און די רייזע איז אַריבער בשלום.

די אידישע קהילה פון ניו אַמסטערדאַם, איז פון 1654 אָן געוואַקסען ווי אויף הייוועז. די אידישע קאָלאָניסטען האָבען ביסלאַכווייז גענומען שפּילען אַ ראָליע אין עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען פון שטאָט.

אינטערעסאַנט איז די פּעטיציע, וואָס דריי אידען — אייבערהעם דע לוטשאַנאָ, סאַליוואַדאָר דע אַנדראַדאַ און דזשייקאָב קאָהען — האָבען אין 1654, צוגעשטעלט דער לאָקאַלער שטאָט־פאַרוואַלטונג, מ'זאָל געבען אַ שטיק לאַנד פאַר אַ אידישען בית־עולם. ענטפערענדיג אויף דער פּעטיציע האָבען די שטאָט־טאַטעס ערקלעהרט, אַז ניו אַמסטערדאַם קאָן זיך דערווייל באַגיין אָן אַ אידישען בית־עולם און זיי האָבען דעם פאַרלאַנג צוריקגעוויזען. שפּעטער אָבער, אין 1656, האָט די היגע אידישע קהילה געקראָגען אַ „לאָט", אויף ניו בויערי, לעבען אָליווער סטריט, אין מאַנהעטען. דער בית־עולם איז געבליבען און ווערט אָפּגעהיט ביז'ן היינטיגען טאָג. און אויף עטליכע מצבות זעהען זיך נאָך איצט אָן די נעמען פון באַערדיגטע.

עס ווערען דערמאָנט: מאָזעס לוטשאַנאַ און אשר ליווי, וועלכע האָבען ביי זייער לעבען געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען פון ניו אַמסטערדאַם.

וועגען גאָווערנאָר סטייוועסענט'ן, דאַרף מען, צווישען אַנדערעס, געדענקען: אַז אין זיין רעזשים איז געשאַפען געוואָרען די ערשטע אידישע געטאָ אין שטאָט.

אין 1682, איז דאָ געגרינדעט געוואָרען די ערשטע שוהל, באַקאַנט אַלס די „מיל סטריט קאָנגרעגעישאָן". דאָס איז די סאַמע עלטסטע קאָנגרעגעישאָן אין לאַנד. דער גרעסטער טייל פון איהרע טשאַרטער־מיטגלידער זיינען געווען האָלענדישע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די שוהל איז אַריבער 100 יאָהר געוויצן די איינציגע אין גאַנץ ניו יאָרק.

אידישע אימיגראַנטען קעמפען־אויס רעכט פאַר זיך אין נייעם לאַנד

עס קאָן זיך אפשר דוכטען, אַז די ערשטע אידישע אימיגראַנטען וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער האָבען גענאָסען פון די פרייהייטען און פריווילעגיעס, וואָס מ'האָט געגעבען אַנדערע פעלקער־גרופּעס דאָ. עס איז אָבער אַ טעות. קיין האָניג האָבען די דאָזיגע אידען ניט געלעקט. פּיטער סטייוועסענט, דער גאָווערנאָר פון „ניו נעדערלענדס", פון וועלכען ניו אַמסטערדאַם איז געווען אַ טייל, האָט שטאַרק פיינט געהאַט די אידען. באַזונדערס האָט ער געשטורעמט געגען דעם, וואָס אידישע „סעטלערס" קומען־אָן אַהער. און ער האָט, אויף פאַרשיידענע אופנים, געפּרואווט שטערען די באַוועגונג. דאָס האָט זיך איהם אָבער, בלויז אין אַ קליינער מאָס, איינגעגעבען.

דער לאַנגער קאַמף וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטען אין ניו אַמסטערדאַם האָבען אָנגעפיהרט, צו געווינען סיי עקאָנאָמישע, סיי ציווילע רעכט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאַפּיטעל פון העראָאיזם, עקשנות און געוואַלדיגען אויסדויער.

לאָמיר זעהען, ווי יענע אידען האָבען, פאַמעלעכוויז, זייער פילזייטיגען קאַמף געוואונען.

ווי־נאָר די ערשטע גרופּעס אידען זיינען אָנגעקומען אין נייעם לאַנד, האָט גאָווערנאָר סטייוועסענט געשיקט אַ שאַרפען פּראָטעסט צו דער „דאָטש וועסט אינדיעס קאָמפּאַני", אין אַמסטערדאַם, פאָדערענדיג, אַז די קאָמפּאַני זאָל מער ניט ברענגען קיין אידישע איינוואַנדערער אַהער. דער פּראָטעסט איז געשיקט געוואָרען צו דער קאָמפּאַני, וואָרום זי האָט אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־אַרבייט און איז אין דער אונטערנעהמונג געווען די גרעסטע דעה־זאָגערין.

דערוויסענדיג זיך וועגען גאָווערנאָר סטייוועסענט'ס אַנטיסעמיטישען באַשלוס, האָט די אידישע קהילה אין אַמסטערדאַם, זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער „דאָטש וועסט אינדיעס קאָמפּאַני" און זי האָט אויסגעווירקט, אַז די קאָמפּאַני זאָל באַפעלען דעם גאָווערנאָר צו־ריקצוציהען דעם באַשלוס אָפּצושטעלען אידישע איינוואַנדערונג אין נייעם לאַנד. די דאָזיגע פאַראָרדנונג איז אַ היסטאָרישע און שטעלט פאָר מיט זיך, קאָן מען זאָגען, די „מאַגנאַ קאַרטאַ" פון אידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע.

אין דער זעלבער פאַראָרדנונג, האָט די קאָמפּאַני ערקלעהרט, אַז די אידען פון ניו אַמסטערדאַם זיינען באַרעכטיגט צו די זעלבע ציווילע און פּאָליטישע פרייהייטען, וואָס מ'האָט זיי געגעבען אין דער אַלטער היים. אַ דאַנק דער אויסטייטשונג, האָבען די היגע אידישע איינוואוינער פרייער אָפּגעאָטעמט. און אַ ניי לעבען האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבען.

נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַריבער צוויי יאָהר, האָט די היגע אידישע קהילה, אין אַפּריל, 1657, ענדליך געוואונען בירגער רעכט. שטימרעכט איז דעם אידישען איינוואוינער גאַראַנטירט געוואָרען, צוגלייך מיט איינוואוינער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

צי האָט אַ איד דאָס געזעצליכע רעכט צו האַלטען שבת? ווערט די רעכט אָנערקענט?

אָט־די פראַגען זיינען, אויף אַ כאַראַקטעריסטישען אופן, אויפגעשוואומען אין היגע אידישע קרייזען, אין 1658. דאָס געריכט האָט ענדליך דערויף אַן ענטפער געגעבען.

געהאַנדעלט האָט זיך עס וועגען אַ ציווילער קלאַגע, וואָס עמיצער האָט יענעם יאָהר אַריינגעבראַכט אין אַ לאָקאַלען „קאָורט" געגען דעם אידען דזשייקאָב באַרסימסאָן. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז באַרסימסאָן איז גערופען געוואָרען צו ערשיינען פאַר'ן געריכט אין אַ שבת, צו ענטפערען אויף דער קלאַגע. נאַטירליך איז ער יענעם טאָג ניט געקומען. אָבער אָנשטאָט איהם צו באַשולדיגען, האָט דער ריכטער, פאַר ווענען די „קעיס" איז פאָרגעבראַכט געוואָרען, ערקלעהרט, אַז מ'קאָן באַרסימסאָנ'ען ניט ציהען צו פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר ניט קומען אין געריכט אין אַ שבת, „וואַרום שבת איז דער הייליגער אידישער רו־טאָג און דאַרף אַלס אַזעלכער אָנערקענט ווערען".

די ערשטע אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער, האָבען זיך ניט געקאָנט נעמען צו לאַנד־פאַרקויף, וואַרום די לאָקאַלע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט גע־פסק'נט: „פאַרבאָטען פאַר אידען", אויף קויפען „פּראָפּערטי" איז געווען געגען געזעץ. טאַקע וועגען דעם האָט זיך אַנטוויקעלט אַ ביטערער קאַמף אין געריכט. און עס איז כדאי די איינצעלהייטען דאָ איבערצוגעבען.

אין דעצעמבער 1655 האָט דער האָלענדישער איד, סאַלוואַטאָר ד'אַנדראַדאַ, געקויפט אַ „לאַט" און אַ גרויס הויז אין שטאָט. ווען דער באַלעבאָס האָט געהאַלטען אין פאַרענדיגען דעם „דיעל" מיט ד'אַנדראַדאַ'ן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס געזעץ פאַרבאָט מ'זאָל פאַרקויפען

ריעל עסטעיט צו אַ אידען. דער סוף איז געווען, אַז דאָס געריכט האָט די טראַנסאַקציע בטל־געמאַכט און די „פּראָ־פּערטי" איז פאַרקויפט געוואָרען צו אַן אַנדערען.

אינגיכען איז דער געזעץ אָפּגעשאַפט געוואָרען.

צוליב די אַנטי־אידישע געזעצען, וואָס זיינען געווען אין קראַפט אין ניו אַמסטערדאַם, בעת גאָווערנאָר סטיי־וועסענט האָט דאָרט געהערשט, האָבען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען זיך ניט געקאָנט נעמען צו האַנדעל און ס'איז זיי אויך געווען פאַרבאָטען אַנצופיהרען מיט „סטאָרס" אָדער געשעפטס־פּלעצער. נאָך אַ שטאַרקען קאַמף, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעפיהרט, זיינען אויך די גזירות אָפּגעשאַפט געוואָרען.

אין אַ נייעם פאַרזוך אָנצוטאָהן אידען צרות, האָט גאָ־ווערנאָר סטייוועסענט אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ ספּעציעלען מיליטערישען שטייער. ווען די „וועסט אינדיאַ קאָמפּאַני" אין אַמסטערדאַם האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט זי דעם גאָווערנאָר גוט אויסגע'מוסר'ט און באַפוילען, אַז דער שטייער זאָל אַרונטערגענומען ווערען.

די האָלענדישע אידען פון ניו יאָרק אָרגאַניזירען זיך

מיר וועלען איבערהיפּען 200 יאָהר אין דער געשיכטע פון ניו יאָרק און זיך אָפּשטעלען אויף דער אַנטוויקלונג פון האָלענדישען אידענטום דאָ אין שטאָט.

אין 1859, האָבען די היגע האָלענדישע אידען איינ־געזעהען, אַז כדי צו פאַרטיידיגען ווי געהעריג זייערע אינ־טערעסען, מוזען זיי זיין אָרגאַניזירט.

און די „נידערלאַנד איזראַעליטיש סיק פאָנד סאָסיי־עטי" איז יענעם יאָהר געבוירען געוואָרען.

זעלבסט־הילף, נויט־הילף, קרקע, ענגער פאַרבינדען די לאַנדסלייט־ברידער דאָ — דאָס זיינען געווען די מאָ־טיוון, וואָס האָבען באַוואויגען די היגע האָלענדישע אי־דען, די סאָסייעטי צו ברענגען צום לעבען.

די גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז פאָרגעקומען דעם 10טען דעצעמבער, 1859, אין אַ געביידע, קאָרנער ברום סטריט און די באָוערי, אין מאַנהעטען.

די ערשטע באַאַמטע פון דער סאָסייעטי זיינען גע־ווען: אייזיק ראובלס, פּרעזידענט; נייטען סאונדערס, וויס־פּרעזידענט; דזשאָזעף פּאָלאָק, סעקרעטאַר און סיי־מאָן ווינקעל, טרעזשורער.

ביי דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבען די מיטגלידער אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע: „זאָל דער בוים, וואָס מיר האָבען איצט איינגעפלאַנצט, בליהען, וואַקסען און זיין פרוכטבאַר און זאָלען די וואָרצלען שלאָגען טיפער און טיפער".

דער דאָזיגער וואונש איז מקוים געוואָרען, ווארום די סאָסייעטי צעהלט איצט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַריבער 400, צאָלט בענעפיטס, פאַרמאָגט 4 סעמעטעריס און פירט־אָן פאַרשיידענע קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען.

אויף ווי ווייט די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין די קאָרגע אַכציג יאָהר פון איהר עקזיסטענץ אויסגעברייטערט, איז צו זעהען פון די פאַרשידענע בענעפיטס, וואָס זי צאָהלט איהרע מיטגלידער.

די סאָסייעטי איז אַ געזעצליך־אַנערקענטע; זי איז געטשאַרטערט געוואָרען דעם 25טען פעברואַר, 1859, לויט די געזעצען פון דעם שטאָט ניו יאָרק.

זי האָט, צווישען אַנדערעס, איינגעפיהרט אַ טשאַריטי־פאָנד, וואָס איז אַריין אין קראַפט דעם 8טען נאָוועמבער, 1862. יעדער מיטגליד ווערט „געטעקסט" צוויי סענט אַ מאָנאַט, כדי דעם פאָנד אַנצוהאַלטען.

מיטגלידער און זייערע פרויען ווערען באַזאָרגט מיט מעדיצינישע הילף. אַ געזעץ וועגען דעם איז אַריין אין קראַפט דעם 8טען פעברואַר, 1862.

צווישען אַנדערעס, קריגט יעדער מיטגליד קראַנקען־בענעפיט — מאַקסימום 26 וואָכען.

פיער קרקע'ס פאַרמאָגט איצט די אָרגאַניזאַציע. איהר ערשטער בית־עולם איז געעפענט געוואָרען דעם 21טען אָקטאָבער, 1866, אין בעיסייד סעמעטערי.. און די מיט־גלידער האָבען זיך דאַמאָלט געטעקסט 25 סענט אַ קוואָר־טאַל יעדער, פאַרפליכטענדיג זיך דעם טעקס אָנצוהאַלטען, ביז דער בית־עולם וועט אויסגעצאָהלט ווערען.

די לאַנדסמאַנשאַפט פון די האָלענדישע אידען פאַר־מאָגט אויך אַ שבעה־פאָנד, וואָס איז אַריין אין קראַפט דעם 9טען מערץ, 1861.

די אָרגאַניזאַציע זאָרגט פאַר מיטגלידער, ווי אויך פאַר'ן וואוילזיין פון אלמנות פון מיטגלידער. לויט אַ גע־זעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דעם 15טען אויגוסט, 1888, איז די אלמנה פון אַ מעמבער באַרעכטיגט צו אַלע סאָסייעטי־בענעפיטס, אויב־נאָר זי האַלט־אָן איהרע צאָה־לונגען פון 25 סענט אַ מאָנאַט. אין פאַל פון איהר טויט, ווערט זי באַערדיגט אויפ'ן חשבון פונ'ם לאַדזש, אויפ'ן בית־עולם פון לאַדזש.

אין פאַל פון טויט פון דער פרוי פון אַן אַקטיווען מיטגליד, קריגט דער מיטגליד אויסגעצאָהלט אַן „ענדאָו־מענט" פון 500 דאָלאַר.

די סאָסייעטי איז, זינט איהר גרינדונג, היפּש אויס־געוואַקסען. דעם 12טען דעצעמבער, 1909, האָט זי גע־פייערט איהר 50־יאָהריגען יובילײ מיט אַ מאַסענפאַרזאַמ־לונג, באַנקעט און באַל. קומענדיגען יאָהר, 1939, וועט זי פייערען איהר 80־יאָהריגען יובילײ און וועט קאָנען אָנווייזען אויף גרעסערע, מעהר־פאַרצווייגטע דערגרייכונגען.

ד. ק.

וואָס איז געוואָרען פון די אנשי׳ם אין האַרלעם?

אין יאָהר 1917, זיינען, צווישען אַנדערע שוהלען אין האַרלעם, רעגיסטרירט געוואָרען (אין קהלה־בוך) אַרום 25 לאַנדסמאַנשאַפט־קאָנגרעגעישאָנס. היינט, נאָך 21 יאָהר, קוקט עס אויס ווי מען וואָלט געגאַנגען אויף קבר אבות: פון די אַמאָליגע לאַנדסמאַנשאַפט־צענטערען זיינען קוים געבליבען שפורען.

אין יאָהר 1870, ווען דער עלעווייטעד פאַרקעהר איז איינגעשטעלט געוואָרען (ביז דער 145טער גאַס), האָבען זיך די אידען פון „דאַון־טאַון״ אַ לאָז געטאָן אַרויף־צו, נאָך „בעדרומס״. שפּעטער (1904—1906) ווען די סאָבּווּעי־ליניע איז געצויגען געוואָרען ביז דער 221טער גאַס, זיינען אידען אַוועק העכער. אַזוי אַרום איז בראָנקס געוואָרען דער אידישער ישוב. אין דער צווישען צייט אָבער, פון 1879 ביז אומגעפער 1925, האָט דער אידישער האַרלעם געשפּילט אַ וויכטיגע ראָליע.

לעבען לענאָקס עוועניו און 110טער גאַס, איז געוועזען אַ אידיש טעאַטער. אין די יאָהרען פון 1913—1915, איז דאָרט דערשינען אַן אידישע צייטונג: „די בראָנקס־האַרלעמער פּרעסע״. די גאַסען פון האַרלעם, ביז 120טער גאַס, זיינען דאַן געוועזען פול מיט איינגעבירגערטע אידען און פרישע אימיגראַנטען. „אלי, אלי״, „איך ברענג דיר אַ גרוס פון דער היים״ און יאָסעלע ראָזענבלאַט׳ס „וכל מאמינים שהוא״ האָט מען געהערט פון יעדען פענצטער. דאָ זיינען אויך אַנטשטאַנען די ערשטע אידישע אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונגען, אַרבעטער צענטערס א. אַז. וו. פאַרשטענדליך אַז אַרום דער־אָ סביבה האָבען זיך גרופּירט לאַנדסלייט מיט סאָסייעטיס, קאָנגרעגעישאָנס, מיטינג־לאָקאַלען און צענטערען.

היינט, אין 1938, זיינען אויפ׳ן זכר פון אַמאָליגען לאַנדסמאַנשאַפט־געזעלשאַפטליכען לעבען פאַרבליבען גרויסע שוהל־געביידעס מיט אָפּגעריבענע, העברייאיש־אידישע אויפשריפטען, און איבער זיי טראָגען זיך שילדען פון „באַפּטיסט־טשוירטש״, „פאַטער־דיווייַן״, פּאָרטאָ־ריקער זאַלען פון שפּאַנישע צענטערען.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס געענדערט מיט אַמאָל? ס׳איז אַמעריקע, ענטפערען די פאַרבליבענע אידען. (דאָס דאַרף באַטייטען אַז דאָ אין לאַנד מאַכט מען אַלץ שנעל). די הייזער דאָ זיינען פאַרעלטערט, פאַרבליבען זיינען בלויז איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס, אידען צוליב געשעפט, און אַנדערע וועלכע זיינען צו אָרים זיך אַרויסצוציהען.

לזכרון פון אַמאָליגע לאַנדסמאַנשאַפט קאָנגרעגעישאָנס געפינט זיך אויף 18 איסט 116טע גאַס, דער ערשטער אוהב צדק אונגאַרישער קאָנגרעגעישאָן, אָרגאַניזירט 1873.

צוויי בלאָק ווייטער, אויף 118 וועסט 114טע גאַס, געפינט זיך דער עדת יעקב אנשי סלאָבאָדקער קאָנגרעגעישאָן, אָרגאַניזירט 1907. דער שמש פון דער שוהל באַקלאָגט זיך, אַז קיין מנין קען ער ניט אַריינקריגען. ער אַליין, זאָגט ער, לייגט־צו, פיר דאָלאַר וועכענטליך צום געשעפט.

— יאָ, אָבער וואו זיינען די סלאָבאָדקער?

— וואָס פאַראַ סלאָבאָדקער? זיי קומען בלויז איינמאָל אין אַ יובל צו אַ מיטינג. די שוהל דאָ האַלט זיך בלויז אויף די עטליכע אידען, וואָס מען שקראָבעט צונויף.

דעם זעלבען פּזמון הערט מען ביי די האָמלער, אויף 51 איסט 104טע גאַס.

די צוויי־שטאָקיגע געביידע איז פאַרבליבען מיט אַן אויפשריפט פון 1915. געבויט האָבען עס אין יענעם יאָהר די פלאָצקער. שפּעטער איז עס אַריבערגעגאַנגען צו די גלובאָקער, און איצט האָבען עס די אנשי האָמלער.

שטעהט די שוהל פּונקט ווי די אַנדערע, און דער שמש האָט שוין אַפילו אויפגעהערט צו רופען צום מנין.

אינמיטען אַ זונטאָג בייטאָג איז דאָ געזעסען דער שמש איינער אַליין און זיך פאַרריכט אַן אַלטען שירם.

— שלום עליכם אַ איד!

— עליכם ועל בניכם!

— נו?

— נו, נו, די עלטערע שטאַרבען אויס און קיין אינגערע קומען ניט צו. די סאָסייעטיס בלייבען מיט דער קרקע און ווען מ׳קען נאָר פאַרקויפען די געביידעס, עך, ווען ס׳וויל דאָס עמיצער קויפען!

ביי די סלאָבאָדקער האָט זיך דער שמש באַקלאָגט, אַז ער לייגט־צו געלט און אַז אַ מנין קען מען נאָר געפינען ביי זיי (אָנוועזענדיג אויף די דערנעבענדיגע נעגער־קירכעס). דאָ, ביי די האָמלער, האָט דער שמש ווייניג־וואָס גערעדט, אָבער וועגען איהם דערציילען די שכנים, אַז ער האָט אַריינגעלייגט עטליכע טויזענט דאָלער אין דעם געשעפט.

אַ סך שוהלען זיינען אַזוי־אַרום געבליבען ביי די שמשים אויף די הענט. די לעצטע האָבען זיך „איינגע־

קויפט" דזשאַבס, און איצט זיצען זיי אין שרעק, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען דאָ אויך אַרויפקלאַפּען אַ צלם און — אויס שוהל, אויס דזשאַב...

אויף 24 וועסט 114טע גאַס, איבער אַן אויפשריפט פון אנשי פוילען, הענגט אַ שילד — „באַפּטיסט טשורטש". דאָס איז אַ ריזיגע געביידע, און מ'האָט שוין באַלד פאַרגעסען אַז אידען זיינען דאָ אַמאָהל געווען.

אויף 1364 — 5טע עוועניו, אין פּלאַץ פון קאָנגרעגעישאָן אהבת אחים טאָמאַשאָווער און פּיעטריקאָווער—פּוילען, אָרגאַניזירט אין 1894, געפינט זיך איצט די „באָסטעללאָ קאָפי אימפּאָרט הויז". די געגענט איז אַ שפּאַנישע.

16 יאָהר ווי די שוהל איז „אַוועק". פונעם שטעטעל גיט זי אָנצוהערען איז קוים געבליבען אַ דערפעל.

23 וועסט 118טע גאַס, אַמאָליגע יוגאָסלאַווער לאַנדסלייט, איצט — באַפּטיסט קירכע.

122 וועסט 129טע גאַס — קאָנג. אָף תלמוד תורה אוגוסטאָווער, אָרג. 1883, איצט — נעגער־קירכע — „האָלי קראָס".

159 איסט 118טע גאַס — בני ישראל סאַלאַנט אַנשי זאמוט, אָרג. 1908. די געביידע שטעהט ליידיג. די פענצטער אויסגעבראָכען. די געגענט איז אַן איירישע.

שליסליך איז נויטיג צו באַמערקען, אַז מיר האָבען

די געביידע פון די אנשי פוילען אין האַרלעם — איצט אַ באַפּטיסטישע קירך (דאָבליו פּי עי פאָטאָ).

1660 מעדיסאָן עוועניו — חברה אנשי אחים קרעמענטשוג אשכנזי, אָרגאַניזירט 1905, איצט — פּאָרטאָ ריקער צענטער.

64 איסט 104טע גאַס — חברה אנשי גאַליציע אָף האַרלעם, אָרגאַניזירט 1907, איצט — „דאָס ליכט פון אנטיללאַי לאָדזש".

אויף 105 איסט 112טער גאַס — בית הכנסת אנשי מינסק, אָרגאַניזירט 1907 — איצט איז עס באַוואוינט. דערנעבען איז אַ האָלץ סקלאַד און אַנטגעגען א אידיש אייזען געשעפט. די פרוי פון דער קראָם זאָגט אַז שוין אַריבער

בלויז דערמאָנט די קאָנגרעגעישאָנס, וועלכע האָבען נאָך זיך געלאָזט שפּורען. אַנדערע זיינען אָפּגעווישט געוואָרען אָן אַ זכר. נאָך אַנדערע זיינען טראַנספּערירט געוואָרען אין פאַרשידענע טיילען פון שטאָט.

עס איז אפשר כדאי אונטערצושטרייכען, אַז הגם דאָס איבערגעהן פון האַרלעם אין דער בראָנקס האָט אויך געהאָט אין זיך אַ ניצוץ פון אַן עקאָנאָמישען כאַראַקטער, איז אָבער דאָס איבערגעהן געווען אַ פּרייוויליגעס. ס'האָט דאָ קיינער ניט געטריבען. אידען, אויפ'ן וועג צו עפּעס בעסערס און באַקוועמערס, זיינען פון האַרלעם אַוועק, אַרויף־צו דער בראָנקס.

דוד קעשיר

אין מאָהילעווער מושב זקנים

מאָהילעוו. די שטאָט ביים דניעפּער. אַמאָל פאַרבענקט זיך אַהיים. ס׳וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל דערפילען דעם טעם פון קאָנאָפּליעס, היימישע פּרעפּעצעס מיט יאַדריצעס באַשמירט, און די יאַדריצעס זאָלען זיין ווי דאָרטען, געשטויסען אין אַ הילצערנער סטופּע מיט אַ סטוקאַטש, און צו דעם נאָך אַ הובערנע זופּ — איז דאָס געווען אַ מחיה! היימישע אידען: אַ פּנים פאַרגעסען, אַז דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געהאַט פאַרזוכט קיין קעיק און קאַפע.

— אָבער וואָס טויג מיר דאָס אַלעס, וויל צדיק וויכניעס (אַ זקן פון מאָהילעווער מושב זקנים) פון דעם אַלעם ניט הערען. — וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ לעבען, אַז מ׳זיצט צווישען אייגענע קינדער, יענע רעדען ענגליש, און דו פאַרשטייסט קיין וואָרט ניט?

דער זקן גיט צו, אַז נאָך 25 יאָהר אָפּזיין אין אַמעריקע איז זיך כדאי געווען אויסצולערנען אַביסעל ענגליש. „אָבער אַז מען פּעדעלט אין העסטער סטריט, קאָן מען אַזוי אָנפּעדלען הונדערט יאָהר, און ס׳וועט אפילו אַ וואָרט ניט צוקומען".

אודאי איז עס ריכטיג, גיט דער אָרשער (אַ זקן) צו, אָבער דער אמת׳ער אמת איז אַז מען קומט אויף דער עלטער, בענקט מען אַהיים. דאָס וויגעל האָט אַזאַ טבע, אַז עס ציט, מעג עס אפילו האָבען געווען צעבראָכען...

דאָס רעדט ער וועגען מאָהילעוו, ניט וויסענדיג, אַז שוין אין יאָהר 1550 האָבען אידען געוואוינט אין יענע מקומות.

אָבער דאָ אין ניו יאָרק האָבען אונזערע מענשען שוין אויך באַלד אַריינגעצימבעלט אַ האַלבען הונדערטער יאָהרען. (מאַקס לעווין, אַ זקן — געקומען קיין ניו יאָרק 1892). מענשען זיינען געלאָפען, ווער פון מיליטער, פון פּאָגראָמען, ווער צו אַ קינד, ווער סתם פון דחקות. און טאָמער האָט אַ טאַטע פון אַן אַנטלאָפענעם זון געוואָלט בלייבען אין מאָהילעוו, האָבען זיי דאָך ניט געלאָזט, ביז וואַנען מ׳האָט ניט באַצאָלט קיין שטראָף.

— ווער זיי?

— די נאָטשולסטווא.

— און אַז מ׳האָט ניט געהאַט צו באַצאָלען?

— אַז מ׳האָט ניט געהאַט צו באַצאָלען, האָט מען ניט געטאָרט צינדען קיין ליכט און קיין לייכטערס, און מ׳האָט ניט געטאָרט שטעלען דעם סאַמאָוואַר.

און אויסער דעם (דער אָרשער) איז אַ איד, למשל, ווי איך האָב געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהייסען שלמה חיים, האָבען זיי געזוכט שלמה׳נען באַזונדער און חיים׳ען באַזונדער. נו, גיי טענה זיך אויס, אַז ס׳איז ניטאָ מיט וועמען.

— אָבער מיט מאָהילעוו גופא האָט עס דאָך ניט צו טאָן?

— אודאי ניט. קיינער קאָן ניט פאַרבייטען דעם דניעפּער, מיט די פּליטעס וואָס שווימען צו צום ברעג, מיט די פאַראַכאָדען ,מיט ברוך וואָס נעמט אין פּאָדריאַד, מיט חיים יאָשעס אַכסניה, מיט שיינע חיה פּייעס איינפאָר־הויז. אידען האָבען ווי עס איז געמאַכט אַ לעבען. ווער עס איז געווען אַ בעל מלאכה, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ ברוקירשטשיק, און ווער עס איז געווען אַ קאַזשעווניק, אַ סוחר, און וואָס איז דאָ צו רעדען: ס׳האָבען זיך געגוג אַריינגעכאַפּט אַזעלכע ווי זלמן כהן, דער פּראָצענטניק. האָט ער טאַקע געהאַט אַ מיאוס׳ן סוף. (צדוק וויכניעם) אָבער צו וואָס רעדען אויף אַ מת? יאָ, צו וואָס טאַקע?

זיינען דאָך אויך געווען אַזעלכע נגידים ווי שלום ראַטנער. ניט קיין שלכטער איד, צו דערליידען, אָדער אַזאַ צוקערמאַן, וואָס איז כל ימיו געזעסען אין פּעטערבורג, און דאָ אין מאָהילעוו, האָט ער אויפגעשטעלט די ערשטע „קאָר־שול" בראש מיט׳ן באַוואוסטען גרויסען תלמודיסט, העברייער, געלערענטען, טייערען חזן ר׳ משה בערלין. יאָ, און אין דער שוהל האָבען אַלע אידען געקאָנט אַריינגיין פריי, און דעם רבי׳ן דושעוויטשערס טאַטע איז דאָרטען געווען שמש.

מאָהילעווער, שקלאָווער, אָרשער, לופינער לאַנדסלייט; מען איז געלאָפען פון דניעפּער, און דאָ זיך דערפילט ווי אויפ׳ן וואַסער. פלעגט מען טאַקע אין די ערשטע יאָהרען גיין איינער צו די אַנדערע אויף טיי, אַדורכשמועסען זיך, דערמאָנען זיך מכח דעם, יענעם. און בינו לבינו האָט מען אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז צי וואָס זאָל מאַקס לעווין, למשל, באַלאַנגען צו די באָברויסקער, אַז עס זיינען ברוך השם דאָ גענוג אידען פאַר אַ מאָהיליוווער סאָסייעטי. וכך הוה: אין יאָהר 1898 איז געגרינדעט געוואָרען די „מאָהילעווער בענעוואָלענט אן די דניעפּר", וואָס ציילט שוין היינט 600 מיטגלידער. דער דורכשניטליכער מיטגליד איז געווען אין דער עלטער פון 25—30 יאָהר, און די מעהרסטע האָבען געוואוינט דאַון טאַון).

צו יענער צייט, נאָך איידער דזשעקסאָן פּאַרק איז געבויט געוואָרען האָט אַן אונזעריגער געוואוינט אין צוויי, דריי קאַלטע רומקעס, געצאָלט פינף און אַ האַלבען דאָלער חודש׳ליך, און פאַרדינט ביי אָפּערייטאָריי דריי און אַ האַלבען דאָלער אַ וואָך.

דעמאָלט איז דאָך אָבער אַלץ געווען ביליג.

— יאָ, מ׳קאָן ניט זאָגען, אַלץ איז געווען שפּאָט ביליג. אָבער אַז דער לענדלאָרד האָט זיך מרחם געווען און צוגעשענקט אַ האַלבען טאָן קוילען כדי מ׳זאָל ניט געפרוירען

ווערען, איז אודאי געווען גוט. (מ. לעווין, געוואוינט אויף 229 טשערי סטריט).

— ווי קומט עס אָבער, מיסטער לעווין, וואָס אַזאַ איד ווי איהר, וואָס האָט געדינט פיר יאָר אין דער רוסישער אַרמיי, אַ מאָדערנער מענש, געזונגען אין „טהאליא טע־אַטער" אַלס כאָריסט, געמאַכט דערביי ניין דאָלער וועכענטליך, ווי קומט עס וואָס אַזאַ איד האָט זיך בלויז באַגענוגענט מיט דאַווענען ימים־נוראים און נישט געוואָרען קיין זינגער? (געווען אַלע יאָהרען אַן אָפּערייטער.)

— אָט־אָ דאָס איז עס דאָך, וואָס די ווייבער צו יענער צייט זיינען געווען שרעקליך אייפערזיכטיג. זיי האָבען נאָר געדענקט, אַז מען אַנטלויפט מיט די אַקטריסעס. נו, אַ איד, וואָס טוט ניט אַ איד צוליב שלום בית?

מאָהילעוו איז אַ גרויסע שטאָט. די דאָרטיגע אידען, מעהרסט פון זיי קאָנען לערנען, ווער אַ בלעטעל גמרא, ווער אַ פּרק משניות. מ'קאָן ; אַ סך זיינען אויך ליבאַוויטשער חסידים. אָבער דער גרויסער דורכשניט איז ניט פרום. דאָס קאָן מען דרינגען פון דעם, וואָס בעת דער בענעוואָלענט האָט זיך געגרינדעט, האָט מען אַריינגעשטעלט אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָגט בפירוש, אַז די קערפּער־שאַפט שטיצט ניט קיין רעליגיעזע ווי אויך קיין אַנטי־רעליגיעזע אינסטיטוציעס. מאָהילעווער זיינען באַקאַנט אַלס אַמאָליגע טעטיגע צווישען די חובבי ציון. אַ באַדייטענדע צאָל „בילאָוצעס" (בית יעקב לכו ונלכה) זיינען פון מאָהילעוו אָפּגעפאָרען בויען ארץ ישראל.

— נו, און מיט סאָציאַליזם איז מען עפּעס געווען פאַר־מישט?

ווער עס האָט זיך געמישט, באַלאַנגט צו דעם „בונד", און ווער עס האָט סתם געשריגען „דאָלאָי" אין אַרבעל אַריין. אָבער מעהרסטענס צו זיי, האָט באַלאַנגט די אינ־טעליגענץ, און מיט דרייסיג יאָהר צוריק האָט מען געשמועסט, אַז דער גאַלאָוואַ פון דער שטאָט, יעזשערסקי, איז אויך געווען פאַרמישט אין די ענינים, און האָט געהאָט דערפאַר אַ סך אויסצושטיין פון גובערנאַטאָר.

און סתם אידען, זיינען דאָרט אַמאָל געגאַנגען אין טע־אַטער אַריין זעהן אַזאַ פּיעסע ווי דער „וויעטשני זשיד". איז מען טאַקע אַהיימגעקומען, זיך גוט אויסגעוויינט, און געטראַכט ווי ווערט מען ערגיץ פּטור פון די צרות.

— צו אַמעריקע האָבען די מאָהילעווער אידען ניט צו־געלייגט די באָבע'ס ירושה. (לעווין) ווער עס איז רייך גע־וואָרען, וועמעס קינדער עס זיינען געלערענטע, פיינע קינ־דער, אָבער . . .

— אָבער, וואָס אָבער? מ'דאַרף דאָך שוין דאַווענען מנחה (וויכנים).

— לעווין: מנחה לעשיו.

און ער האָט זיך אַליין אַוועקגעשטעלט דאַווענען.

— — — — — — — — —

די זון האָט זיך געהאַלטען ביים זעצען. נאָך אַ טאָג אַוועק. אַ פרישער האַרבסטיגער טאָג. נאָר זיי די אַלטע דאָ אינ'ם נייעם מושב זקנים האָבען זיך דערפילט אַביסעל מיד. ס'איז צו גרויס, באַקוועם, און אַביסעל צופיל איבערגעטראַכט און דערמאָנט זיך מיט איין מאָל.

„צו דעם אַלעם, ווען גאָט גיט נאָך כחות. קומט אַרויף אַן אַנדערס מאָל!"

יאָ, מ'וועט זיך מסתמא אַרויפכאַפּען. זייט געזונט.

ווען גאַליציע רעדט

עס איז שבת צונאַכטס — דער מיטינג קומט פאָר אין דער חברה........ פון ביידע זייטען אינ'ם לאַנגען צימער אויפ'ן צווייטען שטאָק, שטייען ברוינע שוהל־בענק. אויף די ווענט, איינגעראָמט, מיט העברעאישען כתב שוואַרץ אויף ווייס, הענגט דער יחוס פון דער סאָסייעטי און דער ליידיס אָקזילערי. אינמיטען שטוב, איבער דער גאַנצער ברייט, ציט זיך אַ ווייסער פאַרהאַנג אויף אַ דראָט — די מחיצה צווישען מענער און פרויען.

היינט איז אַ מיטינג. דער פאַרהאַנג אויפגערוקט. אַלע זיצען צוזאַמען.

די צוויי הויפּט־פּונקטען אויפ'ן היינטיגען טאָג־אָרדנונג זיינען: „מעות חיטים פאַר'ן שטעטעל" און „אַנשליסען זיך אין גאַליציאַנער פאַרבאַנד".

— עך פאַרשטיי ניט, — זאָגט אַ מיטגליד, — ווי אַזוי מ'קאָן דאָס רעדען וועגען פסח, ווען מען ווייסט, אַז דאָרטען גייען זיי אויס פון הונגער, און וועלען נאָך חלילה דאַרפען אָנקומען צו חמץ.

נאָענט צום אָרון קודש, נעבען אַ טישעל, מיט'ן האַמער אין האַנט, זיצט דער פּרעזידענט, אַ מאָגערער איד, און קייעט טשואינג גאָם. ער קייעט צום טאַקט פון יענעמס רייד. צומאָל בלייבט ער זיצען מיט אַן אָפען מויל:

— עך פאַרשטיי ניט, — האַלט דערזעלבער סאָסייעטי מיטגליד אין איין איבער'חזר'ן. עס שטייט בפירוש גע־שריבען: אליעזר יהיב פרוטה לעני, והדר מצל". איז דער טייטש דערפון, אַז אליעזר האָט פריער געגעבען צדקה, ערשט דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. ערשט דעמאָלט, זאָגט די גמרא, קאָן מען זאָגען, אני בצדק אחזה פניך — איך, מיט גערעכטיגקייט, קאָן שטיין מיט אַן אָפען פנים פאַר דיר.

— אָט־אָ־דאָס זעלבע, — גיט דער רעדנער צו פאַרשטיין, — קאָן געזאָגט ווערען בנוגע דער סאָסייעטי ; און ער פאַר־שטייט ניט ווי אַזוי מ'קאָן זיך דאָס גרייטען מיט אַ רואיג געמיט צו פסח, ווען מ'ווייסט, אַז זיי דאָרטען גייען אויס פון הונגער, און ס'וועט זיי חלילה נאָך אויסקומען צו עסען חמץ.

— אמת, אמת. — אַלע זיינען מסכים. די ווייבער זיפצען אויפ'ן קול, און די יונגע פאַר־פּעלקער ווערען אומרואיג. זיי, די יונגע, געדענקען ווייניג־וואָס די אַלטע

היים. אַנדערע זיינען אינגאַנצען אַמעריקאַנער געבוירענע. דאָך אַז מ'צעשפּינט דעם פאָדים פון דאָרטען, גיט יעדערען אַ ברי — פאַרט אייגען בלוט.

אַלע נעמען ווערטער. דאָס געמיט האָט זיך צעברענט.

אויפ'ן פראָנט שטייט איינער מיט די הענט אין די קע־שענעס, און רעדט. אין דער הייסער מינוט האָט ער פאַר־געסען צו בעטען דאָס וואָרט, און דער פּרעזידענט האָט איהם פאַרגעסען אָפּצושטעלען. ער, דער רעדנער, וואָס שטעלט זיך פאַר אַלס איינער פון די גרינדער פון דער סאָסייעטי, פּרובירט צו געבען צו פאַרשטיין די צוויי געסט פון גאַליצי־אַנער פאַרבאַנד, אַז דאָס וואָס מ'שיקט אַהיים אויף מעות חיטים, און געלט אויף 70 פאַר שיכלעך יעהרלעך, איז אַלץ פון די 60 מיטגלידער, וואָס קומען שטענדיג צום מיטינג. „די איבעריגע לאַנדסלייט ווילען ניט וויסען".

ביי די ווערטער האָט זיך שוין אַהרל'ע ניט געקאָנט צוריקהאַלטען, און אויך געבעטען אַ וואָרט. (אַהרל'ע איז אַן אָרגאַנייזער פון אַלעמען און אַלץ. פּראָפעסיאָנעל איז ער אַן אינשורענס אַגענט, און אַזוי ווי ער פאָרט אַרום איבער שטעט צוליב אייגענע געשעפטען, באַזוכט ער שוין אין אין וועג די לאַנדסלייט, און דערמאָנט זיי אַז מ'דאַרף אַהיים־שיקען געלט).

— איך, — דערציילט אהרל'ע, — קום אַריין צו יענעם, און זאָג איהם, אַז די סאָסייעטי שיקט אַהיים רעליעף, און מען נויטיגט זיך פּונקט איצט — זאָגט ער מיר, אַז פּונקט איצט האָט ער ניט. וואָס הייסט דו האָסט ניט? ס'איז עפּעס פאַר מיר? וואָס הייסט דאָס, איהר הערט? מיט קיין טרינק בראָנפען איז מען צומאָל דערביי ניט מכבד!

און בעת אהרל'ע דערציילט, מאָלט ער אויס די גרעב, די לענג, די הויך פון די לאַנסלייט, וואָס ער באַזוכט. לויט די סימנים דערקענען אַלע וועמען מ'מיינט, און נאָך איידער ער דערמאָנט די נעמען, טרעפט מען שוין מען פאַראויס!

— אוי ס'איז נוטע! ניסעל! פּישעל! יונה! א א.

— יאָ, — איז אהרל'ע מסכים אַ צופרידענער, וואָס ער מאָלט זיי גוט אויס. און אַזוי דערציילט ער ווי ער איז איין־מאָל אין אַ קאַלטער בייסנדיגער נאַכט, אַן ערב הושענא רבה, אַריינגעפאָהרען קיין באַלטימאָר צו די רייכסטע לאַנדס־לייט פון שטעטעל...

„ס'איז געווען קאַלט, איך בין געווען הונגעריג, זיי וואוי־נען ערגיץ אין פּאַלאַצען הינטער דער שטאָט, בקיצור ס'האָט מיך געקאָסט פינף דאָלער אַ טעקסי, און איך בין דערפאַרען".

איך קום אַריין. אַן אַרומכאַפּעניש, אַ גדולה — אהרל'ע, וואָס מאַכסטו? — וואָס זאָל מען מאַכען? וואָס טוסטו? — וואָס זאָל מען טאָן? בקיצור, אַ האַלבע שעה, אַ שעה; איך האָב זיי אָנגעהויבען צו דערציילען די מעשה: „אַזוי און אַזוי איז עס, ברידער לאַנדסלייט, מ'דאַרף אַהיימשיקען אַ פּאָר דאָלער". ערשט אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ יללה. דער האָט מאַרטגעדזשעס אויסצוצאָלען, יענער איז געדריקט, דער האָט אַ טאָכטער, יענער זין. (און דערהויפּט האָט גע־קלאָגט דער וואָס האָט נאָענט צו הונדערט הייזער אין באַל־טימאָר). וואָס קלאָגט עץ, — האָב איך גע'טענה'ט, איך וויל דען חלילה עפּעס פאַר מיר? און בינו לבינו האָב איך דערפילט, אַז איך בין הונגעריג, און דאָ בין איך פאַרט צווישען לאַנדסלייט.

דערהערט אַז איך בין הונגעריג, זאָגט צו מיר דער גראָ־בער, פון די הונדערט הייזער, אַזוי:

— אָט־אַ דאָרטען דריי בלאָק אַוועק איז אַ רעסטאָראַן, און אַביסעל ווייטער איז אויך פאַראַן אַ באַד, וועסטו זיך שוין דאָרטען אויך קאָנען דורכשלאָפען.

— איהר הערט?

אַלע האָבען געהערט. מינוטנווייז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ווענט שרייען אויפ'ן קול און מאָנען...

איין לאַנדסמאַן האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין אַרומדרייען נעבען דער טיר. ער האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט געהאַט בויך־גרימעניש.

— וואָס איז, איהר קאָנט טאַקע ניט איינזיצען?

— וואָס מיינט איהר, וואָס? איהר הערט דען ניט די צרות? מ'קאָן דאָך צעבראָכען ווערען. (און ער האָט זיך צעוויינט).

אַן אַנדערער ווידער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט, און דערוויייל פאַרגאָסען די צרות מיט אַ שנעפּסעל. (אין דער אונטערשטער טייל פון שטוב שטייט אַ פלעשעל בראָנ־פען מיט עטליכע גלעזלעך: כל דכפין ייתי וישתה).

די צוויי געסט פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד האָבען געגעבען צו פאַרשטיין די וויכטיגקייט פון אָנשליסען זיך, און האַל־טען זיך צוזאַמען, און צייגען אַלע אונזערע שונאים, אַז מיט פּאָגראָמען, מיט פורעניות וועט מען אונזער מאָראַל ניט ברעכען.

— מען דאַרף אויך, — האָט איינער געזאָגט, אונזערע שונאים צייגען, אַז ניט נאָר זיינען מיר גרייט אונזערע ברידער צו באַשיצען מאָראַליש און פיזיש, נאָר אויך פּאָ־ליטיש. מיר ווילען פּראָטעסטירען קעגען די געטאָ בענק וואָס זיי האָבען דאָרטען איינגעפיהרט פאַר אונזערע סטו־דענטען. אונזער סאָסייעטי האָט אויך באַדאַרפט צו שיקען אַ דעלעגאַט קיין וואַשינגטאָן כדי מיטצומאַרשירען און צו פּראָטעסטירען קעגען די אַכזריות'ן — הקול קול יעקב מוז דערהערט ווערען!

די לופט איז געוואָרען הייס און אָנגעשטריינגט. פון די בענק האָט מען זיך געהאַלטען אין איין אויפשטעלען און רעדען. אַלע זיינען געווען געאייניגט אַז מען מוז עפּעס זעהן צו טאָן. דער זייגער איז געווען 11:20. דער איד אונטען האָט זיך געהאַלטען אין איין דערכאַפּען דאָס האָרץ... און דעם צווייטען האָט כסדר געגרימט אין בויך. מען האָט געקאָנט זעהן, אַז מ'וועט שוין היינטיגען אויפדערנאַכט סיי אַוועקשיקען געלט פאַר מעות חיטים, סיי זיך אָנשליסען אין פאַרבאַנד.

ג. ה. גאַרווין

יובל־פייערונג

אַמאָל, אין האַלב־וויטען אַמאָל, האָט זיי דערנענטערט דער עלענט. האָבען זיי זיך פאַראייניגט צו פאַרטרייבען דעם עלענט געפיהל פון זיך, איינשליסענדיג אַ ספר תורה אַלס שותף וואָס זאָל זיי אַלס פאַרבינדונגס־קראַפט דינען. היינט, נאָך פופציג יאָהר פאַרבונדענשאַפט, האָט זיי די פרייד פון יובל צוזאַמענגעבראַכט.

צען אָרימע, עלענטע, ניט לאַנג אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען לאַנדסלייט זיינען זיי דאַן געווען. פונקט אַן אייגענעם מנין צו קענען מאַכען. האָט זיך אָפּגעזוכט איינער פון צווישען זיי וואָס האָט וועגען דעם ענין זיך דורכגעשמועסט מיט אַ צווייטען לאַנדסמאַן. האָבען די צוויי איבערגערעדט וועגען דעם מיט אַ דריטען און די דריי האָבען אָפּגעזוכט און זיך געזעהן מיט אַ פערטען, פינפטען און זעקסטען ביז ס'איז דערגרייכט געוואָרען דער גאַנצער צענדליג. איז מען זיך צוזאַמענגעקומען און מיט גרויס פרייד איינשטימיג אָנגענומען דעם פּלאַן. האָט יעדער איינער פון זיי גענומען קארגען פון דאָס נויטיגסטע פאַר זיך, דאָס אָפּגעשפּאָרטע זיך צוזאַמענגעלייגט, און מיט דעם, אַ ספר תורה און אַן ארון קודש זיך איינגעשאַפט און אויך אַ צימער אין א פאַרזאַמלונג געביידע געדונגען, און — די ניו יאָרקער אידישע איסט סייד איז, אין יאָהר 1888, רייכער געוואָרען מיט נאָך אַ בית הכנסת פון מזרח אייראָפּייאישע אימיגראַנטען אידען. אויף דער געביידע איז צוגעקומען נאָך אַ שילד וואָס האָט מודיע געווען אַז דאָ געפינט זיך די שול פון דער חברה בני ישראל אנשי. אַ קורצע צייט שפּעטער איז אַ באַשטימטער שטח - גרונט אויף איינע פון די ברוקלינער באַערדיגונגס פעלדער אויך באַצייכענט געוואָרען אַלס דער אייגענטום פון דער חברה.

מיט דעם אַריבערקום פון נאָך לאַנדסלייט פון דער היים־שטעטעל איז די צאָהל ברידער אין דער חברה געוואקסען פון צען צו צוואַנציג, פון צוואַנציג צו פופציג, פון פופציג צו הונדערט, הונדערט און פופציג ביז מעהר פון צוויי הונדערט. פון קליינעם שול צימער האָט מען זיך אַריבערגעצויגען אין אַ גרעסערען, פון גרעסערען אין אַ נאָך גרעסערען און נאָך גרעסערען ביז מ'האָט דערגרייכט צו אַן אייגענעם שול בנין.

ביז צו אַרום האַלב פון איהר פופציג יאָהריגען עקזיסטענץ האָט די חברה געהאַלטען אין איין בליהען און וואַקסען. זי איז געוואָרען צאָהלרייך אין מיטגלידער, מאַטעריעל פעסט, און שטארק אין איינפלוס. אָבער אין דער צווייטער העלפט פון איהר יובל יאָהרען האָט זי גענומען פאַרלירען, ביסלעכווייז, אין קראַפט. מיטגלידער האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר זיך גענומען אַרויסציהען פון דער איסט סייד אין ווייטע געגענטען. טייל פון זיי אין שטעט און שטעטלאך ווייט אַריבער די גרעניצען פון ניו יאָרק. מיטגלידער האָבען גענומען אויסשטאַרבען. נייע זיינען ווינציג וואָס צוגעקומען. די שפּעטערדיגע אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען לאַנדסלייט האָבען זיך גענומען גרופּירען אין באַזונדערע אומאָפּהענגיקע קערפּערשאַפטען. איז היינט, ביי איהר פופציג יאָהריגער עקזיסטענץ פייערונג, באַשטעהט די חברה פון בלויז עטליכע צענדליג ברידער, מערסטענס עלטערע מענשען, און דאָס אויך ניט מעהר פון בלויז לאַנדסלייט. אָבער אין זייער יובל פייערונג האָבען זיך באַטייליגט און זיך משמח געווען עטליכע הונדערט מענער, פרויען און יונגוואַרג.

בלויז איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער חברה איז נאָך פאַרבליבען צווישען די לעבעדיגע, אַנטייל צו נעמען אין דעם יום טוב. אויסער די הויפּט מחותנים, די חברה ברידער און זייערע פרויען, איז די גרויסע מערצאָהל פון די בעלי שמחה באַשטאַנען פון די קינדער און דערוואַקסענע אייניקלאך פון די איצטיגע מיטגלידער און פון טייל פון די לאַנג פאַרשטאָרבענע, סתם לאַנדסלייט פון דער היים־שטעטעל און אויך לאַנדסלייט פון די דערבייאיגע אַלטע היים־שטעטלאך. עס זיינען אויך געווען פאַרטרעטענדיגע קאָמיטעס פון אַנדערע לאַנדסלייט אָרגאַניזאַציעס, פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע. זיי זיינען געשיקט געוואָרען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס אָפיציעל זיך צו באַטייליגען אין דעם פופציג יאָהריגען יובילייאום פון זייער היגען ערשטען לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין וועלכער האָט, אין די ערשטע צען־פופצען יאָהר פון זיין עקזיסטענץ, געדינט ניט נאָר אַלס שול חברה פאַר די לאַנדסלייט, נאָר האָט זיך אויך ליב־האַרציג אָפּגעגעבען מיט דער מצוה מקבל פנים צו זיין די ניי אָנגעקומענע אימיגראַנטען פון זייער אַלטער היים־שטעטעל. זיי זיינען געקומען באַגריסען אין נאָמען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס און אין זייערע אייגענע נעמען און ווינשען לאַנגע יאָהר זייערע אַלטע לאַנדסלייט און זייער חברה, וועמעס שול האָט אין די פריהערדיגע יאָהרען אויך געדינט אַלס אַ מין אויפנאַם־צענטער און אינפאָרמאַציע און קרובים אָפּזוכענדיגע

ביורא פאַר אַלע זייערע ערשט אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען לאַנדסלייט. עס איז געווען אָט די ערשטע, איצט אַלטע אין יאָהרען און כוחות, חברה, וואָס האָט זיי, די שפּעטער געקומענע, געדינט ווי אַ לייכט־טורם אויף דעם זייט ים, וואָס האָט זיי געמאַכט צום פיהלען זיך היימישער, לייכטער אין זייערע ערשטע, שווערע אימיגראַנטען טעג אין דעם גרויסען פרעמדען לאַנד.

און ס'זיינען געקומען צו דער פייערונג ניט בלויז די לאַנדסלייט וואָס געפינען זיך אין ניו יאָרק און אומגעגענט, נאָר אויך פילע וואָס האָבען זיך שוין זינט יאָהרען צוריק אַרויסגעצויגען פון ניו יאָרק — פון ווייטע שטעטלאך אין ניו דזשוירזי, קאָנעקטיקוט און אפילו פון פילאַדעלפיע.

אַ גאַנצער שטעטעל מענשען מיט זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אָפּגעשיידט פון זייער אַלטער היים־שטעטעל זינט יאָהרען לאַנג, האָט זיך גענומען גרייטען צו דער שמחה.

מ'געפינט זיך דאָ אין לאַנד שוין דרייסיג, פערציג, פופציג און אויך מעהר יאָהר. מען איז בירגער און גוט איינגעבירגערט. מ'האָט ליב דאָס לאַנד. מ'איז גרייט איינצושטעלען לייב און לעבען פאַר דאָס לאַנד. מ'דאַנקט גאָט און די הימלען פאַר געפינען זיך דאָ, און מען באַדויערט אַלע גוטע פריינט וואָס געפינען זיך נאָך דאָרט. דאָך, ווען עס קומט צו רייד וועגען שטעטעל וואו מ'איז געבאָרען געוואָרען, וואו דאָס וויגעלע איז געשטאַנען, איז דאָס נאָך אַלץ און אַלץ — די היים. דאָס איז אָבער גאַנץ נאַטירליך מענשליך: ס'איז די קינדהייט און יוגענט היים, דערפאַר די אַלטע ליבע היים וואָס קען ניט פאַרגעסען ווערען. וואָס לענגער מען איז פון איהר אַוועק און וואָס ווייטער, וואָס מעהר מען געפינט זיך אויסער'ן קרייז פון די נאָענטע יוגענד חברים און וואָס עלטער מען ווערט אַלץ מיט מעהר ליבע און וואַרימקייט בענקט זיך, דענקט זיך און רעדט זיך וועגען איהר — די אַלטע היים. און עס טליעט אַ באַהאַלטענער באגער זיך צו באַגעגענען, זיך צו טרעפען און כאַפּען אַ שמועס מיט די אַלטע היים־שטאָט מענשען — מיט די אַמאָליגע חברים און חבר'טעס. עס ווילט זיך דערוועקען אַן אַמאָליגען אנגענעמען איבערלעבונגס געפיהל כאָטש דורך דערמאָנונג און דירך איבערדערציילען איינס די אַנדערע אַמאָליגע פּאַסירונגען און פערזענליכע יוגענטליכע איבערלעבענישען פון אַמאָל, אין דער אַלטער היים־שטעטעל.

האָט אָט דער פאַרשטיקטער טליענדיגער באגער אויפגעפלאַקערט ביי די היגע לאַנדסלייט, האָט זיך אָט דער פאַרלאַנג שטאַרק צוצונדען אין זיי ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דער יובילייַ פייערונג פון זייער אַלטער לאַנדסלייט חברה. יום טוב'דיג געשטימט האָבען זיי זיך גענומען פאָרבערייטען אנטייל צו נעמען אין דעם. וואָס נאָענטער עס האָט זיך צוגערוקט דער טאָג פון דער שימחה, מיט אַלץ מעהר פריידיגער דערוואַרטונג זיינען זיי איבערפילט געוואָרען.

דער דערוואַרטעטער טאָג איז געקומען. גראָד איז עס געווען אַ כמאַרנער, אַ רעגענדיגער — גאָר, גאָר ניט קיין יום טוב'דיגער. אָבער די לאַנדסלייט זיינען יענעם טאָג אויפגעשטאַנען מיט ערוועקטער אָנגענעהמער דערמאנונג וועגען זייער ווייטען אַמאָל, אין די יוגענט יאָהרען; זייערע הערצער זיינען געווען פול מיט פייערליכער פריידיגקייט געצונדען פון זוניגע זכרונות פון זייערע קינדער־יאָהרען.

כאָטינער דאַמען־קאָמיטעט, מיט'ן אמעריקאַנער דעלעגאַט. 1936.

די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק

עס איז זעהר שווער אין אַ קורצען אַרטיקעל צו געבען אַ פולען איבערזיכט און אָפּשאַצונג איבער דער פיל־פאַרצווייגטער טעטיגקייט פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק, וועלכע צעהלט איצט אַרום 30 טויזענט בירגער, וואָס זיינען צושפּרייט איבער אַלע טיילען פון דער גרויסער שטאָט. (איבער די פאַראייניגטע שטאַטען געפינען זיך איצט אַרום 50 טויזענט ביאַליסטאָקער אידען).

די ערשטע ביאַליסטאָקער אימיגראַנטען זיינען דאָ געקומען מיט איבער 80 יאָהר צוריק, אָבער זיי זיינען געווען אַ גאַנץ קליינע צאָל. ערשט אין די אַכציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט זיינען דאָ אָנגעקומען פון ביאַליסטאָק אַ פּאָר טויזענט לאַנדסלייט, וועלכע האָבען גענומען לייגען אַ גרונטשטיין פאַר די שפּעטערדיגע אימיגראַנטען.

ביאַליסטאָק, וועלכע איז געווען ביז דער וועלט־מלחמה אַ גרויסע בליהענדיגע אינדוסטריעלע און האַנדעלס שטאָט, האָט אין איר געשיכטע דריי גרויסע מאַסען־עמיגראַציעס: די ערשטע, אין די אַכציגער יאָהרען, דורך דעם טרויעריג־באַריהמטען איגנאַטאָוו׳ס גזרות אין רוסלאַנד, וואָס האָבען אויך שווער געטראָפען די אידישע ביאַליסטאָק; אַ צווייטע אימיגראַציע איז פאָרגעקומען אין די יאָהרען 1905—1906, נאָך דער קאָנטער־רעוואָלוציע און פּאָגראָמען, וואָס ביאַליסטאָק האָט דורכגעלעבט, און די דריטע און לעצטע עמיגראַציע איז געווען באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, אין די יאָהרען 1920—1923, איידער אַמעריקע האָט געשלאָסען איהרע טירען. אַ סך פון די אַריבערגעקומענע זיינען געקומען צו זייערע קרובים אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד, אָבער גאָר אַ באַדייטענדער טייל האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, און די היגע ביאַליסטאָקער קאָלאָניע איז פאַרגרעסערט געוואָרען מיט טויזענטער צוגעקומענע לאַנדסלייט.

נאָך אין 1877 איז שוין אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען די ערשטע ביאַליסטאָקער חברה, וועלכע עקזיסטירט נאָך איצט אַלס די אַלטע ביאַליסטאָקער שול (בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק, אויף 7 ווילעט סטריט, ניו יאָרק).

שפּעטער מיט 9 יאָהר האָבען זיך געגרינדעט נאָך אַ פּאָר ביאַליסטאָקער סאָסייעטיס ווי דער „סומך נופלים", און "אהבת אחים", וועלכע האָבען פיל בייגעטראָגען צו דער שפּעטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפטליכער טעטיגקייט. באַזונדערס, האָט דער ביאַליסטאָקער פאַראיין „סומך נופלים" אַ סך גרויסע פאַרדינסטען אין דער גרינדונג פון די שפּעטערדיגע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, ווי דעם „ביאַליסטאָקער בקור חולים", וועלכער האָט געשפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון די אָרימע ביאַליסטאָקער מאַסען.

דער „ביאַליסטאָקער בקור חולים" איז געווען פאַר 40 יאָהר צייט די אמת׳ע הילף און רעטונג אָרגאַניזאַציע פאַר די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט. ער האָט געהאָלפען אָרעמע קראַנקע מיט פרייע דאָקטוירים און מעדיצין, ווי אויך מיט מזומנ׳ע געלד. ער האָט געשטיצט אַרבעטלאָזע און הילפלאָזע, און ניט געמאַכט קיין שום אויסנאַם פון וואַנען איינער האָט געשטאַמט, צו ער איז יאָ אַ לאַנדסמאַן אָדער ניט. ווער ס׳האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט פאַר הילף, האָט דער בקור חולים געהאָלפען.

אין 1919, באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, איז מיט דער הילף פון דעם בקור חולים געגרינדעט געוואָרען דער „ביאַליסטאָקער רעליף קאָמיטעט", וועלכער האָט אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר צייט, געשפּילט אַ גוואַלדיגע ראָל אין דער רעטונג־אַרבייט און אין דעם אויפבוי פון דער אַלטער היים־שטאָט ביאַליסטאָק. דער ביאַליסטאָקער רעליף האָט אין יענער צייט איבערגעשיקט אַרום אַ האַלבען מיליאָן דאָלער צו די אינסטיטוציעס אין דער אַלטער היים. ער האָט אויך איינגעאָרדערט אַן אַפּאַראַט צום איבערשיקען קרובים־הילף אין 60 שטעט און שטעטלאַך אין דעם ביאַליסטאָקער אומגעגענט, און די סומע פון קרובים־הילף וואָס איז געשיקט געוואָרען דורך דעם ביאַליסטאָקער רעליף האָט באַטראָפען נאָענט צו 5 מיליאָן דאָלער.

דער אָפּרוף פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט פאַר זייער אַלטער היים איז געווען זעהר אַ האַרציגער; רייך און אָרים האָבען געגעבען לויט זייערע מעגליכקייטען. און דער היגער רעליף קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון אַלע ביאַליסטאָקער סאָסייעטיס, האָט מיט זייער הילף, פאַקטיש צוריק אויפגעבויט די חרוב׳ע שטאָט.

אַ נייער, וויכטיגער קאַפּיטעל געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען אין דער לאַנדסמאַנשאַפט אין דעם יאָהר 1921, ווען עס האָט זיך דאָ געגרינדעט דער "ביאַליסטאָקער צענטער". מיט דער גרינדונג פון דעם צענטער קען מען פאַרצייכענען די אמת׳ע פאַראייניגונג פון אַלע לאַנדסלייט אין די סאָסייעטיס. דעמאָלט האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַ נייער לעבען מיט נייע טעטיגקייטען אין דער לאַנדמאַנשאַפט.

דער ביאַליסטאָקער צענטער, וועלכער האָט שפּעטער מיט

עטליכע יאָהר געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָל אין דעם אויפבוי פון דעם מושב זקנים, איז געגרינדעט געוואָרען גראָד אין אַ צייט, ווען די אידישע אימיגראַציע פון אייראָפּע האָט נאָך געטראָגען אַ מאַסען־כאַראַקטער. דאָס קוואָטאַ־געזעץ פון 1924 האָט אַזוי גוט ווי אין גאַנצען אָפּגעשטעלט די אידישע אימיגראַציע. צוזאַמען מיט דעם האָט דער ביאַליסטאָקער צענטער געמוזט שפּעטער בייטען זיין פּראָגראַם. אָנשטאָט דער אונטערשטיצונג פון די הילפלאָזע אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען, ווי דאָס האָט געטאָן די אידישע פּילאַנטראָפּיע אין אַמעריקע ביז 1919, איז אין די שפּעטערדיגע יאָהרען די הויפּט־אַרבייט פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פאַרפעסטיגען די אידישע פּאָזיציעס דאָ אין לאַנד, זייער עקאָנאָמישע לאַגע, און פאַרשטאַרקען זייער באַוואוסטזיין אַלס אידען און בירגער פון לאַנד. דאָס האָט נאַטירלאַך אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּעל אויף דער גאַנצער ווייטערדיגער אַרבייט אויך פון ביאַליסטאָקער צענטער.

אין זיין פּלאַטפאָרם, וואָס דער צענטער האָט אָנגענומען בעת זיין גרינדונג, זאָגט זיך:

„דער ביאַליסטאָקער צענטער איז אַ קערפּערשאַפט, וואָס פאַראייניגט אין זיך אַלע ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסלייט פון אַמעריקע. די אויפגאַבען פון צענטער זיינען קולטורעלע, געזעלשאַפטליכע און פילאַנטראָפּישע אַרבייט צווישען די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, וואו זיי געפינען זיך נאָר".

דער ביאַליסטאָקער צענטער איז אויף אַזאַ אופן ביסלאַכווייז געוואָרען די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דער גאַנצער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט פון אַמעריקע, און האָט אויך שפּעטער געגרינדעט אָפּטיילונגען אין די שטעט פּעטערסאָן, נואַרק, נ. דזש., קליוולאַנד, דעטראָיט, שיקאַגאָ, און לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

דער ביאַליסטאָקער צענטער האָט געוועקט און געמוטיגט לאַנדסלייט צו אַקטיוויטעט. ער האָט איינגעפיהרט סאָציאַלע שטיצע פאַר זיינע מיטגלידער, געגעבען לעגאַלע הילף, און געזוכט מיט אַלע מיטלען צו מאַכען בעסער און שעהנער דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די לאַנדסלייט. דורך דער צייט האָט ער אַ סך מאָל געשטיצט די אַלטע היים, מיט וועלכער ער שטעהט אין אַן איינגער ברידערליכער פאַרבינדונג, און געהאָלפען, באַזונדערס אין די לעצטע פּאָר יאָהר די דאָרטיגע אינסטיטוציעס.

זינט 1921, באַלד ביי זיין גרינדונג, האָט דער צענטער אָנגעהויבען אַרויסגעבען די „ביאַליסטאָקער שטימע", אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל, אגב, דער ערשטער לאַנדסמאַנשאַפטליכער זשורנאַל איבער דער גאַנצער וועלט. די „ביאַליסטאָקער שטימע" שפּיגעלט אָפּ דאָס לעבען און שאַפען פון די ביאַליסטאָקער אין אַלע טיילען וועלט. דאָרט זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אַ מאַסע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלען, וואָס האָבען אַ סך ביינעטראָגען צו דער קולטור־געשיכטע פון דער אידישער ביאַליסטאָק, און אויך געגעבען וויכטיגע אָפּשאַצונגען איבער באַוואוסטע לאַנדסלייט, וועלכע האָבען פיל בייגעטראָגען צו דעם פּראָגרעס און וואוילזיין פון אונזער ליבען לאַנד אַמעריקע. (צום דערמאָנען נאָך עטליכע פון זיי: לואיס מאַרקוס, ע"ה, דער באַוואוסטער סאָבוועי בילדער, וועלכער האָט אויך געבויט די גרעסטע הימעל־קראַצערס אין ניו יאָרק; די גרינדער פון די זיידאינדוסטריע אין פּעטערסאָן, פיליפּ דיימאנד, מאיר פּערלמאַן, און אַנדערע; מאיר פראנק ע"ה, דער גרעסטער קלאָדינג מאַנופעקטשורער אין זיין צייט. מר. ליפּעט, דער הויפּט פון דער נעשאָנאַל פּייפּער קאָ., דאָס גרעסטע פּאַפּיר געשעפט אין דער וועלט; עדוואַרד גאָלד, ע"ה, גרינדער פון דער „קאָנסאָלידייטעד לאָונדרי קאָרפּאָרעישאָן", די גרעסטע וועש־וואַשעריי אין אַמעריקע, און אַ סך אַנדערע ביאַליסטאָקער וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט און באַרייכערט אַמעריקע דורך זייער ענערגיע און גרויסע פעהיגקייטען).

אין 1927, האָט דער ביאַליסטאָקער צענטער געלייגט אַ גרונדשטיין פאַר אַ היים פאַר אַלטע לאַנדסלייט. די פּראַגע וועגען אַ היים פאַר אַלטע עלענדע לאַנדסלייט איז אַרויסגערופען געוואָרען צוליב אַ גאַנצע רייע פאַלען פון עלטערע לאַנדסלייט, וועלכע האָבען ניט געהאַט וואו אַהין צו קומען. דער צענטער האָט געגעבען וועכענטליכע שטיצעס צו אַ סך אַזעלכע אַלטע לייט, אָבער אַז די צאָל פון אַזעלכע זקנים האָט גנומען וואַקסען, איז געוואָרען דער ענין אַ שווערע פּראָבלעם.

עס איז גערופען געוואָרען וועגען דעם אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די לאַנדסלייט און נאָך דעם ווי די פּראַגע איז זעהר ברייט אַרומגערעדט געוואָרען, איז באַשלאָסען געוואָרען צו בויען אַן אייגענע היים פאַר אַזעלכע אַלטע לאַנדסלייט. מען האָט דעמאָלט געקויפט די הייזער אויף 228 און 230 איסט בראָדוויי, און אויך די הייזער פון דיוויזשאָן סטריט, וואָס האָבען זיך געגרענעצט מיט די הייזער פון איסט בראָדוויי, און אויף זייער אָרט איז אין 1931 אויפגעבויט געוואָרען דער איצטיגער פּראַכטפולער צענטער און דער מושב זקנים.

דער אויפבוי פון ביאַליסטאָקער מושב זקנים האָט געקאָסט אַ האַלבען מיליאָן דאָלער, און דאָס איז געקומען פון ביאַליסטאָקער אידען, וועלכע האָבען געטראָגען זייערע ביישטייערונגען מיט פרייד און מיט אַ פרייער האַנט. איצט געפינען זיך אין דער האום 248 אַלטע מענער און פרויען.

ד. ס.

בעריש ווײנשטײן

אַ באַגעגעניש מיט׳ן מלמד פון דער אַלטער היים

דאָס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט.

מיר איז אויסגעקומען צו גיין אין שליחות, וועגען לאַנדסמאַנשאַפט־בוך, צו דער אילינאָווער־שוהל, וואָס געפינט זיך אויף דער איסט־סייד. דער פאַרנאַכט דעמאָלט איז געווען עפּעס שרעקליך ברענענדיג. אוממעגליך געווען אַזאַ היץ איבערצוטראָגען, — עס איז געווען פון יענע זומער־טעג וואָס ניו יאָרק האָט אַמאָל אַ טבע צו געבען.

צוקומענדיג צו דער אַדרעס פון דער אויבען־דערמאָנטער שוהל, האָב איך געזעהן פאַר זיך בלויז שלעסער מיט פאַרהאַקטע גרויסע בית־מדרש טירען. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז עס איז נאָך מסתמא צו פרי — זומער צו מנחה־מעריב קומט געוויינליך דער עולם זיך שפּעטער צענויף; איז פאַר מיר געבליבען זיך אָפּצורוען אויף אַ קעלער־שוועל דערנעבען און צו וואַרטען.

איבער דער שוועל און איבער מיין אַקסעל, — ערשט איך הער, ווי עס טראָגען זיך אַריבער פאַרשטיקטע קעלעכלעך פון אידישע קינדער. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָ, אונטער מיין רוקען, איז אודאי אַ חדר. און וואָס אויפמערקזאַמער איך האָב זיך איינגעהאָרכט צום לערנען, אַלץ מעהר היימישער האָט עס אָנגעהויבען פאַר מיר קלינגען. עפּעס האָט זיך אינ׳ם לערנען נישט געפילט דער אַמעריקאַנער נוסח, נאָר יענער אַלט־היימישער אומעטיגער נוסח וואָס איז מיר, ווי אויף שטענדיג אַריין אין די אָדערען.

עס וואָלט נישט געשאַדט, טראַכט איך, צוקוקען זיך אַמאָל ווי אַמעריקאַנער קינדער זעהען אויס ביים לערנען אין אַזאַ חדר, דערצו נאָך איצט ערב שבועות.

מיט עטליכע טרעפּ אַראָפּ, לאָז איך זיך צו דער אָפענער טיר פונ׳ם קעלער־חדר און זעץ זיך דרך ארצ׳דיג צו אויף אַ זייטיגער באַנק. אַלע קינדערישע פּנים׳לעך ליגען טיפער אין די ספרים אַריין און ברייגען אַרויס דעם הייסען ניגון פון „אקדמות", — יאָ, דער זעלבער געזאַנג מיט׳ן זעלבען ציטער, וואָס האָט מיט מיר געלערענט, אין דער אַלטער היים, דער מלמד ר׳ שמואל.

דער רבי האָט מיך בעת־מעשה נישט באַמערקט, ער איז געזעסען מיט דער ברייט פון זיין פּלייצע צו מיר אַ פאַרנומענער מיט די קינדער. ערשט ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן לערנען און האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט אַ פּנים פול מיט רויטער באָרד, בין איך נשתומם געוואָרען צו זעהן פאַר זיך מיין אייגענעם מלמד פון מיין גאַליציאַנער היים־שטאָט: ריישע.

— שלום עליכם אַ איד, — דערלאַנגט ער מיר זיין וואַרעמע האַנט, איך האָב דערפילט די בייזע פליישיגע האַנט פאַר וועלכע איך האָב אַזוי אָפט געציטערט. — אַ גוטען אָוונט אייך, ר׳ שמואל! פון וואַנען, — פרעגט ער מיך, — כ׳בעט אייך, ווייסט איהר מיין נאָמען, יונגערמאַן? וואָס, ר׳ שמואל, איהר דערקאָנט מיך נישט? — עפּעס קענטליך, — זאָגט ער, — וואַרט צו, לאָזט מיך קומען צו זיך, איך וועל שוין טרעפען...

אויפ׳ן מאָמענט האָט זיך ר׳ שמואל׳ן נישט איינגעגעבען צו טרעפען. — דאָס בין איך, בעריש, — זאָג איך צו איהם. ער האָט שמייכעלדיג זיין האָריגען אָרעם אָנגעלעגט אויף מיין אַקסעל: — ווייסטו, בעריש, אין וואָס איך האָב דיך דערקאָנט? — אין פּנים? — פּרואוו איך שוין טרעפען. — ניין, — זאָגט ער, — אין דער שטים. — דאָס גאָר, אין דער שטים! — יאָ, אין דער שטים, —שאָקעלט ער צו.

און טאַקע, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס נאָך בלייבט דעם מלמד איבער פונ׳ם תלמיד, ווען ניט די שטים, דאָס קויל וואָס האָט אַזויפיל מאָל פאַר איהם איבערגעזאָגט חומש־רש״י, שופטים, קהלת, די גמרא בבא־מציעא, בבא בתרא, גיטן; געזאָגט מיט אַזאַ פּחד פאַר שלעק פונ׳ם רבי׳ן, אַז עס דאַרפט גאָרנישט וואונדערען פאַרוואָס עס איז איהם געבליבען אין זכרון בלויז די שטים.

— נו, ר׳ שמואל, ווי גייט עס אייך אַזוי דאָ אין אַמעריקע? ווידער דאָס חדר, האַ? — הלואי וואָלט איך דאָס אַמעריקע נישט דערקאָנט. באַשערט געווען אַזשע קומען מעבר־לים צו באַגראָבען אַ טאָכטער; טאַקע וואָס נאָר אויפגעשטאַנען פון די שלושים. דו געדענקסט דאָך דבורה׳ן? יאָ, אודאי געדענק איך דבורה׳ן, רבי; איהר האָט דאָך זי אַזוי ליב געהאַט, זי איז שטענדיג געזעסען אויף אייער שויס און זיך געשפּילט מיט׳ן קאַנטשיק פונ׳ם „סארנע־פיסעל", בעת איהר האָט מיט אונז געלערענט.

געזעהן ווי זיינע שווערע וויעס לאָזען זיך אויפּסניי אין אבילות אַראָפּ און דער גאַנצער גוף זיינער בלייבט אין אָנמאַכט, האָב איך זיך גענומען פרעגען אויף די אַנדערע קינדער, כדי אַזוי נאָך איהם אַרויסצופירען פון געוויין. — האָט איהר כאָטש נחת פון די איבעריגע קינדער, רבי? — רייזעל, זאָגט ער צו מיר, האָט שוין ב״ה געהייראַט און אפילו זעהר גוט געטראָפען, קודם אַ יונגענמאַן, וואָס היט אָפּ שבת און האָט פּרנסה. מאיר און איציק אַרבייטען אין אַ „דרייגודס" געשעפט און אַרבייטען אויך נישט אום שבת.

בלויז יענקעל'ען, האָט אַמעריקע נישט אַזוי גוט אונטערגעשפּילט. ער איז נעבעך נישט קיין בר'מזל. ער איז אַריינגעפאַלען אין „שאַפּ" און איז געבליבען אַן אַרבייטער. מילא פון איציק'ן און מאיר'ן, וועלען כאָטש אויסוואַקסען „ביזנעס־לייט. אָבער יענקל נעבעך, וועט אייביג שוין בלייבען אַ שאַפּ־אַרבייטער. מיין ווייב ווידער, ווייסט דאָך, אַ אידענע, מוטשעט זיך, אייביג פאַרפאָרעט, קריכט נאָר אַרום אין ריווינגטאָן סטריט און האָט שוין מעהר נישט קיין טרערען פון וויינען אַזויפיל נאָך דבורה'לען.

דער פאַרנאַכט האָט שטאַרקער גענומען טונקלען אויף ר' שמואל'ן. אין איצטיגען מאָמענט האָב איך דעם רבי'ן געזעהן מעהר אין ריישע, ווי דאָ אין ניו יאָרק. זיין שווייגען האָט מיך אַריינגעפיהרט אין יענעם זומערדיגען פאַרנאַכט, ווען די קינדער פון „גלאָגעווער'ס חדר", האָבען זיך געשלאָגען מיט די קינדער פון אונזער חדר. איך בין דעמאָלט געפאַלען אין אַ שטראָם בלוט פון אַ געוואָרפענעם שטיין. דער רבי ר' שמואל איז צוגעלאָפען צו מיר און מיך אָוועקגעלייגט אַ פאַר'חלש'טן אויף אַ באַנק אין הויף, געוואַשען מיר דעם שטערען מיט קאַלטע קאָמפּרעסען, דערנאָך מיר אונטערגעשפּאַרט אַ גרויסען אייזערנעם שליסעל אונטער'ן קאַרג פאַר אַ סגולה, אַז דאָס בלוט זאָל זיך אָפּשטעלען וואָס גיכער, כדי קיינער אין דערהיים זאָל זיך חלילה נישט דערוויסען.

ר' שמואל איז אַריין אין אומגעדולד מחמת מען רופט איהם צו דאַוונען מעריב. אַרויסגייענדיג מיט איהם פון קעלער־חדר, ווענדעט ער זיך צו מיר: — און דו, בעריש, גלייכסט עפּעס אַמעריקע? כ'האָב עפּעס געהערט, אַז דו ביסט געוואָרען אַ גאַנצער מאַכער מיט די צייטונגען! האָסט כאָטש דערפון פרנסה? — עט, נאַרישקייטען, מאַך איך צו איהם. — ווייסט דאָך, זאָגט ער, אין אַמעריקע איז אַלץ אַנדערש. דאָ, זאָגט ער, ווערט פון אַ מלמד אַ בעל־תפילה, אַ בעל קורא און אַ שמש, נאָר אַ לויב דעם השם־יתברך פאַר דעם. זאָל שוין פון אַצינד אָן זיין גוט.

דער רבי האָט זיך מיט מיר, ווי אויף אייביג, אָפּגעזעגענט, און איז פאַרשוואונדען צו מעריב אין דער אילענאָווער שוהל.



געביידע פון די אנשי לובץ, 16 עלדרידזש סט., נ. י. (דאָבליו פּי עי פאָטאָ).

א. י. אַבראַמאָוויטש

ביי דער שוועל פון אמאָל

אין יענע יאָהרען, (ד. ה. סוף 19טען יאָהרהונדערט און אָנהויב 20טען יאָהרהונדערט), אַז אַ נייער אימיגראַנט, געהענדיג פון סאַוט־פּערי מיט זיין פּאַק „שבועות" אויף די פּלייצעס, האָט כסדר געקוקט אויף די שילדען, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס האָט ער מיט זיך אַן אַדרעס פון אַ היימישען רעסטאָראַנדעל. און אַז דער פריש־אָנגעקומענער איז אַריין אין אידישען קוואַרטאַל פון העסטער, עסעקס, מעדיסאָן, נאָרפאָלק, סאָפאָלק סטריט, און דערזעהען דעם נאָמען פון זיין שטעטעל אויף אַ פענצטער, און צו דעם איז אויף דער שילד נאָך געווען אויסגעמאָהלען אַ היימישער טשייניק, פון וועלכען ס'האָט געזעצט אַ פּאַרע, אָדער אַ טעלער מיט אַ געבראָטענער קאַטשקע, — זיינען איהם טרערען געקומען אין די אויגען אַריין, און געטראַכט האָט ער זיך, אַז ס'איז פאָרט דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער פאַרלאָזט ניט.

„היימישע געקעכץ" ווי אין לאָמזשע, זלאָטשעוו, ביאַליסטאָק, בעסאַראַביע, וואַרשע — דאָס איז געווען דער רוף, די דערמאָהנונג, אַז ניש קשה, מ'איז טאַקע אַריבערגעפאָהרען ים'ען, אָבער דער היימישער ניצוץ איז געבליבען. דער עיקר דעריבער, זיינען דאָ ניט אַזוי געווען די עסענס, ווי דאָס, וואָס צוזאַמענקומענדיג זיך נאָך דער אַרבעט, האָט מען דורך היימישע מאכלים פּרובירט צו וועקען דעם אַלטען שטייגער — „אַי, יוראָפּ, יוראָפּ!.."

„אין יוראָפּ," האָט איינער געזאָגט, „ווי שפּעט קאָן איצט זיין אין יוראָפּ? דאָרטען איז מיט 6 שעה שפּעטער. אַז איצט איז דער זייגער 10:30, איז אין דער היים שוין האַלב נאָך פינף נאָכמיטאָג".

— האַלב־פינף נאָכמיטאָג. טאָ וואָס אַ שטייגער טוט איצט אינדערהיים דער טאַטע, די מאַמע, כאַנטשע, שרה, פייגעל... וואָס טוהען זיי? דאָרטען האַלט מען שוין ביי דער וועטשערע און דאָ איז ערשט נאָך ברעקפעסט. עס שטעהט דער אַלאַרם־זייגער... יעדען טאָג דערזעלבער שאַפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רעסטאָראַן איז געוואָרען דער צענטער פון לאַנדסלייט, די פּאָסט פאַר בריוו, דאָס פּלאַץ פון דער סאַמע לעצטער נייעס...

און אַלע מעשיות האָט די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַנדעל געוואוסט. זי אַליין אויך אַ לאַנדספרוי. איהר מאַן האָט געאַרבעט אין שאַפּ. קינדערלאַך אָהן עין הרע האָט מען געהאַט. נו, האָט זי געוואָלט אַרויסהעלפען... אָבער צוגלייך מיט איהרע צרות, האָט זי געוואוסט יעדענס דאָליע. זי, למשל, האָט געוואוסט, ווער עס אַרבעט און ווער ניט; וועמען מ'דאַרף אַמאָהל געבען אַן אומזיסטען מאָהלצייט און דערביי ניט מבייש זיין; ווער עס האָט געלאָזט אַ ווייב אין דערהיים און דאָ טראָמבעוועט ער אַרום... אַלץ האָט זי געוואוסט, און יעדען באַזונדער דערצעהלט אַ סוד . . .

די נויט האָט צוזאַמענגעטריבען. פון מענטשען זיינען געוואָרען גרינע; פון גרינע — באָרדערס; פון באָרדערס — עסערס — — — די נויט.

אָבער אויף וויפיל מ'זאָל ניט געווען האָבען אַ שייכות איינער מיטן אַנדערען, האָט אָבער יעדער מיט זיך פאָרט מיטגעבראַכט זיין אייגען פעקעל טראַדיציעס, און דאָס האָט געמוזט מיט דער צייט אַרויסרופען פערזענליכע און געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען.

די רעליגיעזע, למשל, האָבען דאָ געפּראַוועט סדרים, חנוכה און פורים פּאַרטיס. פרייטאָג צונאַכטס פלעגט דער עלטסטער פון זיי קידוש מאַכען. דער זמירות האָט זיך געטראָגען דורך די פענסטער פונם סטופּ אין דער גאַס אַריין, און די ווייבלאַך זיינען געשטאַנען אינדרויסען, און געשעפּט נחת אויפ'ן קול.

די סאָציאַליסטיש־געשטימטע ווידער האָבען אָהן שום צערעמאָניעס געוואָלט עסען אין בלויזען קאָפּ. זיי האָבען גענומען באַקלעפּען די ווענט מיט קאַרל מאַרקס'ען א. אַ. דאָ האָבען זיך אויך אָנגעהויבען די וועגען פון דער אויפקלערונגס־אַרבעט...

נאָך אַנדערע האָבען סתם אָנגעהויבען צו פיהרען אייגענע חשבונות: אַרויפאַרבעטען זיך, חתונה האָבען, אַ סאָסייעטי, אַ פּאַרטיי, מ'דאַרף גאָר מופען אַרויף אין האַרלעם, אין דער בראָנקס...

און די רעסטאָראַנדלעך זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קאַפע־הייזער, מיטינג־לאָקאַלען און אין בירזשעס.

אַלס ביישפּיל פון די אַמאָליגע רעסטאָראַנדלאַך, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפען איבער אַלע עקען שטאָט, וואָלטען מיר געוואָלט דערמאָנען צוויי: ביידע זיינען וואַרשעווער. איינער געפינט זיך אויף 119 עסעקס סטריט; דער

צווייטער אויף 123 עסעקס סטריט.ביידע זיינען שוין ווייט ניט די אַמאָליגע סטופּ־רעסטאָראַנדלאַך, אָבער אַז מ'זיצט דאָ אַ שטיקעל צייט, הויבט זיך אייך אָן צו דאַכטען, אַז איהר געפינט זיך אויף די נאַלעווקיס.

— מרס. פּוליצער, — שרייט איינער אויף אַ הייזעריגער שטימע, און שפּילט דערביי דאָמינאָ, — מרס. פּוליצער, זאָט אַזוי גיט און דערלאַנגט מיר אַ פּאָרציע וועמפּלאַך!

— און יאַך וויל קליסקעלאַך מיט פיש און יאָעך (יויך) מיט געשניטענע האַדלאַך...

אויפ'ן הויכען קול רעדען דאָ די לאַנדסלייט, און דוקא וועגען וואַרשע.

— האַרשעל, ווען די קימסט אַזוי אָן קאָ וואַרשע, וואָלסטי ניט פרעגענדיג, געטראָפען צום אַהזערנעם טויער?

— יאַך וואָלט אַפּילו בלינדערהייט געטראָפען.

— און די מאַיואווקעס קיין בילאַן און אָכאָטע גע־דענקסטי?

— און די סטאַיקאָווקעס מיט די רעוויראָווקעס? און די בלעטלאַך וואָס מ'האָט געטיילט באַם פּאָווענזעק? און טיראָטאַ מיט דער אייזערנער געמבע?

— אַי, וואַרשע, וואַרשע... מרס. פּוליצער, מיסטער אָליש, דערלאַנגט נאָר די קליסקעלאַך מיט פיש!

אַ סך פון זיי וואוינען שוין אין דער בראָנקס, אויף ריווערסאַיד דראַייוו, אָבער אַהער קומט מען „פּאַטראָנאַיזען”. מ'קומט אַהער מיט די פאַמיליעס, ווער מיט אַן אויטאָמאָביל, ווער מיט'ן סאָבווער, און מען ווייזט אָן די קינדער:

— איהר זעט! אָט־אָ־דאָ־אָ, האָב איך אָוועקגעלייגט מיין גרין פּעקעל, אָט־אָ־דאָ־אָ!

און דערביי פאַלט אַ טרעהר ביי דער שוועל פון אַמאָהל.

וואַרשעווער רעסטאָראַן, 119 עסעקס סטריט

מנשה

לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר׳ן אידישען געריכט

דאָס אידישע פאַרמיטלונגס געריכט דערפילט אַן אומגעהייער וויכטיגע פונקציע פאַר׳ן אנשי שלומנו׳ניק, דעם אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.

די עמאָציאָנאַל־סתירה׳שע אייגענשאַפט פונ׳ם גלות־איד, זיין פסיכאָלאָגיש־גייסטיגער צושטאַנד, ווערען ווייט־ווייט ניט באַמערקט בעת׳ן פּראָצעסירען זיך אינ׳ם ניט־אידישען געריכט. אַ שטרענגער, אָפט טרוקענער, געזעץ, אַן איבעריגע אָפיציאַליטעט, אַ נאָכפרעג אויף דאָקומענטאַלע באַווייזען (זאָגט מיר כ׳לעבן, וועלכער איד באַזאָרגט זיך מיט דאָקומענטאַלע באַווייזען!) און דאָס קאָנטראָלירען זיך בעיקר אין איינהאַלטען דעם טעמפּער. געה קאָנטראָליר זיך, אַז דער שונא שטעהט דיר אַקעגען און רעדט אויף צופּיקעניש! אַ איד גאַרט דאָך ניט אַזוי צו באַשטראָפען דעם צד שכנגד, ווי צו דעמאָנסטרירען קעגען איהם זיין פּראָטעסט. אַ איד איז דאָך בטבע אַ פשרהניק. לאָזט די קריגערישע צדדים זיך אויסשארפען זייערע צינגער, נוצט אַביסעל טאַקט און תחנונים, און זיי וועלען זיך שוין אַליין אויסגלייכען זייערע פאַריבעלס.

די אַמעריקאַנער ריכטער זיינען אויך ווייט־ווייט ניט באַהאַוועגט אין אידישע ענינים. פרעגט זיי בחירום, וואָס איז אַ מפטיר, אַ בעבור שנדר, צי וואָס הייסט הבדלה, הגבהה, סליחות, יוצרות, חלוצה און כתובה.

שלעפען דעריבער געקריוודעטע מיטגלידער זייערע סאָסייעטיס אין אידישען פאַרמיטלונגס־געריכט.

„טויזענט און איין קעיס" פון פאַרשיידענע לאַנדסלייט, איינע און די אייגענע לאָדענישען אין פאַרשיידענע נוסחאות. אַ סאָסייעטי, וואָס וויל רעכטפאַרטיגען איהר האַנדלונג בנוגע צו אַ געוויסען מיטגליד, מיטגלידער ,וואָס ווילען לעגאַליזירען זייערע רעכט, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מיר גיבען דאָ אַ פּאָר מוסטערען פון די וויכטיגערע אָפּטערע סכסוכים און געלייזטע פּראָבלעמען.

אַ פרוי האָט אָנגעקלאָגט אַ לאַנדסמאַנשאַפט פאַר׳ן אידישען געריכט. איהר מאַן איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער לאַנדסמאנשאפט, ווען ער איז לעצטענס פאַר׳משפט געוואָרען צו אַ לענגערען טערמין תפיסה. טענה׳ט זי, זי איז שוין ניינצעהן יאָהר פאַרהייראַט, ער איז אַ געטרייער מאַן און פאָטער, זאָל מען דאָס נעהמען אין אָנבאַטראַכט.

לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער לאנדסמאנשאפט קען אַ פאַר׳משפט׳ער צו אַ לענגערען טערמין תפיסה ניט באַלאַנגען צו איהר. דאָס געריכט האָט גע׳פועל׳ט, מען זאָל האָבען אַן איינזעהעניש מיט׳ן פאַר׳משפט׳ען, ווען ער וועט צוריקקומען אַ באַפרייטער.

אין דער געזעצגעבונג פון אונזערע רעליגיעזע לאַנדסמאנשאפטען איז פאַראנען אַ פונקט, אז צו מיטגלידערשאפט באַלאַנגען נאָר די אחינו בני ישראל. מאַכט זיך, אַז א מיטגליד פון אַ געוויסער חברה האָט חתונה געהאַט פאַר אַ געוועזענער איטאַליענערקע, אַ גיורת. נאָכ׳ן אידישען דין, האָט אַ גר די רעכט פון אַ ישראל. די פרוי אָבער, איז מען געוואויר געוואָרען, דערציהט איהרע קינדער פון ערשטען מאַן אין אַ קאַטוילישער קירכע, איז זי מיט׳ן מאַן אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער סאָסייעטי. האָט דאָס אויסגעשלאָסענע פּאָרעל פאַרקלאָגט די סאָסייעטי פאַר׳ן אידישען געריכט: היתכן?

די ריכטער האָבען באַשלאָסען, אַז מען קען אויף קיין רעליגיעזער חברה ניט אָנהענגען קיין אומגלויביגע מיטגלידער, די חברה אָבער מוז דעם פּאָרעל אומקערען אַלע איהרע אויסגעצאָלטע „דיוס".

אַן עטוואָס עהנליכע געשיכטע האָט פּאַסירט אין אַן אַנדער פאַראיין. אַ מיטגליד איז אויסגעשלאָסען געוואָרען, ווייל זיין פרוי האָט זיך גע׳שמד׳ט און חתונה געהאַט פאַר אַ קריסט.

דאָס געריכט האָט געפונען דאָס אויסשליסען איהם פון מיטגלידערשאפט פאַר אונבאַרעכטיגט, ווייל אַ מאַן איז בלויז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיך און ניט פאַר זיין פרוי.

אַן אויסערגעוויינליכער קוריאָז האָט זיך דערטראָגען אין אידישען געריכט פון א בראנקסער לאנדספרוי. זי האָט אָנגעקלאָגט די ווארשעווער ברידערליכע לאַנדסמאנשאפטען, הלמאי מען האָט איהר אָנטזאגט אין מיטגלידערשאפט. מען האָט זי, אמת, געזעהן אַ באַפּוצטע מיט גרינע לענטעס, אינ׳ם „מלאכ׳אישען יוניפאָרם", נאָכשפּאצירען דעם פּאַדהער דיווין און זיינע שווארצע מלאכים, ומה הרעש, איז ער דען קיין גאָט ניט? ער האָט זי דאָך אויסגעהיילט פון איהר חולאת מיט׳ן שלום־שפרוך, מיט׳ן איין־און־איינציגען וואָרט: „שלום". קיינער אין דער וועלט קען איהר ניט פאַרווערען צו באלאנגען אין גאָט׳ס לאַגער.

דאָס געריכט האָט אנערקענט, אַז מיט איהר אריבערגעהן צום גלויבען אין שווארצען גאָט, האָט זי אָנגעוואָרען איהר פּלאַץ אין אַ אידישער סאָסייעטי.

אַ געוויסער ר׳ שמחה האָט זוכה געווען צו אַ שמחהיס תורה. ער האָט געבראַכט זיין ספר־תורה מיט פּאָמפּ און פּאַראד צום חנוכת־הבית פון סאָסייעטי־שוהל, און זי דאָרט געהאַלטען צעהן יאָהר. ער האָט דערפאר, פאַרשטעהט זיך, גענאָסען פון אלע פעטסטע „עליות" און באַשאָטען זיינע פריינט מיט הויכע „כבודים". ס׳האָט זיך אים אָבער פאַרוואָלט ווערען פּרעזידענט, און עס איז איהם ניט געלונגען. האָט ער זיך אויפגעעפענט אַ שוהלעכעל פאַר זיך, און געוואָלט אָפּנעהמען די ספר־תורה. די זאַך איז געבראַכט געוואָרען

פאַר׳ן אידישען געריכט, און דאָס רייניגקייט איז געבליבען אין דער שוהל.

אַ בייגעל פאַרקויפער האָט זיך פאַרדונגען איבער ימים נוראים אין אַ סאָסייעטי שוהלכעל אַלס חזן, בעל קורא און בעל תוקע. ער האָט דערפילט זיינע התחייבות׳ן ביז נעילה צייט. דער פרעזידענט פון שוהלכעל האָט איהם דאַן פאַרביטען, ווייל אַ סאָסייעטי־לידי האָט איהם דאַן דערקענט אַלס איהר בייגעל פאַרקויפער און פּראָטעסטירט. ער האָט צוליב אָט־דער אורזאַך אויך ניט באַקומען זיין געהאַלט און געבראַכט די סאָסייעטי פאַר׳ן אידישען געריכט.

דאָס געריכט האָט אויסגעזידעלט די „מאָשרום־סינאַגאָג״ פיהרער און זיי געצוואונגען באַצאָלען דעם חוב.

אַ פרעזידענט פון אַ געוויסען לאַדזש האָט באַשטעלט אַ סעודה אין איינע פון די רייכסטע האָטעלען פון שטאָט. עס זיינען געקומען פיל מיטגלידער און געסט און, אום זיי צו מאַכען צאָלען געלט פאַר די געליטענע פון זיין שטאָט, האָט ער זיך, אַלס דער ערשטער מנדב, באַשטייערט צו באַצאָלען פינף הונדערט דאָלער.

עס איז צונויפגעזאמעלט געוואָרען אַ גרויסע סומע געלט און אָפּגעשיקט געוואָרען פאַר׳ן באַשטימטען צוועק. בלויז דער פרעזידענט אַליין האָט זיין נדבה ניט באַצאָלט, היות ער האָט דאָס געטהאָן, זאָגט ער, צו מזרז זיין אַנדערע.

די זאַך איז געבראַכט געוואָרען פאַר׳ן א. פּ. ג. און ער איז באַווירקט געוואָרען צו האַלטען וואָרט.

עס פיהלט זיך לעצטענס אַ שטאַרקער קאַמף צווישען די אָפּגעשטאַנענע און די מעהר אויפגעקלערטע עלעמענטען אין די רעליגיעזע חברות. די גנאַד־געבענטשטע שומרי־שבת׳ניקעס פאַרקלאָגען די ניט־איבעריג ערליכע דאַווענערס פאַר׳ן פאַרכאַפּען דעם אויבענאָן אין שוהל.

יונגערע מיטגלידער פון אַ געוויסער חברה האָבען איבערגעבויט די סאָסייעטי־שוהל און, אום צו דעקען די הוצאות, באַשטייערט די מיטגלידער מיט אַ צוויי דאָלערדיגען אָפּצאָל. ווילען די אלטע מיטגלידער דאָס ניט צאָלען, היות די ניט־דאַווענערס האָבען אויפגעבויט די שוהל.

די יונגערע מיטגלידער האָבען פאַרהאַלטען אַ רייניגקייט און סידורים, כדי די עלטערע מיטגלידער זאָלען זיי פאַרזיכערען אַ פּלאַץ, וואו צו דאַווענען באַזונדער.

די מלחמה ברענט, מען איז גרייט איינע די אנדערע די נעז אויסצורייסען, ביז מען ברענגט זיי פאַר׳ן בית־דין־צדק (אידישען פאַרמיטלונגס געריכט), און מען באַרוהיגט די בלוטען.

כבוד־זוכערינס געוועלטיגען נאָך אַלץ אין די וייבערשע סאָסייעטיס.

עס באַווייזט זיך אין געריכט אַן אמת ווייבערשע מלוכה, אַ „קעניגרייך מיט צוויי קרוינען״.

א זעכציג הויכגעשטעלטע ליידיס זיינען בלויז געקומען. זיי זיינען טעכטער פון אַ סאָסייעטי, וואָס ווילען אויפבויען אַ „דעי נוירסערי״ פאַר קינדערלאַך פון אָרימע מאַמעס, וואָס מוזען נעבעך אָפּשמאַכען זייערע טעג ביי דער ארבייט אין שאַפּ, צי אין פעקטאָרי, און קערען זיך אין אָוועגט אום אַהיים. זיי האָבען צונויפגעזאַמעלט אַ קיימאַ־לן פון זעקס הונדערט דאָלער, אלץ איז, דוכט זיך, געגאַנגען כשורה, ביז עס האָבען זיך אָנגערוקט די גרויסע וואַהלען און דאָס ווייבערטום האָט אויפגערודערט. מען האָט געדאַרפט קלייבען אַ פרעזידענטקע, איז געוואָרען אַ „ויתרוצצו״. די מלוכה האָט זיך צעטיילט אויף צווייען, אַ „פמליא של מעלה״ און א „פמליא של מטה״, אַן אויבערשטע און אונטערשטע וועלטעל, און איבער יעדער פון זיי — אַ קייסער׳טע.

גראַד האָט זיך אין דעם אייגענעם טאָג באַוויזען אין געריכט אויך אַ מאנסבילשער דיקטאַטאָר. ער האָט אַזוי לאַנג גדולה׳עוועט אין דער סאָסייעטי, ביז די חברה׳לייט האָבען אין איהם מורד געווען, אַראָפּגעזעצט פונ׳ם כסא־הכבוד, און איהם נאָך, לא עליכם משלח געווען. בעט זיך דורכ׳ן געריכט, דער „ביג שאַט״, מען זאָל איהם צוריק נעהמען אין דער סאָסייעטי אַלס אַ בלוטפליישיגען „מעמבער״.

אַ מערקווירדיגער פאַל איז פאַרגעלייגט געוואָרען פון אַ קלעגערין, וואָס איז געקומען פאַרטיידיגען איהר אַלטען טאַטען.

איהר פאָטער איז געווען אַ טעטיגער מיטגליד און דער פאַקטישער גרינדער פון דער סאָסייעטי. איז ער, לא עליכם, קראַנק געוואָרען און אויסדערוועהלט געוואָרען פון זיינע לאַנדסלייט אַלס אַן עהרען־מיטגליד. וויל ער דאָס ניט. עס איז אַ קנאַפּע עהרע, זאָגט ער, צו זיין אַן עהרען־מיטגליד. אַן עהרען־מיטגליד קריגט אַלע „בענעפיטס״ און אפילו קרקע און צאָלט קיין „דיוס״ ניט. וויל ער ניט געניסען פון קצבה. ער וויל דינען אַלס פשוט׳ער מיטגליד און שטאַרבען אויפ׳ן אייגענעם חשבון.

די לאַנדסמאַנשאַפט האָט דערויף גערען איינגעוויליגט.

און הערט אַ טשיקאַווע מעשה׳לע.

א איד פון די „עשרה בטלנים״, פון די פריהסטע דאַווענער אין שוהל, וואָס לערענט אַ פּרק משניות און מאַכט א פיינעם „מי שברך״, האָט פאַרקלאָגט דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער אָרדען אין אידישען פאַרמיטלונגס געריכט, הלמאי ער וויל איהם ניט פאַררעכענען אַלס מיטגליד.

אַ מיטגליד האָט פאַרקלאָגט זיין סאָסייעטי, הלמאי זי צאָלט איהם ניט קיין קראַנקען־בענעפיט. די לאַנדסמאַנשאפט האָט אָנגעוויזען אויף אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס בארעכטיגט אַ מיטגליד צום קראַנקען בענעפיט, בלויז ווען איהר דאָקטער באַשטעטיגט דאָס. דער מיטגליד האָט דעם סאָסייעטי־דאָקטאר ניט גערופען.

דער מיטגליד האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ צעטעל פון אן אנדער דאָקטאָר, אַז ער איז שטאַרק קראַנק געווען פאַר דריי וואָכען און זיך ניט געקענט יאווען אין דער לאַנדסמאנשאַפט.

דאָס געריכט האָט געפונען, אַז מען קען קיין סאָסייעטי־דאָקטאָר אויף קיין חולה ניט אנוואַרפען, ווען ער וויל און מוז זיך דוקא היילען ביי אן אנדערען, און איהם צוגעפסק׳נט די געפאָדערטע סומע.

אַ מיטגליד האָט געלאָדען זיין חברה. ער האָט פאַר יאָהרען לאַנג באַלאַנגט צו דער חברה, ער איז פון איהר אַרויס

פאַר א קורצער צייט און זיך צוריקגעקערט. און ווען ער איז לעצטענס קראַנק געוואָרען, האָט מען איהם אויסגעשלאָסען פון מיטגלידערשאַפט און ניט באַצאָלט זיין קראַנקען־בענעפיט.

די חברה האָט אָנגעוויזען אויף אַ פונקט אין איהר קאָנסטיטוציע, אַז אַ מיטגליד, וואָס גיט ניט אָן בעת׳ן פאַרשרייבען זיך אַלס מיטגליד זיינע ריכטיגע יאָהרען, מוז אויסגעשלאָסען ווערען פון דער חברה און איז ניט באַרעכטיגט צו קיין בענעפיטען.

די ריכטער האָבען איינגעזעהן, אַז אַ לאַנדסמאַנשאַפט מוז געפינען וועגען ווי אויסצוזוכען אַזאַ זאַך אין אַ קירצערער צייט ווי אין דעם פאַל, און ניט גראָד ווען דער מיטגליד איז קראַנק און צעבראָכען. זי האָט אויפגעפאָדערט די חברה איהם אריינצונעהמען צוריק אין דער מיטגלידערשאַפט און איהם אָפצאָלען דעם קראַנקען בענעפיט.

אַן אָרטאָדאָקסיש רעליגיעזער לאדזש האָט פארקלאָגט אַ פאָר פון איהרע יונגערע מיטגלידער פאַר לאָזען באַערדיגען די מתים אויף אַ רעפאָרמירטען ניט־אידישען שטייגער.

אנומעלט איז געשטאָרבען איינעמס אַ שוויגער, האָט מען זי אויסגעפוצט אין איהר חתונה־קלייד, איהר „אָפּגערוזשט" די באַקען, אָנגעשמירט די ליפען מיט ליפסטיק און זי אריינגעלייגט אין אַן אויסגעבעטער טרונע מיט אַ קישען צוקאָפּענס.

און ווען אַ „ברודער" זייערער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען, האָט מען איהם אָפּגעגאָלט און אויסגעפוצט אין „פול־דרעס", ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ חתונה.

די ריכטער האָבען גע׳פסק׳נט, אַז אַ לאדזש איז באַרעכטיגט אויף איהרע פאָדערונגען, אַז מען זאָל מקבר זיין אַ מת לויט׳ן אידישען כשר׳ן דין. אַ איד אַ בר־מינן מוז באַערדיגט ווערען אין תכריכים, מען מוז איהם צוערשט לייגען אויף טהרה־ברעט, דער ארון מוז זיין אַ פשוט׳ער און פון גרים און שמינקע קען קיין רייד ניט זיין. גאָר עהרליכע אידען זיינען זיך אפילו נוהג און לייגען אריין אין ארון אַביסעל ארץ ישראל ערד.

אַ פרוי איז אריין מיט גוואלד אין געריכט, און נאָך איהר — סאָסייעטי־לייט. אַ פאָר שטונדען צוריק איז געשטאָרבען איהר מאַן. אַ לעבען־לאַנג געצאָלט „דיוס" און איצט ווילען זיי איהם ניט מקבר זיין. די סאָסייעטי־לייט גיבען עס צו. אַ יאָהר דריי צוריק, דערצעהלען זיי, האָט מען דעם מאַן אָפּערירט און איהם אָפּגעשניטען א פוס. מען האָט דעם פוס מקבר געווען. אַ מיטגליד איז באַרעכטיגט צו איין קבר, ניט צו צוויי.

— האָט דער פאַרשטאָרבענער מיטגליד געצאָלט „דיוס" נאָך דער אָפּעראַציע?

— יאָ, אָבער...

— טאָ ברענגט דעם מת צו קבר ישראל און מאָנט אויף אַ קאָפּשטייער פון אייערע מיטגלידער צו דעקען די הוצאה.

פאָרט אַ איד פון ניו יאָרק קיין פעטערסאָן, ניו דזשוירזי און שטאַרבט פלוצלונג. האָט איהם דער זוהן געבראַכט אין זיין סאָסייעטי־פלאַץ קיין ניו יאָרק דורכצופיהרען די לויה, און עס האָט איהם אריינגעבראכט אין אַ הוצאה פון אַריבער הונדערט דאָלער. מאָנט ער די סאָסייעטי זאָל איהם אומקערען דאָס געלט, ווייל זי האָט איהם ניט געזאָגט, אַז איהר בית־חיים (סעמעטערי) געפינט זיך אין ניו דזשוירזי סטייט, וואָס וואָלט איהם איינגעשפּאָרט די הוצאה.

טענה׳ן די סאָסייעטי־לייט, אז זיי זיינען ניט מחויב אויסצושטעהן די באַלזאַמירונג־אויסגאַבען, וואָס זיינען קעגען דעם אידישען דין. די הוצאה פונ׳ם איבערפיהר האָט איהם בלויז געקאָסט עטלעכע און דרייסיג דאָלער.

דאָס געריכט האָט געהאַלטען מיט די סאָסייעטי־לייט, און זיי האָבען איהם בלויז באַצאָלט די עטלעכע און דרייסיג דאָלער.

א מיטגליד רופט די סאָסייעטי צום א. פ. ג. זיין פרוי איז נפטר געוואָרען און מען באַצאָלט איהם ניט קיין שבעה־געלט. טענה׳ט די סאָסייעטי: היתכן, ער איז דאָך נאָך זיין פרוי גאָר קיין שבעה ניט געזעסען, ער האָט זי אָפּגעגט א סך פריהער נאָך די געזעצען פונ׳ם סטייט.

— אָבער אלס רעליגיעזע חברה — באַטאָנט דער מיטגליד — אנערקענט איהר דאָך בלויז א אידישען גט.

די ריכטער האָבען גע׳פסק׳ענט, אַז אַ סאָסייעטי, וועלכע נעהמט „דיוס" פון אַ מאן פאַר אַן אָפּגע׳גט׳ער פרוי, קען זיך פונ׳ם שבעה־אָפּצאָל ניט אָפּזאָגען.

א פינף און זיבעציג יאָהריגע פרוי האָט פאַרקלאָגט איהר סאָסייעטי. איהר מאַן איז באַערדיגט אויפ׳ן „הר־ציון" בית־עולם. אַריבער עטלעכע און דרייסיג יאָהר איז זי אין דער סאָסייעטי, זי האָט געצאָלט איהרע שטייערען און געווען זיכער, אז ווען איהר צייט וועט קומען, וועט מען זיך לייגען לעבען איהר מאַן אויפ׳ן „הר ציון". איצט אָבער האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט עטלעכע חדשים ניט געקענט צאָלען קיין שטייערען און די סאָסייעטי וויל פון איהר אָפּנעהמען דעם באַשטימטען קבר. וויל זי ניט, אַז זי וועט קומען אויפ׳ן עולם האמת, זיין אָפּגעשיידט פון איהר מאַן, און בעט זיך, נעבעך, מען זאָל זי ניט פאַרשעמען.

די ריכטער האָבען באַווירקט איהרע לאַנדסלייט, זיי האָבען איינגעוויליגט צו טהאָן איהר ווילען און אָפּגעווישט דעם אלטען חוב. זי וועט בלויז צאָלען איהרע ווייטערדיגע שטייערען.

אַ פרוי האָט ביי איהר לעבען „רעזערווירט" און אויסגעצאָלט אַ קבר. נאָך איהר טויט האָט זי די חברה, דורך א טעות, באַערדיגט אין אן אנדער קבר. פאָדערען איהרע צוויי זיהן, אַז די חברה זאָל זיי דערפאַר באַשטימען אַ פלאַץ לעבען זייער מוטערס קבר אָהן באַזונדערען אָפּצאָל. דאָס געריכט האָט זיי דאָס צוגע׳פסק׳נט.

אן אַלטע פרוי פארקלאָגט אַ סאָסייעטי, וואָס האָט ביי

איהר גענומען דריי הונדערט און דרייסיג דאָלער פאַר אַ פּלאַץ לעבען איהר מאַנ'ס קבר און וויל איהר דעם פּלאַץ פאַר'ן קבר ניט געבען.

די סאָסייעטי טענה'ט, אַז דער קבר באַטרעפט פינף הונ־דערט דאָלער, זי איז נאָך שולדיג הונדערט און זיבציג דאָל. זאָל זי באַצאָלען די פולע סומע. אויך האָט זי זיך צו־געאײלט און זיך געשטעלט לעבען מאנ'ס קבר א מצבה מיט איהר אויסגעקריצטען נאָמען אָהן אַ דאַטום, פאָדערען זיי, מען זאָל אַוועקנעהמען די מצבה.

דאָס געריכט האָט געפונען, אַז דער קבר איז איהרער און די מצבה זאָל ניט אַוועקגענומען ווערען. זי דאַרף בלויז אויסצאָלען זעכציג דאָלער אין אַ משך פון פיער יאָהר צייט.

זיין האַנט האָט די סאָסייעטי באַערדיגט, אָבער ער אַליין לעבט און איז געזונט

(אַ באַריכט אין „פאָרווערטס")

איינע פון די מערקווירדיגסטע קייסעס, וואָס דער „פאָר־ווערטס" רעפּאָרטער האָט ווען בייגעוואוינט, איז נעכטען פאָרגעקומען אין אידישען קאָורט, וועלכער האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין מעדיסאָן סטריט קאָורט הויז, און וועמעס אָפּי־סעס איז אין 225 בראָדוויי.

די מערקווירדיגע קייס צייכענט זיך אויס מיט איהר עכטער אידישקייט, מיט דער מענשליכער גרויליכקייט און צו דערזעלבער צייט מיט דער מאָדנעקייט ווי דאָס לעבען שפּילט אָפּ טשיקאַווע שפּיצלאַך.

אַ פרומער עלטערער איד איז דורכגעגאַנגען אַן אָפּעראַ־ציע — אַ האַנט האָט מען איהם אַרונטערגעשניטען.

לויט ווי אַ פרומער איד, וואָס באַלאַנגט צו אַ חברה, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז זיין אָפּגעשניטענע האַנט זאָל געבראַכט ווערען צו קבר ישראל אויף דער קרקע פון זיין שוהל־חברה, און דאָרט, וואו זיין האַנט וועט רוהען, זאָל מען איהם מקבר זיין „איבער הונדערט יאָהר", ווען ער וועט שטאַרבען.

דאָס הייסט, ער האָט שוין באַשטעלט זיין קבר, און אַ טייל פון גוף — דער אָפּגעשניטענער אָרעם זיינער איז שוין דאָרטען.

דער דאָזיגער איד, אָהן דער האַנט, געפינט זיך איצט אין אַ מושב זקנים, און זיינער אַ זוהן האָט אָנגעקלאָגט דער שוהל־חברה אין אידישען קאָורט אויף דער סומע פון 15 דאָלער.

די חברה האָט „געטשאַרדזשעט" 15 דאָלער פאַר מקבר זיין דעם אָפּגעשניטענעם אָרעם פון זיין טאַטען, און ער דענקט, דער זוהן, אַז ס'איז ניט רעכט, ווייל די חברה איז דאָך מחויב צו געבען זיין פאָטער אַ קבר, און פאַר דעם אָרעם האָט מען קיין באַזונדער קבר ניט „פאַריוזט".

האָבען די באַאַמטע פון דער שוהל־חברה גע'טענה'ט אַזוי:

יעדער מעמבער איז „ענטייטעלט" בלויז צו איין לויה, און דאָס מקבר זיין דעם אָרעם האָט דער חברה געקאָסט לעגאַלע אויסגאַבען, ווי אַ פּערמיט און אַנדערע קליינינג־קייטען, וואָס האָט באַטראָפען 15 דאָלער.

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אָרימקייט, וועגען ניט פאַרמאָגען די אויסגאַבען פון 15 דאָלער, טאָר אַ חברה ניט זיין קיין אַכזר מיט אַ מעמבער אין אַזאַ צייט. אָבער די 15 דאָלער האָט געקאָסט, פאַרוואָס זאָל די חברה ליי־דען די קאָסטען? פאַרוואָס זאָלען דעם אַלטענ'ס קינדער דאָס פאַרלאַנגען פון דער חברה, אין דער צייט ווען די חברה האָט דעם אַלטען מעמבער געשענקט 75 דאָלער?

וואָס פאַר אַ 75 דאָלער איז דאָס?

עס איז דער געזעץ פון דער חברה, אַז אַ קבר ווערט געגעבען פריי פאַר יעדען מעמבער אין דער רייהע, לויט ווי אימיצער שטאַרבט. אויב איינער וויל אָבער רעזערווירען אַ פּלאַץ אויפ'ן בית־עולם פאַר זיין לעבען און מען זאָל דעם פּלאַץ האַלטען פריי אַלע יאָהרען פון דעם מעמבער'ס לעבען, קאָסט עס 75 דאָלער.

די חברה, איינזעהענדיג די אויסערגעוועהנליכע לאַגע, אַז צוליב דער קבורה פון דער אָפּגעשניטענער האַנט מוז מען רעזערווירען אַ פּלאַץ פאַר דעם דאָזיגען מעמבער, ווייל אַ פרומער איד מוז קומען צו קבורה מיט אַלע זיינע איברים, האָט מען ניט פאַרלאַנגט די 75 דאָלער. די 15 דאָלער עקספּענסעס, אָבער, האָט די חברה ניט געקענט מאַכען פון איהר קאַסע, אין דער צייט ווען די פאַמיליע קען באַצאָלען אַזאַ סומע.

ראַבאַי גאָלדשטיין, וועלכער קען זעהר גוט דעם אידישען לעבען דורך־און־דורך, האָט אין דעם נאָמען פון אידישען געריכט אַרויסגעגעבען דעם פּסק־דין, אַז די חברה האָט גע־האַנדעלט זעהר ריכטיג און זי האָט געמעגט רעכענען די 15 דאָלער אויסגאַבען.

ליגט דער אָרעם פון אַ טראַגישען אידען אויפ'ן בית־עולם, און איבער הונדערט יאָהר וועט דער איד קומען אַהין, צו זיין לאַנג־פאַרשטאָרבענעם אָרעם.

טייל II.

אינהאַלט:

1. **ברוך גלאַזמאַן:**
די לאַנדסלייט מאָטיוועז אין דער אידישער ליטעראַטור........ 133
2. רעצענזיעס וועגן לאַנדסמאַנשאַפטען־אויסגאַבעס........ 142
3. **ג. ברוך:**
די סואוועניר־זשורנאַלען 152
4. מוסטערען פון לאַנדסמאַנשאַפט־ליטעראַטור........ 159
5. **אל. גוריה:**
פאָרוואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע........ 201
6. אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע........ 203
7. ביבליאָגראַפיע פון קאָנסטיטוציעס, סואוועניר־זשורנאַלען, א. אַ........ 231

ברוך גלאַזמאַן

דער לאַנדסלייט-מאָטיוו אין דער אַמעריקאַניש-אידישער ליטעראַטור *)

.1

לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען האָבען זיך אָנגעהויבען באַוויזען אינם אַמעריקאַניש־אידישען לעבען שוין היפש לאַנג צוריק. מיר ווייסען פון לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע זיינען העכער פופציג יאָהר אַלט. אָבער אין דער אַמעריקאַניש־אידישער ליטעראַטור — דעם ניי־אַרויסגעשאָסענעם צווייג פון דער אַלוועלטלאַכער אידישער ליטעראַטור — האָט זיך דער לאַנדסמאַנשאַפט־מאָטיוו, ווי עס איז נאַטירלאַך צו דערוואַרטען, אָנגעהויבען באַווייזען פיל שפּעטער.

צוערשט האָט די אידישע אימיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער—וואָס זיינען געווען פאַקטיש די אויסשליסלאַכע קוואַלען וועלכע האָבען געליפערט פאַסיגען, זיךצונויפבינדענדיגען מענטשען־מאַטעריאַל פאַר די שפּעטערדיגע לאַנדסמאַנשאַפטען — געריזלט אין קליינע ריטשקעלאַך און שטרעמעלאַך. זיי פלעגען צערינען, צעשווימען אין דעם נייעם לעבען, זיך דאָרט קנאַפּ אָנזען. ערשט אומגעפער מיט אַ קנאַפּע פופציג יאָהר צוריק, אין די נײַנציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, האָבען זיך אַנגעהויבען אָנשלאָגען אָז די אַמעריקאַנער ברעגען אימיגראַציע־כוואַליעס פון גאָר שטאַרקען אימפּעט און פאַרכאַפּענדיגער גרויס.

ס'האָט אָבער געדאַרפט דויערען אַ לענגערע צייט, ביז אָט־די אימיגראַציע־כוואַליעס האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּזעצען אויף דער אַמעריקאַנער יבשה, ביז דער רעזידיום פון אַ פאַסיגען אָרגאַניזאַציאָנס־פּייאיגען לאַנדסמאַנשאַפטסעלעמענט האָט זיך אָנגעהויבען אויסקריסטאַליזירען, ביז די היימוויי־סענטימענטען האָבען אָנגעהויבען זיך פאַרוואַנדלען אין עטוואָס שעפערישעס, און ביז די ניי־געגרינדעטע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען האָבען אָנגעהויבען שפּילען אַ ראָליע, געזעלשאַפטלאַך און עקאָנאָמיש, אין דעם לעבען פון די אידיש־אַמעריקאַנישע מאַסען. ערשט דאַן האָבען זיי געקאָנט, האָבען זיי שוין געמוזט צוציען צו זיך דאָס אויג אויך פון דעם אַמעריקאַניש־אידישען שריפטשטעלער.

און מיט דעם דערקלערט זיך עס טאַקע וואָס אין דער עלטערער אַמעריקאַניש־אידישער ליטעראַטור — ביי קאָברין'ען, ליבין'ען, ז. לעווינ'ען, א. אַ. — קאָן מען ווייניג געפינען רעפּרעזענטירט דעם לאַנדסמאַנשאַפט־מאָטיוו.

כאָטש מער פון אַנדערע שפּעטערדיגע אידישע וואָרטשעפער, האָבען גראָד זיי, דער עלטערער דור שרייבער, פרום און געטריי נאָכגעפאָלגט די ערשטע טריט פון די אימיגראַנטען־מחנות, נאָכגעגאַנגען זיי אויף דעם שטרויכלונגספולען וועג פון אומ'ברחמנות'דיגען עקאָנאָמישען קאַמף, פון פיינפולער צופאַסונגס־פּראָצעס, פון ניי־אויפגעקוואָלענע שטרעבונגען און אַמביציעס, פון קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען און פונקט אַזעלכע דורכפאַלען. אָבער — דאָס איז געווען פון זייער זייט אַ פאַרנעמען־זיך מיט דעם אימיגראַנטען־לעבען הויפּטזאַכלאַך, אויסשליסלאַך ווי מיט אַ לעבען פון יחידים, פון אַצעשטויבטען און צעברעקעלטען לעבען פון איינצעלנע אימיגראַנטען.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטען־טיפּן האָבען זיך דאָ געפיהלט בהלה'דיג צו־פאַרלוירען און צעטומעלט, זיינען געווען צו־שטאַרק פאַרטאָן יעדער באַזונדער אין זיין פערזענלאַכען פּראָבלעם פון איינאָרדנען און צופאַסען זיך צו אַן אינגאַנצען פרעמדען לעבענס־שטייגער, האָבען דורכגעלעבט די שאַרפע ווייטאָגען פון איבערברעכען זיך עקאָנאָמיש שוין דערוואַקסענערהייט . . . דער ווערט פון לאַנדסמאַנשאַפטס־פאַראייניגונגען איז נאָך ניט פאַרשטאַנען געוואָרען ; די נויטיגקייט אין זיי — ניט געפיהלט געוואָרען. אַלע זיינען דאָך נאָך פאַקטיש געווען „גרינע"—ניט געווען נאָך כמעט קיין עלטערע און איינגעזעסענערע לאַנדסלייט, וועלכע זאָלען נעמען אונטער זייער שוץ, אָדער קומען צו־הילף די אָקאָרשט אַריבערגעקומענע „גרינע" פון זייער אייגענער שטאָט אָדער שטעטל.

אָט איז ווי דוד איגנאַטאָוו, אין זיין ראָמאַן „אויף ווייטע וועגען", באַשרייבט דעם כאַראַקטער פון דער אימיגראַנטען־כוואַליע צום סוף פון דעם 19טען יאָהרהונדערט, איידער נאָך די „עם־עולמ'ניקעס" זיינען אָנגעקומען :

„די קליינע אידישע מאַסע איז דעמאָלסט באַשטאַנען מעהרסטענס פון אַנטלאָפענע באַנקראָטירטע קליינהענדלער,

---

*) דער דאָזיגער אַרטיקעל האָט נישט די מינדעסטע פּרעטענזיע אויף אויסשעפּענדיגקייט. דער שרייבער האָט זיך טאַקע באַמיט צו דעקען אַזויפיל מאַטעריאַל, וואָס קאָן האָבען אַ שייכות צו אָט־דער טעמע, וויפיל ער האָט געוואוסט. קיין גרינטלאַכע איז אָבער די אַרבייט פונדעסטוועגען נישט. וואַרשיינלאַך זיינען דאָ נאָך ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס קאָנען באַהאַנדעלט ווערען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעמע. דער שרייבער אָבער ווייס נישט פון זיי איצט. טאָ זאָל דער בייגעלייגטער עסיי באַטראַכט ווערען, ווי אַן ערשטער פּרואוו פון אָט אַזאַ אַרבייט.

ברוך גלאַזמאַן.

אַנטלאָפענע פּריזיוניקעס, פון דורכגעפאַלענע האַלב־אינטעליגענטען, אַמאָל אויך אַ סטודענט וואָס איז פאַרטריבען געוואָרען פון אוניווערזיטעט און פון לאַנד (רוסלאַנד) פאַר רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט, און אָפט אויך אַ גנב, וואָס איז אַנטלאָפען פון זיין היים, כדי אויסצומיידען געפענגעניש".

און אַז זיי האָבן אויכגעטיילט אַ פאַראיין פון זיך, איז זיין נאָמען געווען אַ כאַראַקטעריסטישער — „אָפּגעריסענע בלעטער"...

יאָ, ס'איז נאָך געווען אַ פּיאָנערען־דור — אין דעם מאַטערניספולען פּראָצעס פון געפינען אַן אָנהאַלט אין דעם נייעם לאַנד און לעבען, וואו מען האָט געדאַרפט זיך שאַפען — און שאַרפען — נעגעל ביים קלעטערען אויף האַרטען ווירקלאַכקייטס־פעלז. איז מען אַליין געוואָרען שפּיציג, שאַרף, און פאַרהאַרטעוועט...

„יעדער פון זיי האָט געהאָפט דורך שווערער באַטאָג־און־באַנאַכטיגער אַרבייט אָנצוקלייבען עטלאַכע דאָלער און אַליין אַריין אין עפּעס אַ געשעפט. „אין אַמעריקע איז דער דאָלער דער גאָט", פלעגען זיי טענה'ן (דוד איגנאַטאָוו, „אויף וויטע וועגען"). ס'איז ניט געווען קיין אָרט פאַר ראָמאַנטיק, און נישט געווען נאָך קיין אָרט פאַר לאַנדסלייט סענטימענטען. און ווען לאַנדסלייט האָבן זיך ערגעץ וואו אָנגעטראָפען צופעליג, נישט דורך פאַראיינען, וועלכע זיינען נאָך דעמאָלסט צווישען אימיגראַנטען געווען כמעט אויסשליסלאַך פון אַ פּראָפעסיאָנעלען און עקאָנאָמישען כאַראַקטער, יוניאָנס — האָבן זיי איינער דעם צווייטען קיין צופיל וואַרימקייט נישט אַרויסגעוויזען, הילף געגעבען — אודאי און אודאי נישט...

.2

אין קאָברינ'ס „די אימיגראַנטען" („ראָמאַן אויס דעם לעבען פון רוסישע אידען אין אַמעריקע", אַרום 1910), אַ שטייגער, איז כמעט אינגאַנצען נישט צו געפינען דאָס לאַנדסלייט־געפיל צווישען די פאַרשידענע אימיגראַנטען־טיפען, שוין אָפּגערעדט פון דעם לאַנדמאַנשאַפטס־לעבען. דאָרט טרעפען זיך אַפילו אָן מענטשען, וואָס שטאַמען פון איין שטאָט — לאַנדסלייט. אָבער סאַרא וואַרימקייט, סאַראַ סענטימענטען זעט איהר דאָרט צווישען באָריס עטינבערגין און אַבראַשאַ סמיטש'קען? בלויז שנאה און פאַראַכטונג צום לעצטען, וועלכער הייסט שוין גאָר איצט אייבי מעקנעק און איז דער באַלעבאָס פון פאַבריק, אין וועלכער עס דאַרף אָנקומען אַרבייטען באָריס עטינבערג'ס „אינטעליגענטע" טאָכטער, ליובאַ...

באָריס עטינבערג, דער געוועזענער קיעווער „קופּעץ", קאָן זיך קוים באַרואיגען ווען ער דערמאָנט זיך אָן אַבראַשאַ „פּאָדליעץ", ווי ער האָט יענעם געקאָנט און דרך־ארץ געלערענט מיט צען יאָהר צוריק, ווען יענער האָט נאָך ביי אים געדינט... אָט שטייט דאַכט זיך יענער פאַר אים אין קאַנטאָר, אַ בחור פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציג, מיט דעם היטעל אין האַנט, מיט דער רויטער „פּויערשער" טשופּרינע איבער'ן שטערען, מיט'ן רוקען איינגעבויגען און קוקט אויף אים מיט זיינע כיטרע־גנב'ישע אויגען און וואַרט אויפ'ן באַלעבאָס באַפעל...

— הייס איינשפּאַנען דעם פערד, אַבראַשאַ, און פאָר אַריבער צו רינטענבערג'ען און ברענג מיר אַ פּראָבע פון „די קאָרן" (דעם קאָרן)...

— „טאַק טאָטשנאָס" — ענטפערט אַבראַשאַ מיט אַ שולדיגער מינע, און לויפט אַרויס פון קאַנטאָר".

און שפּעטער, ווען יענער פירט ניט דורך דעם דאָזיגען באַפעל צו „גאָספּאָדין עטינבערג'ס" פולער צופרידענשטעלונג —

„— איך האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט מיר ברענגען אַ פּראָבע פון קאָרן — האָב איך געמיינט, פאַרשטאָסט דו, דו זאָלסט מיר ברענגען אי פון דעם טרוקענעם קאָרן אי פון דעם סערמאָלאָטנעם!.. און דו האָסט מיר געבראַכט נאָר די טרוקענע" — האָט באָריס גענומען שרייען.

„— טאַק טאָטשנאָס — האָט אַבראַשאַ געשטאַמעלט.

„— טאַק טאָטשנאָס — האָט אים איבערגעמישט (איבערגעקרומט) באָריס. — אַבראַשאַ־פּאָדליעץ, אַלעמאָל טוסטו פאַרקערט! פּאַשאָל! פּאַשאָל, סווינטוך! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און אים אַ פּאַטש געטאָן איבער'ן רויטען קאָפּ: — מאַרש נאָך דער פּראָבע!"

„אַבראַשאַ האָט צעמישט געקוקט אויף אים און, שמייכלענדיג מיט אַ הינטעשער מינע, האָט ער געשטאַמעלט: — „טאַק טאָטשנאָס!"... —

און מיט צען יאָהר שפּעטער, אין אַמעריקע —

— וואָס איז עס? יענער איז אַ פאַבריקאַנט אין אַמעריקע, און ער, באָריס, אין אַ וואָס?... און זיין טאָכטער, די באַרישניאַ ליובאַ, זי אַרבייט אין פאַבריק, און ביי וועמען? ביי זיין אַמאָליגען יונג... ביי אַבראַשאַ־פּאָדליעץ? ניין, עס מוז זיין אַ חלום... אויפ'ן וואָר קאָן עס נישט זיין!... — — — מיין קאַנטאָרשטשיק וואָלאָדיאַ איז דאָקטאָר עפּשטיין, מיין יונג אַבראַשאַ איז דאָ אַ פאַבריקאַנט... מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט אונז אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, און אַז אונזערע אַמאָליגע „מענטשען", וואָס האָבן געדינט ביי אונז, זאָלען קענען לאַכען פון אונז, זאָלען זיך קענען באָדען אין אונזער בלוט..."

ניין, ווייט נישט קיין וואַרימע סענטימענטען... די הויפּט־פּראָבלעם פונם דאָזיגען בוך איז—„דאָס רעדעלע דרייט זיך". פון לאַנדסמאַנשאַפט־געפיהלען און סענטימענטאַלע באַציהונגען—אָפּגערעדט. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס דאָס רוב העלדען זיינען דאָ ניט קיין פאָלקס־מענטשען, נאָר „אינטעליגענטען" און רוסיש־שפּרעכענדע, געוועזענע רייכע סוחרים, וואָס דרעהען אויף אַלץ מיט דער נאָז: דאָס פלייש איז דאָ פאַדלע, דאָס ברויט—מעקענע, די וואוינונגען—שוויינען־שטאַלען..." אין דאָזיגען קאָברינ'ס בוך טרעפען מיר גיכער דעם אימיגראַנטען־שטויב, איידער די אימיגראַנטען־מאַסע, איידער די גאַנצע עדות, צעמענטירטע דורך היימאַטס־וויי און היימאַטס־בענקשאַפט, מיט וועלכע מיר וועלען זיך שפּעטער טרעפען ביי אַש'ן, אָפּאַטאָשו א. אַ. קיין אָנצוהערעניש פון אַ פאַבריק אָדער לאַנדסמאַנשאַפט אינם גאַנצען

בוך — ווען די העלדען פון „די אימיגראַנטען" זוכען געזעליגקייט, גייען זיי פאַרברענגען אין קאַפייען און קיבעצאַרניעס...

כאָטש אויך צו יענער צייט האָבען זיך דאָך זיכער געפונען „סאָסייעטיס" און אונטערשטיצונגס־פאַראיינען פון אייגענע מענטשען און גוטע ברידער. אַ שטייגער, ביי ליבינען געפינען מיר שוין אַ דערציילונג „צוויי ברירות", אין וועלכער דער העלד, אַ שווינדזיכטיגער פּאָריער, מוז קריגען שטיצע כדי צו קענען אַוועקפאָרען קיין קאָלאָראַדאָ אינם סאַנאַטאָריום — העלפט אים אין דעם טאַקע אַרויס זיין „סאָסייעטי"... אָבער ס'איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס מעהר קיין אָנדייטונגען אויף אַזעלכע פאַראיינען אָדער לאַנדסמאַנשאַפטען געפינט מען ניט אין אַלע ווערק פון ז. ליבין — אָט דעם ווייכען און וויי־מוטיגען באַזינגער פון אַלערליי מעגלאַכע פּיינען און ווייטאָגען פונם אידישען אימיגראַנט אין אַמעריקע.

און אונז אינטערעסירט דאָך דאָ הויפּטזעכלאַך—טאַקע אויסשליסלאַך — דער לאַנדסמאַנשאַפט־מאָטיוו. און ניט אַזוי לאַנדסלייט יחידים, ווי אָרגאַניזירטע לאַנדסלייט — גרעסערע אָדער קלענערע צוזאַמענקומונגען זייערע—לאַנדסמאַנשאַפטען, אָרגאַניזאַציעס וואָס אָדער זיי טוען עפּעס פאַר זייערע אייגענע מיטגלידער דאָ, אָדער פאַר דער „אַלטער היים"; פאַראיינען אין וועלכע לאַנדסלייט טוליען זיך איינע צו די אַנדערע מחמת דעם עלענט פון די „גרינע יאָהרען", דער איינזאַמקייט פון אַ פרעמד לאַנד — אָדער קומען זיך צונויף כדי געמיינזאַם צו העלפען די פאַרבליבענע אומגליקלאַכע אין דער „אַלטער היים", קרבנות פון שטענדיגע פּאָגראָמען, פערמאַנענטער עקאָנאָמישער הילפלאָזיגקייט, מהומות, מלחמות, וועלט־איבערקערענישען... און אַזעלכע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור האָבען זיך הויפּטזאַכלאַך אָנגעהויבען באַווייזען ערשט אַרום יאָהר 1910.

3.

שלום אַש, דער שעפער און באַזינגער פונם היימישען שטעטעל אויף די ברעגען פון דער פּוילישער ווייקסעל, האָט אויך דער ערשטער דערזען דאָס אַמעריקאַניש־אידישע שטעטעל אויף די ברעגען פונם האָדסאָן...

נאַטירלאַך — אַן אַריבערגעוואַנדערטעס איז שוין דאָס פּוילישע שטעטעל איצט געוועזן, אַן אויסגעוואָרצעלטעס און זיך פונדאַסניי איינפלאַנצענדיגעס. אָבער אַלץ אַ שטעטעל: אַ באַזונדער קבוץ, אַ לאַנדסלייט־איינהייט.

„קיין אַמעריקע„ — אָט די רירענדיגע, כאָטש ערטערוויז שוין מיט צופיל צעגאָסענעם סענטימענט, איבערגעלאָדענע עפּאָפּייע פון די וואַנדלונגען, אינערלאַכע און אויסערלאַכע, פון אַן עקזאַלטירטען קליינשטעטעלדיגען אידישען אינגעל, יאָסעלע, וואָס איז מיטגעפאָהרען מיט זיין משפחה קיין אַמעריקע — איז אָנגעשריבען געוואָרען אַרום 1910, דעמאָלסט ווען די סטיכיע פון דער אידישער אימיגראַציע האָט זיך נאָך געפונען אויף איר העכסטען פּונקט.

און דאַן האָט שוין מאיר, יאָסעלע'ס פאָטער, געוואוסט אַז דאָס ערשטע אויפ'ן נייעם באָדען דאַרף ער זיך שטעלען אין קאָנטאַקט מיט זיינע לאַנדסלייט — „די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט", צו וועלכע ער האָט שוין מיטגעפירט אַן אַדרעס פון שטעטעל נאָך. זיי האָבען אים פון שיף אַראָפּגענומען, זיי האָבען אים דערנאָך געשאַפט אַ אידישען „פּלעיס", אַ שאַפּ אין וועלכען מען אַרבייט נישט שבת; אַ לאַנדסמאַן האָט אים יעדען טאָג געפירט צו, און אָפּגענומען פון דער סאָבוויי־סטאַנציע, ווען ער האָט געדאַרפט פאָרן אין שאַפּ אַריין...

כאָטש מאיר אַליין איז גראָד נישט געוועזן קיין מענטש מיט אַ שטאַרק־אַנטוויקעלטען געזעלשאַפטליכען חוש. „צו קיין חברה, קיין סאָסייעטי, סיי ציווילנע אָדער רעליגיעזע קאָנגרעגעישאָנס האָט ער נישט געהערט, און האָט זיך איבערהויפּט מיט קיינעם נישט געמישט". אָבער מיט אַ צוויי זייטען ווייטער לייענען מיר שוין, אַז „דעם ערשטען פרייטאָג־צו־נאַכט האָבען אים די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט מיטגענומען אין די „קאָנגרעגעישאָן אַנשי לענשנע", די חברה פון זייער שטאָט. און אַזעלכע חברות זיינען אָפּט געוועזן דער נוקלעאוס, פון וועלכען עס האָבען זיך שפּעטער אויסגעפאָרמירט די לאַנדסמאַנשאַפטען־סאָסייעטיס.

קיין מיטינג־לאָקאַל האָבען נאָך די „אנשי לענשנע" נישט געהאַט. אָבער די וואוינונג פון דער אלמנה „אויף דער דריטער סטריט" איז געוועזן דער אַדרעס פאַר אַלע וואָס פאָרען קיין אַמעריקע פון לענשנע, צו דער „מומע" אין שטוב טעלעגראַפירט מען פון שיף ווען עס קומט אַראָפּ אַ לענשנער, און פון דאָרטען גייט אַרויס אַ יונג אָפּנעמען דעם „גרינעם" פון שיף. דאָרט, ביי דער „מומע" האַלט מען זיך אויף די ערשטע טעג, ביז מען קליידט אויס דעם גרינעם, און מען קריגט פאַר אים אַרבייט. און דאָרט, אין שטיבעל ביי דער מומען, קומען זיך צוזאַמען אַלע לאַנדסלייט שבת אויף דער נאַכט, און מען שמועסט פון דער היים, פון שטעטעל... אַז עס קומט אַ נייער לענשנער, ברייננגט ער מיט גרוסען און בריוולאַך פון די לאַנדסלייט, קומט מען דאָרט צו דער „מומע" זיי אָפּנעמען: „יעדער איינער האָט אויסגעפרעגט נישט בלויז אויף זייניגע, נאָר אויף באַקאַנטע, און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען נייגעריג געוועזן צו וויסען וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון געוויסע גאַסען, הייזער, בהמות און חיות פון לענשנע..."

און ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז, הויבט זיך פון דעם אַלעמען אָן אויספּיקען אַ פאַראיין. די עלטערע מענטשען האָבען געהאַט זייער קאָנגרעגיישאָן, „אנשי לענשנע", און די יונגעלייט האָבען שוין געהאַט „די לענשנער יאַנג מענס סאָסייעטי", אַ חברה וואו „מען פירט שוין אַ הינטער קוליסען־פּאָליטיק„... אַז ס'קומט אָן „סלעק„ דערמאָנט זיך מאיר אַז אַנדערע געהערען עפּעס צו אַזעלכע חברות, וועלכע צאָהלען אין אַ שלעכטער צייט... און „דער קרוב פון דער דריטער סטריט האָט אים צוגערעדט ער זאָל אַריינטרעטען אין עפּעס אַ חברה „אחדות" וואו אַלע אַרבייטער האַלטען זיך צוזאַמען". אָבער מאיר האַלט נאָך נישט

דערביי. „וואָס פאַר אַן אַרבייטער איז ער? ער איז אַ איד, אַ יודע ספר”... עס אינטערעסירען אים בלויז לאַנדסלייט פאַרזאַמלונגען אויף דער דריטער סטריט. און ווען ער האָט טראָבעל מיט זיין יאָסעל'ען אויף עליס איילאַנד, זיינען עס ווידער די לאַנדסלייט, וועלכע לויפען אַרום מיט אים איבער דער שטאָט, זוכען הילף.

וועגען דער הילף, וואָס לאַנדסלייט פלעגען אַרויסווייזען זייערע שטאָט־לייט ביים אָנקומען קיין אַמעריקע, דערציילט זיך אויך אין אַש'עס אַ קליינער הומאָרעסקע „אַ יוניאָן פאַר שבת”. ווען משה־אהרון־לייב מלמד פון באראסאוויטש וויל קומען קיין אַמעריקע, האָבען עס די לאַנדסלייט פון דער חברה „אנשי אמת דק”ק באראסאוויטש” אים געשיקט אַ שיפסקאַרטע און אַ פּאָר דאָלער... „דעם ערשטען שבת האָבען זיי אַפילו פאַר זיינעטוועגען נישט געאַרבייט. געפירט אים אין דער חברה אַריין, וואו די לאַנדסלייט דאַווענען, כדי ער זאָל זיך זען מיט די באַקאַנטע און זיי זאָלען אים שאַפען אַ פלעיס, אַוואו מען אַרבייט ניט אין שבת”.

4.

„קיין אַמעריקע” איז אָבער בלויז אַ פּראָלאָג צו אַ ריי ווייטערדיגע ארבייטען שלום אַש'עס, אין וועלכע אַ טייל פון די זעלביגע מאָטיוון ווערען פאַנאַנדערגעאַרבעט אויף ברייטערע לייווענטען, אָדער פון אַנדערע קוק־ווינקלען, אָדער אויספירלאַכער אויפגעשפּילט. צווישען אָט־די אַרבייטען זיינען די וויכטיגסטע „לייבעל אינדערהיים — לייבעל אין אַמעריקע”, „אָנקעל מאָזעס” און „דער לאַנדסמאַן”.

אין „לייבעל אינדערהיים — לייבעל אין אַמעריקע„ — אַ שפּעטערדיגע אַרבייט אַש'עס אויף כמעט דעם זעלביגען לייט־מאָטיוו, וואָס אין „קיין אַמעריקע”; מעהר ניט וואָס דאָ איז עס אַ דערוואַקסענער מענטש, נישט קיין קינד, וואָס קאָן נישט אָנגעמען, און וויל זיך נישט צופּאַסען צו אַמעריקע — גיט אונז אַש ווידער בילדער פון לאַנדסלייט־לעבען און לאַנדסלייט־באַציהונגען.

„שבת האָט העניך מיטגענומען דעם ברודער דאַווענען אין דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי קרושעוויץ” וואָס האָבען געהאַלטען זייערע שבת'דיגע מיטינגען אין דעם חתונה־זאַל „פּאַריז”, אין וועלכען עס האָבען אויך „געמיט” די יאָנגמענס ק. אסאָסיאיישאָן, דער דאַון־טאַונער בייז־באָל קלוב, און דריי מאָל אין דער וואָך האָט דער פּאַריזער טאַנץ־מייסטער געגעבען טאַנץ־לעסאָנס. אַלע סאָסייעטיס האָבען געהאַט הענגען אויף די ווענט פון דעם האָל די צייכענס און די סטאַטוטען פון זייערע סאָסייעטיס, און די פּיקטשורס פון די געוועזענע און איצטיגע פּרעזידענטען און וויס־פּרעזידענטען, אַראָפּגענומען אין פאַרשידענע פּאָזעס, נישט אויסגעשלאָסען דעם טאַנץ־מייסטער מיט אַלע זיינע מאָדעלען און „סאָווענירס” וואָס ער האָט געקראָגען פאַר טאַנצען. אַרויפגעגאַנגען אין דער קאָנגרעגיישאָן אַנשי ק. איז מען דורך דעם סאַלון פון טאַנץ־האָל „פּאַריז”.

אַ בילד פונם דורכשניטלאַכען פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון אַ סאָסייעטי, וואָס האָט געהאַלטען אַ לאַנגע צייט, און גילט נאָך טיילווייז איצט אויך... דאָ, אין „לייבעל אין אַמעריקע”, רעדט זיך שוין וועגען דעם, אַז די „אנשי ק.” האַלטען אָפּ שבת מיטינגען. און דאָ קריגען מיר שוין אויך אַ בילד פון דעם, ווי די לאַנדסמאַן־סענטימענטען שטערען פונדעסטוועגען נישט אַ טייל לאַנדסלייט עקספּלואַטירען דעם צווייטען...

„משה פורמאַן, אַ יונג וועלכער האָט נישט געוואָגט אינדערהיים לייבלען צו גריסען, צו לייבלען צוצוגעהן, קלאַפּט אים איבער'ן פּלייצע, זאָגט אים „דו”, און „ווסיאַ ראַוונאַ, איין טייוועל”... נאָר העניך טרייסט אים און שעפּטשעט אים אין אויער: — שווייג, לייבעל, עס איז אַמעריקע... און משה קאָן דיר אַ דזשאַב געבען”.

און וועגען אַ צווייטען לאַנדסמאַן, וועגען מאָטלען, קומט באַלד פאָר צווישען לייבלען און דעמזעלביגען העניך, לייבעל'ס ברודער, דער פאָלגענדיגער דיאַלאָג:

„לייבעל: אוי ווײ איז מיר, עס איז דאָך מאָטעל מאָרלאַף, ער האָט דאָך ביי מיר גע'גנב'עט די וועש פון בוידעם...”

„העניך: שווייג... מאָטעל איז מיין באָס, ביי אים ניי איך העמדער און משה פורמאַן איז דאָ אַ פאָרמאַן ביי אים. נאָר אינדערהיים האָט משה געטריבען פערד, געווען אַ פורמאַן איבער פערד, דאָ איז משה אַ פורמאַן איבער מענטשען... און אַז משה וועט וועלען, וועט ער דיך איינשפּאַנען ביי דער אַרבייט. און דו ווייסט דאַנקען גאָט, אַז משה וועט דיך וועלען איינשפּאַנען...”

און אימיגראַנטען־כוואַליע האָט געיאָגט נאָך אימיגראַנטען־כוואַליע, און אויף זייערע קאַמען האָבען לאַנדסלייט נאָכגעפאָלגט לאַנדסלייט... יעדעס מאָל האָט זיך באַוויזען אַ נייער באַלעבאָס פון קרושעוויץ, וואָס איז אינדערהיים געוועזן אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן, אַ נגיד, אַ דאָזאָר, אַן אָנגעזעהענער מענטש. איינציגווייז זיינען זיי אַרויפגעקומען צו אַכלאַפּ'ען אין שאָפּ און געניייט העמדער. די גאַנצע מזרח־וואַנט פון קרושנעוויצער שול געפינט זיך שוין ביי אים אין שאָפּ. און איבער זיי איז אויפזעהער משה דער פורמאַן. דיזעלבע האַנט, וואָס האָט די פערד אָנגעיאָגט אינדערהיים, דיזעלבע האַנט יאָגט אָן די באַלעבאַטים פון קרושנעוויץ אין אַמעריקע צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי די מתים נאָכ'ן טויט, וואָס ליגען אויף איין בית־עולם, האָבען נישט וואָס צו טאָן נאָר צו דערמאָנען זיך אָן זייער געוועזענעם לעבען, אַזוי דערמאָנט זיך קרושנעוויץ דאָס געוועזענע לעבען פון זייער שטעטעל... יעדער פאַרוואָרפענער שטיין פון קרושנעוויצער מאַרק ווערט דאָ דערמאָנט; יעדע געשעעניש פון פאַרצייטען ווערט דאָ איבערגע'חזר'ט... און אַז די לאַנדסלייט צוריידען זיך צופיל פון היימישע ביזנעס, קומט משה'לע פורמאַן — דער פאָרמאַן — אַריין און גיט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט.

„קרושנעוויץ, שאַראַפּ! דאָ איז אייך נישט קרושנעוויץ... וועט איר אַרבייטען, איז אַלרייט, אַז נישט, נעמט די ביינער און טראָגט אייך אָפּ...”

.5

אין זיין ווערק „אָנקעל מאָזעס“, כאָטש עס האָט שוין אַ ראָמאַנען־פּאַבולע, באַרירט אַש ווידער איניגע מאָטיוועו פון די פריערדיגע צוויי ווערק, גיט ער אונז ווידער בילדער פון די היימישע באַציאונגען צווישען לאַנדסלייט — און פון די קאַמפען צווישען זיי. נאָר דאָ האָבען מיר שוין אַ גאַנצע עדה, אַ גאַנץ פּוילישע שטעטעל, וואָס האָט ביסלאַכוויז אַריבערגעוואַנדערט — און האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען אויך אויפ׳ן נייעם באָדען זיך אויפצוהאַלטען, ווי אַ שטעטעל־איינהייט, — שיר נישט ווי איין גרויסע פאַמיליע...

„אין אַמעריקע האָבען זיך די איינוואוינער פון שטעטעל צוריק געפונען. אויף דער בויערי־גאַס איז געשטאַנען אַ דריי־שטאָקיג הויז, פאַרשטויבט און שמוציג, וואָס די דאַך־באַנען האָבען אָנגעטראָגען דערויף דעם שטויב פון די גאַסען. און אין די אויבערשטע שטאָקען איז געזעסען דאָס גאַנצע שטעטעל קוזמין...“

צוערשט האָט אָנקעל מאָזעס אַריבערגענומען זיינע אייגענע: די ברידער, דערנאָך די ברידער׳ס קינדער, די פעטערס, די איידעמס און די זין פון די פעטערס. דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווענדען צו אים באַקאַנטע, און גלאַט אַזוי „לאַנדסלייט“ נאָך שיפסקאַרטען... אָבער נישט צוליב פילאַנטראָפּישע אָדער היים־סענטימענטען האָט עס אָנקעל מאָזעס אַלץ געטאָן. גיכער האָט ער דעם לאַנדסמאַן־סענטימענט עקספּלואַטירט צוליב זיינע אַייגענע צוועקען: ער האָט אין ניו יאָרק אויפגעבויט אַ גרויסען שאַפּ, וואו אַלע נייען ביי אים הויזען.

„אָנקעל מאָזעס האָט אויסגעגלייכט גאַנץ קוזמין. ניטאָ מעהר קיין שיינע באַלעבאַטים, דאַזאָרעס, מיט אָרימע בעלי־מלאכות. ניטאָ קיין תלמידי־חכמים מיט גראָבע יונגען, נישט קיין שוסטערס, קיין אידען וואָס שטעלען ווייבער באַנקעס, און אידען וואָס קיצלען ווייבער אונטער די אָרעמס, ווען זיי ברענגען זיי אָנצומעסטען די קליידער — אַלע דינען צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען איין זאַך — נייען הויזען...“ און אָנקעל מאָזעס שטייט נאָך איבער זיי מיט דער גרויסער שער, און חוזק׳ט:

„— זע, זע, ווי קוזמין קריכט — העי, דו, גרינער נאָטע! וואָס מיינסטו? דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכען, אין אַמעריקע לויפט מען פלינק — פאַרשטאַנען? הויב די פיס, דו אוגערקע גרינע!“

און אויף די פּלייצעס פון די לאַנדסלייט, ווי אויף אַ פּעדעסטאַל פון מענטשלאַכע לעבענס, פון אים אַליין אויסגעזויגטע, שטעלט ער זיך דערנאָך אַוועק און לאָזט זיך נאָך דערפאַר אָפּגעבען כבוד, דער פאַבריקאַנט פון דער בויערי־גאַס: ער לאָזט זיך אויסקלייבען פּרעזידענט פון דער חברה „אנשי קוזמין“; איז אַ באַלעבאָס פון די הייזער, אין וועלכע די קוזמינער לאַנדסלייט וואוינען ביי זייער לעבען; אין שפּיטאָל „בקור חולים“, אין וועלכען די קוזמינער אידען ליגען ווען זיי ווערען אַלט און קראַנק, טראָגען אַ פּאָר בעטלאַך זיין נאָמען; און „מאָזעס מעלניק“ פינקעלט מיט גאָלדענע בוכשטאַבען איבער דעם טויער פון „שער־חיים“, ביים אַריינגאַנג פון בית־עולם, אויף וועלכען די קוזמינער ליגען נאָכ׳ן טויט...

נאָר קוזמין וויל נאָך דערווייל נישט שטאַרבען! ביים אָנקעל מאָזעס אייפ׳ן בוידים (אינם „לאָפט“) לעבט ווידער אויף דאָס אַלטע קוזמין מיט אַלע זיינע מערקווירדיגקייטען. יעדער אַלטער שטיין, יעדעס אַלטע הויז און ווינקעל ווערט מיט ליבע דערמאָהנט פון די געטרייע קינדער פונם שטעטעל, וועלכע זיצען מיט די הויזען אין די הענט און בענקען. וואו־נישט־וואו לאָזט זיך הערען אַ קרעכץ, פאַלט אַ טרער...

אָט־די דאָזיגע נאָסטאַלגיע, די דאָזיגע בענקשאַפט־סענטימענטען זיינען עס געווען דער ערשטער שטויס צו דער גרינדונג פון לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין.

„שבת־ביינאַכט פלעגען זיך די עלטערע לאַנדסלייט צונויפקומען ביי איינעם פון דער משפחה און פאַרברענגען דעם אָוונט מיט דעראינערונגען וועגען קוזמין... זיי האָבען געבענקט נאָך דעם קוזמינער הימעל, נאָך דער לבנה, נאָך פעלדער און נאָך קוזמינער סעדער, און ווען נאָר זיי זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט מען גענומען קוזמין אויפ׳ן טיש אַרויף. וואָרים קיין אַנדער לעבען האָבען זיי נישט געהאַט, נאָר דאָס לעבען, וואָס זיי האָבען הינטער זיך איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים“.

איייגע עלטערע לייט האָבען אָט־די בענקשאַפט ניט אויסגעהאַלטען, ענדלאַך צוריקגעפאָרען קיין קוזמין שטאַרבען. און די איבעריגע — האָבען געקויפט אַן אייגענעם בית־חיים דאָ, זיי זאָלען לכל־הפּחות נאָכ׳ן טויט ליגען צווישען אייגענע... און אָט דער קרקע־מאָטיוו איז געווען אַ צווייטער שטויס צו דער אָרגאַניזירונג פון לאַנדסמאַנשאַפטען.

ערשט שפּעטער איז צוגעקומען דער מאָטיוו פון עקאָנאָמיק — פון געגענזייטיגער הילף. אין „אָנקעל מאָזעס“, וועלכער האָט איינגעשטעלט מיט זיינע לאַנדסלייט פאַטריאַרכאַלישע באַציאונגען, קומט אָט דער מאָטיוו צום אויסדרוק פון דער פאַרקערטער זייט. אָנקעל מאָזעס האָט עקספּלואַטירט דעם לאַנדסמאַן־סענטימענט, כדי די אַרבעטער פון זיין שאַפּ זאָלען זיך נישט אָרגאַניזירען, נישט יוניאָניזירען, נישט קעמפען געגען אים... געגען וועמען קעמפען — געגען אַן אייגענעם? האָט ער זיי נישט אַריבערגענומען קיין אַמעריקע, זיי „פאַרזאָרגט מיט פּרנסה“ ביי זיך אין שאַפּ? און חוץ דעם —

„אָנקעל מאָזעס האָט געקויפט פאַר דער חברה („אנשי קוזמין“) אַ נייעם פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם און האַלב דערפון גלייך פאַרקויפט אַן אַנדער חברה, און דערפון אַזויפיל געלט פאַרדינט, אַז די קוזמינער האָבען געקראָגען זייער בית־עולם כמעט בחינם. איצט נוצט ער אויס זיינע גאַנצע סוחר׳ישע פייאיגקייטען אַרויסצוקריגען אַ שול פאַר דער חברה. ער האָט שוין דורך אַ ביזנעס־שווינדעל געקראָגען

אַ פלאַץ אויף אַ שול כמעט בחינם, און איצט האַנדעלט ער אונטער אַ טויש צו מאַכען אויף אַ הויז... זייט אָנקעל מאָזעס אינטערעסירט זיך מיט די קוזמינער, איז זייער חברה געוואַקסען, רייך געוואָרען און האָט שוין איינגעשלונגען אַ פּאָר אַנדערע חברה׳לאַך... זיינע פאַרדינסטען פאַר קהל׳שע אָנגעלעגענהייטען האָבען אים באַלד באַרימט געמאַכט איבער די גרעניצען פון דער קוזמינער לאַנדסמאַנשאַפט... אַנדערע אַנשטאַלטען פּרוּוען פאַראינטערעסירען אָנקעל מאָזעס אין גרעסערע אונטערנעמונגען פאַר טובת־הכלל. אָנקעל מאָזעס איז שוין וויס־טשערמאַן פון אַ מושב־זקנים, אַ קאַסירער פון אַ תלמוד־תורה און אַ דירעקטאָר פון אַ קליינעם האָספּיטאַל... און זיין באַרימטקייט אַלס פילאַנטראָפּ און כלל־מענטש וואַקסט אין שטאָט”!

כ׳האָב געבראַכט אָט־די לענגערע ציטאַטע, ווייל זי גיט אונז אַ בילד פונם אַלגעמיינעם וואוקס און אויפשטייג פון אַ היימישען טיפּ „כלל־טוהער” פון די רייען פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט אַרויס... אמת, אָנקעל מאָזעס׳ען אַליין האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפען, ווען די שעה פון קאַמף האָט ענדלאַך געשלאָגען. א יונגער, שוין אין אַמעריקע דערצויגענער לאַנדסמאַן האָט אויפגעהויבען דעם יוניאָן־קאַמף געגען אים. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערער מאָמענט. מיר זיינען דאָ מער פאַראינטערעסירט אינם לאַנדסמאַן־מאָטיוו, ווי אין אַ צענטריפּעטאַלען, איידער אין אַ צענטריפוגאַלען כח; ווי אין אַ פאַראייניגונגס־צעמענט, און נישט ווי אין אַ פאַנאַנדערטיילונגס־פאַקטאָר.

6.

אין אַש׳עס קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן” (1910—11) זיינען אויך דאָ מאָטיוון, ענליכע צו די פון די פריער־באַטראַכטע ווערק. דזשעק איז אין אַ סך פּרטים דער פּראָטאָטיפּ פון אָנקעל מאָזעס׳ען. באַציאונגען צווישן אים און די לאַנדסלייט — דיזעלביגע: פּאַטריאַרכאַלע. אָבער דער הויפּט־קאַמף איז דאָ נישט אַרום ליבע און עקאָנאָמיק, נאָר — אַרום יחוס.

ס׳איז דער קאַמף אינערלאַך אין דזשעק׳ען צווישען זיין איינגעבאָרענער, פּראָסטער היימישקייט און עמכאָ׳דיגקייט—און זיין אַמביציע זיך אָנצושליסען, דורך חתונה־פאַרבינדונג, אָן די יאַהודימשע קרייזען, אָן די „דייטשען”, וואָס דאַרף עס אים געבען אַ העכערע „געזעלשאַפטלאַכע שטעלונג”.

בענדעט, דער „דאַהטשישער” שדכן, באַנוצט אַזאַ מין אַרגומענטאַציע כדי אָפּצורייסען דזשעק׳ען פון זיינע לאַנדסלייט:

„— מאַכט נישט, וואָס לאַנדסלייט... דאָס וואָר פאַר דרייסיג יאָהרען... אין די יוגענט, און די קינדהייט האָבען וויר אַלע געהאַט פריינדע. אָבער הייטע זינד זי מיסטער דזשעק ליווי, די גאַנצע וועלט קען זי, איינער דער פיינסטען מיטגלידער די (דער) געמיינדע איזראַעל׳ס אין דיזער שטאַט.., זי מוזען (מוסען) אירען אָרט קענען! — — — זי ווילען אונטערשטיצען אירע לאַנדסלייט — דאַס פאַרשטיי איך. אָבער מאַכט מען דאָס אין עפענטלאַכקייט! מען שיקט אַ טשעק אין אָרדען פאַר עמיגרעישאָן (?) אַריין, דאַן קומט עס אין די צייטונגען, איר נאָמען איז געדרוקט, און די גאַנצע וועלט ווייסט דערפון...”

אָבער די פּראָסטע לאַנדסלייט זיינען סוף־כל־סוף מנצח די „הויך־אַריסטאָקראַטישע” דייטשע געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ בעלן „אויסמענטשלען” דזשעק׳ען — צוליב יענעמס געלט... און דזשעק געפינט ווידער זיין רו, זיין גאַנצקייט אין דער סביבה פון זיינע אַמאָליגע שטעטעל־לייט: „מעגסטו הונדערט יאָר זיין אין דער פרעמד, קוים דערשמעקסטו עפּעס היימישעס, פאַרגעסטו פון אַלץ, גיט עס דיר אַזאַ צופּ ביים האַרץ... דו זיצסט דיר טיילמאָל דאָ דורך לאַנגע יאָרען פאַר׳ן סטאָר אויף דער בויערי, און די קאַרס פליען דיר פאַרביי, און דער עלעווייטעד קלאַפּט דיר—און דו זעהסט דיר גאָר דאָס פלומפּעל וואָס איז דאָרט פאַר דיין טיר, און דו זעסט גאָר די אַלטע חיה־לאַה, וואָס שפּאַצירט פאַר׳ן געסעל פאַרביי... — — — אַז איך האָב געזען, ווי מען באַליידיגט אַ היימישען מענטשען, האָט עס מיך געגעבען אַזאַ נעם־אָן, אַז כ׳האָב געמיינט די געדערים אינווייניג...”

אויך פאַר לעאָן ראָזענקראַנצ׳ען, פון אברהם רייזענ׳ס ערציילונג „דריי דורות” („פאָרווערטס”, 4טען דעצ., 1937), איז „שטענדיג אַ פרייד צו טרעפען זיך אין ניו יאָרק מיט אַ לאַנדסמאַן”. דערביי דערקלערט אונז רייזען אַז „די נאָהענטקייט צו דעם לאַנדסמאַן איז נישט באַשטאַנען אין דער ריכטונג פון דעם לאַנדסמאַנ׳ס געדאַנקען, נאָר אין דער גאַס וואו ער האָט געוואוינט ווען ער איז נאָך געווען אינדערהיים, וויפיל די גאַס איז נאָהענט געווען פון ראָזענקראַנצ׳עס גאַס... דעמאָלסט מעג דער לאַנדסמאַן זיין אַפילו עלטער און פרימער און אויסדריקען וועלכע נאָר געדאַנקען ער האָט, איז ער, אין דער צייט וואָס ער הערט אים ריידען זיין שכן... ער פאַרגעסט דעמאָלסט אָן ניו יאָרק, אָן זיין פּאַרטיי, אָן זיינע אינסטיטוציעס — ס׳איז די גאַס די היימישע, מיט די היימישע מענטשען, מיט די היימישע רייד...”

דאָ רעדט פאַר אונז רייזען — דער דיכטער, וואָס נישט נאָר פאַרשפּיצט ער קיינמאָל נישט קיין קליינע און אומוויכטיגע חלוקי־דעות, נאָר תמיד פאַרקליילאַכדיגט ער די שפּיצען און פאַרווישט דעם אינהאַלט און דאָס בילד פון גרויסע קאָנפליקטען. ס׳איז דער דיכטער, וואָס פאַרגלעט שטענדיג, איז תמיד איבערבעטענדיג, נישט צעקריגענדיג. איז שוין במילא דעמאָלסט קיין חלוק נישט צווישען די „יאָנגמען” און אַפילו די עלטסטע פון דער „סאָסייעטי”, און די „אינדעפּענדענטס” — „סיי־ווי־סיי, דער טיטעל האַלט זיי אַלעמען יונג... און אַלע דריי דורות אינאיינעם פּראַווען איין יובילײ”...

7.

די לאַנדסלייט פון גאַרעק סטריט (אין אַפּאַטאָשו'ס „די טענצערין") האָבען קיין לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין נישט געגרינדעט, אָבער זיי זיינען אַ בולט'ער ביישפּיל פון אַ לאַנדסלייט־נוקלעאוס, פון וועלכען אַזאַ מין פאַראיין פלעגט זיך געוויינלאַך אויסשפּיקען.

וויזט זיך אַרויס אַז לייזער האָט אויפגעהאַלטען זיין דירה אויף גאַרעק סטריט, בלויז צוליב דעם: די עטליכע לאַנדסלייט זאָלען קאָנען זיין ביי אים באָרדערס, זיך נישט פילען איינזאַם אינם פרעמדען כרך. „אַלץ היימישע מענ־טשען, לאַנדסלייט... כ'האָב נישט געקענט צוזען, ווי מען וואַלגערט זיך — זיי דאָ, די פאַמיליעס דאָרט, האָב איך יעדען אָפּגעגעבען אַ ווינקעל".

אַז עס פלעגען קומען צו פאָהרען נייע לאַנדסלייט, איז דאָס געווען זייער ערשטער אַדרעס. און אויך דאָ האָט געהערשט משפחה'דיגעס. די גרינע האָבען געקראָגען צו טאָן ביי אייבי'ן דעם לאַנדסמאַן וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבייט אויף אַן אייגענעם טשיקען־מאַרקעט. אַפילו זרח, נישט פון איין שטאָט מיט זיי, איז אויך אַריינגענומען געוואָרען אין דער משפחה: „אויך לאַנדסלייט... אויב נישט פון איין שטאָט, איז פון דער זעלביגער גובערניע". ביי אַפּאַטאָשו'ן, אַ פיל־קיהלערען און קאָנדענסירטערען שרייבער ווי שלום אַש, האָבען אויך היים־סענטימענטען געדינט ווי אַ צעמענטירונגס־קראַפט צווישען לאַנדסלייט:

„דאָ אין מאַרק האָט מען זיך געטראָפען מיט היימישע מענטשען, געוואָרען אויף אַ ווײַלע ביי זיך וויכטיגער און נישט מיד געוואָרען צו ריידען פון „יענע גוטע צייטען" אין דער אַלטער היים, וואו מען האָט איבערגעלאָזט די נשמה..."

און סיידען בלויז פאַר אידישע מענטשען דירעקט פון איין שטאָט און שטעטעל, אָדער אַפילו בלויז „דער־זעלביגער גובערניע" האָט אָט דער היימאַט־ווי, האָט אָט דער איינזאַמקייטס־מאָמענט געדינט ווי אַ פאַראייניגונגס־צעמענט? אַפילו פאַרשטייער פון פאַרשידענע פעלקער, גוים און אידען, האָבען זיך צוליב אָט־די מאָטיווען אין דער נייער פרעמדער סביבה אָפט געטוליעט צוזאַמען.

איהר זעהט עס אין דוד איגנאַטאָוו'ס „אויף ווייטע וועגען", וואו צום פאַראיין „אָפּגעריסענע בלעטער" האָבען געהערט נישט נאָר אידען, נאָר אויך רוסען און קירגיזען — בכלל, מענטשען מיט „רוסישע נשמות". איר געפינט עס אין די שיף־סצענעס ביי אַש'ען („קיין אַמעריקע", זז. 150—156), אויך אין אַפּאַטאָשו'ס „טענצערין", (זז. 10—77). אָבער אַמאויסדרוקפולסטען ווערט אַרויסגעבראַכט אָט די דערנעענטערונג און דאָס טוליען זיך פון ניט־איד צום איד אויפ'ן באַזיס פון לאַנדסמאַנשאַפטס־סענטימענט אינם איין־אַקטער פון י. ד. בערקאָוויטש „לאַנדסלייט" („צו־קונפט", 1921).

ווען אַנטאָשאַ לאָזט זיך אַוועק אויף אַ נסיעה אין די ווייטע לענדער אַריין, פאַרפאָרט ער אין ניו יאָרק נישט צו קיין אַנדערען, ווי צום אַמאָליגען שכן פונם אייגענעם היימישען שטעטעל קאָזלאָוו, צום פעדלער נפתלי טשערניאַק, וועמען ער פירט אַ מתנה, אַזש פון יענער זייט אָקעאַן — אַ זאַק הרעטשקע... און נפתלי נעמט אים אויף מיט די וואַרימסטע געפילען — טאַקע נאָר ווי אַן אייגענעם משפחה־מענטשען.

נפתלי: „הכלל, וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידען? אַודאי וועלען מיר דיר העלפען ווי ווייט מיר קענען... איך פאַרגעס נישט מיינע אַמאָליגע שכנים! עפעס אַ קלייניגקייט? דריי־און־דרייסיג יאָר אָפּגעוואוינט מיט דיין באַטקאַ אַ טיר געגען אַ טיר, געבאָרען געוואָרען אין איין דאָרף!.. איך אַליין גיי אַרויס מאָרגען זוכען פאַר דיר אַ דזשאָב!"

און דאָס — ווען אַליין שטייט ער אַ גאַנצען טאָג אין די היצען ביים פושקאַרט זיינעם, פעדעלט מיט עפּעל און „פענענעס". אָבער — „איך וועל דאָך נישט איבער־לאָזען אַזאַ נפש, און נאָך אַזאַ גרינעם דערצו, גלאַט אַזוי אויף הפקר!" און דוקא די אַמעריקאַניזירטע, די „געביל־דעטע" קינדער זיינע פאַרמאָגען שוין נישט קיין סימן פון אָט דעם וואַרימען לאַנדסמאַנשאַפטס־געפיל, חוזק'ען אַ קאַפּיטשקע אָפּ פון דעם דזשיקען „גרינעם", אַזוי אַז דער פאָטער אַליין פילט זיך אַזש געטראָפען, און איז געצוואונ־גען זיי אָנצורופען, די קינדער זיינע, — „אַנטיסעמיטען"...

8.

אין דער צייט, וואָס ביז דער וועלט־מלחמה, האָבען די לאַנדסמאַנשאַפטען דער־עיקר'שט געהאַט פאַר זיך צילען ריין־אַמעריקאַנישע, אַזוי צו זאָגען, אינערלאַכע — געגענ־זייטיגע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע הילף פאַר די מיט־גלידער דאָ — זיינען נאָך דער מלחמה די טעטיגקייטען פון דיזעלביגע פאַראיינען פאַרברייטערט געוואָרען אויף איינצושליסען אין זיך די לאַנדסלייט פון אויף יענער זייט אָקעאַן — די מלחמה־געליטענע, פאָגראָם־צעטריסעלטע, עקאָנאָמיש־רואינירטע. און אָט די רעליף־טעטיגקייטען זיינען אַ לאַנגע צייט דעמאָלסט שיר נישט געוואָרען די הויפּט־עובדא פון אַזאַ לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין:

„אינם לעבען פון די צוויי אידישע פעלקער וואָס אויף ביידע זייטען פונם גרויסען און שטורמיש־גלייכגילטיגען אָקעאַן האָט זיך דעמאָלסט אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע, אַ הערלאַכע עפּאָכע, אַ רומפולע עפּאָכע, אַ גאָלדענע ערע וואָס וועט לאַנג און לאַנג שטראַלען אין דער געשיכטע, שטראַלען גאָלדיג און בלוטיג — די ערע פון הילף פאַר די אָרימע ברידער..." („לענדער און לעבענס" פון ברוך גלאַזמאַן, ניו יאָרק, פאַרלאַג, „לאַנדסמאַנשאַפטען", 1937).

און ס'איז דעריבער נישט מער, ווי נאַטירלאַך, אַז אויך אָט דער מאָמענט אין דער לאַנדסמאַנשאַפטס־טעטיגקייט — דער רעליף־מאָמענט — זאָל געפינען זיין אָפּשפּיגלונג אין דער אידישער ליטעראַטור.

די צאָל לאַנדסמאַנשאַפטען האָט זיך צו יענער צייט, גלייך נאָך דער מלחמה, פאַרגרעסערט. שטאָטלייט, וואָס האָבען אַזוי געהערט צו באַזונדערע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צו פאַרשידענע אומאָפּהענגיגע פאַראיינען — האָבען זיך גענומען און אָרגאַניזירט אין לאַנדסמאַנשאַפטען מיט׳ן ספּעציעלען צוועק צו העלפען די פאַראומגליקלאַכטע איינוואוינער פון זייער שטאָט און שטעטעל אויף יענער זייט אָקעאַן.

„די גליקלאַכע און רוהיגע מענטשען אויף דער זייט האָבען אינגאַנצען פאַרלוירען זייער רו... איז וואָס, אַז אַלע זיינען זיי געווען איצט אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד? ווי־באַלד אַז זיי האָבען נישט געקאָנט מער רואיק שלאָפען דורך די נעכט... ווען מען האָט מען עס געוואָלט גרינגער מאַכען מיט אָט דער הילף — האָט מען געוואָלט פאַרשטאָפּען מיט דעם די וואונדען ביי יענע דאָרטען וואָס זיינען אָפּגעגאַנגען מיט אַזויפיל בלוט? האָט מען עס מיט זיי געמיינט צו פאַרשטאָפּען די מיילער, וואָס זייערע געשרייען האָבען געשטאָכען די הערצער פון די רייכע און גליקלאַכע לאַנדסלייט — הערצער וואָס האָבען געקלאַפּט מיט פולער לעבענס־לוסט דורך די לאַנגע שנייאיגע און ווינטיגע ניו יאָרקער ווינטער־נעכט אין די באַקוועמע צענטראַל־באַהייצטע אַפּאַרטמענטען, אין די רייך־פאַרפּוצטע און ליכטיגע שלאָף־צימערען — צי גאָר די קורצע גאָלד־און־דימענט־נעכט וואָס אין פרעכטיגע זומער־פּאַוויליאָנען ביי די ים־ברעגען — אָדער לוקסוסדיגע זומער־קאָטעדזשעס וואָס אין די בלוי־בערג פון פּענסילווייניע, און די ווייס־בערג פון ניו־העמפּשייר, און די גרינע בערג פון ווערמאָנט?" (איביד, ערשטער באַנד).

אָט־אָ דער רעליף־מאָמענט, אָט דער קאָנטראַסט צווישען דעם לעבען פון די רייך־אַרויפגעאַרבייטע רעליף־געבער, און די רעליף־נעמער אויף יענער זייט ים (אין דעם געגעבענעם פאַל איז עס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד) — איז אַ טייל פונם אינהאַלט פון „לענדער און לעבענס". און עס איז געווען דעמאָלסט טאַקע, וואָס די לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען אַרויסגעבראַכט פון זיך דעם נייעם נאָך־מלחמה׳דיגען טיפּ כלל־טוער — דעם „דעלעגאַט", דעם ספּעציעלען שליח.

מיט׳ן דעלעגאַט בונעם שיקט מען אין דער היים־שטאָט אַריין אַ גאַנצען טראַנספּאָרט מעדיקאַמענטען, קאָנסערווירטע שפּייז־פּראָדוקטען, אַלטע קליידער... און אויף דעם באָדען פון דער נישט־איינשטימיגקייט צווישען דעם אַמעריקאַנער „דעלעגאַט" און דער אָרטיגער סאָוועטישער מאַכט וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון דעם שטאָטישען הילפּס־קאָמיטעט, וועלכען די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט האָט באַשטימט — קומען פאָר ביים אָנהויב אַ ריי צוזאַמענשטויסען און אינצידענטען נישט פון אַן ערנסטען כאַראַקטער. אָבער וויכטיג איז דאָ דער עיקר׳שט דאָס פאָלגענדע:

„די ערשטע פּאָר וואָכען נאָך בונעמ׳ס אַהיימקומען איז די שטאָט געגאַנגען כאָדאָראָם. און סיידען נאָר זיין אייגענע געבוירען־שטאָט? איבער אַלע אַרומיגע שטעטלאַך און ישובים וואָס ליגען ביים ברעג פונם זעלביגען פלאַכזאַמדיגען פריפּיעט־טייך, אָדער זיינען פאַרוואָרפען אין די זומפּיגע געדיכטעניש פון די פּאָלעסיער וועלדער — אין קאָפּיטקעוויטש און אין נאַסאַוויטש, אין נאַראַווליע און אין יורעוויטש, אין סקריהעלאַוו און אין פּעטראָקאָוו, אַזש ביז דער פּוילישער גרעניץ אויף איין זייט און ביז די גרעניצען פון וואָלין אויף דער צווייטער זייט — איבער די וויטסטע און פאַרוואָרפענסטע ווינקלען האָבען זיך פאַנאַנדערגעטראָגען די קלאַנגען וועגען דעם אָנקומען פון אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע — זיך פאַנאַנדערגעטראָגען ווי אַ וואַלד־פייער.

„מענטשען האָבען איבערגעגעבען פון מויל צו מויל די גרויסע פריילעכע בשורה, ווי וועגען דעם אָנקום פון אַ נייעם ערלייזער. און אויב מיט הונדערטער יאָרען צוריק, האָט מען מיט פאַרשטאַרקטער האַרץ־קלאַפּעניש און מיט אויפגעלויכטענע אויגען, אפשר אין אָט־די זעלביגע געגענטען אויפגענומען די אומבאַשטימטע קלאַנגען פון אַ משיח, וואָס האָט זיך באַוויזען ערגעץ אין די ווייטע לענדער — פון אַ ניט־זיכערען ערלייזער שבתי־צבי, צי פון אַ פאַלשען משיח יעקב פראַנק — איז מעגלאַך ניט מינער געווען איצט דאָס האַרץ־קלאַפּעניש און נישט שוואַכער די פייערלאַך פון ערוואַרטעניש אויף גרויסע ישועות און גליקען וואָס עס האָט זיכער געבראַכט איצט פאַר אַלעמען אָט דער נייער, אָט דער ווירקלאַכער משיח — דער דעלעגאַט פון דעם ווייטען לאַנד אַמעריקע..."

פון שטעטלאַך, וואַלד־פאַרוואָרפענע און זומפּען־פאַרשטעקטע, האָבען זיך אָנגעהויבען שלעפּען אין אָרימע צעלעכצטע בעל־עגלה׳שע בוידען און אויף טרייסלענדיגע פּויערישע וועגעלאַך שלוחים פון די אַרומיגע קהלות, אידן און אידענעס, קינד־און־קייט, פאַרווילדעוועטע און באַוואַקסענע, אַזוינע וואָס האָבען געהאַט נאָענטע צי ווייטע קרובים אין דעם גאָלדענעם לאַנד, און אַזוינע וועמעס איינציגע קרובה׳שאַפט מיט׳ן לאַנד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָרט וואוינען דאָך אויך — אידן...

„מען איז געקומען מיט לייווענטענע טאָרבעס אויף די אַקסלען, מיט קבצנ׳ישע קוישלאַך אין די ציטערנדיגע הענט, מיט קאָרזינקעס וואָס האָבען זיך שוין ביי די ראַנדען פאַנאַנדערגעפלאָכטען און פאַנאַנדערגעדריבעלט, מיט גראָבע פּויערשע זעק — גרייטע אויפצוקלייבען די הילף, די מתנות, גרייטע אָפּצונעמען דעם חלק וואָס קומט זיי אַרויס, — זייער טייל פון די אַמעריקאַנער גליקען..."

„וואָכענלאַנג האָט מען זיך דערנאָך אין שטאָט אָפּגעוואַלגערט, באַלאַגערט טיר־און־פענצטער פון אַלערליי אַנשטאַלטען, אויסגענוצט זכות־אבות, פאַרבינדונגען, אַרומגעלייגט די טראָטואַרען, באַקלעפּט דעם שטיינערנעם גאַניק אונטער די אַלאַבאַסטער־סטאַטועס און די שמוציגע הינ־

טער־טירען, וואָס האָבען געפירט צו דעם ערשטען מלוכה'־שען האָטעל, וואו בונעם איז איינגעשטאַנען".

יאָ, טאָקע אַ לאַנגע ציטאַטע... ווייל זי דאַרף דינען ווי אַן אַנדייט אויף אַ גאַר וויכטיגען און אינטערעסאַנטען לאַנדסמאַנשאַפטס־מאָטיוו, וואָס דאַרף און וועט נאָך ערשט אויפגענומען ווערען אין דער אַמעריקאַניש־אידישער ליטעראַטור.

ליסטע פון ביכער און ווערק, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־דער אַרבייט:

1. דוד איגנאַטאָוו: „אויף וויסטע וועגען", ראָמאַן, 1טער באַנד.
2. דוד איגנאַטאָוו: „אויף וויסטע וועגען", ראָמאַן, 2טער באַנד.
3. דוד איגנאַטאָוו: „אויף וויסטע וועגען", ראָמאַן, 3טער באַנד.
4. י. אָפּאַטאָשו: „די טענצערין", ראָמאַן.
5. שלום אַש: „קיין אַמעריקע", ראָמאַן.
6. שלום אש: "לייבל אין דער חיים — לייבל אין אַמעריקע", נאָוועלע.
7. שלום אש: „אַנקל מאָזעס", ראָמאַן.
8. שלום אש: „דער לאַנדסמאַן", קאָמעדיע.
9. שלום אש: „אַ יוניאָן פאַר שבת", הומאָרעסקע, (באַנד „אַמעריקע").
10. י. ד. בערקאָוויטש: „לאַנדסלייט", איינאַקטער, („צוקונפט", 1921). (1920?)
11. ברוך גלאַזמאַן: „לענדער און לעבנס", באַנד 1.
12. ברוך גלאַזמאַן: „לענדער און לעבנס", באַנד 2
13. ז. ליבין: „געקליבענע שריפטן", 1910.
14. לעאָן קאָברין: „די אימיגראַנטן", ראָמאַן, 1910.
15. אברהם רייזען: „דריי דורות", דערציילונג. („פאָרווערטס", דעצעמבער 4, 1937).

פון יאָסעל קאָטלער'ס בוך „מונטערגאַנג"

רעצענזיעס וועגן לאַנדסמאַנשאַפט-אויסגאַבעס

„ווילנע". — זאַמעלבוך... רעד. פון יעפים ישורין, ניו יאָרק. 1935.

„ירושלים דליטא". אַזאַ נאָמען פאַרדינט מען זיך ניט פאַר גאָרניט. און ווען איהר קוקט דורך דאָס זאַמלבוך „ווילנע", אַרויסגעגעבען פון ווילנער ברענטש 367 אַרבייטער רינג לכבוד זיין 25 יאָהריגען יובילייִ (1909—1934) און רעדאַקטירט פון יעפים ישורין, זעהט איהר טיילווייז אויף וויפיל דער נאָמען איז פאַרדינט. אין בוך באַטייליגען זיך 70 שרייבער, עס אַנטהאַלט אַריבער טויזענט זייטען, איז געבונדען און קאָסט אינגאַנצען 2 דאָלער. דאָס איז פשוט אַוועקגעגעבען אומזיסט!

דאָס בוך איז אָנגעפיקעוועט מיט וויכטיגע אַרטיקלען אין לייכטערע נאָטיצען; אפילו צו געבען בלויז דעם אינהאַלטספאַרצייכעניש וואָלט דאָ פאַרנומען צופיל פלאַץ. מיר וועלען זיך באַנוגענען מיט אַרויסרייסען אַ פעדער דאָ און דאָרט.

חיים שויס, אין אַן אַרטיקעלע פון קוים צעהן זייטען, סקיצירט די געשיכטע ניט בלויז פון דער שטאָט ווילנע, נאָר פון גאַנץ ליטע. דאָס איז אַ פאַסיגער אַריינפיר צו אַ בוך פון דעם טיפ. — ש. ל. ציטראָן און דר. יעקב וויגאָדסקי גיבען אַן איבערבליק איבער די ווילנער קהילות פאַר די לעצטע זעכציג יאָהר. — וועגען דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ווילנע רעדען, צווישען אַנדערע, א. ליעסין, ל. מארטאָוו, צביון, וולאַדימיר מעדעם און ב. וולאַדעק. דאָ איז אויך איינגעשלאָסען אַ זעהר וויכטיגע „כראָנאָלאָגיע פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין די יאָהרען 1876—1922". —

„ווילנע דער גייסטיגער און קולטורעלער צענטער". אין דער אָפטיילונג דערציילט חייקל לונסקי, דער ביבליאָטעקאר, וועגען דער אַנטשטייאונג און וואוקס פון דער באַריהמטער שטראשון־ביבליאָטעק. נאָך דעם ווילנער גאון און די אַנדערע גדולים פון דער אָרטאָדאָקסישער וועלט, איז די שטראשון־ביבליאָטעק אפשר דער גרעסטער אויפטו פון דער מאָדערנער ווילנע, מיט'ן אויסנאַהם פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. דער אַרטיקעל הויבט זיך אָן אַזוי פייערליך: „אויף דער אידישער גאַס, אויפ'ן שולהויף, לעבען דער גרויסער שול, שטייט אַ צווייגאָרענדיג הויז. דאָס דאָזיגע הויז איז דער טעמפעל פון גייסט, דער שטאָלץ פון ווילנע. צום דאָזיגען הויז ציען זיך יונג און אַלט, גאונים און חכמים, שריפטשטעלער און וויסענשאַפטסלייט, צו שעפען דאָרט תורה און חכמה. דאָס דאָזיגע הויז איז די ביבליאָטעק פון דער ווילנער קהילה אויפ'ן נאָמען פון גרויסען גאון און חכם ר' מתתיהו שטראשון". עס קומט אַ קורצע ביאָגראַפיע פון שטראשונען און די געשיכטע פון דער ביבליאָטעק, וועלכע איז איצט דאָס אייגענטום פון דער ווילנער קהילה און ווערט פון איהר אויסגעהאַלטען און פאַרוואַלטעט מכמה יאָהרען. זי איז אָפען יעדען טאָג, אפילו שבתים און ימים־טובים, אויסער ימים נוראים. צווישען די 35 טויזענט ביכער פון דער ביבליאָטעק געפינען זיך אַן ערך 150 מאַנוסקריפּטען און פינף אינקונאַבולען, דאָס הייסט ביכער געדרוקט אינ'ם ערשטען יאָהרהונדערט פון דער דערפינדונג פון דרוק, ביז'ן יאָהר 1500. עס זיינען אויך פאַראַן אַ 400 ספרים פון 16־טען יאָהרהונדערט, ווי אויך זעלטענקייטען און אפילו אוניקומס.

אַ צווייטע זעהר וויכטיגע ווילנער אינסטיטוציע איז דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט (ייווא) וועגען וועלכען עס שרייבט אין זאַמלבוך זיין פיהרער דר. מאַקס ווינרייך. עס איז קוים 12 יאָהר זינט דער ייווא האָט זיך געגרינדעט — און ער האָט שוין אָפטיילען און צווייגען אין אַלע גרעסערע אידישע שטעט און ישובים איבער דער גאָרער וועלט.

מאַקס וויינרייך זאָגט: „דער אינסטיטוט איז ניט איין אינסטיטוציע, נאָר אַ גאַנצע נעץ אינסטיטוציעס.

צום סוף פון בוך „ווילנע" גיט ב. לעוויטין די געשיכטע פון ווילנער ברענטש 367 פון אַרבייטער רינג, זעהר לעבעדיג געשריבען.

דאָס בוך מאַכט אויך אַ פאַרזוך צו געבען אַביסעל ליטעראַטור. אין דער אָפטיילונג: „איינדרוקען, געדאַנקען און ערינערונגען וועגן ווילנע", זיינען פאַראַן אַ צאָל לידער פון מ. ווינאָגראַד, אברהם רייזען, ז. שניאור, ב. ביאַלאָסטאָצקי, נחום יוד און א. ל. וואָלפסאָן. עס איז פאַראַן אויך אַ רייסטער, צוזאַמענגעשטעלט פון זלמן רייזען, פון די נעמען פון ווילנער שרייבער וואָס זיינען דאָ אין „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע". וועגען „ווילנער אין אַמעריקע" שרייבען יעפים ישורין, ב. לעוויטין און מ. איוועוסקי.

אין דער אָפטיילונג „אינטערעסאַנטע טיפען פון דער אידישער ווילנע" גיט שרה רייזען אַ סאָרט מעמואַר פון דבורה אסתר און א. ליטווין אַ רייע פאָרטרעטען פון גראַף פאָטאָצקי (דער „גר צדק"), דעם „ווילנער באַלעבעסעל", „אסתר די גענעראַלשע", דעם „תקיף", מאָטקע חאַבאַד און שייקע פייפער.

אין דער אָפטיילונג „ווילנער אין אַמעריקע" שרייבען ב. לעוויטין, יעפים ישורין און מ. איוועוסקי. דערנאָך קומט

אַן אינדעקס וואָס פאַרנעמט גאַנצע ניין און דרייסיק (39) זייטן.

עס זיינען אויך פאַראַן זעהר פיל בילדער, פאָרטרעטען און רעפּראָדוקציעס וואָס האָבן אַ שייכות צו ווילנע. צווישען זיי אַ בילד פון הירש לעקערט. און אַ געהיימער דאָקומענט וועגען זיין הינריכטונג, איבערגעשיקט צום ווילנער פּראָקוראָר פון מיליטערישען קרייז־געריכט.

ל. ש.

יובילעאום־בוך לכבוד דער פערציג־יעהריגער עקזיסטענץ פונם טשאָרטקאָווער שפּירא־פאַראיין אין ניו יאָרק. — רעדאַקטירט אונטער דער לייטונג פון גרשם באדער.

דער פאַראיין פון די טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט אויף דעם נאָמען פון הרב ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, האָט דעם 3טען יאַנואַר, 1932, אַרויסגעגעבען דעם אויבענדערמאָנטען דריישפּראַכיגען אילוסטרירטען זאַמעלבוך, לכבוד דער פייערונג פון זיין 40־יאָהריגען קיום.

אַ חוץ דער געגעבענער אין ענגליש קורצער ביאָגראַפּיע פון רב שפּירא, וואָס איז איבערגעדרוקט, אָן אַן אָנדייט פון דער „דזשואיש ענסיקלאָפּעדיע", געפינט זיך וועגען איהם אַ פּאָהר געניערע באַשרייבונגען פונם פאַראַנטוואָרטליכען רעדאַקטאָר גרשם באדער און א. ליטווין, און אַן אינטערעסאַנט ביסעל זכרונות פון פאַרשטאָרבענעם ר׳ יהודה אליהוביימער (אינם „דברי מספד") און פון ר׳ משה עפּשטיין, דר. בערנאַרד הויזנער און יצחק יוסף ראָזענבלאַט.

דער רב ר׳ ישעיה מאיר שפּירא איז געבוירען געוואָרען אין מעמעל, י״ז אב, תקפ״ח, איז דערצויגען געוואָרען אין סאָקאָל ביים פאָטער ר׳ יוסף, אַ רב׳ס אַ זוהן און אַליין אַ מוסמך, וואָס האָט ניט געוואָלט לעבען פון הוראה. צו 17 יאָהר גע׳שמ׳ט אַלס עלוי און חתונה געהאַט פאַר ר׳ חיים אפּיסדאָרפס אַ טאָכטער אין צעשיגאָוו, וואו ער איז געבליבען דריי יאָהר אויף קעסט. ער איז געפאָהרען קיין לעמבערג אין די אינטערעסען פון רייכען שווער, באַקומען סמיכה פון דאָרטיגען גאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן און זיך בשתיקה צוגעלערענט וועלטליכע למודים. אַ שטיק צייט צוגעהאַנדעלט און ניט באַגליקט, איז ער געוואָרען — ווי עס ערצעהלט ר׳ משה עפּשטיין אין זיינע זכרונות — רב אין נאַראַיעוו. ער האָט זיך אָבער אינגיכען פון דאָרט אַרויסגעריסען, געשטודירט 9 חדשים אין לעמבערגער אוניווערזיטעט און צוגענומען געוואָרען 1860, אויפ׳ן חשבון פון דער רעגירונג, אַלס קרייז־ראַבינער פון טשאָרטקאָוו. אין טשאָרטקאָוו איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ קריג צווישען די חסידים פון וויזניצער רבי׳ן, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס באַזעצט אין דער שטאָט, און די חסידים, וואָס האָבען געוואָלט אַראָפּברענגען דעם רבי׳ן פון סטעטין. דער רב שפּירא האָט זיי געוואָלט פאַר׳שלום׳ען און אַריין אין אַ צרה. זיין ליבע מילדע נאַטור און געמעסיגטע אויפהאַלטונג האָבען איהם בייגעשטאַנען, ביז עס האָט זיך דאָרט באַזעצט, אין אַ יאָהר צוויי אַרום, דער רבי ר׳ דוד משה, אַ זוהן פון דעם סאַדיגאָרער דינאַסטיע.

דער רבי ר׳ דוד משה איז געגאַנגען אויפ׳ן אויסגעטראָטענעם וועג פון זיין גוט־אידישען פאָטער ר׳ ישראל׳צי רוזשניצער, וועלכער האָט אַוועקגעשטעלט דעם צדיק׳יזם אויף אויסערליכען גלאַנץ און לוקסוס. ער האָט געלעבט ווי אַ שררה אין אַ פּראַכטפול־באַציהרטען פּאַלאַץ, געפאָהרען אין אַ גאָלד־באַפּוצטער קאַרעטע און געקליידט געווען אין סויבעל. די חסידים האָבען געגלויבט, אַז ער שטעקט אין די פאַרבאָרגענע עולמות און שטאַמט פונם גזע המשיח. אין די אינטערעסען פון דער „הויף־פּאָליטיק" איז געווען, אַז אַלע און אַלץ זאָלען זיך אונטערוואַרפען דעם רבינ׳ס השפעה, אָבער דער רב שפּירא, וואָס האָט איינגעזעהען די מאַכט פון אָבערגלויבען האָט זיך פּלוצים דערפיהלט באַרופען און איז אַרויס געגען איהר אין אַ פאַרצווייפעלטער מלחמה. זייענדיג בטבע אַ פאָלקס־מענטש, לעבענדיג אויפ׳ן חשבון פון דער רעגירונג און ניט־אָנקומענדיג צום המון, איז איהם געלונגען צוצוציהען צו זיך דעם מעהר פאָרגעשריטענעם בעל־מלאכה׳שען עולם, איינאָרדענען פאַר איהם שבת׳קורסען, אָרגאַניזירען איהם אין אַ פאַראיין „יד חרוצים", מיט אַ פּראָגראַם פון זעלבסטבילדונג, גרינדען אַ קרעדיט־געזעלשאַפט „חברת גמילת חסד", און אַ חברה „בקור חולים", צו באַזוכען און באַהעלפען קראַנקע אָהן אונטערשייד פון שטאַנד און באַשעפטיגונג. ער האָט איינגעאָרדענט אַ „חדר" מיט בענק, ווי אין אַ שוהלע, וואו מען האָט געלערענט די אידישע קינדער אידישע און אַלגעמיינע למודים. אום ניט אָנצוקומען און זיך אָפּטיילען פון די חסידים האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ באַזונדערען שוחט און איינגעאָרדענט אַן אייגענע יאַטקע. דאָס מחלוקת האָט זיך צעפלאַקערט און אָנגעהאַלטען יאָהרענווייז. ערם יום כפור תרכ״ט איז אַ זוהן פון דער פאַרהייליגטער גזע, ר׳ בערעניו פון לעווי, דער אָנגעזעהענסטער און איינפלוסרייכסטער, אויף וועלכען די חסידים האָבען געהאָפט, אַז ער וועט זיין משיח, אַרויס לתרבות רעה. ער האָט זיך פראַנק און פריי ערקלעהרט פאַר אַן אַפּיקורס. ער האָט זיך אַ צייט שפּעטער אויפגעהאַלטען אין הויז פון טשערנאָוויצער אַטעאיסט דר. רייטמאַן און פאַרעפענטליכט אַ בריוו אינם „המגיד", אַז „ער טרעט ניט אָפּ פון גאָטס וועג, נאָר דערווייטערט זיך פון דעם המון נאַראָנים, וואָס גלויבען אין נאַרישקייטען". דער אָפענער בריוו פון ר׳ בער׳ן האָט אויפגערודערט גאַליציע, חסידים און ניט־חסידים האָבען דאַן אויפגעטראָטען געגען דער רוזשינער גזע און דעם גאון ר׳ חיים סאַנצער בראשם.

ערמוטיגט פון די געשעהענישען האָט דער רב שפּירא געדרוקט אינם „נוגה הירח" אַ „ספר זכרון, והוא שיחה בין רב לתלמידו" (נאַכהער אַרויס אין אַ באַזונדער העפטעל — איידטקוהנען, 1872), וואו ער באַקעמפט חסידות און די לעהרמעטאָדען פון זיין צייט, און זאָגט זיך אָפען אַרויס,

(ווי ער גיט צו אין זיין „להרב המו"ל את השחר", וויען, תרל"ג, באַנד 4, ז. 657), געגען פאַרשידענע „פוסקים", וואָס פאַרנעמען דעם פלאַץ פונם „תלמוד", און פאַר אַ קאָלעקטיוו רעווידירטען אויסטייטש פונם טראַדיציאָנעלען געזעץ, וואָס זאָל צופאַסען די נייע לעבענספאָרמען צום ביבל־תלמוד׳ישען אינהאַלט.

אום אויפצוהויבען דעם פאַרלאָרענעם פרעסטיזש פון דער רוזשינער גזע, האָבען זיך דאַן די חסידים אַ לאָז געטאָן מיט ברען אויפ׳ן „אויפגעקלעהרטען" רב, האָבען אויף איהם אויסגעטראַכט כל׳ערלע אומגלויבליכע בלבולים און געוואָלט עוקר מן השורש זיין. צום גליק זייערען האָט זיך דאַן די רעגירונג אָפּגעזאָגט צו אויסהאַלטען די קרייזראַבינער אויף איהר חשבון און אַרויפגעוואָרפען זייער אָפּצאָהל אויף די געמיינדעס. די חסידים, וועלכע האָבען דאַן באַקומען די אויבערהאַנט אין דער קהלה פון טשאָרטקאָוו, האָבען אַלץ מעהר פאַרקלענערט דעם רב׳ס שכירות, ביז מען האָט אים פלוצים אין אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג אַרונטערגעזעצט פונם רבנות, און אַרויסגעוואָרפען מיט זיין פאַמיליע, פונקט צו קבלת שבת, פון דער קהלה׳שער דירה און געלאָזט וואַלגערען אין גאַס. דער רב האָט זיך דאַן איבערגעקליבען אין הויז פון איינעם פון זיינע אָנהענגער, און געצויגען זיין אָרימע חיונה אין די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען אַלס אָנפיהרער פון די דורך איהם געשאַפענע קרעדיט־געזעלשאַפט (חברת ג"ח). י"ג טבת, תרמ"ו, איז דער רב ר׳ ישעיה שפּירא נפטר געוואָרען. ער האָט געבעטען אין זיין צוואָה, „מען זאָל זיך ניט קימערען, אויב מען וועט איהם געבען אַן אָרט אַפילו אונטער׳ן פאַרקען" און „מען זאָל ניט געהן דאָרט, וואו מען שעלט און מען בענטשט פאַר געלט". ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ סך אומגעדרוקטע כתבים, צווישען זיי אַ פירוש אויפ׳ן „יד החזקה", און די מאמרים, וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט פון 1848 און ביז זיין טויט אינם בכורי העתים, הלבנון, המליץ, המגיד, המבשר, הנשר, העברי, נוגה הירח און השחר.

אַ טייל פון דעם פאַרשטאָרבענעם רב׳ס פאַרהייליגער, די אַזוי גערופענע „שאַפּירניקעס", וואָס דער גורל האָט פאַרטראָגען קיין אַמעריקע, האָבען געשאַפען, אַ יאָהר זיבען נאָך זיין טויט, אַ פאַראיין אויף זיין נאָמען, דעם אַזוי גערופענעם „טשאָרטקאָוו־שפּירא פאַראיין אין ניו יאָרק". אין דעם צווייטען טייל פונם אַרטיקעל „פון טשאָרטקאָוו ביז ניו יאָרק" גיט יצחק יוסף ראָזענבלאַט איבער די היסטאָריע פונם פאַראיין.

אַ הייפעלע טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט האָבען דאָ געפונען פאַר נויטיג צו גרינדען אַ פאַראיין, וואָס זאָל טראָגען דעם רב׳ס נאָמען. צוערשט געמאַכט אַ מנין אויף 53 ווייטעט סטריט, אין הויז פון ר׳ פאָליק קליגלער, דער גרינדער און באַגייסטערער פונם פאַראיין. דעם 20טען יולי 1892, איז קליגלער׳ן געלונגען צו באַקומען דעם באַטיטעל. טען טשאַרטער: „טשאָרטקאָווער הרב ישעיה מאיר כהנא־שפּירא קראַנקען־אונטערשטיצונגס־פאַראיין".

דער פאַראיין האָט זיך צעוואַקסען אין מיטגלידערשאַפט און קאַפּיטאַל. 1903 איז ביי דעם פאַראיין געגרינדעט געוואָרען די „טשאָרטקאָווער אימיגרעישאָן אייד סאָסייעטי", און אין 1914 — דער רעליף־פאָנד. אין 1917 איז, אַ דאַנק ר׳ אליעזר לאנדא, געגרינדעט געוואָרען אַ לייהפאָנד, וועלכער עקזיסטירט עד היום מיט ערפאָלג.

אַ חוץ די התחייבות׳ן צו איהרע מיטגלידער, ווי קראַנקען־בענעפיט, אונטערשטיצונגען, א. אַז. וו., באַטייליגט זיך דער פאַראיין מיט אַ יעהרליכען צושטייער פאַר׳ן קרן היסוד, פאַר׳ן בית־יתומים און מושב זקנים אין ניו יאָרק און גיט אַ יעהרליכע סומע פאַר מעות חטים הי און אין טשאָרטקאָוו. ליידער איז דאָס די איינציגע אַרבעט, וואָס באַהאַנדעלט די היסטאָריע און צושטאַנד פונם פאַראיין און לאָזט זיך מעהר ניט אויסשעפּען. ווי עס איז צו זעהן פונם „מעמבערשיפּ ליסט" צעהלט דער פאַראיין 168 מיטגלידער.

ר׳ יהודה אליהו ביימער האָט געבעטען די „שאַפּירניקעס" אין זיין „דברי מספד" צו פאַרעפענטליכען דעם פאַרהייליגטען רב שאַפּירא׳ס שריפטען, אָבער מיר האָבען פון זיי קיין זכר אינם זאַמעלבוך. אָנשטאָט זיי ברענגט יאַנקעל גאָלדבערג אַ רייהע היסטאָרישע דאָקומענטען וועגען דער שטאָט טשאָרטקאָוו, דעם פנקס פונם טשאָרטקאָווער קהל פון 1731—1825, דעם ספר החברה פועלי צדק, וואו מען האָט אין 1722 געגעבען די טשאָרטקאָווער אידען דאָס רעכט צו וואוינען און צו האַנדלען אין טשאָרטקאָוו, און ווי די טשאָרטקאָווער קהלה האָט אויסגע׳פועל׳ט אַז אַ אידישער בעל מלאכה זאָל ניט מוזען געהן צו דער גוי׳אישער „צעך". די געגעבענע העברעאישע דאָקומענטען זיינען שעהן און קענטעוודיג באַאַרבעט געוואָרען פון א. ליטווין, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ רייהע אַנדערע אַרבייטען אינם זאַמעלבוך: דאָס שוין דערמאָהנטע אַרטיקעל איבער׳ן רב שפּירא, אַ באַשרייבונג „אַך, טשאָרטקאָוו, טשאָרטקאָוו!", וועגען דעם שאַפּירניק „מענדעל פידלער" און „דער לאַשקאָוויצער דבוק", אַ פאָלקס־אַנעקדאָט, וואָס פאַסט זיך, צום באַדויערען, ניט אַריין אינם געוועב פון בוך.

אַ חוץ די 80 בילדער, וואָס פאַרנעמען אַן ערך 61 זייטען, און די 24 זייטען באַגריסונגען, באַקומען מיר אין בוך אַ רייהע באַשרייבונגען וועגען די אַלטע און נייע „שאַפּירניקעס", אַן אַרבעט וועגען טשאָרטקאָוו אין די מלחמה יאָהרען (1914—1918) און נאָך דער מלחמה פון א. טשאָרטקאָווסקי, וועגען דעם (טשאָרטקאָווער) י. ל. פרץ פאַראיין און זיין פאַרצווייגטע טעטיגקייט, און אַ גרעסערע אַרבעט „טשאָרטקאָוו אַלס קולטור־צענטער" פון דר. אַ קון־שעכטער, וואָס איז געקומען אינם אָנדענק־נומער פונם שפּיראַ־פאַריין צו הויבען און לויבען די רבי׳אישע דינאַסטיע.

מ נ ש ה   ו ו אַ ק ס ע ר .

„לאָדזשער אלמאנאך", ארויסגעגעבן פון דעם לאָדזשער ברענטש 324, ארבייטער רינג, ניו יאָרק, צו זיין 25 יאָהריגען יובילײ אין יאָהר 1934. 176 זייטען. גוסטאַוו אייזנער, פאָרזיצער, רעד. קאָלעגיע.

פון די איבער פופציג אַרטיקלען, גרעסערע און קלענערע, וואָס גייען אַריין אין דעם „לאָדזשער אַלמאַנאַך", האָבען בלויז פינף עטוואָס אַ שייכות מיט דעם לעבען און די טעטיגקייטען פון דעם ברענטש, וואָס האָט אַרויסגעגעבען דעם אַלמאַנאַך, און נאָך עטליכע אַנדערע לאָדזשער אָרגאַניזאַציעס ווערען בלויז בקיצור דערמאָנט אין דער אָפּטיילונג „וואָס טוען לאָדזשער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע"? דער גאַנצער איבעריגער שטאָף פון דעם אַלמאַנאַך — העכער 90 פּראָצענט — באַשטייט פון מעמואַרען און כראָניק פון דער געשיכטע פון די אידען, באַזונדער פון דער אידישער אַרבייטערבאַוועגונג אין לאָדזש. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען אין אַמעריקע, ביי וועלכע די געמיינשאַפטליכע דעראינערונגען פון דער אַלטער היים זיינען דער סאַמע יסוד פון זייער צוזאַמענבונד און עקזיסטענץ.

לאָדזש איז אָבער ניט אַבי אַ שטעטעל, נאָר אַ גרויסער אינדסטריעלער צענטער, דער מאַנטשעסטער פון פּוילען. די שטאָט האָט דורכגעמאַכט אַ פענאָמענעלע, ראַשיגע אַנטוויקלונג. אין משך פון בערך אַ האַלבען יאָהרהונדערט — פון אַרום 1820 ביז אומגעפער 1870 — איז די שטאָט אויסגעוואקסען פון אַ קליין אומבאַדייטענדיג דערפעל אין איינעם פון די גרעסטע טעקסטיל־צענטערס אין דער אַלטער רוסלאַנד און אין אייראָפּע. אין אָט דער עפּישער אַנטוויקלונג האָבען אידען, סיי קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, סיי אַרבייטער, געשפּילט די הויפּט ראָליע, ווי י. י. זינגער האָט עס אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין די „ברידער אַשכנזי". די יוגנט־דעראינערונגען פון די גרינדער און טוער פון דעם לאָדזשער ברענטש, די כראָניק פון דער געשיכטע פון אָט דער שטאָט, די עפּיזאָדען פון די רעוואָלוציאָנערע אויסברוכען, סטרייק־כוואַליעס, פּאָגראָמען אויף אידען, קאַמפען צווישען אַרבייטער און דער סטרייק־ברעכערישער אונטערוועלט, אדג. אין דעם רעוואָלוציאָנערען פּעריאָד פון 1905 — דער אָנוואוקס פון אַ צענטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור און קולטור אין לאָדזש — אָט דאָס אַלץ, וועגען וואָס די מעמואַרען און כראָניקען פון דעם „לאָדזשער אַלמאַנאַך" דערציילען אונז, איז אינטערעסאַנט ניט בלויז פאַר לאָדזשער לאַנדסלייט, פון אַ סענטימענטאַלען לאַנדסמאַנשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, נאָר האָט אויך אַן אַלגעמיינעם אינטערעס און באַדייט.

אין די ערשטע עטליכע זייטען פון דעם אַלמאַנאַך, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער געשיכטע פון דעם לאָדזשער ברענטש 324 גופא, ווערען מיר געוואויר, אַז דער דאָזיגער ברענטש איז ניט געווען דער ערשטער לאָדזשער ברענטש פון אַרבייטער רינג, נאָר אַז פאַר איהם האָט שוין עקזיסטירט אַן אַנדער לאָדזשער ברענטש פון דעם זעלבען אָרדען, וואָרשיינליך אַ מעהר קאָנסטרוקטיווער. דער ברענטש 324 האָט זיך געגרינדעט אין דער צייט פון דעם גרויסען שטראָם פון אידישער אימיגראַציע, נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד. ער האָט זיך דאַן געגרינדעט אַלס אַ בונדישער ברענטש, ד. ה. אַלס אַן איבערפלאַנצונג פון דעם „אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטער־בונד פון ליטע, פּוילען און רוסלאַנד" אויף דעם אַמעריקאַנישען באָדען. אָבער אַנשטאָט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער טעטיגקייט, וואָס דער „בונד" האָט אָנגעפיהרט אין רוסלאַנד און פּוילען, האָט דער לאָדזשער בונדישער ברענטש, ווי אַ סך אַנדערע ברענטשעס און פאַראיינען פון דעם זעלביגען מין אין אַמעריקע, באַגרעניצט זיין בונדישע טעטיגקייט בלויז צו זאַמלען שטיצע פאַר דער אָרגאַניזאַציע אין דער אַלטער היים.

מיר געפינען דאָ אויך, אַז אין דעם ברענטש האָבען זיך שפּעטער אַנטוויקעלט שאַרפע שטרייטיגקייטען און צעטיילונגען, אַז דער ברענטש האָט זיך צוויי מאָל געשפּאָלטען, אַ טייל איז אַוועק אין דער מעהר רעכטען לאַגער און אַ טייל איז אַוועק לינקס, אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער־אָרדען".

אַ שאָד, וואָס אָט די איבערלעבונגען אין דעם לעבען פון דעם ברענטש גופא ווערען איבערגעגעבען בלויז סכעמאַטיש, און ניט אַזוי לעבעדיג און בילדלעך, ווי די מעמואַרען פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער אַלטער היים.

דער אַלמאַנאַך אַנטהאַלט אויך אַן אינטערעסאַנטען בעלעטריסטישען און פּאָעטישען אָפּטייל, אין וועלכען עס זיינען פאַרטראָטען אברהם רייזען, שלום אש, י. ל. פּרץ, פּראָפעסאָר ה. גליצענשטיין, י. ה. ראַדאָשיצקי, א. גלאַנץ־לעיעלעס, ז. סעגאַלאָוויטש, י. קאַצענעלסאָן, י. א. ראָנטש, משה בראָדערזאָן, דוד פרישמאַן, חיים קרול, און אַנדערע.

מ. בל.

טאַראַשטשע. — אַ געשיכטע פון אַ קליין שטעטעל אין קיעווער גובערניע. (ערשטע טייל 43 ז., צווייטע טייל 68 ז. — געשריבען פון יעקב ראָוויו־ראָווינסקי, אַ מיטגליד פון טאַראַשטשער לאַנדסמאַנשאַפט, ניו יאָרק, 1937).

וואָס פאַר אַ מאָדנעם אומדערקלערבאַרען כח די קינדער־יאָהרען האָבען אין אויסגעשטאַלטיגען די סענטימענטען און באַציאונגען פון מענשען!

מענשען וואַנדערען אויס פון זייערע קליינע ענגע שטעטלאַך, אין דער גרויסער ברייטער וועלט. מ'ווערט אַריינגעצויגן אין שווערען עול פון לעבען. די יאָהרען פאַלען אָפּ. מ'האָט שוין אויף דער נייער ערד קינדער, אייניקלאַך. צוויי מאָל מעהרער לעבענס האָט מען שוין איבערגעלאָזען אין דעם נייעם לאַנד, און אַלץ בלייבען נאָך די באַציאונגען און באַגריפען צו דעם דאָזיגען לאַנד, ווי צו אַ צווייטער היים.

אַ פינף און זיבעציק יאָהריגער איד, וואָס לעבט שוין אין אַמעריקע איבער פופציג יאָהר, קען בשום אופן ניט אָפּשניידן די געדעכעניש פון זיין שטעטעל. דער יאָך און געראַנגעל פון לעבען האָט ניט דערוואָרגען זיינע סענטימענטען און ליבע צו זיין געבורטס־אָרט. ער אָטעמט און לעבט אין דער דערמאָנונג פון זיין שטעטעל. אַלץ איז איהם ליב און ווייט. ער פרעהט זיך מיט דער דאָרטיגער פרייד, און פאַרגייט אין צער איבער די שלעכטע בשורות, וואָס דערגרייכען איהם. ער וויל עפּעס טאָן פאַר זיין שטעטעל. ער וויל עס פאַראייביגען, פאַרפעסטיגען זיין יחוס, און וואָס איז דער אידישער יחוס? לייטערונג דורך צער, שרעק און פּאָגראָמען. און דאָס דאָזיגע שטעטעל טאַראשטשע ערגיץ אין אוקראַינע, איז דורך אידיש בלוט פאַרשריבען געוואָרען אויף ווייס פּאַפּיר אין דער געשיכטע.

יעקב ראָווין־ראָווינסקי, פינף און זיבעציג יאָהר אַלט, האָט אויף זיינע אייגענע הוצאות אונטערגענומען די אַרבייט פון אויפשטעלען די געשיכטע פון זיין שטעטעל. אין דריי טיילען האָט ער איינגעטיילט זיין אַרבייט: דער ערשטער טייל איז טאַראשטשע פון „ערשטען באַשאַף". ווי פון אַ דאָרף צעוואַקסט זיך דאָס דאָזיגע שטעטעל.

דער צווייטער טייל, דער וויכטיגסטער און אינטערעסאַנטסטער, שליסט איין דעם מלחמה פּעריאָד. און די ליידען און אומגליקען, וואָס דאָס שטעטעל האָט איבערגעטראָגען פון די פאַרשיידענע באַנדעס אין צייט פון בירגער־קריג. 29 מאָל איז דאָס שטעטעל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און יעדער איבערגאַנג האָט געקאָסט אידישע לעבענס.

די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי האָבן זיך פאַרוואַנדעלט אין פּאָגראָמען און שחיטות אויף אידען. אָבער אין טאַראשטשע איז געווען שטיל. די טאַראשטשער אידען האָבען זיך געטרייסט: „ביי אונז וועט קיין פּאָגראָמען ניט זיין. ס'לעבען גוט צווישען זיך די אידישע מיט דער קריסטליכער באַפעלקערונג". אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך נאָך ערגער ווי זיי האָבען אפילו דערוואַרטעט. פון די 29 איבערגאַנגען, וואָס דאָס שטעטעל האָט אַדורכגעלעבט, איז דאָס שטעטעל געוואָרען שיטערער, און דער בית־הקברות, געדיכטער.

וואָס האָט דאָס דאָזיגע שטעטעל ניט אַדורכגעלעבט? די אידען האָבען שוין געוואוסט אַז ווער עס זאָל אַריינקומען — דייטשען, פּאָליאַקען, אוקראַינער, צאַריסטען — וועלען די אידען זיין די ערשטע און לעצטע צו ליידען.

רואיגקייט האָט די אידען געשראָקען. דורך דער צייט פון אַוועקגיין און אָנקומען פון די באַנדעס, ווען דאָס שטעטעל פלעגט אַ פּאָר טעג בלייבען אָן דער הערשאַפט פון אַ מאַכט, פלעגט שרעק דאָס שטעטעל פאַרפייניקען. איידער אַ באַנדע פלעגט אָנקומען, פלעגען די שטעטעלשע אַנטיסעמיטען מיט די שענדליכסטע בלבולים רייצען די קריסטליכע באַפעלקערונג. און אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום גאָלד. פּעסער גאַנצע מיט גאָלד. אין צווישנצייט פלעגען זיי אויפגערייצטע אַליין אָפּמאַכען אַ שטיקעל פּאָגראָמעל. אָבער צופרידען אינגאַנצען זיינען זיי ניט געווען.

אין שטעטעל איז געווען אַן אַרסענאַל. די קריסטליכע באַפעלקערונג האָט גענומען אויסליידיקען דעם אַרסענאַל. געהייסען האָט עס, אַז מ'דאַרף זיך באַוואָפענען פאַר זעלבסט באַשיצונג געגען באַנדעס. די אידען האָבען אָבער געוואוסט די אמת'ע כוונות פון די אַנטיסעמיטען. זיינען אידישע יונגעלייט אויך אַוועק צום אַרסענאַל. אויב זעלבסט־פאַרטיידיקונג, זיינען די אידען די ערשטע וואָס דאַרפען עס. און אַזוי איז באַשאַפען געוואָרען די טאַראשטשער אידישע זעלבסטשוץ, וואָס האָט ניט איינמאָל מיט געוואַלדיגער העלדישקייט צוריקגעשלאָגען אָנפאַלען פון באַנדעס.

צעהנדליגער אידישע העלדען, וואָס קיינער אַחוץ די שטעטעלשע, ווייסט ניט פון זיי, זיינען אַרויסגערוקט געוואָרען. איינער פון זיי, אַן אַכצעהן יאָהריגער בחור, יוסף געווירצמאַן, האָט ניט־קוקענדיג אויף זיינע וואונדען, געפיהרט דעם זעלבסטשוץ מיט אויפמונטערונג, שרייענדיג: „ווייזט זיי, אַז אידען קענען שטאַרבען ווי העלדען אין קאַמף".

פון וועמען האָט דאָס שטעטעל ניט געליטען — פון מאַכנאָ, פון דעניקענען, פון אייגענע שטעטעלשע באַנדיטען, און אַלע האָבען זיי געפּלינדערט, ראַבירט און געפאָדערט פון דער אידישער באַפעלקערונג געלט. אַ פערטעל מיליאָן גאָלדענע רובעלס.

די גרעסטע שחיטה האָט טאַראשטשע אַדורכגעלעבט אין יענעם „שוואַרצען פרייטאָג". די באָלשעוויקעס זיינען אָפּגעטראָטען, דעניקינס באַנדע האָט זיך אַריינגעריסען אין שטעטעל. באַלד האָבען זיך די מחנות צוטיילט אין גרופּען פון צוויי, דריי, און האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער'ן שטעטעל צו אידישע הייזער, שרייענדיג: „דעינגי דאַי — אי זשאָנקי" (געלט און פרויען). ס'איז ניט געווען קיין אידיש הויז, וואָס האָט ניט געהאַט קיין הרוג.

אָט די שוידערליכע אָדורכלעבונגען איז טאַראשטשע אַדורכגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע אוקראַינישע אידען ביז די סאָוועטען־מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיגט.

דער צווייטער טייל „טאַראשטשע" איז ניט גלאַט אַ באַשרייבונג פון אַ אידיש שטעטעל, נאָר אַ שטעטעל, וועמעס ערד איז אויסגעווייקט פון אידיש בלוט. דער צעטעל נעמען פון די אידישע הרוגים, וואָס איז איינגעשלאָסען אין בוך, מאָנט ניט צו פאַרגעסען, אַז טאַראשטשע האָט גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטעל אין דער אידישער געשיכטע.

די צוויי טיילען זיינען צוזאַמענגעשטעלט מיט ליבע און יראת הכבוד, און דאָס פאַרגיטיגט שוין פאַר די חסרונות, וואָס די ביכלאַך האָבען, ווי ניט סיסטעמאַטישקייט, צופעליקייטען און איבעריגקייטען. די ניט־ליטעראַרישקייט פאַרבייט די פּראָסטע רייד, וואָס זיינען אין אמת'ן געשמאַקע, ריינע און נאַאיווע שמועסען.

די ביכלאַך זיינען איינגעטיילט אין קאַפּיטלאַך אויף זעהר אַ פיינעם געשמאַקען אינטערעסאַנטען אופן. עטליכע פיינע בילדער. סימבאָליש זיינען די צוויי בילדער: אַ בילד פון זעלבסטשוץ — און פון טאַראשטשער אידישען קאָלכאָז מיט זייערע טראַקטאָרס. די ביקס פאַרביטען אויף אַקער־אייזען.

דעם צוזאַמענשטעלער פון די ביכלאַך, יעקב ראָווינען, האָבען אַרויסגעהאָלפען אַ גרופּע לאַנדסלייט מיט מאַטעריאַלען און אינפאָרמאַציע, און צוזאַמען האָבען זיי צונויפגעשטעלט אַן אינטערעסאַנטע און לעבעדיגע געשיכטע פון זייער שטעטעל.

יאָסעל קאָהן.

„חורבן גאַליציע"

אַזוי וואָלט באַדאַרפט זיין באַטיטעלט חנא גאָטעספעלד'ס בוך: „מיין רייזע איבער גאַליציע", אַרויסגעגעבען פון „די פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקא", ניו יאָרק, 1937. דער פאַקט וואָס די לאַגע ווערט באַהאַנדעלט פון גאָטעספעלד'ן אין אַ טאָן פון גוטמוטיגען און איינגעהאַלטענעם הומאָר, אָן האַרצרייסענדע יללות, ברייננגט אַרויס דעם חורבן פון די דאָרטיגע אידען נאָך העלער און בולט'ער. דער עלענט, אי פּאָליטיש אי עקאָנאָמיש, איז אַזוי גרויס, אַז איהר שטוינט פשוט ווי אַזוי זיי דערהאַלטען זיך נאָך ביים לעבען. אַ טייל פונ'ם תירוץ איז — אַמעריקע'ס הילף. עס העלפען קינדער, קרובים, פריינט, די היגע לאַנדסמאַנשאַפטען. די דאָרטיגע אידען שטייען אין קרעמלעך, וועלכע האָבען ניט וואָס צו פאַרקויפען, און וואַרטען אויף קונים, וועלכע האָבען ניט פאַר וואָס צו קויפען. אָבער דאָך — ווי קאָן דאָס די דאָרטיגע אידישע באַפעלקערונג לעבען אָן אַן אייגענער עקאָנאָמיק? ניסים!

מאָלט אייך, אַז אפילו אין די גוטע אַלטע צייטען איז גאַליציע אויך ניט געווען קיין אידישער גן־עדן. גאַליציאַנער אָרעמקייט איז געווען אַ שם־דבר אין אַלע אידישע ישובים, וואָס האָבען אַליין אויך קיין האָניק ניט געלעקט. נאָר וואָס דען? זיי האָבען געזויגען אַ לאַליפּאָפּ. כדי אידען פון אַנדערע לענדער זאָלען וויסען דעם טייטש דערפון: אַ לאַליפּאָפּ אין אַמעריקע איז אַ גרויסע און ביליגע צוקערקע אין דער פאָרמע פון אַ רעדעל אַרויפגעשטאָכען אויף אַ שטיקעל האָלץ. אָרעמע קינדער זויגען עס און לאָבען זיך דערמיט. וויפיל נאַרונג דאָס אַנטהאַלט איז אונז ניט באַקאַנט. דער אידישער לאַליפּאָפּ אין גאַליציע איז געווען — פראַנץ יאָזעף. אידען האָבען זיך געריהמט און געלאָבט מיט זייער מלך חסד, און ווי נאַרהאַפט דאָס איז געווען איז ניט באַוואוסט. פראַנץ יאָזעף, אַ הערשער איבער פאַרשיידענע פעלקערשאַפטען, האָט זיך געהאַט זיינע חשבונות און האָט געהאַלטען אַ געוויסע מאָס פון פּאָליטישער גלייכגעוויכט צווישען זיי. וואָס איז שייך אידען, איז דער רעזולטאַט געווען אַזעלכער: די באַציאונג מיט די רוטענער (אוקראַינער) זיינען געווען קוים דערטרעגליך, די באַציאונגען מיט די פּאָליאַקען זיינען אַלעמאָל געווען אומדערטרעגליך. פונדעסטוועגען, אַז מ'האָט אינזינען, אַז גלייך אַריבער דער גרעניץ האָט זיך אָנגעהויבען די אַמאָליגע צאַרישע מלוכה, ווערט פאַרשטענדליך פאַרוואָס אידען האָבען אַזוי הנאָה געהאַט פון פראַנץ יאָזעפ'ן. איצט ווען גאַליציע געהערט צו פוילען, איז די פּאָליטישע לאַגע אינגאַנצען געענדערט, עס ווערט געפיהרט אַ פּאָליטיק פון אונטעריאָכונג געגען די רוטענער און פון אויסראַטונג געגען די אידען. דאָס לאַנד ליגט אונטער'ן קנאַפּל פון פאַשיזם און ראַסיזם.

אין איין פּרט באַקומט זיך אַ מערקווירדיגער איינדרוק שוין פון גאָטעספעלד'ס בוך אַליין: מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט פון קיין אידישע פויערים און פון קיין אידישע אַרבייטער. אַלע זיינען קרעמער און הענדלער. אויב דאָס איז אַזוי, הייסט עס, אַז אידען זיינען אינגאַנצען אַרויסגעפאַלען פון דער אַרבייט. ביי ניט־אידען איז עס דער עלעמענט פון וואַנען דער פאַשיזם ווערבירט זיינע מיטגלידער. ביי אידען איז עס, פאַרשטייט זיך, ניט מעגליך, שוין צוליב דעם ראַסיזם אַליין. קומט אויס, אַז די אידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע איז פשוט פאַר'משפט צום אונטערגאַנג.

גאָטעספעלד האָט באַזוכט אויך ווין. היטלער האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט פאַרכאַפּט עסטרייך, נאָר זיין שוואַרצער שאָטען איז שוין געלעגען אויף דער עלעגאַנטער שטאָט און האָט אַרויסגערופען זאָרג און מורא ביי די ווינער אידען.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס ביכעל איז געשריבען אין אַ לייכטען טאָן, לאָזט עס נאָך זיך איבער אַ שווערען איינדרוק, צוליב דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישען מצב פון די מיטעל־אייראָפּייאישע אידען.

לאַמעד שאַפּיראָ

„פעלשטין"

(זאַמלבוך צום אָנדיינק פון די פעלשטינער קדושים, רעדאַקטירט פון בוך־קאָמיטעט, יונה בוים, סעקרעטאַר; אַלעף כץ, טעכנישער רעדאַקטאָר; צייכענונגען פון נאָטע קאָזלאָווסקי. אַרויסגעגעבען פון „פעלשטינער פאַראיין", ניו יאָרק, 1937. 673 זייטען, — 23 ענגלישע זייטען — בילדער און צייכענונגען אויף באַזונדערע פולע זייטען).

פעלשטין איז אַ קליין שטעטעלע אין פּראָסקוראָווער קרייז, פּאָדאָליער גובערניע, אוקראַינע, נאָענט פון די אַמאָליגע עסטרייך־גאַליצישע גרעניצען. אין יאָהר 1919, גלייך נאָכ'ן וועלט־קריג, האָט עס דורכגעמאַכט — מען קאָן קוים זאָגען „דורכגעלעבט", אָדער „איבערגעלעבט", ווייל עס איז כמעט אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען, — אַ שרעקליכע שחיטה „וואָס האָט ניט קיין גלייכען צו זיך אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון אונזער פאָלק... אויף זויג־קינדער און זקנים, אויף מענער און פרויען צוגלייך". פינף הונדערט הרוגים האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אויף פעלשטינער ערד, ביז מען האָט זיי אויפגעקליבען און באַהאַלטען אין איין גרויסען ברודער־קבר, אין איין פינסטערער גרוב, אָן אַ מצבה, אָן אַ דיינקמאָל...

אָבער יענע לאַנדסלייט זייערע — זעהר ווייניג אין צאָל — וואָס האָבען זיך יאָ באַוויזען צו ראַטעווען קיין אַמעריקע,

האָבען נישט געקאָנט רוען ביז זיי האָבען ניט דעם אָנדיינק פון די 500 הרוגים און קדושים אויפגעשטעלט אַ דיינקמאָל — דאָס „פעלשטין-בוך". און אַ ווירדיגער, דויערנדיגער דיינקמאָל איז עס אָן שום ספק. דאָס בוך איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג פון אַ פּאָר צעהנדליג לאַנדסלייט — פונקט ווי יענער ברודער-קבר דאָרטען, וועלכען די נאַטור גלייכט ביסלעכווייז אויס, מיט די פאַרבייפלייצענדיגע יאָהרען, איז אויך אַ בלוט-טיגער אָנדיינק פון אַ קאָלעקטיווער מערדעריי...

פון זאַמעלבוך „פעלשטין".

דער גרעסטער טייל פון'ם בוך — אַרום 32 אַרטיקלען — באַשטייט טאַקע פון פּאָגראָם-דעראינערונגען, וועלכע לייענען זיך ווי אַ גרויסע „מגלת ת"ח ות"ט" — אין אַ נייער, מאָדערנער אויסגאַבע, מיט היינטצייטיגער אָרטאָגראַפיע איז ניט דאָ דאָס אָרט אויף דעם זיך אָפּצושטעלען. פונקט ווי מיר קאָנען זיך דאָ אויך ניט אָפּשטעלען אפילו אויפ'ן צווייטען טייל פון'ם בוך (35 אַרטיקלען, געשריבען הויפּטזעכליך אין בעלעטריסטישען סטיל) „אין דער אַלטער היים", וואָס באַשטייט פון זעהר ווערטפולע, וואַרים-און-האַרציג געשריבענע פּאַרצייכענונגען און עסקיזן פון דער לאַנדשאַפט, געשיכטע, לעבענסשטייגער, עקאָנאָמיק, געזעלשאַפטלעכקייט, א. א. וו. פון פעלשטין. דאָס זיינען מאַטעריאַלען, מיט וועלכע עס וועט זיך קאָנען, און דאַרפען באַנוצען ניט נאָר דער צוקונפּטיגער היסטאָריקער פון „אַן אַמאָליג אידיש שטעטעל אויף אוקראַינע", נאָר אפילו אויך דער היסטאָרישער בעלעטריסט...

דער דריטער און לעצטער טייל פון'ם בוך — „אין דער נייער היים", 6 אַרטיקלען, — נעהמט אונז שוין אַריבער אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען. דער ערשטער פעלשטינער עמיגראַנט, אַנהויב פון עמיגראַציע, מיט וואָס פעלשטינער האָבען זיך אין אַמעריקע באַשעפטיגט, דער „פעלשטינער פּאַריין", דער „פעלשטינער קלוב", דער פעלשטינער „רעליף" און וואָס ער האָט אויפגעטאָן. דאָס אינערליכע לעבען פון דער אָרגאַניזאַציע און אַלע קאָמיטעטען — דאָס אַלץ ווערט זעהר לעבעדיג אין דערציילונגס-פאָרם, איבערגעגעבען. עס גיט אונז אַ בילד ניט דוקא פון „פעלשטינער פּאַריין", נאָר בכלל פון דעם מין לאַנדסמאַנשאַפט-„סאָסייעטי" — אין איהר פּאָזיטיווסטער געשטאַלט.

אַרויסגעגעבען איז דאָס בוך אויסערגעוויינליך ציכטיג און נעט סיי אינערליך און סיי אויסערליך — הימעל-ווייט פון די כאַראַקטעריסטישע לאַנדסמאַנשאַפט-אויסגאַבען. סיי דעם איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר פון'ם ווירדיגען פּנקס, דעם באַקאַנטען כלל-טוער דר. י. קלינג, און סיי דעם „בוך-קאָמיטעט", וואָס האָט דערמעגליכט זיין דערשיינונג, קומט אַ גרויסער יישר-כח.

ב. ג.

דער „לאַנדסמאַן", אַרויסגעגעבען צום פערציג יעהריגען יובילײ פון ווישקאווער אונטערשטיצונג פּאַראיין, 166 זייטען. רעדאַקטירט פון פּאול ר. קרעמער.

נישט יעדע לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציע קען זיך דערלויבען דעם לוקסוס וואָס עס האָט זיך דערלויבט דער ווישקאָווער אונטערשטיצונג פּאַראיין. פאַר אַזאַ בוך ווי „דער לאַנדסמאַן", פעלען ביי די מעהרסטע לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס סיי די נויטיגע פינאַנצען, סיי די נויטיגע שרייבערישע און רעדאַקציאָנעלע כחות.

„דער לאַנדסמאַן" איז אַ פּראַכט-אויסגאַבע מיט אַ היבש ביסעל אינטערעסאַנטען און וויכטיגען מאַטעריאַל סיי פאַר

די ווישקאָווער סיי פאַר אנדערע לאַנדסמאַנשאַפטען, כאָטש
דאָס בוך אַנטשפּרעכט נישט גאַנץ דעם כאַראַקטער פון אַ
לאַנדסמאַנשאַפט־אויסגאַבע. דער רעדאַקטאָר, פּאול א.
קרעמער, האָט זיך דאָ צופיל געלאָזט אַוועקרייסן פון זיין
ליטעראַרישען געשמאַק און כאָטש זיינע כוונות זיינען געווען
גוטע, האָט זיך אָבער באַקומען אַ דיסאָנאַנס אין דעם איינ־
האַלט פון „דער לאַנדסמאַן". צופיל סתם ליטעראַטור,
נישט גענוג ווישקאָווע. (איבערגעדרוקטע זאַכען פון
שלום אַש, ב. קאָוונער, ז. שניאור, א. רייזען, ש. פּרוג, א. אַ.).

דעם רוקנביין פון „דער לאַנדסמאַן", ווי אַ בוך פון אַ
לאַנדסמאַנשאַפט, בילדען זיכער די צוויי אַרטיקלען פון
פּאול א. קרעמער — „פערציג יאָהר ווישקאָווע" און „פאַר־
אייניגטער ווישקאָווער רעליף".

אינ'ם ערשטען אַרטיקעל שטעלט זיך דער שרייבער אָפּ
אויף דער שטופּענווייזער אַנטוויקלונג פון דעם ווישקאָווער
אונטערשטיצונג פאַראיין: פון דעם „פּאַינטעלע ביר" ביי
אַ „מיסעס אין אַ בעד־רום", וואו די ווישקאָווער פלעגען
פאַרברייינגען און וואו דער געדאַנק פאַר גרינדען די „סאָסיי־
עטי" איז געבוירען געוואָרען, ביז צום „סך־הכל פון 40
יאָהר אַרבייט". ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ אויף דעם היסטאָ־
רישען הינטערגרונט פון דער ערשטער כוואַליע פון אידישע
איינוואַנדערער קיין אַמעריקע. זייערע נויטען, זייער קול־
טור־צושטאַנד, זייערע בענקשאַפטען. דער אַרטיקעל איז
רייך אין קאָליר און ביז גאָר אינפאָרמאַטיוו. אין זיין
אַרטיקעל „פאַראייניקטער ווישקאָווער רעליף", רעדט דער
שרייבער מיט אַ סך ביטערקייט וועגען דער לאַגע פון די
אידען אין פוילען.

צום באַדויערען רוקט דער שרייבער אַרויס טעאָריעס, אין
פאַרבינדונג מיט דער באַציאונג פון די פּאָליאַקען צו אידען,
וועלכע זיינען ווייט נישט קיין געזונטע. ער זאָגט: „פון
אייביג אָן איז די רשעות פון פּאָליאַקען צו אידען שטענדיג
געווען אַן איינגעוואָרצעלטע, פלאַם־פייערדיגע שנאה־פונקען
האָבען טיף געטליעט אין יעדען פּאָליאַק'ס אַנטיסעמיטישען
האַרצען". ער פאַרגעסט אָן דער גרויסער צאָל פּוילישע
פּראָגרעסיווע אַרבייטער און אינטעלעקטואַלען, וואָס שטעלען
זיך געגען אַנטיסעמיטיזם.

נאָך צוויי אַרטיקלען אינ'ם בוך האָבען אַ נאָענטע שייכות
מיט דעם לעבען פון לאַנדסמאַנשאַפטען: היימאַן בלום'ס —
„די ראָלע פון לאַנדסמאַן אַמאָל און היינט"; און מ. איווענ־
סקי'ס „די אַמאָליגע אידישע חברות און לאַנדסמאַנשאַפטען
אין אַמעריקע". ה. בלום פיהרט אויס, אַז בעת דער כוואַליע
פון מאַסען־אימיגראַציע זיינען די לאַנדסמאַנשאַפטען גע־
גרינדעט געוואָרען צוליב די באַלדיגע נויטען און באַדער־
פענישען פון די איינגעוואַנדערטע און אַז אינ'ם היינטיגען
טאָג זיינען די לאַנדסמאַנשאַפטען אינסטיטוציעס צו העלפען
די אייגענע און אייראָפּע מעהר ווי עפּעס אַנדערש.

מ. איווענסקי רעדט אין זיין אַרטיקעל וועגען דער ראָלע
פון די אַמאָליגע חברות און פּרוּווט באַווייזען, אַז די
לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אַ פאָרזעצונג פון דער דאָזיגער
טראַדיציע ביי אידען, אַז — „דאָס געפיל פון געגענזייטיגער
הילף באַגלייט דאָס פאָלק אויף אַלע נייע וואַנדערונגען".

אין דעם ליטעראַרישען טייל פון „לאַנדסמאַן" פאַרנעמען
דאָס ערשטע אָרט מיט כאַראַקטעריסטישע זאַכען פאַר אַזאַ
בוך, ישראל אָסמאַן מיט זיין האַלב־לעגענדאַרישען מעשה'לע
פון ווישקאָווע, „הערשעלע וואַסער־טרעגער", און די קורצע
סקיצע פון מ. ראבין, אַ מעשה'לע פון אַ אידען וואָס לעבט
אויס זיין בענקשאַפט נאָך אַ שעהנעם לעבען, דורך אַריינ־
פאַנטאַזירען זיך אין אַ וועלט פון אילוזיעס.

מ אַ ר ט י ן ב י ר נ ב ו י ם .

„פוילישע אידען", זעקסטער יאָהרבוך, אַרויסגעגעבען פון
דער פעדעראַציע פון די פוילישע אידען אין אַמעריקע,
רעדאַקטירט פון ז. טיגעל, יוני, 1938.

די פעדעראַציע פון די פוילישע אידען, די גרעסטע
לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, גיט אַרויס
יאָהרביכער אונטער'ן אויבנדיגען נאָמען, אונטער דער רע־
דאַקציע פון איהר עקזעקוטיוו דירעקטאָר ז. טיגעל. פון די
ביכער דערוויסען מיר זיך, אַז די פעדעראַציע, וואָס איז
אויף אַ באַשיידענעם אופן געגרינדעט געוואָרען אין ניו יאָרק
מיט דרייסיק יאָהר צוריק, איז זיך אַזוי צעוואַקסען, אַז זי
איז איצט פאַרשפּרייט איבער נייִנצען לענדער, די ניו
יאָרקער פעדעראַציע איז, פאַרשטייט זיך, פאַרבליבען דער
גרעסטער און וויכטיגסטער אָפּטייל פון אָט־דער באַוועגונג.

אין יאָהרבוך „פוילישע אידען" פאַר 1938 גיט גרשם
באַדער אַ גענוג אויספיהרליכע געשיכטע פון דער אַנט־
וויקלונג פון דער ניו יאָרקער פעדעראַציע. געוויינליך
ווערען די נויטען און באַדערפענישען פון די איינצעלנע
עמיגראַנטען וואָס שטאַמען פון פוילן, באַזאָרגט פון זייערע
אייגענע לאַנדסמאַנשאַפטען. די פעדעראַציע האָט אָבער גע־
האַט די אַמביציע צו קאָאָרדינירען זייער טעטיגקייט און
אָנפיהרען זי אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. דאָס האָט זיך
אויסגעדריקט הויפּטזעכליך אין פאַרזוכען צו גרינדען און
בויען אַן אייגענעם האָספּיטאַל. דאָס האָט זיך נישט איינ־
געגעבען צוליב פּערזענליכע סכסוכים און פּאָליטיקאַנעריי.
עס זיינען אָבער געווען אויך אַ סך וויכטיגערע אורזאַכען:
די לאַגע פון די אידען אין פוילען בעת און זינט דער מלחמה,
די שרייענדיגע נויט, דער שטענדיגער פּאָגראָם, די פּאָלי־
טישע רדיפות דאָס אַלץ האָט אָפּגעצויגען די ענערגיע פון
דער פעדעראַציע צו כל'ערליי הילפס אַקציעס פאַר די אידען
אין פוילען. מ'האָט געדאַרפט מינטערען די פאַרשיידענע
לאַנדסמאַנשאַפטען זיי זאָלען העלפען זייערע אייגענע שטעט
און שטעטלעך מיט געלט, מ'האָט געדאַרפט העלפען ביים
איבערשיקען „פּעקלאַך", מ'האָט געדאַרפט שיקען שיך צו
אַ באָרוועסער באַפעלקערונג, א. אַז. וו. נאָך וויכטיגער איז
געווען דאָס אָרגאַניזירען פּראָטעסטען געגען די שטענדיגע
פּאָגראָמען און געגען אונטערדריקערישער געזעצגעבונג,
דאָס אינטערווענירען ביים פּוילישען קאָנסול און אַמבאַ־

סאַדאָר. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די טעטיגקייט פון דער פעדעראַציע איז געווען אָנגעשטעלט הויפּטזעכליך אויף אייראָפּע און ניט אויף אַמעריקע אָדער אויף ניו יאָרק.

פונדעסטוועגען קאָן מען ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנט געוויסע אויפטואונגען פון דער פוילישער פעדעראַציע אויך פאַר דער אידישער באַפעלקערונג דאָ אין ניו יאָרק. דער פאַקט אַליין פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, איהרע ענערגישע אַרויסטרעטונגען אויפ׳ן פּאָליטישן געביט אינערליך (אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אידישען וועלט־קאָנגרעס) און אויסערליך, איבט אויס אַ געוויסע עלעקטריזירנדיגע ווירקונג אויף דער אידיש־פּוילישער באַפעלקערונג פון אַמעריקע, און אפילו אויף אידען וואָס קומען פון אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. כאָטש עס האָט זיך ניט איינגעגעבען צו שאַפען אַן אייגענעם האָספּיטאַל, גיט פונדעסטוועגען די פעדעראַציע מעדיצינישע הילף דורך איהר „מעדיקעל דיסטריקט“ און אַן אָפּטיילונג פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען, וואָס ווערט געפיהרט פולשטענדיג אָן פּראָפיטען און בלויז לטובת די ברענטשעס פון דער פעדעראַציע. עס עקזיסטירט אויך אַ קולטור־סעקציע וואָס אַראַנזשירט לעקציעס, איז טעטיג אין פאַרשפּרייטען דאָס אידישע בוך און קלייבט זיך אַפילו אַליין אַרויסצוגעבען ווערק וועגען אידען אין פוילען.

:: ::

דאָס נייסטע יאָהרבוך איז באַזונדער רייך אין אינהאַלט, ווייל עס איז אַ יובילײ־אויסגאַבע, אַרויסגעגעבען ווי עס זאָגט זיך אויפ׳ן שער־בלאַט, „לכבוד דעם דרייסיג יאָהריגען יובילעאום פון דער פעדעראַציע פון פוילישע אידען אין אַמעריקע“. עס אַנטהאַלט דעריבער, אַחוץ דעם געוויינליכען שטאָף וואָס גייט אַריין אין די יאָהרביכער, אויך ספּעציעלע יובילײ־מאַטעריאַלען. דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער דערמאָנטער אַרטיקעל פון גרשום באַדער, וועלכער הייסט „דרייסיק יאָהר פעדעראַציע פון פוילישע אידען אין אַמעריקע“. ווייטער איז דאָ אַ לייט־אַרטיקעל „דרייסיק יאָהר“ פון ז. טיגעל, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער פעדעראַציע, אַ באַגריסונג פון דעם פּויליש־אידישען פאַרבאַנד פון אַרגענטינע צו דעם 30 יאָהריגען יובילײ פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע, א. א. וו.

דער וואָגיגסטער אַרטיקעל אין דעם בוך איז די אַרבייט פון דר. הערמאַן פראַנק, וואָס הייסט „קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר דעם אידישען מיטלשטאַנד אין פוילען“. ער ווייזט אָן, אַז אין משך פון בלויז פינף חדשים פון דעם יאָהר 1937, איז דער אָנטייל פון אידען אין קליינהאַנדעל פון דעם ביאַליסטאָקער ראַיאָן געפאַלען אויף כמעט 23% ! דער זעלביגער פּראָצעס גייט אָן איבער גאַנץ פוילען, כאָטש ניט אומעטום אין אַזאַ שאַרפער, קאַטאַסטראָפאַלער פאָרם.

די אויסגאַבע אַנטהאַלט אויך אַ וויכטיגע אַרבייט וועגען דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון די אידען אין פוילען, געשריבען פון דר. ה. וואָלפסאָן; דעם יעהרליכען באַריכט פון דער פעדעראַציע פון די פוילישע אידען אין אַמעריקע; אַן אַרטיקעל וועגען דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פוילישע אידען, אָפּגעהאַלטען דאָס יאָהר אין אַנטווערפּען, געשריבען פון ב. וויינשטאָק פון אַרגענטינע; אַרטיקלען וועגען די פוילישע אידען אין אַרגענטינע (פון י. האָרן), אין קאַנאַדע (פון מ. גינזבורג), וועגען דעם 10 יאָהריגען יובילײ פון פּויליש־אידישען פאַרבאַנד אין אורוגוואַי, א. אַ. וו.

ל. ש.

די „ביאַליסטאָקער שטימע“ און אַנדערע ביאַליסטאָקער אויסגאַבען.

די ביאַליסטאָקער קענען דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע ליטעראַרישע אויסגאַבען. זינט 1921 גיבען די ביאַליסטאָקער אַרויס אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל: „די ביאַליסטאָקער שטימע“, וואָס שפּיגעלט אָפּ, לויט די ווערטער פון זיין רעדאַקטאָר, דעם פּאָפּולערען כלל טוער דוד סאָהן, „דאָס לעבען און שאַפען פון אונזערע ברידער פון אַלע טיילען וועלט“. אין דער „שטימע“ איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אַ סך מאַטעריאַל צו דער קולטור־געשיכטע פון דער אידישער ביאַליסטאָק, אויך אַ סך אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיעס פון אַ גאַנצער ריי באַריהמטע ביאַליסטאָקער, ווי פּראָפ. זאַבלודאָווסקי, דר. זאַמענהאָף, פּראָפ. לעאָ ווינער, ראָזאַ ראַאיסאַ, און אַנדערע. אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע“ דרוקען זיך אָפּשאַצונגען פון אַ סך היגע ביאַליסטאָקער טוער און עס ווערט אָפּגעגעבען אַ סך פּלאַץ פאַר די פאַרשיידענע טעטיגקייטען פון די היגע ביאַליסטאָקער סאָסייעטיס. עס ווערען דאָרט אויך געדרוקט וויכטיגע פאָרשונגען וועגען דער ביאַליסטאָקער אינדוסטריע, געשיכטליכע אַרטיקלען וועגען ביאַליסטאָק און אַ גאַנצע רייע אַנדערע וויכטיגע מאַטעריאַלען.

די ביאַליסטאָקער זיינען פאַראינטערעסירט די וועלט זאָל וויסען וועגען זייערע באַריהמטע זין. ד. סאָהן האָט אַן אינטערעסאַנטען אַרטיקעל: „אונזערע ביאַליסטאָקער אין דעם אויפבוי פון דער נייער רוסלאַנד“, וואו ער גיט אָן די נעמען פון באַרימט געוואָרענע ביאַליסטאָקער וואָס האָבען אונטער׳ן סאָוועטען־רעזשים געפונען די געלעגענהייט צו אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטען. ווען זייער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן, ליטווינאָוו, איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1933, האָבען פאָרשטייער פון ביאַליסטאָקער צענטער געהאַט מיט איהם אַ האַרציגען שמועס וועגען היימישע ענינים, אַזוי דערצעהלט אונז ד. סאָהן אין באַריכט פון די ביאַליסטאָקער טעטיגקייטען אין אַמעריקע.

אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע“ שפּיגעלט זיך אָפּ, ווי שוין דערמאָנט, דאָס לעבען פון די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפטען. מיר זעהען די אָנשטרענגונגען, וואָס ווערען געמאַכט צוערשט אויסצובויען דעם ביאַליסטאָקער צענטער;

דערנאָך אים אויפצוהאַלטען; מיר זעהען די טעטיגקייטען פון די נייע פלייסיגע אַרבייטענדיגע „לעידיס אָקזילעריס״, מיר לערנען דאָרט פון דער גרויסער הילפס אַקציע וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פאַר רעליף, וועגען די שליחים, וועלכע זיי האָבען געשיקט מיט געלדער קיין ביאַליסטאָק, וואָס האָבען ממש אָפּגעראַטעוועט די שטאָט פון הונגער. די ביאַליסטאָקער טראַכטען אויך פאַר דער צוקונפט. זיי ווילען צוציען דעם יונגען דור. זיי האָבען פאַר דעם צוועק געגרינדעט אַ „יאַנג פאָלקס ליג״. אָבער די טעטיגקייט פון דער ליג איז זעהר אַ שוואַכע און ווייזט ניט אַרויס קיין גרויסען דערפאָלג. די ביאַליסטאָקער האָבען דאָ אָנגעטראָפען די זעלבע שוועריגקייטען, וואָס אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען אין צוציען דעם יונגען אַמעריקאַנעם דור.

לאָמיר אַ קוק טאָן אויף אַנדערע ביאַליסטאָקער אויסגאַבען, אַרויסגעגעבען איבער פאַרשידענע געלעגענהייטען. אָט איז אַ שיין אַרויסגעגעבענער דיקער זשורנאַל „ביאַליסטאָקער פריינט״ — אַ ספּעציעלע אויסגאַבע צום 30 יאָהריגען יובילעאום פון ביאַליסטאָקער ראַיאָנער ברענטש 88 אַ. ר., 1905־1935, אַרויסגעגעבען מאַרטש 1935, און רעדאַקטירט פון מ. באַביטש. דער יום־טוב׳דיגער נומער האָט אַ רייכען ליטעראַרישען אינהאַלט, אַרטיקלען פון אַזוינע באַקאַנטע שרייבער און פּערזענליכקייטען ווי ב. וולאַדעק, מ. באַסקין, ליליפּוט, י. קרעפּליאַק, נ. כאַנין, אַלטער עפּשטיין און נאָך און נאָך. דוד סאַהן האָט אַ באַלערענדען אַרטיקעל וועגען דער געשיכטע פון דעם ביאַליסטאָקער ברענטש 88 און זיינע אויפטואונגען. מאַני לייב האָט דאָרט אַ ליד וועגען גדאַלקען, אַ באַקאַנטען ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנער און אינטערעסאַנטען כאַראַקטער.

אָט איז אַן אַנדער אויסגאַבע: „דער ביאַליסטאָקער פונדאַמענט״, אַרויסגעגעבען לכבוד דעם 30 יאָהריגען יובילעאום באַנקעט פון די ביאַליסטאָקער „בריקלייערס פּראָגרעסיוו בענעוואָלענט אַסס׳ן״, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד סאַהן. ווי עס זעהט אויס, האָט ביאַליסטאָק געהאַט אַ סך גוטע מוליאַרעס און דאָ אין אַמעריקע, האָבען זיי זיך אויך געהאַלטען צוזאַמען און אָרגאַניזירט. דוד סאַהן דערקלערט פאַרוואָס די מעהרסטע מוליאַרעס זיינען דאָ פאַרבליבען ביי זייער מלאכה, ניט ווי ס׳איז דער שטייגער אין אַמעריקע, גענומען זיך צו אַלערליי אַנדערע מלאכות. ער דערקלערט עס מיט די בעסערע באַדינגונגען אין דער בוי־אינדוסטריע אין אַמעריקע, די הויכע שכירות, די ווינציקערע שטונדען און דער שטאַרקער יוניאָן. איין אינטערעסאַנטער אַרטיקעל מיט׳ן נאָמען „די געשיכטע פון יציאת מצרים ביי די בריקלייערס״ איז איבערגעדרוקט אין דעם בוך.

אויך איז ווערט צו דערמאָנען אַ שעהנע אויסגאַבע פון „ביאַליסטאָקער לעבען״, אַ ספּעציעלע אויסגאַבע צום 40 יעהריגען יובילי פון „ביאַליסטאָקער ביקור חולים פון ברוקלין״.

ע. פ.

יובילייי־בוך פון „מיכל טענצער פעמילי סוירקל״ — אין ענגליש.

דאָס יובילייי־בוך פון מיכל טענצער פאַמיליע־קרייז, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו דעם 10 יאָריגען יובילייי (1927־1937) און איז אַ דיק בוך פון 205 זייטען, געשריבען אין ענגליש. דאָס בוך איז, ווי ס׳ווערט געזאָגט אויפ׳ן שערבלאַט: „אַ רעקאָרד פון די אַקטיוויטעטען און דערגרייכונגען פון דעם מיכל טענצער פאַמיליע־קרייז און נעמט־אַריין אַרטיקלען וועגען דער אידישער פאַמיליע, פון פּראָמינענטע רבנים און וויסנשאַפטסלייט״. דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען און רעדאַקטירט פון סאָלאָמאָן קערסטען. עס האָט אַלס מאָטאָ: „תנו עיניכם במשפחה״. (תענית ל״א). דער אַריינפיהר צום בוך, געשריבען פון רעדאַקטאָר, דערצעהלט אונז, אַז דער מיכל טענצער פאַמיליע־קרייז איז איינער פון די ערשטע פאַמיליע־קרייזען און איז געגרינדעט געוואָרען אין 1927 פון „קינדער פון מזרח־אייראָפּייאישע אידישע פאַמיליעס״ און איז כסדר געוואַקסען און האַלט אין איין אַנטוויקלען זיך.

אין בוך געהען אַריין עטליכע וויכטיגע אַרטיקלען פון רבנים און כלל־טוער. דער ערשטער אַרטיקעל איז פון שלמה קערסטען: „וועגען דער ראָליע פון דער משפחה אין אידישען לעבען״. ער ברענגט אַ סך פסוקים פון דער תורה און מדרש צו באַווייזען די גרויסע חשיבות, אין וועלכער ס׳איז געהאַלטען געוואָרען די משפחה ביי אידען.

אַרטור ל. פיאַן דערצעהלט אין אַן אַרטיקעל וועגען דער אַנטשטעהונג פון „דזשוניאָר ליג״, אַז דער פּלאַן פון גרינדען די יוגענטליכע אָרגאַניזאַציע איז געבוירען געוואָרען די צווייטע סדר־נאַכט ביי די טענצערס אין הויז ווען די גאַנצע משפחה איז געווען פאַרזאַמעלט ביים סדר. די יונגע אָרגאַניזאַציע האַלט אין וואַקסען און האָט שוין היינט 44 מיטגלידער. אַ חוץ דיסקוסיע־אָוועטנטען אַראַנזשירען די מיטגלידער פאַרשידענע אונטערנעמונגען, אויספלוגען און באַטייליגען זיך שטאַרק אין ספּאָרט־אַקטיוויטעטען. צווישען אינגערען און עלטערען דור ווערען געשאַפען ענגערע פאַרבינדונגען און די יונגע מענטשען קריגען שוין פריה אַ מעגלאכקייט צו באַטייליגען זיך אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

אין צווייטען טייל פון בוך ווערט אָנגעגעבען די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע. פּראָטאָקאָלען פון פאַרשידענע מיטינגען, רעפּאָרטען פון דער טעטיגקייט פון קרייז, די געשיכטע פון „דזשוניאָר ליג״. עס ווערט אָנגעגעבען די קאָנסטיטוציע פון דער אָרגאַניזאַציע, נעקראָלאָגען פון פאַרשידענע פאַרשטאָרבענע מיטגלידער און פאַרשידענע נייעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער צעהן־יאָהריגער עקזיסטענץ פון דעם מיכל טענצער פעמילי־סוירקעל.

ע. פ.

נ. ברוך

די סואווענירֿ-זשורנאַלען

„און דאַן איז די צייט אַזוי שנעל אַוועקגעלאָפֿען;
אַזוי שנעל, דאָס קיינער קיין מענטש אַף דער וועלט
קאָן זי ניט נאָכיאָגען. די צייט איז געפֿלויגען
פֿיל שנעלער ווי דער פֿייל פֿון בויגען . . ."

— פֿון אַ סואווענירֿ-זשורנאַל

1

עס איז אַ וואויל־באַקאַנטע זאַך, אַז די אַמעריקאַנער אידישע לאַנדסמאַנשאַפֿטען, סאָסייעטיס, „אנשי'ס" א. א. וו. גיבען אַרויס ביי פֿאַרשידענע געלעגענהייטען זשורנאַלען אין אַלערליי אויסגאַבען, הויפּטזעכלאַך יובילעי־זשורנאַלען, ווען די באַטרעפֿענדיגע לאַנדסמאַנשאַפֿט פֿייערט אַ געוויסע דאַטע, קיילעכדיגע אָדער ניט־קיילעכדיגע, פֿון איהר עקזיסטענץ. אַט די דאָזיגע אויסגאַבעס שטעלען מיט זיך פֿאָר אַ גאַנץ היפּשע, אין גאָר פֿילע פּרטים שטאַרק באַלערענדיגע ליטעראַטור. ליידער ווערען אָבער אַט די דאָזיגע אויסגאַבעס זעלטען־וואו פֿאַרנאָטירט. זיי ווערען, נאַטירלאַך, פֿאַרשפּרייט אויסשליסלאַך צווישען דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון דעם געגעבענעם פֿאַראיין, און זיינען דעראיבער ניט־באַקאַנט און אומצוטריטליך דעם געוויינליכען פֿאַראינטערעסירטען לעזער. דאָס רוב פֿאַרשווינדען סוף־כל־סוף די דאָזיגע אויסגאַבעס אינגאַנצען, און ווערען פּשוט ביבליאָגראַפֿישע זעלטענקייטען.

דאָס איז באַשטימט אַ שאָד. די דאָזיגע אויסגאַבעס, ווי געזאָגט, שטעלען מיט זיך פֿאָר אַ גאַנץ באַלערענדיגען מאַטעריאַל, סיי סאָציאָלאָגיש און סיי היסטאָריאָגראַפֿיש. זיי גיבען אונז אַ בילד סיי פֿון אַ באַשטימטען טיפּ אַמעריקאַנער אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, און סיי בילדלאַך פֿון דעם פֿאַרשווינדענדיגען לעבען אָדער שוין־פֿאַרשוואונדענעם עבר פֿון אידישע שטעטלאַך אין דער אַלטער היים.

ניט אַלע אַזעלכע געדיינק־זשורנאַלען זיינען פֿונ'ם זעלביגען ווערט. דאָ ווילען מיר זיך אינגאַנצען ניט אָפּשטעלען, פֿאַרשטייט זיך, אויף די גרויסע וויכטיגע היסטאָריאָגראַפֿיעס און פּנקסים, ווי אַ שטייגער, „פּנקס ווילנע", פּנקס „פּעלטשין", א. א. וו. גרינטלאַכע טאָמען און בענדער, וואָס זיינען באַשטימט צו פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעהען אָרט אין אידישע ביבליאָטעקען. אונזער איבערבליק האָט צו טאָן אויסשליסלאַך מיט סואווענירֿ־זשורנאַלען, קלענערע אויסגאַבעס, געלעגענהייטלעכע אַלבאָמען און העפֿטען, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען — הויפּטזעכלאַך פֿון די אַלערליי „אנשי"־סאָסייעטיס. אין אַט די לעצטע פֿאַרנעמט שוין דער עבר ניט אַזאַ גרויסען אָרט; זיי זיינען מעהר אינטערעסאַנט ווי דאָקומענטען פֿונ'ם אַמעריקאַנישען „איצט".

2

אויפּ'ן סמך פֿון די העכער פֿערציג אויסגאַבעס, מיט וועלכע דעם שרייבער פֿון די שורות איז אויסגעקומען זיך צו באַקאָנען, באַקומט זיך אַזאַ בילד פֿון דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פֿון אַ דורכשניטלאַכען סואווענירֿ־זשורנאַל.

1) באַגריסונגען און „קאָנגראַטולאַציאָנען" — מיט און אָהן ספּעציעלע טעקסטען (ד. ה. בלויז די נעמען פֿון די באַגריסער), מיט און אָהן באַגלייטענדיגע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער. די באַגריסונגען זיינען אין פּראָזע אָבער אָפּטמאָל אויך אין גראַמען.

2) אַנאָנסען — זיי פֿאַרנעהמען אומעטום אַן אָנגעזעהענעם אָרט, אין אייניקע פֿאַלען אפילו דעם אָנגעזעהענסטען . . . ווייל צוזאַמען מיט פּונקט 1., שטעלען זיי מיט זיך פֿאָר דעם הויפּט הכנסה־קוואַל, פֿון וועלכען די דרוק־הוצאות פֿון אַט די סואווענירֿ־זשורנאַלען ווערען געדעקט.

3) אינפֿאָרמאַטיווער מאַטעריאַל וועגען די באַטרעפֿענדיגע אָרגאַניזאַציעס; זייער אַנטשטייאונג און די סיבות, וואָס האָבען געפֿיהרט דערצו; אַנטוויקלונג, טעטיקייטען, אַלגעמיינע געשיכטע. דאָס איז אפשר דער ווערטפֿולסטער טייל פֿון אַ סואווענירֿ־זשורנאַל פֿונ'ם סאָציאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. (זע, אַ שטייגער, די אויספֿירלעכע באַריכטען אין דעם סואווענירֿ־זשורנאַל פֿון דער „פּאָליש קאָסאָווער סאָס.", „קיעווער אינדעפּענדענט בענעוואָלענט", א. א. וו.)

4) בילדער און באַשרייבונגען פֿון היים־ערטער: ירידים, מערק, וועלדלאַך, לאַנדשאַפֿטען. זיי זיינען אָפֿט רירענדיג־„פּאָעטיש", דורכגעדרונגען מיט פּרימיטיווען היים־ווייי. (די זשורנאַלען פֿון די „קאָסעווער", „ביסקער", „שידלאָוויצער", א. א. וו.)

5) קליינע פֿעליעטאָנען מיט אַ גרינגען־לאָקאַלען, „סאָסייעטי"־אינהאַלט.

6) כרוזים, אַנאַקראָסטיכען וועגען אָנגעזעהענע טיפּען און רעדעלפֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

7) עראינערונגען פֿון די היימישע שטעט און שטעטלאַך, אַזעלכע, וואָס שטעלען מיט זיך פֿאָר ניט נאָר בילדער פֿון באַליבטע לאַנדשאַפֿטען, נאָר גיבען אויך אַ באַלערענדיגען קולטור־געשיכטלעכען איבערבליק וועגען דער גייסטיגער עוואָלוציע פֿון דעם שטעטעל — פֿון אַ מיטעלאַלטערלעכען ביז אַ היינטוועלטיגען. (זע די „מינסקער", „קאָסאָווער", א. אַ.)

8) לידער און פּאָעמען — פֿון אייגענער אינדוסטריע . . . ווייזט אויס, אַז כאָטש אין דער ברייטער וועלט איז פּאָעזיע

איצט אַ „נחות דרגא״, איז עס נאָך פונדעסטוועגן אַ גאַנץ בכבוד'ער אַרטיקעל אין די סואוועניר־זשורנאַלען, וואו מען יחוס'ט זיך מיט די אייגענע פּאָעטישע אויפטוען (וועגען זייער ליטעראַרישען ווערט לוינט זיך ניט צו ריידען) גאָר שטאַרק: דער שרייבער פון דעם ליד איז „אינזער סעקרע־טאַר'ס זוהן״, און פון יענעם ליד — „אונזער סעקרעטאַר'ס טאָכטער״. אויף איינעם אַ שיר טיטולירט זיך דער מחבר „טשערמאַן״ ניורענבערג . . . (ס'הייסט — ניט גלאַט אַבי־דאַרטען אַ פּאָעט!)

9) פּובליציסטיק — געוועהנלאָך — היימיש־געבאַקענע חקירות און רעיונות. (זע „ערשטע אַבערטינער״), אָט איז אַ מוסטער פונ'ם סטיל פון אַזעלכער „פּובליציסטיק״: „דער ציקלאָן פונ'ם קריזיס האָט אויך אונזערע טיר־און־פענסטער געטרייסעלט״. עס טרעפען זיך אָבער אַרטיקלען זעהר כאַ־ראַקטעריסטישע און אינטערעסאַנטע. אַ שטייגער, אינ'ם זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צום 15־יעריגען יובילעי פון דער יורעוויטשער בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן, די אַרטיקלען פון ה. גאָרעליק און דזשייקאָב קעטץ קאָנען דינען ווי מוסטערען פון ווערטפולער, גוט־אינפאָרמירענ־דיגער לאָקאַלער פּובליציסטיק.

10) קיבעצעריַיען — היימישע, אין פּראָזע און אין גראַמען. זיי זיינען אָפט גרופּירט אונטער באַזונדערע רו־בריקעס: „קיבעצעס און בוכטשעס״, „קיצלאָך און שפּריצ־לאָך״, „אַ גלעט און אַ שטאָך״ . . . נאַטירלאָך, זיינען זיי פון אינטערעס אויסשליסלאָך פאַר דער אייגענער מיטגלידער־שאַפט.

11) אַנעקדאָטען, פאָלקס־הומאָר, אַפאָריזמען — (זע די „קאַרטוז־בערעזער יאָנג מענ'ס״, א. א. וו.).

12) פּאַראָדיעס אויף וואויל־באַקאַנטע לידער — אַ שטייגער, אויף „הוליעט, הוליעט . . .״ („שאטער פּראַ־גרעסיוו״(, אָדער „מאַי קאָ משמע לן״, (זשורנאַל פון די „סלוצקער״).

13) אידיש־ענגלישע קאַלענדאַרען — לוחות — ימים־טובים אידישע און בירגערלעכע.

14) טעסטימאָניאַלס פאַר אָרגאַניזאַציאָנס־פאַרדינסטען.

15) נעקראָלאָגען און „אין מעמאָריאַמס״ — געשטאָר־בענע מיטגלידער פאַר'ן פּעריאָד, וואָס ווערט געדעקט פונ'ם זשורנאַל.

16) פינאַנץ־באַריכטען — אַסעטס און לייעבּיליטיס פאַר אַ באַשטימטען פּעריאָד. (ז. „ראָמאַנער״); איינגאָהמען און אויסגאַבען, אַלגעמיינער פאַרמעגען, באַנק־דעפּאָזיטען, (ז. „קרעמענטשוגער״). מאַנכע פון אָט די פינאַנץ־באַריכטען זיינען פון העכסטער וויכטיגקייט מיט דעם, וואָס זיי גיבען אונז אַ בילד פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון אַ לאַנדס־מאַנשאַפט־פאַראיין פאַר אַ היבשען צייט־אָפּשניט: 10 יאָהר („קרעמענטשוגער״); 20 יאָהר („ערשטע ראַדאָמער קאָנ־גרעגעישאָן״); און אפילו גאַנצע 35 יאָהר („וויסאָקאָ־לי־טאָווסקער ברודערליכער אונטערשטיצונגס־פאַראיין״).

17) סטאַטיסטישע טאַבעלען — („ערשטע יעזערזשאַנער סיק בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן״); אָדער פינאַנץ־טאַבעלען אויף באַזונדער־ אריינגעקלעפּטע זייך־צונויפלייגענדיגע בויגענס. („ערשטער לוצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין״).

18) ליסטען פון באַאַמטע — אַמאָליגע און איצטיגע.

19) ליסטען פון גרינדער און בויער פון אַ פאַראיין — ווי אויך באַזונדערע אַרטיקלען וועגען זיי. (ז. „די זאַשקאָ־ווער נייע וועלט״).

20) אַלגעמיינע מיטגלידער־ליסטען — אין איניגע פאַלען ווערען זיי אָנגעגעבען פאַר'ן פאַרלויף פון דער גאַנ־צער עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזאַציע, — 10, 20 יאָהר — צוזאַמען מיט דער דאַטע, ווען די מיטגלידער האָבען זיך אַנגעשלאָסען.

21) עהרען־ליסטען פון מיטגלידער — „שלאָגלער״.

22) פאָטאָגראַפיעס פון באַאַמטע.

23) גרופּען־פאָטאָגראַפיעס — אַמאָל קען מען דערקאָ־נען, פון אַזעלכע פאָטאָגראַפיעס, אורטיילענדיג לויט די מלבושים, מיט אָדער אָהן היטלען אויף די קעפּ, א. א. וו. אויך דעם רעליגיעזען כאַראַקטער אָדער עלטער פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער געגעבענער אָרגאַניזאַציע.

24) פאָטאָגראַפיעס פון אַנשטאַלטען — וואָס ווערען אויסגעהאַלטען דאָ אָדער אין דער אַלטער היים.

25) פאָטאָגראַפיעס פון קינדער — און לערער־גרופּען פון אידישע פאָלקס־שולען אין דער אַלטער היים, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון אַן אָרגאַניזאַציע.

26) פאָטאָגראַפיעס פון אַמאָליגע יוגענטליכע רעוואָלו־ציאָנער גרופּעס. (די „אַמדורער״).

27) קאַרטונס און „קאָמיק־סטריפּס״.

28) טאַנץ־פּראָגראַמען — (אויב ביי דער פייערונג איז אַ באַל).

29) מעניוס פון די באַנקעט־מאָהלצייטען — פון אָט די מעניוס אַליין קאָן מען זיך אויך אָפטמאָהל אויסמאָלען אַ בילד פון דעם כאַראַקטער פון דער אָדער יענער לאַנדסמאַנ־שאַפט. מיר'ן נעהמען אַ שטייגער, די „קאַרטוז־בערעזער״. עס זיינען דאָ צוויי קאַרטוז־בערעזער פאַראיינען — די „ק. ב. בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן״ און די „ק. ב. יאָנג מענ'ס בע־נעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן״. ביידע האָבען אָפּגעהאַלטען זיי־ערע באַנקעטען אין איין און דעם זעלבען בראָדווי סענטראַל האָטעל. אינ'ם זשורנאַל פון די ערשטע — דער עלטערער דור — לייענט זיך די באַנקעט־פּראָגראַם אַזוי:

א. מאַרשירען מיט מוזיק — פון פּראָפעסאָר רודאָלף טילקין,

ב. „שלחן ערוך״ ע״י הממונה ב״ה נאמן, מרל מעדני מלך, פּריש, געזונט און באַ'טעמ'ט,

ג. „והשתיה כדת, צו טרינקען מיט איין מאָס, וועט ניט זיי קיין פּאַרדראָס,

ד. „אין אונס, קיינער צווינגט ניט, עסט וויפיל איהר קענט, און וואַרט ביזן ענד,

ה. „כי כן יסד, אזוי איז דער באַשלוס פון פעראיין, אין מיטען ניט אַוועקצוגיין.

ו. „ותמאן, ווען איהר ווילט ניט, האָט אייך איין גוט יאָהר, צוזאַמען מיט אייער פּאָר".

די „רעדעס מכל המינים" זיינען דאָ „אייגענע קרעפּטע" און דער טאָסטמייסטער איז „איש פשוט מעיר מולדתנו בערעזע". דערפאַר אָבער, די זעלבע בערעזער, אינ'ם זעלביגען באַנקעט־פּלאַץ, ווען זיי הייסען שוין „יאָנג מענס" (אפשר מיט אַ דור אינגער) איז שוין זייער מעניו אנגעגעבען אויף ענגליש (כאָטש דער זשורנאַל אַליין איז געדרוקט אויך הויפּטזעכטלאך אויף אידיש). און אַך, ווי די „יאָנג מענס" האָבען זיך נעבאך געמוזט ברעכען די ציין באַ די פראַנצויזישע נעמען פון די געריכטען . . . דער טראַדיציאָנאַלער באַנקעט־גרעיפּפרוכט געהט אונטער'ן קעפּל „באָן אפּעטי", די געפילטע פיש אונטער „פּואַססאָן", דער לאָקשען־ און מאַנדעל־זופּ הייסט „בויאָן", דער רינדערנער לעקער געהט אונטער „אנטרע", די קאַטשקע הייסט „ראָטי", און דאָס ביסעל קאַווע הייסט „קאַפע נואַר . . ."

(30) צום סוף געפינט איהר אין די זשורנאַלען אפילו „רעדאַקציאָנאַלע נאָטיצען" און אַ „בריווקאַסטען" . . . אויב אַ זשורנאַל, טאָ זאָל זיין ווי באַ לייטען!

(31) ראָמאַנען — און אויב ווי באַ לייטען, וואָלט נאַטירלאך געדאַרפט זיין אַ ראָמאַן אויך. אָבער אַזוי ווי פאַר אַ ראָמאַן איז דאָך קיין פּלאַץ ניטאָ, געפינען מיר אין איין סאָוועניר־זשורנאַל (באַ די „זאַשקאָווער") כאָטש אַן אנאָנס וועגען אַ ראָמאַן, („אין גיכען וועט אַרויס פון דרוק אַ ראָמאַן „די פאַרלוירענע ליבעס" פאַרפאַסט פון צאלעק ווערלינסקי. דאָרט ווערט געשילדערט דאָס שטעטעלע זאַשקאָוו פאַר די לעצטע 50 יאָהר, ביז די וועלט־מלחמה 1914, און אויך דאָס לעבען פון די זעלבע זאַשקאָווער מענטשען אין אַמעריקע. מאַכט אייערע באַשטעלונגען א. א. וו.").

הכלל, אויב אידען פאַרדינען אפשר ניט מעהר די לעצטע יאָהרען דעם טיטל פון אַן עם הספר, זיינען זיי אָבער דערפאַר געוואָרען אַן „עם הסופרים" —ווייל שיר ניט יעדער איינציקער איד פילט אפּנים באַ זיך, אַז ס'איז בלויזער צופאַל, וואָס ער איז ניט אַליין געוואָרען קיין שרייבער — פשוט, ער האָט ניט געהאַט דעם „רואיגען קאָפּ" דערפאַר...

(32) אידישע שריפטשטעלער — אייניקע סאָוועניר־זשורנאַלען באַשיינען אַמאָל זייער שמחה מיט די ווערק פון „דרויסענדיגע" אידישע שרייבער — מיט ווערק פון אברהם רייזען, א. ליעסין, מאָריס ראָזענפעלד, הלל ראָגאָף, י. אפּאַטאשו, י. קרעפּליאַק, דר. ה. פרענק, מאַני לייב, י סלאָנים... אין אַ פּאָר פאַלען לאַדט מען אַ שרייבער איין טאַקע ספּעציעל; אָבער דאָס רוב זיינען עס פשוט איבערגעדרוקטע ווערק — און געוויינליך, ווען דער באַטרעפענדיגער שרייבער איז אַ לאַנדסמאַן פון דער „סאָסייעטי". מען טרעפט דעמאָלט אויך אָן — כאָטש זייער זעלטען — אַ קולטור־געשיכטלעכען און היסטאָריאָגראַפישען אַרטיקעל וועגען דער באַטרעפענדיגער אָרטשאַפט געשריבען פון אַן אויטאָריטעטער פּען (ז. אַ שטייגער י. ריוקינד'ס אַרטיקעל אינ'ם סואָוועניר־בוך פון די „אַמדורער"):

צום סוף דאַרף, נאַטירלאך, פאַרשטאַנען ווערען אַז ניט אַלע אויבענאויסגערעכענטע 32 „עלעמענטען" זיינען צו געפינען אין יעדען סאָוועניר־זשורנאל. אַמאָל זיינען מעהר פאַרטראָטען די, אַמאָל יענע עלעמענטען. אַמאָל מערערע פון זיי, אַמאָל ווייניגער.

3

די שפּראַך פון די סאָוועניר־זשורנאַלען איז געמישט: אידיש און ענגליש. אַמאָל מעהר די ערשטע, און אַמאָל מעהר די צווייטע. כאָטש אין דורכשניט ווערט אידיש מעהר באַנוצט ווי די שפּראַך פון די זשורנאַלען.

צווישען די איבער 40 זשורנאל־נומערען, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַטראַכטען, האָב איך מיך אָנגעשטויסען בלויז אויף איינעם, וואו דער גאַנצער מאַטעריאַל איז געווען בלויז אין ענגליש, אָהן אַן איינציג אידיש וואָרט . . . און דאָס זיינען גראָד ניט געווען די האַלב־אַסימילירטע לאַנדסמאַנשאַפטען פון דרום־רוסלאַנד — קרעמענטשוגער, קיעווער, קאַטערינאסלאווער, אָדעסער — נאָר דוקא די „אינדעפּענדענט קוטנער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן," איף יו פּליעז . . . אַרויסגעגעבען געוואָרען איז דאָס ביכעל צום זילבער־יובעלעי פון דער ארגאַניזאַציע. ס'איז געבונדען ביכעל־מעסיג, אין האַרטליכע טאָוולען — לצמיתות, הייסט עס — און ווי באַלד אַז „לצמיתות", דאַרף עס מסתמא זיין אויף ענגליש . . .

מען טרעפט אַמאָל אויך אַ העברייאישען אַרטיקעל („די זאַשקאָווער נייע וועלט"), אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ קוריאָז, ווייל די שרייבערין פונ'ם דאָזיגען קליינעם אַרטיקעל איז גראָד אַן אַמעריקאַנער־געבאָרענע, און די רעדאַקציע פונ'ם סאָוועניר־זשורנאַל האָט געוואָלט שטאָלצירען, וואָס זי פאַרמאָגט „אַזאַ בלום אין אונזער זאַשקאָווער גאָרטען..."

וועגען דעם „איינגליש" פון אַ צאָהל פון אָט די זשורנאַלען לאָזט זיך עפּעס זאָגען . . . ס'איז אָפט דער טיפּישער „איסט־סיידער" ענגליש. ס'איז אָבער ניט אונזער עובדא דאָ צו לערנען עמיצען ענגליש־שרייבען. דערפאַר איז שוין יאָ אינטערעסאַנט צו ברייגנען עטלעכע מוסטערן, וואָס וועלען אילוסטרירען דעם כאַראַקטער פונ'ם „אידיש" וואָס ווערט באַנוצט אין אָט די אויסגאַבעס.

„צום 10טען שטיפטונגס־פעסט פון אונזער האָכגעשעצטען פאַראיין שפּרעכען מיר אויס אַ הערצליכען ווללקאָמם צו אונזערע ליעבע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס, פיר וועלכע דער פאַראיין האָט דיעזען פעסט פאָרבערייטערט."

די ציטאַטע איז ניט פון אַ זשורנאַל פון אַ קורלאַנדער, אָדער אַנאַנדער לאַנדסמאַנשאַפט פון אַ באַלטישער געגענט, נאָר גראָד פון אַ רוסיפיצירטער אוקראַאינער שטאָט . . . פונ'ם זעלביגען ביכעל ציטירען מיר ווייטער:

„געניסענדיק פערגעניגען פון אונזער 10 יאָהרעם פעסט, איז ראַטזאַם מיט ברידערליכער ערינערונג צו דערמאָנען

אונזער פאַרשטאָרבענעם . . . וועלכער האָט פיעל געלייסטעט זיין לעבענס צייט אַרבייטענדיק מיט אונז צוזאַמען פיר אונזער פאַראיין און וועלכען די געטליכע נאַטור האָט דען 5טן . . . דיעזען 1914 יאָהר אויף עוויג פון אונז צוגענומען . . . מיר קענען ניעמאָלס פאַרגעסען זיין גוטע, ניצליכע אַרבייט פירן פאַראיינס וואָהלזיין.״

דאָ איז אַ מוסטער פון אויסלייגעכץ און סטיל. דאָס פאָלגענדיגע — ציטירט שוין פון אַן אַנדער זשורנאַל — ווערט געבראַכט ווי אַ מוסטער פון אידיש־סינטאַקסיס:

„מיט פרייד און פאַרגעניגען אַלס לאַנג יאָריקער אַקטיווער מעמבער פון אונזער . . . חברה, האָב איך גרויס פאַרגעניגען אייך אַלעמען צו גראַטולירען צו אונזער אַלעמענס גרויסען יום־טוב, וואָס מיר גייען האָבען לכבוד אונזער גאָלדענעם יאָר־פעסט, וואָס עס ווערט 50 יאָר זייט אונזער חברה עקסיסטירט. אונזער חברה . . . איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1887 פון אַ קליינע צאָל לאַנדסלייט, וואָס זיינען געקומען אַהער פון דער אַלטער היים, וועלכע פון די גרינדער מיר האָבען פערזענליך געקענט, איז זייער איבערגעגעבענהייט צו דער חברה געווען איבער־נאַטירליך״, א. א. וו.

אַזוי שרייבט מען נאָך אידיש אין אננאָ דאָמיני 1938!

און אָט איז אַ מוסטער פון אַ „סאָסייעטי״־פראָטאָקאָל, געשריבען אין 1923 (אָבגעדרוקט מסתמא מיט אויסבעסערונגען, אין אַ סאָוועניר־זשורנאַל פון 1936):

„דער מיטינג האָט זיך געעפענט פון דער . . . ליידיס אַקזילערי אונטער דער זיצונג פון דער ערשטער קאָמיטע (אויסגערעכענט נעמען), 8 אַזייגער, באַ שוועסטער (נאָמען און אַדרעס). מען איז באַלד איבערגעגאַן צו עלעקשאַן פיר אָפיסערס, עס איז עלעקטעד געוואָרען הערן פרעזידענטקע . . . פרעזידענטין . . . וייס־פרעזידענטין . . . טרעזשורין . . . טראָסטיעס . . . און פינאַנס־סעקרעטאַר גיט אַ פרעזענט ברודער ש. אויף 3 מאָנאַטען. מע איז איבערגעגאַן צום וואָהל און בעסטען, עס איז באַשטימט צו מיטען 2 מאָל אַ מאָנאַט אום שבת אָוונט. אויך איז באַשטימט אַז עס זאָל קאָסטען 1 דאָלאר אַ קוואַרטאַל און באַם ערשטען מיטינג האָט זיך אָנגעשלאָסען 17 שוועסטער און זונטאָג באַם ברודערס מיטינג האָט זיך אָנגעשלאָסען 24 שוועסטער, צוזאַמען 41 שוועסטער. אויך איז געווען אַ פאָרשלאַג פון שוועסטער א. צ. מע זאָל אַריין נעמען ניט קיין ז. (לאַנדסלייט), איז פערשיבט געוואָרען אויפ'ן נעקסטען מיטינג. דער מיטינג האָט זיך געשלאָסען אין פרידען.״

ווי אַ קאָמפענסאַציע פאַר אַלערליי סטיליסטישע און שפראַכלעכע עגמת נפש'ן, וואָס דער מאָדערנער לייענער קאָן האָבען באַם בלעטערען די סאָוועניר־זשורנאַלען פון די „סאָסייעטיס״, קאָן דער זעלבער לייענער דערפאַר פון צייט צו צייט הנאה האָבען פון אַזעלכע פאָלקסטימלעכע שטעלען, ווי די פאָלגענדיגע:

„אַ גרויסער רבי האָט געבענטשט זיין איינציגען זוהן באַ דער חופה, מיין קינד, השי״ת זאָל דיך אָפהיטען פון אָרימקייט און פון רייכקייט, ווייל ביידע ברענגען דעם מענטשען צום געפאַר אַרונטער צו געהן פון דעם ריכטיגען וועג . . .״

4

די סאָוועניר־זשורנאַלען דערשיינען תמיד צו דער געלעגענהייט, ווען עס ווערט געפייערט דער יאָהרטאָג („ענני־וואוירסערי") פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, מיט אַ באַנקעט, טאַנץ און אַלערליי קלאַפערגעצייג.

די דאָזיקע „ענניוואוירסערי״ איז געווינלאך אַ קיילעכדיגע צאָהל יאָהרען: 10, 15, 25 און 50 יעהריגע יובל'ס (חברה בני־אהרן אנשי ווילקאָמיר, 1887-1937, — די עלטסטע לאַנדסמאַנשאַפט, אויף וועלכער איך האָב מיך אנגעשטויסען). עס ווערען אָבער אויך געפייערט יובל'ס פון 33 יאָהר („פאָלטאַוואָוער״) 13־יעריגע בר־מצוה'ס („זאָשקאָוואָוער לעידיס״), און אפילו פון אַזאַ מין גאָרניט זאָגענדיגע צאָהל יאָהרען, ווי 17 („דער ערשטער קריפּטשער פאַראיין״). . . .

געדרוקט ווערען פאַקטיש אַלע סאָוועניר־זשורנאַלען זעהר רייך — אין פאַרגלייך מיט'ן אינהאַלט קוקט עס שוין מאַנכעס מאָל אויס צו פאַרוועניר־מעסיג. גוטער, דיקער פאַפיר, אַמאָל — טייערער רעגאַל־פאַפיר. פאָרמאַט איז אָפטמאָל אלבאָם־מעסיג, מיט פרענדזלאך, טאשמעלאך און קוטאסיקלאך . . . די הילע איז פון פאַפיראָז־פאַפיר, סאַמעט, אָדער זאַמש, זעלטען טאָוולען. די פאַרבען זיינען טיפע, בולט'ע. צו אַ 25־יאָריגען יובילעי איז די הילע אַ זילבערנע, צו אַ יובילעי צווישען 25 און 50 — אַ גאָלדענע. און דאָס גאַנצע ווערט דערנאָך איינגעוויקעלט אין צעלאָפאַן. אַ סך וויניעטקעס — שאַבלאָנע, נאַטירלאך, גאָלד־באַדעקטע אותיות, צייכענונגען, א. אַז. וו.

5

מיר האָבען ביז איצט גערעדט אויסשליסלאך וועגען די סאָוועניר־זשורנאַלען פון די יעניגע לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר די טיפישע אומאָפהיינגעניגע „אנשי״־סאָסייעטיס. מיר'ן איצט אין קורצען באַרירען די סאָוועניר־זשורנאַלען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט ווי ברענטשעס פון פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיגער אַרבעט איז אונז אויסגעקומען צו באַטראַכטען 26 אַזעלכע „נומערען" — 18 פון אַרבעטער־רינג ברענטשעס, 7 פון אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער־אָרדען און איין סאָוועניר־זשורנאַל פון אַ צווייג פונ'ם אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבעטער־פאַרבאַנד.

די הויפט־„פיטשורס״, די הויפט עלעמענטען פון וועלכע אָט די לעצטע אויסגאַבעס באַשטעהען, זיינען כמעט דיזעלבע, וואָס מיר האָבען פריהער באַשריבען. עס קומען אָבער אויך צו איינִיגע נייע כאַראַקטעריסטישע שטריכען.

צוערשט — די באַגריסונגען. ווי אָפטיילונגען, ווי צווייגען („ברענטשעס״) פון צענטראַלע קערפערשאַפטען, ווערט דאָ געדרוקט אינ'ם אויבנאַן באַגריסונגען פון דעם טשערמאַן און גענעראַל־סעקרעטאַר פון די באַטרעפענדיגע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, באַגריסונגען פון די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוועס, פון דער נאַציאָנאַלער שול־פאַרוואַלטונג, פונ'ם בילדונגס־דעפאַרטמענט, און פון פאַרשידענע אַנדערע דע־

פּאַרטמענטס פון יענעם צענטראַלען פאַרזיכערונגס־אָרדען, צו וועלכען דער באַטרעפענדיגער ברענטש־לאַנדסמאַנשאַפט געהערט. עס ווערען דאָרט אויך געדרוקט באַגריסונגען פון אַנגעזעהענע אַרבעטער־פיהרער.

בכלל, אזוי ווי אַט די לאַנדסמאַנשאַפטען באַשטעהען דאָס רוב פון מענטשען מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, טראָגט דער זכרונות־מאַטעריאַל דאָ אַ באַשטימטען כאַראַקטער. עס זיינען דאָ אַ גרויסע צאָהל זכרונות און געשיכטלעכע באַשרייבונגען פון די אַמאָליגע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּען אינ'ם צאַרישען רוסלאַנד, אין וועלכע מען האָט אַליין איינטייל גענומען, און בעת וועלכע עס זיינען צוערשט פאַרפלאַנצט געוואָרען די וואונדערליכע זאַמען, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסען דער מעכטיגער בוים פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

עס ווערען אויך געדרוקט רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־הימנען, אַלגעמיינע און אידישע: דער „אינטערנאַציאָנאַל", די „שבועה", די הימנעס פון די באַטרעפענדיגע פראַטער־נאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אויך דער אידיש פון אַט די לעצטע אויסגאַבעס איז, פאַרשטעהט זיך, אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, ווי דער אידיש פון די „אנשי"־זשורנאַלן. (כאַטש, ליידער, ניט תמיד...) אויך טעכניש קומען זיי אַרויס פּערפעקטער. עס פעלט, אמת, די דרויסענדיגע „רייכקייט" פון דער הילע־אויסשטאַטונג, וואָס צייכענט אויס די „סאָסייעטי"־אויסגאַבעס, דערפאַר אָבער איז אינעווייניג געשמאַקפולער, נעטער, אינהאַלטספולער. אַזעלכע אויסגאַבען, ווי „דער ביאַליסטאָקער פריינד", אָדער „קיעווער רעוו. ברענטש א. ר.", אָדער „לובלינער יאַנג מענס" ברענטש א. ר., זיינען באַזונדערס ווערט פאַרצייכענט צו ווערען, סיי בנוגע דעם כמות פון זייערע ווערטהפולע אַרטיקלען, און סיי בנוגע זייער איכות.

און ווייל דער מענטשען־עלעמענט פון אַט די ברענטש־לאַנדסמאַנשאַפטען איז וועלטליכער, אַרטיקולירטער, „ליטעראַרישער", געפינען דאָ די געפיהלען פון היים־ווי נאָך א שאַרפערען און צאַרטערען אויסדרוק, ווי ביי געוויינליכע „סאָסייעטיס". לידער, דערצעהלונגען, זכרונות, איינדרוקען פון אַמעריקאַנישע רייזעס אין די אַמאָליגע היים־שטעטלעך — דאָס, מעהר ווי לאָקאַל־אַמעריקאַנישע קיבעצערייען און ענינים, פילט אויס זייערע זשורנאַלען־זייטען.

„אָפט, זעהר אָפט פלעג איך פון מיין געבורט־שטאָט טרוימען. אין דער רוישיקער ניויאָרק, אויף די שטילע געהיימניספולע שעהנע, הויכע קעטסקיל־בערג, אין וואשינטאָן, באָסטאָן און לאָס אנדזשעלעס; אין עקזאָטישע שטעט פון יאַפּאַן און כינע; איז די קאַלטע סיבירער סטעפּעס און אויף די טראָפּישע האַוואַיער אינזלען, אין האָנאָלולו, אין כאַרבין, אין וולאַדיוואָסטאָק, אין שאַנכאַי, — איבעראַל, וואו דער שיקזאַל האָט מיך פאַרוואָרפען, פלעג איך דענקען פון מיין געבורטס־שטאָט אין דער ליטע... קיין לאַנד און קיין שטאָט האָט מיין בייַנקשאַפט געשטילט. קיינע שעהנע לאַנדשאַפטען זיינען מיר ניט געווען אזוי טייער, ווי דער לידער בלאָטיקער שוהל־הויף... אַ געבורטס־שטאָט איז אויף אייביג אין האַרצען איינגעבאַקען".

און ווען דער זעלביגער מענטש, נאָך אין אָפּוועזענהייט פון 32 יאָהר, פאָהרט אויף אַ באַזוך אין זיין געבורטס־שטאָט, און ער קומט אָן צו דער איצטיגער פּוילישער גרעניץ, שרייבט ער:

„פּויליש איז מיר פרעמד... דאָך ווען איך האָב דערהערט די קלאַנגען פון פּויליש, זיינען זיי עס מיר געוואָרען נאָהענט... דער געפיהל פון פאָטערלאַנד האָט מיך באַהערשט, איז פּוילען צו אידען אַזוי ווי צו שטיפקינדער אָבער אידען וואוינען דאָך שוין דאָרטען הונדערטער יאָהרען און זיינען מיט'ן לאַנד אזוי פאַרוואַנדעט, אויסגעקניפּט און אויסגעבונדען... ווי טרויעריג אנגענעהם און ווי שמערצליך זיס עס איז מיר געוואָרען, ווען איך האָב דערזעהן די פּוילישע לאַנדשאַפט. איך האָב געהאַט אַ באַגעהר צו קושען זיך מיט יעדער באַרוועסער גוי'ע און ארויפפאַלען אויפ'ן האַלז יעדען לאַנדסמאַן, צי ער איז אַ איד, אָדער אַ גוי...".

בכלל, צייכענען זיך אַממייסטען אויס די סואווענירזשורנאַלען פון די א. ר. ברענטשעס מיט זייער אינהאַלטספולקייט. וואו נאָר עס לאָזט זיך, ציהען זיי צו מיטאַרבייט באַוואוסטע שרייבער — לאַנדסלייט זייערע. און וואו דאָס איז ניט מעגליך, זיינען זיי אַליין אויך ניט קראַנק אויף דער פען... דער אָרטיגער מאטעריאַל, וואָס איהר געפינט דאָרט, איז אי ווערטפול סאָציאָלאָגיש און קולטור־געשיכטליך, און איז אי געשריבען מיט אזא לירישער וואַרימקייט, וועלכע בלויז לאַנג־געשטיקטער היימאַט־ווי איז מסוגל ארויסצורופען... אַ דיינקמאָל דער היימאַט־שטעטעל מוז געשטעלט ווערען!

און דאָ טרעפט איהר זיך אָן אויף קוריאָזן.

דער דאָזיגער דראַנג צו פאַראייביגען דאָס אייגענע געבורט־אָרט איז אַזוי שטאַרק, אַז אין איין פאַל שטויסט איהר זיך אָן אָן עטלעכע שטעטלאַך, וואָס האָבען זיך אַזש משדך געווען כדי מיט פאַראייניגטע ליטעראַרישע — און אויך פינאַנציעלע... — כחות ארויסצוגעבען כאַטש איין סואווע־ניר־אויסגאַבע. אַ שטייגער, די לידער, איוויער און באָבריניצער לאַנדסלייט, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אינ'ם ברענטש 194 א. ר., האָבען לכבוד דעם 30־יעהריגען יובילייי פון זייער ברענטש (1908—1938) צוזאַמען ארויסגעגעבען די איינמאָליגע אויסגאַבע „דער שטאַרקער — בן שלישים לכח...".

פאַרקעהרט, אַזאַ מין שטעטעל, ווי דאָס ליטווישע ראַקאָוו, וואָס איז דוכט זיך בשום אופן ניט קיין „עיר ואם בישראל" — ווי עס איז לידע, אַ שטייגער — קינדעלט שיר ניט יעדען יאָר מיט אַן אייגענעם סואווענירזשורנאַל... אַלענפאַלס, אין אַ גאָר קורצער צייט האָבען די ראַקאָווער לאַנדסלייט שוין קיין עין־הרע ניט ביז איצט איי־
„צו יעדען מאָל, וואָס דער ברענטש נומער 428 פון אַר־
נינקע אַליין אַרויסגעגעבען גאַנצע ניין (9) אַזעלכע שטיק...

ביי־טער רינג פון די ראקאָווער לאַנדסלייט, האָט אַ שמחה'לע, ווערט אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל. יעדער זשור־נאל ווערט אַ נאָמען געגעבען נאָך אַ פּאָפּולערער גאָס אָדער געסעל פון אונזער געבורט־שטעטעל..." לייענען מיר אין די „רעדאקציאָנעלע נאָטיצען" פון איינעם פון די דאָזיגע ראקאָווער זשורנאַלען. זיבען אַזעלכע זשורנאַלען טראָגען די פאָלגענדיגע נעמען: „די בערישע געסעל", „די שייער גאסן", די „באַראָווינע", „סאלאָמינקע", „ביקערקע", „די מורעוואנקע", „זאסלאווער געסעל"... דער אַכטער זשורנאַל הייסט שוין אינגאַנצען „ראַקאָוו", און דער נייענטער — "20־יאָהריגער יובילייאום־זשורנאַל".

אין די דאָזיגע אויסגאַבעס ווערען געדרוקט ניט דוקא די ארטיקלען פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאָרער וועלט. אונטער'ן קעפּעל „אייראָפּע, אזיע און אַמעריקע" דערקלעהרט אַזוי די רעדאקציע איהר צוגאַנג:

„אונזערע ראקאָווער זיינען צעזייהט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט... ווערען געדרוקט אַרטיקלען, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון ראקאָוו, פון פּאַלעסטינע און אויך, נאַטירליך, אַרטיקלען פון אַמעריקע". קאָרעספּאָנדי־רען אַהער אויך די ראקאָווער וועגען זייער לעבען — אין פּאַלעסטינע...

דאָס זיינען אַלץ קליינע זאמעלביכלאך, געדיכט אויסגע־פילט מיט בעלעטריסטישע, האַלב־בעלעטריסטישע באַשריי־בונגען, זכרונות און עפּיזאָדען, ווי אויך לידער וועגען דעם היימישען שטעטעל, איהרע ווינקלען, איהרע טיפּען און פּערסאָנאַזשען. און דאָס אַלץ איז געשריבען אין דעם אמת'ן ליטווישען אידיש (אַ שטייגער, דער ראקאָווער ביב־ליאָטעק, דער ערשטער טעאַטער־פאָרשטעלונג, א. א. וו.) זיי ווערען, אגב, רעדאגירט פון דעם באַקאַנטען זשור־נאַליסט־בעלעטריסט ב. באָטווינִיק.

די גרעסערע אָפּהאַנדלונגען פון א. סטאראבין: „דער (די) ראקאָווער ביבליאָטעק", „ראקאָוו פאַר די לעצ־טע 15 יאָהר", און „די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפט־ליכע לאַגע פון ראקאָוו פאַר דער לעצטער צייט" זיינען זעהר גרינדליך און געוויסענהאפטיג אָנגעשריבען. זיי שטע־לען מיט זיך פאָר פרעכטיגען מאַטעריאַל סיי פאַר אַן עקאָ־נאָמיש־געזעלשאַפטליכער, און סיי פאַר א זיטען־און־קול־טור־געשיכטע נישט דוקא אַליין פונ'ם שטעטעל ראקאָוו, נאָר פון א היימיש אידיש שטעטעל פאר דער מלחמה בכלל.

אויף וויפיל די באַציהונג פון די ראַקאָווער לאַנדסלייט צו זייער שטעטעל איז טיפּיש פאַר דער דורכשניטליכער באַציהונג פון אנדערע אמעריקאנער לאנדסלייט צו זייערע שטעטלאך, וועט זיין ניט אומאינטערעסאַנט דאָ אויסצורע־כענען מיט וואָס אַלץ די ראקאָווער אינטערעסירען זיך וועגען זייער היים־שטעטעל.

די געקאלעכטע ראקאָווער הייזלעך,
דער באָד־טייך מיט די גענדז אין טייכעל,
די געשעלוועטע (?) וואַנט פון אַלטען בית־המדרש, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פאַר געלד געשיקט פון אַמעריקע,
די ראקאָווער יתומים'לאך,
א רייע הייזער פון מאַרק, פון דער זייט פון פלתיאל'ס און אורערס הויז,
א רייהע אידען פון ראקאָוו,
דער איצטיגער גבאי פון בית־מדרש מיט'ן איצטיגען שמש,
סעמיאָן דער קוימענקערער,
די בלינדע אָרימע טאָכטער פון דעם אַמאָליגען קברות־מאַן, רב יאָשע,
דער איצטיגער קברות־מאַן און דער בית־עולם טויער.
דער טייטשער בית־המדרש, וואָס איז איצט דער אַפּטייק פון ראובן יאָשע'ס זוהן,
„און נאָך און נאָך ראקאָווער בילדער, וואָס זיינען אונז טייער, און וואָס צופּען אונזערע הערצער מיט א בייקע־ניש...".

די סואווועניר־זשורנאַלען פון די אינטערנאַציאָנאַלע אָרדן־ברענטשעס*) זיינען, אינ'ם ליטערארישען זין, ליידער זעהר אָרים. דער עיקר — ווייל דער לאַנדסמאַנשאַפטליכער עלעמענט (היימישע בילדער, זכרונות, טיפּען־שילדערונג, אָפּהאַנדלונגען וועגען פאַרשיידענע פאַזען פון דעם לעבען אין די ארומיגע שטעטליך, אפילו ערינערונגען פון די אַמאָ־ליגע רעוואָלוציאָנערע קאַמפען פון ארום 1905) — פעלט אויס כמעט אינגאַנצען... אַלענפאלס, אַזוי איז עס אין די זיבען (7) סואווועניר ביכלאך, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען. (פון די א. א. א. ברענטשעס 17, 33, 45, 153, 166, 179 און 198).

אויסערליך שטעלען זיי מיט זיך אויך פאָר זעהר מאָגערע און אָרים־ארויסגעגעבענע העפטען. אייניגע — העקטאָגרא־פירט בלויז. אָבער די אָרימקייט, ווי געזאָגט, איז באַזונ־דערס אַן אינערליכע. ס'קוקט אויס ווי דער לאַנדסמאַנשאַפט־דראנג, די בענקשאַפט און דער חשק צו פאַראייביגען אין וואָרט די אמאָליגע היים און דאָס אַמאָליגע לעבען, פעהלט ביי אָט דעם עלעמענט אויס אינגאַנצען. ניט נאָר דרויסענ־דיגע שרייבער, נאָר אפילו אייגענע שרייבערישע כחות קו־מען דאָרט אויך ניט צום אויסדרוק. אייניגע פון אָט די זשורנאַלען פאַרמאָגען בלויז איין זייטעל לייען־מאַטעריאַל... דאָס איבעריגע איז אויסגעפילט אינגאַנצען פון אַנאָנסען און באַגריסונגען (בר. 17, א. א. א.)

די אידישע שפּראַך אבער אין זיי איז אַ ריינע און ציי־כענט זיך אויס מיט געזעלשאַפטליכען ערנסט. דער קנאַ־פּער ליטערארישער מאַטעריאַל איז געווידמעט אויסשלים־ליך אַקטועלע פּאָליטישע קאַמפען און פּראָבלעמען.

און די חסרונות — זיי קאָן מען אפשר צושרייבען אויפ'ן חשבון פון דער נאָך גאָר יונגער עקזיסטענץ פון די דאָזיגע ברענטשעס.

---

*) פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלען אַ.־פ. צווייג האָב איך, לוי־דער, געזעהן בלויז איין־איינציגען זשורנאלעכל פון וועלכען עס לאָזט זיך קיין מיינונג ניט פאָרמירען.

מוסטערן פון לאַנדסמאַנשאַפט-ליטעראַטור

אינהאַלט

1. די אייגענאַרטיגקייטען פון די נאָוואָ-אושיצער סאָסייעטי 159
2. באַריכט פון פילאַוועד ק. א. פ. 161
3. ומלמד לאנוש בינה 163
4. דאָס לעבען פון קאָנגרעגעישאָן פוחאָוויצער 164
5. מוסטער פון יאַרוגאַ סואווענירזשורנאַל 165
6. יובל היא שנת החמישים שנה 165
7. פינסק — קאַרלין 166
8. באַגריסונג פון פרעזידענטין, לויצקער א. פ. 167
9. אַ מאַמעס ברכה, שידלאָווצער ב. ס. 167
10. איך בין אַן אָשמאַנער פון אָשמאַנע 168
11. ערינערונגען, קאַמענעץ־ליטאָווסק, א. פ. 170
12. גראַיעווער לידער 171
13. שטעטעל סוויסלאָטש 172
14. היסטאָרישער איבערבליק, ניעשוועז 172
15. הילפס־רוף פון ניישטאָט 175
16. דאָס ליד פון ראַקאָווער פרויען־קלוב 176
17. קאַלושינער טיפען 177
18. אַ רוף צו דער יוגענד, שומיאַטשער אָדעסער ברענטש א. נ. אַ. פ. 177
19. קעסטעל גאַרדען 177
20. זכרונות, אַמדורער ב. ס. 179
21. אויפרוף, אַנשי ווילקאָמיר 180
22. מיין רייזע נאָך קריניק 181
23. יציאת מצרים ביי די בריקלייערס, ביאַליסטאָק 183
24. ערינערונגען, הרובישאָווער ק. א. פ. 184
25. אַ בריק צווישען ניו יאָרק — לובלין 185
26. פאַראַלעל, זאַשקאָוו—ניו יאָרק 185
27. די פעלשטינער פרוי 187
28. סמאַרגאָנער אין צעשפרייטונג 188
29. וועגען לאַנדסמאַנשאַפט נאָמען, מאָנאַסטערזשיסקאַ 189
30. אָסטראָווער מיליציאָנער פאַלט אין שפאַניע 190
31. אַ מדות בילד פון אנשי יעדוואַבנע 191
32. צו וואָס אַ פאַמיליע סאָסייעטי? 191
33. וואָס פעלט אונזער פאַראיין? מאַרמאָראַש 193
34. און וואָס ווייטער? יורעוויטשער ב. א. 194
35. די דעבאַטע, ליפקאָנער בעסאַראַביער פ. ס. 196
36. מוסטער פון שפראַך 197
37. גאַליציע באַזיגט ראַקאָוו 197
38. אַביסעל שפאַס, וויניצער י. מ. א. 197
39. סאָסייעטיס ווערטער־בוך, קאַלאָראַשער־בעסאַראַביער, ב. ב. א. 198
40. אַ לעסאָן אין ענגליש, באָלעכאָווער 198

די אייגנאַרטיגקייט פון דער נאָוואָ-אושיצער סאָסייעטי

א.

עס קען זיין, אַז דערפאַר, וואָס די נאָוואָ־אושיצער סאָסייעטי איז מיר אַזוי נאָהענט, אָדער ווייל איך בין געשטאַנען ביים וויגעלע פון איהר געבורט, און געווען איינער פון איהרע גרינדער, איז אפשר דערפאַר ווייזט זיך מיר אויס, אַז אונזער סאָסייעטי איז עפּעס אַנדערש פון אַלע אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען, אַנדערש — צום בעסערן און ניט צו ערגערן, איז אפשר ווייל די סאָסייעטי איז מיר אַזוי סימפּאַטיש, זעה איך נאָר איהרע מעלות און ניט די חסרונות?... אָבער ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם כאַראַקטער פון די טעטיגקייטען פון אונזער סאָסייעטי, קום איך צום שלוס, אַז די סאָסייעטי איז פאָרט אַנדערש פון די אַלע אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען.

לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיל, דעם מענטשען־מאַטעריאַל, פון וועלכען די סאָסייעטי איז צוזאַמענגעשטעלט: זיינען פאַראַן מיטגלידער פון אַלערליי שאַטירונגען און איבערצייגונגען, ווי: עכט־אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס אידענטיפיצירען זיך מיט דער מזרחי אָרגאַניזאַציע, און וואָס אפילו די מאָדערנע ציוניסטען זיינען פאַר זיי צו אַפּיקורסיש... עס זיינען אויך פאַראַנען אַזעלכע, וואָס שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַלגעמיינעם ציוניזם, און ווידער איז דאָ אַזעלכע מיטגלידער, וואָס זיינען פאָלשטענדיג איינשטימיג מיט דער פּראָגראַם פון פּועלי־ציוניזם, און וואָלטען געווען גליקליך, ווען די סאָסייעטי זאָל ווערען אַ צווייג פון דעם נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד... עס זיינען אָבער אויך דאָ איינִיגע, וואָס זיינען פאַרברענטע פּאַטריאָטען פון דעם קאָמוניסטישען אידעאַל, און שטעלען זיך פאָר, אַז משיח וועט קומען, ווען עס וועט אין אַלע לענדער איינגעפיהרט ווערען אַ סאָוועטישע אָרדענונג... און דאָס אמת'ע אידישע לאַנד וועט זיין אין בירא בידזשאַן...

אָבער ניט קוקענדיג אויף די אַלע פאַרשיידענע מיינונגען און איבערצייגונגען, לעבט זיך די סאָסייעטי האַרמאָניש און האַנדעלט שטענדיג אין וויכטיגע נאַציאָנאַלע און אפילו אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען, כמעט ווי אַ פאַראייניגטער פראָנט... ניט קוקענדיג וואָס עס קומט אָפט פאָר אַ ווערטערקאַמף ביי די מיטינגען, אָבער טאַקע נאָר אַ ווערטערקאַמף... און נאָר ביי די מיטינגען... ווייל, זאָל נאָר אימיצער אַ פרעמדער וואַגען באַליידיגען אַ מיטגליד פון דער סאָסייעטי, וועט איהר זעהן ווי אַלע ווי איינער וועלען קומען איהם פאַרטיידיגען, און ניט לאָזען אַז אימיצער זאָל איהם שלעכטס טהאָן.

און ווייל די מיטגלידער זיינען טאָלעראַנט איינער צום צווייטענס איבערצייגונגען, דריקט זיך דאָס אויך אויס אין די פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע טעטיגקייטען פון דער סאָסייעטי. אָט גיט צ"ב די סאָסייעטי אַ געוויסע סומע יעדען יאָהר צום „איקאָר", און צו דער זעלבער צייט גיט זי אויך אַ געוויסע ביישטייערונג פאַר דעם געווערקשאַפטען קאַמפּיין, פאַר די ארץ־ישראל'דיגע ארבייטער. די סאָסייעטי גיט אויך א סומע יעדען יאָהר פאַר דער „דעבאָראַ'ס סאַנאַטאָריום", און נאָך פיעלע אַנדערע ביישטייערונגען, וואָס איך קען זיך אויף דער מינוט ניט דערמאָנען. די סאָסייעטי העלפט אויך דעם קאַמפּיין צו באָיקאָטירען די סחורות, וואָס קומען פון נאַצי־דייטשלאַנד, זי שיקט אויך איהרע דעלעגאַטען צום „אידישען קאָנגרעס", און ווען די סאָסייעטי לויפט מיט אַ אונטערנעהמונג, אַדווערטייזט מען אין אַלע צייטונגען, פון די עקסטרים רעכטע ביז די עקסטרים לינקע... ווי איהר זעהט, זיינען מיר אַ אמת'ער פאַראייניגטער פראָנט.

און אַזוי איז אויך בנוגע די קולטורעלע טעטיגקייטען. די סאָסייעטי פאַראַנשטאַלטעט אָפט לעקציעס און דעבאַטען איבער געוויסע פאַרשיידענע טעמעס. אָט האָבען זיי ניט לאַנג צוריק געהאַט אַ לעקציע איבער „בירא־בידזשאַן אַלס אידישע אויטאָנאָמע געגענט", און נאָך דער לעקציע זיינען פאָרגעקומען דעבאַטען, און ווען אפילו ביי די דעבאַטען קומט פאָר אַ הייסע דיסקוסיע און אַמאָל אפילו אַ קריגעריי, איז דאָס דאָך אויך לשם שמים... פאַר אַ אידעאַל, אָבער עס ענדיגט זיך תמיד מיט פריעדען און מען פאַרבלייבט זיך דיזעלבע גוטע פריינד.

די סאָסייעטי האָט אויך פאַראַנשטאַלטעט אַ דעבאַטע צווישען צוויי לעקטשורערס, אויף דער טעמע: „פּאַלעסטינאַ אָדער בירא־בידזשאַן", און פיעלע אַנדערע לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס.

און אַזוי ווי די סאָסייעטי פאַרמאָגט צווישען איהרע מיטגלידער אַ שעהן ביסעל טאַלאַנטירטע זינגער, (אייניגע זאָגאַר פּראָפעסיאָנעלע פאָרלעזער און אַנדערע), קומען אָפט פאָר ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטען, ביי וועלכע די מיטגלידער אַמוזירען זיך, און דאָס מאַכט די מיטינגען מעהר אינטערעסאַנט און באַלעהרענד.

ב.

דאָס שטעטעל נאָוואָ־אושיצא, אָדער ווי די עלטערע מענטשען פלעגען דאָס רופען, ליטניוועץ, און פון וואַנען דאָס רוב מיטגלידער פון אונזער סאָסייעטי קומען, איז אַ קרייז־שטאָט (אויעזדני גאָראָד) אין פּאָדאָליער גובערניע, אין דער אוקראַינע.

דאָס שטעטעל אונטערשיידט זיך מיט פיעלע מערקווירדיגקייטען פון אַנדערע שטעטלאַך פון דעם דאָזיגען מין, וואָס געפינען זיך אין יענעם געגענט. דוכט זיך אַ קליין שטעטעלע, און דאָך קענט איהר דאָרט געפינען פיעלע

אינטערעסאנטע דענקמאלער, וואָס דערמאָנען אין פּיעלע מערקווירדיגע פּאַסירונגען, וואָס האָבען פּילייכט אַ היסטאָרישען ווערט.

שוין דער אריינפאָהר אין שטעטעל, איז מערקווירדיג מיט אַ אויסערגעוויינליכען הויכען באַרג, ווי מען רופט איהם: „דער זאמעכאָווער באַרג". און ווען מיר, קינדער, פלעגען קוקען אויף דעם באַרג, פלעגט זיך אונז אויסדאכטען, אַז דאָרטען פון יענער זייט באַרג ענדיגט זיך די וועלט, און איך פלֶעג מיר אַלס קינד ניט קענען פאָרשטעלען ווי אַזוי מענטשען קענען גאָר ארויפקריכען אויף אַזאַ הויכען באַרג...

פלעגט דאָך טאַקע דער נאָווא־אושיצער בעל־עגלה, ווען ער פלעגט דאַרפען ארויף אָדער אַראָפּפאָהרען פון דעם באַרג, בעטען זיינע פאַרשוינען זיי זאָלען זיין אַזוי גוט און זיך מטריח זיין ארונטערצוקריכען פון פוהר און געהן במחילה צופוס...

און ווען איהר פלעגט שטעהן אויף דעם באַרג, פלעגט איהר זעהן דאָס גאַנצע שטעטעל, ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע... אָט דאכט זיך, זעהט איהר דאָרט דעם קלויסטער און, להבדיל, די שוהל, און אום זומער פלעגט זיך אייך דאכטען, אַז איהר זעהט אַ שעהנעם גרויסען גאָרטען, ווייל דאָס שטעטעל פלעגט ממש זיין איינגעטונקען אין גרינס. און איך אַליין דערמאָן זיך איצט, אַז ווען איך פלעג נאָר אָנקומען נאָהענט צום שטעטעל, קומענדיג פון גרויסע שטעט אין רוסלאַנד, וואָו איך האָב געלעהרענט מוזיק און געזונגען מיט חזנים, פלעגט דאָס הארץ אָנהויבען האסטיגער צו קלאַפּען פאַר אומגעדולד צו זעהן דאָס שטעטעל, און עס פלעגט זיך דאַכטען, אַז עס איז גאָר נישטאָ נאָך אַזאַ שעהן און מערקווירדיג שטעטעל ווי נאָווא־אושיצאַ, און אפשר האָט דאָ געשפּילט א געוויסע ראָל די איינגעבאָרענע ליבשאַפט, וואָס מיר פיהלען צו דעם שטעטעל, וואו מיר זיינען געבאָרען...

אָבער לאָמיר זיך אומקעהרען צו די מערקווירדיגקייטען פון'ם שטעטעל. אָט איז אַ מערקווירדיגע פּאַסירונג, וואָס די עלטערע אידען פון נאווא־אושיצא פלעגען דערצעהלען זייערע קינדער, ווי די אַמאָליגע אידישע איינוואוינער פון שטעטעל האָבען זיך אָפּגערעכענט און נקמה גענומען פון אַ אידישען מסור, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט פון דער דאמאָלסדיגער צאַרישער רעגירונג נאָכצושפּיאָנירען די אידען און נאָכהער זיי מסר'ן צו נאַטשאַלסטוואָ, און הגם עס זיינען פאַראַנען אַלערליי נוסחאות וועגען דער דאָזיגער פּאַסירונג, אָבער איך וויים פון דעם נוסח, ווי די עלטערע מענטשען פון אונזער שטעטעל האָבען מיר דערצעהלט, און אָט ווי עס לייענט זיך:

דאָס האָט פּאסירט מיט פיעלע יאָהרען צוריק, אין אַ צייט, ווען אין נאָווא־אושיצא איז דאן געווען אַ איספּראַווניק אַן אכזר און געפעהרליכער שונא־ישראל, און די אידען פלעגען שרעקליך ליידען פון זיינע רשעות'ן, וואָס ער פלעגט אָפּטהאָן צו די אידען. און מערקווירדיג, דער איספּראַווניק פלעגט שטענדיג וויסען ווען און וואו צו מאַכען אַן אָביסק (אונטערזוכונג) אין א אידישער הויז, און טאַקע תמיד געפונען אָדער אָפענעם טאַבאַק, וואָס מען האָט באַדאַרפט באַצאָלען אַקציז צו דער רעגירונג, אָדער אַנדערע זאכען, און אפילו, אַז מען האָט גאָרנישט געפונען, האָט מען גלאַט אזוי געמאַכט אַ בלבול אויף אידען, אַבי זיי שלעכטס צו טהאָן.

אין יענער צייט פלעגט מען כאַפּען קליינע אידישע קינדער און זיי פאַרשיקען אין טיעף רוסלאַנד, און זיי דאָרטען מיט גוואַלד אָפּ'שמד'ען און זיי מאַכען נאָכהער פאַר סאָלדאטען. פלעגען דאן די אָפיציעלע רעגירונג'ס „כאַפּערס" שטענדיג וויסען וואו צו זוכען די אידישע קינדער, וואָס די מאַמעס פלעגען אויסבאַהאַלטען, און זיי טאַקע געפינען און מיט געוואַלד זיי אַוועקרייסען פון זייערע אומגליקליכע עלטערען און זיי פאַרשיקען. — ביז די אידען האָבען אויסגעפונען, אַז זיי האָבען צווישען זיך אַן אייגענעם פאַררעטער, א מסור, וואָס ווייזט אָן דער רעגירונג וואו צו זוכען...

און די אידען האָבען אָפּגעהאַלטען אַ געהיימע אסיפה און זיי האָבען באַשלאָסען מקים צו זיין די מצוה פון „ובערת הרע מקרבך..." און אַזוי האָבען זיי דעם פסק אויסגעפיהרט:

פרייטאָג, ווען אידען זיינען לכבוד שבת געגאַנגען אין מרחץ, און דער קעסעל איז געווען פול מיט קאָכיגע וואַסער, האָט מען גענומען דעם מסור און מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין דעם קאָכיגען וואַסער...

און שפּעטער, ווען דער איספּראַווניק, דער רשע, האָט חושד געווען די אידען, אַז זיי האָבען מבער געווען דעם מסור, האָט ער אָנגעפאַנגען צו מאַטערען די אידען און זיי אָנגעטהאָן ענויים קשים, זיי זאָלען אַרויסגעבען די אידען, וואָס האָבען נקמה גענומען פון דעם מסור. מען האָט די אידען געמוטשעט מיט דער גרעסטער אכזריות, מען האָט זיי געטריבער „סקוואָז סטראָי", וואָס דאָס האָט געמיינט פאָלגענדעס: מען האָט די אידען אָפּגעשאָרען די האָר פון אַ האַלבען קאָפּ און האַלבען באָרד, און זיי געטריבען צווישען צוויי שורות סאָלדאטען, וועלכע האָבען די אידען געשלאָגען מכת רצח. אָבער די אידען האָבען די אַלע איבערמענטשליכע יסורים איבערגעטראָגען מיט דער גרעסטער עקשנות, און ניט ארויסגעגעבען זייערע ברידער, וואָס האָבען נקמה גענומען אין דעם אידישען מסור...

אָט דערמאָנט זיך מיר איצט, שרייבענדיג די דאָזיגע שורות, די גרויסע נאווא־אושיצער שוהל, וואו איך האָב געזונגען אַלס משורר ביי דעם שטאָטישען חזן ר' שכנא. די שוהל איז געשטאַנען ביים אָפּגרונט פון אַ טיפען טהאָל, און עס פלעגט זיך דאַכטען, אַז אָט וועט זיך די שוהל איבערקעהרען און אריינפאַלען אין טהאָל אריין — און דאָך

שטעהט שוין די דאָזיגע שוהל הונדערטער יאָהרען אַזוי, ביז'ן היינטיגען טאָג. און מערקווירדיג איז די דאָזיגע שוהל מיט איהר ארון־קודש, און איך דענק, אַז דער וואָס האָט אויסגעשניצט און אויסגעפאָרעמט אָט דעם וואונדערבאַרען ארון־קודש האָט געמוזט זיין אַ גרויסער קינסטלער אין זיין פאַך.

דער ארון איז געמאַכט געוואָרען איבער דער גאַנצער הויך פון מזרח־זייט וואַנט, און ווען מען פלעגט עפענען דעם ארון צו פתיחה, פלעגען זיך אויך עפענען אַנדערע טירען פון אנדערע ארונות ביז דער סטעלע, און אין יעדער ארון איז געווען אויסגעשניצט אַן אַנדער עפּיזאָד פון ת"נך, ווי: עקידת־יצחק, מכירת־יוסף, און אַנדערע. עס דערמאָנט זיך מיר איצט, ווען עס פלעגט קומען שמחת־תורה צו די הקפות, און מען פלעגט צו „ויהי בנסוע הארון" עפענען דעם ארון, פלעגט מעכאַניש ארויספליהען אַ גאָלדענער אַדלער און צעשפּרייטען זיינע פליגלען מיט אַ מין שטאָלץ... אַז מיר קינדער פלעגען ממש נשתומם ווערען, און ניט קענען פאַרשטעהן, פון וואַנען דער אָדלער האָט זיך גענומען...*)

דער דאָזיגער ארון־קודש איז באמת געווען אַ קונסט־ווערק און מענטשען פון גרויסע שטעט, וואָס פלעגען אָנקוקען דעם ארון, פלעגען זיך אויסדריקען: אַז דער ארון וואָלט זיך באַדאַרפט געפינען אין גרעסטען וועלט־מוזעאום אַלס וואונדער.

די שוהל איז אויך פארבונדען מיט אַ מערקווירדיגער לעגענדע, דערצעהלען די עלטערע אידען, אַז ווען דער אַרכיטעקט, וואָס האָט געפּלאַנעוועט און געבויט די שוהל, האָט שוין באַדאַרפט פאַרענדיגען די ארבייט, איז ארויפגעגאַנגען אויף דעם דאך, איז ער אַראָפּגעפאַלען און גע'הרג'עט געוואָרען, און מען האָט איהם מקבר געווען אין שוהל, און דערפאַר פלעגען די עלטערע אידען זאָגען, אַז אויף אַ געוויסען פלאַץ לעבען דער בימה טאָר מען ניט טרעטען...

נאָווא־אושיצא פאַרמאָגט אויך אַ וואונדערבאַרען שטאָטישען גאָרטען, אָדער ווי מען פלעגט איהם רופען: „קאָזיאָנע סוד". אָט דער גאָרטען איז געווען דאָס אייגענטהום פון דער שטאָט, און די שטאָטישע איינוואוינער פלעגט זיין דערלויבט דאָרטען צו שפּאַצירען. אָבער דאָס איז ניט געווען גלאַט אזוי זיך אַ פאַרם מיט בוימער און אַלייען, נאָר טאַקע א גאָרטען, אין וועלכען עס האָבען געוואַקסען אַלערליי פּרוכטען. עס זיינען דאָרט אויך געווען זעהר שעהנע נאַטירליכע גראַזען, אַרומגעוואַקסען מיט הויכע בוימער, וואו עס פלעגט שפּילען דער מיליטערישער אָרקעסטער, און פיעלע פון אונז נאָווא־אושיצער האָבען דאָרט געוועבט זייערע שעהנע חלומות, וועלכע זיינען צום באַדויערען אָפּט מאָל ניט פאַרווירקליכט געוואָרען...

נאָווא־אושיצאַ האָט אויך פאַרמאָגט אין יענע יאָהרען אינטערעסאַנטע און מערקווירדיגע מענטשען, און ניט קורקענדיג וואָס דאָס שטעטעל האָט דאָן געלעבט דאָס טראַדיציאָנעלע אידישע פרומע לעבען, האָבען זיך דאָרטען פון אייִן זייט געפונען אַ פּאָר אידישע טיפּען, וואָס זיינען געווען עקסטרימע אַטעאיסטען, און פלעגען ריידען על ה' ועל משיחו... און פון דער צווייטער זייט האָבען זיך דאָרטען געפונען אַזעלכע פרומע מיסטישע נשמות, וואָס אין דער יוגענד זיינען זיי געווען אַפּיקורסים, און אויף דער עלטער זיינען זיי געוואָרען אזוי פרום, אַז זיי פלעגען שטענדיג זיצען אין בית־המדרש, און ניט ריידען קיין דברי־חול, נאָר בלשון־הקודש...

נאָוואָ־אושיצער אידענטום האָט אויך אַרויסגעגעבען פיעלע פרייהייטס־קעמפער, וועלכע האָבען גענומען אַ טיכטיגען אָנטהייל אין דער רעוואָלוציע און געהאָלפען באַפרייען רוסלאַנד פון דער צארישער רעגירונג, און אייניגע פון זיי נעהמען אויך איצט אַן אָנטהייל אין דער לאָקאַלער סאָוועטישער רעגירונג.

איך וויל פאַרענדיגען מיט אַ מערקווירדיגען מענטשען, וואָס ווערליג די קרייזען, פון וועלכע ער איז ארויסגעקומען, איז ער ממש געווען אַ פאַראדאָקס. ער איז געווען אַ קריסטליכער קאָזאַקישער דאָקטאָר, דר. שפּילעפּסקי, און הגם די קאזאקען זיינען באַקאַנט געווען מיט זייער שנאה צו אידען, איז דער דאָקטאָר דוקא געווען אַן אמת'ער אוהב ישראל, און ווען ער פלעגט קומען צו אַן אָרימען אידישען חולה, איז ניט נאָר פלעגט ער ניט נעהמען קיין געלט פאַר'ן וויזיט, נאָר ער פלעגט נאָך דעם חולה איבערלאָזען אונטער'ן קישען אַ פּאָר גולדען אויף צו קויפען אַן עוף... און דאָס איז געווען אַ קאזאצקער דאָקטאָר... איך האָב שפּעטער מיט יאָהרען זיך באַגעגענט מיט איהם אין אַ קליין שטעטעלע לעבען וויניצא, וואו ער האָט געלעבט צוריקגעצויגען אַלס פּריוואַטער דאָקטאָר, און געהאָלפען אַלע אָרעמע קראַנקע אומזיסט.

איך וואָלט נאָך געקענט דערמאָנען פיעלע מערקווירדיגקייטען פון נאָווא־אושיצאַ, אָבער אַזוי ווי דער פּלאַץ אין אַזאַ מין זשורנאַל איז באַגרעניצט, וועל איך דאָס איבערלאָזען פאַר אַ צווייטער געלעגענהייט.

פון י ה ו ש ע ו ו י י ס ע ר (שיקע אַבעס).

מוסטער פון א באריכט פון אַ סאָסייעטי־פּרעזידענט.

געעהרטע שוועסטער, ברידער און פריינד:

מיט אמת'ע פרייד וואָס מיר האָבען דערלעבט צו פייערען דעם היינטיגען יום טוב פון אונזער 25 יעהריגען עקזיסטענץ וואָס מיר זענען געוואָרען פאַראייניגט אונטער דעם פאָהן מיט דעם ליבען נאָמען „אינדעפּענדענט ערשטע פילעווער קראַנקען אונטערשטיצונג פאַראיין", שטעה איך יעצט פאַר

*) עס איז אגב ווערט צו דערמאָנען, אַז ווען מיר האָבען געמאַכט אַ „סאָסייעטי־באַטאָן" פאַר דער סאָסייעטי, האָבען מיר גענומען דעם דאָזיגען אָדלער אַלס סימבאָל.

אייך אַלס פּרעזידענט מיט רעספּעקט און מיט גרויס ליעבשאַפט צו אייך, מיינע שוועסטער און ברידער.

עס איז יעצט דאָס 17־טע מאָהל וואָס איהר האָט מיר ערוועהלט דאָס איך זאָל זיין אייער פּרעזידענט. אונטער די צייט האָבען מיר געפייערט אַ 10 יעהריגען יובילייאום און אַ 20 יעהריגען יובילייאום: און באַ די אַלע יובילייאומס האָט איהר מיר צוגעטיילט דעם כבוד און איהר האָט מיר ערוועהלט צו זיין אייער פּרעזידענט. און יעצט ווען מיר האָבען דערלעבט צו פייערען דעם 25 יעהריגען יובילייאום און איהר האָט מיר ווידער ערוועהלט צו זיין אייער פּרעזידענט. דאָס וועט שוין זיין אַן אָנדענקונג פאַר מיינע קינדער אויף זייער גאַנצער לעבען. ווען די צייט וועט קומען און איך וועל שוין מיט אייך נישט זיין און ווען עס וועט אויסקומען צו פייערען אַ יובילייאום וועלען מיינע קינדער דאַן מיט שטאָלץ זאָגען אַז ביז יעצט ווען עס איז געפייערט געוואָרען אַ יובילייאום האָט מען דעם כבוד נישט געגעבען נאָר מיין פאָטער. און מיט גרויס פרייד באַגריס איך אייך און ווינש אייך „מזל טוב" און זאָג אייך אַלע אַ הערצליכען ווילקאָמען.

ע ר א י נ ע ר ו נ ג ע ן

מיט 5 יאָהר צוריק ווען מיר האָבען געפייערט דעם 20 יעהריגען יובילייאום האָב איך דאמאָלס באַשריבען די גאַנצע היסטאָריע מיט אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי מיר האָבען זיך אָרגאַניזירט אַלס אַ קערפּערשאַפט און איך האָב דאַן ערקלערט אַז מיט שטאָלץ קענען מיר אויפצייגען וואָס מיר האָבען אויפגעטאָהן פאַר די צייט, סיי פאַר אונזערע מיטגלידער און סיי פאַר פאַרשידענע טשאַריטי אינסטיטושאָנס. אָבער איך קען אונטערשרייבען אַז אין די לעצטע 5 יאָהר האָבען מיר מעהר אויפגעטאָהן ווי אין די גאַנצע צייט און איך וועל אייך געבען אַ קורצען איבערבליק וואָס מיר האָבען אויפגעטאָהן אין די לעצטע 5 יאָהר.

מיר האָבען געגרינדעט און אונזער היים־שטאָט פּילאב אַ ליי־קאַסע וואו מען באָרגט אויס אַלע וואָך צו די וואָס נויטיגען זיך אַ פּאָר דאָלער אָהן פּראָצענט. און מיר האָבען פאַר דעם צוועק געגעבען 1,000 דאָלער. און ווען אונזער עקס־פּרעזידענט דוד באַרינשטיין איז מיט 3 יאָהר צוריק געוועזען אין פּילאב, און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אונז ערקלערט אַז אין פּילאב האָט זיך געגרינדעט א חברה „לינת הצדק", וואָס זיי פאַרזאָרגען אַז דער קראַנקער זאָל האָבען אַ דאָקטאָר און מעדיצין, און אַלץ וואָס עס נויטיגט זיך פאַר דעם קראַנקען ביז ער ווערט צוריק געזונד, אַז ער איז שוין אומשטאַנד זיך צוריקצונעמען צו זיין באַשעפטיגונג און ער האָט צו אונז אַפּעלירט אַז מיר זאָלען זיך אָנשליסען פאַר א מעמבער צו זיי מיט אַ געוויסע סומע אַ יאָהר האָבען מיר איינשטימיג באַשלאָסען צו ווערען אַ מעמבער מיט 25 דאָלער אַ יאָהר אַ חוץ וואָס מאַנכע מעמבערס און לאַנדסלייט זיינען געוואָרען צו זיי מעמבערס מיט די קליינע סומע פון 2.50 דאָלער אַ יאָהר.

אַ חוץ דעם באַלאַנגען מיר שוין אַ סך יאָהרען צו די אינסטיטושאָנס מיט אַ יעהרליכע בייטראַגע: צום פּוילישען מערבאַנד, האַיאַס, דענווער סאַניטאַריאום, חסד של אמת, גן ילדים פון מאנטגאָמערי סטריט, און יעצט באַלאַנגען מיר צו די חיים סאַלאָמאן האָום פאַר די איידזשט, וואָס מיר זענען זעהר פאַראינטערעסירט אַז די הויז וואָס עס איז געקויפט געוואָרען אויף 136 2טע עוועניו זאָל שנעל קענען ווערען גיעפענט די טירען אויפצונעמען די אַלטע מענשען וואָס נויטיגען זיך צו האָבען אַ היים. און מיר שטרענגען יעצט אָן אַלע אונזערע כוחות מיטצוהעלפען אין די אַרבעט וואָס עס פאָדערט זיך אין דעם איבער־בילדען דאָס הויז פאַר די באַקוועמליכקייטען פון די אַלטע מענשען, און מיר האָפען אַז יעצט וועט די אַרבעט געקרוינט ווערען מיט גרויס ערפאָלג.

עס וואָלט פאַרנומען צו פיעל פּלאַץ אויסצורעכענען די אַלע שטיצעס וואָס מיר האָבען געגעבען צו די געזעלשאַפטען וואָס קומען צו אונז יעהרליך, און צו די שטיצעס וואָס מיר גיבען צו אונזערע מיטגלידער ווען זיי זיינען אין אַ נויט, טרעפען אָן דורך די צייט 1,000־טער דאָלער, דאָס וועט איהר הערען דורך דעם באַריכט פון פינאַנץ סעקרעטאַר, וויליאַם קליין. ער וועט פאַר אייך פאָרלעזען וויפיל שטיצע, קראַנקען בענעפיט, ענדאַומענט, מיר האָבען אויסגעצאָהלט צו ברידער און צו פרעמדע טשאַרעטי אינסטיטושאָנס.

ווערטהע שוועסטער און ברידער, מיט 5 יאָהר צוריק ווען מיר האָבען געפייערט דעם 20 יעהריגען יובילייאום האָב איך דאַמאָלס באַשריבען די טעטיקייטען פון אונזערע עקס־פּרעזידענטען און ביז דעם היינטיגען טאָג דענקען נאָך מאַנכע ברידער אַז איך האָב זיי געטאָן אַן אומרעכט און ביז יעצט קריג איך פון זיי פאָרוואַרפע פאַרוואָס איך האָב פון זיי גאָרניט געשריבען, און צו באַשרייבען אַלע מיטגלידער וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן זינד זיי באַלאַנגען אין אונזער פאַראיין דאָס איז אַ זאַך וואָס עס איז אונמעגליך, וויל איך האָב אַמאָל געזאָגט אין מיינע אַ רעדע אַז אין יעדערע געזעלשאַפט איז דאָ 3 קאַטיגאָריס פון מיטגלידער, און די אַלע מיטגלידער קלעימען אַז זיי זענען די בעסטע מיטגלידער. עס זענען דאָ מיטגלידער וואָס זיי קומען קיין מאָהל ניט צו איין מיטינג נאָר ווען זיי קריגען די ביל צום איינצאָלונג שיקען זיי אַריין אַ טשעק און זאָגען אַז זיי זענען די בעסטע מיטגלידער. און עס זענען דאָ מיטגלידער וואָס זיי קומען יאָ צו די מיטינגען און נעמען איין אנטייל אין די דעבאַטען וואָס עס קומט פאָר, אָבער ווען עס קומט צו פּראַקטישע אַרבייט, דאָס הייסט ווען מען נעמט אַ מאָהל איין אונטערנעמונג וואָס עס איז די פליכט פון יעדען מעמבער מיטצוהעלפען אַז דער אונטערנעמונג זאָל זיין אַ סוקסעס, דאַן נעמען זיי נישט קיין אַנטייל, און זיי נעמען נאָר צוויי טיקעטס פאַר זיך און פאַר זייערע פרויען. און עס זענען דאָ מעמבערס וואָס זיי פאַרפעלען ניט קיין איין מיטינג סיידען זיי זענען ח"ו קראַנק, און זיי טהוען די פּראַקטישע אַרבעט און באַ יעדען אונטערנעמונג אַרבעטען זיי מיט זייערע קרעפטען אַז דער אונטערנעמונג זאָל זיין אַ סוקסעס, און זיי פערקויפען פאַר געוויסע סומעס טיקעטס; און די מעמבערס ווערען קריטיקירט פון

די מעמבערס וואָס ווילען ניט נעמען קיין אַנטייל אין דער אונטערנעמונג.

און דעריבער וויל איך יעצט נישט שרייבען די טעטיקייטען פון אונזערע מיטגלידער ווייל מיט געוויסענהאָפט שטרייך איך יעצט אונטער אַז 99 פּראָצענט פון אונזערע מיטגלידער זענען לאָיאַל און איבערגעגעבען פאַר דעם וואָהל און בעסטען פאַר אונזער פאַראיין. אָבער עס איז מאַנכע מיטגלידער וואָס איך דענק אַז עס איז ווינשעס-ווערט צו דערמאָנען אין מיין רעפּאָרט. דעם ערשטען וויל איך דערמאָנען אונזער ברודער עקס-פּרעזידענט דוד באַרינשטיין דורך צוויי אורזאַכען.

1-טענס, עס איז ניט מעהר ווי רעכט אַז די מיטגלידער וואָס זענען אַריינגעקומען אין אונזער פאַראיין פון 1926 ביז יעצט זאָלען וויסען אַז ער איז געווען דער 1-טער מיט 25 יאָהר צוריק וואָס עס איז איהם מיט שווער אַרבעט געלונגען צוזאַמען צונעמען 14 לאַנדסלייט און ער האָט געגרינדעט די פּילעווער פאַראיין.

2-טענס, מיט פרייד וויל איך דערמאָנען אז מיט 5 יאָהר צוריק האָבען מיר עס געוואונשען אַז גאָט זאָל איהם העלפען אַז ער זאָל ווערען פאָלקאָם צוריק געזונט און ער זאָל ווערען צוריק טעטיג אין אונזער פאַראיין, און אונזער וואונש איז פערווירקליכט געוואָרען און מיר ווינשען איהם ווייטער אַז ער זאָל זיין געזונט מיט זיין פאַמיליע אַז ער זאָל זיין טעטיג אין אונזער פאַראיין אזוי ווי ער איז געוועזן אין די לעצטע 5 יאָהר.

יעצט וויל איך דערמאָנען אַ ברודער וואָס ער איז ניט קיין עקס-פּרעזידענט פון די פאַראיין און דאָס איז אונזער ברודער דוד מינץ. ער איז דער איינציגער מעמבער פון אונזער פאַראיין ווען עס קומט נאָר צו אַן אונטערנעמענג אַרבעט ער מיט אַלע זיינע קרעפטען עס זאָל זיין אַ סוקסעס. און יעצט קען איך אייך זאָגען אַז ער איז איינער וואָס האָט געהאָלפען צו קריגען די עדס פאַר דעם זשורנאַל. 16 וואָכען צייט איז ער מיט מיר אַרומגעגאַנגען צו שאַפען די עדס, און איך ווינש איהם אַז גאָט זאָל איהם העלפען אַז ער מיט זיין פאַמיליע זאָלען זיין געזונט און האָבען גוטע צייטען אַז ער זאָל שטענדיג קענען זיין אַזוי טעטיג ווי ער איז געוועזן ביז יעצט. מיר מעגען זיך שטאָלצירען מיט אַזעלכע ברידער ווי מינץ איז.

ווערטהע שוועסטער און ברידער:

מיט אַ טיפען וואונד אין מיין האַרץ און מיט גרויס שמערץ ווועל איך דערמאָנען די ברידער וואָס זענען פון אונז אָפּגעריסען געוואָרען. דורך די גאַנצע צייט וואָס מיר עקזיסטירען, איז דאָ אין דעם זשורנאַל אַן עקסטרא בלאַט וואָס שטעהען אויסגערעכענט אַלע ברידער וואָס זענען פאַר די צייט פון אונז אָפּגעריסען געוואָרען. אָבער איך וויל דערמאָנען צוויי טייערע ברידער וואָס אין דעם היינטיגען יאָהר זענען זיי פון אונז אָפּגעריסען געוואָרען.

און דאָס איז אונזער עקס-פּרעזידענט לערמאַן. ער, וואָס זיין עהרליכע און איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר די פאַראיין שטעהט שטענדיג פאַר מיינע אויגען. אָבער מיט איהם האָבען מיר זיך כאָטש אַביסעל אנגעליטען. איהר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט, אַז ווען אין אַ פאַמיליע שטאַרבט חלילה ווער, און ווען ער איז אַ צייט פריהער שוואַך געוועזן, איז דער וועהטיג ניט אַזוי גרויס. אָבער דעם לעצטען טרויעריגען צופאַל וואָס מיר האָבען געהאַט מיט אונזער ברודער שאַפערמאַן, ע"ה, דעם וועהטיג וועלען מיר ניט קענען אַזוי שנעל פאַרגעסען. אַ מענש הייבט זיך אויף זונטאָג אין דער פריה גלייך ווי אַלע מענשען און עסט ברעקפעסט און 15 מינוט שפעטער איז ער שוין ניט געוועזן צווישען די לעבעדיגע. דעם וועהטיג איז שווער אַזוי שנעל צו פאַרגעסען.

אָבער מיר מוזען זיך טרייסטען מיט דעם וואָס עס שטעהט געשריבען אַז אַ מענש ווערט געבוירען דערמיט אַז ער זאָל שטאַרבען. און איך ווינש אַלע אַז פון היינט אָן זאָל חלילה ניט קיינער פון אונז אָפּגעריסען ווערען פאַר די צייט, נאָר מיר זאָלען אויסלעבען אונזערע יאָהרען מיט אַלעס גוטעס.

מ ש ה ש אַ ץ

(זשורנאַל פון אינד. פוירסט פּילאָווער ק. א. פ., 1931).

ומלמד לאנוש בינה.

אן עקסטרא תפילה, לערנען ווי צו פאַרשטעהן דעם בן ארבעים לבינה — מיר דאַרפען אָפּגעבען אַ שבח והודיה צו השי"ת, אַז אונזער סאָסייעטי האָט דערגרייכט די 40 יאָהר פון בינה. מיר פאַרשטעהען יעצט ווי אָפּצושאַצען די ווערדע פון אונזערע פּיאָנערען. די גרינדער פון אונזער באַליבטער סאָסייעטי. זייער כונה איז געווען זעהר גוט. זיי האָבען פאַראייניגט אונזערע לאַנדסלייט אין איין אגודה של אחים, אַ ברידערליכע געזעלשאַפט, פּרינציפּיעל אין אידישען גייסט. דער כח פון געמיינדע איז אחדות. דאָרט וואו עס הערשט איינינגקייט, איז מזל און ברכה. אונזער אַלעמענס פאַרלאַנג —דאַרף זיין מהיום והלאה, אַז צו אונז זאָלען ניט אריינגעבראַכט ווערען קיין אש זר, פרעמדער פייער, פּרינציפּען, וועלכע זיינען פרעמד און אומווירדיג צו אונז אַלס אידען. אונזער נאָמען —זאָל זיין מעלה, מעלה. ועל הכל משבח אני את העבודה הישרה פאַר די גוטע אַרבייט, וואָס עס איז געטהאָן געוואָרען ביז יעצט, קומט אונז אַלעמען קרעדיט. וזאת תפילתי בשעה זו — דאָס איז מיין געבעט ביי יעצטעגער צייט, לכל המצפים לישועה, צו יעדען פון אונז וואָס האָפט אויף גוטעס, ישועת העם וישועת הארץ, אן ענדע צו אידישע צרות, יזכו לראותם במהרה בימינו. מיר אַלע צוזאַמען זאָלען דערלעבען צו האָבען שמחות און הערען גוטע, פרעהליכע נייעס פון גאַנצען אידישען פאָלק. איך באַגריס אַלעמען צו אונזער יובילייאום. אַז איהר ווילט זיין מיט מיר צום צווייטען 40 יעהריגען יובילייאום, בין איך אויך צופרידען.

איש יהודי א פ ר י ם י ו ד ע ו ו י ץ

זוגתי ב ל ו מ ע שטימט אויך איין מיט דער זעלבער מיינונג.

דאָס לעבען פון קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער.

שוועסטער און ברידער!

איך באַגריס אייך אַלעמען צום 35־יעהריגען יובילייאום פון אונזער אַלגעמיינעם „קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער", און איך פיהל אין יעצטיגען מאָמענט, אַז עס איז מיין חוב צו שרייבען אַ פּאָר ווערטער:

דער אורשפּרונג אָדער די עמבריאָ פון אונזער אָרגאַניזיישאָן אָדער אין פּשוט'ע ווערטער — די סיבה, וואָס עס האָט געטריבען אונזערע ערשטע איבערגעקומענע ברידער דאָ אין לאַנד צו גרינדען אונזער אָרגאַניזיישאָן, איז די איבערוואַנדערונג.

עס איז אַ באַוואוסטער כלל, אַז מענטש אָדער חיה וויל זיך ניט שיידען מיט זיין געבורטס־לאַנד, עס איז פאַררעכענט זאָגאר פאר אַ קללה צו עמיגרירען, נאָר עס זיינען פאַראַן געוויסע סיבות: ביי חיות, למשל, זיינען די סיבות ווען עס בייט זיך דער קלימאַט אָדער ווען עס פעהלט איהר שפּייז אָדער וואַסער, זיינען זיי געצוואונגען צו אויסוואַנדערען; דעם מענטשענס סיבות זיינען עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע פון זיין לאַנד, וואָס עס טרייבט איהם ארויס פון זיין מוטער־לאַנד און זוכען פּרנסה און רוהע אין אַ פרעמד לאַנד. די ערשטע איבערגעקומענע ברידער זיינען געטריבען געוואָרען דורך די עקאָנאָמישע אומשטענדען און די אריבערגעקומענע ברידער פון די לעצטע יאָהרען דורך ביידע אורזאכען — עקאָנאָמישע און פּאָליטישע. און ווען מענטשען קומען אריבער אין אַ פרעמד לאַנד, עקאָנאָמיש ניט געזיכערט, פרעמד פון דער לאַנדעס שפּראַך, מיט אַ נאָגעניש אין האַרצען נאָך דער אַלטער היים מיט די פאַרוואַנדטע, איז א נאַטירליכע זאַך, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען צוזאַמען און געבען איינער דעם צווייטען געגענזייטיגע הילף. אָבער ווען עס טרעפט מיט איינעם אן עת צרה, וואָס מען דארף העלפען מיט אַ גרעסערער סומע געלט, אָדער אַ טויטען פאַל, דאן איז אַ נאַטירליכע זאַך, אַז די מעהר ענערגישע מענשן פון דער גרופּע זאָלען אָנהויבען דענקען וועגען גרינדען אַ שטענדיגע אָרגאַניזאציאָן.

און פון די אַלע אויסגערעכענטע סיבות איז געגרינדעט געוואָרען אונזער קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער. און געוויינטליך, איז אונזער ערשטער עטאַפּ געווען אויף טשערי סטריט, וואו אין יענער סטריט איז פאַרזייהעט געוואָרען דער קומענדיגער לעבען פון אונזערע ברידער דאָ אין ניו יאָרק.

די ערשטע איבערגעקומענע ברידער, וואָס זיינען געווען רעליגיעז געזאָנען, איז אַ פאַרשטענדליכע זאַך, אַז זיי האָבען אָנגעפאַנגען מיט אַ מנין אויף שבת צו דאווענען, און שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרען דער קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, האָט זיך געפונען אויף טשערי סטריט, און די שוהל האָט אויך געדינט פאַר אַ מיטינג האָל. און קומענדיג שבת צום דאווענען, איז דאָס ניט אָפיציעל געווען אַ מין זאַמעל פּלאַץ, וואו די ברידער האָבען זיך געטראָפען אָפּנעהמען גרוסען פון דער אַלטער היים דורך בריף, וואָס יעמאַנד פלעגט באַקומען פון דער היים אָדער אָפּנעהמען אַ גרוס פון אַ גרינעם, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון דער היים, ווייל די אימיגריישאָן האָט זיך פון יאָהר צו יאָהר פאַרשטאַרקט, — נאָר עס האָט אויך געדינט פאַר א ביוראָ פּלאַץ וועגען אַרבייט. און ווען אונזערע ברידער האָבען געפיהלט, אַז דער קאָנגרעגיישאָן איז שטאַרקער געוואָרען, האָבען זיי איבערגעטראָגען די שוהל אין ראָטגערס סטריט, וואָס עס איז דאן פאַררעכענט געוואָרען פאַר א גרויסע פּראָגרעס, און עטליכע יאָהר שפּעטער נאָך הענרי סט. און דאָ איז געווען ויחנו ישראל פאַר אַ לאַנגער צייט. און דאן האָט פּאסירט דאָס פאָלגענדע: די שוהל לעבען איז שוואַכער געוואָרען, ווייל די ברידער האָבען זיך גענומען פאַרשפּרייטען איבער ניו יאָרק אַלץ ווייטער, אָבער די אָרגאַניזאציאָן איז שטאַרקער געוואָרען. מיט דעם וואוקס פון אימיגראַציע איז געוואַקסען די מעמבערשיפּ פון יאָהר צו יאָהר. און דאָ מוז באַטאָנט ווערען דער פאַקט, וואָס אונזער קאָנגרעגיישאָן איז געווען טאָלעראנט אריינצונעהמען יעדען לאַנדסמאַן, אָפּגעזעהן שיכטען און שאַטירונגען. אַ דאַנק דעם האָט אונזער אָרגאַניזאציאָן דערגרייכט די שטופע, וואָס זי שטייט היינט־צו־טאָג.

און אַזוי האָט זיך געוועבט און געפורעמט דער לעבען פון קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער, און געשליפען געוואָרען פון אומשטענדען און עלאַסטיש געבויגען זיך נאָך דער צייט. און היינט־צו־טאָג, ווען די עלטערע ברידער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים וויגעלע פון קאָנגרעגיישאָן, קוקען יעצט מיט ערשטוינונג אויפ'ן גיגאַנט, פיהלען זיי אַ נחת, וואָס זייער אַרבייט איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. און צו די יונגערע ברידער וויל איך זאָגען: ברידער! אַז דאָס וואָס איהר זעהט היינט־צו־טאָג די אַלע אינסטיטושאָנס אין אונזער קאָנגרעגיישאָן, דעם לאָאן פאָנד, דעם אָלד איידזש פאָנד, דעם רעליעף פאָנד, די קראַנקען שטיצע, הילף ווען אַ ברודער געפינט זיך אין נויט, איז ניט געוואָרען פון זיך אַליין; דער וועג פון אָרגאַניזאציאָן ארבייט איז ניט געבעט מיט בלומען, — די אלע זאַכען זיינען געקנאָטען מיט שווערע מיה, עגמת נפש, ענערגי, צייט, טעג און נעכט פון שווערע ארבייט און גענוג געלט — פילייכט האָבען מיר ניט גלייך בייגעשטייערט.

אָבער היינט זיינען אַלע גלייכע שותפים, און מיר אלע צוזאַמען דארפען אויסשרייען אין איין קול: געבענשט זאָלען זיין די מענטשען, וואָס האָבען געלייגט דעם פונדאמענט פון דער גרויסער הייליגער געביידע, וואָס הייסט „קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער". און ווען מיר טוען אַ קוק אויף אונזערע פאַרגאַנגענער ארבייט, וואָס מיר האָבען אָפּגעטהאָן ביז יעצט, זיינען מיר שטאָלץ מיט דער קאָנגרעגיישאָן פּוחאָוויצער.

און ווען אונזער גרויסע מחנה וועט זיין פאַרזאַמעלט צוזאַמען, דארפען מיר שווערען, אַז מיר זאָלען אָנהאַלטען אונזערע טראַדיציעס און ווייטער בויען, ווייטער אויסבעסערען, אימער פאָרווערטס!

ג ר ש ו ן ש ע ר מ א ן, פּרעזידענט

(35 יאָהריגער יובליי־זשורנאַל, 1934).

לאַנדסמאַנשאַפט

די לאַנדסמאַנשאַפט — דאָס איז אַן אינסטיטוציע, וואָס איז אַנטשטאַנען דורכ'ן שטאַרקען ווילען צו לעבען, דורכ'ן אינסטיקטיווען דראנג אויפצוהאַלטען און אָפּציהען, ווי מעגליך, די שוין אָנגענומענע, באַשטימטע פאָרם און געשטאַלט פונ'ם כלל און יחיד. אַזוי איז דער אייזערנער געזעץ פון דער נאַטור. די לאַנדסמאַנשאַפט איז „אַ קינד" פון דער „עלענד" ; עס איז געבאָרן געוואָרן אויפ'ן שויס פון פרעמדקייט און איינזאַמקייט. אין מיטען וואַסער, פון איינצעלנע זעמדעלאַך, מיט'ן שטראָם אין איין פונקט צוזאמענגעשטויסען, ווערט אויסגעפאָרמירט אַ האַרט־פעסטער באָדען לאַנד — דער אינזעל.

אינדיווידען, איינציגע, אָפּגעזונדערטע פאַרשוינען, פון זייער שורש, דורך די לעבענס כוואַליעס אָפּגעריסענע, און ווייט, ווייט פאַרוואָרפענע זיינען, נאָר ווי מיט אַ שפּאַס, אַ שטיפעריי פון דער צייט, צי גלאַט אַזוי ווי אַ שפּיצעל, אַ שפּיל פונ'ם שיקזאַל — ווידער צוזאַמען געבראַכט געוואָרען, און זיי פאַראייניגט אין איין קערפערשאַפט. דאָס איז ווי אַ סימבאָל, און אויך אַ רעאַלער, ממשות'דיגער פאַקט פון: „קבוץ־גליות" אין מיניאַטיור. דאָס איז ווירקליך דער מיטעלפּונקט, וואוהין עס ציהען זיך צוזאַמען די פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, און וואו זיי געפינען זייער תקון...

אומשאצבאר און אומפאַרגעסבאַר בלייבט דער ערשטער מאָמענט, ווען אַ ניי־פרישער לאַנדסמאַן, נאָר וואָס געקומענער, טרעפט זיך אינ'ם באַשטימטען אָרט מיט זיינע היימישע, עלטערע באַקאַנטע, פריינד און חברים, נאָך צעהנדליגער יאָהרען פון פולשטענדיגער צעשיידונג און דערווייטערונג פון צייט און אָרט. אַלערליי עפּיזאָדען, זכרונות, האַנדלונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם אָדער יענעם פריינד, באַקאַנטען און חבר, נאָך אין דער קינדהייט אָדער פריער־יוגענד פעריאָדען, וועלכע זיינען געלעגען פאַרבאָרגען ערגעץ וואו אין די ארכיוועז פון דעם זכרון, פאַרזונקען אין איין לעטאַרגישען שלאָף, אונטער דעם דרוק פון בערג פארשיידענע איבערלעבונגען און דערפאַהרונגען — מאַכען אַ סורפּריז: פּלוצים וואַכען זיי אַלע אויף, און שווימען ארויף אין דער פאָרשטעלונגס קראַפט אַזוי לעבעדיג און פריש, ווי זיי האָבען ווען אויסגעזעהן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ווירקליכקייט. עס געשעהט דאן דער אמת'ער וואונדער! דער וואונדער פון „תחית המתים"! די גאַנצע ווייטע פאַרגאַנגענהייט שיילט זיך ארויס אין דעם דמיון, אין דער וויזיע, מיט אַלע איהרע טיפּען, געשטאַלטען, מיט זייערע שטריכען, ליניעס פון פיגור, כאראקטער און ארט לעבען. און, ווי סילועטען טראָגען זיי זיך פאַרביי... מען חלומ'ט אויף דער וואַך; עס באַהערשט עפּעס אַ מין באַזונדערע קראַפט, וואָס גיסט אַריין אַ מונטערקייט, אַ פרישקייט; ווי מען וואָלט דערפיהלט דעם צוריקקעהר פון דער יוגענד! . . .

דאָס איז איינער פון די זעלטענסטע מאָמענטען אין וועלכען, וואָס נאָר דער מיט אַזעלכע דערפאַהרונגען, — קען צו איהם זוכה זיין; נאָר אַזעלכער קען דערשפּירען דעם דאָזיגען „יפי־של־מעלה", אַזאַ הימליש שעהנקייט, דעם דאָזיגען „גלוי שכינה"...

און אַן אומשילדערבאַרע, האַרציגע און זיסע בענקשאַפט, אַ שטילער אייגענומענער אומעט, דרינגט אריין אינ'ם גאַנצען וועזען, ווי נאָר דער דאָזיגער פּרעכטיגער מיראזש פאַרשווינדט, און די ניכטערקייט קומט, און די געגענוואַרט שטעלט זיך דאן ווידער פאָר, מיט איהר גאַנצער גרויקייט און קאַלטקייט. עס כאַפּט אַרום אַן אומרוהה, אַ נשמה־ציטער... מען דערפיהלט דעם טיפען שמערץ, דעם צער פון סילוק־שכינה...

עס איז איצט דער פייערליכער מאָמענט פון דעם צוואַנציג־יעהריגען יובילייאום פייערונג, פונ'ם קיום פון דער יארוגער לאנדסמאַנשאַפט. דאָס איז אין גרונט, א פאַרקערפערונג פון אַ טהייל פאַקטען און קאַפּיטלען אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דעם איצטיגען אידישען, מאָדערנעם דור המדבר, דער וואַנדער, אימיגראַנטען דור, וואָס ער האָט פאַרצייכענט אין משך פון זיין לעבענס מאַרש. דאָס וועט אויך דינען, ווי אַ וויכטיגער בייטראָג, צו דער געשיכטע פון דעם אידענטהום אין אַמעריקאַ.

די יארוגער לאַנדסמאַנשאַפט איז געגרינדעט געוואָרען פון אמת'ע פאָלקס־מענשען, וואָס האָבען באַזעסען אַ חוש, אַ געפיהל פון געזעלשאפטליכקייט; ווידמענענדיג לטובת הכלל; זייער צייט, טרחה און אויך געלט. און איצט, אַ דאַנק דער זאָרג פון איהר פיהרערשאַפט וועגען איהר וואוילזיין, — האָט די דאָזיגע לאַנדסמאַנשאַפט, דערגרייכט דעם דאָזיגען עלטער. און „בן עשרים — לכח" מעג מען מיט זיכערקייט האָפען, אַז זי האָט שוין דערוואָרבען גענוג כח פאַר איהר ווייטערדיגער עקזיסטענץ, אין דער נאָהענטער, ווי אין דער ווייטער צוקונפט, וואָס דאָס איז זיכער דער וואונש פון יעדען ברודער, מיט אַ האַרציגען האַנטדרוק, וואָס עס דריקט אויס אַ גרויסען „יישר כח" צו איהר פיהרערשאַפט!

ג. קישניר

(סואווענער זשורנאַל, 20־יאָהריגער יובילי, פּראָגרעסיוו סאָסייעטי אָוו יארוגאַ, 1937).

יובל היא שנת החמישים שנה.

יעדוואבנער שוהל און אלע איהרע ברענטשעס פייערען היינט זייער יובל, זייער 50 יאָהריגען יובילייאום, און דער 22טער דעצעמבער איז פּראָקלאַמירט אַלס יום־טוב. „יעדוואַבנער" שוהל איז מעהר יחסן ווי די אַנדערע פוילישע, רוסישע און אונגאַרישע שוהלען, וואָס אַדוערטייזען זייער שטאָטישען פריץ אָדער סתם אַ גוי'אישען נאָמען אין זייער שוהל. יעדוואַבנער אידען אין דער אַלטער היים פלעגען באַצייכענען —די שטאָט מיט'ן נאָמען „יוד־בינה" (יעדוואבנע), אַלע איינוואוינער פון שטעטעל האָבען ספּעציפיש זיך אונטערשיידעט פון די אַנדערע דורך דעם, וואָס כמעט אַלע אידען האָבען גע'שמ'ט פאַר לומדים און געלעהרענטע.

קיין אַנאַלפאַבעטען איז כמעט ווי ניט געווען, און אויב יאָ — איז עס געווען זעהר אַ קליינע צאָל. „יעדוואב" מיינט אויך אין פויליש זיידענס, איידעל, דער נאָמען ווייזט שוין דעם כאראקטער פון איהרע איינוואוינער, וועלכע זיינען אמת'ע אַרטיסטען אויף זייער געביעט געווען. נעהמט, למשל, דעם שמש : ער האָט ערב ראש השנה און ערב יום־טוב געהאַט אַ ספּעשעל ניגון פאַר רופען: „בעלי־בתים, אין באָד אַריין !" און להבדיל „בעלי-בתים, אין שוהל אריין !" .דער ערשטער ניגון האָט זיך געפּאַסט פאַר'ן באָד, דער צווייטער, להבדיל, בלויז פאַר'ן שוהל. און אפילו אליהו הנביא, אַז ער האָט זיך געוואָלט אַמאָל אין אַ סאַטירישען וועג פאַר מענטשען באַווייזען, דערצעהלט די אַרטס כראָניקאַ, אַז אַ געוויסען פסח האָט ער זיך אין יעדוואַבנע באַוויזען, האָט מען געוואָלט זעהן אַן אַנטיק גאָטישען סטיל אין אַרכיטעקטור, איז מען געקומען זעהן די הילצערנע רונדע קאָלאָסאַלע שוהל, וועלכע איז כמעט איינע אין פוילען געווען, און האָט ווער געוואָלט טייוואָלים זעהן, איז ער געקומען אָנקוקען דעם דייטש „קליינדעסטען", ביי וועמען „ניט גוטע" האָבען זעהר אָפט געמיט, און וויל יעמאַנד וויסען ווי יעדוואבנער יונגע קינדער פלעגען ליעבעס פיהרען ,זייט אייך מטריח אַ פאָהר צו טהאָן אין „זאגאניעק" אין קאסאקער און פשיסטרעלער וועלדער, און בעט נאָר יענע שטומע בוימער ,וועלען זיי אייך דערצעהלען, וועט איהר צוריק יונג ווערען פון זיסקייט אָהן אינדזשעקשאָנס און גלענדס איינשפריצונגען און אַנדערע מיטלען, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס יעדוואבנער מענטשען אין אַמעריקע קומענדיג, האָבען זיך ניט געקענט צוזאַמענגיסען מיט אַנדערע שטעטישע אידען און בילדען אַ שוהל, ווייל יעדוואבנער בלוט איז סענסיטיווער, שמן זית האָט יעדוואַבנע געהאַט. די בעסטע אויל אין יעדוואַבנער „אלעווניעס". די בעסטע מעד ביי וועלוועל עטעס און דעריבער האָבען יענע זיידענע מענטשען געמוזט אַליין אַ שוהל בילדען, אַן אייגנעם ברודער פאַר רבי'ן פון חברה משניות געמאַכט, אפילו אַ שמש אַן אייגענעם, היימישע מעלות איז די גרעסטע, היימישע חסרונות צווישען אייגענע רעכענען זיך ניט.

אַ דאָקטאָר האָט אַמאָל דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות אין יעדוואַבנע געזאָגט, אַז אַרטס מענטשען האָבען קיין געלט ניט, והא ראיה, קריגט איינער געלזוכט (אַזאַ מין גאַל קראַנקהייט), טוט מען איהם נאָך אָן אַ גאָלדען קייטעל אויפ'ן האַלז און גאָלדענע רינגעלאך. נעווער מאַינד, ער האָט שוין ניט קיין בייזע גאַל. און אויב די איטאַליענער ריהמען זיך מיט זייער שעהנער שטאָט נעאַפּאָל, „זעה נעאַפּאָל און שטאַרב !" זאָג איך אייך, געהט אריין און זעהט ווי יעדוואבנער פייערען אַ שמחה, וועט איהר מעהר הנאה האָבען ווי שטאַרבען פאַר נעאַפּאָל. אפילו דער בית עולם אין יעדוואַבנע איז געווען זעהר גאַסטפריינדליך. אַלע קאָנטראבאנדס, וואו פלעגט מען עס באַהאַלטען ? אויפ'ן בית עולם, און זאָל נאָר א סמאָשציק צו אן אביעשטשיק ארויפטרעטען אויף יענער ערד, — צוריק קומט ער שוין ניט. ניט אומזיסט פלעגט די מלוכה שיקען זוכען טרפה סחורה אין יעדוואַבנע אַ גאַנצען רעגימענט, ניט קיין יחידים, און היינט פייערט יעדוואַבנע איהרע זכרונות פון מיט 50 יאָהר צוריק, פון יעדוואבנער אין אַמעריקע, אין יוראָפּ, אין אַזיען, אין אַפריקא, אפילו אין אויסטראליען און האָנאָלולו, וועלען פייערען דעם 22טען דעצעמבער דעם ווידערגעבורט — "רעזורעקשאָן — אַלע וועלען זיך יום־טוב'דיג אויספּוצען, אויסצוואָגען זיך און מאַרשירען צו דער גרויסער פּאַרטי אין בראָדוויי סענטראל, וואו כלי־זמרים ווי אויף היימישע חתונות וועלען אַקאָמפּאַנירען אַ גאַנצע בענד מיוזיק און די שטימונג אַ פייערליכע, אַ געהויבענע.

די יעדוואַבנער שוהל און חברה און אַלע איהרע צווייגען זאָלען עס לערנען זייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף דור דורות, זאָל אין יעדוואַבנער פּנקס אַריינגעטראָגען ווערען דער 22טען דעצעמבער, 1935, און זייער זריעה זאָל אַ גוטע קצירה האָבען פון די פרייהצייטיגע בלומען זאָלען שעהנע פּירות פאַרשפּרייט ווערען איבעראל — למען ישמעו וילמדו.

ביי הרב דר. י ו ס ף ד אַ נ אָ ו ו ס ק י.

(פופציג־יאָהריגער יובילייאום — בית הכנסת אנשי יעדוואבנא, 1935).

פּינסק, קאַרלין — קאַרלין, פּינסק

וואָס פאַר אַ גרויסע שטרעקע ליגט צווישען דער צווילינג־שטאָט. דער פּינסקער איז טהעטיג, לעבענספעהיג, דער קאַרלינער פויל, פלעגמאַטיש. דער פּינסקער אַרבייט און קלעהרט ; דער קאַרלינער — האַנדעלט און שלאָפט. איראָניש שטעהט דער קאַרלינער בית־עולם אין סאַמע צענטער פון שטאָט, ביי דער קופּעטשעסקער גאַס. אפילו קאַרלינער מתים זיינען פויל, זיי ווילען ווייט ניט געהן.

די בעסטע כאראקטעריסטיקע פאַר דער צווילינג־שטאָט איז דער פרייטאָג בין השמשות. דער קבלת־פּנים פון היילינגען שבת אילוסטריט ריכטיג דיביידע שטעט. אין דער צייט, ווען אין פּינסק איז דער סיגנאַל אויף לעכטבענטשען אין עכט מאָדערנער פאָרמע, דורך אַ ספּעציעלען הודאָק פון אַ פאַבריק, אין דער זעלבער צייט הערט מען אין קאַרלין דעם קול פון פּרימיטיווען אַלטמאָדישען העראָלד, דעם שמש „אין שוהל אריין !".

דער קאָנטראַסט פון די ביידע שטעט איז מערקווירדיג. די וואונדערבאַרע ערשיינונג ערקלעהרט מען מיט דעם מאָטיוו. קאַרלין שטעהט אָפּ אין קהל'ס לעבען דערפאַר, ווייל איהרע איינוואוינער זיינען גרעסטען טהייל אין דער פרעמד, זיי געפינען זיך ווייניג אין דערהיים, און דעריבער איז זיי דער צבור־לעבען פרעמד, אָבער פּינסקער זיינען איבערהויפּט היימישע ; זייער געשעפט איז ביי זיי אין שטאָט, זיי קענען זיך אַלזאָ מעהר אינטערעסירען מיט קהל'שע ענינים. אַ שטיקעל אמת איז פאַראַן אין דעם מאָטיוו, אָבער ניט אינגאַנצען ; דאָס איז ניט דער עיקר. נאָך אונזער מיינונג איז די אורזאַכע פיעל טיעפער, פיעל פּסיכאָלאָגישער. דער עיקר —וואָס קאַרלין שטעהט אָפּ אין געזעלשאַפטלי־

כען לעבען ליגט אין דעם, וואָס קאַרלין האָט אין איהר היסטאָריע געהאַט צופיעל נדיבים, מעהר —ווי מ'דאַרף בעלי־צדקה.

דאָס איז ניט קיין פּאַראַדאָקס. נדיבות, צדקה און בכלל מתנות איז אַן־ און פאַר־זיך זעהר אַ שעהנע און עכט אידישע מידה. נאָר פאַר דעם מקבל, פאַר דעם, וועלכער באַנוצט זיך מיט די נדיבות, איז דאָס סם. אין קאַרלין איז מיט איין דור צוריק געווען אַ גאַנצע „נדיבים־עפּאָכע״. ס'האָבען אין איהר עקזיסטירט פיעל גרויסע גבירים מיט גוטע אידישע הערצער און דאָרט האָט גערעגענט אַ גאַנצער מבול פון צדקה. די צדקה איז אויסער דעם גוטען ווילען, געוואָרען אויך אַ מין ספּאָרט. די גאַנצע קהל'שע בעסטע אינסטיטוטען זיינען געגרינדעט געוואָרען דורך יחידים. אָבער דאָס האָט פאַרמאָנאָפּאָליזירט די גאַנצע קהל'שע הנהגה. די נדבות מיט אַ צופיעל ברייטער האַנט, האָט ניט ווילענדיג אָפּגעטוידט ביי די קאַרלינער תושבים אַלע געזעלשאַפטליכע געפיהלען. מ'האָט ניט ווילענדיג צוגענומען ביי זיי די איניציאַטיווע, דעם גאַנצען רצון און מ'האָט זיי געמאַכט פאַר גייסטיגע קאַליקעס. ניט אומזיסט זאָגט מען : וואָס צופיעל, איז אומגעזונט.

בכדי אונזערע ווערטער זאָלען אָבער ניט בלייבען נאָר ווי פוסטע פראַזען, וועלען מיר כאָטש איין פאַקט ארויסשטעלען. אין דער „נדיבים־עפּאָכע״ אין קאַרלין האָט זיך געפונען אַ נדיב, וואָס האָט אויסגעבויט אַ גרויסע הילצערנע שטאָט־שוהל. די שוהל האָט עקזיסטירט פיל צעהנדליגע יאָהר און האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע היסטאָריע מיט אַ גרויסען אינווענטאַר. עס האָט זיך אָבער ניט געמאַכט עפּעס אין קאַרלין נאָך אַ נדיב זאָל סטראַכירען די שוהל פון פייער, און די קאַרלינער אידען — זאָלען געזונט זיין — אָהן אַ נדיב וועלען זיי אפילו ניט אויסגעבען עטליכע צעהנדליגער רובל יעהרליך, ווען אפילו די שוהל האָט געטראָגען אויף דאָס, פּשוט די טרחה אַליין איז פאַר זיי צו שווער. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז די שוהל נעבעך אָפּגעברענט געוואָרען. נו, שוין דאַנקען גאָט עטליכע יאָהר שטעהט דער פּלאַץ פון שוהל ליידיג, פּשוט ער וויינט, און די קאַרלינער האָפען מסתמא, אַז גאָט וועט צושיקען ווייטער אַ נדיב, וואָס וועט אָפּסטראָיען די שוהל כשנים קדמניות.

דער נדיב אָבער איז נאָך דערווייל ניט געבאָרען געוואָרען.

(25 יאָהריגער יובילייי־זשורנאַל,
אנשי פינסק, 1928).

באַגריסונג פון דער פּרעזידענטין פון דער ליידים אקזילערי.

ווערטהע שוועסטער און ברידער פון אונזער פאַראיין :

די מענער זאָגען געוויינליך, אַז מיר פרויען האָבען ניין מאָס רייד. ווען איך זאָל אפילו האָבען צעהן מאָס רייד, גלויב איך ניט, אויב איך וואָלט געפונען גענוג ריכטיגע ווערטער אויסצודריקען מיינע געפיהלען אין דעם ערהאַבענעם מאָמענט צו אונזער שעהנעם און טייערען יום־טוב, דעם 25טען יאָהרעספּעסט.

פיער און צוואנציג יאָהר זיינען מיר, פרויען, מיט אייך מענער ארומגעגאַנגען ווי ברוגז'ע חתן כלה. מיר האָבען קיינמאָל צו אייך ניט גערעדט און ניט איהר צו אונז. ערשט אַ יאָהר צייט, אַז איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוטה און האָב אייך אַ פאָרשלאָג געמאַכט, אַז מיר זאָלען הייראַטען נעמליך, מיר זאָלען גרינדען אַ ליידיעס עקזילערי. די הייראַט איז פאָרגעקומען, און איך בין שטאָלץ, וואָס איך בין געווען די שדכנ'טע. וואָרום פאַר דעם יאָהר צייט פון אונזער עקזיסטענץ, האָבען מיר זעהר פיעל פּראָגרעסירט. דאָס איינציגע, וואָס איך באַדויער, איז וואָס ניט אַלע שוועסטער אינטערעסירען זיך מיט אונזער סאָסייעטי, אָבער איך האָף, אז איהר, ווערטהע שוועסטער, וועט אויף ווייטער נעהמען א בעסערען אינטערעס צום וואָהל און בעסטען פון אונזער ליבער סאָסייעטי.

און אין דעם נאָמען פון דער ליידיעס עקזילערי גראַטולירט איך אייך, ליעבע שוועסטער און ברידער, און ווינש, אַז די ערשטע לויטצקער אונטערשטיצונגס פאראיין זאָל בליהען, ווי א בלום אין מאַי, און זאָל פאַרצווייפאכען איהר טעטיגקייט, און די ליידיעס עקזילערי זאָל איהר חלק ביישטייערען.

מזל טוב אייך, ווערטהע שוועסטער און ברידער, מיר זאָלען אַלע דערלעבען אונזער גאָלדענעם יובילעיום, דאָס איז דער הערצליכסטער וואונש פון אייער,

ב ע ס י ש ט ו מ אַ ק אָ ו.

(25 יאָריגער יובילייאום־זשורנאַל,
ערשטע לויצקער א. פ., 1926).

אַ מאַמעס ברכה.

איך האָב אָפּגעלעבט אין דעם קליינעם שטעטעל שידלאָווצע כמעט אַלע מיינע יאָהרען. גאָט האָט מיר געהאָלפען און מיין גוטער זוהן צמח האָט מיך נאָך אַמעריקע געבראַכט, איבערגעלאָזט דאָרט מיין טייערען מאַן זכרונו לברכה, אויף דעם הייליגען אָרט אונטער דעם פרייען הימעל. - נו מן הסתם איז דאָס געווען גאָט'ס ווילען.

איך פרעה מיך וואָס איך האָב די זכיה געהאַט צו דערלעבען די פייערונג פון דעם 25 יעהריגען זילבערנעם יובילעאום פון די שידלאָווצער סאָסייעטי. עס איז מיר אויך אַ גרויסער כבוד וואָס מיין ליבער גוטער זוהן צמח איז איינער פון די עקס פּרעזידענטען פון דער סאָסייעטי.

יעצט, זאָל די ברכה פון אַ 78 יעהריגע שידלאָווצער אידישע טאָכטער מקוים ווערען, דאָס איהר זאָלט דערלעבען צו פייערען אייער גאָלדענעם יובילעאום !

ר י י ט ש ע ל ק ו פּ ע ר
די מוטער פון עקס פּרעזידענט קופּער

(25 יאָהריגער יובילייי־זשורנאַל, שידלאָווצער בענ. סאָסייעטי, 1934).

איך בין אַן אשמענער פון אשמענע!

איך בין שוין 40 יאָהר אַוועק פון דער אשמענער סביבה, איך האָב שוין זאָגאַר פאַרגעסען די נעמען פון מאַנכע פון די ערשטע גרינדער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דעם געבורט פון דעם „פעראיין”, עס איז מיר שווער זיך צוריק אַריינלעבען אין יענע מאָמענטען, ווען מיר זיינען נאָך יונג געווען, און ווי יונגע מענשען, אַ סך נאַרישקייטען באַגאַנגען.

פאַר די איצטיגע מיטגלידער פון דעם „אָשמענער פעראיין” וועט עס גאָר ניט זיין אינטערעסאַנט, זיי וועלען גאָר ניט באַגרייפען, וואָס דער „פעראיין” האָט פאַר אונז דאַן געמיינט. פאַר דעם יונגען דור, איז דער אָשמענער פאַראיין, אַ שעהנע סאָסייעטי, מיט אַ רייכע קאַסע, מיט אַ גרויסע מעמבערשיפ, זיי שטאָלצירען מיט דעם שעהנעם נאָמען, וואָס דער פאַראיין האָט אין דער געזעלשאַפט. פאַר אונז אָבער מיט 45 יאָהר צוריק איז דער פאַראיין געווען אַ מלאכת־קודש, אַ הייליגע אַרבייט. מיר האָבען געבויט פאַר זיך אַ נעסט, זיך אָנצואוואַרעמען און דערוואַרעמען אונזערע קראַנקע געדריקטע נשמות. אַ פלאַץ, אין וועלכען מיר זאָלען קענען פאַרטרייבן די עלענדקייט, די געדריקטע שטימונג, אין וועלכע מיר די גרינע אינגלעך פון אָשמינע, האָבען זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט. אַ וואַרעמען ווינקעל, וואו צו פאַרברייננגען מיט די זעלבע מענשען וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען און ערצויגען, אין די זעלבע שטאָט.

אַך! ווי עלענד מיר זיינען דאַן געווען! און ווי אָרמעטיג עס איז אונז דאַן געווען! די האַרץ איז צוריסען געוואָרען פון בענקעניש נאָך די אַלטע היים, די אַטמאָספערע אין נייעם לאַנד איז ניט געווען אַזאַ פריינדליכע צו די גרינע נייע מענשען. מיר האָבען געזוכט זיך צוצוטוליען איינער צום צווייטען, זיך אָנצושפאַרען אָן עפעס, וואו מען קען זיך גוט אויסוויינען, אַז עס זאָל נאַכהער גרינגער ווערען.

אָט אין אַזעלכע מאָמענטען איז געבוירען געוואָרען דער „אשמענער פעראיין”. מיר האָבען אין דעם פאַראיין צווישען די קליינע מיטגלידערשאַפט געפונען די פריינטשאַפט, די ליבשאַפט, און די וואַרעמקייט, אַן וועלכע יונגע מענשען קענען ניט לעבען. אַ מיטינג פון פאַראיין יעדע צוויי וואָכען, שבת אָוועגט, איז געווען אַ יום־טוב, אויף וועלכען מען גרייט זיך און מען ערוואַרטעט, ווי דאָס אָנקומען פון די נאָהענסטע און ליבסטע זאַך. דער מיטינג לאָקאַל, איז געווען דער מיטל־פונקט, וואו מיר פלעגען זיך צוזאַמענקומען און איינער דעם צווייטען דערציילען, פון די ליידען און דעם עגמת־נפש וואָס מיר פלעגען האָבען אַלס גרינע און עלענדע אין לאַנד.

דער פאַראיין האָט אָפגעשאַפט די היימישע יחסנות, די וואָס זיינען געבוירען און ערצויגען געוואָרען אויפ׳ן זאַסטשעניק הינטערין באָד, זיינען געוואָרען גלייך ווי די וועלכע האָבען זיך ערצויגען אין זופראנער גאַס, און דורכגעגאַנגען די אויעזדני אוטשילעשטשע, דער שניידער אָדער שוסטער אינגעל, איז געווען אין פאַראיין אַזוי חשוב, ווי דער היימישער זיידענער יונגערמאַנטשיק. דער אשמענער פאַראיין איז געווען דער שמעלץ־־טאָפ וועלכע האָט אונז איבערגעקאָכט, און אונז פאַר בעסערע און אַנדערע מענשען געמאַכט. די ערשטע יאָהרען אין דעם לעבען פון פאַראיין, זיינען פאַר אונז געווען די גליקליכסטע יאָהרען. און קיינער פון אונזערע איצטיגע זקנים און אַמאָליגע יונגע אינגלעך וועלען עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

איך דערשרעק זיך פאַר דער „ראגאליע”

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט איינער פון די גאָר ערשטע מעמבערס פון דעם פאַראיין. ווען דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט, האָב איך נאָך ניט פאַרמאָגט די 50 סענט וואָס עס האָט געקאָסט איינטריט געלט, איך בין פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַלס מיטגליד מיט אַ יאָהר שפּעטער, דער פרעזידענט פון פאַראיין איז דאַן געווען ברודער דזשאָו הורעוויטש. אין אַשמענע האָב איך איהם געקענט אַלס גערשקע „יעקעל, דעם טאַנדעטניק”. אַז מען האָט מיך צו אַ געוויסען מיטינג אַריינגעפירט צו אינסטאָלירט ווערען אַלס נייער מעמבער, און ווען דער אינסייד־גאַרד האָט מיר צוגעפיהרט צום פרעזידענט, ער זאָל מיר געבען די שבועה, אַז איך זאָל חלילה ניט אויסגעבען די סודות פון דעם פאַראיין, און איך וועל טריי זיין צו די אויפגאַבען פון דעם פאַראיין, אַז איך האָב דערזעהן גערשקע יעקעלס מיט אַ רויטען באַנד איבער׳ן ברוסט, זיך אַוועקשטעלענדיג געבענדיג דריי שטאַרקע קלעפ מיט׳ן האַמער, און אַלע אָנוועזענדע האָבען זיך אויפגעשטעלט, בין איך אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס מען האָט מיר געהייסען נאָכזאָגען. איבערהויפט האָט מיר דערשראָקען די „ראַגאַליע” וואָס דער פרעזידענט האָט געטראָגען. פאַר מיר, דעם גרינעם, וועלכער איז געקומען ניט לאַנג פון דער ישיבה, און האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט בייגעוואוינט אַ מיטינג, האָט דער רויטער באַנד איבער׳ן ברוסט, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז עפעס אַ הויכער „טשינאָווניק”, אַז ער גיט אַ קלאַפ מיט אַ האַמער שטעלען זיך אַלע אויף, און איך האָב זיך פשוט דערשראָקען.

די אשמענער דייטשען

די אָפיציעל שפּראַך פון דעם פאַראיין איז געווען דייטשמעריש, צווישען זיך האָט מען גערעדט דעם אָשמענעם אידיש, אָבער די פּראָטאָקאָלען און די פאַרהאַנדלונגען, פלעגט מען געברויכען אַ סך דייטשמישע ווערטער. צום ביישפּיל: דער פרעזידענט האָט אַנאָנסירט, אַז דער און דער ברודער לאַדעט איין צו זיין האָכצייט, — אָנשטאָט צו זאָגען, ווי מען זאָגט עס אין דער היים, אַז ער האָט געבעטען צו זיין חתונה. דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פלעגט שרייבען אַז אַ מיטינג האָט שטאַטגעפונדען, אָנשטאָט צו שרייבען אַז אַ מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען. אַז מען האָט באַדאַרפט באַריכטען, פון אַ פאָרגעשלאָגענעם קאַנדידאַט, האָט מען ניט געזאָגט, אַז ער איז פאַסענד פאַר אַ מעמבער, נאָר מ׳האָט באַריכטעט, אַז ער איז גינסטיג. פאַסירט, אַז

צום ערשטען מיטינג, ווען איך בין געוואָרען אַ מיטגליד, האָט מען מיך, און נאָך איינעם ערווילט צו אונטערזוכען אַ נייעם קאַנדידאַט. צום נעקסטען מיטינג, האָט זיך אויפ־געשטעלט דער ערשטער קאָמיטע מאַן און באַריכטעט, ניט מעהר ווי איין וואָרט : „גינסטיג". אַז דער פרעזידענט האָט מיך געפרעגט, וואָס איז מיין באַריכט ? ניט וויסענדיג וואָס דאָס וואָרט „גינסטיג" מיינט, ווייל אין אשמינע האָב איך אַזאַ וואָרט ניט געהערט, האָב איך געמיינט אַז מען דאַרף זאָגען „דינסטיג", האָב איך אויסגעשריען : ברודער פרע־זידענט, דער קאַנדידאַט איז דינסטיג ! דאָס איז געווען דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך האָב אויסגע־רעדט אַ וואָרט צווישען אַזוי פיל מענשען. דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט מיט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַ פאַרשעמטער. אַהיימגייענדיג אַ דערשלאָגענער, האָב איך דעם גאַנצען וועג געקלערט, — ווען און וואו האָבען זיך מיינע אַשמינער אינגלעך אויסגע־לערענט די דייטשישע שפּראַך ? ווי קומט צו זיי אַזאַ לשון ?

דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר איז דאַן געווען אַ געוויסער מאָריס בליטשטיין, און ניט מעהר ווי מיט צוויי מיטינגען

אשמאנער רעליף קאָמיטעט פון די מלחמה-יאָהרען.

איין אין פּשוט'ן אידיש. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו סעקרעטאַר, און די פאַרהאַנדלונגען און אויך די פּראָטאָקאָ־לען האָב איך אָנגעפאַנגען אַריינצוברייגען דעם אידיש ווי מיר זיינען געוואוינט געוואָרען צו ריידען אין אָשמינע.

איך האָב אויך פאַרפאַסט אַ נייע קאָנסטיטוציע פאַר'ן פאַר־אַרום בין איך ערווילט געוואָרען אַלס דער פּראָטאָקאָל־באַמערקען, אַז פון דעם דערשראָקענעם אָרים־בחור, וועל־כער האָט מורא געהאַט צו זאָגען אַ וואָרט, איז אין איין יאָהר צייט געוואָרען דער „ספּיקער אָוו די האוז", ווי הילקע כאַשקע די קנעטערקעס, פלעגט מיך רופען.

עס איז דאַן געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ מיטגליד פלעגט התונה האָבען, פלעגען קומען אַלע מעמבערס צו דער חתונה, דורכפיהרען אַ מעמבער מאַרטש, און איינער פון דעם פאַר־איין פלעגט האַלטען אַ רעדע און איבערגעבען דעם פרעזענט אינ'ם נאָמען פון פאַראיין. איך בין דאַן געוואָרען דער הויפּט־רעדנער ביי אַלע חתונות. און דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם אַשמענער פאַראיין, דאָרטען האָב איך זיך אויסגעלערנט ריידען, און נאָך ניט געסטאַפּט פאַר די לעצטע 44 יאָהר...

איך וואָלט געקענט אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך, מיט עפּי־

זאָדען, פון די ערשטע יאָהרען פון פאַראיין. אין גאַנצען האָב איך באַלאַנגט 5 יאָהר צו דעם פאַראיין. אָבער אַרבייט, טהעטיגקייט און ענערגיע, האָב איך אין די 5 יאָהר אַריינגעלייגט מעהר ווי אַנדערע אין די 45 יאָהר.

איך ווייס, אַז פילע פון אונזערע עלטערע מעמבערס, וואָלטען געוואָלט, אַז איך זאָל דערמאָנען די פאַסירונגען און די מחלוקות וואָס עס זיינען אָנגעגאַנגען אין פאַראיין, ווען מאָריס ציפקין (אַ סמאַרגאָנער) און לואיס אנטאוויל (אַ ווילנער) זיינען געוועזן די פיהרער פון פאַראיין, און דעם קאַמף וואָס עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען געגען זיי פון העריס קרעווער, הילקע, און אייבראַמס ווילענסקי, און די ראָלע וואָס איך האָב דאַן געשפילט אַלס דער פראָטאָקאָל־סעקרעטאַר מיט אַן אויסגעריסענעם בלאַט פון פראָטאָקאָל. אויך די פאַסירונג, ווען יאָזעף באַראַנדעס איז געוועזן אַ מעמבער פון פאַראיין, און דעם קאַמף וואָס ער האָט אָנגעפיהרט אַז מען זאָל בייטען דעם נאָמען פון אַשמינער בראָדערס אויף אַמעריקען בראָדערס, און ווי מען האָט מיך אַראָפּגעבראַכט פון פראָווידענס, וואו איך האָב דאַן געוואוינט, אַז איך זאָל באַקעמפען זיין פאָרשלאַג.

ווען איך שרייב דיזע צייל ען, בין איך שוין אַ זקן פון 67 יאָהר, אַ סך וואַסערען זיינען דורכגעלאָפען פון יענער צייט, וואָס מיר האָבען זיך פערזענליך ניט געזעהן. ווען איך קוק צוריק אויף די יונגע יאָהרען, לאַך איך אַליין פון די נאַרישע זאַכען מיט וועלכע מיר האָבען זיך דאַן אינטערעסירט, זיי קוקען אויס אַזוי נאַריש, אַזוי קינדעריש, אַז עס וואונדערט זיך, ווי אַזוי האָבען מיר געקענט זיין אַזוי נאַריש. אָבער עס בענקט זיך נאָך יענער צייט. עס בענקט זיך נאָך יענע עלענדקייט, וועלכע מיר האָבען זיך געפונען, און נאָך יענע פרעהליכקייט, וואָס פלעגט אונז אַרומכאַפּען ווען מיר פלעגען זיין צוזאַמען. איצט ווען מיר זיינען אַרומגערינגעלט מיט היפשע משפחות, מיט קינדער, מיט שנירען און איידימס, מיט אייניקלעך, אָט איצט וואָלט זיך וועלען צוזאַמענקומען אין קאָרנער פייק און הענרי סטריט, לעבען קאָהען און זילווערשטיין סאָדע וואַסער סטענד, און קאָכען זיך, און האַמפּערען זיך, וועגען די נאַרישקייטען, ווען מיר זאָלען עס קענען איצט באַווייזען? דוכט מיר אַז מיר וואָלטען יונגער און געזונטער געוואָרען.

און צו די נייע צוגעקומענע מיטגלידער אין די לעצטע יאָרען, אַשמענער און ניט אַשמענער, וויל איך זאָגען: האַלט טייער די ירושה וואָס מיר לאָזען אייך איבער, ווייסט, אַז אין דיזען אַשמענער פאַראיין מיט וועלכע איהר שטאָלצירט אַזוי, האָבען מענשען אַריינגעלייגט זייער נשמה, האָבען זיך רואינירט, דורכגעלאָזען די געלעגענהייט וואָס יעדערער האָט אַמאָל געהאַט אין אַמעריקע, און געאַרבייט אין די אינטערעסען פון דעם פאַראיין.

פון וויליאַם באַקסט (וועלפקע רחל־מירל'ס).

(45־ יאָהריגער יובילעאום־זשורנאַל פון די אַשמאַנער ב. מ. א. און ב. א., 1937).

ערינערונגען.

מיט וועלכע 30 יאָהר צוריק איז איין לאַנדסמאַן פון דער שטאָט קאַמענעץ ליטאָווסק געשטאָרבען מיט איין אוננאַטירליכען טויט, און נאָך דעם ווי אַלע זיינע באַקאַנטע האָבען זיך צונויפגעקומען, איהם אָפּגעגעבען זיין לעצטע עהרע, האָבען זיי צו זייער שרעק און טרויער אויסגעפונען, דאָס זיי האָבען איהם ניט מיט וואָס מקבר צו זיין, און נאָך פיעל שווערע און שמערצליכע ערנידערונגען האָבען זיי איהם געמוזט מקבר זיין אויף דער סעמעטערי פון דער חסד של אמת. מיט פאַרוויטאָגטע הערצער האָבען זיי, די קאַמענעצער לאַנדסלייט זיך אומגעקעהרט פון דער לויה פון זייער לאַנדסמאַן און פריינד, וועלכען זיי האָבען איבערגעלאָזען אויף אַ פרעמדער סעמעטערי צווישען פרעמדע און אומבאַקאַנטע קברים, צו וועלכען עס וועט זיין זאָגאר שווער צו קומען, און אויף וועלכען עס וועט קיינמאָל קיין פריינדליכער טרעהר ניט פאַלען, און דאַן האָבען עטליכע איידעלע מיטפיהלענדע מענטשען באַשלאָסען, דאָס אַזא צופאל זאָל זיך ניט ווידערהאָלען. פון זייערע לעצטע עטליכע דאָלער אָפּרייסענדיג די נויטיגסטע זאַכען פון זיך און זייערע פאַמיליעס, און מיט גאַנץ שווערער אַרבייט, האָבען זיי געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר דעם יעצטיגען מעכטיגען קאַמענעץ ליטאָווסקער אונטערשטיצונגס פאַראיין. ניט שטענדיג האָבען מיר געהאַט אַזאַ גרויסע צאָל ברידער, כן ירבו, ניט שטענדיג האָבען מיר געהאַט אַזאַ גרויסע סומע געלט אין די בענק ווי יעצט. ניין, עס איז געוועזן צייטען, ווען מיר האָבען געהאַט ניט מעהר ווי 8 מעמבערס, אין קאַסע קיין פעני. אונזער גאַנצער פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון איין סעמעטערי, אויף וועלכער מיר זיינען געוועזן שולדיג אַ פאָר טויזענט דאָלער, און אַביסעל ניט פאַרקויפטע טעאטער טיקעטס. שווער, גאַנץ שווער איז געוועזן אונזער לאַגע, קיין מעמבערס, קיין געלט, און חובות איבער און איבער, און ווען שפּעטער נאָך שווערער און אונערטרעגליכער ארבייט — האָבען מיר אָפּגעשפּאָרט עטליכע דאָלער, איז עס פאַרלאָרען געגאַנגען אין איינער פון אונזערע „זיכערע” אידישע בענקלאַך, פון דעסטוועגען האָבען מיר עס אַלעס איבערגעטראָגען געדולדיג, און מיר האָבען ווייטער געפלאָכטען אונזער קאַמענעצער נעסט: מיר האָבען, ניט געקוקט אויף קיינע שטערונגען, און אונערמידליך געאַרבייט ווייטער און ווייטער, ביז מיר זיינען געקומען צו דער שטופע, אין וועלכער מיר געפינען זיך יעצט.

יעצט פאַרמאָגט אונזער פאַראיין איין בכבוד'דיגען פלאַץ אין שטאָט און ביי דער אידישער קהלה, אַלע אידישע צדקות ווערען געשטיצט פון אונזער פאַראיין מיט איין גוט האַרץ און פולער האַנט און אונזער מוטער שטאָט קאַמענעץ, ווערט פון אונז אויך ניט פאַרגעסען. אונזער קראַנקען בענעפיט און אונטערשטיצונג ווערען פינקטליך אויסגעצאָהלט און מיט שטאָלץ און פרייד קענען מיר יעצט ביי דיזען 30־יאָהריגען באַנקעט אָנווייזען, ווי מיר האָבען אונזערע קליינינקען און שוואַכינקען פאַראיין אַנטוויקעלט אין

איין מעכטיגער און סוקסעספולער אָרגאַניזיישאָן, צו דער עהרע און וואָהלזיין פון אַלע קאַמענעצער ליטאָווסקער לאַנדס־לייט, וועלכע געפינען זיך אין אַמעריקע.

פון יעקב הורוויץ.

(30 יאָהריגער יובילײ־זשורנאַל, קאַמענעצער ליטאָווסקער אונטערשטיצ. פאַראיין, 1928)

שטאָפּ־שטיינדעל

(לידער וואָס בלויז גראַיעווער און שצוצינער קענען אָפּשאַצען).

שטאָפּשטיינדל די באַנדערושקי
יוכטשא דיסקודירא
די טשעריטשעכטשי
די פענדזשערינדזשי
די מאַנדזשירא.

בין איך שעהן געוועזען.
ווען איך בין עלטער געוואָרען,
האָט מען מיר אָנגעהויבען שדוכים צו ריידען,
וואָס האָט איהר צו שפּאָטען,
וואָס האָט איהר צו לאַכען . . .
איך האָב גענומען אַ ווייב,
וואָס קען קיין קוגעל ניט מאַכען.
פון מיטוואָך גאַנץ פריה
ביז פרייטאָג צו נאַכט,
קוים מיט צרות דעם קוגעל געמאַכט.
שבת צום עסען,
דעם קוגעל אין אויוען פאַרגעסען.
האָב איך גענומען אַ גרויסען שטעקען
און האָב גענומען איהרע פלייצעס צודעקען,
איז זי אַנטלאָפען אויף פיער וואָכען
און איך האָב ניט געהאַט
ווער עס זאָל אַ טעפּעל קאַרטאָפעל איינקאָכען.

די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע פון גראַיעווע

די באַרעבאַמבע
די באַרעבושקע
די פוף

.2

ווען איך בין קליין געווען
ווען איך בין קליין געוועזען,

האָב איך אָנגעהויבען מיט מיינע שכנים שטודירען,
זיי זאָלען מיר ברענגען מיין דאמע צופיהרען,
און ווען זיי האָבען מיר מיין דאמע געבראַכט,
האָב איך געהאַט אַ גוטע נאַכט.

(„דער גרייעווער", 1907 — 1937, ארויס־געגעבען פון גראַיעווער י. מ. בר. 35 א. ר.)

מיין געבורט שטעטעל סוויסלאָטש

איך קען ניט פאַרגעסען די שטעטעל, די קליינע ;
דיינע טייכען סוויסלע און בעראָזע אלס איינע,
די פּריסאַדעס בוימער, שטאָלצע און שעהנע,
די האַרקאָווער וויספּע מיט יאַגעדעס קליינע.
דער דובניק וואַלד מיט דאטשניקעס זומער צייט,
די באַלאָנעס און סינאַסהענטען אין שניט צייט,
די שטעטעל אויף אַ באַרג מיט טייכען ארום,
די נאַטור וואונדער שלאָסמארג אַלס פעסטונג דארום.
די וויספּע מיט בוימער אינמיטען דער טייך בעראָזע,
דער דוואַרעץ מיט דעם פּאַראַם אַלס וואונדערבאַרע פּאַנאַראַמע,
דער נייער אברובעל און הולאַטע דערביי,
האָט געהאַט אַ הוטע פון גלאָז און אַ פּילנעם זאַוואָד אַלס ניי.
די פאַראַכאָדען סודבא, זוועזדא און בלאַגאָדעטעל
האָבען באַקומען אַ פריינדליכע אויפנאַמע פון די איינוואוינער אין שטעטעל.
בארלינעס און האַנטשאַקעס אָנגעהרוזשעט מיט פּיטלויקע מעל־זעק,
פלעגען געשלעפּט ווערען נאַ האָרו אויף דער ליאַמקע ווייטער אַוועק.

(25־יאָהריגער יובילייי פון סוויסלאָטשער ברידערליכען פאַראיין, 1937).

ל ו א י ס ל י פּ ס ק י.

היסטאָרישער איבערבליק.

.(1888 — 1938)

די געשיכטע פון אונזער פאַראיין שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם אידישען אימיגראַנטען לעבען אין אַמעריקע פאַר די לעצטע פופציג יאָהר און גיט אונז אַ לעבעדיגען און בולטען בילד פון אַלע פּאַסירונגען, איבערלעבונגען, פריידען און ליידען פון אונזערע לאַנדסלייט אין דיזער פרייער און שעהנער לאַנד.

עס איז באמת מערקווירדיג און אינטערעסאנט צו שילדערען די געבורט און ענטוויקלונג פון אונזער אָרגאַניזאציע, וועלכע מען קען אויך באַטראַכטען אַלס אַ רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט פון אידישער געשיכטע בכלל און פון ניעשוויעזער לאַנדסלייט אין אַמעריקע בפרט.

אין די אַכציגער יאָהרען, פון פאָהריגען יאָהרהונדערט, ווי מיר ווייסען, האָבען זיך די אידישע מאַסען אין רוסלאַנד און איבערהויפּט אין ליטע, געפונען אין אַ שרעקליכער נויט. עס האָבען דאַן געהאַנגען איבער דעם גאַנצען אידישען פאָלק שווערע פינסטערע וואָלקענס און כמאַרעס. עס איז דאַן געווען אין רוסלאַנד די גרויזאַמע צייט, ווען עס האָט געגאָלטען די דרייפאַכע קללה פון דעם באַריהמטען צורר היהודים פּאָביעדאָנאָסצעוו, שחיק טעמא ,דער אָבערפּראָקוראָר פון דעם רוסישען סינאָד און דער גייסטיגער לעהרער פון אַלכסנדר דעם דריטען, אַז פאַר די אידען אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן בלויז דריי וועגען : איין טהייל פון זיי זאָל אויסשטאַרבען פון הונגער, דער צווייטער טהייל זאָל זיך אויס׳שמד׳ען, און דער דריטער טהייל זאָל אויסוואַנדערען אין אַלע עקען פון דער וועלט.

און די רוסישע רעגירונג האָט טאַקע אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אויף אַלע פראָנטען, כדי צו פאַרווירקליכען אָט די זע שרעקליכע דרייפאַכע קללה פון איהר גרויזאַמען ראטגעבער.

מען האָט איינגעפיהרט די טשערטאַ אָסעדלאָסטי, דאָס הייסט די געציילטע ערטער און שטעטלאַך, וואו אידען האָבען געמעגט זיך באַזעצען, כדי צוזאַמענשטיקען אַלע אידען, ווי הערינג אין אַ פּאַס, אוואו זיי זאָלען זיך אַליין איינע די אנדערע אויפעסען און פאַרניכטען. און אָט דאן האָבען זיך טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער אידישע פאַמיליעס געפונען צווישען האַמער און קאוואדלע. בלייבען אין דערהיים, אין דער היימישער שטעטעל, איז געווען אונמעגליך און פאָהרען אין דער וועלט, איז געשטאַנען די האַרבע פראַגע : וואוהין, לאָן ?

און אזוי ארום האָט דער גייסטיגער מח פון דער אידישער יונגער אינטעליגענץ אין די פיזישע קראַפט פון דער האָרעפּאַשנער מאַסע געזוכט וועגען אוואו אָנצואווענדען זייער פון ענערגיע שפּרודעלנדען כח אויף אַלע געביטען פון מענטשליכען לעבען. אָבער אַלעס איז געווען פאַרצאַמט און פאַרשלאָסען.

דאן האָבען די קינדער פון דעם אַלט־נייעם פאָלק ישראל זיך גענומען צום אַלטען מיטעל, צו וועלכען זיי זיינען געוואוינט געוואָרען פון אַמאָל אָן, און וועלכען זיי האָבען געקראָגען בירושה פון זייערע אבות. נעהמענדיג דעם וואנדערשטעקען אין האַנד, זיינען זיי ארויס אין דער גרויסער און ווייטער וועלט און זיך געלאָזט אין גרויסע מאַסען צו דער נייער און אונבאַקאַנטער לאַנד — אַמעריקע.

עס איז איבעריג דאָ צו באַשרייבען די ליידען און שרעקליכע איבערלעבונגען פון אונזערע ברידער וואַנדערער, איידער זיי האָבען דערלעבט צו באַטרעטען דעם באָדען פון דעם „גאָלדענעם" לאַנד. יעדער איינער ווייס, דאָס זייער וועג איז געווען באַדעקט מיט דערנער.

און יעצט פאנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל אין לעבען פון אידישען אימיגראַנט אין אַמעריקע, און פון אונזערע ניעשוויעזער לאַנדסלייט צו זאָגען, אַז דער נייער וועג פון די אימיגראַנטען אין אַמעריקע, איז געווען באַזייהט מיט ראָזען, קענען מיר, ליידער, געוויס ניט, און דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדליך אין אַ נייער לאַנד, מיט נייע זיטען, אַ נייער שפּראַך, נייע קולטור און ציוויליזאַציע און אַן איינגענאַרטיגען לעבען.

און דאריבער קען זיך די געשיכטע פון אונז, ניעשוויעזער לאַנדסלייט, אין אַמעריקע אָנהויבען מיט אונזער אַלטען היסטאָרישען נוסח: „ויהי בימי אלכסנדר השלישי . . ."
און אוואו עס שטעהט א „ויהי", זאָגט דער מדרש אסתר

איז אַ צרה, און צרות זיינען טאַקע דאַן געווען פּלענטי־גענוג, שוין אפילו צופיל...

אָבער, ווי דער דייטשער גלייכווערטעל זאָגט: „אין דער גרעסטער נאָטה (נויט) העלפט גאָט" און עס זיינען טאַקע געקומען אויך ליכטיגע מאָמענטען אין לעבען פון די ניעשוויעזער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, און איינער פון די ליכטיגסטע מאָמענטען אין לעבען פון די ניעשוויעזער לאַנדסלייט אין אַמעריקע מיט 50 יאָהר צוריק, איז, באמת, געווען די גרינדונג פון אונזער פאַראיין, צו וועלכען מיר האָבען אַלע דעם פאַרגעניגען צו באַלאַנגען.

יעצט, ברידער און שוועסטער, הערט זיך איין, ווי אזוי דאָס אַלעס האָט פּאסירט.

ווי באקאנט, זיינען אין יענע ערשטע יאָהרען, אונזערע ברידער געווען צוזייהט און צושפּרייט איבער ניו יאָרק אַ גאַנץ יאָהר. פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט פון דער שווערער ארבייט און פראַצע און אַ גאַנצען טאָג פאַרשפּאַרט אין שאָפּ, ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער גאָט גיט דאָס אַ פּורים, כאָטש אפילו ניט מעהר, ווי איין מאָל אין יאָהר, האָבען זיך עטלאַכע פון אונזערע ברידער ניעשוויעזער לאַנדסלייט צוזאַמענגעקליבען אין יאָהר 1888 אויף עלדרידזש סטריט, אין דער וואוינונג פון אונזער ווירדיגען יעצט פאַרשטאָרבענעם ברודער מאיר מעסטער ע"ה צו אַ פּורים־סעודה. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די פרייד איז דאַן געווען זעהר גרויס. עפּעס אַ קלייניגקייט, עלענדע לאַנדסלייט, העט, העט ווייט אויף יענער זייט ים, אין דער נייער וועלט, זיצען זיך ביי אַ סעודה, ביי איין טיש! עס איז אַוועק אַ שמועס אין דער לענג און דער ברייט. יעדערער דערמאָנט זיך אָן זיין היים און זיין פאַמיליע, אָן זיינע פריינד און חברים, און אַזוי ארום האָט מען זיך גייסטיג אזוי דערוואָרימט, ביז מען איז געקומען צום געדאַנק, אַז וואָס געווען איז געווען, אָבער דערווייל דאַרף מען זעהן, אַז דאָ, אויפ'ן נייעם אָרט, זאָל געשאַפען ווערען אַזאַ אינסטיטוציע, אַוואו ברידער — לאַנדסלייט זאָלען זיך טרעפען אָפט און וואו די נייע וואַנדערער־אימיגראַנטען זאָלען באַקומען הילף, ברידערליכע שטיצע און גייסטיגע ערמוטהיגונג, און ווען אַ ברודער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און טאַקע אַזאַ פאָרשלאָג געמאַכט, אַז מען זאָל גרינדען אַ פאַראיין פון ניעשוויעזער לאַנדסלייט, איז דער פאָרשלאָג איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען מיט פרייד און אַפּלאָז. אויפ'ן אָרט האָבען זיך אַלע ענראָלט און אַזוי איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אונזער ניעשוויעז פאַראיין מיט 50 יאָהר צוריק, און טאַקע מיט מזל אום פּורים!

פיעלע פון אונזערע ברידער געדיינקען נאָך עד היום דעם שעהנעם און פריינדליכען צוזאַמענקומען, וועלכער פלעגט פאָרקומען זעהר אָפט ביי ברודער מאיר מעסטער ע"ה און געדיינקען מיט ליעבע זיין עדעלע פרוי גיטעל ע"ה, וועלכע איז געווען אַ טרייע שוועסטער צו אַלעמען און אַן אמת'ע מכניסה אורחים אין שעהנסטען און עדעלסטען זין!

די איינטריטס געלט איז געווען 10 סענט פון אַ מעמבער, וועלכע יעדערער האָט גלייך באַצאָהלט; פעסט איז געווען דער באַשלוס צו ארבייטען און בויען עטוואָס וויכטיגעס, וואָס זאָל האָבען אַ לאַנג־דויערענדען ווערטה, פאַר אַלע אונזערע ברידער־לאַנדסלייט, אָהנע אונטערשייד פון ראַנג און עלטער.

דיזע ערשטע גליקליכע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסען צו רופען אַ צווייטען מיטינג, אויף וועלכען דר. מרגליות איז ערוועהלט געוואָרען אַלס דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאציע פון די ניעשוויעזער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. ביי דיזען מיטינג איז שוין באַשלאָסען געוואָרען, אַז אַ נייער מעמבער זאָל געבען 50 סענט איינטריטס־געלט און, אַז די קוואַרטעל דיוס זאָלען זיין 1 דאָלער מיט 25 סענט. דאָס געלט זאָל פאַרוועגדעט ווערען, אום צו העלפען די נייע לאַנדסלייט, ווען זיי קומען פון יוראָפּ, און מען זאָל זיי שטיצען גייסטיג, ווי מאַטעריעל; מען זאָל זעהן שטאַרקען זייער מוטה און טאַקע העלפען, ווען נויטיג, מיט אַ העט, אַ פּאָר שיך, אַ נייעם מאָדערנעם אַמעריקאַנער מלבוש און זיי מכניס־אורח און מקרב זיין און געבען אַ גוטע פּאָר מאָלצייטען, און דאצו נאָך אַ פּאָר דאָלאַר מזומן אין פּאַקעט.

ביים צווייטען מיטינג זיינען שוין געווען ענראָלט 24 מעמבערס פון פאַרשיידענעם עלטער, אַלט און יונג, אָבער אַלע באַגייסטערט מיט דעם פעסטען באַשלוס, אַז זיי טוען עטוואָס גוטעס ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דעם גאַנצען כלל ניעשוויעזער לאַנדסלייט, און ניט נאָר פאַר יענעם מאָמענט אַליין, נאָר עטוואָס ערהאַבענעס און שעהנעס פאַר לאַנגע דורות!

מיט שטאָלץ און פרייד דערמאָנען מיר יעצט אונזערע פּיאָנערען, אונזערע בראַווע חלוצים, וועלכע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון אונזער פאַראיין און וועלכע האָבען אויסגעגלייכט דעם וועג און געמאַכט פריי פאַר אונז דעם ברייטען שליאַך, וועלכער האָט אונז דערפיהרט ביז דעם היינטיגען צושטאַנד פון אונזער ליעבען פאַראיין.

אמת, ניט לייכט איז עס זיי אָנגעקומען. זיי האָבען געהאַט צו זאָגען און צו זינגען. פיעלע שוועריגקייטען האָבען זיי אויסגעשטאַנען, געפּאָקט און געמאָזעלט, ביז זיי האָבען אויסגעהאָדעוועט אונזער פאַראיין אין זיין יעצטיגען גרויסען פאַרנעהם, אַנטוויקעלט איהם און לאַנגזאַם איהם געבראַכט צו זיין יעצטיגער שטופע, אויף וועלכער מיר קענען אַלע שטאָלץ זיין יעצט.

ניט קוקענדיג, וואָס דער אָנפאַנג איז געווען אַזוי באַשיידען און קליין, די מאַטעריעלע מיטלען אַזעלכע אָרימע און מיזערנע, זיינען, אָבער, די גרינדער פון פאַראיין אַרויס די גלענצענדע זיעגער, ווייל זייער ארבייט איז געווען באַקרוינט מיט ליעבע צו אונזער אַלטער היים, מיט טיעפע ענויים און צער פון אונזער פינסטערען גלות־לעבען, אָבער באַגייסטערט מיט גלויבען, האָפנונג און ענטוזיאַזם אויף אַ בעסערער און פרעהליכער צוקונפט.

און יעצט שטעהט אונזער פאַראיין פעסט, ווי אַ מעכטיגער פעלז, וואָס קיין שטורם קען איהם ניט שעדיגען און

קיין צושטערענדע קראַפט קען איהם ניט פאַרניכטען, ווייל ער איז צעמענטירט מיט בלוט און שווייס פון אונזערע ברידער און ווייל ער ווערט אויפגעהאַלטען מיט דעם שטאַרקען גייסט פון דריי דורות.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, דאָס גראַדע דער מערקווירדיגסטער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אונזער פאַראיין, איז דער ערשטער, ווייל ער דערצעהלט, ווי פון אַ קליינעם אָנפאַנג איז געשאַפען געוואָרען אַזאַ וויכטיגע אינסטיטוציע ווי אונזער סאָסייעטי.

דעם ערשטען יאָהר האָבען אונזערע ברידער געמאַכט א מנין אין 63 באַיארד סטריט, דאָס איז געווען ביי יעקב מישקין ע"ה אין שאַפּ. ביי דיזען מנין איז יקיר, דער ניעשוויעזער חזן, געווען דער בעל מוסף און האָט געקראָגען פאַר'ן דאַוונען ימים נוראים 70 דאָלער. צבי הירש סמיטה ע"ה האָט דאן געדאַוועננט שחריתים. אָט פון דעם ימים נוראים דאוונען איז דעמאָלט געבליבען 100 דאָלער ריינער פּראָפיט און מיט דיזער סומע האָבען די ברידער דאן געקויפט 5 מיט אַ האַלב פּלאַטס אויף וואשינגטאָן סעמעטערי, וועלכע האָבען געקאָסט 367 דאָלער. עס איז אָנגעקומען גאַנץ שווער, ביז מען האָט אויסגעצאָהלט דעם חוב פון די 267 דאָלער. שפּעטער אַביסעל, האָט מען געקויפט די צווייטע סעמעטערי, 20 לאטס אויף מאונט ציון סעמעטערי פאַר 1,000 דאָלער, און נאָר מיט גרויס אָנשטריינגונג און פיעל מיה האָט מען אויך דיזע סומע אויסגעצאָלט. דערפאַר אָבער נאַכהער, ווען מען האָט געקויפט שוין די דריטע סעמעטערי אויך אויף מאונט ציון סעמעטערי, 30 פּלאַטס צו 60 דאָלער אַ פּלאַט אין דעם בעטראָג פון 1,800 דאָלער אויסער אינטערעסט, איז עס גראַדע אָנגעקומען שוין אַביסעל לייכטער, ווייל צו יענער צייט איז שוין אונזער פאַראיין געוואָרען שטאַרקער אין מעמבערשיפּ ווי אין קאַפּיטאַל. אין יאָהר 1925 האָט אונזער פאַראיין געקויפט אויף מאונט חברון סעמעטערי 48 פּלאַטס צו 235.00 דאָלער אין בעטראָג פון 11,280.00 דאָלער (עלף טויזענט צוויי הונדערט און אַכציג דאָלער), ארום וועלכען מען האָט געמאַכט זעהר אַ שעהנעם גדר און דיזע סעמעטערי איז היינט צו טאָג ווערט אַ סך מעהר.

פון דעם ערשטען מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ האָט אונזער פאַראיין, וועלכער האָט דאן געהייסען „ניעשוויזער ברידערליכער אונטערשטיצונג פאַראיין" און שפּעטער "פּראָגרעסיוו ברעטהערען אָוו נעשוויז", געצאָהלט קראַנקען בענעפיט און געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט אונזערע נויטבאַדירפטיגע ברידער און לאַנדסלייט, און טאַקע ניט מיט קליינע סומעס, נאָר מיט גרויסע בייטרעגע אין די הונדערטער דאָלערס. אויך פרעמדע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאציעס, וועלכע האָבען זיך צו אונז געווענדעט, זיינען קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט געוואָרען אין הילף, אָדער אין ברייטהאַרציגער דאָניישאָן. ישיבות, האָומס, האָספּיטאַלס, קינדער אַנשטאַלטען, יתומים הייזער און עהנליכע ניצליכע אינסטיטושאָנס זיינען שטענדיג אַוועק פון אונז מיט אַ שעהנער נדבה. מיט פרייד פאַרצייכענען מיר דעם פאַקט, דאָס אונזערע ברידער אין בראָנזוויל, וועלכע האָבען אויסגעבויט אַ שעהנע שוהל אין 17 בריסטאָל סטריט, האָבען פון אונזער פאַראיין געקראָגען שעהנע ביישטייערונגען פון ארום 2,000.00 דאָלער.

מיר האָבען אויך מיטגעהאָלפען אין דעם ערליכען אויפבוי פון אונזער נאַצאָנאַלער היים אין ארץ ישראל.

אויך האָבען מיר אַלעמאָל געזאָרגט פאַר אונזערע ברידער אין אונזער אַלטער היים, אין ניעשוויעז. אונזער פאַראיין איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט ארויסגענומען אַ טשאַרטער פאַר אַ רעליף פאָנד, און מיר האָבען פיעלע טויזענטער איבערגעשיקט אין אונזער אַלטער היימשטאָט ניעשוויעז: מיט איין וואָרט, עס איז ניט געווען איין באַוועגונג ביי כלל ישראל, צו וועלכער אונזער פאַראיין האָט ניט בייגעשטייערט בעין יפה זיין מאַטעריעלע הילף.

אַלזאָ, אי גייסטיג, אי מאַטעריעל, שטעהט אונזער פאַראיין אויף אַ געזונטען און מעכטיגען פונדאַמענט. מיר באַזיצען 5 סעמעטעריס אין ווערט פון 100,000 דאָלער, אַן ענדאומענט פאָנד מיט 3,517.99 דאָלער ; ענדאומענט ווערט אויסגעצאָהלט פון דער טרעזשורי, און ניט פון טעקסעס, צו יעדען רעגולער מעמבער 300 דאָלער פאַר אַ מאַן און 150 דאָלער פאַר א פרוי. אַ גמילת חסד פאָנד מיט 6,086.28 דאָלער. אונזער גמילת חסד לייהט מיט כבוד יעדען רעגולער מעמבער 50 דאָל. אויף לייכטע אָפּצאָהלונגען אָהן אינטערעסט, אַן אָלד איידזש פאָנד מיט 5,014.16 דאָלער, פון וועלכען צו אונזערע אַלטע מעמבערס ווערט געצאָהלט לויט די אומשטענדען און די מאַטעריעלע לאַגע פון אַפּליקאַנט אַ מאָנאַטליכע סובסידיע. עס ווערט אויסגעצאָהלט אין פאַל פון, חס וחלילה, קראַנקהייט, 40 דאָלער קראַנקען בענעפיט פאַר 8 וואָכען אין אַ יאָהר.

אונזער מעמבערשיפּ ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער און פיעלע נייע מעמבערס שליסען זיך אָן אין אונזער פאַראיין. בעזאָנדערס אַנגענעהם איז דער פאַקט, וואָס פיעלע יונגע מעמבערס טרעטען אריין אין אונזער פאַראיין יעדען יאָהר און עס איז טאַקע ווינשענסווערט, דאָס וואָס מעהר יונגע ברידער זאָלען צו אונז אריינגעהן, באַזונדערס די זיהן און איידעמס פון אונזערע מעמבערס, כדי די ווערטער פון שלמה המלך (משלי י"ז ו') זאָלען מקוים ווערען ביי אונז אין זייער פולער פראַכט און שעהנעם אינהאַלט: „עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם", וואָס דאָס מיינט: „די קינדס־קינדער זיינען די קרוין פון די אַלטע, און די צירונג פון די קינדער זיינען זייערע עלטערן". אָט דיזע שעהנע און הייליגע ווערטער דארפען באמת זיין אונזער לאָזונג און ציל פאַר דער געגענוואַרט און צוקונפט.

און מיר האָבען טאַקע יעצט אַ לעבעדיגען ביישפּיל פאַר אונזערע אויגען, ווען מיר זעהען, ווי צוויי יונגע זיהן געהען אין די וועגען פון זייערע פאַרשטאָרבענע טאַטעס ע"ה, און זעצען פאָרט זייער נאָבעלע ארבייט. דאָס זיינען אונזערע יעצטיגע צוויי הויפט באַאַמטע: אונזער יונגער פּרעזידענט ברודער דזשאָרדזש בערמאַן, דער זוהן פון דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער לואיס בערמאַן ע"ה, און אונזער

יונגער וויס־פּרעזידענט היימאַן סטאָלאַרסקי, דער זוהן פון דעם פאַרשטאָרבענעם עקס־פּרעזידענט מאיר סטאָלאַרסקי ע"ה.ביידע אָפּיסערס האָבען איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטליכע ירושה פון פיהרערשאַפט און באמיהען זיך צו טראָגען הויך די פאָהן פון אונזער פאַראיין.

עס איז דעריבער אַ שטאָלץ און אַ פריידע צו זיין אַ מעמבער פון אונזער פאַראיין. דאָס וואָס עס איז אונמעגליך צו עררייכען פאַר יעדען איינעם באַזונדער, ווערט מעגליך, ווען מען באַלאַנגט צו אַזאַ פּראַכטפולער און פּראָגרעסיווער קערפּערשאַפט. אַלע צוזאַמען שאַפען מיר אַ מעכטיגע קראַפט, וואָס טוט אויף וואונדערבאַר־שעהנע זאַכען פאַר דער מענטשהייט בכלל און פאַר אונז, ניעשוויעזער לאַנדסלייט, בפרט.

און מיט צוטרויען און האָפנונג קוקען מיר דעריבער אויף דער צוקונפט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. מיר פּראָגרעסירען, מיר וואַקסען און געהען פאָרווערטס. אונזער מעמבערשיפּ וואַקסט פון טאָג צו טאָג, אונזער אַקטיוויטעט ווערט אלץ גרעסער און גרעסער און אונזערע אינטערעסען אלץ ברייטער און פיעלפאַכער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז נאָר אַ דאַנק דער גוטער און איבערגעבענער פיהרערשאַפט פון אונזערע אָפיסערס און פיהרער פון אַמאָל און יעצט, איז געווען מעגליך צו ברייגען אונזער פאַראיין צו אַזאַ הויכער מאָראלישער און עקאָנאָמישער שטופע, אויף וועלכער ער שטעהט יעצט.

איך האָב דעריבער דעם גרויסען פאַרגעניגען און פּריווילעגיע אין נאָמען פון אַלע אונזערע ברידער און שוועסטער, אויסצודריקען אונזערע אַלעמענס טיעפסטען און הערצליכסטען דאנק צו אַלע אונזערע פיהרער, פּרעזידענטען און באַאַמטע פון יעצט און אַמאָל פאַר זייער אונערמיעדליכער און איבערגעבענער ארבייט צום וואָהל און בעסטען פון אונזער פאַראיין, ווי אויך דעם „רענק און פייל", דאָס הייסט אַלע אונזערע מעמבערס, וועלכע זיינען דער „יכין און בועז" פון אונזער פאַראיין.

איידער איך ענדיג מיינע ווערטער, וויל איך אויסדריקען אין נאָמען פון אונזערע אָפיסערס און מעמבערס דעם גרויסען צער און טרויער אויף דעם טויט פון אונזער ווירדיגען וועטעראַן און איינעם פון די ערשטע אָרגאַנייזערס פון אונזער פאַראיין ר' מאיר מעסטער ע"ה, וועלכער איז אָט ערשט דעם 22טען דעצעמבער אַוועקגעריסען געוואָרען פון אונז און האָט ליידער ניט דערלעבט צו זיצען מיט אונז צוזאַמען ביי דיזען שעהנעם יובל־יום־טוב, אויף וועלכען ער האָט אזוי לאַנג געוואַרט.

מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב! לאָמיר זיך היינט, ברידער און שוועסטער, משמח זיין מיט אונזער גרויסען יום־טוב, דעם 50 יאָהריגען יובילייאום! מיר דאַרפען דאַנקען דעם אויבערשטען, וואָס מיר האָבען דערלעבט צו זיין אַנוועזענד ביי דיזען היסטאָרישען באַנקעט! מיט רעליגיעזען ציטער מאַכען מיר בשם ומלכות די שעהנע און הייליגע ברכה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!". מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזער פאַראיין, וועלכער איז אַ סימבאָל פון איינינקייט, עהרליכקייט, גוטסקייט, טרייקייט און ברידערליכער ליעבע! לאָמיר אַלע בעטען דע סאַלמעכטיגען, דאָס מיר זאָלען זוכה זיין צו פייערען, אַלע צוזאַמען, דעם 75 יאָהריגען יובילייאום פון אונזער ליעבער אָרגאַניזאַציע! איך ווינטש אייך אַלעמען מיט אַייערע פאַמיליעס, געזונט, לאַנגע יאָהר און גליק.

לעאָן סלאָנימסקי.

(50 יאָהריגער יובילייִ זשורנאל פּראָגרעסיוו ברעדרעהן אָוו ניעשוויעז, 1938)

הילפס־רוף!

ראַטעוועט אונזער שטעטעל פון אונטערגאַנג!!!

מיט טיפען צער מוזען מיר ליידער אָנווייזען אויף דער מורא'דיגער אָרימקייט און נויט, וועלכע האָט אַרומגענומען כמעט אַלע שיכטען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אונזער שטאָט. די כסדר'דיגע פאַרערגערונג פון דער לאַגע ברייגגט ר"ל, צו יאוש און פאַרצווייפלונג.

דורך דער פאַרשאַפטער ווילדער טעראָר־העצע אין אונזער געגענד זיינען אָפּגעטויט געוואָרען כמעט אַלע קוועלען פון פּרנסה: די אַזוי גערופענע דאָרף־קרעמער, וועלכע פלעגען זיך שפייזען דורך אַרומפאָרען, אָדער אַרומגיין מיט זייער ביסעל סחורה איבער די דערפער פון אונזער געגענד, פאַרבייטענדיג מיט'ן פויער די שטאָטישע פּראָדוקטען אויף די דאָרפישע, טאָרען זיך איצט ניט באַווייזען אין די דערפער, ריזיקירענדיג מיט זייער ביסעל סחורה, ווי אויך מיט'ן לעבען. אויך אין שטאָט, יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, ד. ה. אונזערע מערק טעג, פון וועלכע דאָס שטעטעל לעבט אַ גאַנצע וואָך, שטעלען זיך אויס „פּיקעטען," ד. ה. די אַזוי גערופענע „נארא־כוליגאַנעס", וועלכע לאָזען ניט אַריין בוכשטעבליך קיין שום קונה אין די אידישע געשעפטען, ווי אויך צו די אידישע בעלי־מלאכות. גלייכצייטיג לאָזען זיי ניט די פּוערים פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען צו קיין אידישע אויפקויפער. דורך דעם האָט אונזער שטאָט פאַרלוירען יעדע זיכערקייט אין עקזיסטענץ מעגליכקייט, און מיר זינקען אין מורא'דיגער אָרימקייט, הונגער און נויט. צו באַדויערען זיינען מיר אַזוי פיל מאָראַליש אונטערדריקט געוואָרען, אַז מען לאָזט שוין זאָגאַר ניט אונזער ביטערער לאַגע צו פאַרעפענטליכען אין דער פּרעסע, אַון מיר קענען חס ושלום אַזוי אויסגיין שטילערהייט פון הונגער און פיין.

דאַרום ווענדען מיר זיך צו אייך ברידער און שוועסטער מיט אונזער אַפּיל! ראַטעוועט מיט וואָס איהר קענט, מיט באַלדיגע הילף, צו לינדערען אונזער לאַגע פאַר וועלכע מיר זעהען ניט קיין אויסוועג, אויב ס'זאָל ניט קומען קיין אויסערליכע הילף, און דאָס ווי אַמשנעלסטען!

די אידישע קהלה
פון ניישטאַט ציעכאַנאָוויצע

(30־יאָהריגער יובילייִ־זשורנאַל, חברה בני משה אַנשי ניישטאַט טשעכנאָווצע, 1937).

דאָס ליעד פון ראקאָווער פרויען-קלוב.

ווערטער פון מרדכי סיגעל.　　מוזיק פון מ. ג. קאַמינסקי.

כ אָ ר :

מיר זיינען א קלאָב,
פון ראַקאָווער פרויען
מיר גיבען זיך אָפּ,
מיט העלפען און בויען.
מיט שטיצע און גאָב,
מיט הערצער דערפרעהען,
קומט לאַנדסלייט אַריין
אין אונזערע רייהען.

ס אָ ל אָ :

מיר בויען אַ צוקונפט
פאַר אָרימע קינדער
וואָס זיינען אָהן טאַטעס
און מאַמעס געבליבען,
מיר שטרעבען צו מאַכען
זיי ליכטיגער, לינדער
זייער פינסטערען לעבען
דעם שווערען דעם טריבען.
כאָר: מיר זיינען, א. אַ. וו.

ס אָ ל אָ :

מיר מיינען די אָר'מע
פון אונזער שטאָט „ראַקאָוו",
די וועלכע מיר העלפען
מיט ברויט, שוך און קלייד, דאָרט,
און פונקט אַזוי אויך, דעם
געוועזענעם „תקיף",
ס'צוטראָטען איהם אויך האָט
די אייזערנע נויט, דאָרט.
כאָר: מיר זיינען, א. אַ. וו.

ס אָ ל אָ :

זיי זיינען אונז נאָהענט,
זיי זיינען אונז טייער,
פאַרגעסען אָן זיי, אַך
ווער וואָגט עס, ווער־קאָן־עס!
מיר ווערען צו זיי, נאָך
אַלץ מעהרער געטרייער
כאָטש צווישען אונז שטראָמט
אַזאַ גרויסער איקינוס.
כאָר: מיר זיינען, א. אַ. וו.



קאַלושינער טיפּען.

זאָג מיר, לאַנדסמאַן, זאָג מיר געשווינד,
צי לעבט נאָך עלי לעססער מיט די בייגעל אַצינד?
צי האָט נאָך גאַרלינסקי די בייזע הינט?
צי לעבט נאָך יאַבלונסקי, דער סטראַזשניק אַצינד?
צי לעבט נאָך סענדער אַבאַלילע, דער רעטעניש פון שטאָט,
וואָס זיין וואוינונג איז געווען אין שוהל אָדער אין באָד?
צי געהען נאָך די הכנסת כלה ארום פאַרשטעלט,
און קלאַפּען מיט די פּושקעס, און גיט זיי היינט געלט?
צי געהען נאָך חברה צו דעם וואַרשעווער בריק,
צי שטעהען נאָך די טרעגער ארומגעבונדען מיט שטריק?
צי טראָגען נאָך ראַדזינער חסידים אָן זייערע ציצות
הילאָזען?
צי ציטערען נאָך די פרומע, ווען מען טוט שופר בלאָזען?
צי ציטערען נאָך די חסידים פאַר די „ציציליסטען", די
זינדער?
צי שרייען נאָך די ווייבער, אַז דורך זיי שטאַרבען קינדער?
צי לעבט נאָך איצעלע, וואָס האָט געזונגען אַזוי שעהן?
אַ פיינער איד, זיין באָרד איז קיין מאָל נישט געווען ריין.
און וואָס הערט זיך מיט בערעל גראַפּטש, דער סימבאָל
פון קאַלושין?
ער בעט נאָך גאָט, אַז מיר זאָלען קומען אַהין?
צי לעבט נאָך עלקע קלעקטש, די זאָגערין פון שטאָט?
צי איז נאָך דער הקדש לעבען דער באָד?
דערציילט מיר אַלעס, ליעבער פריינד,
ביי אונזער 30-יעהריגען יום טוב היינט!

ענטפער:

אַלע אין שטאָט וואָלסטו נישט דערקענט,
טראַהעריג צו זעהן, ווי אַלע שטעלען אויף די הענט.
פון די בעלי-בתים די רייכע איז נישטאָ מעהר קיין שפור.
וואָס וועט זיין דער סוף? פרעגען אַלע ביי מיר.
סאָציאַליזם, בונדיזם, זאָגאַר ציוניזם
ווערען פאַרפאָלגט פון דעם ביטערען אנטיסעמיטיזם.
די יוגענט, וואָס האָט אַמאָל אַזוי שעהן געבליהט,
ווערען פאַרפאָלגט אַלס מענטש און אַלס איד!
דערשלאָגען זיינען אַלע אונזערע יוגענט פריינט.
לאָמיר זיך דערמאָנען אָן זיי ביי אונזער יום טוב היינט.
דער 30-יעהריגער יום טוב איז ביי אונז דער שעהנסטער.
זעהט, זעהט, זיי קוקען צו אונז אריין דורך די פענצטער!
נישט שטערען אונזער יום טוב זיינען זיי געקומען.
ניין, זיי וואָלטען נעבעך וועלען דעם ים אריבערשווימען!
און פאַרגעסען אין זייער לייד,
צוזאַמען האָבען אַ ביסעל פרייד.
שוועסטער און ברידער און פריינט,
לאָמיר אין זיי נישט פאַרגעסען אויך היינט!

איטשעלע פייגענבוים

(30 יאָהריגער יובליי-זשורנאַל אינד. קאַלושינער בענ. סאָסייעטי, 1935).

אַ רוף צו דער יוגענד

„דור הולך ודור בא", האָבען געזאָגט אונזערע נביאים. וועלען אונזערע קינדער איבערנעמען אונזער אידעאַל און איהם פאָרזעצען, ווי מיר האָבען דאָס געטאָן? איך בין זיכער אַז יאָ, ווייל צו־גרויס זיינען די צרות און פּיין פון דאָס אידישע פאָלק, און צו־ווייטאָגדיג שאַרף זיינען די פּראָבלעמען פון איהר עקזיסטענץ, אַז אונזערע קינדער זאָלען קענען פאַרבייגייען און דאָס ניט באַמערקען. דאָס קען ניט און וועט ניט פּאַסירען. זאָל מען ניט דיינקען, אַז דערפאַר וואָס די יוגענד רעדט די שפּראַך פון לאַנד, דיינקט זי ניט און פילט ניט דאָס אומרעכט וואָס ווערט באַגאַנגען געגען איהר אַלס איד און אַלס מענש, אַפילו אין דער פרייער אַמעריקע.

עס ליגט אַ געוויסער אמת, אַז פילע פון אונזערע קינדער זיינען יעצט פאַרטאָן אין ענינים, וואָס ברייגנען זייער ווייניג נוצען דער מענשהייט בכלל און דאָס אידישע פאָלק בפרט, אָבער איך האָף און גלויב, אַז גאָר אין גיכען וועלען זיי קומען צו אונז איבערנעמען די אַרבייט און פאָרזעצען די אידעאַלע אויפגאַבע, וואָס טראָגען אַריין אין די רייען פון אידישען פאָלק. איך גלויב און האָף, אַז זיי וועלען ניט וואַרטען ביז עס וועט קומען אַ היטלער, ימח שמו, זיי דאָס דערמאָנען, אַז זיי זיינען קינדער פון פאָלק ישראל.

אין אונזער ברענטש זיינען פאַרלויפיג זייער ווייניג פון אונזערע קינדער, אָבער דער גלויבען, אַז זיי וועלען קומען צו אונז, מאַכט מיר דעם יום-טוב פיל רייכער. און איך האָף דאָס ווען זיי וועלען פייערען דעם קומענדען יובילייאום פון ברענטש הונדערט צוואַנציג דריי, וועלען זיי ניט פאַרגעסען אויך מיך צו דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט.

יעקב מאַרטין

(20יאָהריגער יובליי־זשורנאַל, שומיאַטשער־אָדעסער בר. 123, אידישער נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד, 1938.)

קעסטל גאַרדען.

(דער ערשטער האָטעל פון די אימיגראַנטען אַמאָל)

צו אונזער 40-יאָהריגען יובילי וואָס מיר פייערען איצט איז ווערטה אַז מיר זאָלען אָפּפרישען אונזער זכרון פון יענער צייט וואָס מיר האָבען אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון ניו יאָרק און דאָן גלויב איך וועלען מיר בעסער קענען אָפּשאַצען אונזערע אייגענע אַרבעט און אויך וואָס איז געטאָן געוואָרען פון די אידישע אימיגראַנטען בעפאַר אונז.

י. קאָפּעלאָוו אין זיין בוך אַמאָל אין אַמעריקע, שילדערט דעם קעסטל גאַרדען ווי אַ טורמע, דער זאָל איז געווען אַ גרויסער און געאָטעמט מיט אַזאַ אומהיימליכקייט אַז עס איז געווען אַ שרעק, די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און ניט ווילענדיג האָט זיך געזיפצט און אַזוי ווי ביי לאַנדען, האָט מען קיין שווערינקייטען ניט געהאָט און אַזוי ווי טהיר און טויער איז געווען אָפען פאַר אַלעמען, איז דאָרט געווען

אַזאַ געדראַנג און ענגשאַפט אַז עס איז פשוט ניט געווען וואו צו זיצען ביי טאָג און וואו צוצולייגען זיך דורך דער נאַכט, אויפ׳ן פלאָר זאָגאַר איז ניט געווען קיין פלאַץ.

אין לאַנד האָבען מיט קיין פריינד נישט געהאַט. קיין גראַשען געלט ביי דער נשמה נישט געווען, און מיר האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך צו וואַלגערען אויף דער האַרטער פלאָר פון שמוציגען קעסטל גאַרדען און עסען וואָס עס האָט זיך געמאַכט.

און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפען אַז מען האָט שוין געקראָגען אַרבעט האָט מען געאַרבעט 15 און 16 שטונדען אַ טאָג און מען האָט די נשמה פון זיך אַרויסגעטריבען. ווינטער האָט מען געפרוירען, זומער זיך געפרעגעלט פון היץ אַבי נאָר מאַכען עטלעכע דאָלער צו קענען שיקען נאָך דער פאַמיליע, און ווען די פאַמיליע איז שוין געקומען האָט זיך יעצט אָנגעפאַנגען נייע צרות.

מען האָט געדונגען אַ דריי רומס אויף אַ 5-טען פלאָר אָדער אין אַ קעלער. גענומען עטליכע באָרדערס, אַריינגעפאַקט אין די זעלבע 3 רומס און דערצו האָט דער מאַן מיטגענומען אַ ביסעל אַרבעט פון שאַפ און די ווייב מיט די קינדער האָבען צוגעהאָלפען און אַלץ צוזאַמען איז ניט געווען גענוג אויף צום לעבען.

די היינטיגע געשעפטס־לייטע איז זייער ערפאָלג אויך ניט אַרונטערגעפאַלען פון הימעל.

צוויי פאַרטנערס אויף קאַנאַל סטריט האָבען יאָהרען לאַנג געליטען פון אַ טעות וואָס זיי האָבען געמאַכט:

צו זיי איז געקומען אַן איידזשענט פון אַ קרעדיט אַגענטור אויסצוגעפינען וועגען זייער געשעפט, אָבער זייענדיג נאָך „גרינע" האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס מען וויל פון זיי, איז איין פאַרטנער אריינגעלאָפען צו אַ שכן אין אַ מעבעל געשעפט נאָכפרעגען זיך וואָס דאָס מיינט, ווי און וואָס מען דארף זאָגען. יענער האָט אָבער אויך ניט געהערט פון אַגענטורען, ער האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז עס געהען ארום באַאַמטע פון דער ביוראָ פון טעקסעס, האָט ער זיי ווי א גוטער פריינד געגעבען אַן עצה, אַז ער זאָל אָנגעבען זיין פאַרמעגען וואָס קלענער. איהר דארפט מאַכען דעם איינדרוק, אַז איהר פאַרמאָגט גאָרנישט. עס קען אייך נאָך אָפּגילטען, אַז איהר זאָלט זיך אינגאַנצען באַפרייען פון צאָהלען טעקסעס.

די צוויי פאַרטנערס האָבען געוויינט און געקלאָגט פאַר דעם אידזשענט, אַז יענעם איז מעהר ניט געבליבען ווי איבערלאָזען די צוויי שותפים אַ פאָר סענט אויף דינער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון קיין קרעדיט איז שוין מעהר קיין פראַגע ניט געווען. זיי האָבען דאָך אליין אונטערגעשריבען, אַז זיי פאַרמאָגען גאָרנישט.

אָבער דאָס איז ניט אַלץ. אין אַ צייט ארום איז צו זיי אריינגעקומען אַן אָפיסער פון „טעקס ביוראָ". דאָס מאָל איז שוין דער אַנדערער פאַרטנער אריינגעפאַלען צו א שכן, אן אַלטען קליידער געשעפט מאַן, וואָס האָט שוין געוואוסט פון די אַלע „אַגענטורען", „רעפאָרטס" און „סטייטמענטס". און ער האָט דערקלעהרט זיין שכן אַלע איינצעלהייטען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, און ער האָט איהם געראָטען, אַז ער זאָל קיין צו גרויסע ליגענס ניט זאָגען, ווייל מען קען איהם נאָך כאַפען, אָבער אַ ביסעל צו זאלצען —מאַכט ניט, וואָס גרעסער דער פאַרמעגען, וואָס מעהר איינגאַמע, אַלץ געזינטער איז דער געשעפט, און במילא קריגט מען אַ בעסערען קרעדיט. גייט געזונטערהייט, און גאָט זאָל אייך העלפען, זעהט מאַכט אַ גוטען איינדרוק, אז איהר זייט ניט קיין אָרימע לייט...

די צוויי אידען זיינען נעבעך געבליבען אָהן קרעדיט, אָבער דערפאַר האָט מען אויף זיי ארויפגעלייגט שווערע טעקסעס, אַז זיי האָבען געהאַט צו זינגען און צו זאָגען.

זיי האָבען דאָך אַליין געזאָגט, אַז זיי זיינען רייכע לייט.

אַ היבשע ביסעל האָבען די אימיגראַנטען געליטען פון די דייטשישע יאַהודים, וואָס האָבען געקוקט אויף די פוילישע און ליטווישע אידען, ווי אויף שנאָרערס און קיין זאַך האָט טאַקע אין יענע יאָהרען ניט געקענט געטהאָן ווערען אָהן זייער צושטימונג.

אַנדערע אימיגראַנטען האָבען טאַקע אָנגעפאַנגען צו קוקען אויף די דייטשישע אידען, ווי זיי וואָלטעןווירקליך געווען די געזאַלבטע פון גאָט און עס איז אַ כבוד צו באַלאַנגען מיט זיי צו איין אומה.

די דייטשישע אידען זיינען געוואָרען די טאָן־געבער פון דער אידישער גאַס, קיין זאַך האָט ניט געקענט פאַסירען אָהן זייער ווילען, אָבער די ליטווישע אידען האָבען דאָס אויך איבערגעקומען. זיי האָבען ביסלעכווייז זיך איינגעאָרדענט אין אונזער נייער לאַנד און כמעט די גאַנצע פיהרערשאַפט איז ביז היינטיגען טאָג ביי די רוסישע, פוילישע אידען און מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שעמען מיט דער ארבייט, וואָס מיר האָבען אויפגעטהאָן.

אין פאַרלויף פון יאָהרען שווערע ארבייט, האָבען זיי אויפגעבויט די גרעסטע אידישע האספיטעלער, וואָס זיי אַליין האַלטען אויס, און אויך אַנדערע צדקה אַנשטאַלטען, קיין אַנדער נאַציאָן מיט אַ פיעל גרעסערער צאָהל אימיגראַנטען האָבען דאָס נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט באַוויזען. זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז אונזערע ברידער און שוועסטער זאָלען פאַלען צו לאַסט אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

קולטורעל האָבען זיי איינפאַך באַוויזען וואונדער. בלויז אין גרייטער ניו יאָרק האַלטען זיי אויס היינט צו טאָג ארום 15 אידישע טעאַטערס, וואָס קיין אַנדער נאַציאָן אין ניו יאָרק האָט דאָס ניט באַוויזען, און דאָס נעהמט ניט אַוועק דעם פאקט, אַז די אידען אין ניו יאָרק פילען אויך אָן די ענגלישע טעאַטערס, קאָנצערטען און אָפּעראַס. און מיט שטאָלץ קענען מיר זאָגען, אַז די ליטווישע, פוילישע און רוסישע אידען זיינען די יעניגע, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די בעסערע ענלישע דראַמע און מואווינג פיקטשורס, וואָס ווערען פראָדוצירט אין אַמעריקאַ.

אונזערע ביאַליסטאָקער אידען האָבען נאַטירליך געשפּילט

און שפּילען נאָך יעצט אויך אַ גרויסע ראָלע אין אַלגעמיינעם אידישען לעבען.

פאַר די אַלע גרויסע אויפטוהונגען האָבען זיי אַמווייניגסטענס געקראָגען אָנערקענונג ביי זייערע אייגענע קינדער? ווייסען די קינדער, וואָס פאַר שוועריגקייטען זייערע עלטערען זיינען דורכגעגאַנגען אין זייער לעבען? איך דיינק, אַז ניט. און דאָס איז די טראַגעדיע פון אונזער אַלטען דור. אויפגעהאָדעוועט קינדער, און די קינדער פאַרשטעהען ניט די עלטערען. און די עלטערן פאַרשטעהען ניט די קינדער. באַשולדיגען וועמען ניט איז קען מען ניט, אָבער די וואָס האָבען אַממעהרטען געליטען, זיינען דאָך אונזערע עלטערען. עס וואָלט געווען ווינשענסווערטה, אַז אונזערע קינדער זאָלען וויסען אַלץ, וואָס די עלטערען האָבען דורכגעמאַכט ביז זיי האָבען דערגרייכט צו דאָס, וואָס מיר האָבען היינט און דאָס קען געטהאָן ווערען, אַז די יאָנג פאָלקס, וואָס מיר האָבען, זאָלען פון צייט צו צייט אַראַנזשירען לעקטשורס איבער די פראַגען, וואָס אונזערע ערשטע אימיגראַנטען האָבען אויפגעטהאָן פאַר אַמעריקאַ.

ל. פ אַ ל ט ע ר.

„ביאַליסטאָקער לעבען", ספּעציעלע אויסגאַבע צום 40 יאָריגען יובּיליי פון ביקור חולים אין ברוקלין, 1937).

א ביסעלע אַלטע זכרונות.

צווישען די שעהנע און שטאַרקע געפיהלען, וועלכע דער מענטש באַזיצט פאַרנעהמט אַ גרויסען פלאַץ די בּיינקשאַפט צו דער געבורטסשטאָט, וואו ער האָט אָנגעפאַנגען צו אַנטוויקלען זיין לעבענס ארויסטריט, און ביי דער געלעגענהייט פון פייערען דעם 25 יאָהריגען יוביליאום פון אַמדורער בענעוואָלענט סאָסייעטי, האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ שטאַרקע בּיינקעניש — נאָך מיין ליעבער שטעטעלע און עס ווילט זיך שרייבען אַ ביסעל ערינערונגען פון דער אַמאָליגער, קיינמאָל פאַרגעסענער, אמדור.

אמדור! די וויגעלע פון מיין קינדהייט, פון מיין טרוימערישער יוגענד, ווי זיס און אנגענעהם עס זיינען ערינערונגען — פון מיינע קינדערשע און יונגע יאָהרען! עס ווילט זיך אויף אַ ווײַלע ווערען קינדעריש און יונג. מיר וועלען אָנפאַנגען פון דעם באַרג־שלאָס אין פריהלינג און זומער־צייט, און פאַרפראָרענעם — טייכעל אין ווינטער־צייט, וואָס ביידע צוזאַמען זיינען געווען פאַר מיר און מיינע חברים אַן אמת׳ער קוני איילאַנד.

פריהלינג, ווי נאָר די שעהנע נאַטור האָט באַדעקט דעם באַרג־שלאָס — מיט אַ גרינעם, ערטערווייז געדיכטען, גראָז, האָבען מיר, שטיפערישע קינדער, אָנגעפאַנגען געהן, שבת נאָכ׳ן טשאָלענט, צום באַרג־שלאָס. דאָרט האָבען מיר געוויזען אונזערע אַקראָבאַטישע שטיק, יאָגענדיג זיך איינע נאָך די אַנדערע ארום דער דייזשע, און קייקלענדיג זיך באַרג אַראָפּ. דער וואָס האָט געהאַט דעם גליק צו זיין דער ערשטער אונטען אויף דעם גלייכען באָדען, איז פון אינז

געקרוינט געוואָרען פאַר א „סטאַרשע", עלטסטער. אָפּשפּילענדיג זיך אַ פּאָר שטונדען, האָט דער סטאַרשע געפיהרט צום קרעניצע, וואָס איז געווען אונזער סאַראַטאָגאַ־ספּרינגס, דאָס איז געווען אַ קריסטאָל־קלאָהר וואַסער, קאַלט ווי אייז־וואַסער, געפליסט פון צווישען די שטיינער; יעדער פון אונז — האָט אַראָפּגענומען זיין פאַרשוויצטע היטעל, אָנגענומען ספּרינג־וואַסער, געשטילט דעם דורשט, נאָכהער זיך צעלייגט אויף דעם גרינעם גראָז זיך אָפּרוהען נאָך דער שווערער אַרבייט. אָפּגערוהט זיך אַביסעל, זיינען מיר אַוועק צום וואַלד. ערשט דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען די אמת׳ע קונצענמאַכעריי: זיך שטעלען איינער אויף דעם צווייטענס אַקסלען, ארויפגעקראָכען אויף אַ בוים, וואו עס וואַקסט ניסלאַך און וואַרפען זיי צום באָדען, אַראָפּגעקראָכען פון בוים — זיך גענומען שפּילען אין באַהעלטעניש. נאָר לאָמיר לאָזען דעם זומער סעזאָן אויף אַ ווײַלע און אָנפאַנגען מיט דעם ווינטער סעזאָן.

ווי נאָר דער ווינטער פלעגט זיך איינשטעלען און די קליינע טייכעל לעבן „מונייעס" הויף פלעגט איינפריהרען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אונזער סקייטינג סעזאָן. ווער האָט באַדאַרפט סקייטס? מיר האָבען קיינמאָל געהערט פון אַזאַ נאָמען. מיר פלעגען זיך אַ לאָז טהאָן מיט אונזערע קינדערשע פּיסלאַך — פון איין ברעג טייך צום צווייטען ברעג אָהן אַן אָפּשטעל. ווער עס האָט דאָס ניט געקענט באַווייזען, איז פון אונז פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַ גראָבען קאָפּ. וואָס עס האָט געהאַט צו טהאָן ניט קענען זיך גליטשען מיט אַ גראָבען קאָפּ, ווייס איך נאָך ניט ביז היינט. ניט איינמאָל פלעגט טרעפען, אַז אימיצער פון אונזערע חברים פלעגט פאַלען און מאַכען אַ לאָך אין קאָפּ. נו! איז וואָס? געבראַכט אַהיים, צוגעלייגט צום לאָך אַ שטיקעל פרישע ברויט און די אָפּעראַציע איז געלונגען. דער קאָפּ איז געבליבען אַ קאָפּ. דאָס איז געווען אַ טייל פון די פאַרווייי־לונגען פון אונזערע קינדערשע יאָהרען.

שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין ארויס פון די קינדער יאָהרען, אויסגעוואַקסען, און געקומען צו אונזער באַוואוסטזיין, האָבען זיך אויך געביטען אונזערע פאַרוויילונגס־פּלעצער; מיר האָבען שוין אָנגעפאַנגען שפּאַצירען „אונטער׳ן גלח", דער אונטער׳ן גלח האָט ווירקליך געדאַרפט פאַרשרייבען ווערען אין דער רוסישען געשיכטע. דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען אויסצופאָרמירען די ראַדיקאַלע אידעען, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען ביי אונזער יוגענט, און מעגליך, ווען ניט דער אונטער׳ן גלח, וואָלט נאָך ביז היינט ניקאָליי דער צווייטער געזעסען אויפ׳ן טהראָן. יעדען פאַרנאַכט, איבערהויפּט שבת, פלעגט דער שפּאַציר זיין אין פולען גאַנג. פיעלע פון אונזערע יעצטיגע שוועסטער און ברידער פון אונזער סאָסייעטי, האָבען דאָרט מיט דעם גאַנצען ברען פון זייער יוגענט, זיך אריינגעוואָרפען אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, אויסגעדריקט זייער האַס צו דער רעגירונג און צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דורך זינגען פאַרשיידענע ליעדער און אין דער זעלבער צייט

זיך היטען פון פאַרדעכטיגע אויגען. איך מיט מײַנע חברים פלעגען זעהר הנאה האָבען פון דער פרייער אַטמאָספערע און מיר פלעגען דאָרט, שפּאַצירענדיג אונטער דעם פרייען הימעל, פון ביידע זייטען באַוואַקסען מיט גרינע פעלדער און בוימער, געפונען דעם ריכטיגען פּלאַץ צו סטימולירען אונזער דענקונגס־קראַפט, צו פאַרלאַנגען אַ פרייערע — און בעסערע מענטשהייט.

פון אַלע מיינע חברים איז אַלטער ערבארעם געווען מיין חבר מובהק, ד. ה. אַ חבר פאַר פיעלע יאָהרען. ער איז געווען אַ בחור׳ל מיט גוטע פייהיגקייטען, גוטע תפיסה און שכל הישר.

אין די פריהערדיגע יאָהרען האָבען מיר צוזאַמען געלעהרענט אידישע למודים, ווי תלמוד און העברעאיש, נאָכהער זיך פלייסיג געלעהרענט די רוסישע שפּראַך און מאַטעמאַטיק, און אַזוי זיינען מיר פאַר פיעלע יאָהרען געווען ענג צובונדען איינער צום צווייטען. מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז צו אונז צוגעקומען נאָך אַ חבר מיט אַ גאון׳ישען קאָפּ, אַ זוהן פון אַ באַריהמטען גדול, בעריל ר׳ ברוכ׳ס ע״ה. ער איז אָבער שפּעטער געוואָרען אַן אויסגעשפּראָכענער רעוואָלוציאָנער און איז פאַרשיקט געוואָרען אין סיביר, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפען געוואָרען נאָך אַמעריקע, וואו ער איז מיט עטלעכע יאָהר צוריק געשטאָרבען.

עס האָט אויך ניט געפעהלט אין אמדור די לומדים און משכילים, וועלכע זיינען געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערען גייסט; זיי האָבען אויך —געוואָלט פריי ווערען פון צאַריזם, זעהן אַ בעסערע וועלט, אַ בעסערע מענטשהייט. עס איז אַ פאַקט, אַז ווען אַ געוויסער בחור פון גראָדנא איז געקומען אין אמדור און געהאַלטען אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע אין גרויסען בית־המדרש, האָט איינער פון די גרעסטע לומדים און שעהנסטער בעל־הבית אין אמדור געוואָלט אויך האַלטען אַ רעדע דאָרט, נאָר צוליעב מורא פאַר׳ן אוריאַדניק האָט ער זיין באַשלוס ניט דורכגעפיהרט.

כאָטש אַמדור איז ניט געווען קיין אינדוסטריעלער צענטער, און אמדור האָט ניט פאַרמאָגט קיין איין פאַבריק, וואו עס זאָלען ארבייטען אַ געוויסע צאָל ארבייטער, איז דאָך אַמדור ניט אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלאָך ארום. אין געגענטהייל, אמדור האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר באַוועגונג־טהעטיגקייט אין דער שטורמדיגער פעריאָדע אין איז אין גאַנצען געגענד געווען באַוואוסט אַלס אַזעלכע.

ווי שעהן און ערהאַבען עס זיינען געווען יענע גליקליכע טעג, וועלכע זיינען איינגעקריצט אין מיין זכרון און וועלען פון מיר קיינמאָל פאַרגעסען ווערען.

איצט, אַלס מיטגליד פון דעם פאַראיין פון דער אַמאָליגער יוגענט, פיהל איך מיך גליקליך צו אויסדריקען מיין האַרציגע באַגריסונג צו אַלע בויער און טוער פון דער סאָסייעטי, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון מיין ליעבע שטעטעלע אַמדור.

פון מ אַ ק ס י ע ל י נ ג ע ר
(פינאַנס סעקרעטאַר).

(25 יאָהריגער יובילײ־זשורנאַל, אַמדורער בענעוואָלענט סאָסייעטי, 1937).

צו אַלע מיטגלידער און באַאַמטע פון „חברה בני אהרן אנשי ווילקאָמיר״.

מיינע טייערע שוועסטער און ברידער!

אונזער גרויסער מנגן און פּאָעט דוד המלך, זאָגט ערגעץ אין תהילים: „לך דומיה תהילה״. דערמיט דריקט ער אויס דעם געדאַנק, אַז געבענדיג שבחים צו דעם בורא עולם, איז פאַראַן אַזוי פיעל צו זאָגען, אַז דאָס „שווייגען אַליין איז דער גרעסטער לויב־געזאַנג״.

איך געפין זיך איצט אין אַן ענליכער לאַגע. היינט שבת, יאַנואַר 23טער, 1937 — אין דעם גרויסען „טאָג פון טעג״ פון אונזער ג אָ ל ד ע נ ע ם י ו ב י ל י י א ו ם — וואָלט זיך וועלען — אַזוי פיעל זאָגען און אויסדריקען די געפיהלען פון נחת און עונג רוח, וואָס שווימען אַריבער די גייסטיגע ברעגען פון מיין נשמה און האַרץ, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך וועגען דעם.

היינט, מיינע ברידער, זיינען מיר אַלע ווי איינער פאַראייניגט אין געדאַנק און געפיהל צו פייערען מיט פּראַכט און גלאַנץ דעם ערשטען „יובל״ אין דער גלאָררייכער געשיכטע פון אונזער באַליבטער ווילקאָמירער חברה.

מיר אידען מעגען שטאָלצירע דערמיט, וואָס צווישען די פיעלע קולטור־אוצרות, וואָס אונזער פאָלק האָט בייגעשטייערט צו דער מענטשהייט אויף פאַרשיידענע געביעטען, געפינט זיך אויך די הערליכע יובל־אינסטיטוציע, איינגעפיהרט פון משה רבנו אַלס אַ פעריאָדישער 50 יאָהריגער נאַציאָנאַלער יום־טוב. די אומות העולם האָבען עס איבערגענומען פון דער אידישער תורה, אַביסעל ענדערענדיג דאָס העברעאישע וואָרט „יובל״ אין יובילייאום.

מיר, ווילקאָמירער, אָבער פייערען היינט דעם אמת׳ן אָריגינעלען אידישען יובל, וואָס איז אַ נאָבעלער סימבאָל פון 50 יאָהר אַחדות און האַרמאָניע אין אונזערע רייהען, אין משך פון צוויי דורות — עלטערען און קינדער.

פונקט אַזוי ווי דער מענטש באַשטעהט פון צוויי טהיילען — נשמה און גוף, אַזוי באַשטעהט אויך אונזער חברה פון צוויי עלעמענטען: אַ גייסטיגער און מאַטעריעלער. דער ערשטער באַזאָרגט אונזערע מיטגלידער מיט גייסטיגע און רעליגיעזע זאַכען פאַר זייערע נשמות; און דער צווייטער — מיט בענעפיטס פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען, ווי: „עמוירדזשענסי פאָנד״, „אַלד אײדזש פאָנד״, און אַזוי ווייטער. ביידע זאַכען זיינען אַבסאָלוט נויטווענדיג

פאַר יעדען פראָגרעסיווען מענטשען: אַ גייסטיגער צענטער מיט הונדערטער אמת׳ע, לאָיאלע פריינד, און מאַטעריעלע בענעפיטען פאַר די מיטגלידער.

איך האַלט עס פאַר אַ גליקליכען צופאַל און גרויסען פערזענליכען כבוד פאַר מיר, דאָס גראדע אונטער מיין אדמיניסטראציע, קומט אונז אויס צו פייערען דעם הערליכען היסטאָרישען 50־יאָהריגען יובילייט פון אונזער חברה, און איך האַלט דעם היינטיגען טאָג פאַר איינעם פון גליקלאַכסטע אין מיין לעבען!

האָבענדיג אָפּגעאַרבייט 12 יאָהר אין אונזער אָרגאניזאציע, פריהער אַלס איינפאַכער „סאָלדאט", און ווערענדיג שפּעטער באַעהרט דערוועהלט צו ווערען צום דריטען מאָל צו דעם העכסטען אַמט פון „טשיף עקזעקוטיוו", איז די חברה געוואָרען אַ טהייל פון מיין „איך", און איך בין גרייט צו דינען איהר מיט לייב און לעבען, אַזוי לאַנג ווי איהר וועט עס פון מיר פאַרלאַנגען.

זייט־זשע מיר אַלע געגריסט פון טיפען האַרצען, מיינע ליעבע ברידער און שוועסטער און חברים, צו אונזער גרויסער שמחה, און מיין אויפריכטיגער וואונש און האָפנונג איז, אַז מיר זאָלען אַלע דערלעבען צו פייערען אונזער „דיימענטענעם" 75טען יאָהר־פעסט בשלום ונחת און מיט פרעהליכע געמיטער, בתוך כל אחינו בני ישראל, אמן!

פון פרעזידענט **יוסף גראָוויץ.**
(50־יאָהריגער יובילעי־זשורנאַל, אַנשי ווילקאָמיר)

מיין רייזע נאָך קריניק

איהר ווייסט דאָך, איך האָב געהאַט דעם גליק אָדער אומגליק צו באַזוכען ניט לאַנג מיין אַלטע היים קריניק, און וואָס איך האָב דאָרטען געזעהן, האָט זיך איינגעקריצט טיף אין מיין האַרצען און מח, און עס וועט מיר שוין מסתמא באַגלייטען מיין גאַנצען לעבען.

שרייבען אַלץ וועט מיר פאַרנעמען צופיעל צייט, און דער פּלאַץ ערלויבט ניט — וועל איך זיך באַגנוגענען מיט עטליכע שטריכען פון איצטיגען לעבען דאָרט.

גייסטיג שטעהט די קליינע שטעטעלע קריניק זאָגאַר ביי איצטיגען שווערען צושטאַנד פיעל העכער ווי פיעלע אַנדערע גרעסערע שטעט, כאָטש עקאָנאָמיש מאַטערט זי זיך מיט׳ן טויט צו גלייך, ווי גאַנץ פוילען. דאָך האַלט זי אויס זעהר שעהנע אינסטיטוציעס. די ראדיקאַלע אַרבייטער האַלטען אויס אַ שעהנע אידישע קינדער שולע פון זעקס קלאַסען מיט אַן אָווענד שולע פאַר גרויסע אויפ׳ן נאָמען פון ש. אַנ־סקי׳ן. האָבען אויך אַן אינטערעסאַנטע שעהנע ביבליאָטעק, באַזיצען אַ גאַרבער פּראָדוקטיוו פאַראיין און אַ קאָנסום קאָאָפּעראטיוו. אויך אַ דראַמאַטישען קלוב, וואו זייערע פעהיגע באָיעס און מיידלאַך שפּיעלען פיעלע זאַכען זעהר געלונגען. איך האָב געהאַט דעם גליק צו געפינען אַמאָליגע מיינע חברים אין דער שפּיצע פון די אַלע אינטערעסאַנטע אינסטיטוציעס. זיי זעהען אויס שרעקליך אַלט, צעבראָכען, פאַרמאַטערט פון די שווערע יאָהרען מלחמה, רעוואָלוציעס. אָבער דער גרויסער אַרבייטער אידעאַל שיינט אַרויס פון זייערע אויגען, און אַ סך, אַ סך אַנגענעהמע שטונדען האָב איך פאַרבראַכט מיט זיי.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דאָס בילד:

איינמאָהל האָב איך געהאַט דעם גליק צו זיין געלאַדען צום ערשטען יעהריגען יובילייאום פון זייער אידישער קינדער שולע. ביי אונז דאָ, אין דער נייער היים אַמעריקע, קען מען זעהר ווייניג זעהען אַזעלכעס.

קליינינקע שעהנינקע מיידעלאַך און אינגעלאַך האָבען געפייערט דעם יום טוב פון זייער ערשטען יאָהריגען שולעקזיסטענץ. אַלץ האָבען געפיהרט די קליינוואַרג. די גרויסע, די באַשאַפערס און זאָרגער פאַר דער שולע, האָבען אויסגעזעהן ווי צושויערס. בלויז אַ שעהן בלאָנדע מיידעלע איז געווען דער „טשערמאַן" (טשערליידי) פון אָווענט.

עס שיינט מיר נאָך פאַר די אויגען דער בילד ווי דער „טשערמאַן" האָט זיך געווענדעט צו מיר: „מיר פאַרלאַנגען דער ווערטהער חבר לייבקע שיין זאָל אונז וואָס זאָגען!". ווען איך שעם זיך ניט פאַר די לעבעדיגע קליינוואַרג, וואָלט איך פון פרייד זיך פונאַנדערגעוויינט.

איך האָב זיי געזאָגט אומגעפעהר פאָלגענדעס:

„מיר דוכט זיך עס איז אַ טרוים. מיר, אַמאָליגע קעמפער, וועלכע זיינען איצט אַ טייל פון אונז אין דער ווייטער וועלט אַמעריקע, וואָס מיר פלעגען האַלטען אונזערע פאַרזאַמלונגען (סאָבראַניעס) געהיים אין ווירינעס וועלדלאַך. אַמאָל, אין די יאָהרען איידער דער רעוואָלוציע, ווען פילע פון אייך, קינדערלאַך, זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, בין איך אַנטלאָפען פון אונזער אַלטער היים קריניק נאָך אַמעריקע, האָבען מיר פאַרזייהט דאָ בלומען אויף די פעלדער. איצט בין איך איינער פון פיעלע פאַרטראָגען געוואָרען אויף אַ ווילע צוריק אין מיין אַלטער היים, און אָפּזעהענד די שרעקליכע ווינטען און שטורעמס, האָב איך געפונען די גאַנצע פעלדער פול מיט שעהנע בלומען. דאָס זייט איהר, מיינע ליעבע קינדערלאַך, דאָס זייט איהר אַ טייל פון מיין טרוים אין דער ווירקליכקייט. אויסגעדאַרטע, צעטריקענטע, פון קעלט בלויע הענטלאַך, אַפּלאָדירען... און מיר דריקט אין האַרצען אַ טרעהר...

נאָכדעם האָבען מיר די עלטערע חברים מיט די קינדערלאַך געפיהרט צייגען זייער אויסשטעלונג. אייגענע געמאַכטע צאַצקעס פון קאָלירטע שטיקלאַך וואַרע און פּאַפּיר, פאַרשיידענע אויסשטריקונגען. אַלץ געמאַכט פון די קינדער. זעהר וואונדערבאַר, אַלץ לעהרענט מען זיי אין דער שולע. נאָכדעם איז געהאַלטען געוואָרען רעדעס פון גרויסע און קליינע, שילדערענדיג זייער ביטערע לאַגע פּאָליטיש. און די הויפּט זאַך עקאָנאָמיש אין אויסהאַלטען זייער שולע. צום סוף האָבען די קינדערלאַך געזונגען ליעדער און זיך אַוועקגעלאָזען טאַנצען. זיי האָבען געבעטען

גריסען איך אַלעמען אין דער ווייטער זאַטער אַמעריקע.

אין די אָווענטען לערנען זיך די עלטערען לעזען און שרייבען אין דער זעלבער שולע. אויך האָבען זיי דאָרטען עטליכע מאָל אין וואָך לעקציעס און דעבאַטען, אין וועלכע איך האָב געהאַט די עהרע זיך צו באַטייליגען עטליכע מאָל.

אַ צווייטען מאָל איז מיר אויסגעקומען בייצוואוינען אַ האַרציגען בילד אין זייער ביבליאָטעק. געטראָפען אַ היפּשע ביסעל קינדער אין „אָטשערעד" צו קריגען אַ בוך. אונזער אַלטער באַקאַנטער אומגליקליכער בלינדער חבר אברהם שמואל האָט ארומגעבלאָנדזשעט ארום זיי... און אויך חבר איצקע ארענרובעניכעס איז דאָרטען געווען מיט נאָך עטליכע חברים, וועלכע נעמען איך קען זיך איצט ליידער ניט דערמאָנען. חבר'טע פורמאן, דוכט זיך, האָט ארויסגעגעבען די קינדער ביכער און פאַרשריבען אין פאַרוואַלטונגס בוך.

און מערקווירדיג, קינדערלאך אין לאַפּטשעס און שמאַטעס, אַלע הונגעריגע און גריבלען זיך אין בוך. איך פרעג אַ אינגעלע: פאַרוואָס טראָגסטו אַזעלכע גרויסע שיך. עס גיט אַ ברען א פייער אין זיינע אויגעלאַך און ער זאָגט: איהר ווייסט, פאַן דעלעגאַט, דאָס איז דער מאַמעס שיך, אַלעמענס שיך זיינען צעריסען לאַנג. דער מאַמען די שיך געשיקט אַ מומע פון אַמעריקע. איצט געהען אַלע באָרוועס. עס איז טאַקע קאַלט, אָבער עס איז ניטאָ, וואָס קען מען מאַכען... אַז מען וויל זיך אין ערגעץ אַריבערכאַפּען, טוט מען אָן די שיך, איך בעט די מומע זאָל שיקען פאַר אונז ווידער שיך... זאָל זיין אַלטע, אַבי שיך.

צום ענדע פון מיין פאַרלאָזען זיי, — האָט דער בונד מיט די איבעריגע אַרבייטער אינסטיטוציעס פאַראַנשטאַלטעט פאַר מיר אַ באַנקעט (אַ פּראָשטשאלני וועטשער), וועלכער האָט מיר איינפאך איבערראשט אין אַלץ. ריהרענדיג איז געווען דער געזעגענען זיך מיט זיי אַלעמען. חבר גאָטליב'ס רעדע הער איך נאָך איצט. טראגיש איז געווען דער זעגענען זיך מיט דעם אומגליקליכען בלינדען חבר אברהם שמואל'ן. דאָ האָבען שוין ניט געהאָלפען מיינע טרייסטווערטער... אַ שטראָם מיט טרעהרען פון זיינע בלינדע

(וואַלד-קעמפּ פאַר יתומים אין קרינק. אויסגעהאַלטען פון די קרינקער סאָסייעטיס אין אַמעריקע).

אויגען און מיינע אויגען האָבען זיך פאַראייניגט...

יאָ, קרינקיק לעבט און שיינט גייסטיג, און פוילט עקאָנאָמיש. האָבען צו זאָט אַ שטיקעל ברויט מיט אַ בולוויצקע איז אַ לוקסוס זאַך. אין קרינקיק האָב איך געפונען אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, דאָס הייסט אידען, וועלכע באַלאַנגען ניט צו קיינע פּאַרטייען, אָבער אַז עס קומט אַ צרה, אָפּפערען זיי זיך פאַר'ן כלל ישראל. זעהר שעהנע ערהאַבענע נשמות, וועלכע זיינען אַ זעלטענהייט ביי איצטיגע שווערע באַדינגונגען אין דער אַלטער היים. איך האָב געהאָט גרויס פאַרגעניגען טרעפען זיך מיט זיי ביי פאַרשיידענע מיטינגען און באַראַטהונגען. וואָלט נאָר די עקאָנאָמישע לאַגע געוואָרען אַ בעסערע דאָרטען, וואָלטען זיי געשיינט ווייט-ווייט אויס קרינקיק. ווי אין גאַנץ פוילען, איז די לעצטע יאָהרען אויסגעוואַקסען אויף די רואינען פון די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטייען אַ נייע פּאַרטיי. דאָס איז פּאַרטיי, וועלכע איז געווען לעגאל פאַר אַלע רעגירונגען. און אפשר אַ דאַנק דעם רואינירטען אידישען לעבען ,האָט זי זיך גוט איינגעפעסטעט, וועלכע איז מיט איהרע פיהרונגען געראָטען ריכטיג אין דער פוילישער רעגירונג. אַז מען איז געוואָרען פון שקלאַפען רעגירער, מעג מען די גאַנצע וועלט אין דער ערד האָבען און נעהמען זיך פאַרניכטען די שוואַכערע. דאָס איז, צו שאַנד זאָל אונז ניט זיין. די ציוניסטען פוצען זיך נאָך אויס אין שעהנע פעדערען און שרייען: „מיר זיינען פאַר'ן גליק פון אידישען ארבייטער"... נאָר ציהט מיר ניט פאַר'ן צונג, ווייל איך וועל אייך דאַרפען דערצעהלען פון ניט קיין זויבערע מיטלען, וואָס זיי ווענדען דאָרטען אָן צו לייגען אין דער ערד דעם אמת'ען אידישען אָרעמען ארבייטער מיט די ארבייטער אינסטיטוציעס. ניט ווייניג צרות האָבען זיי שוין פאַרשאַפט די אידישע סאָציאַליסטיש-געזאָנענע אַרבייטער אין דער אַלטער היים. זיי האָבען גראדע אין קרינקיק זעהר אַ שעהנע שולע, אָבער עס איז אַלץ אין ציוניסטישען שאָוויניסטישען גייסט.

:—: :—:

האַרציגע פריינד פון מיין ליעבען קרינקער ברענטש! צום שלוס ערלויבט מיר אייך באַגריסען, אָפּגעבען מזל טוב צו אונזער פופצעהן-יאָהריגען פאַראייניגונג.

גוט יום טוב אייך, מיינע פריינד! איך האָב לײדער ניט דעם גרויסען כבוד זיין איינער פון די ערשטע גרינדער פון קרינקער ברענטש. עס איז דערפאַר, וואָס איך בין אַריין אין ארבייטער רינג גלייך ווי איך בין אין אַמעריקע געקומען בעפאָר די קרינקער זיינען געקומען צום געדאַנק צו גרינדען אַ ברענטש. און אַ לאַנגע צייט האָט מיר יענער ברענטש ניט געוואָלט ארויסלאָזען פון זיי. נו, האָב איך באַלאַנגט צו די פרעמדע, און געקומען זעהר אָפט צו די מיטינגען פון קרינקער ברענטש, און פאַר דעם בין איך דאנקבאַר דער אראנדזשמענט יובילייאום קאָמיטע, וואָס זי האָט מיך אויסגעקליבען און געגעבען דעם כבוד שרייבען די היסטאָריע פון קרינקער ברענטש, און איך האָב טריי געטהאָן מיין פליכט.

ווערטהע חברים פון אונזער פופצעהן יאָהריגען יובילייאום-קאָמיטע: נעהמט אָן מיין האַרציגען דאנק פאַר אָנטרויען מיר אַזאַ שעהנע, גרויסע ארבייט, וועלכעס האָט מיר פאַרשאַפט אַ וועלט מיט שעהנע ערינערונגען און פאַרגעניגען, שרייבענדיג די היסטאָריע פון אונזער באַליעבטען ברענטש און פון מיין ליעבער אַלטער היים קריניק, וואו איך האָב נאָך גאַנץ יונג דערזעהן די שעהנע ליכט פון גרויסען סאָציאַליסטישען גייסט, אין וועלכען איך האָב אין מיינע יונגע יאָהרען זיך אָנגעשלאָסן אָן גרויסען קאַמף פאַר וועלכען איך האָב באַצאָלט אַ גרויסען פרייז, אָפּפּינסטערנדיג 2 יונגע יאָהרען אין די שרעקליכע קאַזעמאַטען פון גראָדנער באַסטיליע (אָדינאָטשקע), שרייבענדיג דאָס אַלעס, איז פאַר מיינע אויגען דורכגעשוואומען ווי אין אַ קינעמאַטאָגראַף מיינע אַלע יאָהרען פון קאַמף און ספּעציעל די לעצטע פופצעהן יאָהרען מיט אייך. מיינע האַרציגע חברים און פריינד אין ברענטש, זאָלען מיר ווייטער ארבייטען פאַר'ן וואָהל און בעסטען פון אונזער ליעבען ברענטש.

איך ווינטש אייך אַלעמען, לאָמיר אַלע דערלעבען פייערען דעם פופציג יאָהריגען יובילייאום פון אונזער ברענטש!

לאָמיר אַלע דערלעבען נאָך זעהן אַלעס אַ ווירקליכקייט די אידעאַלען אין לעבען, וואָס די באַשאַפערס פון אַלגעמיינעם אַרבייטער רינג האָבען אָנגעשריבען פאַר אונז!

לאַנג לעבען זאָל דער ארבייטער רינג!

לאַנג לעבען זאָל אונזער ליעבער קרינקער ברענטש 389 ארבייטער רינג!

ל. ש י י ן (לייבקע נאָסקעס)

(15-יאָהריגער יובילײ-זשונאַל, קרינקער ברענטש 389, א. ר., 1924).

די געשיכטע פון יציאת מצרים ביי די בריקלייערס.

עס איז אַ לאַנגע געשיכטע צו דערצעהלען ווי אַזוי אונזערע ביאַליסטאָקער בריקלייערס האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין. עס קלינגט באַלד ווי אַ געשיכטע פון יציאת מצרים, נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס פון מצרים זיינען די אידען באַפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי, און דאָ ביי די בריקלייערס האָט זיך די שקלאַפעריי ערשט אָנגעפאַנגען אויף אַ פרישען קאָן.

די מעהרסטע פון אונז זיינען אַוועק פון דער אַלטער היים צוליב עקאָנאָמישע אורזאַכען, ווייל דאָרט אין ביאַליסטאָק איז ניט געווען וואָס צו טאָן, מיר זיינען געקומען אין אַמעריקע אָרים און עלענד, גרייט צו פאַרקויפען אונזערע כחות און אַרבייט צו מאַכען אַ לעבען פאַר ווייב און קינד.

מיר האָבען זיך די ערשטע צייטען אַרומגעבלאנקעט איבער די גאַסען פון דער גרויסער שטאָט, פרעמדע ווי גרים און געזוכט אַ באַקאַנטען לאַנדסמאַן.

מיר האָבען זיך גענומען צונויפטרעפען מיט נאָך בריק־לייערס. אונזער בירזשע איז געווען אויף העסטער און עסעקס סטריטס, אָדער אויף פּיטקין און סטאָון עוועניוס אין בראָנזוויל, וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען אַלע סאָרטען אידישע בעלי־מלאכות און וואו מען פלעגט רעדען פון דער אַלטער היים, אָפּנעמען אַ גרוס פון אַ גרינעם וואָס איז געקומען און פאַרגעסען אַביסעל אין אונזער עלענדקייט. און פון אַט די צונויפטרעפונגען איז געבאָרען געוואָרען ביי אונז בריקלייערס דער געדאַנק צו גרינדען אַן אייגענעם פאַראיין. דער געדאַנק האָט דערגרייכט אַלע אונזערע מוליאַרעס איבער'ן שטאָט און מיר האָבען אין גיכען גערופען אַ פאַרזאַמלונג ביי איינעם פון אונזערע פריינד אין הויז און געגרינדעט אונזער סאָסייעטי. עס איז אַוועק אַ קורצע שטיקל צייט און מיר האָבען שוין געהאַט אַרום 300 מעמבערס. איז אָבער אין אַ צוויי יאָהר אַרום געוואָרען דער גרויסער קריזיס פון 1907 ווען אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט און די מעמבערס האָבען ניט געקענט צאָלען די דיוס. דערווייל האָט די סאָסייעטי שוין געהאַט געקויפט סעמעטערי און מען האָט ניט געקענט צאָלען די פּעימענטס פון דעם מאָרגעדזש, און גראַד האָט זיך געמאַכט אַז אונזער אַ מעמבער איז געשטאָרבען און די בעלי־בתים פון דער סעמעטערי האָבען דעם בר־מנן ניט געלאָזען באַערדיגען. עס האָט אויך געהאַלטען אַז מען זאָל ביי אונז די סעמעטערי צונעמען אין גאַנצען. איך בין דעמאָלט אַוועק אַלס קאָמיטע צו די בעלי־בתים פון דער סעמעטערי און מיט אַ סך אַרגומענטען און בקשות אָפּגעהאַלטען די גזירה און געראַטעוועט אונזער סעמעטערי. צוליב יענער ביטערער צייט זיינען אַ סך מעמבערס אַוועק פון דער סאָסייעטי, ווייל זיי האָבען ניט געקענט צאָלען די דיוס און דער פאַראיין איז געבליבען ביי 25 מיטגלידער.

אָבער צייטען בייטען זיך, עס איז שפּעטער געוואָרען אַביסעל בעסער, און די סאָסייעטי איז צוריק געוואָרען שטאַרקער, עס זיינען אַריינגעקומען נייע מעמבערס און אַזוי האָבען מיר דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרים ביז מיר האָבען אויסגעהאָדעוועט אונזער ביאַליסטאָקער בריקלייערס אַסאָסיאיישאָן צו אַזאַ פאַרנעם וואָס זי דאַרף זיך ניט שעהמען פאַר קיין שום אַנדער ביאַליסטאָקער סאָסייעטי. מיר האָבען גאָט צו דאַנקען דורכגעפיהרט שעהנע אַרבייט, געטאָן גוטע נאָבעלע זאַכען פאַר אַלע לאַנדסלייט און מיר האָבען איצט דערלעבט צו פייערען אונזער 30 יאָהריגען יובילעאום. איך וויל דעריבער האָפען, אַז מיר וועלען אַלע אויך דערלעבען צו פייערען אונזער גאָלדענעם יובילעאום.

פון גרשון טאַרטאַצקי

(„ביאַליסטאָקער פונדאַמענט", צום 30 יאָהריגען יובילייפון די ביאַליסטאָקער בריקלייערס, 1935).

מיינע ערינערונגען פון מיין אַלטער היים צום 25טען יעהריגען יום-טוב.

איך וועל טרייען צו פאַרגלייכען מיין אַלטע און נייע היים, אויב איך וועל אויסלאָזען די אימפּרואוומענטס וואָס הרובישאָוו האָט מעהר ווי ניו יאָרק, וועט איהר מיר ענטשולדיגען. ניו יאָרק איז אַן אינזעל און האָט אַרום זיך 4 בריקען: ברוקלין, מאַנהעטען, וויליאַמסבורג און קווינס־באָראָ. הרובישאָוו איז אויך אַן אינזעל און האָט אויך 4 בריקען, די בריק קיין חעלם, קיין זאמאָשטש און אויף פּיהערי און צו סווינטין. ניו יאָרק האָט 2 גרויסע פּאַרקס: סענטראַל און ווען קאָרטלאַנד. הרובישאָוו האָט אויך צוויי פּאַרקס, דאָס מאַרק סעדיל און דאָס קלויסטער סעדיל. ניו יאָרק האָט פּאָבליק סקולס, היי סקולס און קאָלידזשעס, הרובישאָוו האָט אויך געהאַט פּאָבליק סקולס, שוהל, מלמד, קריליוווער מלמד און דער לאַנגער אברהם, היי־סקול ביי טראַטעל מלמד, קאָלעדזש ביי חיים מאָנישען. ניו יאָרק האָט גרויסע טעאַטערס, די ראָקסי און פּאַראַמאָונט זיינען 2 פון די, הרובישאָוו האָט אויך געהאַט טעאַטערס, די שאַפּי פון דער פּאַושאַרני קאָמאַנדע און נאַפּט סעדיל; ניו יאָרק האָט גרויסע האָטעלען: פּענסילווייניא און קאָמאָדאָר, הרובישאָוו האָט אויך האָטעלען, יודיל קיניגס און מענדיל גוטמאַנס. ניו יאָרק האָט די גרעסטע סטאַק מאַרקעט וואָס עס געהט אָן ביזנעס אויף הונדערטער מיליאָנען, הרובישאָוו האָט אויך אַ סטאַק מאַרקעט אין רב'ס בית המדרש לעבען אויווען, נאָר די מיליאָנען האָט מען נאָר אין די געדאַנקען. הרובישאָוו האָט אויך עקספּרעס טריינס, משה שיע'ס באַהן און משה פּיהרערס לאָקאַל באַהן. הרובישאָוו האָט אויך אַ קאָני איילאַנד, אָבער מען באָדט זיך מעהר באַקוועם. נאָר פרייטאָג פאַרנאַכט שטערט דאָס אַביסעל די פרויען צום ליכטבענשען. הרובישאָוו האָט אַ רעזערוואַר פון וואַנעט מען קריגט די וואַסער, דער פּלומפּ אין מיטען מאַרק. עס איז אויך דאָ אַ האָלאַנד טונעל, די פּריוואַליס צום וואַנוס טייך. ניו יאָרק האָט די בעסטע פייער אַלאַרמס און הרובישאָוו ווען מען קלינגט דעם גלאָק אין מיטען מאַרק, לויפט די גאַנצע שטאָט, נאָר צו לעשען דעם פייער איז ניטאָ וועהר. הרובישאָוו האָט אַ ריווערסייד דרייוו און דאָס איז די פּיינסקי אַליצע.

אויב איך האָב עפּעס פאַרגעסען נאָך 25 יאָהר אַוועק זיין פון מיין אַלטער היים, וועט איהר מיר ענטשולדיגען.

פיני שעכטער

(25־יאָהריגער סואווניר־זשורנאַל ערשטע הרובישאָווער ק. א. פ., 1930).

אַ בריק צווישען ניו יאָרק—לובלין

צו בויען אַ בריק איבער אַזאַ וויטער שטרעקע קלינגט ווי אַ חלום, אָבער די טעכנישע וויסענשאַפט האָט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר געמאַכט אַזאַ אומגעהויער גרויסען פאָרטשריט, אַז „בילדען שלעסער אין דער לופטען" און ענליכע חלומות זיינען מעהר ניט קיין פאַנטאַזיע.

עס איז דאַריבער אויך ניט קיין פאַנטאַזיע, ווען מיר רעדען וועגען בויען אַ בריק צווישען ניו יאָרק און לובלין. אַ בריק נישט פון האָלץ, נישט פון שטאָל, וועלכער קאָן זיך בויגען אָדער פלאַצען אין אַ גרויסען שטורעם, נאָר אַ בריק וואָס זאָל פאַרבינדען דורך דיניקע האַרץ־פעדים אונזערע אין לובלין מיט די לאַנדסלייט אין ניו יאָרק און אַלע אַנדערע טיילען פון דער וועלט, וואו נאָר לובלינער געפינען זיך. און מיט דער אַנטשטייאונג פון פאַראייניגטען לובלינער רעליעף, האָבען מיר געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר אַזאַ פאַרבינדונג. מיר האָבען געשאַפען דעם לאַנג־געוואונשטען אַדרעס, וואו לובלין קאָן זיך ווענדען און אויסגיסען איהר ביטער האַרץ.

ווער פון אונז האָט נישט אַמאָל געהאַט אַ שלעכטען חלום? אַ חלום וואָס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט ווערט מען געוואָרפען אין פייער אָדער אין וואַסער אָדער גלאַט אין אָפּגרונט און עס ווילט זיך ראַטעווען, עס ווילט זיך שרייען נאָך הילף און דאָס לשון ווערט מיטאַמאָל אָפּגענומען. ווער האָט נישט איינמאָל אין לעבען געהאַט אַזאַ דערפאַרונג? — אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך „אונזערע" אין לובלין, אָבער נישט אין אַ חלום, וועלכער דויערט בלויז איניגע סעקונדען, נאָר אין דער ווירקליכקייט — טאָג־איין טאָג־אויס, ווי אין אַן אייביגען קאָשמאַר. עס איז פאַרבאָטען צו רעדען זאָגאַר וועגען אַ מעגליכקייט צו קריגען הילף, צו טראַכטען וועגען דער מינדעסטער האָפענונג.

עס דראָהעט אַ געפאַר אַלע אידישע אינסטיטוציעס. וועגען שפיטאָל שרייבט אַ אידישער דאָקטאָר פון לובלין:

„די גרויסע נויט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין לובלין, די שרעקליכע וואוינונגס־באַדינגונגען,ביי וועלכע אין איין צימער קענען זיך געפינען צוויי־דריי פאַמיליעס, האָט געצוואונגען די דירעקציע פון שפיטאָל ביסלעכווייז צו פאַרברייטערען די אָפּטיילונג פאַר געווינעריננס. און היינט צו טאָג פאַרמאָגט די אָפּטיילונג 15 בעטלאַך, וועלכע ווערען באַנוצט פון 400 געווינערינס און 200 אַנדערע פרויען קראַנקע יעהרליך. קען זיך ווער פאָרשטעלען וויפיל אויפמערקזאַמקייט און וויפיל צייט קען געגעבען ווערען אַ געווינערין אונטער אַזעלכע אומשטענדען? און אַפּליקאַנטען ביי די הונדערטער מוזען צוריקגעוויזען ווערען אויס מאַנגעל אין פלאַץ."

און דער דאָקטאָר פאַרענדיגט, אַז מען מוז אונטער אַזעלכע אומשטענדען פאַרגרעסערען די אָפּטיילונג פאַר געווינערינס. און קאָן דען זיין אַנדערש?

און די תלמוד־תורה? ווער געדיינקט עס ניט, און פילע פון אונז דאַרפען געדיינקען, וויפיל קינדער עס האָבען זיך באַנוצט מיט דער אינסטיטוציע. ווער געדיינקט עס ניט, ווען די קינדער האָבען זיך אַרויסגעלאָזט פון חדר, 8 אַזייגער אין אָווענט אין די ווינטער־נעכט, מיט לאַמטערענס אין די הענט, און שטאָלץ מיט דעם וואָס זיי האָבען געלערנט אַ גאַנצען טאָג. היינט זעט איהר ניט קיין קינדער מיט לאַמטערנעס, און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל עס איז דאָ עלקטרישע באַלייכטונג, נאָר דערפאַר, ווייל די קינדער גייען מעהר ניט אין חדר — זיי האָבען ניט קיין שטיוועלעך און וואַטאָווע קאַפּאָטקעלעך און אַ באַשליק, וואָס זאָל זיי פאַרהיטען פון די גרויסע קעלטען.

און ערגער פון אַלץ איז, וואָס די אָכראָנע איז פאַרמאַכט פאַר די אַלטיטשקע. די שטאָט־אַדמיניסטראַציע דערלויבט ניט די אַלטע צו זיין צוזאַמען מיט די קינדער — ווייל אין דעם זעלבען הויז איז אויך דאָ אַן אָפּטיילונג פאַר קינדער,— און זיינען בוכשטעבליך געבליבען אין די גאַסען און ניט איין פאַל טרעפט, אַז אַזאַ אַלטיטשקער, אַרומוואַלגערענדיג זיך, שטאַרבט אין גאַס.

די ישיבה חכמת לובלין באַקלאָגט זיך זעהר אויף איהר איצטיגען מצב. צאָהלונגען אויף די מאָרטגיידזשעס ווערען פעליג, די אַרבייט צו פאַרענדיגען דעם 6טען שטאָק פון דער געביידע צו מאַכען פלאַץ פאַר נאָך 100 יונגע לייט, איז אָפּגעשטעלט — און דער איינקונפט איז זעהר קליין.

פאַראַן אויך אין לובלין אַן אינסטיטוציע, וואָס מיר רופען אָן „נוירסערי". די מוטערס, וועלכע מוזען אַרויסגיין פאַרדינען, לאָזען די קינדער אין „נוירסערי" פאַר'ן טאָג. זעהר אַ נאָבעלע אינסטיטוציע. נאָר איין זאַך — זיי האָבען ניט קיין דירה, וואו צו האַלטען די קינדער איבער'ן טאָג. און ווען מען אַפּעלירט צו אונז אויך צו העלפען אויפבויען דאָס י. ל. פרץ פאָלקס־הויז, דאַרפען מיר האָבען אין זינען, אַז אין דעם הויז וועט געמאַכט ווערען פלאַץ פאַר דער „נוירסערי", אַזוי גוט ווי פאַר דער שול, אַזוי גוט ווי פאַר דער ביבליאָטעק, אַזוי גוט ווי פאַר גימנאַסטיק־איבונגען, פאַר'ן „מאָרגענשטערען קלוב", און אַזוי אַלע אינסטיטוציעס פון שפיטאָל ביז דער תלמוד־תורה און דער „נוירסערי" מוזען געהאָלפען ווערען. און די אויפגאַבע פון דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע „פאַראייניגטער לובלינער רעליעף" איז צו זאָרגען פאַר די אַלע אינסטיטוציעס, צו שיקען זיי ניט נאָר מאַטעריעלע הילף, נאָר אויך שטראַלען פון האָפענונג פאַר אַ בעסערען מאָרגען.

מ. בלומענשטאָק

(זשורנאַל: „פאַראייניגטער לובלינער רעליף", 1938).

אַ פאַראַלעל.

די חדרים און די מלמדים פון זאשקאָוו און די היברו סקולס פון ניו יאָרק

איך בין נאָך געווען כמעט אַ קינד ווען איך האָב פאַרלאָזט אָט דאָס שעהנע זויבערע שטעטעלע מיט דעם נאָמען „זאשקאָוו", אין וועלכען איך בין געבוירען געוואָרען, און

עס געדיינקט זיך זעהר ווינציג זאַכען, דאָך עפּעס געדיינק איך יאָ, נאָר עס איז ניט גענוג איינגעקריצט געוואָרען אין מיין מח אַז איך זאָל בכח זיין דאָס איבערגעבען אין אַן אַרטיקעל פון אַ זשורנאַל וואָס אַלע זאשקאָווער לאַנדסלייטע זאָלען עס לעזען און פאַרשטעהן, ווייל איך האַלט, אַז שרייבען פאַר אַן ענגען קרייז לעזער איז אַ סך שווערער ווי אַן אַלגעמיינע זאַך וואָס איז לעזבאַר פאַר יעדען אידען איבער דער גאַנצער וועלט. דערפאַר האָב איך גערען אָנגענומען דעם „דזשאַב". אָבער ווען עס קומט אַ באַפעהל פון „אויבען" מוז מען פאָלגען, און איך האָב מיך שוין אָנגעהויבען גרייטען זיך צו גריבלען אין מיינע זכרונות, אָבער עס געהט ניט... נאָר דורך אַ צופאַל וואָס איז ווערט דאָ צו באַשרייבען, האָב איך מיך דערמאָנט אין די מלמדים און חדרים פון זאשקאָוו. אָט הערט זיך צו, וועט איהר פאַרשטעהן וואָס איך מיין דערמיט:

מיינע קינדער — 2 בויעס, — געהען אין אַ היברו סקוהל, דאָס הייסט אַ גאַנצען טאָג לערנען זיי אין די רעגירונג סקוהלס די לאַנדעס שפּראַכע און נאָך פאַרשידענע אַנדערע לימודים. נאָר אין אָוונט געהען זיי אין אַ אידישען חדר, וואָס אין אַמעריקע הייסט עס, „היברו סקוהל" — מחיכא־תיתא, פאַרוואָס ניט? זאָלען קינדער, אידישע קינדער וויסען, אַחוץ וועלטליכע בילדונג, אויך אידישע בילדונג.

איך בין אַזאַ טאַטע וואָס האָב פיינט צו זיין אַן אינקוויזיטאָר, זיי אויספרעגען וואָס זיי לערנען, און ווי ווייט זיי האַלטען אין לערנען? גאָר ניט! איך האָב זיי געגעבען אַ פרייען אויסוואַהל,* נישט איך האָב זיי געצוואונגען, נישט איך האָב זיי אָפּגעהאַלטען, דאָס הייסט, אין האַרצען ביי מיר האָב איך מיך געפרייט וואָס מיינע קינדער האָבען אַ נייגונג דערצו. צו זיי וועלען פּראַקציטירען דאָס וואָס זיי לערנען צו ניט? דאָס איז אַן אַנדער פראַגע, אָבער אַז זיי זאָלען וויסען פון אידישקייט, פון אידישע היסטאָריע, אידישע געשיכטעס, די באַדייטונג פון אידישע ימים־טובים, א. ז. וו., דאָס האָב איך געוואָלט.

עס איז אפילו ניט שעהן פון אַ פאָטער צו לויבען זיינע קינדער, נאָר איך מוז צוגעבען אַז זיי לערנען מיט גרויס התמדה, זעהר פיין! איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען איך בין געווען פריי פון פאַרשידענע טאָג־טעגליכע פליכטען, האָב איך באַשלאָסען צו באַזוכען אָט די היברו סקוהל און זעהן אין אַלגעמיין ווי מען לערענט דאָ אין אַמעריקע, קינדער אידישקייט. און געהענדיג אויפ'ן וועג, האָב איך מיך דערמאָנט דעם חדר ווי איך האָב געלערענט אַלס קינד, און דעם אמת זאָגענדיג האָב איך זעהר ניט געוואָלט געהן אין חדר.

דער ערשטער מלמד מיינער איז געווען פרץ דער מלמד, מיט זיין זוהן „מיצעק" (דאָס מיינט ער, אברהם יצחק שוסטער, וועלכער איז יעצט אין אַמעריקע און אַ חשוב'ער מיטגליד פון זאשקאָווער פאַראיין, וועלכער איז געווען זיין „אַסיסטענט", דאָס הייסט אַן אַרויסהעלפער).

אָט זעה איך די גרויסע לאַנגע שטוב מיט דעם שטרויענעם דאַך, אינוויייניג, די פּאָדלאָגע אויסגעשמירט מיט געלע ליים, אַ לאַנגער און שמאָלער טיש וואָס ציהט זיך פון איין עק שטוב ביז'ן צווייטען עק. מיט לאַנגע ביינק פון ביידע זייטען טיש און קינדערלעך אויסגעזעצט אויף זיי, און סידורים'לעך בעפאָר זיי, און דער רבי ר' פרץ מיט דער לאַנגער באָרד זיצט פון אויבען, מיט אַ קאַנטשיק אין איין האַנט און מיט אַ טייטעל אין דער צווייטער האַנט, זיצט און קנעלט מיט זיי, ער זאָגט דאָס ערשטע וואָרט און אַלע קינדער ענטפערען מיט אַמאָל און עס ווערט אַ געשריי און אַ געפילדער אַזש צום טויב ווערען. און ביים אַנדערען עק טיש זיצט זיין זוהן „מיצעק" און אויך דאָס זעלבע, אַזוי אַ גאַנצען טאָג פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך, אויסער שבת.

ניט אומזיסט האָבען אַלע קינדער אויסגעזעהן אַזוי אויסגעדאַרט, איינגעהויקערטע, ניט געוואַשענע, ניט דערשלאָפענע.

מיר האָבען געוואָהנט, דאָס הייסט, מיין טאַטענס הויז איז געווען פרץ דעם מלמד'ס חדר און פון דער צווייטער זייט, שלום נעסיס חדר. דאָרט איז אויך אַ סך קינדער געווען, נאָר ניט אַזוי פיל, ווייל שלום נעסיס איז שוין געווען אַ גמרא מלמד, נאָר פון דעסטוועגען זיינען די גוואַלדען דאָרט געווען אויך אַזוי גרויס. און דערצו נאָך האָבען שלום נעסיס צוויי טעכטער געווען נייטאָרינס אָדער ווי מען פלעגט זיי רופען מאָדיסטקעס, האָבען זיי געהאַט זייערע 2 זינגער מאַשינען אין דעם זעלבען צימער וואו דאָס חדר איז געווען, אַלעס צוזאַמען איז געווען אַזאַ קאַצען־יאָמער מיט אַזאַ מיש־מאַש, אַז עס איז מיר נאָך ביז יעצט אַ וואונדער וואָסערע אייזערנע נערווען די מענשען האָבען געהאַט דאָס איבערצוטראָגען.

געהענדיג אַזוי מיט מיינע עראינערונגען ביז איך בין געקומען צו דער געביידע וואָס איך רופ עס אָן היברו סקול, און דאָ איז ערשינען פאַר מיר אַן אַנדער בילד: אַ שעהנע, גרויסע, גראַמע, ליכטיגע און ציכטיגע געביידע, וואָס מען זעהט לכתחילה, אַז דאָס הויז איז געבויט געוואָרען בלויז פאַר דעם צוועק. אינוויייניג איז אַלעס אויסגעשטעלט סימעטריש, יעדע זאַך וואָס איז באַשטאַנען פון אַזעלכע מעבעל וואָס מען באַנוצט עס בלויז צום לערנען. אַסך אָפענע פענסטער מיט גענוג פרישע לופט. די הילצערנע פּאָדלאָגע אַלעס געוואַשען ריין אַז עס שמעקט. און אַזוי שטיל, אַזוי אנגענעמען, דאַכט זיך אויך אַ סך קינדער, און גאָר ניט קיין טומעל. ערשטענס זיינען די קינדער אָנגעטאָן ריין, גאַנצע קליידער, פאַרקעמט, פאַרפּוצט מיט גלאַנציגע אויגען, פולע בעקלעך, באַוועגליך, רירעוודיג, מיט אַ שמייכעל, און די לעהרער, דאָס הייסט די מלמדים, אָן קאַנטשיקעס, אָן בערד, שעהנע עלעגאַנטע יונגעלייט, מיט קלוגע שאַרפע אויגען, אויך שעהן אָנגעטאָן, און דאָס לערנען איז ביי זיי גאָר אַ שפּיל אַזאַ.

אין דעם קלאַס וואָס איך האָב באַזוכט זיינען די קינדער געווען צוטיילט אויף צוויי כיתה'עס, צוויי אָפּטיילונגען, און

ביידע האָבען געלערנט, דאָס הייסט דאָס לערנען איז ניט באַשטאַנען אין שרייען און ליאַרמען, נאָר אין ענטפערען געוויסע פראַגעס; דער לעהרער האָט געפרעגט קשיות און די תלמידים האָבען געענטפערט, און וועלכע טייל תלמידים עס האָבען פאַרענטפערט ריכטיגער און בעסער די פראַגע אָדער פאַרטייטשט בעסער דעם זאַץ, אָדער בעסער געזאָגט די עברי, אָט די טייל האָט מען געגעבען מעהר „פוינטס". איך האָב זיך פאַראינטערעסירט און געוואָלט געניוער וויסען דעם גאַנג פון אָט דער פעדאַגאָגיע, האָט מיר דער הויפט־לעהרער ערקלערט אַז דאָס איז אַזאַ מין שפּיל, אַזאַ גיים, וועלכער עס ווייסט מעהרערע און קען בעסער, פאַרצייכענט מען מעהרער „פוינטס" פונקט ווי ביי אַ בייס־באָל גיים. דער וואָס טרעפט דעם באָל אויפ'ן ריכטיגען פלאַץ לויט'ן אָנגענומענעם שלחן ערוך פון באָל גיימס, דער קריגט מעהרער קרעדיט. דאָס הייסט, דער געווינט, ווערט דערביי אַרויסגערופען פון זיך אַליין אַ חשק צום ווען און צו קענען בעסער אום צו געווינען וואָס מעהר פוינטס. און אויסער דעם איז דאָס ביי די קינדער אַ פאַרווילעכץ, אַ שפּילעריי — און דערפאַר איז קיין וואונדער ניט וואָס מיינע קינדער געהען אַזוי שטאַרק מיט חשק אין היברו סקוהל, און ווי ווייניג חשק איך האָב געהאַט צו געהן אין זאשקאָוו אין „חדר".

ר ו ב י ג א ר א ב ע ץ (זאַוועל מאָטיס זוהן)

די פּעלשטינער פרוי.

די פעלשטינער פרוי איז ב"ה געווען באַשאָנקען מיט אַ פולער שטוב קינדער. צוליב די קינדער איז זי נעבאַך געווען צוגעבונדען צו די ד' אמות פון איהר אָרימער שטוב. כמעט אַלע פעלשטינער פרויען האָבען געטראָגען אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה, באַגלייך מיט'ן מאַן, און אין אַ סך פאַלען, אפשר נאָך מעהר ווי ער. די קינדער זיינען געווען ביי איהר דאָס אויג פון קאָפּ. וואָס וואָלט אַ פעלשטינער מוטער ניט געווען געטאָן פאַר איהרע קינדער? אויב מקריב זיין איהר לעבען וואָלט געווען געהאָלפען זיי מגדל צו זיין, וואָלט זי איהר לעבען געווען אַוועקגעגעבען מיט שמחה.

יעדע וואָך האָט די פעלשטינער פרוי געקנאָטען, געוואַלקעוועט און אָפּגעבאַקען אַ געבעקעל ברויט. ביטער איז געווען ווען זי האָט ניט געהאַט פון וואָס צו באַקען. טאַג־טעגליך האָט זי זיך, כמעט מיט ליידיגע הענט, ארויסגעלאָזט אין מאַרק אריין, מיט איין קינד אויף די הענט און מיט אַ צווייטען ביי איהר פאַרטוך, איינצוקויפען די באַדערפענישען פאַר איהר הויזגעזינד. איז איהר געלונגען, עפּעס ממשות'יגעס צו ברענגען אַהיים, איז עס איהר אָנגעקומען מיט ביטערע יסורים...

קומענדיג פון מארק אַהיים, אָן אויסגעמאַטערטע, האָט זי זיך גענומען איינהייצען אין „הרובע" אָדער אונטער דער „טרינעשקע", לויט דעם זמן פון יאָהר, אָפּצוקאָכען פאַר דעם מאַן און די קינדער אַ לעפעל געקעכץ.

דאָס האָלץ, מיט וועלכען זיך האָט איינגעהייצט איז, ווי אומיסטען, תמיד געווען פיטש־נאָס. ארויסצוציהען פייער פון דעם נאַסען האָלץ איז געווען אַ מין ציהען אָדערען פונ'ם גוף. האָט זי געבלאָזען און געבלאָזען אויף די נאַסע קלעצלאך, אָדער שפּענער ביז ס'האָט איהר געכאפּט שווינדלען אין די אויגען. אַמאָל איז זי גאָר פאַרפלאַמט געוואָרען און באַקומען אַ קאָפּוועהטאָג פון צופיעל בלאָזען אויף דעם — נאַסען האָלץ. און אַמאָל איז זי שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פונ'ם רויך, וואָס אנשטאָט צו ציהען דורכ'ן קוימען אינדרויסען, האָט ער געשפּאַרט איהר אין פנים אריין און אָנגעפיעלט די קיך ווי פאַרע פרייטאָג אין באָד.

אויף דער. נאַכט, ווען די קינדער האָבען זיך געלייגט שלאָפען, האָט זי זיך ערשט אַוועקגעזעצט פאַרלאַטען דאָס ביסעל — אָרימקייט, פאַרמערעזשען זאָקען, אָדער גאָר פליקען פעדערען. מיט פליקען פעדערען האָט זיך די פרוי פאַרנומען יאָהרען... זי האָט באַדאַרפט צוגרייטען קישענס — פאַר איהרע דערוואקסענע קינדער...

פרייטאָג, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו שאריען אויף טאָג, איז זי שוין געווען אויף די פיס, אַ גאַנצען טאָג ביז ליכט בענשען איז זי געווען פאַרטאָן מיט'ן שבת מאַכען: באַקען חלה, קאָכען, שטעלען טשאָלענט, פאַרקלעפען און אויסקאַלכען — דעם פאַררויכערטען אויוועך, געראהמט און געראהמט, כדי די „קויטיגע שטוב" זאָל אויסזעהן שבת'דיג... וואָס האָט אַ פעלשטינער אידענע ניט געטאָן איהר שטוב זאָל אויסזעהן שבת'דיג? זי האָט אפילו געבראַכט אויף די פּלייצעס ליים און דעם גאָלד־געלען זאמד פון גרוב אויף — אויסצושמירען די שווארצע ערדענע „פּאָדלאָגע" און נאָכדעם זי באַשיטען מיט זאמד. די פעלשטינער שטוב האָט געמוזט אויסזעהן שבת'דיג...

דאָס רעליגיעזע לעבען האָט די פעלשטינער פרוי אויך געפיהרט אין די ד' אמות פון איהר שטוב. די פעלשטינער פרוי — אפשר מיט אייניגע אויסנאַהמען — איז שבת מברכים אויך ניט געגאַנגען אין שוהל אריין. פאַרוואָס? ווייל זי האָט זיך פשוט — ניט פאַרגונען דעם וואוילטאָג. זי האָט ניט געקענט און אויך ניט געוואָלט איבערלאָזען די שטוב מיט די קינדער.

דערפאַר, אַז עס איז געקומען סוכות, האָט דער מאַן געשיקט צו דער פרוי אַהיים דעם אתרוג בענשען. און עס איז טאַקע געווען אָנגעלייגט ביי דער פרוי.

ווען אהרן שמש, ביי ווענען זי פלעגט קויפען די חלב'נע ליכטלאַך אויף שבת, איז מיט'ן לולב אין האַנט, ווי מיט'ן ווינט, אריינגעפלויגען צו איהר אין סוכה און דורכ'ן פענסטער געטאָן אַ רוף: „שרה... רבקה... רחל! אתרוג בענשען!...". האָט די פרוי דערפיהלט, אַז דער מאַן האָט דאָך ניט פאַרגעסען אָן איהר, און זי האָט געקוועלט פאַר נחת.

פורים האָט דער מאַן געלייענט די „מגילה" פאַר דער

פרוי אין שטוב. האָט דער אייגענער מאַן ניט געקענט לייענען די מגילה, האָט אַ שכנ'טעס מאַן געקענט. זיינען זיך די שכנות צונויפגעקומען אין יענערס שטוב.

דער „בעל קורא" ארומגערינגעלט מיט אַ פולער שטוב ווייבער, האָט געלייענט די מגילה מיט חשק ,מיט אַפּעטיט, מיט טיפען אויסדרוק. . . און די ווייבער האָבען געשלונגען יעדען וואָרט, הגם זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט וואָס ער לייענט . . . זיי האָבען אָבער געוואוסט און גוט פאַרשטאַנען, ווער און וואָס „המן הרשע" איז געווען . . .

תשעה באב האָט די פעלשטינער פרוי געזאָגט „קינות" ביי זיך אין שטוב. האָט זי אַליין ניט געקענט אין דער „תחינה", זיינען שוין געווען ווייבער וואָס האָבען געקענט, נאָך ווי געקענט . . . די פרוי האָט ניט נאָר געוויינט אויף חנה'ן מיט איהרע זיבען זיהן, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרען „על קידוש השם", זי האָט נעבאַך געוויינט און געקלאָגט אויף איהר אייגענעם פינסטערען מזל . . .

ניין, די פעלשטינער פרוי איז ניט געשלאָפען אין שוהל אריין ווי דער פעלשטינער מאַנסביל, פשוט דערפאַר, ווייל דער יאָך, וואָס זי האָט געטראָגען אויף איהרע שוואכע פּלייצעס, האָט איהר געהאַלטען צוגעבונדען, צוגעקאָוועט צו דער שטוב און צו איהרע קינדער . . .

און פון „וואוילטאָג" איז שוין אָפּגערעדט: די פעלשטינער פרוי האָט אפילו ניט באַגריפען די באַדייטונג פונ'ם וואָרט „וואוילטאָג" . . .

י ו נ ה ב ו י ם.

פעלשטין־זאמלבוך, ארויסגעגעבען פון פעלשטינער פאַראיין, ניו יאָרק, 1937).

די סמארגאנער אין צעשפּרייטונג.

די ערשטע נאַכט אין „גלות" וועט אויף אייביג בלייבען אין זכרון ביי יעדען סמארגאנער.

דער שטראָם מענטשען, וואָס האָט פאַרלאָזען סמארגאָן אונטער אַ האָגעל פון סנאַראַדען, האָט געצויגען קיין זאַליעסיע. דאָרטען האָט מען זיך אויסגעלייגט אויף אַ גרויסער לאָנקע, ביים ברעג פון אַ טייכעל, פאַנאַנדערגעלייגט פייערען און געזוכט צו שטילען דעם הונגער מיט די פּראָוויזיע, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגענומען.

נאַכט איז צוגעפאַלען. נאָך די איבערלעבענישען פונ'ם טאָג, האָט מען זיך געוואָלט אָפּרוהען און פאַרגעסען. יעדערער האָט זיך צוגעמאָטשעט אַ געלעגער און געפּרואווט איינשלאָפען.

ס'האָט זיך אָבער ניט געשלאָפען. בלייבענדיג מיט זיך אַליין, האָט זיך יעדערער געפרעגט — וואָס טוט מען ווייטער ?

ביי אַ סך איז געווען די מיינונג, אַז די דייטשען, אין זייער שנעלען אָנגריף, וועלען באַלד פאַרנעהמען זאַליעסיע און מען וועט זיך צוריק אומקערען קיין סמארגאָן. די, וואָס האָבען אַזוי געטראַכט, זיינען נאָך פאַרבליבען אין זאליעסיע עטלעכע טעג אונטער'ן פרייען הימעל. די מעהרסטע האָבען אָבער פאָרטגעזעצט זייער לויפעניש טיעף אין רוסלאַנד.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען זאסקעוויטש, לעבעדווע. די שטעטלאך זיינען געווען אינגאַנצען ליידיג. מיר האָבען זיך געשפּייזט מיט גרינסען, וואָס זיינען נאָך דאָ און דאָרט פאַרבליבען אין די גערטנער. פלעגען נאָך געפינען אַ מער, עטליכע קאַרטאָפליעס און אַמאָל פלעגט אונז אַ אידישער סאָלדאַט געבען אַ שטיקעל ברויט, דאַמאָלסט איז שוין ביי אונז געווען אן אמת'ער מאָלצייט.

אין לעבעדווע האָבען סאָלדאטען ארומגערינגעלט די הויז, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט איבערנעכטיגען, און געפאָדערט מען זאָל זיי לאָזען אַביסעל אַ שפּיל טאָן זיך מיט די מוידען. מען האָט זיך קוים געראַטעוועט פון זיי.

ענדליך איז מען אָנגעקומען קיין מאָלאָדעטשנאָ. פון דאַנענט זיינען שוין אָפּגעגאַנגען באַהנען אויף מינסק. יעדער פּראַכט וואַגאָן איז געווען איבערגעפּאַקט מיט די „בעזשענצעס".

צום גליק זיינען די טעג געווען ווארעמע און זוניגע און די ליידען פון די „בעזשענצעס" זיינען אַביסעל געמינערט געוואָרען.

מינסק איז געווען איבערגעלאָדען מיט „בעזשענצעס" פונ'ם גאַנצען פראָנט. זיי האָבען געהאַלטען אין איין צוקומען. אומזיסט האָט מען געזוכט די פריינטליכע, האַרציגע באַגעגעניש, וואָס מיר האָבען אַרויסגעוויזען די ערשטע אַנטלאָפענע פון קאָוונער גובערניע. מינסק איז שוין געווען טויט מיעד פון די בעזשענצעס.

אַלע שולען, געזעלשאַפטליכע געביידעס און יעדער ווינקעלע, וואָס איז נאָר פריי געווען — איז באַוואַלגערט געוואָרען ביי די בעזשענצעס.

די איינגעשאַפט און שמוץ אין די צוזאמענוואוינונגען האָט געבראַכט עפּעדעמיעס. דערצו האָט קיין זין ניט געהאָט צו בלייבען אין מינסק. מען האָט דאָ דערוואַרט אן איבערראַשונג פון די געשעהענישען אין סמאַרגאָן. מיט די ערשטע מעגליכקייטען האָט מען זיך ארויסגעכאַפּט און געפאָהרען ווייטער.

וואוהין ?

קיין חילוק ניט וואוהין, אַבי וואָס ווייטער פון דעם פראָנט. מען פלעגט דאמאָלסט ארויסגעבען אומזיסטע באַהן בילעטען. דער תחום־המושב איז שוין דאַמאָלסט געווען אָפּגעשאַפט פון זיך אַליין. די מלחמה האָט געבראַכט אַזאַ גרויסען שטראָם פון בעזשענצעס, אַז עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, ווי לאָזען זיי פאָהרען אין טיעף ראָסיי.

מען האָט גענומען דעם ערשטען עשעלאָן און מען איז געפאָהרען אויף גאָט'ס באראט.

אזוי אין סמארגאָן, אַ שטאָט העכער 30,000 מענטשען, צעשטויבט געוואָרען איבער דער גרויס און ברייט פון רוסלאַנד.

ניט געווען כמעט קיין איין גרויסע שטאָט, וואו מען זאָל ניט געפינען קיין סמאָרגאָנער. כאַרקאָוו, יעליזאַוועטגראַד, יעקאַטערינאָסלאַוו, סימפעראָפּאָל, מאַריאופּאָל, ראָסטאָוו אויפ׳ן דאָן, צאַריצין, סאַמאַראַ, קאַזאַן. אייניגע האָבען זיך אפילו פאַרקליבען אַזש קיין כאַרבין און פון דאָרטען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

אָבער דער נאָך איז פאָרגעקומען עטוואָס מערקווירדיגעס. דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די סמאָרגאָנער אידען איז געווען פאַרבונדען מיט דער לעדער אינדוסטריע. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז עס זאָלען זיך אויסבילדען עטלעכע צענטערען פון לעדער אינדוסטריע און די סמאָרגאָנער, וואָס זיינען געווען צעשטויבט, זאָלען צו אָט־די צענטערען צוגעצויגען ווערען.

פון אָנהויב האָבען עטלעכע סמאָרגאָנער פאַבריקאַנטען אַנטדעקט „סעלאָ באָגאָראָדסקאָיע”, ניזשנע־גאָראָדער גובערניע. דאָרטען האָבען עקזיסטירט לעדער גאַרבערייען און עס איז ניט שווער געווען פאַר זיי זיך איינצואָרדענען דאָרטען. זיי האָבען אַראָפּגעבראַכט אַהין סמאָרגאָנער גאַרבער, וואַלקער און שטעפּער און עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ סמאָרגאָן אין מיניאַטורע.

עס האָבען זיך גענומען מעהרען לעדער־פאַבריקען. דער דאָרף איז אינגיכען געוואָרען באַלעבט, ווי אַ שטאָט.

אַ צווייטער צענטער האָט זיך געגרינדעט אין כאַרקאָוו, די גרעסטע האַנדעלס־שטאָט אויף דער אוקראַאינע. די שטאָט איז אַלע מאָל געווען אַ גרויסער אָפּנעהמער פון סמאָרגאָנער פּראָדוקטען. און די ענערגישע סמאָרגאָנער האָבען דאָרטען אינגיכען אויסגעבויט אַ באַדייטענדיגע לעדער אינדוסטריע. ווידער איז אַהער געבראַכט געוואָרען דער אַרבעטער עלעמענט: גאַרבער, וואַלקער, שטעפּער, וואָס איז געווען פאַרוואָרפען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך, און דער צווייטער און גרעסטער צענטער פון סמאָרגאָנער, דער גרעסטער נאָך עד־היום איז אויסגעבילדעט געוואָרען.

דער דריטער צענטער איז געווען ראָסטאָוו אויפ׳ן דאָן. אויך דאָ האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע.

די שוין איינגעאָרדענטע סמאָרגאָנער האָבען אַרויסגעוויזען אויסערגעוויינטליכע גאַסטפריינדליכקייט צו יעדען סמאָרגאָנער, וואָס פלעגט זיך צו זיי ווענדען נאָך הילף. מען וואָלט געקענט אָנפילען אַ סך זייטען מיט ריהרענדע געשיכטעס, ווי אַזוי מען האָט זיך אין יענע קריטישע טעג איינער דעם אַנדערען ארויסגעהאָלפען—.

איז לאָמיר, סמאָרגאָנער, אין דער פרייער אַמעריקע, געדענקען אָט־די סמאָרגאָנער גוטע מידה. מיר מוזען און וועלען פאָרטזעצען די אַלטע טראַדיציע פון סמאָרגאָן:

קיינער, וואָס שטרעקט אויס צו אונז אַ האַנט, וועט ניט אַוועקגעהן ליידיג.

א. ראַפּל׳ס

(סמאָרגאָן, זאמעלבוך פון פאַראייניגטען סמאָרגאָנער הילפס קאָמיטעט, 1937).

א דעבאַטע וועגען לאַנדסמאַנשאַפט נאָמען

זאָלען מיר אויסמעקען דעם נאָמען „מאנאסטערזיסקאָ" פון אונזער סאָסייעטי?

כ׳וויל ביים סאַמע אָנהויב אויסדריקען מיין האַרציגען דאַנק צו בר. בלומענפעלד, וואָס ער האָט אויפגעהויבען אַן אינטערעסאַנטע און, דוכט מיר, וויכטיגע פראַגע.

כ׳האָב דאָ, נאַטירליך, אינזינען בר. בלומענפעלד׳ס אַרטיקעל, „וואָס איז אין אַ נאָמען”, וועלכער איז ערשינען אין דער יוני־אויסגאַבע פון אונזער זשורנאַל, „פּראָגרעסיוו ניוס”. אין יענעם אַרטיקעל, רעדט ער וועגען אַרויסנעמען דאָס וואָרט „מאנאסטערזשיסקא” פון דעם נאָמען פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

איך האַלט, אַז מ׳דאַרף דאָס וואָרט יאָ אַרויסנעמען, כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז מיין מיינונג וועט אַרויסרופען געגנערשאַפט ביי אַ צאָל מיטגלידער, וואָס זייער שטעלונג אין דער פראַגע אונטערשיידט זיך פון מיינער. דאָס וועט מיך אָבער ניט אָפּהאַלטען דאָ אויסצודריקען מיין מיינונג וועגען דעם ענין, ווי איך פאַרשטיי איהם.

אַרויסנעמען דאָס וואָרט „מאנאסטערזשיסקא” דאַרף מען צוליב עטליכע אורזאַכען. קודם כל, וויל איך פרעגען: איז פאַראַן וועלכער ס׳איז גרונט, וואָס באַרעכטיגט, אַז מיר זאָלען מיט׳ן נאָמען פון אונזער שטעטעל שטאָלצירען? צי דעם נאָמען פון שטעטעל פאַראייביקען? האָט דען דאָס שטעטעל אונזערס איבערגעלאָזען פריילִיכע דעראינערונגען, אַז מיר זאָלען עס אָנערקענען, פאַרגעטערען, פאַרהייליקען?

ניין!

האָט דאָס געבורט־שטעטעל אונז געגעבען וועלכע ס׳איז מעגליכקייטען צו געניסען עקאָנאָמיש, קולטורעל, צי אויף וועלכען ס׳איז אַנדער געביט?

ניין.

יאָרהונדערטער, אַז אידען און קריסטען (פּאָליאַקען) פירען אַן צווישען זיך אַ קאַמף. אַ סך פּאָליאַקען, פאַנאַטיקער, האָבען געהעצט און העצען איצט קעגען דער אידישער באַפעלקערונג. אַנטיסעמיטיזם איז געפּרעדיגט געוואָרען און ווערט איצט געפּרעדיגט אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט. און ניט בלויז האָט די אַנטיסעמיטישע חיה זיך איינגעוואָרצעלט אין די מדינות וואָס זי האָט געקראָגען אַן אָנהאַלט, נאָר זי איז פון די עקזיסטירענדע רעגירונגען שטאַרק דערמוטיקט געוואָרען.

ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין אמת, וואָלט דען געווען אַ גרונט פאַר אידען צו עמיגרירען?

נאַטירליך, איז צום באַדויערען, וואָס טייל פון אונזערע נאָענטע און טייערע, שמאַכטען נאָך אַלץ אונטער דעם דרוק פון דעם ברוטאַלען פּוילישען רעזשים. אונזער געבורטסשטאָט איז, צום אונגליק, אַ טייל פון דעם רעזשים. אָפּגעבען כבוד דעם שטעטעל — דאַרפען מיר ניט.

איך גלויב, אַז בר. בלומענפעלד האָט זיך ניט אויסגע־

דריקט געוווג שאַרף, ווען ער האָט אָנגעוויזען, אַז ס׳איז ראַטזאַם, מ׳זאָל אויסמעקען דאָס וואָרט „מאנאסטערזשיסקא״ פון דעם נאָמען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. איך גלויב, אַז ס׳איז נויטיק דאָס צו טאָן. כ׳וואָלט וועלען, אַז ביי איינעם פון די קומענדיגע אַלגעמיינע מיטינגען פון אונזער סאָסייעטי, זאָל מען נעמען צום אָפּשטימען די פראַגע, אינגאַנצען אויסצושטרייכען דאָס שטעטעל־נאָמען אונזערס פון נאָמען פון אונזער סאָסייעטי. לאָמיר זיך רופען, גאָר פּשוט: „פּראָגרעסיוו יאָנג בראָדערס, אינק.״ דאָס וועט זיין אין איינקלאַנג מיט׳ן גייסט פון אַ פאָלק, וואָס זיין טראַדיציע איז אַ גלאָררייכע און זיין ירושה אַ ריינע און אַ דערהויבענע.

ס י י מ א ן ש ע ר

נאָך וואָס בייטען דעם נאָמען?

אין לעצטען נומער פון אונזער זשורנאַל איז דערשינען בר. בלומענפעלד׳ס אַן אַרטיקעל, אין וועלכען ער האָט אָנגעוויזען, אַז מ׳דאַרף ענדערען דעם נאָמען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. די שטאַרקסטע טענה זיינע איז, אַז דער נאָמען שטערט דער סאָסייעטי׳ס וואוקס.

וויל איך פרעגען: בר. בלומענפעלד איז געוואָרען איינער פון אונזערע פּראָמינענטע מיטגלידער. האָט איהם דען דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע אָפּגעהאַלטען דערפון? זיכער ניט. כ׳גיב איהם אָן אַלס ביישפּיל, ווייל ער איז אַ פּראָפעסיאָנאַל, אַ באַוואוסטער לאָיער. און ס׳ווילט זיך ווייטער פרעגען: האָט דען עפּעס־וואָס געשטערט די אַנדערע יונגעלייט, אַמעריקאַנער־געבוירענע און פּראָפעסיאָנאַלען, זיך אָנצושליסען אין אונזערע רייען און ווערען אַקטיוו? ניין, גאָרניט. און איז עס אמת, אַז דער נאָמען אונזערער האָט אונז אָפּגעהאַלטען פון ווערען די ליבעראַלסטע און פּראָגרעסיווסטע סאָסייעטי אין ניו יאָרק, וואָס צייכענט זיך אויס מיט איהר האַרציגער פריינטשאַפט פון איין מיטגליד צו אַ צווייטען? ניין.

דער נאָמען, מיין טייערער פריינט בלומענטאל, איז דער סימבאל פון אונזער יוגענט. דער נאָמען לעבט־אויף עראינערונגען פון אונזער יוגענט. איך ווייס, אַז בייוואוינענדיג אַ מיטינג פון אונזער סאָסייעטי, ווערט מיין שטעטעל ווידעראַמאָל אָפּגעפרישט אין מיין זכרון; דאָס טייכעל דאָרט ווערט מיר אויפדאָסניי לעבעדיג פאַר די אויגען און איך זעה פאַר זיך, ווי דאָס וואָלט נעכטען געווען, דאָס טייכעל און די פּאָטשט־געביידע, וואָס האָט זיך געפונען לעבען איהר. און טרעפענדיג ביים מיטינג מיינע לאַנדסלייט, הויבט זיך מיר אָן צו דוכטען, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק האָבען מיר, קינדער קליינע, צוזאַמען אין חדר געלערענט. איך האַלט באמת, אַז ווען מיר זאָלען אפילו בייטען דעם נאָמען, וואָלטען מיר, אפשר געוואונען אַ האַלבען טוצען, צי אַ טוצען מיטגלידער. דער וואונדער־שעהנער חלום, אָן וועלכען דער נאָמען אונזערע דערמאָנט אונז, וואָלט אָבער פאַרשוואונדען געוואָרען. דער פאַקט איז דאָך, אַז די קינדער אונזערע, שעהמען זיך ניט מיט׳ן נאָמען און שליסען זיך אין אונז אָן. פאַרוואָס־זשע זאָלען מיר זיך מיט׳ן נאָמען שעהמען? די קינדער אונזערע ווילן, אַז דער נאָמען זאָל בלייבען און איך גלויב קוים, צי זיי וועלען, אין הונדערט יאָהר אַרום, איהם בייטען. אָפּמעקען די זכרונות פון זייערע טאַטעס און זיידעס? דאָס, האַלט איך, וועלען זיי קיינמאָל ניט דערלאָזען.

א. א ל י ו ו ע ר

(אַרויסגענומען פון ענגלישען בולעטין „פּראָגרעסיוו ניוס״, נומער 3, 1937, אַרויסגעגעבען פון דער פּראָגרעסיוו מאָנאַסטערזשיסקאַ יאָנג בראָדערס, אינק״.)

אידישער מיליציאָנער בערנאַרד געפאַלען אין קאַמף אויפ׳ן הועסקא פראָנט אין שפּאַניע.

דורך הונדערטער נעקראָלאָגען אין דער אידישער פּרעסע פון ביאַליסטאָק, וואַרשע, ווילנע און פּאַריז איז אויסגעדריקט געוואָרען דער טרויער פון די גרויסע מאַסן און אָרגאַניזאַציעס אויפ׳ן פאַרלוסט פון אידישען מיליציאָנער ח׳ בערנאַרד, וועלכער איז געפאַלען אויפ׳ן שפּאַנישען פראָנט.

ווער איז דאָס געווען דער, וועמען די ראַדיקאַלע און אַרבייטער מאַסען האָבען אַזוי שטאַרק באַוויינט דורך אויסדריקען זייער טרויער און מיטגעפיל אויף מעמאָריאַל מיטינגען און אין דער אידישער פּרעסע?

בערנאַרד איז געווען אונזערער אַ לאַנדסמאַן, אַ געבוירענער אין אָסטראָווע מיט׳ן נאָמען יעקב פריידקעס. ער איז ווייניג געווען באַקאַנט דער אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפט, ווייל זיין געזעלשאַפטליכע אַרבייט האָט ער זינט 1925 געפיהרט צווישען די מאַסען אין ביאַליסטאָק, וואַרשע, פּאַריז און לעצטענס אין שפּאַניע.

טויזענטער האָבען איהם פאַרערט פאַר זיין אידעאַליזם און איבערגעבענהייט צום אַרבייטער קלאַס. אונערמידליך האָט ער געפיהרט זיין קאַמף, נישט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. יאָהרען האָט ער פאַרבראַכט אין די טורמעס פון וואַרשע און פּאַריז, דאָך זעצט ער פאָר זיין פּאָליטישע טעטיגקייט אין פּוילען ביז ענדע 1936, ווען דער פּוילישער פאַשיזם ווערט שטאַרקער און גרויזאַמער.

פּאָגראָמען קומען פאָר אין אַ רייהע פּוילישע שטעט און שטעטלעך אויף דער אידישער באַפעלקערונג ווי אויך בלוט פאַרגיסונגען פון אַרבייטער אין די קוילען גרובען און אויף גאַסען דעמאָנסטראַציעס אין לעמבערג, קראָקע און אַנדערע שטעט.

בערנאַרד דערפילט דאַן אַז לייגער קען ער זיך שוין נישט צוקוקען צו די גרוילטאַטען פון פאַשיזם. ער באַשליסט צו פאַרלאָזען די באַוועגונג, חברים, פאַמיליע און פאַראייניגען זיך מיט די לאָיאַליסטען אין שפּאַניע אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. דורך בריוו געזעגענט ער זיך

מיט זיין משפחה איבער דער גאַנצער וועלט און מיט פרייד זאָגט ער זיי אָן, אַז איבער די בערג פון די פּוילישע קאַר־פּאַטען און איבער די וועגען פון טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד און פראַנקרייך מאַרשירט ער איינער אַליין צו פאַראייניגען זיך מיט די העלדישע לאָיאַליסטען כדי זיי צו העלפען באַקעמפען דעם פאַשיזם אין שפּאַניע.

1937. עס הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל געשיכטע אין לעבען פון בערנאַרד'ן. פריי אָטעמט ער אָפּ אין דער רעפּוב־ליקאַנישער שפּאַניע. ער דערפילט די שטימונג פון די באַ־גייסטערטע אינטערנאַציאָנאַלע מאַסען פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט און אויפסניי הויבט זיך אָן זיין אַרבייט. זיין טעטיגקייט פיהרט ער אָן אין דעם פּוילישען דאמבראָוו־סקי באַטאַליאָן. שנעל באַהערשט ער די שפּאַנישע שפּראַך, שרייבט רעפּאָרטען פון פראָנט, פיהרט קולטורעלע אַרבייט צווישען די מיליציאָנערען, לערנט די חברים פּאָליטישע געשיכטע פון שפּאַניע, שטודירט מיט זיי די מאַפּע און קעמפט איינצייטיג מיט זיי אויפ'ן פראָנט.

דעם 15טען יוני, 1937, איז אָבער געקומען דער טרויערי־גער מאָמענט. געשעהן איז עס אויפ'ן הועסקא פראָנט, ווען יעקב פריידקעס (בערנאַרד), אַרויסרוקענדיג זיך אין די פאָדערשטע רייהען, איז געוואָרען שווער פאַרוואונדעט פון אַ פאַשיסטישער קויל. אַ חבר שטעלט איין זיין לעבען, טראָגט איהם גלייך אַוועק פון פראָנט. אויפ'ן וועג אָבער קריגט ער נאָך אַ פּאָר דום־דום קוילען. די הילף פון שפּיטאָל און דאָס בלוט פון דער דאָקטאָרשע פאַר אַ טראַנספּיוזיע העלפט איהם נישט, און אין עלטער פון 28 יאָהר הויכט ער אויס זיין לעצטען אָטעם אין שפּיטאָל.

צווישען די טויזענטער מאַרטירער און געפאַלענע העלדען אויפ'ן שפּאַנישען פראָנט געפינט זיך אין פאַנטעאָן אין באַרצעלאָנע אויך אונזער לאַנדסמאַן יעקב פריידקעס (בער־נאַרד).

ערע זיין אנדענק!

(„צו הילף", זשורנאַל פון אָסטראָוועער הילף קאָמיטעט, 1938).

אַ מדות בילד פון אַ מעמבער פון אונזער שוהל

קליין אין וואוקס, גרויס אין גייסט, אָרים פינאַנציעל, אַ רייכע האַרץ פאַר וואוילטעטיגע זאַכען, איינפאַך אין אי־דישע זיטען, יחוס אבות און קאָזינס.

אַלע זיינע יאָהרען שווער געאַרבייט מפרנס צו זיין פרוי און קינדער, דער „בנפשו יביא לחמו" איז געווען ביי איהם אַ טעגליכער גאַסט, אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, אָבער גרויס אין גייסט צו יעדער צייט העלפען ליידענדע מיט אַלע זיינע מיגליכקייטען; ביי היינטיגען טאָג — טויזענ־טער אין די בענק האָט ער ניט, אָבער צו העלפען אונזער מקדש מעט איז ער שטענדיג רעדי מעהר ווי ער קען. יע־דען פריה און אָוונט איז ער פון די עשרה ראשנים צום דאַוועגען און הערען לערנען, דערפאַר איז יחוס פון זיין פאָטער ר. צבי בר' מאיר ע"ה, ווען ער איז געשטאָרבען, האָט ר' בנמין קליידערמאַן פון קאַלניע אויף איהם געזאָגט, „זייט וויסען אידען, אַז איהר האָט מקבר געווען ניט אַ מענשען, נאָר אַ באַרג מיט ספרים...". דער באַוואוסטער סטאַוויסקער רב ז"ל און סיאַטניצער רב זיינען געווען זיינע קאָזינס.

דאָס איז אין קורצען די ביאָגראַפיע פון זונדעל מאַר־קעוויטש.

מיט די זעלבע מדות טובות איז געווען געבענטשט זיין ערשטע פרוי שרה בר' מנחם הלוי, ע"ה. זי האָט זיך אַלע מאָל באַנוגענט מיט די קליינע פאַרדינסטען פון איהר מאַן און פון דעם נאָך געשפּאַרט אויף צדקה פאַר קראַנקע און אָרימע.

(50יאָהריגער יובילייזשורנאַל, אַנשי יעדוואַבנע, 1935).

צו וואָס אַ פאַמיליע סאָסייעטי.

אונזערע ביאַליסטאָקער זיינען אַלע מאָל פון די ערשטע דורכצופיהרען אַ נייעם געדאַנק אין זייער כלל אַרבייט אָדער אין זייער סאָסייעטי לעבען. זיי זיינען קיינמאָל ניט הינטערשטעליג אין גאַנג פון טאָג און ווען זיי פאַנגען עפּעס אָן צו טאָן קענען מיר זיין זיכער אַז זיי וועלען דאָס דורכפיהרען צו אַן ערפאָלג.

פאַר די לעצטע יאָהרען זעהען מיר אַ נייע ערשיינונג אויף דער אידישער גאַס. דאָס איז די פאַמיליע סאָסייעטי, וואָס גרינדען זיך איצט. ניט קוקענדיג וואָס כמעט יעדער איינער באַלאַנגט צו איין אָרגאַניזאַציע, וואָס באַזאָרגט איהם מיט אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר דער פאַמיליע.

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז די פראַגע צו פאַר־איינִיגען די פאַמיליעס וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגען, צע־וואָרפען אין פאַרשידענע סאָסייעטיס, ניט געווען קיין פּראָב־לעם. עס איז געווען נאַטירליך, אַז אַ ביאַליסטאָקער מיי־דעל זאָל חתונה האָבען מיט אַ גראָדנער בחור, און ער זאָל ווערען אַ מעמבער ביי אונזערע ביאַליסטאָקער יאָנג מען, אָדער פאַרקעהרט. דער יונגערמאַן איז געוואָרען אַ מעמבערס אין ניט קיין ביאַליסטאָקער סאָסייעטי און דאָס האָט קיינעם ניט אינטערעסירט. דאָס איז געווען דערפאַר ווייל יעדער אימיגראַנט האָט געקענט זיין יאָהרען לאַנג אין אַמעריקע און נאָך אַלץ האָבען אין געדאַנק, אַז סוף כל סוף וועט ער נאָך פאָהרען אין זיין אַלטער היים, האָט איהם ניט אינטערעסירט וואו זיין זוהן אָדער איידעם באַ־לאַנגען. ער איז דאָך נאָר אַ גאַסט אין אַמעריקע, איז גענוג אַז ער איז אַ מעמבער אין אַ ביאַליסטאָקער סאָסייעטי.

יעצט ווען דער אימיגראַנט האָט איינגעזעהען, אַז קיין אַנדערע אָדער אַ בעסערע היים ווי אַמעריקע איז ניטאָ פאַר די אידען אויף דער גאַנצער וועלט און ער איז געוואָרען אַ בירגער, האָט ער אָנגעפאַנגען צו טראַכטען ווי אַזוי מען קען פאַראייניגען די פאַמיליעס. ביאַליסטאָקער זיינען

טאַקע גוט אָרגאַניזירט אָבער די פאַמיליעס זיינען צוזייט און צושפּרייט. יעדער איינער געהט זיך זיין וועג. און מען האָט שוין באַלד פערגעסען, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ פעטער, אַ מומע, קאָזין, אַ פלימעניק, אַ באָבע און אַ זיידע. ווען האָט מען זיך גענומען דערמאָנען אין אַזוינע זאַכען? ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו האָבען שמחות ביי די קינדער און מען האָט געוואָלט איינלאַדען די פאַמיליע, האָט מען זיך אַרומגעזעהן אַז מען ווייס ניט איינער פון דעם אַנדערען. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז בלויז ביי אַ צופאַל האָבען זיך די קינדער געטראָפען, און אַז מען האָט זיי פאָרגעשטעלט איינעם פאַר דעם אַנדערען האָבען זיי יעצט אויסגעפונען אַז זיי זיינען פון דער זעלבער משפחה. זי האָט טאַקע געהערט ווי איהר מאַמע האָט אַלעמאָל גערעדט פון איהר אָנקעל יאַנקעל אָדער נאָסקי, און דערביי איז דאָס געבליבען. מען האָט זיך ווייטער ניט געטראָפען, ביז אַ צופאַל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט. אָט־די אויבען דערמאָנטע פאַקטען האָבען געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל פאַראייניגען די פאַמיליעס און אויף דעם זעלבען שטייגער ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען אויף דער אידישער גאַס און ווי געוויינליך, שפּילט דאָ אונזער ביאַליסטאָקער פּאַם פליקער סאָסייעטי די ערשטע פידעל. די פּאַם־פליקער ביאַליסטאָקער פאַמיליע סאָסייעטי האָט יעצט אַ מעמבערשיפּ פון 67 פאַמיליעס (כן ירבו). מען קען רעכענען אין דורכשניט 6 צו אַ פאַמיליע, וואָס מאַכט אויס 400 פערזאָן פאַראייניגט אונטער דער פּאַם פליקער פאַמיליע סאָסייעטי. אַ סך, אַ סך קען מען לערנען פון זיי ווי אויפצוהאַלטען די גאַנצע קייט פון דער משפחה.

ווען מען קומט צו זייערער אַ שמחה איז טאַקע אַ פאַרגעניגען צו זעהן ווי יעדער איינער קען זיך מיט דעם צווייטען, מען דאַרף ניט פאָרשטעלען, דאָס איז דאָך דיין קוזינע אָדער אָנקעל, קענסט איהם גאָר ניט? די אַרבייט פאַרשפּאָרט מען. אַלע אַמוזירען זיך, איין שעהנע גרויסע פאַמיליע: מען בלאָנדזשעט ניט אַרום איבער דעם האָל, ניט קענענדיג איינער דעם צווייטען.

זיי קומען צו זייער 10 יאָריגען יובילייט מיט אַ רעקאָרד פון אַרבייט פאַר זייערע אייגענע מעמבערס, וואָס דאַרף זיך ניט שעמען געגען אירגענד וועלכער אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער גאַס וואָס איז שוין 50 יאָהר אַלט.

זייער כלל אַרבייט וואָס זיי טוען איז אויך אַ סך מעהר ווי אַנדערע סאָסייעטיס. זייערע מעמבערס זיינען פון די אַקטיוויסטע אין דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט. די ברידער מאָריס און סעמועל קראָל קען מען מיט רעכט אָנרופען די הויפּט אויפהאַלטער פון דער ביאַליסטאָקער בקור־חולים פון ברוקלין. זיי זיינען אויך מעמבערס פון די ביאַליסטאָקער יאָנג מענס און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דער גרינדער פון דער סאָסייעטי איז אַהרן פען, אַ איד אַ משכיל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק אַ סך יאָהרען ביז ער איז ענדליך פאַרווירקליכט געוואָרען (אונזערע בעסטע וואונטשען צו אייך אַהרן פאַס, זאָל אייער היינטיגער יום טוב זיין פאַר אייך איין אָנפאַנג נאָך פאַר אַ סך יום טובים) און אויך מאָריס קראָל וואָס האָט דאָס געמאַכט פאַר זיין לעבענס־אויפגאַבע צו פאַראייניגען די פען פליקער משפחה אין איין גרויסער און שעהנער פאַמיליע סאָסייעטי.

זייט געבענטשט מאָריס קראָל מיט אייער גאַנצער פאַמיליע, איהר זאָלט דערלעבען צו פייערען אייער 50 יאָריגען יובילייט.

דער טשערמאַן פון דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע איזידאָר פען איז דער וויס־פּרעזידענט פון בקור־חולים און אַקטיווער טוער ביי די בריקלייערס. ער איז אויך וויס־טשערמאַן פון דער פאַס פליקער סאָסייעטי.

מר. און מרס. דזשייקאָב שאַפּס, טרעזשורער פון די פען פליקער איז אַ וויכטיגער טוער אין בקור־חולים, אויך אַ מעמבער אין די ביאַליסטאָקער יאָנג מען.

הערי וואטמאַן, דער פּרעזידענט פון די פּאַם פליקער באַלאַנגט אויך צו אַנדערע סאָסייעטיס און איז אַ טוהער אין ביאַליסטאָקער בקור־חולים פון ברוקלין אַזוי איז כמעט יעדער פון די פען פליקער אַ טעטיגער מענטש וואָס לעבט ניט בלויז פאַר זיך אַליין.

צו זייער צעהן יאָהריגען יום טוב גראַטולירען מיר זיי מיט זייער גרויסען אויפטו צו פאַראייניגען זייער משפחה ניט נאָר פאַר דעם וואָהל און בעסטען פון זייער אייגענער פאַמיליע, נאָר אויך וואָס זיי זיינען די וועגווייזער און פּיאָנערען אויפצוהאַלטען די טראַדיציע פון אייניגקייט אין זייערע רייהען.

ל ו א י ס פ אַ ל ט ע ר

(צען יאָהריגער יובילייט פון די פּאַם־פליקער פאַמיליע סאָסייעטי, 1938).

די וואַסער־לייטונג אין גראַיעווע

וואָס פעהלט אונזער פאַראיין.

ווען איינער זאָל שטעלען אָט די פראַגע — גלאַט אַזוי — פון אויבען אויף, איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער ענטפער מוז זיין (און מיט רעכט). אַז אונזער פאַראיין פעהלט קיין זאַך נישט, ווייל אונזער פאַראיין קען זיך אויפטהון מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 800. אונזער פאַראיין האָט אַ „נאָמען” זי האָט פרעסטידזש פון די ערשטע יאָהרען אָן. האָט זי געטראָגען אַן אַריינדרינגענדע ווירקונג אויף די איבער 50 טויזענד מארמאָרישע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, זי איז אויך געווען דער דירעקטער עקזעמפּלאַר און אינספּיראַציאָן פאַר דער גרינדונג פון מאַרמאָרישע פאַראיינען אין קליוולאַנד, טשיקאַגאָ, מאָנטרעאָל, פאַראיינען וואָס עקזיסטירען ביז היינטיגען טאָג. אונזער אייגענע פאַראיין איז שוין אָבער לאַנג אַוועק פון די ענגע ראַמען פון פּאָפּולאַריטעט בלויז צווישען אייגענע לאַנדסלייט, נאָר זי איז אַצינד אַ שם דבר צווישען טויזענטער מענשען פון אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטען און פון וויכטיגע אינסטיטוציעס, וועלכע מיר שטיצען מיט אַ ברייטער האַנט. אין אונזערע אייגענע רייען געפינען זיך צעהנדליגע ברידער פון אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטען נישט רעכענענדיג היגע געבוירענע, וועלכע טראָגען און באַקומען אַ געגענזייטיגען רעספּעקט פון אונזער פאַראיין. מיר צאָהלען אויס יעהרליך טויזענטער דאָלאַר אין געזעליכער בענעפיציע, חוץ טויזענטער דאָלאַר פאַר מאָמענטאנער אָדער אפילו פּערמאַנענטער הילף! מיר פאַרמאָגען אַן אייגען בעט אין דענווער ספּיוואַק סאַנאַטאָריום, חלילה ווען עס איז נויטיג! פון אַ קולטורעלען שטאַנדפּונקט, פאַרמאָגען מיר אַ דריי חדשים׳דיגען זשורנאַל, וועלכער כאָטש געווידמעט אונזערע אייגענע אינטערעסען. פאַרפעלט נישט קיין שום וויכטיגע פּאַסירונג וואָס האָט אַ שייכות צו מאַרמאַרישע אידען אין אַלגעמיין. מיר האָבען אויך אַ געטרייע אונערמידליכע פיהרערשאַפט, וועלכע שטעהען שוין יאָהרען אויף דער וואַך! קורץ, מיר זיינען ווי אַ בוך וואָס איז שעהן און שטאַרק געבונדען, אָדער אַ קונסט בילד פון אַ באַריהמטען מאַלער. אונז פעהלט קיין זאַך נישט!

און דאָך... ווען מען ווערט אַביסעל קריטיש, און ווען מען קוקט זיך צו אַביסעל נעהנטער, מוז מען קומען צום שלוס, אַז אַ בוך דאַרף נישט נאָר זיין שעהן געבונדען, כדי עס זאָל באַשיינען דעם שראַנק נאָר עס דאַרף אויך האָבען אינהאַלט, כדי מען זאָל עס וועלען לייענען, און אַן אמת׳דיג קונסט בילד, קוקט אויס פון נאָהענט פונקט אַזוי גוט ווי פון ווייט; דערמיט מיינען מיר — אַז כאָטש אונזער פאַראיין טהוט אַזוי פיל פון אַ פליכטטוענדער אָרגאַניזאַציע. ווערט אָבער איהר געזעלשאַפטליכע און פראַטערנאַלע מיסיע אין די לעצטע יאָהרען גאָר נישט דערפילט, און נישט נאָר ווערט עס נישט דערפילט, נאָר עס עקזיסטירט אַן אומפאַרגעבליכע נאַכלעסיגקייט, וואָס ווערט — נאָך אונזער מיינונג — וואָס אַמאָל בולטער, און ערגער פון יאָהר צו יאָהר, אַזוי, אַז מען מעג זיך פאַרטראַכטען וועגען דעם!

אודאי איז אמת, אַז אונזער פאַראיין איז פאַר אַלץ אַ קראַנקען און אונטערשטיצונג פאַראיין, און דאָס קומט זיך דאָך נאָך הונדערט פראָצענט. טייל ברידער האַלטען אַז די פאַראיין איז ניט געשניטען פאַר פראַטערנאַלע צערעמאָניעס, עס איז אָבער אונזער מיינונג, אַז געזעלשאַפטליכער פראַטערנאַליזם און געזעצליכע אונטערשטיצונג, זיינען אונטער דער הויט, לייבליכע ברידער, און עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז איינס קען געהן אָהן צווייטען, ווייל דאָרט ווי עס עקזיסטירט נישט אַ חבר׳שער קאָנטאַקט פון די מיטגלידער צו דער פיהרערשאַפט אָדער פאַרקערט! מוז דאָס פיהרען צו נאָך ערגערע פאָלגען! אַזוי — אַז עס וועט נישט זיין איבערטריבען, אַז מיט דער צייט וועט מען קענען אָפּשאַפען רעגעלע מיטינגען, ס׳וועט זיין גענוג אַ סעקרעטאַר, אַ דאָקטאָר און אַן אַנדער באַאַמטער אָנצוגעהן מיט דער רוטינע, און אונז געבען אַ פינאַנציעלען באַריכט אַלע 3 חדשים!

זאָל עס טאַקע באַלד פאַרשטאַנען ווערען, אַז די שולד פון דער געזעלשאַפטליכער נאַכלעסיגקייט ליגט דירעקט אויף די מאַסען מיטגלידער פון דער פאַראיין — מיר ריידען נישט פון יענע „געזעלשאַפטליכע”” מיטגלידער מיט וועלכע יעדע פאַראיין איז געבענשט. יענע קען מען מיט קאָנסטרוקטיווען קריטיק נישט אויפוועקען. פשוט ווייל יענע זיינען אינטערעסירט בלויז אין קרקע און אין קראַנקען בענעפיט און אין קיין אַנדער זאַך! מיר האָבען אָבער אין זין די הונדערטער מיטגלידער, פאַר וועמען די פאַראיין איז „עפּעס” מעהר, ווייל ס׳איז „זייער” פאַראיין. זיי, די מאַסען מיטגלידער קומען נישט, פאַרלאַנגען נישט, בעטען נישט קיין זאַך ביי דער פירערשאַפט. זיי זיינען פאַסיוו, גלייכגילטיג. מיט איין וואָרט, אַ נאַכלעסיגע באַציהונג צו זייער פאַראיין פון געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, און זייערע פיהרער? נו, זאָלען יענע זיך פאַרדרייען זייערע קעפּ! און אפשר? קוקען מיר נאָך אויס ביי זיי ווי בטלנים, וואָס האָבען זיך שוין מיט עפּעס וויכטיגערס נישט צו באַשעפטיגען!

מעג עס אָבער דער פאַסיווער מיטגליד וויסען, אַז מיט אַזאַ באַציהונג, גראָבט ער דירעקט אונטער זיין אייגענע פראָטעקציע, ווייל אפילו אין געזעלשאַפטליכען לעבען עקזיסטירט אויך די טעאָריע אַז „בלוט איז נענטער ווי וואַסער”, מיט דעם מיינען מיר צו באַווייזען, אַז כאָטש דער „וואַסערדיגער” מיטגליד וועט געוויס קריגען אַלע בענעפיציעס צו וועלכע ער איז געזעצליך באַרעכטיגט, קענען אָבער אַקטיווע אָדער באַוואוסטע מיטגלידער אויך דערוואַרטען די פּערזענליכע ליבשאַפט און חבר׳שע באַציהונג פון דער פירערשאַפט, און אייגענע מיטגלידער, וואָס דאָס קען מען שוין פאַר קיין געלד נישט קויפען! און דאָס איז ווערט צו געדענקען!

מיר טרייסטען זיך געוועהנליך מיט דעם פאַקט, אַז די זעלבע פאַסיוויטעט עקזיסטירט צווישען כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַריינרעכענענדיג די גרויסע נאַציאָנאַלע אָרדענס. ווען מען לייענט די פעריאָדישע זשורנאַלען פון נאַציאָנאַלען אַרבייטער אָרדען, באַקלאָגען זיך אַלע אויף דער מאָדנער קראַנקהייט — מיר פיהלען אָבער — אַז אַזאַ פאַראיין ווי די פוירסט מארמאָראש יאָנג מענס דאַרף און קען זיין אַ גוטע

אויסנאַהמע, ווייל אונזערע פעדעם זיינען נעהנטער געבונדען, אונזער אַטמאָספערע איז אַ היימישערע וואָס איז שוין ממילא אַ פריינדליכע. טאָ וואָס־זשע פאָרט איז די אורזאַך?

טרעפט איהר זיך אַמאָל מיט'ן באַקאַנטען מיטגליד פּריוואַט, גיט ער אָן תירוצים פאַר וואָס ער קומט נישט. תירוצים וועלכע זיינען אפשר גערעכטע; תירוצים מיט וועלכע מיר שטימען איין; תירוצים פון טעות'ן, וואָס מוזען קאָרעגירט ווערען. דער איינציגער פעלער איז בלויז, פאַר וואָס קומט ער נישט זאָגען זיינע טענות אָפען, כדי אַלע זאָלען עס הערען, כדי מיר זאָלען זיך קענען דורכרעדען וועגען דעם!

אָט איז אַ טענה! נאָך אַן אָפּוועזענהייט פון חדשים, אָדער אפשר אַ יאָהר, אָדער אַמאָל יאָהרען, באַשליסט דער מיטגליד צו קומען צו אַ פאַרזאַמלונג פון זיין פאַראיין, און טאַקע גלייך ווי ער קומט אַרויף באַמערקט ער, אַז פאַר דער צייט האָט זיך קיין זאַך געענדערט. די זעלבע טרוקענע פּראָצעדורע, די זעלבע אַקטיווע מיטגלידער, שטעהען און טוען זייער אַרבייט בשלימות, מיט'ן זעלבען אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס ציהט זיך ווי פעך אין דער שפּעטער נאַכט אַריין! — ער, דער מיטגליד, ווייסט אַז די אַרבייט איז נויטיג און וויכטיג, ער וויל אָבער נישט פאַרשטעהן, פאַר וואָס דאַרף מען אַזוי פיל „ריידען" דעריבער, ער לאַנגווייליגט זיך פון דער רוטינע, זוכט ער מיט די אויגען אַ פריינד, וועלכען ער טרעפט באַלד, און זיי הייבען זיך אָן אין דער שטיל דורכריידען. דער פּרעזידענט גיט באַלד דעם באַריהמטען זעץ מיט'ן האַמער — אַז אַ מיטגליד קומט אַמאָל אין יובל צו אַ מיטינג, דאַרף מען נישט באַלאַקען. יענער טראָגט זיך שפּעטער אָפּ אַ טרוקענער, מיט אַ נאָכטעם וואָס וועט איהם אַזוי גיך צו דעם מיטינג ניט ברייגגען, ער האָט נישט געפונען קיין זאַך וואָס זאָל איהם געזעלשאַפטליך צובינדען צו די איבעריגע מיטגלידער, קיין זאַך נאָך וואָס צו בענקען, און ער קומט צום שלוס אַז — אמת ער געהערט טאַקע צו אַ גוטער פאַראיין—אַ סימן! אָט האַלט מען דאָך אין איין „רעדען" וואָס מען טהוט, נאָר אַליין וויל ער זיין פון דער וויטען, ווי אַ בעאָבאַכטער פון אַ שלעכטער מאַלעריי. — יאָ, יאָ, ס'איז גוט... נאָר פון דער וויטען!

און מיר זיינען — ווי געזאָגט — גענייגט צו דענקען אַז אַ טייל פון די טענות זיינען גערעכטע און כאָטש עס איז געוועהנליך גרינגער צו קריטיקירען ווי צו קאָנסטרוקטיווירען, וועלען מיר פאָרט פּרובירען אָנווייזען אויף אַ פּאָר מיטלען וואָס וועט אפשר לכל הפחות לינדערען דעם פּראָבלעם!

1) צום אַלעם ערשט נאַטירליך, דאַרפען מיטגלידער אָנהויבען קומען אין מאַסען זיך צו אינטערעסירען אין זייער פאַראיין.

2) די געזעצליכע פּראָצעדור מוז פאַרקירצט ווערען, ווייל ווען געזעץ איז געזעץ, לוינט נישט פאַרלירען ענערגיע אויף פּוסטע רייד.

3) איינלאַדונגען פון דער פירערשאַפט צו די מיטגלידער עפענטליכע דיסקוסיעס. וואָס אייגענטליך דאַרף געטאָהן ווערען אויסצופורמען אַ מעהר חבר'שע באַציהונג פון די מיטגלידער? מיינונגען דאַרפען פריי אַרויסגעזאָגט ווערען, כדי צו קומען צו קאָנקרעטע באַשליסע.

4) אַראַנזשירען שפּיל אָבענדען פון צייט צו צייט! יאָ, יאָ, שפּיל אָבענדען פון בינגאָ, שאַך, טשעקערס, דאָמינאָ אָדער אַנדערע אומשעדליכע געימס.

5) לעקטשורס, דעבאַטעס, צווישען אייגענע מיטגלידער וועגען אַ וויכטיגען געגענשטאַנד סימפּאָזיום מעסיג.

אין קורצען, נישט אַרויסלאָזען קיין זאַך וואָס העלפט אין דער ריכטונג פון אַ בעסערער פּערזענליכער פאַרשטענדיגונג צווישען מיטגלידער, ווייל בלויז דעמאָלט ווען דער געזעלשאַפטליכער אינטערעס פון דער פאַראיין וועט זיין אויפ'ן זעלבען שטאַפּעל ווי דער געזעצליכער וועלען מיר קענען באמת נאָך מעהר שטאָלץ זיין אויף אונזער שעהנער און גרויסער פוירסט מארמאראש יאָנג מענס.

ל ו א י ס פ אַ ק ס .

און וואָס ווייטער?

די יורעוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטען, האָבען געטהאָן דאָס ערשטע, און ערפאָלגרייך צוזאַמענגעשטעלט דעם פונדאַמענט פון זייער אָרגאַניזאציע. און דער ערפאָלג באַשטעהט אין דעם, וואָס פינף און נייַנציג פּראָצענט —פון די יורעוויטשער לאַנדסלייט מיט זייערע פאַמיליעס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם יורעוויטשער אונטערשטיצונגס פאַראיין. דאָס האָט געמאַכט די אָרגאַניזאציע ערפאָלגרייך פינאַנציעל.

דער גרעסטער ערפאָלג, אָהן צווייפעל, פון אונזער אָרגאַניזאציע, איז דער קלאָהרער באַוואוסטזיין און געזונטע מאָראל פון אונזערע מעמבערס. אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען איינגעאָרדענט ביי זיך זייער אייגענע היים, האָבען זיי גלייך גענומען קוקען צו דער אויסערליכער וועלט מיט אָפענע אויגען און קלאָהרען באַוואוסטזיין. און מיט אַזאַ בליק קען מען גלייך דערזעהן ווי דער לעבען דאָ אין אַמעריקע, ספּעציעל —דער אידישער, פאַרלאַנגט אָפענע טירען פון יעדער אָרגאַניזאציע. און דאָס איז גלייך געטהאָן געוואָרען פון אונזער יורעוויטשער פאַראיין. אונזערע טירען זיינען ברייט אָפען פאַר געזעלשאַפטליכען לעבען, און מיר זיינען אימער גרייט צו העלפען מיט וואָס און מיט וויפיל עס איז אונז נאָר מעגליך דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע, אַזוי גוט ווי אונזערע מיטגלידער פון אונזער פאַראיין.

מיט פיעלע יאָהרען צוריק, ווען די ערשטע אידישע עמיגראַנטען זיינען געקומען אין דער נייער פרעמדער לאַנד, אַמעריקע, האָבען זיי דאָ ניט געטראָפען קיין אָנפאַנג פון אַ אידישער צוקונפט. עלענד און שווער איז פאַר זיי דאַן געווען דאָס לעבען. ווען אַ פאַמיליע איז געווען אין

וועלכער עס איז נויט, איז געווען שווער צו טרעפען אַ צווייטע, וועלכע זאָל מיט עפּעס קענען העלפען. און דאָ קומט אונז צוניץ דער אידישער גלייכוואָרט, אַז עס איז דאָ גלויבען, איז דאָ האָפענונג. האָבען אונזערע אידישע עמיגראַנטען דאן געגלויבט און גאָט געבעטען, און אַז אַ איד מוז האָבען אַ מנין, אום צו בעטען גאָט, וועט ער שוין אויפזוכען אַ מנין אידען. און אזוי איז דער מנין געווען דער ערשטער שריט —פאַר א אידישער צוקונפט דאָ אין אַמעריקע.

דאָס וואָרט צוקונפט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומבאַוואוסטע אָנקומענדע צייט. עס איז ווי אַ בילד, וואָס מען דאַרף זי אייביג מאָלען, אָבער ניט מיט כעמישע פאַרבען, נאָר מיט גוטע טהאטען און זאכליכער קלאָהרקייט אין דעם גאַנג פון דעם מענטשענס לעבען. און אַזוי מאָלט יעדער דור זיין חלק. מאָלט ער מיט שעהנע פאַרבען, זעהט פאַר זיך אַ שעהן בילד, — טאָמער ניט, איז פאַרקעהרט.

ווי עס קוקט מיט אויס, איז אויף אונזער יעצטיגען דור אויסגעפאַלען דער שווערסטער גורל צו אָרגאַניזירען און איבערבויען דאָס גאַנצע אידישע לעבען איבער דער וועלט און פון דאָס־ניי אָנפאַנגען צו שאַפען אַ פיעל שעהנערע און מעהר זיכערע צוקונפט פאַר דעם אידישען פאָלק.

ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, איז דער מנין געווען דער ערשטער שריט פאַר דער אידישער צוקונפט דאָ אין אַמעריקע. פון די מנינים זיינען געוואָרען שוהלען, פון די שוהלען אונטערשטיצונגס פאַראיינען, און אַזוי זיינען אויסגעוואַקסען גאַנצע לאַנדסמאַנשפטען און אויך אידישע אָרדענס, א. א. וו. וואָס מעהר אידען עס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, אַלץ מעהר דרינגענד איז געוואָרען די צייט פאַר הילף. און מיט דער הילף פון די אַלע איינצעלנע אָרגאַניזאציעס, האָבען זיך גענומען גרינדען פאַרשיידענע אינסטיטוציעס פאַר די באַדערפענישען פון דעם אַלגעמיינעם אידישען לעבען דאָ אין לאַנד. און ביי יעצטיגען טאָג האָבען מיר אַ אידישע צדקה פעדעראציע, וועלכע שאַפט מאָראלישע און פינאַנציעלע הילף פאַר די פאַרשיידענע נויטיגע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען גרייט צו דינען די אידישע און מאַנכע ניט אידישע מאַסען דאָ אין אַמעריקע אין פאַרשיידענע צייטען, וואָס דער לעבען אַליין שאַפט. פון דיזער וויכטיגער אינסטיטוציע האָט שוין באַדאַרפט דער וואָרט צדקה לאַנג פאַרשווינדען, דעם פלאַץ האָט באַדאַרפט פאַרנעמען אַ אידישע פאָלקס פעדעראציע, וועלכע זאָל פליכטליך זאָרגען פאַר די אידישע מאַסען און אויך פאַר אַלע אַנדערע אידישע אינטערעסען, וועלכע עס ריהרט אָן אויך דעם אידישען בורזשואַזען קלאַס. די אידישע צדקה פעדעראַציע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען פון פריוואַטע מענטשען, קען ניט אימער פונקציאָנירען פריוואַט, ווייל זי מוז האָבען די קאָאָפעראַציע פון די מאַסען. אַזאַ שריט איז ניט לאַנג צוריק געמאַכט געוואָרען דורך אַ פאַראייניגטען קאָונסיל פון פאַרשיידענע פאָלקס אָרגאַניזאציעס. אזוי איז אויך דער פאַל מיט דעם אידישען קאָנגרעס אין אַמעריקע און אויך מיט דעם ארבייטער קאָמיטעט און אַנדערע קערפּערשאַפטען, וועלכע זאָרגען פאַר דער פאָליטישער און נאַציאָנאַלער רעכט פון דעם אידישען פאָלק אין פאַרשיידענע לענדער, וואו ווילדע אומגערעכטיגקייטען ווערען באַגאַנגען אָדער קענען באַגאַנגען ווערען אין דער צוקונפט. די פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע האַלטען אונטער זייערע פליגלען צעהנדליגער טויזענטער אידען, וואָס פאַרמאָגען אַ געוואַלדיגע ענערגיע, — און דאָך שטעהען זיי אזוי פעסימיסטיש אָן אַ זייט, צוזאַמענגעדריקט אין לאַנדסלייט גרופּקעלאך און אַ חוץ זיין לאַנדסמאַן, איז ניטאָ פאַר איהם מעהר קיין אידען אויף דער וועלט. מיר, מעמבערס פון פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטען, מוזען ערוואַכען. דער לעבען וועקט אונז. די אַלע אָנגעדייטעטע אידישע וויכטיגע פאָלקס קערפערשאַפטן שטריינגען אָן אַלע זייערע כחות צו דערגרייכען די אידישע מאַסען פון אַמעריקע דורך זייערע אָרגאַניזאציעס. טאָג טעגליך וועקען זיי מיט רעכט אונזער פאָלקס געוויסען. פאַרלאַנגען מיט רעכט אונזער הילף און פאַראייניגטערהייט קעמפען געגען אונזערע אומגערעכטע שונאים. אונזערע אַלע אידישע אָרדענס און לאַנדסמאַנשאַפטען דארפען און מוזען ווערען וויכטיגע פאַקטאָרס אין אונזער אייגענעם פאָלקס־לעבען דאָ אין אַמעריקע.

און אַלס אַזעלכע קענען מיר ניט בלייבען גלייכגילטיג אויך צו דעם לעבען פון אונזערע ברידער, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע אַנדערע לענדער. מיר קענען ניט פאַרבלייבן רוהיג דערווייל — באַשיצטע דאָ אין דער פרייער אַמעריקע און צוקוקען ווי דער אַנטיסעמיטישער שטורעם רייסט און פאַרניכטעט אידישע לעבענס אין אַנדערע טהיילען פון דער וועלט. אנשטאָט לאָזען די אידען פריי לעבען און העלפען שאַפען אַ שעהנערע צוקונפט פאַר זיך און פאַר דער מענטשהייט, פאַרניכטען די שונאים דאָס ערוואָרבענע ביז יעצט, און מאָלען פאַר אונז אַ בילד פון שרעק — אַ צוקונפט פון פאַרניכטונג. דאָס אידישע פאָלק לעבט יעצט דורך אַן איבערגאַנג פון פאַרניכטונגס שמערצען. אַלס אַ פאָלק פיהלען דאָס מיר ווי איינער, און אַזוי דאַרף אויך זיין אונזער ווידערשטאַנד ווי פון אַ ריזיגען איינעם. אָרים און רייך, אַלע ווי איינער, ווידער פון דאָס ניי אָנהויבען צו מאָלען אַ נייע, אַ שעהנערע און אַ זיכערע צוקונפט פאַר אונז און אויך פאַר יענע, וועלכע ווערען יעצט פאַרפאָלגט און פאַרניכטעט — איד אָדער קריסט, אַלע רעכטדענקענדע מענטשען, צוזאַמען דארפען מיר העלפען יעדער באַוועגונג וואָס קעמפט פאַר גלייכע מענטשליכע רעכט פאַר אַלע מענטשען צוגלייך.

ה. ג אָ ר ע ל י ק.

15) יאָהריגער יובילײ־זשורנאַל, יורעוויטשער בענעוואָלענט אַססין, 1935).

די דעבאַטע.

(אַ סצענע ביי אַ מיטינג אויפגעכאַפּט)

די ביהנע שטעלט פאָר אַ מיטינג לאָקאַל אויף דער איסט סייד. אינמיטען פון אַ מיטינג. דער לאָקאַל איז געפּאַקט, אַלע זיינען פאַרשוויצט, עס הערשט אַ טומעל אַז מען קען טויב ווערען. דער פּרעזידענט קלאַפּט מיט'ן האַמער און טרייעט אַריבערצושרייען דעם אויפגערעגטען עולם. פון אַלע זייטען הערט זיך: שאַ! זאָל זיין שטיל! שאַראַפּ! ביז עס געלינגט ענדליך עטוואָס דעם עולם צו באַרוהיגען.

פ ר ע ז י ד ע נ ט: ברידער און שוועסטער! אויב איהר וועט זיך נישט באַרוהיגען וועט זיין אונמעגליך אָנצוגעהן מיט'ן מיטינג, און מיר וועלען נישט קענען סעטלען די וויכטיגע פראַגע וועגען די צוויי קברים פאַר ברודער יקנה"ז אויף דער בית דוד סעמעטערי.

(שטימען פון איבעראַל):

די פראַגע מוז מען סעטלען! „עס איז אַ לעבענס פראַגע"! „היינט מוז עס געשעהן" א. ז. וו.

(דער עולם באַרוהיגט זיך).

פ ר ע ז י ד ע נ ט: איך וועל געבען דאָס ערשטע וואָרט אונזער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, ברודער חיים קאָטער.

ב ר. ק אָ ט ע ר: ווערטהער פּרעזידענט, ווייס, שוועסטער און ברידער: אייגענטליך איז די פראַגע וועגען די צוויי קברים פאַר בר' יקנה"ז אינגאַנצען נישט וויכטיג. מיר איז גאַנץ עגאַל ווי אַזוי איהר וועט ענטשיידען. איך וויל זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט וואָס איך האָב יעצט דעם פלאָר צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען קומענדען עלעקשאָן. דער קומענדער עלעקשאָן איז זעהר וויכטיג. ער איז כמעט אַזוי וויכטיג ווי אונזער נאַציאָנאַלער עלעקשאָן, וואָס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען. אַמוויכטיגסטען איז די ערוועהלונג פון אַ פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, איהר אַלע ווייסט אַז אין די פּראָטאָקאָלען שפּיגעלט זיך אָפּ דאָס לעבען פון אַן אָרגאַניזאַציע. אַ פּראָטאָקאָל דאַרף מען קענען ניט בלויז אָנשרייבען, מען דאַרף אויך קענען איהם פאָרלעזען. איך וויל זיך דאָ נישט לויבען אַליין ווי אַזוי איך שרייב און לעז מיינע פּראָטאָקאָלען, אָבער לאָזט מיך אייך זאָגען, מיינע פריינד, אַז דערווייל געפינט זיך נאָך נישט ביי אונז אין סאָסייעטי קיין צווייטער וואָס זאָל קענען אַזוי שרייבען ווי אויך לעזען אַ פּראָטאָקאָל. איי טהענק יו.

פ ר ע ז י ד ע נ ט: טהענקס מר. קאָטער פאַר אייער מיינונג, דער נעקסטער רעדנער אין דער פראַגע וועגען די צוויי קברים איז עקס פּרעז. בר. בלומענקראַנץ.

ב ר. ב ל ו מ ע נ ק ר אַ נ ץ: חשוב'ער טייערער פּרעז., ווייס, און מיינע ברידער: איך וויל דאָ נישט רעדען אין דער פראַגע וועגען די צוויי קברים פאַר בר. יקנה"ז. ווי איהר אַלע ווייסט, האָב איך פיינט צו רעדען וועגען זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט'ן טויט ר"ל. איך וויל בעסער זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען אונזער סאָסייעטי:

שלמה המלך זאָגט: כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות — מיינע ליבע פריינד, טראַכט זיך גוט אַריין אין די הייליגע ווערטער. דאָס איז זעהר אַ גוט משל צו אונזער סאָסייעטי. אונזער סאָסייעטי איז די שעהנסטע, די בעסטע, די ערהאבענסטע וואָס מיר האָבען ווען עס איז געזעהן. אונזערע פיהרער זיינען די קלוגסטע, די נאָבעלסטע וואָס עס איז נאָר פאַראַן. דער איינציגער פלעק אויף אונזער שעהנער אָרגאַניזאַציע איז די ליידיס אָקזילערי מיט זייערע קאַרד פּאַרטיס. איך ווייס נישט ווער עס האָט אויסגעטראַכט ליידיס אָקזילעריס, זיי זיינען מוקצה מחמת מיאוס. זיי זיינען טמא, און דאָס געלד וואָס ווערט געשאַפען פאַר אָרימע ברידער דורך די שמוציגע קאַרטען איז אויך טמא. דערפאַר, מיין ליבער פּרעזידענט, מאַך איך אַ פאָרשלאַג אַז מיר זאָלען אויפלייזען די ליידיס אָקזילערי, און בעסער אָנשטאָט דעם גרינדען אַ חברה הכנסת כלה — ובא לציון גואל אמן ואמן.

פ ר ע ז י ד ע נ ט: טהענקס מר. בלומענקראַנץ, מיר וועלען די זאַך קאָנסידערען. נעקסט איז פינאַנס סעק. בר. פּימסענבוים.

ב ר. פּ י מ ס ע נ ב ו י ם: ווערטהער פּרעז., ווייס, שוועסטער און ברידער. אין דער פראַגע וועגען די צוויי קברים פאַר'ן ברודער יקנה"ז וויל איך זאָגען אָט וואָס: ווי אייך אַלעמען איז באַקאַנט, איז דער פאַראַנטוואָרטליכסטער דזשאַב אין אונזער סאָסייעטי, איז דער פון אַ פינאַנס סעקרעטאַר, אין דער צייט וואָס דער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר האָט כמעט גאָרנישט קיין אַרבייט. ער דאַרף בלויז אָנפּאַטשקען אַ פּראָטאָקאָל און נאָכהער עס פאָרלעזען, פאַלט אויף מיר די גאַנצע לאַסט פון דער סאָסייעטי. איך מוז אַרבייטען יעדען טאָג פאַר דער סאָסייעטי און מוז פיהרען ביכער, געבען רעסיטס אויף געלד, אַרויסשיקען מעיל, אַטענדען צו לויות, פאָרלעזען צושריפטען און דאָקטאָר אַטעסטס און נאָך און נאָך. דאַרום דענק איך, אַז עס וואָלט געוועזען נישט מעהר ווי רעכט, אַז די סאָסייעטי זאָל זיך אַריינטראַכטען וועגען דעם. איהר ווילט וויסען וואָס די סאָסייעטי קאָן טאָהן? זי קאָן טאָהן אָט וואָס: זי קען אָרדערען אונזביידע סעקרעטערע אַז כאָטש פאַר 1 יאָהר זאָלען מיר זיך טשענדזשען מיט דער אַרבייט, זאָל פאַר נעקסטען יאָהר דער פינאַנס סעקרעטאַר שרייבען און פאָרלעזען פּראָטאָקאָלען און זאָל דער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר טאָהן מיין אַרבייט, נישקשה, עס וועט איהם גאָר נישט שאַדען אויב ער וועט 1 יאָהר טאָהן עפּעס אַרבייט און נישט נעמען קיין געלד אומזיסט.

פ ר ע ז י ד ע נ ט: דאָס איז אָפּ צו די ברידער, ווי אַזוי זיי וועלען געפינען פאַר נויטיג בין איך נישט דאַגעגען. דער לעצטער רעדנער אין דער פראַגע פון די 2 קברים איז בר. באָגעס.

ב ר. ב אָ ג ע ס: ווערטהער פּרעז., ווייס און פריינדע: אייגענטליך וויל איך גאָרנישט רעדען אין דער פראַגע וועגען די 2 קברים. עס איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרען די אַלע דעבאַטען וועגען קברים און סעמעטעריס. ווען מען קומט צו אַ מיטינג הערט מען נאָר סעמעטערי — קברים

— אַנדערטייקער — גלייך ווי דאָס אידישע פאָלק וואָלט גאָר קיין אַנדער פּראָבלעם נישט געהאַט ווי נאָר צו באַגראָבען זייערע ברידער. האָט נישט קיין מורא, מען וועט אייך שוין באַגראָבען, וואָלט איהר אַזאַ דאגה געהאַט, אַז היטלער זאָל איינגעהמען אַ מיתה משונה. איך וויל בלויז וויסען איין זאַך: פאַרוואָס שלאָפט די עקזעקוטיוו? פאַרוואָס זעהען זיי נישט עפּעס אַריינצוברענגען לעבען אין דער אָרגאַניזאַציע? פאַרוואָס אַראַנזשירען זיי נישט קיין לעקטשורס ביי די מיטינגען און זאָל דער עולם זיך אויסלערנען צו אינטערעסירען מיט ברייטערע פּראָבלעמען ווי צו באַגראָבען מעמבערס? איך גלויב, אַז מיר דאַרפען אַ נייע עקזעקוטיוו, וואָס זאָל זיך פּאַסען צו אַזאַ פּראָגרעסיווע סאָסייעטי ווי אונזערע און אויב מען רעדט וועגען באַגראָבען זאָל מען בעסער באַגראָבען די אַלטע עקזעקוטיוו. דאָס איז מיין מיינונג.

פּ ר ע ז י ד ע נ ט: מיינע ליבע ברידער! אין דער פּראַגע וועגען די 2 קברים פאַר'ן ברודער יקנה"ז גלויב איך קוים אויב איך האָב עפּעס וואָס צוצוגעבען. די פּראַגע איז אַזוי טיכטיג צוגלידערט געוואָרען פון די פריהערדיגע רעדנער, אַז עס בלייבט מיר איבער בלויז צו נעמען די פּראַגע צו אַן אָפּשטימונג. מיינע ברידער! ווער איז דאַפיר, אַז בר. יקנה"ז זאָל קריגען די 2 קברים זאָל געבען דעם צייכען פון דער סאָסייעטי? — פאָרהאַנג.

(זשורנאַל פון ליפּקאַנער-בעסאַראַביער פּ. ס., 1936).

מוסטער פון שפּראַך און סינטאַקס

אין דעם העכסטען אינטוזיאַסטישען מאָמענט ווען אונזער באַגייסטערונג פאַר דער חברה און די ברידער! רוף איך אייך צו דער הייליגער אַרבייט, ברידער! טהוט יעדער אייער טהייל, מיט געלד און מיט אַרבייט, שאלדער אם שאָלדער, לאָמיר געהן צוזאַמען פאַרגרעסערען אונזער טהעטיגקייט אויף דעם געביט פון רעליגיעזען און געזעלשאַפטליכען לעבען, זאָל אונזער באַליבטע חברה בלייבען אין דער אידישער געשיכטע פאַר לאַנגע יאָהרען.

(אין אַ זשורנאַל פון 1928).

גאַליציע באַזיגט ראַקאָוו.

ווער עס האָט געלייענט אַמעריקאַנער געשיכטע ווייסט, אַז כסדר האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אַלע אייראָפּייאישע מלחמות און אינטריגעס אויפ'ן אַמעריקאַנישען באָדען.

אַלע רעוואָלוציעס אין אייראָפּע, אַלע מלחמות און דיפּלאָמאַטישע דרעהדלעך אין אייראָפּע האָט זיך אימער אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב זיך אָפּגערופען, אין אַמעריקאַנישען לעבען.

צייט אייראָפּאַ האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגען מיט'ן טערק און דערפאַר האָט קאָלאָמבוס זיך געלאָזען זוכען אַ וועג קיין אינדיען און געפונען אַמעריקע, ווערט אַמעריקע אַריינגעשלעפּט אין אַלע אייראָפּייאישע פּלאָנטערס ביז דער לעצטער וועלט מלחמה, וואָס דאָס איז געווען פאַר אונזערע אויגען.

און עס איז דאָך נאַטירליך: אַמעריקע איז דאָך ניט מעהר ווי אַ פאָרטזעצונג פון אייראָפּאַ.

און אָט קומען מיר צו צוויי שוידערליכע פאָלגען פון דער לעצטער גרויסער וועלט-מלחמה.

אָט נעמט, צו ביישפּיל, ראַקאָוו.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט ראַקאָוו געהאַט צו גאַליציע? האָט זיך ווען עס איז אונז גע'חלומ'ט, אַז מיר וועלען ווערען גאַליציאַנער? אַך, ווי ווייט מיר זיינען פון גאַליציען אימער געווען, סיי געאָגראַפיש, סיי גייסטיג.

פּאַסירט אַ וועלט מלחמה, רוסלאַנד צופאַלט אַרום איהרע ברעגען ווי אַ ניט געראָטענער צוואָראָך; פּוילען ווערט אַ מדינה, גאַליציען איז די גילדערנע פאָהן פון פּוילען, און ראַקאָוו ווערט צוגעשצאָבעט צו פּוילען און מיר זיינען גאַליציאַנער.

פון מינסק ווערען מיר פאַרצאַמט און אין גאַליציען פאָהרען מיר ווי שלום עליכמ'ס „טביה דער מילכיגער" פון בויבעריג קיין יעהופּעץ גאַליציען האָט אונז איינגענומען, פּראַנץ יאָסעל'ס געוועזענע פּראָווינץ האָט אונז באַזיגט.

און די צווייטע שוידערליכע געשעהעניש פון דער מלחמה איז, וואָס דיזער גאַליציאַנער זיעג האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט אין אַמעריקע, ס'איז דאָך נאַטירליך, אַז דער אייראָפּייאישער זיעג פון גאַליציע איבער ראַקאָוו זאָל האָבען איין איינפלוס אויך אין אונזער אַמעריקאַנישען לעבען.

און דאָ, ביי אונז אין בראָנזוויל האָט אַ גאַליציאַנער מיידעל באַזיגט דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דעם ראַקאָווער אַרבייטער רינג ברענטש, אייב קאָהן, אַן אמת'ער הונדערט פּראָצענטיגער ראַקאָווער, פון סאַמע בוקערקע פאַלט אַריין אין פּלען צו גאַליציען.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גאַליציאַנערען, האָט שוין מיט איהר אַ קינד זאָל זיין אויף לאַנגע יאָהר, און ער איז שוין אויף אייביג אַן עבד בנעמי ביי גאַליציען, זאָל עס איהם וואויל באַקומען.

פון א. לץ

(די שייער גאַסען, זשורנאַל פון ראַקאָווער ברענטש 428, אַרבייטער רינג, 1923).

ניט מעהר ווי אביסעלע שפּאַס.

ווען אַ מעמבער בעט דאָס וואָרט ביים טשערמאַן, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער ווייסט וואָס צו רעדען.

ווען אַ טשערמאַן קלאַפּט מיט דעם האַמער און איז בייז ווי אַ רוח, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער איז אַ גוטער טשערמאַן.

ווען חנא יויליק שטופּט זיך נאָר אַז ער זאָל זיין אין אַלע קאָמיטעס, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער איז אַזוי געטריי דער סאָסייעטי.

און ווען אַלע מעמבערס פּראָטעסטירען קעגען ברודער זאַנוועל, אַז ער איז ניט פּאַסענד צו לויפען פאַר אַן אַמט, מיינט דאָס נאָך ניט אַז יענע שרייערס זיינען לייטישער פון איהם.

ווען אַ מעמבער פּאַסט אויף אַז עס זאָל חלילה קיין שווינדעל ניט פאָרקומען, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער אַליין איז אַזוי כשר.

ווען אַ מעמבער קומט צו מיטינגס און זיצט און שווייגט, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער איז מיט אַלעס איינפאַרשטאַנען.

ווען אַ מעמבער איז ביי זיך שטאָלץ און קליימט אַז ער איז אַן עקספּערט אין די ביכער, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער קען זיין אַ סעקרעטאַר.

ווען אַ קראַנקער מעמבער שרייט ביים מיטינג אַז ער דיינקט נאָך אַ פּאַר וואָכען ניט צו אַרבייטען, מיינט דאָס נאָך ניט אַז מען דאַרף איהם ניט וואַטשען.

ווען אַ מעמבער האַלט אין איין שרייען, אַז די באַאַמטע טוען גאָר ניט, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער וואָלט יאָ ווע־לען טאָן...

(20 יאָהריגער יובילייזשורנאַל „יוניטעד וויניצער י. מ. א.״, 1935).

אַ לעסאָן אין ענגליש

1. קאָפּ, קאָפּ צו דיין קאָפּ — העד, העד טו יור העד.
2. דער רבי איז מלוה די מלכה — דהי ראבאי עסקאָרטס דהי קווין.
3. ער האָט מיר אָנגעפּייפט אין פעסיל בוריקעס — הי וויסל'ד אין מאַי בערל ביעטס.
4. זי איז אַ מויד ווי אַ צימעס — שי איז עי גאָירל לאיק עי פודינג.
5. פייף נישט, ווען דער ענדיק איז אין שטוב — דאָנ'ט וויסטל ווען דהי טאָיקי איז אין דהי האוז.
6. שטאָ טאָ זי סעלאָ, שטאָ מעקיטאָ זא סטאַראָסטא — ווהאט איז איט פאַר עי ווילעדזש ווהער מאיק איז דהי סקווייער.
7. איבער דעם געהען די קאַטשקעס באָרוועס — אָוועך דהיס דהי דאַקס גאָ בערפיטעט.
8. יהודי בלא, קורקא פיט באָטשקו — דאָנ'ט מאַי דזשו, דהי טשיקען איז אנדער דהי בארעל.
9. רעד מיר צום דאַשעק — טאָק טו מאַי העד־פיעק.
10. זאָל זיין פון אַ קאזאק, אַבי צום לעבען — לעט איט בי פראם אן אָפיסער אָנלי טו ליוו.
11. ער מיינט, ער האָט שוין אָנגעכאַפּט דעם רבש"ע ביי די פיאַטעס — הי טהינקס, הי קאָהט גאָד ביי דהי הילס.
12. זאָל מיינס איבערגעהן — לעט מאַי גאָ אָווער.
13. האָץ, קלאָץ, קדוש — דזשאַמפּ — לאָמבער, האָלי.
14. אַ געזונט אין דיין פּופּיק — ע גוד העלטה אין יור נעוויל.
15. ער האָט איהם געקוילעט די קאַפּאָטע — הי קילד היז אָווערקאוט.
16. זעה נור ווי ער קאָכט זיך דאָרט! — לוק, האו הי איז קוקינג הימסעלף, דהער!
17. ער שיילט מיר אָפּ מיין פנים — הי פּיעלס מאַי פעיס אָף.
1. זיי אַ מענטש וועסטו עסען אין סוכה — בי עי מען, ענד יו וויל איט אין דהי שענטי.
19. דיך אַ סוחר — דזשאָהן אַ ביזנעסמען.
20. אַן עק אַ סוף — אַן ענד, עי פיניש.

פון פּראָפעסאָר ק אַ ז א ב.

(באַלטעכאָוער ק. א. פ., 1912)

סאָסייעטיס ווערטער בוך.

פּרעזידענט — א איד וואָס זיצט אויפ'ן בענקעל און קלאַפּט מיט'ן האַמער (און איז חלילה קיין שוסטער).

ווייס פּרעזידענט — אַ בעאַמטער מיט א סך מאַכט און אָהן אַ אַמט.

פינאַנס סעקרעטער — אַ בעל חשבון, וואָס שרייבט אַ סך און רעדט ווייניג.

פּראָטאָקאָל סעקרעטער — אַ טאַלאַנטפולער פּאַרלעזער פון אייגענע פּאַרפאַסונגען.

טרעזשורער — אַ שומר חנם, היט דער סאָסייעטי'ס געלט, אָהן באַצאָהלט.

טראָסטיס — מענטשען וואָס שרייבען אונטער פרעמדע טשעקס.

אינער וואַכע — אַ בעאַמטער, וואָס האָט די גאַנצע מאַכט איבער דער טיר פון דער סאָסייעטי.

אַדווייזאָרי באָארד — דער מיניסטאָרען קאַבינעט פון דער סאָסייעטי.

אַקטיווע מעמבערס — ברידער וואָס קומען תמיד צו די מיטינגען און רעדען אָפט איבער וואָס אַנדערע האָבען שוין גערעדט.

פּאַסיווע מעמבערס — ברידער וואָס קומען צו מיטינ־גען נאָר דאן ווען עס פעהלט אויס צום מזומן.

קאָנסטיטושאַן — אַן אַלטער אויסגעדראָשענער איבער־געזעצטער מאַנוסקריפּט.

אַ פּאָרשלאַג — אַ נייע לאַטע אויף אַן אַלטען בגד.

אַמענדמענט — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אפרים לערנער,

(18־יאָהריגער יובילייזשורנאַל, קאַלאַראַשער בעסאַראַבער ב. פ. א., 1935).

אַנטאָלאָגיע

פון לאנדסמאנשאפט-פּאָעזיע אין דער אַמעריקאנער אידישער דיכטונג

לאַנדסלייט-יובילעי

צום יובילעי פון דער סאָסייעטי
פון לאַנדסלייט בין איך אויך געווען;
מיין ליבע שטעטעלע, די ווייטע,
האָב איך פאַרזאַמעלט דאָ געזעהן.

עס איז געווען ווי א וואונדער,
עס איז געווען ווי א טרוים;
געוואָרען גרויס פון דאן די קינדער,
די עלטערע דערקען איך קוים.

די שעהנע מיידעל באַשע-ריווקע,
געוואוינט פון אונז די צווייטע הויז;
די האָר פאַרקאַמטע אין אַ „גריווקע" —
פלעגט זי פאַרנאַכט פון הויז אַרויס.

דאָך קען איך זי נאָך איצט דערקאָנען,
זי שמייכעלט ליב נאָך ווי אַמאָל,
און רופט מיך אָן ביים ערשטען נאָמען
און היימיש קלינגט אויך דאָ איהר קול...

באלד הויבען אָן זיך טענער וויגען —
ס'האָט די קאַפּעליע זיך צעשפּילט;
מען שפּילט אויך דאָ נאָר יענעם ניגון,
וואָס האָט דאָס הארץ מיט פרייד דערפילט.

דער פידלער הירש — אויך דאָ דער בעסטער,
און זעליג שפּילט נאָך אויף דער פלייט;
דאָס איז דער היימישער אָרקעסטער,
וואָס אונז דערפרייען איז נאָך גרייט.

אברהם רייזען.

אינהאַלט

1.	לאַנדסלייט יובילײ	אברהם רייזען	199
2.	אָדעס	אַננאַ מאַרגאָלין	203
3.	אָדעס	ל. פיינבערג	203
4.	אוקראַינע	לייב סאָברין	203
5.	איהומען	ה. לייוויק	204
6.	מאַרשען	ה. לייוויק	204
7.	די באָקשאַ	מאָרים ראָזענפעלד	204
8.	ביאַליסטאָק	מאַני לייב	205
9.	בירזש	א. בערגער	205
10.	בעלץ	אפרים אויערבאַך	205
11.	בריסק	אַננאַ מאַרגאָלין	206
12.	בעסאַראַביע	משה שיפרים	206
13.	בריסק	מנחם באָריישאַ	206
14.	בריסק	בצלאל פרידמאַן	207
15.	גלינע	אבא שטאָלצענבערג	207
16.	גראָדנע	אַ. פּאָמעראַנץ	208
17.	דימידיעווקע	א. לוצקי	208
18.	האָראָדענקע	מאַרטין בירנבוים	209
19.	וואַרשע	י. ל. קאַלושינער	210
20.	ווילנע	אברהם רייזען	210
21.	ווילנע	ב. י. ביאַלאָסטאָצקי	211
22.	אַ פּאָלקס ליד וועגן ווילנער אידען	מאַני לייב	211
23.	ווילנער פּאַרנאַכטען	א. ליעסין	212
24.	וולעדניק	מיכל קאַפּלאַן	213
25.	זאבעלין	ב. לאַפּין	213
26.	חורבן זוויהיל	א. פּראַוואַטינער	214
27.	זלאָטשאָוו	יעקב מעסטעל	214
28.	זלאָטשאָוו, מיין היים	מ. ל. האַלפּערין	215
29.	טאַלנע־מאָסקאַליווקע	מיכל ליכט	215
30.	טאַרנאָוו	ראובן אייזלאַנד	216
31.	טריסק	ז. וויינפּער	216
32.	צום טשעכאַנאָווער	זישאַ לאַנדוי	217
33.	טשעמעלאָף	ה. מ. קודלאָוויטש	217
34.	לאָדזש	א. לעיעלעס	218
35.	לאָדזשער קוימענס	י. א. ראָנטש	218
36.	ליטע	יוסף ראָלניק	219
37.	ליפּקאַן, מיין היים	אליעזר גרינבערג	219
38.	אַ גרוס	נחום יוד	220
39.	מאָלינעץ	מענדעל אַקערמאַן	220
40.	מיין צוריקקעהר קיין מאָלינעץ	העניך אַקערמאַן	220
41.	מאַלקין	זעליג דאָרפמאַן	220
42.	מאַקאַראָוו	פיין־טווערסקי	221
43.	מינסק—בראָדוועי	א. ליעסין	221
44.	מעזריטש — אין אַ בלוטיגען יום־כפור	מאיר סעגאַל	221
45.	נאַראַיעוו	קלמן הייזלער	222
46.	אַ גוטען טאָג, נאַראַיעוו	משה נאַדיר	222
47.	ניעזשין	מאַני לייב	222
48.	סאַלאַנט	יוסף יפה	222
49.	סאָראָקי—ביים דניעסטער	דוד סעלצער	223
50.	סווינציאַן	מעינקע קאַץ	223
51.	פּאָדאָליער דאָרף	ה. רויזענבלאַט	223
52.	פּוילען	מאַרק שווייד	224
53.	פּוילען	יעקב גלאטשטיין	224
54.	פּינסק	מ. אייזענבערג־בראָדסקי	224
55.	פּעטריקאָוו	אַננאַ זאַרעצקי	225
56.	אויף די וועגען פון פּשיטיק	שאול מאַלץ	225
57.	קאָלאָמיי	נפתלי גראָס	225
58.	קאַמעראַיקע	לוי גאָלדבערג	225
59.	קאַרטוז־בערעזאַ	אב. וויקטאָר	226
60.	קאָרעץ	י. י. סיגאַל	226
61.	קאַשאַוואַטע	ב. באָטשעליס	227
62.	קדימה	ל. פיינבערג	227
63.	קומאַרנע	קלמן הייזלער	227
64.	קיידאַנאָוו	אברהם רייזען	227
65.	קריניק	יאָסעל קאָהן	228
66.	ראַדאָם	אל גוריה	228
67.	ראַדאָשיץ	י. ח. ראַדאָשיצקי	229
68.	ראקיטנע	מאַטעס דייטש	229
69.	רוסישער דאָרף	ש. נעפּאַס	229
70.	מיין היים שטאָט ריגע	דוד אָפּאַלאָוו	230
71.	ריישע וואָליע	בעריש וויינשטיין	230

אל. גוריה (רעדאַקציע-סעקרעטאַר)

פאַרוואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט-פּאָעזיע

וואָס דאָס פאָלק פיהלט, וועגען וואָס עס חלומ'ט, צו וואָס עס בענקט — דאָס דריקט זיך אויס אַ סך קלאָהרער פאַר איהם אין די שאַפונגען פון זיינע פּאָעטען. דאָס האַרץ פון פאָלק באַוועגט זיך אין דער פּאָעזיע מיט לעבעדיגען כח. די פּאָעזיע פאַרמירט און קאָלירט דעם פאָלק'ס געדאַנקען און זיינע שטימונגען און זיינע בענקשאַפטען, און פאַרהיט איהם פון ווערען צו טרויעריג אָדער צו פאַרצווייפעלט, און דערנענטערט איהם אוממיטעלבאַר צום געשיכטליכען קוואַל פון בטחון און דויערהאַפטיגקייט.

די אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע איז אַ מוסטער דערפון.

די דאָזיגע זאַמלונג לידער איז אייגענטליך ניט קיין אַנטאָלאָגיע, — עס איז גיכער אַן אָפּגעשלאָסענער און ענגער אַ ל ב ו ם. די לידער זיינען דאָ אויסגעשטעלט נאָכ'ן א"ב פון די שטעטלאך און געגענטען פון וואַנען די פּאָעטען אַליין שטאַמען.

ס'איז אַן אַלבום, דער ערשטער אין זיין מין, וואו אונזערע אַמעריקאַנער אידישע פּאָעטען עלטערע און אינגערע, האָבען אַריינגעשריבען, יעדער לויט זיין כח און אויף זיין שטייגער — אַ בילד, אַן עראינערונג, אַ בענקשאַפט־אויסגוס פונם פאַרבליבענעם היים־שטעטעל און פון די פאַרבליבענע אייגענע מעבר־לים.

דער לייענער וועט געפינען, אַז די זאַמלונג באַשטעהט ניט דוקא פון טרויעריגע לידער — ווי ס'קאָן זיך דענקען; אונזערע בעסערע פּאָעטען האָבען געוואוסט צו פאַרהיטען דעם הומאָר פונם אידיש לעבען אינם שטעטעל, כדי ניט צו ווערען צו טרויעריג. (מאַני לייב, האַלפּערין.)

אין איניגע לידער, ווי אַ שטייגער אין ה. לייוויק'ס, אין אברהם רייזענ'ס, אין י. אַ. ראָנטש'עס איז דאָ שוין אַ לירישער דאָקומענט פון מאָמענט, אַ פאַרצייכענונג פונם לעבען פון היינט.

אין זיין שטעטעל איהומען, וואו דער פּאָעט ה. לייוויק איז געבאָרען געוואָרען, און וואו

שטילע פאַרשניטע פאַרנאַכטען
ווערען נאָך שטילער פאַרשנייט,

איז שוין היינט אַן אַנדער לעבען דאָרט, און דער דיכטער דערצעהלט דערפון מיט גרויס באַגייסטערונג, אַז

קיינער וויל ניט לעבען מעהר מיט זכות פון אבות...

דאָס איז ניט נאָר מיט אידען אַליין, אויך דער פּראַוואָסלאַווגער קלויסטער

...האָט ניט וואו אַהינצוטאָהן זיינע קעפּ-קופּאָלען;

ווייל

די צינגער פון די גלעקער האָבען אויסגעפּיקט די קאָמסאָמאָלען.

עס איז אַ מאַרש אין שטעטעל, אַלע מאַרשירען

...און אויך מיין אַלטער פעטער
מאַרשירט אַ דורך מיט קינדישען, מיט יאָלדעשדיגען פּנים.

ו ו י ל נ ע איז ביים דעם פּאָעט אברהם רייזען אַ געזאַנג, זינגענדיג מיט איהם, וועט דער לייענער דערוייל געוואָהר ווערען ניט נאָר ווילנע'ס פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך ווילנע'ס היינטיג לעבען — ווילנע'ס יחוס.

אויך ראָנטש איז אַ פאַרצייכענער. זיינע ל אָ ד ז ש ע ר ק ו י מ ע נ ס גיבען איבער אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דער שטאָט לאָדזש פון היינט. אמת, לאָדזש האָט דעם פּאָעט ניט געגעבען קיין פריילעכעס צו זינגען, אָבער זיינע רעפלעקטיוו־גראָטעסקע פאַרצייכענונגען — „די גאָרגעלדיגע קוימענס", די „הינקענדיגע געסלאַך־קאַליקעס" און אַנדערע אַזעלכע גראָטעסקען וואָס מען געפינט אין דער ליד, וועט יעדען געקומענעם פון לאָדזש זיכער צוריקברענגען צו זיין אַמאָליג טראַכטען, אַז, אויך

איך האָב אַלס קינד געשראָקען זיך פאַר הויכע קוימענס פון פאַבריקען,
וואָס האָבען אויף מיר געדראָהט פון לאָדזשער הויפען,

און דער לאָדזשער ווערט פון דער ליד געוואויער, אַז אין לאָדזש

שטעהען איצט פאַבריקען קרישעלדיג ווי מומיעס.

און —

...די הויכע קוימענס, אָט-די לאַנגע דראָנגען,
גאַפען סתם, ווי אָפּגעריסענע נאַרען.

און ס'שאַפט זיך ביי דעם לאָדזשער אַ געפיהל, אַז אָט אין די שאגאל־מעסיגע פאַרצייכענונגען ליגט אַ האָפערדיגער אָנזאָג אויף אַ בעסערער צייט פאַר לאָדזש.

לידער, ווי אַ שטייגער א. ליעסינ'ס, הויבען זיך איבער אונזער מאוים'דיגער צייט, ווי לירישע קריכפלאַנץ. דער לייענער וועט זיך ניט אַרויסדרעהען פון דעם וויזיאָנירטען רעאַליזם און פון דיכטער'ס מחשבות'ן לייענענדיג די לידער זיינע אין דער זאַמלונג.

ליעסין גייט שפּאַצירען אויף דער קאָכיגער בראָדוויי און זעהט

ווייט-ווייט אין מיין געבורט-שטאָט געהט די נאַכט איצט אום
אין בלויער גלוטיגקייט, אַ פראָסט-געשמידטע שטום,
און גאָלדיג די לבנה, גרויס אַזוי און פול,
קוקט טרויעריג אַרונטער אויף דער אַלטער שוהל.

און דער לאַנגער שפּאַציר (דאָס ליד) ענדיגט זיך מיט אַ דערפיהלען

...אַ פרוידיגע, אַ טיפע זעהלען-רוה,
אַ קינדער-גליק באַפאַלט אַן אויגענבליק מיך שטום
אין מיטען פייער-פּלאַטער פון בראָדוויי אַרום.

אויך נחום יוד פאַרגעסט ניט אין ניו יאָרק זיין שטעטעל מאָהילעוו אויף זיינע שפּאַצירען. ער איז דער בעל־בטחון צווישען אונזערע פּאָעטען, און ווי אַזעלכער טראַכט ער פון מאָהילעוו מיט ערנסטע האָפענונג אַז

איך ווייס, דו האָסט געענדערט זיך,
די ציימען זיינען אַנדערע...
— — — — — — — — — — —
די צייט איז איצט אַ שטורמישע...
און בוימער אַלטע קראַכען איצט,

די אַנטאָלאָגיע שליסט איין כמעט אַלץ וואָס אונזערע פּאָעטען אין אַמעריקע האָבען געשאַפען וועגען זייערע אַלטע היימען. אַ חוץ די צוויי אברהם׳ס — אַברהם רייזען און אברהם ליעסין, האָבען די עלטערע אידישע דיכטער אין אַמעריקע זעלטען ווען ס׳איז אומגעקוקט זיך אויף זייערע אייגענע שטעטלאך. ביי מאָריס ראָזענפעלד׳ן איז געפונען געוואָרען נאָר איין ליד וועגען זיין היימשטעטעל. דער מ. ל. האַלפּערין־און־זישא לאַנדוי־דור האָט אַ באַדייטענדיגע און ווערטפולע צאָהל לידער פון אייגענע שטעטלאך פאַרצייכענט. די מעהרסטע און כאַראַקטעריסטישע פון אָט דעם דור זיינען אויפגעזאַמעלט אין דער אַנטאָלאָגיע. איהר האָט דאָ האַלפּערין מיט זיין ז ל אָ ט ש ע ו ו , וואָס וועט פאַרשאַפען אַ נחת־רוח ניט בלויז זלאָטשעווער. איהר האָט דאָ מאַני לייב׳ן, אונזער באַלאַדיסט, מיט זיינע לידער פון נ י ע ז ש י ן .

איבער ניעזשין הענגט אַ כמאַרע
און אַ גרויסע שליאָטע;
פאָהרט אין שטאָט אַ באַלעגאָלע,
זינקט די בויד אין בלאָטע

אָדער זיין ליד אין פאָלקס־טאָן:

— גדליה, גדאלקע, פון וואַנען שטאַמסטו,
וואָס דו קלינגסט און קלינגסט אין פרייהייט-גלאָק?
— איך רוף מיט׳ן גלאָק אַז די פרייהייט זאָל קומען,
און שטאַמען שטאַם איך פון ביאַליסטאָק.

זיינען לידער וואָס וועלען אַרויסרופען צו זיך נגונים, כדי זיי צו זינגען. צו דעם דור געהערט אויך משה נאַדיר מיט זיין נ אַ ר אַ י ע ו ו , און ראובן אייזלאַנד מיט זיין ט אַ ר נ אָ ו ו .ביידע פּאָעטען האָבען דאָס שעהנסטע צו ערצעהלען פון זייערע שטעטלאך. משה נאַדיר זינגט: „דיין ווינטער — הויל קרישטאָל, דיין זומער — עמעראַלד" און אייזלאַנד זינגט: „מיין שעהנסטער קינדער־חלום — טאַרנאָוו".

אויך די נייע פּאָעטען האָבען אַ סך שטעטעל־לידער געשריבען. אַ גרויסע צאָהל פון די נייע פּאָעטען טראָגען זייערע שטעטלאך ביי זיך צום האַרצען. ניט געקוקט וואָס אינדערהיים זיינען די פאַרהעלטעניסען פונדרויסען געוועזען ניט איבעריג פריינטלאך, אָבער עס זיינען דאָרט געבליבען — קינדהייט, חדר׳יאָהרען, בענקשאַפט, און אויך נויט און עגמת־נפש׳ן, און יאָהרען לעבען, און רגע׳ס פון אָפּשיידנעמען, און קברים, דעריבער איז די ווענדונג צו דער פאַרלאָזענער שטעטעל ביי אַ גרויסע צאָהל פון אָט־די פּאָעטען מיט אַן אויסרוף — „ מ י י ן ! " —

„ליטע, מיין שטויביגע וויגעל", „מאַלינעץ, מיין היים אין בעסאַראַביע", „סאָראָקי — קליין שטעטעלע מיינס", „סווענציאַן — מיין אָרימע ליטווישע ערד", „פּוילען — מיין פּויליש לאַנד", „פּינסק — מיין שטעטעלע", „מיין שטעטעלע פּעטריקאָוו", „קריניק — היים מיינע באַרג אַראָפּ", „מיין היימאָט גראָדנע", „מיין וואַרשע".

צווישען די פּאָעטען אין דער זאַמלונג צעהלט זיך אַ גרויסע צאָהל אויך פּראָלעטאַרישע דיכטער.

עס איז כדאי צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט צו דער ליד „האָראָדענקע" פון דעם יונגען פּראָלעטאַרישען פּאָעט מאַרטין בירנבוים. אַליין אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, אויפדערצויגען אין פּראָלעטפען, און אויף דעם פּראָלעטאַרישען רעוואָלוציאָנערען וועלט־באַנעם, האָט ער זיך אַ קעהר געטאָהן צום שטעטעל זיינעם,

אין פלאַכען טאָהל —
דאָס שטעטעלע האָראָדענקע,
די בידנעקייט —

דער לייענער וועט געפינען אַן עכטע ליד פון אַ אידישען ישוב אין דער אַלטער היים, מיט שורות וואָס געהען ניט בלויז אויף האָראָדענקע אַליין. „די גרויסע שוהל, דאָס בית־מדרש און די קלויז"

... טיף
אין דעם געפלעכט פון געסלאַך —

איז אַ בילד פון אַ סך היימישע שטעטלאך מעבר־לים.

אונזער אַמעריקאַנער אידישע פּאָעזיע האָט ניט קיין סך פרויען דיכטערינס וואָס זאָלען זי רעפּרעזענטירען ווען עס קומט צו עפּעס אַ ליטעראַרישען יום־טוב. בלויז צוויי־דריי פּאָעטעסינס האָבען באַוויזען, אַז ווען ניט ווען האָבען זיי אויך געהאַט אין זייער לעבען אַ געוויסע שעה, ווען זייערע שטימונגען זיינען געפלאָסען האַרמאָניש מיט די עראינערונגען פון דער אַלטער היים — און האָבען צוגעטראָגען צו דעם אַלבום אויך זייערע שאַפונגען.

דער לייענער וועט געפינען אין דער אַנטאָלאָגיע לידער, וועלכע זיינען געוועזען באַקאַנט דער אידישער איסט־סאַיד פאַר און בעת די מלחמה־יאָהרען, און וועלכע פלעגען דאַן דעקלאַמירט ווערען און אויך געזונגען ווערען אין היימער און אין שעפּער, אַ שטייגער דאָס ליד „וולעדניק" פון מיכל קאַפּלאַן.

אַ קליינע זאַמלונג, דאָך פעהלט ניט אין איהר קיין איין כאַראַקטעריסטישע נאָטע פון די אַלע אַקאָרדען וואָס צוזאַמען שטעלען זיי צענויף אַ לירישען דאָקומענט פון דעם, וואָס ס׳איז אַמאָהל געוועזען, און וואָס עס איז איצט — אין אונזערע אידישע ישובים מעבר־לים.

אָדעס

געדענקט איהר, שיינער ריטער,
דעם פרעהליכען פלאַטער-פליטער
פון שלייערען, אויגען און צעפּ?

פלעגט איהר דעם הויף נאָר פאַרבייגעהן
אומבאַקאַנט, שלאַנק און פאַלקאָמען,
איבער'ן ראַנד פון באַלקאָנען
פלעגען מיידלאך זיך ציטערענדיג נייגען.

אַ, טרויעריגער ריטער, געדענקט איהר
אַ ליכטיגען שמאָלען אָוואַל
אין גאָלדענעם, בלענדענדען זאַל?
און אַ לאַשצענדען און אַ פאַרביינקטען
האַלב-פאַרגעסענעם וואַלס
אויפ'ן האַלב-קינדישען באַל?

און אויף בולוואַרען, פאַרשפּונען
אין שיין פון עלעקטרישע זונען
האַלב געשוועבט און האַלב געשוואומען
האָבען מיר, גאַנץ אין זיך פאַרשלאָסען.
און פון אָרקעסטער איז געפלאָסען
די פאַר'חלומ'טע פּאַפּורי
און געבעטען: „בלי!"

און קענט איהר זיך דערמאָנען
אַלץ דאָס, וואָס האָט ניט קיין נאָמען
און איז בלויז אַ דופט און אַ סוד?
און דעם אָטעם פון סטעפּ,
און פון זון, און פון סמאָלע?
און צום זינגענדיגען ים האָט די שטאָט,
ווי מיט אַ זיידענעם שלעפּ,
גענידערט פון טוזענט מירמעלנע טרעפּ.

אַננאַ מאַרגאָלין.

אָדעס

אָדעס, דו זידליכע פּאַלמירא,
אַ, שטאָט פון צוגווינטען און שטיין,
ס'האָט פּושקין נאָך געזונגען שירה
דיין גאָלדיג-צויבערליכען חן.

אין דיינע שיקעלנדיגע ליקען,
אויף דיינע סקווערען — רונד און ברייט —
אויף דיינע קרייצענדיגע בריקען
האָט דרום זוניג זיך צעשפּרייט.

האַלב-מעקלערין און האַלב-קאָקאָטקע,
האַלב-סעדיכע און האַלב-מאַדאַם, —
אַ, שטאָט פון ליבע און טשעטשאָטקע,
אַ, קליין-פּאַריז ביים שוואַרצען ים.

פון אומעטום, פון ווייטסטע טיילן,
מיט שיף, מיט פורען און מיט באַהן,
פלעגט האַלבע וועלט זיך קומען היילען
אויף דיין כּאַדזשבייעווער לימאַן.

אַ, שטאָט מיט לאַנגע דוכרגאַנג-הייזער,
אַ, קראַך פון בלענדיגען מיראַזש, —
דיין גורל היט דער קרומער ווייזער
אויף געלען טורעם און פּאַסאַזש.

אויף דיינע אויסגעפּוצטע גאַסען,
אויף דיינע טומעלדיגע מערק
אַ בבל'דיגער מיש פון ראַסען:
כּאַכאַל, אַרמענער, איד און טערק.

עס פינקלען מויערען, ווי קובען,
פון רויטען ציגעל און גראַניט
און ווינטען יאָמערען און טרובען
אויף דיינע סקווערען זייער ליד.

אַ, לאַנזשעראָן, אויף דיינע פעלזען
ווער ס'האָט דעם רויש פון ים געהערט,
דעם וועט שוין קיינמאָל ניט געפעלען
קיין אַנדער זון, קיין אַנדער ערד.

ל. פיינבערג.

אוקראַינע

איצטער בליהען אין מיין שטעטעל
גרינע אַגרעסען און זאַפטיגע מאָרעלען;
פון די דערפער שיקסעס אויף ירידים
אויסגעפּוצט אין קווייטען און אין קרעלען.

קליינע אינגעלאך לויפען באָרוויסע אַרום איבער
די גאַסען,
שפּילען זיך אין „באָלשעוויקעס", „דאַטשען" און
אין „פערד";
אַלטע אידען זיצען אויף די פריזבעס
און קעמען מיט די פינגער זייערע בערד.

אויפ'ן ברודער-קבר פון די שטעטעלדיגע ערשטע
רויט-אַרמייער
בליהען בלומען אויס אַ רויטען סערפּ און האַמער;
ווייבער שלעפּען פולע קאָשיקעס פון מאַרק
און שעלטען ביז'ן דריטען דור אין טאַטענס
טאַטען אַלע קרעמער...

לייב סאָברין.

איהומען

שטילע פאַרשנייטע פאַרנאַכטען
ווערען נאָך שטילער פאַרשנייט,
דאָ אין דיין שטיבעל פאַרמאַכטען
גייט אויף פון פרידען דער קנויט.

ביז צו די טרעפּ פון דיין שטיבעל
ווען, ווי אַזוי איך קום צו? —
האַרץ מיינס פון אַלטען פאַראיבעל
יוגענט זיך אונטער דיין רוה.

כסלו׳שער הימעל אין שייבעל, —
ליבער אַמאָליגער פריינט!
זעלביגער ביסטו — צום בלייבען —
אין דיין אַמאָליגקייט היינט.

איך בין שוין אָבער ניט זעלביג,
איך בין שוין גרוי און צעקריצט;
זעסט דאָך, ווי מויעריג, וועלביג
איך, דער געקומענער, זיץ.

זיץ ניט! — אָט דאָ אינם מולטער
מולטער — מיין קינדישע וויג —
קאָפּ צווישען דינינקע שולטער
לייג זיך אַנידער און ליג.

ווענט פון מיין היים מיינע דאַרע,
דאַך — מיין צעטראָגענער האָן,
בעט איז נאָך אַלץ ווי אַ נאַרע,
דיל — ווי אַ מויל אָן איין צאָן.

גופ׳ען פון יונגען — אויף שטרויזעק
לויכטען, ווי עפּעל, אין פרייד,
זינגען און חוזק׳ען חוזק
און פייערען פייליגע רייד.

איהר, מיינע טעג, מיינע יונגע,
שטייט פון פאַרגעסענקייט אויף,
לאָזט זיך אַזוי ווי די יונגען
אויפגעהן אין ליכטיגען גוף.

טריט קושען אוים טראָטואַרען,
זעגענען זיך אויפ׳ן ראָג,
טעג מיינע — ברוגז׳ע נאַרען,
ס׳קומט אָן אַ קליגערער טאָג.

ה. לייוויק.

מאַרשען

קיינער וויל ניט לעבען מעהר מיט זכות פון אבות.
קיינער וויל ניט מזכיר זיין געוועזענע לויה;
אויפ׳ן בוידים פון דער קאַלטער שול זיצען
בלינדע סאָוועס

און האַלטען אין די שנאָבלען אַ צעבלוטיגטען
דעם שם הויה.

אַנטגעגען איבער שטייט דער פראַוואָסלאַווגער
קלויסטער
און האָט ניט וואו אַהינטאָן זיינע קעפּ-קופּאָלען;
אין וויסטעניש פון גלעקער וויגט זיך ישו דער
געקרייצטער,
די צינגער פון די גלעקער האָבען אויסגעפּיקט
די קאָמסאָמאָלען.

און איבער אַלע געסלאַך — טריאומפירענדיגע
מאַרשען,
און זון אויף אַלעמען, ווי דורכזיכטיגער עמבער;
און אויסרופען פון יוגענט וויגען זיך, ווי פולע קאַרשען
אויף די צווייגען — אויף די שעה׳ן — פונם
זיבעטען נאָוועמבער.

אויפ׳ן אַלטע מאַרק — אַ טויער פון געקנופּטע
ברעטער, —
טויער-רעוואָלוציע, — דורך איהם מיט רויטע פאָהנען
דאָס גאַנצע שטעטעל שפּאַנט, — און אויך מיין
אַלטער פעטער
מאַרשירט אַדורך מיט קינדישען, מיט
יאָלדעשדיגען פּנים.

ה. לייוויק.

די באַקשאַ

אַ דינער שאָטען ציטערט אויף דער באָקשאַ.
די זילבער-בערדיגע פישער פאָהרען
אויף איהרע דראָבנע, אווענט-שטילע וועלען —
דעם פאַנג דעם נאַכטיגען צו מאַכען. —
עס קוקט די לבנה און איך.

עס רודערען די וועסלער אין דעם וואַסער,
דער נעץ, ער פאַלט אַלץ טיף און טיפער:
קריסטאַלענע שופען בליצען דורך דעם טונקעל.
אָ, שיינע קינדער פון די פלוטען! —
עס קוועלט די לבנה און איך.

אַלץ ווייטער געגען שוואַרצען זוים פון וועלט-באַרג
פאַרלירען זיך די גרויע שיפלאַך.
איך זעה זיי קוים, און ביי די סמיטנע ברעגען:
די זיסע דאָרף-נגונים קלינגען. —
עס הערט די לבנה און איך.

מיין גרוס איידך, פישער, אויף דער שטומער טיפקייט!
מיין גרוס דיר זענפטע דאָרף-קאַפּעליע!
די ווייכע נאַכט-לופט זויגט איין מיינע ברכות.
מיין נשמה שיפט זיך אויף דער באָקשאַ. —
עס שווייגט די לבנה און איך.

מאָריס ראָזענפעלד.

ביאַליסטאָק

(אין פאָלקס-טאָן)

— גדליה, גערדאַלקע, פון וואַנען שטאַמסטו,
וואָס דו קלינגסט און קלינגסט אין פרייהייטס-גלאָק?
— איך רוף מיט'ן גלאָק אַז די פרייהייט זאָל קומען,
און שטאַמען שטאַם איך פון ביאַליסטאָק.

— גדליה, גערדאַלקע, דו העלדישער בחור,
ווי האָסטו זיך פון פרייהייט דערוואוסט?
— איך האָב די פרייהייט מיט דער מילך געזויגען,
מיט דער זיסער מילך פון מיין מאַמעס ברוסט.

— גדליה, גערדאַלקע מיט די בלויע אויגען,
האָט ביאַליסטאָק העלדען אַ סך ווי דו?
— געווען דאָרטען העלדען, ליכטיגע העלדען,
ליגען זיי איצטער אין אייביגער רוה.

— גדליה, גערדאַלקע, העלד פון העלדען,
ווי קומען אין ביאַליסטאָק העלדען זיין?
— זיי קומען פון בעקער, פון גאַרבער און וועבער,
זיי קומען פון אַרבעטער נויט און פיין.

— גדליה, גערדאַלקע, און דו ביזט אַנטלאָפען
פון ביאַליסטאָק און אין דער וועלט אַוועק?
— דאָס בין איך געלאָפען דורך שטעט און לענדער,
אויף שונאים פון פרייהייט פאַרשפרייטען שרעק.

— גדליה, גערדאַלקע, און וואו ביזטו איצטער? —
וואָס אין פרייהייט גלאָק קלינגסטו ניט מעהר?
— איך בין געפאַלען פאַר דער הייליגער פרייהייט,
ווייל אָן דער פרייהייט איז מיר לעבען שווער.

גדליה, גערדאַלקע, איז רוה אין דיין קבר
מיט אַלע העלדען אין דער אייביגער רוה:
און אין פרייהייטס-גלאָק וועלען אַנדערע העלדען
קלינגען און קלינגען אַזוי ווי דו!

מאַני לייב.

„ביאַליסטאָקער פריינט", יובילעאום אויסגאַבע, ברענטש 88, א. ר., (1905—1935).

בירזש.

מיין שטעטל, היים, די ווייסע קרעטשמע אויפ'ן וועג,
בליט ליכטיק אויף אין טיף פון מיין זכרון.
ווי ס'האָט אין מאי געבליט דער ווייסער בעז
ארום די ווענט
פון אַלטען שלאָס. און נאָענט — די בלויע בלומען
אין די קאָרן...

דער ברייטער וועג — די ריטלדיקע לינדען ביי
דער זייט,
אראָפּ צום סטאַוו, וואו פישער-נעצן האָבן זוניקע
געצויגען
דעם גאָלד פון גרונט און גאָלד פון וואונדערלאכע טעג,
פאר טיף-פארוואונדערטע קינדערישע אויגן.

דער גאָלד פון יענע טעג אויף מויער-ווענט
שוין בלייכט
פארנאכטיק. און טונקעלער אזוי אין ווייט זיך ציט —
ווי איבער וואָלקן נאַכטיקע ביים שארף פון האָריזאָנט,
נאָך זון פאַרגאַנג, אַ דינער ליכט-פאָס ציטערט, גליט.

א. בערגער.

בעלץ

נו, הייסט עס, געקומען צופאָהרען
אַ קוק-טאָן אַמאָהל אויף דער היים.
אין קלייטען — פאַרזשאַווערטע שטאָרען,
אויף שטיבער — געשוואָלען דאָס ליים.

די דראָזשקע, אויף שפּיציגע שטיינער,
דעם היים-חלום מיינעם צעשיט,
די שטיבער, געהויקערטע, וויינען
און ס'פאַלט פון די שויבען דער קיט.

דאָס פערד שניידט די ביינערקע ריפּען
און וואַרפט די האָלאָבליעס אין גאַנג,
צעשטאָכענע הימלען, ווי זיפּען,
צעשפּריצען אַ דריבנע געזאַנג.

דער פוהרמאַן זיצט עלענט פון פאָרענט
און רעדט מיט דער פּלייצע צום ווינט:
— ס'איז קיינמאָהל דער איד ניט באַוואָרענט,
ווען ס'לעבען די לייצעס צעבינדט.

— נו, הייסט עס, געקומען... געפינען
וועסטו ניט קיין נחת אין בעלץ,
דו זעהסט די דעכער, זיי רינען
און רעגען די שטיבער צעשמעלצט.

— מיר האָבען די סיגוראַנצע,*)
מיט פינצטערע היילען און שמיץ,
קיין יחוס איז דאָ ניט קיין פאַנצער,
מען כאַפּט דיך, מען שמייסט דיך און זיץ.

ס'בית-עלמין, מצבות צעשפּאָלטען,
אין שוואַרץ-ערד פאַרזונקען פ"נ,
עס רוהען דאָ מיינע געשטאַלטען,
וואָס זענען פאַרגאַנגען ווי זון.

---

*) געהיימע פּאָליציי.

די אידען, וואָס האָבען דעם וואָלעך
„געזאָגט", ווי גמרא א דף,
געווען איז דער ניגון דאָס צאָלעכץ
דעם אייבערשטען פאַר זיין באַשאַף.

כ'וואָלט אָפּשאָבען וועלען די פּלאַסטעס
און אויפלעבען קריק זייער וועלט,
נאָר כ'בין ניט קיין עדגאַר לי מאַסטערס
און ספּון ריווער איז ניט מיין בעלץ.

די מענטשען געשטאָרבען דאָ פּשוט,
מיט לעבען פאַרפולט ווי אַ קרוג,
אַ פערד האָט אין בעלץ זיך צעפלאָשעט,
אַ איד האָט געלעבט און — גענוג.

אפרים אויערבאַך.

בעסאַראַביע

ווערט אַ מענטש געבוירען אין קיסניצע, פּאָדאָליע,
וואַקסט אויף אין בעלץ, בעסאַראַביע,
זאַפּט אַריין אין די יונגע ביינער
דעם אומעט און טרויער פון ישיבה-בענק;
לעבט אָפּ אַ לעבען אין ניו יאָרק —
און ס'בייַנקט זיין בלוט נאָך דער אַראַבישער
אַבאַיע און אַגאַל,
וואָס האָט איינמאָל נאָר זיין לייב באַקליידט,
און ס'זינגט זיין בלוט דאָס הייסע ליד פון מדבר.
נאָר אין די עלענדע פיר ווענט,
ווען ס'רויעט זיך אין איהם דער רויער כח —
זינגט ער זיך אַ טרויער-ליד,
בעט ער זיך: — רויער כח, רויער כח!
האָסט געזונגען פון ראַכאַמאַ און איבראַהים,
האָסט אויסגע'חלומ'ט דעם ראָזען חלום פון דעלאַווירא.
איצט זינג-זשע מיר דאָס ליד פון בעסאַראַביע —
מיין ליד פון בעסאַראַביע.

משה שיפריס.

בריסק

די אַלטע שטאָט, אַ שטאָט אי קליין אי גרוי,
איז טויט אַצינד ווי אַטהען און ווי טראָי.
נאָר ליבענדיג, פאַר'צער'ט, מיט ווייכען אָטעם
כישוף איך פון זיך אַרוים אַמאָל איהר שאָטען:
די גאַסען אין פאַמעלאַכדיגען גאַנג אָן ווילען,
די שרעקיגע און אייביג פלוצלינגע אַפּרילען,
די רעגענס פול מיט זיין, די פעסטונג דראָהענד שטום,
די מידע פליגעל פון צוויי אַלטע מילען.
די דעמבעס וואַנדערען אַרוים פון קיסר-סאָד,
דער רודער צוקט איבער'ן טייך, דער רודער
שאָרכט: „אַ שאָד, אַ שאָד".

און ס'געניצען די ליידיגע בולוואַרען
מעכטיג שטראָמט דער טיי פון בלישטשענדיגע
סאַמאָוואַרען,
איבער בענטש-ליכט, תחינות, אייניקלאַך —
אין אַן אָרגיע די שלייפלאַך פון די באָבעס,
און דינע ליפּען שעפּטשען אַלץ די נעמען פון די אבות.
אויף טישען פינגער אין די בערד און
אויפגעמישטער ש"ס
און ס'פלעכט דער ניגון זיך מיט אַ סטודענט'ס אַ באַס.
אין גערטלאַך — זונבלומען, רעזעדע, מאָן,
בלאָנדע צעפּ, קאָקאַרדעס, פושקין און נאַדסאָן.
און אין רויטער דעמערונג, מיט רייד אַלץ
נעפעלדיגער, שטילער,
ווי נאָך אַן אומזיכטבאַרען שפּילער
ציהען פאָרלעך זיך אין פעלד.
און איבער אַלץ אַזוי פיל פרילינגדיגער טרויער,
שימער,
דער ריח פון בעז.

אַננאַ מאַרגאָלין.

בריסק

אין אַ ווינקעל, וואו צוויי טייכען האָבען זיך באַגעגענט,
האָבען דריי מדינות זיך געטראָפען אין אַ סגל
און אַ שטאָט איז פון קדמונים אָן געלעגען.

דריי מדינות — פוילען, ליטע און וואָהלין
און די סגל'דיגע שטאָט אין מיטען, ווי אַ קלין,
און פון יעדער מדינה ציט חיונה זיך אַהין.

איבער וועגען ציהען וועגענער מיט משא,
אידען האַנדלען אויפ'ן לאַנד און אויפ'ן וואסער,
און אויף תורה און אויף צדקה צאָהלט מען מעשר.

און מען צאָהלט דעם מלך אויך אַ חלק פון ריוחים,
גיט ער אויף די אידען זיינע גוט השגחה,
טוט עס איינער און אַ צווייטער מלך נאָך איהם.

ביז כמעלניצקי ימח-שמו קומט מיט אַ שחיטה,
קומען שעכטען די חיילות מאַסקאָוויטער
און עס דאַכט זיך — ס'איז א סוף צו בריסק דליטא.

אָבער ס'בלייבט אַ רעשט און שטאָט איז ניט
פאַרעלענדט
נייער ישוב וואַקסט פון דעם, וואָס האָט געברענט.
און אויב קלעצער ברענען, בויט מען ציגעלדיגע ווענט.

האָט אַ יאָג געטאָן דער קייסער מאַסקאָוויטער
און אַ זאָג געטאָן: אַ סוף צו דעם געשפּליטער!
אַלע גרעניצען פאַרנעם איך אין מיין היטעל.

האָט אַ יאָג געטאָן, אַ זאָג געטאָן, אַ קוק —
ערשט עס ליגט אַ שטאָט ביים סאַמע מוכאַוועץ
אין בוג,
און אַ רעווע: העי, דו אַלטע, גיב זיך נאָר אַ רוק!

מ׳האָט זיך עס צעליגט דאָ ווי אין טאַטענ׳ס גאָרטען!
דאָ דאַרף מען אַ פעסטונג אויפבויען מיט פאָרטען,
און איהר קענט זיך קראַצען אויף די לאַנקעס
דאָרטען!...

ווער וועט זיך גיין דינגען מיט אַזאַ בורילע?
נעמט די אַלטע שטאָט זיך אָפּרוקען במחילה
מיט די ברעגען פון דעם מוכאַוועץ, דעם שטילען.

ס׳ווערט אַ פישמאַרק, וואו געווען איז אַ בית-עולם,
פון דער פאַשע וואַקסט אַ צערקווע מיט אַ צלם —
מאַסקאַוויטער צלם ביי די וואַסערען פון פוילען.

האַנדלען סוחרים, אַרבעטען מוליאַרעס און
סטאָליאַרעס,
קומען אויף קאַזאַרמעס, שלעפּט מען טישען, נאַרעס —
און אין קלויזען קלינגט דאָס זילבער פון די קערות.

פון די פאָרטען הילכען יעדען טאָג האַרמאַטען,
גאַסען, מערק און קראָמען זיינען פול סאָלדאַטען,
און עס קלינגט די ברכה אין מאַמען און טאַטען.

און סאָלדאַטען דאַרפען קאַשע און מונדירען,
און אַ כוסה מאַכען אָפיצירען,
און אין הלכות נשים האָט מען אויך ניט לב
צו חקירה׳ן.

פאָניע חקירה׳ט ניט און שטעלט אויף אַלץ
אַ שטעמפּעל.
לעבט די יאַטקע-גאַס און גאַס מיט רויטע לעמפּלאַך,
און קבצנים קאָכען, אויב ניט פלייש, איז וועמפּלאַך.

ס׳איז געגנוג דאָ ניט צו קאַרגען אויפ׳ן גראָשען,
בויט מען אויף אַ גרויסע שול און בתי-מדרשים
און אַ הקדש און מקוואות פאַר די נשים.

הערט מען: בריסקער הימלען רעגענען מיט מן.
ציט קיין בריסק דער בעל-מלאכה, מעקלער, אָרימאַן,
וואַנדערט מען צו-פוס, מיט אָקס און מיט דער באַן.

ווערט אויף יעדען נגיד צען אָרימעלייט
יעדער קרעמער קריגט נאָך זיבען ביי דער זייט,
און דער דלות וואַקסט אין שמאַטעס און אין זייד.

מנחם באָריישאַ.

בריסק

בריסק,
מיין געאָגראַפיע-לערער
האָט געלערנט: גרויסען זיך מיט דיר —
ערשט-קלאַסיגע פעסטונג.
פאַר מיר ביזטו געווען
ס׳קבצנ׳יש געסעל,
מיט בערעל סעטשקע-מאַכער׳ס הויף,
וואו ס׳האָט זיך גאַנצע טעג ארומגעדרייט אַ
בלינדע קליאַטשע.

היים
וואו טאַטע האָט אַ גאַנצען טאָג
געשטאָפּט סאָלדאַטסקע פאַפּיראָסען,
און מאַמע האָט געקוקט אין פענצטער,
צי ס׳גייט ניט דורך אַמאָל אַ פאָליצייסקע.

יוגענט,
פון דרייצען יאָהר ביז זעכצען,
וואָס טאַטע האָט פאַרקויפט אויף אַ קאָנטראַקט
צום שטאָט-גביר רב כאַצקעל,
אויף זיבען טעג אַ וואָך
אַ חוץ פרייטאָג-צונאַכטען —

חלום
ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָהל
געזעהן אַרויפקומען מיין באַלעבאָס רב כאַצקעל׳ס
אינגסטע טאָכטער זעלדעניו.
און איינמאָהל אין אַן אָוועגט
האָב איך אָנגעטראָפען אויף איהר שאָטען
און אָפּגעשטעקט אַ בריוועלע,
וואָס איז געבליבען אָהן אַן ענטפער.

בצלאל פרידמאַן.

גלינע

דער גוי האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס.
ביידע לייבען רייסען דורכ׳ן רוים.
פון באָגדאַניוקער וואַלד, דער לעצטער בוים
איז ווייט שוין הינטער אונז—דער „פעלטעוו" שניידט
דעם וועג אונז דורך ברייט. —
ווי אויף אַ טאַפעל שיבען מיר זיך איבער.
די קאַפליטשקע און די גוי׳עשע שטיבער
ליגען אין אַ טאָהל טיף פאַרשנייט. —
דאָס אויג זעהט ווייט, — אין שוועבעלדיגען פראָסט,
שווימען די קופּאָלען פונם קלויסטער זילבערען אַרויס.
עס צינדט דער לאָמפּ זיך איצטער אויף דער פּאָסט,
און ס׳שטאַרען איבער אַלע דעכער
די קוימענס פון אונזער הויז.

אַבא שטאָלצענבערג.

גראָדנע

(פראַגמענט)

מיין היימאַט, גראָדנע, פעסטונג-שטאָט פון ליטע,
די גובערניאַלע שטאָט פון צאַרישען ראָסיי.
זכרונות טויכען אויף, ווי בלומען ערשט-צעבליהטע,
געשטאַלטען שוועבען דורך און שטעלען זיך
אין רייה...

קאַזאַרמעס, קלויסטערס און טאַבאַק-פאַבריקען,
מיט באַרג און פעלד און וואַלד מיין היימאַט-
שטאָט איז רייך.
באַריהמט מיט איהרע גרויסע אייזען-בריקען,
צעלייגטע אויפ׳ן הימעלבלויען ניעמאַן-טייך...

דער ניעמאַן שווימט פאַרביי צעגרינטע פעלדער,
וואָס רינגלען, קראַנצען איהם אַרום פון יעדער זייט;
און הינטער בערג דאָרט שוואַרצען זיך די וועלדער
און קייטלען זיך, ווי כמאַרעס ציהען זיך העט-ווייט.

עס בלאַנדזשען פישער-שיפלאַך אום, ווי טרוימען,
אויף קלאָהרען ניעמאַן-האַרץ און זוכען אַ באַשייד...
ניט איינמאָהל האָב איך אין די וואַסער-תהום׳ען
פאַרטרויט מיין טיפען צער און אויך מיין זוניג
פרייד...

עס וואַקסט קאָלאָזשער באַרג מיר פאַר די אויגען,
דער שלאָס, דער שווייצער-טאָהל און גובערנאַטאָר-
סאָד:
דערמאָהנונגען פון טעג, וואָס לאַנג פאַרפלויגען,
געמישט פון שוואַרצען פיין, און פולע מיט גענאָד...

עס קומען אויף געהיימע, ליבע ערטער:
פושקי, סאַקרעט, לאָסאָסנע, גראַנדזשיץ, פאָניעמאָן,
די ערשטע אויפגעכאפטע, נייע ווערטער:
אַ רעוואָלוציע, קלאַסען-קאַמף און רויטע פאָהן...

מאַרטירער וואַכען אויף אין מיין זכרון
פון גראָדנער אָרעמקייט פון היינט און פון אַמאָהל...
וואַרשטאַטען-קינדער, אין קעלער-שטוב געבאָרען
פון שול-הויף, יורד׳דיגע, פון פאָרשטאָט און פאָדאָל...

דער שטענדיגער געבראַזג פון תפיסה-קייטען
אין גראָדנער טורמע-הויף פאַרפאָלגט מיין יעדען
טריט...
די שאָטענס פון די הויכע ווענט פאַרשפרייטען
אַ שאָטען אויף מיין יעדען אָטעם-צוג און ליד...

א. פּאָמעראַנץ.

דימידיוקע

אינמיטען וועלט אויף אַ פעלד — אַ שטעטעלע.

שטיבער, וואָס שטייט איהר דאָ?
מענטשען זיינען דאָ — זיינען מיר דאָ.

מענטשען, וואָס טוט איהר דאָ?
אונזער היים איז דאָ.

אַ דאַך פון שטרוי.
אַ דאַך פון שינדלען.
אַ דאַך פון טשערפּעס.
אַלע דעכער — סקאָס אַראָפּ.
קרום.

טריב,
טרויעריג.
יעדער אַראָפּ — איז טרויעריג.

יעדער הויז — אַליין.
אַוועקגעשטעלט — שטייט עס.
וואוהין זאָל עס גיין?
ווייטער איז דען בעסער?

אַן אַלטע הויז
שוין אָנגעשפּארט אויף קוליעס.
איינגעבויגן
הכנעה׳דיג.
וואָס קאָן מען זיך העלפן?

א יונגע הויז — אַ נייע,
ערשט אויפגעבויט,
שטוינט:
טאַקע?
אזוי וועל איך ווערן אויף דער עלטער?

אַ מיטליאָריגע הויז —
א פאַריכטע.
אריינגעשטעלט אַ נייעם פענסטער —
קוקט די הויז קאַסאָקע
אויף ביידע שטיבער מיטאַמאָל,
און לאַכט — און וויינט.

אָט אַ קוימען,
ליגט ער אויפ׳ן דאַך.
איבערגעקערט.
— ליג.

אָט אַ טויער,
הייגנט ער איינגעבויגן,
נאָר אויף איין זאַוויעסיע.
— הייגג.

אָט אַ טאָפּ.
אַמאָל געווען אַ טאָפּ.
געטומלט.
געקאָכט.
שוין . . .
אָפּגעטומלט.
אָפּגעקאָכט.
צעבראָכן —
ליגט ער אויף דער ערד.
צוריק אַהיים.
צו דער מאַמען.

אַלעמענס מאַמע.
אַלעמענס היים.

אַ טאָפּ.
אַ שטוב.
אַ מענטש. —

אַלע — איינס.
איין סוף.

א. לוצקי.

האַראַדענקע

אין פלאַכען טאָהל —
דאָס שטעטעל, האָראָדענקע.
די בידנעקייט
מיט גאָלד פון זומער־זון באַשפּריצט.
דאָס טייכעל — די טשערוואָנע —
ביים בית־עולם,
די בלויע סקאַלעס בלויז געדענקען —
אין מצבות אין צעקרימטע,
וויפיל בלוט און וויפיל טרעהרען
ס'זיינען איינגעקריצט . . .

אויף סטרילטשער וועג — די קאַפּליצע די קליינע;
דער סאָביק־טייך, דאָס וועלדעלע ביים ראַנד;
דער קאָשטשאָל־שפּיץ;
דער דאַך פון דער געמיינדע —
כאָטש נעם דאָס גאַנצע
און פאַרדעק עס
מיט אַ דלאָניע פון דער האַנט . . .

און העט — ביים שטעטעלשען צוקאָפּענס —
צווישען סעדער,
ווי אַ פעסטונג,
דראָהענדיג און שוואַרץ —
דאָרט, וואו ס'געהען אום דערשראָקענע, מיט
היט אין די הענט,

די כלאָפּעס —
דאָרטען שטעהט דער אַלטער, ליובאָמירסקישער
פּאַלאַץ.

און טיף,
אין דעם געפלעכט פון געסלאַך —
די גרויסע שול, דאָס בית־מדרש און די קלויז;
דאָס שטעטעלע —
וואָס פון דער נאָהענט
איז עס אַזוי איינגעהויקערט־העסליך —
און פון דערווייטענס
זעהט עס אַזוי נעט־געווירעט,
זעהט עס אַזוי שעהן־אידיליש אוים.

אין אָט־דעם פלאַכען טאָהל
האָב איך מיין ערשטען חלום אויסגעשפּונען;
ביי דער קאַפּליצע,
צום ערשטען מאָהל,
באַריהרט אַ יונגפרוי'ס ליפּ.
אין יענעם טאָהל —
אַן עכאָ אין דער אייביגקייט אַנטרונען —
איז מיין מאַמען נאָכגעגאַנגען צום בית־עולם
מיין פאַרשטיקטער, קינדערשער כליפּ . . .

אין יענעם טאָהל — אין האָראָדענקע —
האָב איך צום ערשטען מאָהל
געגאַרט
נאָך סוד פון האָריזאָנט —
און אויב אַ קינד קען אָנמערקען אַ ציל פאַר בענקען,
האָב איך געבענקט ביז קאָלאָמיי אַזש —
און ווייטער
האָב איך בענקען ניט געקאָנט . . .

אין יענעם טאָהל
האָב איך צום ערשטען מאָהל די פרייד באַנומען;
צום ערשטען מאָהל
באַנומען האָב איך דאָרט דעם גרויל.
די פרייד —
ווען ס'איז מיין טאַטע — אַזאַ שטאַלטנער —
פון אַמעריקע געקומען!
דעם שרעק — מיט איין יאָהר שפּעטער —
ווען ס'האָט אַ קאָזאַק
אָנגעשטעלט אויף טאַטענ'ס שטערען אַ פּיסטויל . . .

ס'האָט דער קאָזאַק דאַן מיין טאַטען ניט געשאָסען —
נאָר מיט'ן גרויל
האָט אויך דער ערשטער האַס
געטאָהן אין האַרץ ביי מיר אַ שפּרונג.
דערנאָך, ווען ס'איז אין יענעם טאָהל
דאָס בלוט אין טייכען שוין געפלאָסען —
האָב איך אויפגעהערט אַ קינד צו זיין —
האָב איך אויפגעהערט צו ט ר אַ כ ט ע ן יונג . . .

און קאָלאָמיי
האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס ווייטסטע . . .

און די גרויסע שול איז אויך געוואָרען קליין. —
צו די האָריזאָנטען —
צו די וועגען, צו די שטויביגע, געקרייצטע —
האָט דער טויט אַ זעץ געטאָן אין שויבען
און מיט בלוט אין אויג באַפוילען:
געהן!

און ווען דער טאָג פון קריק-קער איז געקומען
און די נאַקעטקייט פון קוימענס
האָט אַ שוואַרץ געטאָן פאַר אויג —
איז די בענקשאַפט שוין געווען פאַרטריקענט
אויפ'ן גומען —

איז דאָס האַרץ, דאָס אינגלישע,
געווען שוין — רויג...

טראַכט איך איצט
פון יענעם טאָהל דעם פלאַכען —
ווייטע, שלייער-שווערע, פרעמדע טעג.
באַר וועלען וואָלט איך נאָך אַמאָהל —
מיט אַ שטילען גרוס
מיין טאַטענ'ס טיהר פאַרמאַכען...
און אפשר
צו דער קאַפליצע אַ וואַנדער טאָן אויף סטרילטשער
וועג...

וועלען וואָלט איך נאָך אַמאָהל —
אַריינזאַפּען אין זיך
די ביטערקייט פון יענע נויטען;
די אָרעמקייט
צופוסענס פונם פירשטליכען פּאַלאַץ;
דעם לעבען דאָרט — דעם אידישען —
פון דעקאָגראַמס און לויטען;
דעם לעבען דאָרט,
מיט הייסען דיכטער אויג,
אַריינקוקען אין האַרץ...

מאַרטין בירנבוים.

וואַרשע

(סאָנעט)

איך האָב פאַר דיר, ניו יאָרק, מיין היים געביטען,
עס האָט מיך וואַרשע אויפגעהאָדעוועט פאַר דיר;
איך זאָל מיין וועלט אויף דיינע גאַסען בויען מיר,
און איבערנעמען פון דיין לעבען נייע זיטען.

און ווי עס לויפט דורך וואַלד פאַרביי אַ שליטען,
און בוימער ווייטע שווימען פאַר מיין אייל צוריק;
געלאָפען זיינען טעג מיט פרייד פאַרביי מיין בליק,
וואָס כ'האָב מיט זיי מיין יוגענט דורכגעריטען.

די ווייט אין נאָהענט-פרעמד פאַר מיר געוואָרען,
דאָס נייע לעבען האָב באַגעגענט מיך מיט לאַסט,
ווי ס'וואָלט די פרעמדע וועלט מיין אויפבוי נאָר געהאַסט,
געקריצט מיט פיין מיין האַרץ פון שווערע יאָהרען.

און איצט מיט עלענד רייסט מיך נאָך די ווייט אַוועק; —
פון דיר, ניו יאָרק, וואו כ'האָב פאַרלוירען יוגענט-טעג.

י. ל. קאַלושינער.

ווילנע

(אַ געזאַנג)

שטאָט — ווילנע! איך רוף-אָן דיין נאָמען,
און ווי נאָר דיין נאָמען דערמאָהנט —
געפיהלען זיי ברויזען, ווי שטראָמען,
און ס'מוטיגט און ס'וועקט און עס מאָהנט...

כ'זעה אָרעמע הויפען, אין טיפען —
געצעלטען אין שאָטען צעשטעלט;
איך האָב דאָרט דערהערט און באַגריפען
דעם רוף, וואָס זיי שיקען דער וועלט.

געזעהען דאָרט די „דרוקען", „פאַרלאַגען"
פון „פונק" און פון „מץ" און פון „ראָם",
וואָס „האָבען" ווי בליצען-זיגזאַגען
באַלויכטען דאָס לעבען ביז תהום...

די שולכלאַך, וואו ס'לויכט קוים אַ פייער,
וואו ס'קלינגט קוים דער ניגון אין לופט;
און ליד פון די נייע באַפרייער,
וואָס מוטיגט, וואָס וועקט און וואָס רופט.

און נעמען פון ווילנער משכילים,
ביי וועמען נאָר בילדונג איז גליק...
און רייד פון די אידעלע תמימים,
פון פין און פון שולמאַן, און דיק.

און ס'קלינגען פון נעמען די קלאַנגען
פון קעמפער — מיט פרייהייטס פאַרלאַנג,
וואָס זיינען אַנטקעגען געגאַנגען
דעם הערשער — אין מוטיגען גאַנג.

דיין שוסטער, וואָס האָט זיך דערוואָרבען
אַ נאָמען, וואָס קלינגט אין דער וועלט —
געפאַלען פאַר פרייהייט אַ קרבן —
הירש לעקערט — פון ווילנע דער העלד.

געזעהען אין דיר, הויפּטשטאָט פון ליטע,
דעם צענטער פון אידישער וועלט,
וואו פרעמדקייט וואָלט האָבען די שליטה —
פאַראייניגט דיין גייסט און באַזעלט.

דיין נעץ פון די וועלטליכע שולען
און פעסטונג פון אידישען וואָרט.
דאָס זיינען די קוואַלען, וואָס פולען
מיט זין און מיט פרייד יעדער אָרט.

די פאָרשער פון שריפטען — אַרכיוועז,
וואָס ראַנגלען ביי דיר זיך מיט נויט,
באַנייען די ווייטסטע ישובים,
וואָס זיינען אין לענדער צושפּרייט.

וואָס לעבען אין דחקות, ניט זיכער,
און נעכטיגען ניט וואו געטאָגט —
זיי בויען פּאַלאַצען פאַר ביכער,
פאַר אוצרות, וואָס ס׳פאָלק נאָר פאַרמאָגט.

די קעמפער, וואָס האָבען צושפּרייט זיך
ביז דאַנען — אַריבער דעם ים,
און דאָ אין דעם לאַנד, וואו באַנייט זיך —
געשטיצט און באַוואָהרט זייער שטאַם...

אברהם רייזען.

ווילנע

דיין נאָמען, ווילנע, קומט צו מיר פון טיפעניש
פון יאָהרען,
ווען איך האָב ווייט פון דיר געטרוימט, פון דיין
געשטאַלט.
איך וויים ביזט אָרעם, איך וויים ביזט אַלט,
נאָר ווי אַ מאַמע ברייגגסטו מיר — ניט אונטער-
גאַנג, ניט ארון, נאָר טאָג פון מיין געבאָרען.

די שטאָט, די גאַסען פון מיין איצט, אין
כוואַליעדיגען ברומען, —
אין מיטען קאָך, מיר דוכט, איך שאַר זיך ביי אַ צוים,
אַ צוים איין ליטע, בית עולם-בוים.
אַ הימעלראַנד, וואָס האָט ווי אַ פּרוכת זיך צענומען,
מיט יעדען גרוס וואָס איז צו אונז פון דיר געקומען.

אַ שטעטעל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳בייטען זיך די
שעה׳ן, —
אַן אורח געהט. — שלום! עליכם שלום!
פון וואַנען? אָ, וואונדערליכער חלום!
דער זיידע גלעט די באָרד, די אויגען טוקען זיך
אין גרויען,
— דער אורח איז געווען, געזעהען דעם אוהל
פונם גאון.

לעגענדעס, איינס און צוויי, אַ שיכט אויף שיכטען, —
דער ווילנער גאון מיט אַ זאַק אויף זיינע פּלייצעס.
— דער ווילנער גאון פירט פאַרבלאָנדזשעט פערד
ביי לייצעס.
— דער ווילנער גאון אין אַ וואַלד אַ פינצטערען —
געדיכטען,
— דער גאון איז אַוועק אויף וועגען גלות
אָפּצוריכטען.

אַ שטעטעל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳הערט זיך
סווישטש פון בייטשען, —
עס קייקלען רעדער זיך אַוועק אויף שווערע אַקסען.
דער זיידע איז שוין טויט, די אייניקלאך — שוין
אויסגעוואַקסען,
די באָבע קרעכצט, וואָס יונגוואַרג געהט אַרום,
ווי גאַנצע דייטשען, —
די ווערטער אַלט-פאַרוואָרצעלטע, נאָר נייע טייטשען.

און ווידער איז אין שטעטעלע אַ נאָמען אויפגעגאַנגען:
געקומען מיט דער שניידיגקייט פון בליץ:
— הירשעל, הירשקע! און אין האַרצען גיט אַ קריץ,
— דערצעהל, דערצעהל! — אין ווילנע איז מען
אין אַ מאַרש געגאַנגען,
אין ווילנע האָט מען לעקערט׳ען געהאַנגען.

די טאַטעס סוד׳ען זיך, די קינדער הערען מיט די
אויגען. —
— די ווילנער יונגען געהען געגען ניקאָלאַי׳ען,
— די שניידער-שוסטער זאָגען, אַז מען דאַרף די
וועלט באַפרייען!
אַריבער שטעטלאך ליטווישע, אַריבער פלויטען
איינגעבויגען,
האָט זיך צעשפּרייט אַ רעגענבויגען.

עס רוישט דער ים געזאַלצענער, עס שווימען
נייע יאָהרען,
געשטאַלט האָט זיך געביטען אויף געשטאַלט, —
איך וויים ביזט אָרעם, איך וויים ביזט אַלט,
נאָר ווי אַ מאַמע בריינגסטו מיר ניט אונטערגאַנג,
ניט ארון,
נאָר טאָג פון מיין געבאָרען!

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

אַ פאָלקס-ליד וועגען ווילנער אידען

(מיין פריינט יעפים ישורין אַ מתנה)

איבער ניעזשין הענגט אַ כמאַרע
און אַ גרויסע שליאָטע;
פאָהרט אין שטאָט אַ באַלעגאָלע,
זינקט די בויד אין בלאָטע.

זיצט אין בויד אַ איד אַ פרעמדער,
קומט פון אַלדי ווייטען;
— וואָס-זשע פיהרט אַ איד קיין ניעזשין?
— סחורה, וואָס פאַר לייטען.

אַזש פון ליטע ביז אוקראַינע
פיהרט דער איד זיין סחורה;
תורה איז די בעסטע סחורה, —
פיהרט דער איד זיין תורה.

און זיין זיידענע קאַפּאָטע
איז אים אָפּגעריבען;
און דער ווילנער גרויסער דלות
אין דער פרעמד פאַרטריבען.

תורה איז די בעסטע סחורה —
ניט מיט גאָלד צו וועגען,
אידען, ניעזשינער פּראָסטאַקעס,
האָבען א פאַרמעגען:

זאַטען ברויט און פולע שפּייכלער,
פעטע שאָף און רינדער;
נאָר זיי האָבען ניט קיין תורה,
ניט פאַר זיך און קינדער.

בלייבט דער ווילנער איד אין ניעזשין —
ניעזשין דאַרף זיין סחורה.
זיצט דער ווילנער איד מיט קינדער
און ער לערענט תורה.

קלינגט זיין לערענען איבער ניעזשין,
איבער אַלע שטיבער;
אידען, ניעזשינער פּראָסטאַקעס,
נעמען זיך אַזש איבער:

— א געזונט זיי אין די ביינער
אַלע די ליטוואַקעס,
וואָס זיי לערענען זייער תורה
ניעזשינער פּראָסטאַקעס.

מאַני לייב.

ווילנער פאַרנאַכטען

(צום אָנדענק פון צ. קאַפּעלזאָן)

איך זעה איהם פאַר זיך, ווי אַמאָהל, א פאַרטראַכטען;
ער שטעהט אויפ'ן ראָג אין די ווילנער פאַרנאַכטען.
ער קוקט אַזוי ליטע'דיג, אָרעם און בלאַס,
ווי אויבען דער הימעל, ווי אונטען די גאַס.
א שטאָט — א צעשרומפּען געזיכט פון א זקן,
צעקנייטשט אין זאַוואולקעס, פאַרגעלט און
צעשראָקען.
די מענטשען, די מויערלאַך — שטשופּלע און קליין,
און גרוים טיילט זיך אויס נאָר דער וואָלקען אַליין.
ער הענגט אַזא דיקער, אין לאַנגוויל אין שווערען,
און טריפט נאָכאַנאַנד זיינע גרויאיגע טרעהרען.
און אונטער איהם ליגט די פאַרהאַוועטע גאַס,
וואָס טומעלט זיך נעבעכדיג, נישטיג און נאַס.
דאָס קעהרט זיך ניט אָן מיט'ן יונג דעם פאַרטראַכטען,
וואָס וואַרט אויפ'ן ראָג אין די ווילנער פאַרנאַכטען.
ער שטעהט און ער קוקט ניט און קוקט אָבער גראָד,
ביז וואַנען ווער פלאַטערט פאַרביי, ווי א סוד.
א דריי מיט'ן אויג און א שושקע אין אויער,
עס שאָטנט ווער דורך און פאַרשווינדט אין א טויער.
און שטום אויפ'ן ראָג שטעהט דער וואַרטער
און שטעהט,
דער פּנים פאַרטוליעט, די בליקען צעשפּרייט.
אָט סוד'עט זיך איבער א צווייטער, א דריטער,
און שווינדען אין טויער מיט פריידיגען ציטער.
מען רוקט און מען רוקט זיך געהיימניספול צו;
אָט צינדט זיך א פייערעל אָן ערגעץ-וואו.
און ווייטער אויף אַנדערע ראָגען און ווייטער,
עס שטעהט אויף דער וואַך אַלץ א יונג א פאַרשייטער.
און פייערלאַך, פייערלאַך פּיל, אַזוי פּיל,
זיי צינדען זיך אָן אין דער שטיל, אין דער שטיל.
זיי גיסען זיך איינס מיט'ן צווייטען צוזאַמען;
די פייערלאַך ווערען פאַרצערענדע פלאַמען.
זיי רייסען מיט אימפּעט זיך דורך פרייערהייט,
באַלויכטען די נאַכט אַזוי רויט, אַזוי רויט.
זיי שפּרינגען פון בוידעם, זיי שפּרינגען פון קעלער,
פאַרכאַפּען שוין אַלע עטאַזשען אַלץ העלער.
זיי שפּרינגען פון ווילנע און מינסק און סמאָרגאָן,
זיי צינדען די מלוכה די ריזיגע אָן.
אָט פלאַקערט גאַנץ רוסלאַנד און ברעכט שוין
צוזאַמען,
אָט שטעהט שוין די וועלט א פאַרכאַפּטע אין פלאַמען.
די כמורנע, די שווערע, פאַרפאַנצערטע וועלט,
אין פייער געלייטערט, פון פייער באַהעלט.

:: :: ::

וואו ביזטו דו צינדער, וואָס האָסט אויף די ראָגען
די פייערלאַך אַלע געהיט און געטראָגען?
צו ליגסטו עק-וועלט וואו, פון שנייען פאַרווייהט,
דיין וויסט-ווייס געביין אויף די וועגען פאַרזייט?
צי שטעהסטו נאָך אַלץ און באַוואַכסט נאָך דעם פייער,
ווי שטענדיג, א גרייטער, ווי שטענדיג, א טרייער?
צי מיד, אויף א ווייט-פרעמדער ערד ערגיץ וואו
דערלעבסטו די יאָהרען די לעצטע אין רוה?
צי טראָגסטו אין גלות אויך, שטיל און באַשיידען,
דאָס הייליגע פייער אין הייליגע ליידען?
די העלד פון מיין ליטע, אוואו נאָר דו ביזט,
אַ, זיי מיט דער שרפה דער גרויסער באַגריסט!

א. ליעסין.

וואָלעדניק

גענוג שוין! שרייט אוים משה יאָסעל,
דאָס מוז און דאָס וועט באַלד געשעהן.
אַהיים וועל איל איך פאָהרען, קיין וואָלעדניק
און טאַקע נאָך שבת, איר'ט זעהן.

פאַרברענט זאָל ער ווערען, קאָלומבוס!
אַ טייפעל געפינט אוים אַ לאַנד!
אַ גיהנום, אויף מיינע נאמנות!
עס ברענט דאָ, עס פלאַקערט אַ בראַנד!

אַהיים וועל איך פאָהרען קיין וואָלעדניק,
אַרויסגעהן פאַמעלעך אין מאַרק,
פאַרדינען דאָרט עטליכע גראָשען
און גאָר ניט געהאָרעוועט שטאַרק.

און לעבען אין כבוד, אין נחת,
און האָבען אַ ווערדע ביי לייט.
אַ חשוב ביים פריץ כאַליוטין —
געהאַנדעלט מיט איהם אַזאַ צייט.

אַ טייערער גוי, דער כאַליוטין.
ער האָט ליב צו מאַכען אַ שפאַס:
„אָט זינג", זאָגט ער, „יאָשקע מה יפית"!
ער רעדט אַזוי גראָב אויפ'ן באַס.

ער ווערט אַמאָל כלומר'שט משוגע,
און הויבט אָן די פריצ'ישע שטיק:
„פּאַשאָל וואָן זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ"
און שיקט מיך באַלד רופען צוריק.

און קומען וועל איך אין בית-מדרש,
(דאָרט ברויכט מען קיין טיקעט ביים טיהר),
איך האָב דאָרט אַ שטאָט אַזש אין מזרח,
ניט ווייט פון ר' סענדער דעם גביר.

און הערען בן-ציון דעם חזן:
זיין טיפען געבעט, זיין געוויין;
ער שפרייט אוים די הענט און ער טענה'ט,
זיין טענה קען ריהרען אַ שטיין.

און הערען דאָרט שלום דעם מגיד,
ער רעדט אַזוי האַרציג געטריי,
ער מאָלט אוים אַ חבוט-הקבר —
איז פונקט ווי איהר זייט דאָרט דערביי.

און ס'וועט זיך אַרום מיר פאַרזאַמלען
אַ רעדעל אין שול-הויף, אין גאַס.
און איך וועל אַ רייד טאָן אין ענגליש:
„העלאָו!" וועל איך זאָגען אין שפאַס.

„לוידים און דזשענטעלמען, ליסען,
איהר לעבט דאָ ווי ווערים אין כריין,
און ווילד זענט איהר ווי אינדיאַנער,
און ווייסט ניט וואָס גוט איז, וואָס שעהן".

„צי ווייסט איהר, אַ שטייגער, וואָס מיינט דאָס:
„אָפּסטעז" און „טאָפּ-פלאָר" און „די בעק",
און „לענדלאָרד" און „קאָורט" און „סיידוואָק"
און זוכען אַ „דזשאָב" און ס'איז „סלעק"?

„אַלבעטשע" איהר ווייסט ניט וואָס „בלאָף" איז?
און „העלפּ-יורסעלף" ווייסט איהר וואָס מיינט?
אוי „גרינהאָרנס", ווילדע באַרבאַרען!
„קאָלאָמבוס" וואָלט אייך דאָך פאַרשטיינט.

און שטעהן וועט דער עולם און טראַכטען:
„ס'אַ מזיק! ער רעדט דאָס אַ שפּראַך"
און איך וועל זיך ברייען און ברייען,
אַרומריידען איטליכע זאַך.

און „רענטען" וועל איך דאָרט אין וואָלעדניק,
ביי נחום דעם שמש אַ „פלעט",
און קויפען אַ שעהנע קאַנאַפּע,
און קויפען אַ הילצערנע בעט.

און הייסען מיר קאָכען אַ קרופּניק,
איך זאָג אייך, ס'א מאכל, אַנטיק! —
אַהיים וועל איך פאָהרען קיין וואָלעדניק,
אַהיים וועל איך קומען צוריק.

מיכל קאַפּלאַן.

זאַבעלין.

כ'האָב געטראַכט און האָב געטאָן
אויף מיין אייגענעם באַראָט.
אויפגעבליצט האָט מיין שגעון
און פאַרלאָקט מיין יונגן טראָט.

כ'בין אַוועק, אַוועק, אַוועק — — —
דאָרפיש שטויב נאָך זיך געלאָזט;
ליב געווען דער ערשטער שטעג,
איינגעשניטן אין דעם גראָז.

קיינעמס וואָרט נישט אויסגעהערט,
(ליבע, ליבע, מאַמע רייד;) —
און נישט קלאָר נאָך דער באַגער,
און פאַרפלאָנטערט דער באַשייד.

צוועלף יאָר! — און קליינגעוויקס,
א געשריי אין האַרצן ברויזט;
ווי אַ הייסע קויל פון ביקס
האָט געריסן זיך ארוים!

מאַמעס וויין האָט נאָכגעיאָגט,
טאַטעס בליק — דעם וועג פאַרשטעלט.

נאָר ס'האָט איינגעשפּאַרט געלאָקט
פרעמדער ריח, פרעמדע וועלט!

ווי אַ בויגן האָט מיין הויט
ביז צום פּלאַצן זיך פאַרשטייפט;
ס'לויפט מיין לייב דורך קאַלטער שרויט,
כ'האָב מיין אומעט צוגעפייפט.

וואָס דערוואַרט מיך אין פאַראויס?
וואָס זאָגט צו פאַר מיר די ווייט?
שוואַרצער רויך און באַן-געדרויש
שטילע רואיקייט צעשניידט.

באַן כאַפּט צו מיך, און פאַרטראָגט
מיט אַ טעמפּען שטאָלען קלאַנג;
גאַרנישט, גאַרנישט צוגעזאָגט,
קיין איין איינציקן פאַרלאַנג!

ב. לאַפּין.

חורבן זוויהיל

ערשט נעכטען געווען נאָך
אַ שטעטעל — אַ פּראַכט...
זעהט נאָר, וואָס היינט
האָבען „מענשען" געמאַכט!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טייוועל ט'געעפענט
זיין גיהנום'דיג מויל,
מיט שלאַנגען פון פייער
פאַרדרייט אין אַ קנויל.

די צונגען — זיי לעקען
פון הימעל דעם ראַנד,
רויטלען און פּענזלען
דריי טעג נאָכאַנאַנד.

ניטאָ מעהר קיין הייזער
און בוימער ביי זייטען,
פּעך — שוואַרצער רויך
ציהט זיך פון ווייטען.

קאַרניזען, באַלקאָנען
פּלאַצען און פאַלען,
ס'שפּילט זיך דאָס פייער
אין שויב מיט די שטראַהלען.

די בוימער פאַר'שרפה'ט,
צושפּאַלטען און טרוקען,
מיט טענות די צווייגען
צום הימעל נאָר קוקען...

געשענדעט, געשטאָכען
געקרייצט אויף די פּלויטען
מיט צוועקעס געהאַמערט
די קעפּ פאַר'ן טויטען...

מיט בלוט-רויטע פלעקען
געקווייטעלט די שטיינער...
הינט גריזשען און לעקען
פון הרוגים די ביינער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ניטאָ שוין קיין זכר
פון פּראַכטפולען שטעטעל!
מען זעהט מעהר ניט שטעהן
אַ סלופּ מיט אַ ברעטעל...

די ראַגאַטקע פאַרבונדען
מיט פאַראָסטעטען דראָט,
אַן אויפשריפט פון אויבען:
„די געשטאָרבענע שטאָט!!!"

א. פּראַוואָטינער.

זלאַטשאָוו

אין יענער נאַכט, דער לעצטער נאַכט,
ווען אָפּגעזעגענט כ'האָב מיין היים —
דעם רב ר' פּייוועל'ס ציגעל-מויער
און באָבע ליבע'ס שטוב פון ליים — —

מיר דאַכט,
אַז קיין שום לעבענס-פרייד וואָלט ניט פאַרגעסען מיך געמאַכט
דעם קינדיש-צאַפּעלדיגען טרויער
פון יענער נאַכט.

פערד-און-וואָגען האָט געפויזעט אויפ'ן שמאָלען, לאַנגען וועג
ווי אַן אָרימאַנסקע לויה,
און באַרג-אַרויף האָט זיך צעקרעכצט
די אַקס אין ראַד און ווי אין הארץ —
אוי, עפּעס שלעכטס, עפּעס שלעכטס
וועט ברענגען מיר דאָס נייע...
וואָלט וועמענס וואָרט מיט שאַרפען פרעג
מיין פּרוכנעם דישעל דאַן צעזעגט —
אויף אַלע פיער וואָלט איך דאָך באַלד
געקראָכען מיט'ן וועג צוריק,
צו כאַפּען נאָך אַ לעצטען בליק
אויף דרימלענדיגע דעכער, איינגעטוליעטע אַזוי געדיכט
ביים ברעג פון שוואַרצען וואַלד.

אַ ליד האָט עמיץ זיך צעזונגען,
האָט עס ווי געוויין געקלונגען,
ווי טאַטען'ס זיפץ און מאַמעס תפילה, צינדענדיג די ליכט — —

געשטאַנען דער בית-עולם אָפֿען —
אַ מויל מצבות, ווייסע ציינער — —
היט זיך, היט זיך! ס'האָט געטראָפֿען
אַז אין מיטנאַכט האָבען מתים
(גאָלע טאַנצענדיקע ביינער
אין תכריכים און טליתים)
פֿאַרפֿיהרט אַ וואָגלער אויף די קברים
און דאָרט פֿאַרענדיגט איהם זיין וועג!

פֿאַרגאַנגען זיינען לאַנגע טעג
און זונען-פֿרייד און שווערען שטורעם
זייט יענער נאַכט.
נאָר מיר דאַכט,
אַז קיין שום וועלטענס צויבער-פּראַכט
האָט אין זכרון ניט פֿאַרשטעמפּעלט אַזאַ אייביג-
טיפֿען דויער
ווי דער היימווי און דער טרויער
נאָך מיין שטאָט אין יענער נאַכט.

און האָבען ווייסע, בייזע קראָען
אַ חורבן אויף מיין היים געבראַכט —
דאָרט לייכטען זיכער שטערען נאָך יעדען שטורעם
ווי אַ יאָהרצייט נאָך היילינע שעה'ן,
געבאָרען לענגאויס ביי די איינזאַמע קברים
אין יענער נאַכט.

יעקב מעסטעל.

זלאָטשאָוו, מיין היים

אָ, זלאָטשאָוו, דו, מיין היים, מיין שטאָט
מיט דיין קלויסטער-שפּיץ און שול און באָד.
און מיט דיינע זיצערקעס אויפ'ן מאַרק
און מיט דיינע אידעלאַך, וואָס רייסען זיך אָפּ,
ווי הינט אויף דעם פויער, וואָס קומט אַראָפּ
מיט אַ קוישעל אייער פון סאָסנאָווער באַרג —
ווי דאָס לעבען אין פריהלינג וואַכט אויף אין מיר
מיין אָרעם ביסעל בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָר אַז איך דערמאָן זיך, פאַרבענקטערהייט,
אָן דעם נגיד ראַפּאָפּאָרט, ווי ער גייט
מיט זיין גראָבען בויך אין שול אַריין,
און שאַיע הילעלס, דעם פרומאַק,
וואָס וואָלט, ווי אַ חזיר אין אַ זאַק,
פאַרקויפט אָפילו די זון מיט איר שיין —
איז דאָס גענוג עס זאָל אויסגיין אין מיר,
אַזוי ווי אַ ליכט, מיין בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי דערצעהלט זיך די מעשה פון יענעם פראָנט:
ער האָט איינמאָל פאַרנאַכט, אַזוי לאַנג נאָכאַנאַנד,
געזעהן מלאכים אַרום דער זון,
ביז סע האָט איהם אַ שכור, אַ גוי מיט אַ האַק,
אַזאַ פאַרפאָהר געטאָן אונטער'ן פּראַק,
אַז ר'איז נעבעך שיעור ניט געשטאָרבען דערפון —
דער גוי מיט דער האַק איז מיין שנאה אין מיר
צו מיין זיידען, און איהם צוליב, אויך צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

דיין ערד איז אָן עדות אַז איך טראַכט ניט אויס:
ווען מיין זיידע האָט מיין מאַמען פון הויז
אַרויסגעשטעלט מיט דער פּאָליציי.
האָט מיין באָבע, אין דער ברייט מיט די פיס,
געשמייכעלט שיעור אַזוי האָניג-זיס,
ווי אַ שיקסע, וואָס שטעהט צווישען זעלנער צוויי —
אַז פאַרשאָלטען זאָל ווערען מיין שנאה אין מיר,
וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן איהר און אָן דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי אַ קופּקעלע נאַקעטע אידען אין באָד
אַרום אַ פאַרבריהטען, האָט מען אין ראָד
געשאָקעלט די קעפּ און די בערד זיך געגלעט,
אַרום די אַרויסגעוואָרפענע פּעק
און שמאַטעס און בעבעכעס אין זעק.
און אַרום דעם צעבראָכענעם שטיקעל בעט —
מיין מאַמע וויינט נאָך איצטער אין מיר,
ווי דערמאָלט אונטער דיין הימעל אין דיר. —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָר וואונדערליך איז דאָך אונזער וועלט:
מיט אַ פערד און וואָגען איבער אַ פעלד
שלעפּט מען זיך אַרויס צו דער באַהן.
וואָס פליהט ווי אַ שד איבער פעלדער אַוועק,
ביז זי בריינגט אויף אַ שיף מיט אַ צווישענדעק,
וואָס פיהרט אַריבער קיין ניו יאָרק דאַונטאַון —
איז דאָס טאָקע די איינציגע טרייסט כאָטש פאַר מיר,
וואָס מען וועט מיך ניט באַגראָבען אין דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

מ. ל. האַלפּערן.

טאַלנע-מאָסקאַליוווקע.

דער רבי רב דוד'ל איז געוועזען אין טאַלנע
און איצט איז ער אין ראַכמיסטריווקע;
איך בין ביי היינטיגען טאָג אין נעוויאָרק,
כאָטש שטאַמען שטאַם איך פון מאָסקאַליוווקע.

עס איז אַ מהלך פון נעוויאָרק קיין טאַלנע
און פון מיר צום רבי'ן אַ שיינער להבדיל:
אַ שבת צונאַכטס, ווען איך טאַנץ אויף אַ באַל, זינגט
דער רבי מיט גרויס התלהבות המבדיל.

נאָר פונקט ווי ס'באַוויינען די מקורבים פון טאלנע
דעם רבי'נס ארויספאָר קיין ראכמיסטריווקע,
באַוויינען אזוי אויך מיין נעוויאָרקער יאזדע,
מיינע לייבליכע קרובים מכפר מאָסקאליווקע.

און די בענקשאפט פון קרובים און די בענקשאפט פון חסידים,
די טאלנער בענקשאפט ווי די מאָסקאליווקער —
גיט א עליה מיין פארשייט נעוויאָרקער לעבען,
גליקזעליגט דעם רבי'נס זיו בק"ק ראכמיסטריווקע.

די טעזע איז איינפאך: כאָטש ס'גלייכען זיך ניט לפנים
דער רבי מיט מיר און איך מיט'ן רבי'ן,
האָבען ביידע פאראורזאכט מיט שינוי-המקום,
א בענקשאפט און האָפנונג איין יסוד פון לעבען.

און ס'זיינען אזוי נאָך אין זיסן צער פארבונדען
די פעדים צווישן נעוויאָרק — מאָסקאליווקע,
ווי ס'זיינען באהעפט דער צארטער אומעט פון טאלנע
מיט התפעלות'דיגען גייסט פון ראכמיסטריווקע.

מיכל ליכט.

טאַרנאָוו

(פראַגמענט)

עס שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלאך און ענגלישען געווערץ.
מיט זיסען צוקערוואַרג און שאַרפען קימעל,
מיט ריחות פון געוואַנדען און מיט ראָסט פון אייזען
און מיט דער קעלט פון לאַנגע שטאַבעס שטאָהל.
עס שמעקט מיט זעק און צוגעפוילטען שטרוי,
מיט קוישען, שאַכטלען און מיט קאַסטענס, וואָס דערצעהלען
פון ווייטע שטעט און פרעמדע מענשען,
און מעהר פון אַלץ פון יענער שטאָט.
וואָס איז פאַר מיר דער טויער צו דער גרויסער וועלט געווען,
מיין שענסטער קינדער-חלום — טאַרנאָוו.

דו ביזט ניט איבעריג גרויס און ניט איבעריג שעהן,
דו, ליבסטע מיינע פון די שטעט.
צווישען בערגער צוויי ביזטו צענויפגעדריקט,
ווי אַ ריזען-פויגעל מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפרייטע
און צוגעשפיצטע פליגעל,
איינער רעכטס און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביזטו
מיט דעם שטאָלץ אין טראָט פון די סוחרים דיינע,
און גרויס ביזטו מיט דעם רעש פון טויזענטער,
וואָס קומען האַנדלען אין דיינע טויערען,
און גרעסער נאָך פון אַלץ
מיט דיין ברייטען אָטעם,
וואָס שפרייט זיך ארויס אויף וועגען און הויכט אָן לעבען
אין פערציג שטעט און דערפער הונדערטער אַרום.

און שיין ביזטו מיט דיינע טעכטער,
גאַליציענס שיינע טעכטער,
און מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.
דאָך שענער נאָך
מיט דיינע גרינע פייערען, וואָס צינדען זיך אין רייהען,
אין די אויגען פון אַ אינגעל,
וואָס קוקט אויף דיר פון באַרג.
און שענער נאָך און גרעסער אין דעם ציטער
פון מיינע קינדערשע חלומות.

ראובן אייזלאַנד.

טריסק

מיין בענקשאַפט האָט אַהינצו מיך געטריבען
און וואָס איז מיר פון דאָרט געבליבען? —
דאָס זעלבע שטעטעל און די זעלבע שטיבעלאך,
די זעלבע וועגען שטויביגע מיט גריבלאך,
דער זעלבער טשוואָק אין מיט פון אונזער סטעליע,
די זעלבע חתונה און אַלץ די אייגענע קאַפעליע,
דער זעלבער מאַרק, נאָר היינט אַביסעל לעהרער,
דער זעלבער יצחק, נאָר ער האָט די קוה ניט מעהרער.

אברהם סטעלמאַך איז געשטאָרבען און זיין זיהנדעל איציע
פאַרטעסעט מיט'ן זעלבען העקעל פאַר אַ וועגעלע אַ שפיציע.
די קלויסטערס סטאַרטשען מיט די צלמים צו דעם הימעל
און דער בית-מדרש, איינגעהויקערט כאַפט אַ דרימעל,
די קייטלאך אויפ'ן מאַרק, ווי די קבצנים אום חול מועד,
אויף גוי'איש געסעל שטייט אַ הונט און וואויעט,
אויף וואָס? אויף וועמען? קאָן זיין אויף זיך,
אויף זיינע יאָהרען
און אויף דעם שטעטעל, וואו גאָרניט איז דאָ אַנדערש ניט געוואָרען.

אָ, טריסק! דעם אוריאַדניק, וואָס איז שווער אויף דיר געריטען,
האָט היינט אַ וואָנצעלדיגער קאָמענדאַנט פאַרביטען.

ווי דענצמאָל קרעכצסטו אונטער האַנט, דער שווערער,
כאָטש דער מלמד הייסט ביי דיר היינט אַ לעהרער.
אַ ריינער הימעל איבער דיר, נאָך אויפ'ן מאַרק
איז אַלץ אַ בלאָטע
ר' משה גרויסמאַן טראָגט נאָך אַלץ די אייגענע
קאַפּאָטע,
און אידען קרעכצען נאָך ביי דיר מיט די זעלבע
אָך'ן", — — —
די באָד איז אָן אַ דאַך, דער פּאַרקען פון בית-עולם
איז צעבראָכען.

אַ שטעטעל מיינס! — די גרויס, ווי פון אַ
נאָדעל-לעכעל
איך האָב אויף דיין בית-עולם אויפגעשטעלט אַ
צוימעל מיט אַ דעכעל
מיין טאַטענ'ס קבר צו באַשיינען, נאָר ווער-זשע
וועט די לעכער
פאַרריכטען איבער דיינע קוימענס און דיינע
שינדעלדיגע דעכער?
אַ שטעטעל פון בערגעלסאָנ'ס „נאָך אַלעמען",
דו לעבסט מיט האַרען
אויף נסים בלויז און אויף אַמעריקאַנישע דאָלאַרען.
אַ גאַסט איז צו דיין שוועל פון ווייטען לאַנד געקומען
און גאָרנישט ניט געבראַכט און גאָרנישט ניט גענומען.

די בענקשאַפט, וואָס האָט מיך אַהין געטריבען
איז אויף צוריקוועגס אַלץ נאָך טיף פאַרבליבען.
צו וואָס-זשע בענק איך עס אַצינד, צו וועמען?
און אַז די מיידלאַך ווייסען שוין זיך ווי די האָר
צו קעמען
איז אָך און וויי אַפילו, ווען דער טאַטע האָט דאָס
ביסעל נדן,
אין לופטען טראָגט זיך אַלץ דאָס אַלטע קול:
„ואני בבואי מפדן".
אוי טריסק! אוי שטעטעל מיינס! ביי דעם
באַגעגענען!
אוי מאַמע מיינע! שוועסטער מיינע! ביים
געזעגענען!

ז. ווײַנפּער.

צום טשעכאַנאָווער

(ר' אברהם לאַנדוי, 1785—1875)

איך בין ניט פריי — פון מיינע זיידעס
ציהט זיך נאָך מיר אַ לאַנגע קייט;
איך בין ניט פריי — מיין טראָט און קעהר איז
פון אויגען נאָהענטע שטרענג באַגלייט!
נאָכלעסיג, אָבער מיט אַ האַנט אַ פעסטער,
דיך שמיד איך ווייטער, אייזערנע קייט.

אַס נאָהענטסטען פיהלט מיין בלוט דיך,
טשעכאַנאָווער,
ווייל פונקט ווי דיר איז ס'לעבען מיר אַ פליכט,
וואָס יאָ צי ניט באהבה אָנגענומען,
דאָך אָבער פאַר דעם שיקזאַל'ס שטיינערנעם געזיכט
וועט ס'הארץ מיינס ניט קיין ציטער געבען,
ווייל פונקט ווי דו פיהל איך די הייליגקייט פון פליכט.

דאָ אין דער נעץ פון פליכטען און געזעצ'ען,
אַ, וויפיל פרייהייט איז פאַראַן און פרייד!
און בלויז אַ שקלאַף קען מיינען, אַז אַן אַדלער
האַלט אין דער שטייג ניט זיינע אָרעמס
אויסגעשפּרייט!
אַ, ר' אברהם טשעכאַנאָווער,
איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפּרייט!

זישאַ לאַנדוי.

טשעמעלאָף

עס הענגט אַ שבת'דיגער, פאַרנאַכטיגער אומעט
איבער'ן קליינעם פוילישען שטעטעלע טשעמעלאָף.
די גלות-שכינה האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, —
קינדער האָבען אויפגעהערט זייער שפּיל-געלאָף.

אהרון בעדער דאַווענט מנחה און ציהט די ווערטער,
איינטאָניג זינגט ער דעם מנחה'דיגען נוסח
פון אתה אחד, ושמך אחד, ומי כעמך ישראל! — —
אַן עדה אידען כאַפּען אונטער די ווערטער מיד
און שוואַך.

מרה-שחורה-דיגע שאָטענס באַזעצען זיך אין
שוהל-הויף,
און מען גייט ביחידות אַהיים פּראַווען שלש-סעודות;
עס בלייבען אַ מנין אידען אין ווינקעל אָרום אַ טיש,
מ'עסט... מ'זינגט די שלש-סעודות'דיגע זמירות.

קינדער דערצעהלען זיך מעשיות פון גיהנום און גן-עדן,
און פון הימעל בליקט אַריין דער מערב'דיגער
שטערען, —
טובל'ט זיך אין דער בלויקייט פון דער שטומער נאַכט.
די צייט ציהט זיך, אַן אייביגקייט, ווייל אויס ניט
ווערען...

ה. מ. קודלאָוויטש.

לאַדזש

(מיין מאַמע)

מיין מאַמעס בלאַנדקייט האָט געלויכטען אין מיין
קינדיש קיניגרייך,
מיט וואָרעם-דינער אומרוה פון דעם לאַנד'ס
נערוועזע טעכטער.
איך האָב מיין ערשטען שלוק מיט לופט געשלונגען
ביי דעם ווייסעל-טייך,
און יענע לופט איז היפש געמישט מיט פּיכע,
פּויליש-עכטער.

מיין מאַמעס היים-געבאָדענקייט, כ'געדענק זי
גוט. אין שטוב און גאַס
געוואָרט אויף יענעמ'ס גרוס, אַנישט זיך אויפ'ן
אָרט באַליידיגט.
„איך קום אַרויס פון תוספות יום-טוב און
גע'ירשנ'ט אויך זיין כעס" —
האָט זי דערנאָך זיך מיט שטיל-שעמעוודיגען
חן פאַרטיידיגט.

מיין עלטסטער ברודער וויגדער האָט דעם יחוס
ווינציג אָנערקענט,
און אָפט געלאַכט: „ווי טאַקע נאַר אַ פּיעטער-
קאָווסקע דאַמע!"
און כאָטש כ'האָב קוים פאַרשטאַנען, האָט אַ
אַ שטאָלץ זיך טיף אין מיר צעברענט,
און כאָטש כ'האָב מיטגעלאַכט, האָב איך געקוועלט
אין זיך — מיין מאַמע!

געבראַכט פיל קינדער. זיבען אויסגעהאָדעוועט
אין ענגער שטוב,
און זיך אין זייער שיינקייט אָדער חכמה היים
געשפּיגעלט.
געוואָרעמט האָפנונגען און יעדע האָפנונג —
— איהר לעבענס-קנופּ,
און יעדען קנופּ מיט טרעהרען אויף די קינדערס
קעפּ פאַרזיגעלט.

אַ אידישע משפּחה — זאַמען לויזע אויף דעם
ווינט צעזייט.
מיך האָט פאַרטראָגען ווייט. ניו יאָרק האָט קיין
געדולד צו בענקען.
נאָך ניינצען יאָהר האָב איך זי שיר געאירצט
נאָך ערשטען קוש און רייד,
כ'האָב זיך פאַרכאַפּט — נאָר קיינמאָל וועל איך
זיך איהר בליק ניט שענקען.
צו פינף-און-זעכציג האָט איהר אויג געשימערט
מילד און ריין,

און אין דער בלויער טיף האָט אַ באַדויער שטיל
געהויערט.
„ווען בין איך אַלט געוואָרען? אַסור צי איך וויים
און קאָן פאַרשטיין".
ווי זעכציג-פינף לבנות וואָלטען פּלוצלינג זיך
צעטרויערט.

„אז ווען האָב איך געלעבט? זאָג אהרן אפשר
וויים מען דאָרט ביי'ן ענק?"
כ'האָב פּוסטע טרייסט ניט אָנגעטאָן איז ווערטער
צי געדאַנקען.
אַ צערטליכקייט האָט אויפגעקוואָלט פון
טיפעניש, די קעל פאַרענגט —
די ליבשאַפט האָט געשטיקט, ווי קוק פון נאָהנטען
— טויטלאַך-קראַנקען.

זי האָט נאָך דאַן געטראָגען גראַד און גרינג איהר
גוט-געשניצטען קאָפּ,
און לייכט איהר טראָט — די לאָדזשער גאַס
געשניטען פלינק, בראַוואָדיש,
נאָר נאָך צוויי יאָהר האָט מיט געצוקטען כתב
און ציטערדיגען טראָפּ
מיין טאַטע מיר געשריבען: זוהן, פאַרגעס ניט
זאָגען קדיש.

א. לעיעלעס.

לאַדזשער קוימענס

די גאָרגעלדיגע קוימענס קוקען גדלות'דיג אַראָפּ
אויף שמאָלע הינקענדיגע געסלאַך-קאַליקעס,
אויף הויקערדיגע הייזלאַך — פאַרקאָפּטשעטע און
פאַרפּראָפּט,
אויף שייבלאַך פאַרשטעלט מיט ברודנע שאַליקעס.

איך האָב אַלס קינד געשראָקען זיך פאַר הויכע
קוימענס פון פאַבריקען,
וואָס האָבען אויף מיר געדראָהט פון לאָדזשער הויפען,
ווי שיקעל-אויגיקע קאָזאַקען מיט האָצקעדיגע פּיקעס,
פון וועלכע מיר פלעגען זיך ווי מייזלאַך צעלויפען.

שטייען איצט פאַבריקען קרישעלדיג ווי מומיעס.
פון די בלודנע פענצטער פינצטערט פּחד-הונגער.
שטאָלענע קאָפּעליע פון מאַשינען שטום איז,
גריזשענדיגע נויט האָט וועבשטוהל אָפּגעדונגען.

און די הויכע קוימענס, אָט-די לאַנגע דראָנגען,
גאַפען סטאָם, ווי אָפּגעריסענע נאַרען.
כ'וואָלט די גאָרגלען די פאַררוסטע איצט באַהאַנגען
מיט אַ סטענגע שפּולען שוואַרצע גאַרען.

י. א. ראָנטש.

ליטע

.1

ליטע, מיין שטויביגע וויגעל,
ליטע, מיין אָרימע לאַנד ;
שיטערע, נאַקעטע וועלדלאַך, —
פעלדער, פאַרטראָגען מיט זאַמד.

אָרים אין בוימער, און בלומען, —
ביזטו מיט לאַנגווײלע רײך.
גרילצט אין די קאָרען דער הײשעריק,
קוואַקען די זשאַבעס אין טײך.

ליטע, מיין שטויביגע וויגעל,
ס'נעמט מיך אויף דיר אַ פאַרדראָס :
שילטען, — ווי טאָר מען, אַ מאַמען ?
בענשען — ניטאָ דיך פאַרוואָס . . .

.2

נעם איך זיך מיין היים דערמאָנען,
שווימען מיר אַרויס אַנטקעגען :
פלאַכע פעלדער, זאַמד-באַדעקטע,
געלע, שלעפערדיגע וועגען.

פלאַכע פעלדער, פלאַכע בערגלאַך,
אָנגעוואָרפענע באַזונדער.
הינטער יעדען בערגעל זוכען
פלעג אומזיסט איך מעשה-וואונדער.

פלעג אומזיסט אין יעדען וועלדעל
וועלען האָרענס שאַלען הערען,
און אין יעדער לוזשע זוכען
די לבנה און די שטערען.

פלאַכע פעלדער, צו פרי האָט איהר
זיך געלאָזט צו מיר דערקאָנען ;
ווערט מיר פוסט אין האַרצען — האָב איך
גאָרניט וואָס זיך צו דערמאָנען . . .

יוסף ראָלניק.

ליפקאַן, מיין היים

א.

ווער ווייסט צי וועל איך נאָך אַמאָל באַטרעטען
דיין ערד, אָ בעסאַראַביע, מיין היים.
כאָטש דאָ ביי אונז, אין רייכען לאַנד און פעטען —
געדענק איך דיינע שטיבעלאַך פון ליים.

כ'געדענק דיין שבת-יום-טוב, די באַטאָגען,
די פאָרלאַך הינטער שטאָט אויף אַ שפּאַציר :
וואו טרויער פון דער וואָך ברענגט מען צעטראָגען,
ווייל ס'עפענט ניט דאָס האַרץ — דורך דער וואָך —
די טיהר.

געדענק איך דיינע לויטערע פאַרנאַכטען,
די טשערעדע, די „דוינע" פון טשובאַן",
און פיינליך ווערט אַמאָהל פון דיר צו טראַכטען —
דו פינטעלע, דו ליכטיגס, מיין ליפקאַן.

ווער ווייסט צי ס'וועט נאָך ווען אַמאָהל באַטרעטען
מיין פוס, אָ בעסאַראַביע, דיין ערד :
כ'נעם אָבער אָן ביז לעצטען האַרבסט-טאָג שפעטען—
מיין גורל, וואָס איז מיר אַ דאָ באַשערט.

באַשערט איז מיר אַ דאָ אין פרעמד פאַרשייטער,
צו בלאָנקען ווייט פון דיר אין נויט און זאָרג,
און שיקען זאָל איך גרוסען דיר פון ווייטען —
מיינע לידער פון דעם כרך ניו יאָרק.

ב.

פאַרגיב מיר, היים, וואָס כ'האָב דיך ניט באַזונגען,
דו ווינקעל — וואו מיין וויגעל איז געשטאַנען :
דיין ערד האָט שוין מיין טאַטען לאַנג פאַרשלונגען —
און האַלסט ביי זיך אַלס משכון נאָך מיין מאַמען.

אויך זי וועט דאָרט איהר לעצטע רוה געפינען,
און הייליגער וועט נאָך דיין ערד מיר ווערען.
נאָר איך וועל דאָ ביז לעצטען אָטעם שפינען —
מיין שטאָטיג ליד און אייביג דיר געהערען.

אָפט גייט אין מיר אַ בענקשאַפט אויף מיט וואונדען,
אַ בענקשאַפט ווי נאָך אַ ליב-פאַרלוירענער
באַקאַנטשאַפט.
ס'האָט אייגען אונז די ערד אַזוי פאַרבונדען —
אַז ס'וועט אייביג בלוטיג זיין אונזער פאַרוואַנדשאַפט.

צעשיידטע אָבער וועלען מיר שוין בלייבען.
ניט איך וויל און ניט איך קען מיין גורל מיידען.
און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבען —
אָ קום מיין האַרבסט, מיין קאָפ איז גרייט פאַר
שניידען.
דעם לעצטען אָטעם אויסהויכען אין לידער.
מיט נייער ערד אַ נייעם בונד דאָ שליסען :
און ס'איז באַשערט מיר דאָ, ס'זאָל מיך די
פייכטע נידער —
מיט רידלען ערד, צום לעצטען מאָל, באַגריסען.

אליעזר גרינבערג.

אַ גרוס

אַ גרוס צו דיר, מיין שטעטעלע,
אין מאָהילעווער גובערניע!
אַ גרוס אייך קליינע שטיבעלאך,
צעוואָרפענע אין טאָל!

איך ווייס, דו האָסט געענדערט זיך,
די צייטען זיינען אַנדערע...
דאָך ליב ביזט דו און טייער מיר,
מיין שטעטעל פון אַמאָל!

די צייט איז איצט אַ שטורמישע...
און בוימער אַלטע קראַכען איצט,
און ווינטען נייע האָבען זיך
איצט אויף דער וועלט צושפּילט.

נאָר קלערער פיל און ליכטיגער,
און שענער נאָך און לויטערער
שטייט אויף פאַר מיינע אויגען איצט
דאָס וואונדערליכע בילד.

אָ, בילדער שיינע, ליכטיגע,
און לעבענס שטילע, ערליכע,
און פרומע אַלטע אידישע
ישובים פון אַמאָל!...

שוין יאָהרען לאַנגע וואַנדער איך
דורך לענדער און מדבריות,
און זוך צוריק דעם וועג צו דיר,
מיין שטעטעלע אין טאָל!...

נחום יוד.

מאַלינעץ

מאַלינעץ, מאַלינעץ, מיין היים אין בעסאַראַביע,
שטיל באַשיידען שטייסטו דאָרטען אונטער'ן וואַלד,
געווען ביזטו מיר אַ היים אַ ליבע
נאָר דער בייזער שיקזאַל האָט אונז צעשיידט.

ניט נאָר איינמאָל האָב איך אין דיינע וואַסערען
תהום'ען
פאַרטרויט מיין טיפען צער, מיין זוניג פרייד.
קראַנצען געפלאָכטען האָב איך פון גאָלדענע טרוימען
ניט געזעהן דעם טרויער וואָס אין לעבען מיך
ערוואַרט.

זכרונות טויכען אויף, ווי בלומען ערשט צובליהטע
אַ בענקשאַפט אין האַרצען אַזוי נאָגט
נאָך די טאָהלען, בערג, נאָך שליאַך ביי דער מיהל,
נאָך דעם שראַנק ספרים אין דער אַלטער שוהל.

אוי, מאַלינעץ, מאַלינעץ, מיין ליבע היים פון אַמאָל,
דערצעהלען פאַר דיר וואָלט איך וועלען מיין וויי,
געקושט וואָלט איך דעם זוים פון דיין קלייד
מיט ליבע אין האַרצען אָפּגעשעצט דיין ווערט.

מענדעל אַקערמאַן.

מיין צוריקקער קיין מאַלינעץ.

כ'וועל זיך אומקערן פון ווייטער וועלט,
צוריק אַהיים אַן אָפּגענאַרטער און אַ מידער;
מיט געלע שיך — און צעריסן האַרץ
און אַ רענצל מיט געדרוקטע לידער.

כ'וועל ארונטערפאָרן פון וואָקזאַל
אויף אַ דראָזשקע מיט די שענסטע טראָלדן,
אז כ'האָב אַהיים געבראַכט אַן אוצר געלט,
וועלן מיינען די קליינשטעטעלדיקע יאָלדן.

איך וועל טראָגן רינגלאך אויף די הענט
און אַ זייגער מיט אַ גראָבן קייטל.
(אָ, וועלן נישט איר, „אינגערסאָל” און „וואולוואָרט”,
מיט וואָס וואָלט איך אָפּגענאַרט מיין שטעטל!).

ס'וועלן צו מיר אָנהויבן צו גיין
שדכנים — ליגנער — מיט די רייכסטע כלות.
אָ, נאַראָנים איינע, ווען איר ווייסט,
ווי ביי מיר אין רענצל סוויסטשעט עס דער דלות!

איך וועל קיינעם נישט דערציילען אינדערהיים
(א חוץ די הינט און די חזרים),
ווי מ'האָט מיך באַליידיקט אויף דער גרויסער וועלט:
שונאים און א סך מאָל כלומרשטע חברים.

איך וועל צופאַלן צו יעדן פלויט
און וועל אויסקושן אַ יעדעס ריטל. —
צווישן ציניקער כ'בין געווען אזוי פיל יאָר
און כ'האָב אָנגעזאַפּט אין זיך אזוי פיל ביטול.

נאָר ארויסגיין וועל איך אויף דער גאַס
מיט געמאַכטער גאוה און וועל קיינעם נישט באַגריסן.
אז כ'האָב געבענקט נאָך זיי אזוי פיל יאָר,
דאָס וועל איך און גאָט נאָר וויסן...

העניך אַקערמאַן.

מאַלקין

איך זיץ ביי דער מאַשין
און טראַכט גאָר פון לידער
אַמאָל דוכט זיך מיר אויס
אַז איך בין ווידער — אין מאַלקין.

איך שטיי ביים וואָקזאַל — אַ באָרוועסער אינגעל,
און וואַרט אויף אַ באַהן, וואָס דאַרף באַלד אָניאָגען.
פּאַסאַזשירען פאָהרען אַרונטער פון וואַרשע,
איז דאָ אַמאָל אַ פּעקעל אונטערצוטראָגען.

קריג איך אַ מאַרק, אַמאָל צוויי,
און לויף מיט פרייד אַהיים צו דער מאַמען.
קויפט מען שוואַרץ ברויט און מען קאָכט אויף טיי,
עסען מיר וועטשערע אַלע צוזאַמען.

זעליג דאָרפמאַן.

מאַקאַראָוו

(אויסצוג פון אַ בריוו: יאַנקעל דעם שמיד'ס זון פאַרריכט איצט דעם טראַקטאָר, ער איז אויך דער ריכטער פון דאָרף...)

איך האָב געקאָנט דעם טאַטען זיינעם, דעם שטאַרקסטען שמיד אין שטאָט,
פויערים בייזוויליגע, האָבען געציטערט פאַר זיין טראָט,
און אידען, העלדען זיידענע, פון מזרח-וואַנט, אין קלויז,
זיי האָבען זיך באַרימט און געהאַלטען מיט איהם גרויס.

אַ שלאַנקער, אין זיין קוזניע דאָרט, שוין יאָהרען לאַנג ער שטייט,
די קלאַנגען פון דער קאָוואַדלע, זיי פאַרהילכען ווייט און ברייט;
און ברעכט אויס אַ געשלעג אין מאַרק, און אידען שרייען געוואַלד!
קומט יאַנקעל שמיד צולויפען, און אַלץ ווערט דאָרט רוהיג באַלד.
דער זוהן זיינער, אַ שנעק נאָך דאַן, אַ יאָט פון אַ יאָהר אַכט,
פלעגט קומען מיט'ן טאַטען גלייך, און גרייט צו גיין אין שלאַכט!
איך, פון וועג פאַרבלאָנדזשעטער, פאַרוואָרפען ערגעץ ווייט,
פלעג הערען נייעס פאַרשידענע, אַ גרוס פון צייט צו צייט:
פון טעג און נעכט אומרוהיגע, פעטליורא און קאַלטשאַק,
און פון הימנען רויט-אַרמייאיגע און פוליעמיאָטען-קנאַק...
פון שטעטעל איבערוואַנדערונג, פון ערד און פעלד און ווייץ...
פון טראַקטאָרען, פון אויפקום און פון אויפבוי פול מיט רייץ —
און איבעראַל, און אומעטום — אין יעדען גרוס באַזונדער,
איין נאָמען לעגענדאַריש קלינגט, שיעור ניט ווי אַ וואונדער,
און בראַוו און מוטיג איז דער יונג, און ווערט גאָר קיינמאָל מיד,
דער שנעק, דער יאָט אַמאָליגער, דער זוהן פון יאַנקעל שמיד.

אַ. יאַ, —
איך האָב געקאָנט דעם טאַטען זיינעם, און אַ צווייג פון אַזאַ שטאַם,
איז טויזענט מאָל מעהר ריטמיש פון דיכטערישען גראַם...

פיין-טווערסקי.

מינסק—בראָדוועי

די פייערען די פלאַטערדיגע פון בראָדוויי,
עס הענגט פאַרלענדט די לבנה הינטער זיי,
עס ענגט מיט איהר די שטילקייט אויף אַ הויכען דאַך,
און ביידע קוקען פרעמדע אויפ'ן פייער-שליאַך.

איך גיי פאַר'חלומ'ט צווישען טענץ פון פלאַמען-ווענט,
פון כוואַליעס ליכטער און געזיכטער דורכגעבלענדט,
און אַלטע בענקשאַפטען, ווי שאָטענס, פאַלען צו
און טראָגען שאָטענדיג אַוועק מיך ווייט אוואו.

ווייט-ווייט אין מיין געבורט-שטאָט גייט די נאַכט איצט אום
אין בלויער גלוטיגקייט, אַ פראָסט-געשמידטע שטום,
און גאָלדיג די לבנה, גרוים אַזוי און פול,
קוקט טרויעריג אַרונטער אויף דער אַלטער שוהל.

אין מיטען שוהל-הויף שטייט די אַלטע, קאַלטע שוהל,
אין טרוים אין גאָלדענעם פאַרהילט ווי אין אַ טיול,
פון אויבען הימעל-בלויקייט, רחבות אָן אַן ענד,
פון אונטען בלויער שניי-שיין בליצט אַזוי און בלענדט.

די ווייסע, ווייטע קינדהייט וויהט אַ וויל מיר וואו —
איך פיל אַ פריידיגע, אַ טיפע זעלען-רוה,
אַ קינדער-גליק באַפאַלט אַן אויגענבליק מיך שטום,
אין מיטען פייער-פלאַטער פון בראָדוויי אַרום.

א. ליעסין.

מעזריטש—אין אַ בלוטיגען יום-כפור

גאָט האָט זיך באַהאַלטען אויפ'ן הימעל איבער'ן שטאָטישען וואַלד —
הינטער אַ רויט פאַרגייענדיגער זון...
אידען מיט אָפּגעשניטענע בערד דעקען אין טליתים זיך איין.
דורך די טונקעלע פענצטער פון בית-מדרש גיסט זיך דאָס יום-טוב'דיג ליכט איבער אָונטיגע גאַסען.
זעלנער מיט הילצערנע פיס איילען צו כל-נדרי.
יונגע פרויען אין יום-טוב'דיגע קליידער
שטייען געבויגענע ביי ליכט און וויינען פאַר גאָט.

גאָט האָט פאַרכטיג געמאַכט די נאַכט
אָפּגעווישט פון דער ערד דאָס בלוט
און צעהאַנגען אַ בלויען הימעל, —
אַ גרויסע לבנה צו באַלייכטען די ערד.

מאיר סעגאַל.

נ אַ ר אַ י ע ו ו
(משה נאַדיר׳ן)

... און דיין בענקען נאָך די זיבען יאָטקעס
פון שטאָט נאַראַיעוו אין סאַמע מיטען מאַרק,
טרויער איך מיט — מיט דיר, דיין טרויער
און טרינק לחיים דעם אַלטען מאַרק.

רייסט זיך אָפּ ביי מיר דאָס בענקען —
ווי ס׳רייסט אַ הונט זיך אָפּ פון קייט;
רייב איך די אויגען, הייב אָן גערענקען —
ווערען קינדער־יאָהר אויפסניי צעבליהט, אויפסניי
באַנייט.

דערמאָן זיך אין דעם איינגעהויקערטען שטעטעל
וואַרעשעצע, דער טייך — אַרום — די גרינע פּאַשע,
„שבת שירה" פון שוועלבלאַך דאָס זינגען,
מיר קינדער טיילען זיי מילך מיט זערנע קאַשע.

קלמן הייזלער.

אַ גוטען טאָג, נאַראַיעוו

אָ, קום צו מיר, נאַראַיעוו, שוין צום לעצטען מאָל;
די באָדיג־בלום איז ראָז, די ריקע אָנגעשוואָלען
גרוי ווי שטאָל,
דער באַרג: טויזענט־און־איין־טאָג פון ווייסען ליים —
אָ, קום צו מיר צום לעצטען מאָל,
מיין היים —
און לאָז אַ קוש טאָן שטאַרק דיין דאַרע שוועל,
ווי מיין פּנים איינגעקאַרבט און געל.

לאַמטערען פאַר דער קלויז, שטיינבאַנק ביי פּאַרלאָג,
פון יעדען קרומען סלופּ מיין יוגענט גיט אַ שלאָג.
ברענגט נגיד־גרוסען פון יאַרע ניינצען־איינס.
די האָפען־שטענגעלאַך קלינגען ריין און שיין
און איך בין אין דער ווייטער וועלט אַליין,
אוי דו,
אוי דו,
נאַראַיעוועל, מיין היים.

פון שוואַרצע ליולקעלאַך אויף ווייסע בערד
שפּריצען פינקעלאַך מיט וועלט און וויים,
ס׳האָט אָפּגעריטען אויף אַ קייסער־פערד
מיט טשאַקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט שווערד ביי לינקער זייט
די גאָלדענע, די שיינע צייט!
און איך אַליין בין קליין דאָ אויף דער גרויסער ערד,
ווי דו ביזט גרויס, נאַראַיעוועל, מיין טרעהר.

דער שטילער רויך פון קוימענעס געליבטע,
די גרויע בלעטער — אַטלעס פאַר׳ן טראָט,
און איך פון וואַנדערען אַן איינגעמידטער,
בין מיד פון מענש און גאָט;
בין מיד און מאַט
פון צייט־און־בלוט־פאַרגאָס —
נאַראַיעוועל, צו דיר מיין לעצטען כוס!

איעדער צייט פון יאָהר צוויטעט אין געדאַנק מיר:
דיין ווינטער — הויל קרישטאָל, דיין זומער —
עמעראלד;
צום לעצטען מאָל, אָ קום צו מיר, נאַראַיעוו,
איך גיי צו דיר מיט קליינע טריט, כ׳בין שוין אַלט.
עלטער ווי די וואָרצלען אין דיין וואַלד —
נאַראַיעוועל מיין קוואַל פון גאָלד און גאָל!

משה נאַדיר.

נ י ע ז ש י ן

ניעזשינער שליאַכען און שליאַכטעס,
אוגערקעס, ווערבעס און שטרוי.
איבער די כאָלעוועס בלאָטעס,
איבער די סטריכעס דער שניי.

בעטלער אין מאַרק מיט באָנדורעס,
קומען מיט מאָגערע פערד,
קיילער, חזירים, באַנטורעס,
מעקלער מיט קאָלטענע בערד.

איבער די פוטערנע היטלען —
הימעל, די בלוי ווי דער ים;
וואָלקענדלאַך ווייסע אין קיטלען,
זון מיט איהר פייער אין קאם.

און מיט זיין גנב׳ישען קעפּעל,
באָרוועס, אַ הינטעל פון קייט,
קריכט מאַני לייבעל נאָך עפּעל,
איבער אַ פּריץ׳ישען פּלויט.

און אַז די נאַכט איז צעשטערענט,
פול מיט געזאַנג און געוויין —
האָרכט מאַני לייבעל און לערענט
וויינען און זינגען אַליין.

מאַני לייב.

ס אַ ל אַ נ ט

אָט, הער איך ווידער דיין היימיש לידעלע
אָט, זעה איך ווידער: דעם עירוב, דעם צוים —
ביזטו דאָס טאַקע, מיין ליטוויש שטעטעלע?
אָדער זעה איך דיך אין טרוים?

אָט שטייט דאָס שוהלעכעל, נאָהענט לעבען
גראָבען דאָרט.

פענצטער צעבראָכענע, קרומענקע ווענט —
שטיבעלאַך־קברים׳לאַך, דעכעלאַך געזונקענע. —
ווידער האָב איך אייך דערקענט!

זאָג מיר, וואו זיינען איצט מיינע חברים׳לאַך?
לעבען זיי, וואַנדלען זיי, זיינען זיי טויט?
זינג פון דעם וויגעלע, זינג פון דעם ציגעלע,
זינג פון דער אידישער נויט!

ס׳ציהט זיך אַ לידעלע אַ מעלאַנכאָלישע,
טרערעלאַך הייסענקע פליסען אָן שיעור;
און פיל ערינערונגען קינדערשע, הערליכע,
לעבען אין הארץ אויף ביי מיר.

יוסף יפה.

סאַראָקי—ביים דניעסטער

קליין שטעטעלע מיינס,
ביי די ברעגען פון דניעסטער,
פאַרכאַלעשטע פראַכט
ביי די גערטנער פון רויטער אוקראַינע,
ס׳האָט דיין מאַמישער יעבץ
ביז ניו יאָרק דערטראָגען
דעם בלוטיגען רוף
פון פינף קינדערלאַך דיינע.

אַ, קליין שטעטעלע מיינס,
ביי די ברעגען פון דניעסטער,
לאַנד מיינס פון פעלדער,
פון בעזענע סעדער אין גרין,
כ׳וועל איצט זינגען אַ ליד
פון בלוט און פון צאַרן
און שענקען אַ לויב
דיינע העלדישע זין.

דוד סעלצער.

סווינציאַן

מיין אָרימע, ליטווישע ערד —
פון סווינציאַן, מיכאַלישעק און סווינציאַנקע,
מיט לידער פון בעטלער, ציגיינער און פייגעל,
איז קיין מאַרצפאַנעס קיינמאָל ניט געווען באַשערט.
די זאַפּטיגסטע סעדער,
האָבען ניט גע׳שיכור׳ט מיט וויינטרויבען.
דער באָב, די ציבעלעס און דער האָבער,
האָבען ניט געהאַט פאַרוואָס גאָט צו לויבען.

„מענדעלעס קליאַטשע" אין בלאָטע געזונקען,
האָט דאָ געשלעפּט די דערטרונקענע רעדער
און מיט אַ צעבייטשטער פעל געהונקען —
דורך פּאַסיקעס אויסגעהאַקטע, דורך שיטערע
פעלדער;
איהר האָט געגריסט:
ווען־ניט־ווען,
אַ פלעדערמויז אין איינזאַמען פליהען —
און די פּאַסטענדיגע וויסט,
מיט ווילדע שוומלאַך אין גיפטיגען בליהען.

מיין אָרימע, ליטווישע ערד —
פון סווינציאַן, מיכאַלישעק און סווינציאַנקע,
איז ניט מיט קאָרן, ניט מיט בולבעס פאַרזייט,
נאָר מיט קראָפּיווע מיט פּאַדלע און מיט ווערים —
אַ זון אַ קראַנקע,
טריקענט די טויטע געדערים,
פון קינדער, פון זעלנער און פון פערד.

מעינקע קאַץ.

(פון בוך „ברענענדיק שטעטל", 1938.)

פּאַדאָלער דאָרף

די אלול־טעג — פלאַקסיווע, כמאַרנע האָבען
אָנגעהויבען רוקען זיך צום דאָרף.
די דאָרפסלייט נעמען טראַכטען וועגען
איבערקלייבען זיך אין שטאָט:
ביז איבער די יום־טובים זיך דערנעהענטערען
צו אידען און צו גאָט!

די ווייבער לופטערען דאָס בעטגעוואַנט,
די יום־טוב׳דיגע קליידער און דאָס גרעט.
אויף פּריזבעס ליגען אָפענע מחזורים, און דער ווינט
מיט קאַלטע פינגער מישט די בלעטער — טוכלע,
שטויביג און פאַרגעלט —
ער מישט מיט פרומען ערנסט, ווי ער וואָלט געזאָגט:
— נו, אדרבה, אָט לאָמיר זעהן צי פעהלט ניט
עפּעס... אפשר טאַקע פעהלט?!

דער בלאָנדער ליפע האָט גענומען לערנען מיט די
קינדער ווינציגער פון טאָג צו טאָג:
סוף זמן... שוין שפּעט... גיי כאַפּ דעם טאָג, דעם
נעכטיגען? נו, כאַפּ איהם, גיי דעריאָג!...
פאַרפאַלען סיי ווי סיי:
די אינגלאַך וועלען זיין געראָטען אין די טאַטעס —
שווער, מגושם׳דיג, פאַרגרעבט.
די מיידלאַך, ווי די מאַמעס זייערע —
שווערלייביג, שעמעוודיג
און אונטערטעניג, ווי די קי, וואָס האָבען זיך
כסדר, יאָהר נאָך יאָהר, געקעלבט...

ה. ראָזענבלאַט.

פּוילען

מיין פּויליש לאַנד געדענק איך לאַנג,
עס טוט מיר אַלץ נאָך אָפּטמאָל באַנג,
וואָס כ׳בין פון דאָרט אַוועק צו פרי,
אויף ווייטער ערד צו זוכען מיה,
אין פרעמד צו גאַרען רוה און ראַנג.

עס זעהט אויס אָן צוזאַמענהאַנג
אין ווייטען לאַנד דער אונטערגאַנג,
דאָך בינדען פעדים פון דאָ הי
מיין פּויליש לאַנד.

עס ברענט נאָך אַלץ אין מיר אַ דראַנג,
וואָס דריקט מיך אָפּטמאָל ווי אַ צוואַנג,
צו גליהען מיט דעם ערשטען גליה,
באַזינגען, איך באַגרייף ניט ווי,
און ווידמען מיין באַפרייט געזאַנג
מיין פּויליש לאַנד.

מאַרק שווייד.
(פון זאמלבוך „פּוילישע אידען“, צווייטער יאָהר-בוך, 1934.)

פּוילען

קאָנסקאָוואָליע, מזליבאָזשעץ, קאָזשניצע,
ליעווערטאָוו, פּולאַווע און בעכעווע,
גליסק, פּיוסק און שאַבעשין —
נעמען פון פּוילענ׳ס שטעט, ווייסט דער טייוועל
פאַרוואָס.
שווימען נאָך אום ווי מרחץ-בלעטלאַך אין מיין זכרון.
ווען איך בין געווען אַ קליינער פּעמפּיק,
האָב איך געוואוסט אַז אַ נסיעה אַהין,
שמעקט מיט אַ בויד, אַ פוהר, אָדער אַ
סקריפּענדיגען וואָגען,
וואו עס פאַהרען שטענדיג וואַרימע דינסטמיידען
אויף דינסט.
איך האָב געזען אַלע שטעטלאַך ווי אידישע מלוכות,
וואו יום-כפור לייגט אַוועק אַ שרעק,
אפילו איבער די גויאישע כאַלופּעס,
וואו עס הענגען צלמים
פאַר אַ שמירה קעגען-אידישען גאָט.
איך וואָלט אַוועקגעגעבען גאַנצע מאַיאָנטקעס
מיט אָרימקייט
איך זאָל אַצינדער נאָך דעם בענקען.

יעקב גלאַטשטיין.

פּינסק

פּינסק, מיין שטעטעל,
מיין אייביגער טרוים;
איך ליב דיך, איך בענק נאָך דיר
עד היום.

דיין אָזערע, דיין פּינע,
מיט די לאָדקעס ביינאַכט,
וואו גערוהט האָט אויף אונז די שכינה
ווען מיר האָבען זיך געשיפט און געלאַכט.

דיין נאַבערעזשנע, דיין גרויסע גאַס,
וואו ס׳האָט הילכיג פאַרבראַכט
דיין שפּאַצירענדע יוגענט
ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דיין ליעשטשער וואַלד,
וואו מיר פלעגען מיט לוסטיגקייט
ווערען באַנייט
ווען מיר פלעגען פון חדר ווערען באַפרייט.

זאַפּאָליע — האַלעווע —
אַ גן-עדן אַ פּראַכט,
וואו די יוגענט, ווי איהר טבע,
האָט זיך פריילִיך געמאַכט.

דיינע לינישטשעס פול בלאָטע —
ווי האָבען דאָרט מענשען געלעבט?
אָרימקייט און סוכאָטע
האָבען איבער די גאַסען געשוועבט.

ווינציג גליקען אויף דיינע פאַבריקען —
האָבען אַרבעטער געמאַכט.
פאַר די לוריעס
געשקלאַפט און געשמאַכט.

צום קאַמף העלדיש
איז זיין יוגענט געגאַנגען אין שפּאַן,
אַרונטערצואוואַרפען
ניקאָלאַי דעם טיראַן.

אידען קלוגע, אידען פרומע
זיינען אין פּינסק אַ סך געווען,
די שיינקייט פון אונזער אומה
האָט מען דאָרטען געזעהן.

פּינסק מיין שטעטעל —
אַך-און-ווי איז מיר,
וואָס די מלחמה און די פּאָליאַקען
האָבען געמאַכט פון דיר!

דיינע זיבען-און-דרייסיג קדושים
ביי דער וואַנט פון מאָנאַסטיר...
אַ וואונד אין הארצען אויף אייביג
האָבען געלאָזען אין מיר.

פּינסק, מיין שטעטעל,
מיין אייביגער טרוים;
איך ליב דיך, איך בענק נאָך דיר
עד היום!

מאָריס אייזענבערג-בראָדסקי

פּעטריקאָוו

מיין שטעטעל פּעטריקאָוו איז גאַנץ אין אַלע פיר
סעזאָנען:
אין פריהלינג שפּיגלען איהרע טייכען אָפּ די זיבען
הימלען,
זומער זיינען סעדער און גערטנער צעבליהט מיט זעט,
האַרבסט—איין גרויע כמאַרע, ווינטער—אַ
מעשה'לע אין דרימלען...

איך זעה ר' עליע מיט זיין ווייסער, פלאַטערנדיגער
באָרד,
און סוקעוואַטען, ברוינעם שטעקען אין זיין האַנט;
ער גייט טאָג־איין, טאָג־אויס אויף פּאָסט
נאָך בריוו פון זיין מיזיניק אינם ווייטען לאַנד.

אינמיטען טאָג רייסט אויף די שטילקייט אַרום
קלויסטער גאַס:
ס'איילט אַרויס אַ שייגעץ מיט זיין בלאָנדער גריווע,
מיט אַ לייווענטענעם זאַק פאַרצויגען איבער'ן קאַרק
און ווי אַ גוטער שליח — טיילט ער יעדען
איינעם בריוו.

דער טאַטע זעצט זיך אַרום טיש דעם ברייטען,
מיט התמדה לייענט ער דאָס בריוועל אות־באות.
די מאַמע מיט נייגער — פלאַטערט ווי דאָס
בייגעלע פּאַפּיר
און גאַנצער ווערט איהר פרייד — פולער ווי אַ כוס...

אַננאַ זארעצקי.

אויף די וועגען פון פּשיטיק

אויף די וועגען פון פּשיטיק
ציהט זיך אַ שוואַרצע לויה.
אידען טאַפּטשען אין דער בלאָטיגער ערד,
די גרויע בערד אין ווינט וויינען, ווייהען.
טיף אין גאַרטלען ליגט דער טרויער באַהאַלטען.
און איבער זיי קראָהען שפּאַלטען
דעם הימעל מיט זייער הונגעריגען געשריי.

און יתומים, באָרוועסע,
מיט קעלט־געשוואָלענע פיס,
קנעטען דאָס האַרבסטיגקייט מיט זייערע טריט.
דער רוף פון ווי
שפּאַרט פון יעדען גליד,
פון שטאָם, פון צווייגען.

גייען אידען פאַרזונקענע אין שווייגען,
דער ווינט קעמט בלעטערדיג די בערד.
פאָלעס ווייהען — שוואַרצע פעהנער,
און ווייבער פאַרצערט,
מיט פנים'ער פון ערד,
קומען און דערציילען פון טויט,
וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
איבער שטאָט, פעלד און בייט.

ביי דער זייט פון וועג,
אַ בוים — אַלט און דאַר,
האָט אויסגעשטרעקט די צווייגען־הענט,
קוקט נאָך שטאַר
דעם שוואַרצען אָרון, די טרויעריגע עדה —
אַזוי האָט ער אויך נאָכגעקוקט מיין זיידען,
וואָס איז דאָ געקומען בויען,
און דערצויגען די טעג
ביז'ן אומעטיגען גרויען.

אין ראָוו ביים פּשיטיקער טראַקט
ליגט אַ פאַרבלוטיגטע די האַק,
און געקוילעטע איז די וואָר
פון מיין יונגען דור.

שאול מאַלץ.

קאַלאַמיי

ס'איז אַלצדינג ווי געווען: דער מאַרק, די מויערען,
די אַלטע שורה פון „די גילדענע פאָהנען",
די בונטע בלענדענדיגע באַלען פון באַלקאָנען,
די איינפאָהר־הייזער מיט די ברייטע טויערען.

דאָס ראָטהויז מיט דעם זייגער, ס'וועטערפעהנדעל,
די קראָמען רונדאַרום — אַ רייהע נאָך אַ רייהע,
דאָס קלויסטער מיט דעם גילדערנעם שם־הויה —
אַלץ רעדט פון אַלטע וואונדער און לעגענדען.

און טעג און נעכט און ס'גאַנצע לעבען זינגען שבחים
די אַלטע לייט, וואָס זיינען קיינמאָל ניט צופרידען:
אַמאָל, אַמאָל איז אַלץ געוועזען ווי ביי לייטען,
סע האָבען אידען זיך געפיהרט ווי אידען,
געלערענט תורה און געגאַנגען אין גאָט'ס דרכים,
און שפע איז אויך געוועזען מעהר ווי היינטיגע צייטען.

נפתלי גראָס.

קאַמעראַיקע

אין איינעם אַ אָוונט, איז מיר געווען באַשערט
צוריק איינצואוואַרצלען אויף אייגענער ערד
אַ מענשען, וועמען דאָ, די פרעמדקייט באַשווערט.

און צו דעם האָב איך גאָר קיין שיף ניט באַדאַרפט
וואָס שניידט מיט'ן דנאָ — ווי אַ מעסער געשאַרפט
דעם ים, וואָס אַהערצו אַ בענקשאַפט צעוואַרפט.

דעם כח פון וואָרט האָב איך בלויז באַנוצט
אויף אַן עלענדען מענשען אין טראַנטעס „געפּוצט"
אין אַ פּאַרק וואָס האָט מיט'ן הערבסט איהם געשוצט.

אין שכנות מיט איהם אויף איין באַנק כ'האָב גערו"ט.
איך פאָרש שטיל דעם מענטשען וואָס זיצט דאָ אָן מוט
און רוף אָן אַ שטאָט וואָס ליגט אין מיין בלוט.

דאָס וואָרט גיט מיין שכן אין האַרצען אַ צופּ!
ער פרעגט: צי קען איך די קליינינקע שטוב
אויף דעם בלאָטיגען הויף, מיט באַרג און מיט גרוב?

—כ'קען! — האָב איך גלייך איהם מיין ענטפער
געשענקט —
מיין יוגענט שווימט דאָרט ווי אַ טייכעל געאיינגט...
מיין שכן, ער הילט זיך אין טרויער פאַרבענקט.

זיין טאַטע, זיין מאַמע, שוועסטער און ברידער,
די נאָהענטסטע אַלע, פון היים פון זיין ליבער,
הויבען אָן לעבען אין בלוט ביי איהם ווידער.

מיט וואַרעמקייט גלעט מיך דער קלאַנג פון זיין שטים.
איך צינד זיך אויך אָן ווי אַ פּאַקעל פאַר איהם,
און כ'ווער מיט'ן פרעמדען באַהאָפטען אינטים.

ער שיילט אויס אַ דאַנק פון די וואַרעמסטע רייד,
און לאָזט זיך פון פּאַרק צו משפחה דערפרייט, —
נאָר זיין עלענדען גאַנג האָט אַ שאָטען באַגלייט...

לוי גאָלדבערג.

קאַרטוז-בערעזאַ

איך בין פון דיר שוין לאַנג אַוועק,
פאַרגעסען ציילען וויפיל יאָהרען;
מיין קליין שטעטעלע, דו לעבסט
נאָך ביז אַצינד אין מיין זכרון.

ווער ווייסט ווי איצטער זעהסטו אויס?
דיין מאַרק מיט קראָמען אין דער מיטען,
דיין שוהל־הויף מיט זיין אַלטען צאַם, —
ווער וויים ווי האָסט דיך אומגעביטען?

און דער שאָסיי, דיין איינציגע גאַס,
וואו דורכגיין געווען איז מעגלאך
פאַר פסח, ווען דער שניי צוגעהט
און זומפּען ווערען דיינע שטעגלאך.

דיין בריק דער אייזערנער, דיין שטאָלץ,
וואו ס'פלעגט דער באַהן מיט גרילץ זיך טראָגען,
און פלעגט צו מאָל אין שטילע נעכט
דיין זיסע רוהיגקייט צושלאָגען.

דיין קלויסטער־סאָד, דיין שעהנסטער פּלאַץ,
וואו שבת פלעגט מען גיין שפּאַצירען,
און יונגע פּאָרלאך, שטילערהייט,
דאָרט פלעגען זייערע ליבעס פיהרען.

די שווינדעל־טרעפּ אין קלויסטער־סאָד,
דיין אַלטער זכר פון פאַרצייטען,
וואו פון דער הויך כ'האָב ליב געהאַט
צו קוקען אין דיין פלאַכען ווייטען.

דיין שמאָלער טייך וואָס פריהלינג נאָר
פלעגט שעהן און ברייט צוגיסען,
און בעלי־בתים פלעגען דאַן
מיט שטאָלץ איהם קומען גריסען.

דיין חסידים־שטיבעל מיט די טענץ,
מיט זמירות און געזאַנגען;
ווי גוט מיר האָט זיך דאָרט געטרוימט
אין האַרציג־זיסער באַנגען.

ווי וואָלט איך איצט דיך וועלען זעהן
דו וויג פון מיינע יונגע יאָהרען.
ס'האָט ניט די ווייט, און ניט די צייט
דיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון.

אַב. וויקטאָר.

קאָרעץ

איך האָב זיי אַלע אין מיין קליינשטאָט גוט געקענט:
די אַלטסטע שטוב, דעם שווער־יאָהריגען בוים.
ביים קלויסטערגאָרטען מיט צונומענע הענט
אַפּאָסטאָל יוחנן: קוממט, דאָ איז אייער היים.

דער ווינטער האָט מיט זיין בערישען פּעלץ
צוליגט, צעוואָרפען אין זיין גרויס און ברייט.
די ווייסע לאַפּעס איבער יעדער דאַך און שוועל.
דער זונפאַרגאַנג נאָר וואַרפט זיין העליש רויט.

מיט טרויער און מיט טיפער פאַרכטיקייט
איבער דער גרויסער ווייסער רו און טאָל.
דאָ לעבט דאָס קליינע לעבען אונזערס, אונזער נויט,
אין שווערען רויען הויקערדיגען עול.

נאָר ווי אַ ווערימעל אַ גרינס — דער ערשטער שפּיל
פון זומערוועגט איבער דער נאָכגעלאָזטער קעלט.
די קליינע ביימלאך, קינדעריש, ווייד און שטיל
אין דעם פאַרנאַכטיגען רחמנות פון דער וועלט.

די הימלען לעשען אויס די גאָלדענע ליכטיגקייט,
און פרומער אומעט טרעט צו אַלע שוועלען צו
אָ קליינע היימוועלט, כ'קוק אַריבער צו דיין ווייט,
און שטרעק די הענט צו דיר נאָך היילונג און נאָך רו.

י. י. סיגאַל

ק א ש א ו ו א ט ע

א שטעטעל אַ קליינס, קבצנים א סך,
הילצערנע הייזער, מיט שטרוי יעדער דאַך.
דאָס גרויס פון דעם שטעטעל, איז פונקט ווי אַ ראָד:
אַ שוהל, אַ בית־המדרש, אַ חדר, אַ באָד.
אין מיטען דעם שטעטעל, דאָרט קראָמען, בלויז צוויי:
אַ שניט קראָם, אַ יאַטקע און פיש אַלערליי...
דאָס קלייניקע שטעטעל, האָט ציגען אַ סך,
אַרונטער דעם באַרג דאָרט, אַ בלאָטיגער טייך...
אַן אַלטער בית עולם, מען טרעט אויף די קברים,
אַ סמן אַ גוטער, דאָס שטעטעל איז אָרים.
דאָס גליק איז וואָס זומער, דאָרט שיינט כאָטש די זון,
— קלייבען כאָטש נחת — קבצנים דערפון...
נאָר קומט אָן דער ווינטער, די שרעקליכע קעלט,
טויט איז דאָס שטעטעל, אוי טויט פון דער וועלט.
דאָס דאָזיגע שטעטעל, אַ נאָמען אויך האָט,
ק א ש א ו ו א ט ע רופט מען עס, שטראָף מיך ניט
גאָט ! ! !

ב. באָטשעליס

ק ד י מ ה

געבאָרען אַף די ברייטע סטעפּס פון אוקראַינע,
און אויפגעכאָוועט ביי אַ פּראָסטער אַם,
האָב איך ביי יחוס'דיגע עלטער־זיידעס' מיינע
גע'ירש'ענט אַלע זיטען פון מיין שטאַם.
אָ, שטעטל מיינס מיט הייזער ווי די טשערדעס,
צעווישען פעלדער קאָרן און פּאַפּשוי,
מיט שטיבלאַך ליימיגע און דעכער־סטערטעס,
וואו שינדלען זעלטענער און אָפטער שטרוי.
זאָג, ווער האָט אויסגעטראַכט אַז דו ביסט אָרים,
זאָג וועמענס קינדער איז דען מער באַשערט:
ווי הייסע זון פון טונקל־ברוינעם דרום
ווי שוואַרצע, פוטערדיגע מאַמע־ערד?
די פעלדער — ברייט־גערייפעלטע אין פּאַסען
אַ רייפט איך שוואַרץ, אַ רייפט אין גרין און געל —
און אויסגעמאָסטען, ווי מיט ווירעס — גאַסען
און העל־געשטרייפעלט, ווי דער זעברע'ס פעל.
ווען אָוועגט־צייט דערציילט דער זיידע זישע
ביים שיין פון קאַנעץ, ווי עס פיהרען קריג
„דער פעטער פיניע מיט דער מומע ריסיע"
און וויגט פאַרטראַכט דאָס איניקעל אין וויג.
ביים קליינוואַרג גלאַנצען אויגען שרעקיג, גיריג,
בשעת דער זיידע רעדט מיט „אָך־און־וועי",
פאַרבייטענדיג „מ'מלופּם" פאַר אַ „חיריק",
און שלינגענדיג אַן „אלף" פאַר אַ „העי".
אָ, שטעטל מיינס, מיט גאָלדיג־ מילדע הארבסטען
האָסטו מיר אויסגעבעט מיין יוגענט־צעל
און שפּעטער אָפּגעריסען מיך פון הארצען
און ווייט פאַרוואָרפען אין דער ברייטער וועלט.

ל. פיינבערג

ק ו מ א ר נ ע

שטעטעל קומאַרנע,
גרויס ווי אַ קיווער;
פיר איילען די לענג
צוויי איילען די ברייט:
און היינט ביסט מיר ווייט,
העט־ווייט אין די הייכען,
מיטן האַנט צו דערגרייכען,
מיט מיין פוס צו דערשלייכען.
אָבער דאָס אויג אין קאָפּ —
דאָס אויג אין קאָפּ —
קוקט אַרויף, קוקט אַראָפּ,
ק־ו־מאר־נע
פיר איילען די לענג,
צוויי איילען די ברייט,
מיין פיצעל לעבען
מיין גרויסער פרייד.

קלמן הייזלער

ק י י ד אַ נ אָ ו

מיר דאַכט, איך בין אַ קליינער אינגעל,
איך האָב ערשט אָנגעהויבען לעבען:
די גאַנצע וועלט איז בלויז דאָס שטעדטעל
און שעהנערס קען פאַר איהם ניט געבען.

מיר דאַכט, איך בין אַ קליינער אינגעל
און בין נאָך ערגעץ ניט געפאָהרען,
און וואָס איך האָב געזעהען אין לעבען
איז ווי דורך כשוף ניט געוואָרען.

עס איז געבליבען בלויז דאָס שטעדטעל,
אַ גאַנצע וועלט מיט זיבען גאַסען:
זיי ציהען זיך אין מיין זכרון
ווי זון־באַשטראַלטע, גאָלדענע פּאַסען.

דער שול־הויף איז דער פלאַץ דער שעהנסטער,
די שוהלען פיער — איך זעה זיי תמיד:
צוויי טויבען אויפ'ן אָרון־קדוש,
צוויי לייבען הויערן ביים עמוד . . .

דאָס טייכעל קלאָר און ריזעלט פרעהליך
מען קען זיך אין זיין וואַסער שפּיגלען:
דער ווינט־מיהל איז דער גרעסטער וואונדער:
עס דרעהען זיך אַליין די פליגלען.

דער ווייטסטער וועג — צום וואַלד דעם גרינעם,
אַהין שוין מוז מען געהן צוזאַמען,
און הינטער'ן וואַלד איז ענדע וועלט שוין
און ס'הויבען אָן זיך ווייטע ים'ען...

אברהם רייזען

קרינ יק

היים מיינע, באַרג-אַראָפּ,
וואו שלאָפט איצט דיין פלאַכע ערד ?
וואו גרינט איצט דיין טאָליקער שראָט ?
דיינע וועלדער שטעהען פון לאַנג שוין —
מיט הוילע קעפּ פאַרשעמט,
דיינע פעלדער ליגען דאָך פון לאַנג שוין —
מיט פאַרטריקענטע בריסט.
איך האָב מיין געזונטען לעבען אַוועקגעטראָגען,
מיט צעזעגעלטע שיפען
אויף אַ פאַלשער ערד,
אָפּגעגעבען האָב איך די אויסגעוואַקסענע יאָהרען
אַף פאַרפאַנצערען זיך מיט שטאָל און רויך,
אַ גרוס אַ בלוטיגען צו דיר אויסציהען
פון דעם ווייטערדיגען לעבען, וואָס איך האָב דאָ
אויסגעאָטעמט ?
ווייל אָפּגעריסען האָב איך דאָך פון דיר
אַזעלכע אויפגעבליטע לעבענס,
און געלאָזען האָב איך דיין פעלד שטעהען
אַ ניט-צעאַקערטס, —
איז ווי אַזוי וועט אויפגעגרינט ברויט
דיין פאַרשעמטע טראַכט קענען אויסטראגען ?

היים מיינע, דאָרטען !
וואָלט איך נאָך דערקענט די אַכט יאָהר
וואָס דו האָסט מיר אַזוי ציטערדיג אויסגעוויינט ?
כאָטש מיין ווייטערדיק לעבען
ווערט אַף דיין נאָמען , קריניק, צוגערעכענט ;
אויסגעגלאַצטע וואַלגערען זיך
די יאָהרען, וואָס איך האָב פון דיר אַפּגעריסען,
אַ פאַרשולדיקטער קייקעל איך זיי
אַף פאַרשפּיצטע בערג אַרויף.

היים מיינע, דאָרטען !
עס ווילט זיך ניט פאַרשעמען דיין נאָמען
וואָס דיינע גארבארסקע זין
האָבען פון דיר אויסגעשטאָלצט,
ניט אָפּוואַשען קען זיך דאָס בלוט
פון מיין פעטער מאיר
וואָס האָט פאַרלויכטען
די ביאַליסטאָקער גאַסען,
איך בינד אָן אויף זיך —
די נאָענטקייט פון דיין נאָמען,
קריניק, מיין היים !

יאָסל קאָהן

ראַדאַם

(אויסצוגען פון אַ ליד)

די זון פאַרגייט, דער האַנדעל איז געשלאָסען,
אויך אַ פאַרלאָזענער ליגט שוין דער מאַרק,
דאָ האָט טאָג איין, טאָג אויס געברויזט מיט לעבען —
איצט איז געבליבען דאָ נאָר מיסט אַ באַרג.
אויך הערט מען שוין נישט מעהר קיין פייגעל
צוויטשערען, —
זיי זיינען לאַנג שוין ערגעץ אינ'ם וואַלד,
און פונ'ם הימעל-רוים טראָגט זיך אַ צאַרטע
און איינזאַמע טרויערקייט צום שטעטעל באַלד.

בלויז אין דעם אָרעם, ענגען מקוה-געסעל
באַוועגט זיך רעש'יגער דאָס לעבען איצט :
עס לויפען, איילען אידען יונגע, אַלטע,
מיט נאַסע באָרד און פּאות ; רויט, פאַרשוויצט. —
דאָס זיינען אידען פון די מערק און קראָמען
(אין יעדענס בליק שיינט איצט אַ שטאָלצער גרוים)
דאָס האַרץ ביי יעדען שלאָגט מיט פורכט און ליבע, —
כל נדרי-נאַכט קומט דאָך אין אידענ'ס הויז.

דאָס יאָהר האָט אַלעמען געשפּייזט מיט צרות,
מיט בלוט און ווייטאָגען און מיט געוויין ;
אויף דעם צעקלאָגען און אויף גוטס צו בעטען,
קלייבט קהל זיך איצטער גיין אין שוהל אַריין.
אַ ווידער-קול טראָגט זיך פון ווייטע וועגען,
ער הילכט אָפּ אין יעדען אידיש הויז,
און ליכט געצונדען ווערט... עס קומט דער שבת —
דער גרעסטער פון שבתים, ריין און גרויס.

*
**

עס בלאַנקט ביי אונז, ווי ס'בלאַנקט דעם טאַטענ'ס
קיטעל —
דער מאַמעס אַרבייט איז אויף אַלץ פאַרשפּרייט,
און איצטער ווײנט זי פאַר די ליכט און בעט
הכנעה'דיג — געזונט, פּרנסה, פרייד.
מיט טיפען זינען זעה איך צו דאָס אַלצדינג,
איך, כאָטש אַ אינגעל נאָך, דרינגט אַלץ אין מיר.
דער טאַטע, גרייט אין קיטעל, רופט אין שוהל מיך,
די מאַמע גלעט מיך, פיהרט מיך צו דער טיר.

מיט שטילע טריט גיי איך ביים זייט פון טאַטען,
די שוהל-גאַס ווערט אַלץ מעהר מיט אידען פול.
די הערצער ערנסטער, די אויגען פרומער —
פון ווייטען וועקט דאָס אָנזעהן פון דער שוהל.
און אינגלעך דאָ און דאָרטען מיט מחזורים,
זיי גייען חברה-ווייז און שטיל-פאַררעדט ;
אויף יעדענס פּנים'ל, דאָס בלייכע, צאַרטע
זעהט זיך נאָך אָן זיין מאַמעס ווייכער גלעט.

*
**

די תפילות טראָגען זיך פון שוהל אינדרויסען.
ס'שפּאַצירט נישט קיינער היינט... אַרום איז שטיל...
עס רוט די נאַכט... ס'צעטראָגען זיך חלומות
און מאַכען האָפערדיג געדאַנק, געפיל.
עס טוליעט פירכטענדיג זיך אַ פאַרטרויטע
דאָס ליבע שטעטעל צו דער שטילער ווייט,

עס איז ווי זי וואָלט זיך אַליין געהייליגט
אין דער געהייליגטער נוראים-צייט.

איך געה ביז שפּעטער שעה אַרום אינדרויסען,
וואו כ'פיל זיך ווי אַ גייסט פון לאַנג שוין פריער,
עס שלאָפט שוין לאַנג דאָס שטעטעל, בלויז איך איינער
דרעה זיך דאָ וואַכענדיג אַרום אין איהר.
און אַזוי וואַכענדיג וועל איך דורכשפּרייזען
דעם ברייטסטען ים, דעם ווייטסטען וואַלד און פעלד,
און וועל די שטומע בענקשאַפט אַלץ נאָך פילען,
און טראָגען זי מיט זיך אין ווייטער וועלט.

אַל גוריה.

(1913)

ראַדאָשיץ

מיין קליין און אָרים שטעטעלע —
איך זעה דיך פאַר מיר קלאָר;
איך האָב שוין לאַנג פאַרלאָזען דיך
שוין באַלד צוויי צענדליג יאָהר.

דאָך זעה איך דיינע געסלאַך נאָך
און יעדען שטיין פון דאָרט,
די הייזלאַך קליין, ווי מאַרמאָר העל,
דעם ברונעם אויף זיין אָרט.

דער מאַרק איז רונדיג און פאַרצאַמט
מיטביימלאַך, ווי אַ קייט;
פאַר יעדען הויז — אַ קאַשטען-בוים,
די קראָמען אָפען, צעשפּרייט.

און מיכאל שטייט, דער טעמפּער גוי,
דער גוטער שבת-גוי, —
ביים ברונעם שטייט ער אָנגעשפּאַרט
און קייעט פויל אַ שטרוי.

און יאַן מאַרשירט אַדורך דעם מאַרק,
אַרומגעהילט אין זאַק
און אויף זיין אַקסעל פינקעלט איהם
די גרויסע, בלאַנקע האַק.

דער וואַכמישטש שלעפּט זיך שיכור — לוט,
פון קראָם צו קראָם אין גאַס
און בייזערט זיך אויף יונג און אַלט,
אויף יעדען מלא כעס.

דעם נגיד'ס קוואָקע מיט'ן האָן,
מיט הינדעלאַך אין קרייז —
אַנטלויפען פאַר דעם שיכור'ען
און בלאָזען זיך אָן בייז.

דעם שטאָט-באָק טרייבט מען מיט אַ דראָנג
פון בעקער'ס שטוב אַרויס,
ער מעקעט זיך פאַנאַנדער הויך,
די הערנער גרייט צום שטויס.

עס יאָגט איהם נאָך דער קצב'ס הונט
און רוקט זיך פון דער זייט
אוןביידע שטעלען זיך צום קאַמף —
אויף טויט און לעבען גרייט.

די קינדער לויפען זיך צונויף,
מען עפענט טויער און טיר;
ווי פריילאַך און ווי לעבעדיג
לייכט יענער טאָג פאַר מיר!

י. ה. ראַדאָשיצקי

(פון בוך „ראַדאָשיץ", ניו יאָרק,).

ראקיטנע

אָ, ראַקיטנע, קליין שטעטל אויף דער אוקראַינע
לעם קיעוו!
ווער האָט עס געלערענט מיט אונדז ליבע צו דיין ערד?
צו דיינע וועלדער? צום פויער'ס פעלדער און טייכען?
כאָטש אייסעוו'ס ברויט האָבען מיר דאַווקע
שאַבעסדיג געגעסען...
נאָר ליב געהאַט האָט מען נאָר דעם שעיך אַווראָמען
וואָס איז מיט זיינע ווייבער און קעפּסווייבער
אין מאמריין געליגען און פאַר דער גאַנצער וועלט
איצכאַק-יאַנקעף-זאָמען געפלאַנצט — ווי שטויב
און שטערן —
צווישען די געצעלטען וואָס האָבען געלאַגערט אין
שאָטען פון אייכען.

פון שיקאַגאָ ביז דער אוקראַינישער ראַקיטנע —
אָט-דער וועג איז צו מיר אַזוי נאָענט!
קיין בוענאָס איירעס, וואַרשע, פּאַריז, לעמבעריק,
איז דער וועג פאַר מיר אויך ניט ווייט;
נאָר קיין פּאַדנאַראַם? מאַמריין? גוישע?
ערצאיסראל?
צווישען אָדעם וועג ליגט שוין אַ היפּשער מאַהאַלאַך!
איינשטיינס ליכט-מאָסען פון רוים און צייט....

מאַטעס דייטש (שיקאַגאָ).

רוסישער דאָרף.

דער טאַטע האָט געקויפט אַ פורל האָלץ
ווען ס'האָט פאַרטאָג אַ נאַסער שניי געשמיסן.
דער ווייסער פויער פאָרט אריין אין הויף,
סקריפּען פון דעם טויער די זאַווּיסעס.

עס קומען אלע שכנים זיך צענויף.
עס גרייכט דער שניי דער טיפער ביז די קני.
קוקט מען און מען שאָקלט מיט די קעפּ,
שאַצט מען אָפּ די זעלטענע מציאה.

פון דעם פערדל שלאָגט די פּארע ווייס.
עס זיינען שוין די האַלצהעקער געקומען,
אומעטיק וועט זינגען לאַנג די זעג
מיט פאַרוויינטע וואַלדישע נגונים.

ש. נעפּאַס (קאַנאַדע).

מיין היים שטאָט ריגע.

די ערד, וואָס איך האָב אינגלווייז באַטראָכט,
וועט שוין אויף אייביק שוועבן פאַר מיין בליק.
דו האָסט מיך אָנגעזאָפּט מיט ליכט און שאָטן,
און מיט דיין בענקשאַפט-ליד, אַ ריגע, מיך געוויגט.

צעליכטיקטע געביידער מיט ווערענדעס
און ביימער ביי די ביידע זייטן גאַס.
עס טרעפט: אין זוניקע אַלייען וואַנדערסט
און ס'גייט אַוועק פון דיר די לעבנסלאַסט.

ביזט שיין, מיין שטאָט, מיט דיינע וואונדערוועגן,
מיט יוגענטליכן, אויפגעשטראַלטן גאַנג.
און ס'שוימט די פרייד אריבער אַלע ברעגן,
ווען בלאָנדע לעטינס קומען מיט געזאַנג.

נאָר ליבער נאָך פון אַלץ איז מיר די געגנט.
פון באַלמעלאָכעס-אָרעמען קוואַרטאַל.
דאָ האָב איך מיט מיין קינדהייט זיך באַגעגנט.
דאָ האָב איך מיין ערשטע ליד געשאַלט.

דאָ האָט מיין מאַמע לידער פאַר'ן שלאָפן
געזונגען אונז אין האַרציק-שטילן טאָן,
און מיר — די מידע אויגעלך געשלאָסן,
ווי נאָר דער אָוונט-שטערן צינדט זיך אָן.

עס שווימען אויף די הילצערנע געביידעס,
די בוידעס שטיבלעך, די אַלטע גוטע לייט,
דאָ האָט מיין פרייד געפורעמט זיך באַשיידן,
דאָ האָט איר מאָרגן-טרוים געוועבט די צייט.

דוד אָפּאַלאָוו.

ריישער וואַליע

יונגען פון דער וואַליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט!
פייערדיגע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגען,
און מיט געזונטע קצב'שע פנים'ער, אָקסלען וואָס
טראָגען געשאָכטענע קעלבער.
פון טרייבען קעלבער האָבען זיי האַרטע הענט, פון
שינדען נבלות גלאַנצען די קליידער
און שמעקען מיט שעכטהויז, מיט פרישען בלוט,
מיט יאַטקע און רויע פליישען.

אין אַ יום-טוב-טאָג האָבען זיי ליב צו פוצען זיך
אין זעלנערישע מונדירען,
קורטקעס מיט מעשענע קנעפּ, אויפגעשטעלט די הויכע
קעלנער,
און לעדערנע דאַשקעס פּאַררוקט אין אַ זייט
אָפּעציריש
רייטהויזען, לאַקירטע שטיוועל, מיט שטילעטען אין די
כאַלעוועס,
שפּאַצירען זיי מיט כלות ריטמיש נאָכ'ן קלאַנג פון
זילבערנע שפּאָרענס.

מיילער האָבען זיי, ווי זייערע מאַמעס די פּזשעקופּקעס,
וואָס שליענטשען אָן אין קעלטען מיט אויבסט אין
מאַרק
און קענען שילטען מיט בייזע קללות,
פון בלאָזען פייער-טעפּ האָבען זיי צעפּאַדערטע ליפּן;
פון קוישען, זעק און רעגנס פוילען אויף זיי די
קליידער,
און נעגל האָבען זיי שאַרפע וואָס קענען מאַכען
וואונדען.
יונגען פון דער וואַליע, פון טאַטעס מיט באַן-פּיאַקערס,

און פערד, וואָס לאָזען זיך אויסגעשפּאַנט אויף
פרעמדע לאַנקעס פּאַשען.
פון זייערע רייד פילט זיך בראַמפען מיט טרוקענעס
ריח פון ביליקען טיטין;
און האָבען נישט קיין בושה צו קאָפען די מאַמע, דעם
טאַטען און די שוועסטער,
און צו וואוינען מיט ווייבער פון באַרדעל.
פון צופיל ווייבער גייען זיי אַרום מיט נאָכגעלאָזטע
טריט,
און פון אויף-זיין לאַנגע נעכט טריפען זייערע אויגען.

אין פוילישע ווינטער-נעכט בלאָנקען אום זייערע
שוועסטער,
און האָבען ליב די ליבע לעם אַ גאַסען-טויער אונטער'ן
פאַל פון שניי,
פון אַ הפקר-יונג, עפענען זיך זייערע בריסט נאָך
זייגענדיגע קינדער,
און ווערען מאַמעס באַם טריבען שיין פון אַ גאַסען-
לאַמפּ.

יונגען פון דער וואַליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט:
פייערדיגע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגען,
און מיט געזונטע קצב'שע פנים'ער, אָקסלען וואָס
טראָגען געשאָכטענע קעלבער.
פון טרייבען קעלבלעך האָבען זיי האַרטע הענט, פון
שינדען נבלות גלאַנצען די קליידער
און שמעקען מיט שעכטהויז, מיט פרישען בלוט,
מיט יאַטקע און רויע פליישען.

בעריש ווינשטיין.

ביבליאָגראַפיע

1. קאָנסטיטוציעס

(זע צוגאָב, זייט 244)

„קאָנסטיטושאָן פון די אושאצער בענ. אסס׳ן, אינק.״
געגרינדעט מאַרטש 5, 1927. (אידיש: 37 זייטען, ענגליש: 36 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די אָחאָטער וואַרשאַווער יאָנג מענס פּראָג. סאָסייעטי.״
געגרינדעט 1920. (אידיש 20 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון אניקסטער אונט. פּאַראיין.״
אַרויסגעגעבען צום 40 יאָהריגען יובילעאום, דעם 23טען יאַנואַר, 1937. געגרינדעט אין יאָהר 1897. דיזע קאָנסטיטושאָן איז אויסגעבעסערט און אָנגענומען געוואָרען אין 1936.

„קאָנסטיטושאָן פון דיא יאָזעפאָף אָרדינאַצקי בענעוואָלענט סאָסייעטי.״
געגרינדעט 28טען דעצעמבער, 1910. (אידיש: 44 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן ערשטע אריניגער יאָנג ליידיעס סאָס.״
געגרינדעט דעם 5טען דזשון, 1925. (אידיש: 22 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן און ביי-לאָהס פון די אינדעפּענדענט ביזאָנער חברה.״
(אידיש: 19 זייטען; ענגליש: 16 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן דער ביסקער בני ברית ק. א. פּ.״
געגרינדעט דעם 11טען אָקטאָבער, 1911, אין ניו יאָרק. אָנגענאָמען דעם 12טען מערץ, 1921. (אידיש: 39 זייטען).

„ערשטער ברעזאָווער ברוק. קר. א. פּ.״
געגרינדעט אם 21 דעצעמבער, 1900. געזעצע אנגענאָמען נאָוועמבער 6טען 1916. ניו יאָרק, 1917. (אידיש: 27 זייטען).

„תקנות החברה פיר דיא עדת ישראל אנשי גאַליציע מנהג ספרד.״
ד׳ פּרשה נשא שנת תרס׳ג. אם 3טען יוני, 1903. (אידיש: 34 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן דער אגודת עזרת הגליל״, מא״י.
געגרינדעט ט״ו אדר, תרע״ו, דעם 9טען פעברואַר, 1916. (אידיש: 16 זייטען; פּאָרעדע).

„קאָנסטיטושאָן פון די רבינו נחום אַנשי גראָדנאָ.״
1892. (אידיש: 42 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די דאלהינאווער יאָנג מענס בענעוו. און עדיוקל. אסס׳ן.״
געגרינדעט דעם 10טען סעפּטעמבער, 1907. געדרוקט אין 1915, (אידיש: 42 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן און נעבען געזעצע דער קאָנגרעגיישאָן בני ראפּאפּארט אנשי דאמבראווע.״
געגרינדעט דען 30 אקטאבער, 1885. (אידיש: 47 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער חברה אנשי דיווין.״
אָרגאַניזירט דעם 25 אויגוסט, 1900. די קאָנסטיטושאָן איז פאַרפאַסט געוואָרען און גוטגעהייסען געוואָרען דעם 2טען אפּריל, 1932, ניו יאָרק. (אידיש: 34 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די האָראָדישצער בראָדערס בענעוואָלענט אסס׳ן.״
געגרינדעט דעצעמבער 4, 1900, ניו יאָרק. דריטע אויסגעבעסערטע אויסגאַבע, דזשולי 1טען, 1930. (אידיש: 78 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון חברה בני ישראל אנשי הלוסק.״
געגרינדעט חוהמ״פּ, תרס״ו. אַמענדירט תרצ״ג. (אידיש: 49 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די וואָלקאָווויסקער יאָנג מענ׳ס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן.״
אָנגענומען געוואָרען צום צווייטען מאָל דעם 1טען יאַנואַר, 1920, אין די קלוב-רומס, 235 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. (אידיש: 54 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די עזרת אחים אנשי ווידז.״
געפּרינטעט אפּריל, 1938. (אידיש: 14 זייטען).

„קאָנסטיטוציע פון דער וויסאקער מאזאוויעצקער יאָנג פרענדס בענעוואָלענט סאָסייעטי.״
געגרינדעט יוני 15, 1915. אָנגענומען דעצעמבער, 1931. (אידיש: 26 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער וועליזשער פּראָג. פּאַראיין.״
געגרינדעט אין 1904. ערשטע קאָנסטיטושאָן געדרוקט אין 1913. רעוויזירט, 1932. (אידיש: 34 זייטען; ענגליש: 30 זייטען).

קאָנסטיטוציאָן פון דער פוירסט זאוויכאסטער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס׳ן.״
אָרגאַניזירט 19 נאָוועמבער, 1913, ניו יאָרק. (אידיש: 35 זייטען; ענגליש: 32 זייטען).

„קאָנסטיטוציע פון דער אינדעפּענדענט האדאראווער יאָנג מענס בענעוואָלענט סאָסייעטי.״
געגרינדעט דעם 24טען יאַנואַר, 1909, 1930. (אידיש: 42 זייטען ענגליש: 43 זייטען). עמבלעם.

„קאָנסטיטושאָן פון די חברה מגן דוד אנשע הארשץ.״
געגרינדעט 1888. (אידיש: 41 זייטען און ענגליש: 39 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דעם ערשטע טוראווער אונטערשטיצונגס פּאַראיין.״
אָנגענומען מאַי דעם 25טען, 1935. געגרינדעט אָקטאָבער דעם 14טען, 1903. (אידיש: 32 זייטען; ענגליש: 29 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער ערשטער טלוסטער ברידער אונטערשטיצונגס פעראיין.״
עמבלעם: האַנד-דרוק. געגרינדעט דעם 25טען פעברואַר, 1899. (אידיש: 59 זייטען; ענגליש: 59 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון טעלעכאנער סוועטאוואליער סיק בענעוואָלענט סאָסייעטי.״
געגרינדעט 1903. (אידיש: 63 זייטען; ענגליש: 60 זייטען), 1934.

„קאָנסטיטוציאָן דער טשערנאביליער אונט. פעראיין.״
עמבלעם. האַנד-דרוק. געגרינדעט דעם 5טען אויגוסט, 1905, ניו יאָרק סיטי. (אידיש: 40 זייטען; ענגליש 34 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער חברה בני יעקב אנשי טשעכאנאווצע.״
אָרגאַניזירט אין 1893. (1929). 20 זייטען.

„קאָנסטיטושאָן פון ערשטע טשערנאסטראווער פּאָדאָליער אונטערשטיצונגס פּאַראיין.״
געגרינדעט דזשולי דעם 3טען, 1910, ניו יאָרק. אָנגענומען די קאָנסטיטושאָן דזשון דעם 28טען, 1931, ניו יאָרק. (אידיש: 53 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די טשערקאַסער פּראָג. ליידים אָקזילערי."

העלפען נויט-ליידענדע און קראַנקע אין דער אָקזילערי. געגרינדעט דעם 15טען פעברואר, 1927. אָנגעשריבען די קאָנסטיטושאָן, 1932. אויסגעבעסערט, 1933. אָנגענומען דעם 12טען דזשון, 1934. (אידיש: 15 זייטען; ענגליש: 17 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון יארמאלינצער אונט. פעראיין."

געגרינדעט אין יאָהר 1905. געטשאַרטערט אפּריל 25טען, 1906, אַמענדירט מאַי 1903, ניו יאָרק. (אידיש: 59 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן דער חברה אהבת צדק אנשי יאשינאוועק, ניו יאָרק."

(אידיש: 65 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די יונאווער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן."

אָנגענומען דעצעמבער דעם 31טען, 1925. (אידיש: 46 זייטען; ענגליש: 44 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער פוירסט יעזיעזשאנער סיק בענ. אסס'ן."

געגרינדעט 1897. (אידיש: 86זייטען; ענגליש 87 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די כמעלניקער קראַנקען אונטערשט. פעראיין פון פּאָלאַנד."

עמבלעם: בוים. געגרינדעט דעם 15טען דעצעמבער, 1929. (אידיש: 40 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן דער קאָנגרעגיישאָן תולדות יצחק נוסח ספרד, אנשי לובעשאוו ויאנאָווע."

געגרינדעט שנת תר"ס, אלול, ניו יאָרק. **(אידיש: 57 זייטען).**

„קאָנסטיטושאָן פון די יונייטעד לוצקער יאָנג מענס און ליידיס אסס'ן."

עמבלעם: מגן דוד און האַנד דרוק. געגרינדעט נאָוועמבער 19, 1922. געטשאַרטערט 26טען דעצעמבער, 1922. אָנגענומען 1טען מאַרטש, 1925. „די קאָנסטיטושאָן איז געשריבען געוואָרען דורך דער אונערמידלאַכער ארבעט פון מאָריס צאַריף". (אידיש: 27 זייטען; ענגליש: 27 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער ערשטער ליובערער אונטערשטיצונגס פעראיין."

געגרינדעט דעם 19טען פעברואר, 1895. עמבלעם: האַנד-דרוק. (אידיש: 56 זייטען; ענגליש: 59 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דיא ערשטע לעווערטאוּוער פּראָגרעסיווער פעראיין."

געגרינדעט מאַרטש, 1911, ניו יאָרק. (אידיש: 37 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן פון דער אינדעפּענדענט מאָגעלניצער בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן."

עמבלעם: האַנד-דרוק. געגרינדעט דעם 12טען פעברואר, 1910, אין ניו יאָרק. (אידיש: 32 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דיא פוירסט מאידאנער יאָנג מענס בענעוו. אסס'ן."

אָרגאַניזירט אפּריל דעם 3טען, 1910. (אידיש: 32 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן מחברה מבקשי שלום אנשי מאלאדעצנע."

געגרינדעט דעם 1טען פעברואר, 1884, ניו יאָרק. (אידיש: 42 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן און ביי-לאָאס פון מילייציטשער ברודערליכער אונט. פעראיין".

אָרגאַניזירט מאַרטש 29טען, 1907. (אידיש: 28 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער קהל עדת זקני עיר מינסק."

מינסקער אינדעפּענדענט אָלד-מענס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן, 156 הענרי סט., ניו יאָרק. געגרינדעט דעם 10טען מערץ, 1912 דיעזע 2טע קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרען פון דער אסאָסיאיישאָן דעם 2טען דעצעמבער, 1928 און די ערשטע קאָנסטיטושאָן איז דעם זעלבען אבענד צוריקגעצויגען געוואָרען. (אידיש: 48 זייטען, מיט אַ בילד פון דער געביידע).

„קאָנסטיטושאָן פון דער אינדעפּענדענט מינקאָוויצער פּאָדאָליער סאָסייעטי."

געגרינדעט 4טען פעברואַר, 1922. (אידיש: 50 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די פּראָגרעסיוו מישניצער יאָנג מענס."

געגרינדעט דעם 15טען דזשון, 1911, אין ניו יאָרק. (אידיש: 46 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די מעזריטשער ליידיעס אייד סאָסייעטי."

געגרינדעט דעם 1טען אויגוסט, 1908. צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1925. (אידיש: 93 זייטען).

נארעווקער אונטערשטיצונג פעראיין קאָנסטיטושאָן."

געגרינדעט אין יאָהר 1900, ניו יאָרק. (אידיש: 55 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון סאטאנאָווער בענ. סאָסייעטי."

געגרינדעט דעם 3טען אקטאָבער, 1903. געטשאַרטערט דעם 26טען אקטאָבער, 1904. די קאָנסטיטושאָן איז אָנגענומען געוואָרען דעם 9טען דעצעמבער, 1911, אויסגעבעסערט און אַמענדירט געוואָרען דעם 15טען דזשון, 1937. (אידיש: 53 זייטען; ענגליש: 53 זייטען). אָנווייזונגען פון צערעמאניאל, קאַנדידאַטען אַריינצופיהרען. עמבלעם: אַנקער (פון דער סאָסייעטי). אונזער מאָטאָ: „ואהבת לרעך כמוך: איש את אחיו יעזורו."

„קאָנסטיטוציע פון די פּראָגרעסיוו סלוצקער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן."

געגרינדעט יאַנואר 30טען, 1904, ניו יאָרק סיטי. (אידיש: 41 זייטען; ענגליש: 38 זייטען).

קאָנסטיטוציאָן פון ערשטע סעכיסטאוער קראַנקען און אונטערשטיצונגס פעראיין."

געגרינדעט מאי, 1909, ניו יאָרק. באַארבעט און געשריבען פון ב. בערגמאן. אָנגענומען אין מאָנאַט מאי, 1925. (אידיש: 25 זייטען).

קאָנסטיטוציאָן און נעבען געזעצע דער סקאלאטער קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין."

געגרינדעט דעם 13טען פעברואר, 1892. ניו יאָרק. (אידיש: 70 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון די אינדעפּענדענט סקווערער סיק און בענעוואָלענט אסס'ן, אינק."

געגרינדעט דעם 1טען יאַנואר, 1906. (אידיש: 30 פּיידזשעס; ענגליש: 28 פּיידזשעס).

„קאָנסטיטושאָן אָף די ליידיס אוקזילערי, עקיבא איגער לאדזש."

געגרינדעט דעם 20טען מאי, 1927. (אידיש: 8 זייטען; ענגליש: 8 זייטען).

„קאָנסטיטושאָן פון דער פּאַוואָנסקער-ווארשעווער בענעוואָלענט אסס'ן."

געגרינדעט דעם 20טען פעברואר, 1916. (אידיש: 22 זייטען; ענגלישע ליסט פון מיטגלידער מיט זייערע אַדרעסען).

„קאָנסטיטושאָן בוך פון די פּאָטשיינאווער יאָנג מענס בענעוואָלענט סאָסייעטי."

געגרינדעט אפּריל, 1924, ניו יאָרק. (אידיש: 38 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון פּאַראַזאַווער בענעוואָלענט אסס'ן."
(אידיש: 14 זייטען; ענגליש: 15 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן קאָנגרעגיישאַן פּוכאָוויצער."
(אידיש: 98 זייטען; ענגליש: 104 זייטען).
עמבלעם: האַנד דרוק.

„קאָנסטיטושאַן פון די אינדעפּענדענט ערשטע פילאַווער קראַנקען אונטערשטיצונגס פּאַראיין."
געגרינדעט דעם 24טען פעברואר, 1906. אויסגעבעסערט די קאָנסטיטושאַן אין 1930. (אידיש: 40 זייטען; ענגליש: 27 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן דער פּאַראיין אינדעפּענדענט ערשטער פּילעשטער בעסאַראַביער."
עמבלעם: האַנד דרוק. קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין. געגרינדעט דעם 23טען יוני, 1900, אין ניו יאָרק סיטי.

„קאָנסטיטוציע פון דער ערשטער אינדעפּענדענט קאזמירער אונטערשטיצונגס-סאָסייעטי."
געטשאַרטערט דעם 3טען אפּריל, 1926. צוזאַמענגעשטעלט פון סעמיועל קאופמאַן, פינאַנס סעקרעטאַר, מיט דער ביי-הילף פון די באַאַמטע און לאַא קאָמיטע. אידיש און ענגליש.

„נעבענגעזעצע דער רבקה קאַטלעראוו לאָזשע, נומער 4, א. א. א."
געגרינדעט אם 17טען אפּריל, 1893. אַנגענומען אם 2טען אָקטאָבער, 1900. (אין דייטשע בוכשטאַבען). (אידיש: 19 זייטען).

קאָנסטיטוציאָן פון דיא קאַלאַמעאַר פרענדס אסס'ן."
געגרינדעט אַם 31טען יאַנואַר, 1904. (אידיש: 34 זייטען).

„קאָנסטיטוציאָן פון דיא קאַלאַמייער פרענדס אסס'ן."
געגרינדעט אם 31טען יאַנוואר, 1904. אידיש: 34 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון דער קאַלאַמייער פרענדס אסס'ן."
געגרינדעט 31יאַנואַר, 1904. (אידיש: 37 זייטען). עמבלעם: סטאַטוע פון פרייהייט.

„קאָנסטיטוציאָן פאַן דיא פּראָגרעסיוו פּוירסט קאַליסער בענ. אסס'ן."
געגרינדעט מאַרטש דעם 12טען, 1910. (אידיש: 83 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן דער חברה אנשי קאַמעניץ דליטא."
געגרינדעט דעם 22טען דזשולוי, 1892, אין דער שטאַט ניו יאָרק. (אידיש: 48 זייטען).

קאָנסטיטושאַן פון קאַמענעץ-ליטאָווסקער אונטערשטיצונגס פעראיין."
געגרינדעט דעם 17 מערץ, 1901. דיזע קאָנסטיטושאַן איז אָנ-גענומען געוואָרען פון פעראיין דעם 17 אַפּריל, 1901. (אי-דיש: 31 זייטען; ענגליש: 29 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון דער אינדעפּענדענט קאַמענעץ פּאָדאָליער קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין."
אָרגאַניזירט נאָוועמבער דעם 17טען, 1900. (אידיש: 48 זייטען; ענליש: 43 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די קאָנאָטאָפּער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן."
געגרינדעט 1914. (אידיש: 61 זייטען, ענגליש: 53 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון דער אינדעפּענדענט קאָרוועך פּראָגרעסיוו יאָנג מענס בענעוואָלענט אייד סאָסייעטי."
געגרינדעט נאָוועמבער דעם 16טען, 1918. אויסגעבעסערט און איבערגעדרוקט אין 1931. (אידיש: 34 זייטען).

„געזעטץ ענדערונג דער ערשטער קופּיטשינצער קראַנקען אונט. פעראיין."
(אידיש: 6 זייטען) מיט אַ שבועה.

„קאָנסטיטושאַן פון דער קופּילער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאַן, אינק."
דורכגעפיהרט דעם 17טען אָקטאָבער, 1936. (אידיש: 21 זייטען, ענגליש: 19 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די פּראָג. קיטייגאָראַדער פּאָדאָליער בענעוואָלענט אסאָסיאיישאַן."
געגרינדעט מאַרטש דעם 7טען, 1920, ניו יאָרק. (אידיש: 28 זייטען).

„קאָנסטיטוציע פון דער אינדעפּענדענט קלעצקער ברידערליכער אונטערשטיצונגס פּעראיין."
געגרינדעט אין 1892; געטשאַרטערט דעם 12טען נאָוועמבער, 1897, אַנגענומען געוואָרען דעם 18טען פעברואַר, 1933, (46 זייטען אידיש; 51 זייטען ענגליש). עמבלעם: האַנט-דרוק; בילד, אונזער שוהל, 5 לודלאָו סטריט.

„קראָקאָוער סיימאָן שרייבער קאָנגרעגיישאַן."
קאָנסטיטוציע (ענגליש) 1931 — 1887. קליינעס פאָרמאַט. 18 זייטען מיט אַ בילד פון רבי סיימאָן שרייבער.

„קאָנסטיטושאַן פון די ערשטע ראַדזיעחאָווער אונטערשטיצונגס פּעראיין."
געגרינדעט יאַנואַר 17, 1902. אַמענדירט אָקטאָבער 26, 1935. (אידיש: 42 זייטען, ענגליש: 42 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די אינדעפּענדענט ראַזאַנקער אונטערשטיצונגס פּעראיין."
געגרינדעט נאָוועמבער 13, 1904. (אידיש: 71 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די ראַקאָווער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאַן אָוו ניו יאָרק".
געגרינדעט סעפּטעמבער, 1903. (אידיש: 32 זייטען). עמבלעם: געשלאָסענע הענט.

„קאָנסטיטושאַן פון די חברה שבת אחים אנשי ראַטשווינץ".
געגרינדעט סעפּטעמבער 3טען, 1892 (אידיש: 21 זייטען, ענגליש: 18 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די היברו רומייניען קראַנקן אונטערשטיצונגס סאָסייעטי אָף איסט ניו יאָרק, אינק."
אָרגאַניזירט מאַי, דעם 3טען, 1908, ברוקלין, נ. י. (אידיש; 32 זייטען; ענגליש: 24 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון אדעלא שווייגער בענעוואָלענט סאָסייעטי, אינק."
געגרינדעט דעם 3טען פעברואַר, 1921, ניו יאָרק. (אידיש: 40 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון שידלאָווצער בענ. אסס'ן."
אָרגאַניזירט יאַנואַר, 1909. אידיש 32 זייטען.

„חברה מדרש אנשי שניאַדאָווע".
געגרינדעט געוואָרען דזשוליי דעם 18טען, 1897.

„קאָנסיטוציע פון דער ערשטער שענדישאָווער גאַליציאַנער חברה, ניו יאָרק."
מאָטאָ: „הנה מה-טוב ומה נעים שבת אחים גם-יחד" (תהילים, קל"ג, א'). געגרינדעט אין ניו יאָרק, ט' חשון, תרנ"ט, דעם 25טען אָקטאָבער, 1898. (באַארבעט און רעווי-דירט אין יאָהר תרצ"ו — 1936). אידיש: 57 זייטען און ענגליש 43 זייטען.

„קאָנסטיטושאַן פון קאָנגרעגיישאַן אנשי שצעדרין."
געגרינדעט דעם 9טען אָקטאָבער, 1904. פון דאָסניי צוזאַמענ-געשטעלט און איבערגעשריבען געוואָרען דעם 1טען יאַנואַר, 1923. (אידיש: 38 זייטען).

„קאָנסטיטושאַן פון די שרה בענעוואָלענט סאָסייעטי."
געגרינדעט דעצעמבער, 1917. אידיש (23 זייטען).

2. סואווענירזשורנאַלען און אַנדערע אויסגאַבען

„ערשטע אַבערטינער ק. א. פּ.״

40-יאָהריגער יובילײ-זשורנאַל, 1896 — 1936. אַרטיקלען, אַנאָנסען, באַגריסונגען; אידיש-ענגליש.

„חברה בית אהרן אנשי אונגארן״.

30-יאָהריגער יובילײ-זשורנאַל, 1898 — 1928. באַגריסונגען, אַנאָנסען, בילדער, אידיש-ענגליש.

הרב יעקב צבי אונגאַר: געשיכטליכער אַרטיקעל פון דער אָרגאַניזאַציע. קאַלענדאַר פון מיטינגען און אידישע יום טובים. ליסטען פון מיטגלידער, קאָמיטע מיטגלידער; בילדער פון באַאַמטע.

„אַמדורער בענעוואָלענט אַסאָסיאײשאָן״.

סואווענירזשורנאַל צום 18-יאָהריגען יובילײ. יאנואר, 1930. 28 זייטען. אידיש-ענגליש. שער-בלאַט, ענגליש; בראָשור-פאָרמאַט. באַגריסונגען, אַנאָנסען, פינאַנץ-באַריכט, מיטגלידער-ליסט, בילדער פון באַאַמטע.

„אַמדורער בענעוואָלענט סאָסייעטי״.

25-יאָהריגען יובילײ-זשורנאַל. 1912 — 1937, 63 זייטען. גרויס-פאָרמאַט. אַרטיקלען, באַגריסונגען, ליעדער, אַנאָנסען און פאָטאָגראַפיעס. רעדאַקטירט פון מאַקס יעלינגער.

פאָטאָגראַפיעס פון (1) ערשטע שול פון אַמדור, לערער, קינדער (2) „בונד״ אין 1904.

אַ באַגריסונג פון ועד הקהל אין אַמדור. ליעד: דער הויכער רבי לייב — א. ליעסין. אַמדור, פון יצחק ריבקינד. געשיכטע פון געבורטס-שטעטעל. אַלטע זכרונות, פון מאַקס יעלינגער. דער טשיף אָוו פאָלים — ז. פרידמאַן.

„צו הילף״.

זשורנאַל ארויסגעגעבען פון „פּאַראײניגטען אָסטראָווער הילפס-קאָמיטעט אין ניו יאָרק״, 1933. 20 זייטען. אינהאַלט: אַרטיקלען — „אויפרוף צו די אסטראווער לאַנדסלייט!״, פון סעם ליבגאָטט, „דאָס אידישע געזעלשאַפטליכע לעבען אין אָסטראָווע און דער פּראָבלעם פון צעטײלען די אַמעריקאַנער געלטער״.

„אגודת בני ארץ ישראל.״

33-יאָהריגער יובילײ-זשורנאַל, 1900 — 1933. אַנאָנסען, באַגריסונגען, בילדער, אידיש-ענגליש. ליסט פון מיטגלידער, ליסט פון באַאַמטע און קאָמיטע מיטגלידער.

„ספר השנה של הסתדרות בני ארץ ישראל באמריקה״.

יאָהר-בוך פון דער פעדעראַציע פון פּאַלעסטינער אידען אין אַמעריקע. מיטעל-פאָרמאַט זשורנאַל, 152 זייטען, 1937. רעדאַקטירט פון רבי י. מ. מארגאָליעס. אַרטיקלען געשריבען אין העברעאיש און אידיש.

אינהאַלט: אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, ליטעראַרישע אַרבייטען און פאָטאָגראַפיעס. אָנטײלנעהמער: דר. שמעון ברנשטיין, יעקב מונטשור, דוד ילי, א. ר. מלאכי, מ. רודנסקי, יצחק רבקינד און דר. אריה טשרניק.

„אשמענער בראָדערס מיוטשועל עיד בענעוואָלענט אסס׳ן״.

סואווענירזשורנאַל, 1925. רעדאַקטירט פון סעם באַסין 56 זייטען. אינהאַלט: אַרטיקלען, בילדער, אַנאָנסען; ענגליש-אידיש; באַגריסונגען.

„אָשמאַנער״,

ארויסגעגעבען פון די „אַשמאַנער בראָדערס מיוטשועל עיד און בענעוואָלענט אַסאָסיאײשאָן״. פינף און פערציג יאָהריגער יובילײ-זשורנאַל, 1892 — 1937. אידיש-ענגליש. צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קאָלעגיום. 84 זייטען, זשורנאַל-פאָרמאַט. אינהאַלט: „אַ בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט און אַן אָנדייטונג אויף דער צוקונפט״, פון סעם באַסין; „צום 45טען יובילייאום פון אַשמאַנער פּאַראײן״ (גראַמען), פון איזידאָר בארריס; „אַשמאַנער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע״, „דער טיש״ (ליעד), פון הענאַך זיסקין; „קורץ און שאַרף (ווערטלאַך, וויצען); „איך בין אַן אשמאַנער פון אשמאַנע״, פון וויליאַם באַקסט; „פעדער-שפּריצען״ (א שטאָך און אַ גלעט), פון איזידאָר בארריס; „צווישען אונז ריידענדי״, פון א. י. ד.; „א רוף פון אשמאַנע״. מיטגלידער-צעטעל, בילדער פון מיטגלידער און באַאַמטע. באַגריסונגען, אַנאָנסען. ענגליש.

„תר״ם — תר״ץ, 30 יאָהריגער יובילייאום פון קאָנגרעגיישאָן אנשי באָברויסק״.

15טען דעצעמבער, 1929. 60 זייטען. רעדאַקטירט ביי ישראל ראובן ריפּס און שמואל אליעזר נעלסאָן. אינהאַלט: אַרטיקלען, ליעד, בילדער, אַנאָנסען. אידיש-ענגליש. קליינע ביאָגראַפיעס פון איינצעלנע מיטגלידער. מיטעל-פאָרמאַט.

„אונזער ברענטש״ — באַלטיק-וויטעבסקער ברענטש 33 אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער אָרדן,

1938. 8 זייטען. אינהאַלט: אַרטיקלען, ליעד, אַנאָנסען. קליין-פאָרמאַט.

„באַלטער בענעוואָלענט קאָנגרעגיישאָן״.

סואווענירזשורנאַל, פעברואר 12, 1938. (שער-בלאַט אין ענגליש), 60 זייטען. אינהאַלט: „פּאָרטי יערס אָף אטשיוומענט״, פון הזשוליוס קאָהען (ענגליש), באַגריסונגען: ענגליש און אידיש. אַנאָנסען, פאָטאָגראַפיעס פון מיטגלידער און באלטער לעידים אקזילערי. גרויס-פאָרמאַט.

באָסלאָווער בענעוואָלענט אַסאָסיאײשאָן.

35-יאָהריגער יובילײ-בוך, 1900 — 1935. 44 זייטען. אַרטיקלען, אַנאָנסען, באַגריסונגען. אידיש-ענגליש. קאַלענדאר פון מיטינגען. אַרטיקלען: י. פּ. טאַלינס — „דער באַסלאָווער פאַראײן״ (געשיכטליכער איבערבליק). ד. ר. זאַסלאַווסקי: „באהסלעוו״.

„יונייטעד בוטשאַטשער לעידים אַקזילערי״.

סואווענירזשורנאַל, 1937. 40 זייטען. (שער-בלאַט ענגליש). אינהאַלט: באַגריסונגען. ענגליש. אַנאָנסען. גרויס-פאָרמאַט.

„בוסקער בני ברית ס. ב. א.״.

25-יאָהריגער יובילײ-זשורנאַל, 1911 — 1937. 48 זייטען. ליסט פון מיטגלידער, באַגריסונגען.

סואווּעניר זשורנאל, 25 יאָהריגער יובילייאום באַנקעט פון די בוקאָווינער בעסאראביער אונט. פאַראײן.

1938. 40 זייטען. אידיש-ענגליש. אינהאַלט: „אַ בליק איבער דעם פּראָגרעס פאַר די לעצטע 25 יאָהר פון דער בוקאָווינער בעסאראביער אונטערשטיצונגס פעראײן״, פון וו. גאָלדשטיין; „אַ ביסעלע געשיכטע״, פון ברוך רויטמאַן. בילד און צעטעל פון באַאַמטע. באַגריסונגען, אַנאָנסען. אידיש-ענגליש.

„בוקאָווינער צענטער בענעוואָלענט סאָס., אינק.״

50-יאָהריגער יובילײ, 1935. 64 זייטען. ענגליש. אינהאַלט: באַגריסונגען, אַנאָנסען.

„די טעטיגקייט פון ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע״.

געשיכטליכער איבערבליק פון דוד סאָהן. ארויסגעגעבען פון ביאַליסטאָקער צענטער צו דער 1טער קאָנווענשאָן אין 1934. קליין-פאָרמאַט. 30 זייטען.

„ביאַליסטאָקער לעבן״.

ספּעציעלע אויסגאַבע צום 40 יאָהריגען יובילייאום פון ביאַליסטאָקער בקור חולים פון ברוקלין, 1937. רעדאַקטאָר — לואיס פּאַלטער. אידיש און ענגליש. גרויס-פאָרמאַט. 84 זיי-

טען אידיש, 62 זייטען ענגליש. אינהאַלט: אידישע ארטיקלען פון לואיס טאַר, סעמועל קראל, לואיס פאַלטער, ל. פאַלטער, פסח קאפלאַן זלמן העלער, הרב יצחק סאדין, דר. הערמאַן פראַנק, מארים קראל, ב. פערלמאַן איזידאָר פען, ליב בן ישראל, ראָזע לוטענבערג, איוואַ טענד, יעטאַ שוואַרץ. ליעדער — י. א. לוריא, לאָרד בייראָן. „די עקזעקוציע", אַ בילד פון אָסיפ דימאָוו. „חסידישע מעשיות", פון הרב בנימין בייניש אויבערבאַך. באַגריסונגען, אַנאָנסען, בילדער. ענגלישע אָפּטיילונג: בילדער, באַגריסונגען, אַנאָנסען.

„ביאַליסטאָקער פונדאַמענט".

ארויסגעגעבען לכבוד דעם דרייסיגסטען יובילייאום באַנקעט, 1935, פון ביאַליסטאָקער בריקלייערס. גרויס-פאָרמאַט. 24 זייטען. רעדאקטירט פון דוד סאָהן. ארטיקלען, באַגריסונגען, באַריכטען, אַנאָנסען און פאָטאָגראַפיעס. אַרטיקלען: „וואָס איך האָב צו זאָגען וועגען דער ביאַליסטאָקער בריקלייערס אסס'ן", פון דוד סאָהן; „די געשיכטע פון יציאת מצרים ביי די בריקלייערס" — גרשון טאָרטאָצקי; „ערינערונגען", — מאַקס מאַטעס; „מיר שטעהען פאַראייניגט פאַר ד"ר צו-קונפט" — איזי פען; „די בריקלייערס העלפען אַלע אונטערנעמונגען" — פיליפ אָרלין.

„ביאַליסטאָקער סומך נופלים".

50-יאָהריגער סואווועניר-זשורנאַל, 1886 — 1936. 32 זייטען. „אַ געשיכטליכער איבערבליק", פון דוד סאָהן. אַרטיקעל: „ביאַליסטאָקער פּיאָנערען אין אמעריקא". אַנאָנסען, באַגריסונגען: אידיש-ענגליש. פינאַנץ-באַריכט פון דער אָרגאַניזאַציע. רשימה פון פאַרשטאָרבענע מיטגלידער. ליסטען פון קאָמיטע מיטגלידער, באַאַמטע.

„ביאַליסטאָקער פריינט".

ביאַליסטאָקער ראַיאָנער ברענטש 88 אר. רינג, 30-יאָהריגער יובילֵיי-בוך, 1905 — 1935. 76 זייטען. 1935, ניו יאָרק. מ. באַביטש, רעדאקטאָר. אַרטיקלען, אַנאָנסען, באַגריסונגען. אידיש. אַרטיקלען און ליעדער פון י. קרעפּליאַק, דוד סאָהן, דר. הערמאַן פראַנק, מ. באַביטש, מאַני לייב, ליליפּוט, אַלטער עפּשטיין, א. כאַנין.

„ביאַליסטאָקער צענטער און בקור חולים".

(ביאַליסטאָקער שטימע). יובילֵיי אויסגאַבע לכבוד די 13-ריגע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט פון דוד סאָהן. 1932, ניו יאָרק. 56 זייטען. אידיש-ענגליש. טעקסט, אַנאָנסען, באַגריסונגען, בילדער. אידיש: אָפּשאַצונגען וועגען דעם יובילאַר פון י. קרעפּליאַק, זלמן העלער, ב. באַטוויניק. באַריכטען וועגען די טעטיגקייטען פון ביאַל. צענטער. פינאַנץ-באַריכט. בילדער פון דוד סאָהן, פון דעם ביאַליסטאָקער צענטער.

„ערשטער ביליצערקער וואָלינער בענ. סאָסייעטי.

צום 15טען יובילֵיי באַנקעט. 1921 — 1937. ענגליש. 12 זייטען. אינהאַלט: באַגריסונגען, בילדער, אַנאָנסען.

„ביסקער בית יתומים פאָנד פון ניו יאָרק."

סואווועניר-זשורנאַל, 1926. 42 זייטען. (שער-בלאַט ענגליש). אינהאַלט: ארטיקלען — „2 יאָהר רעליעף טהעטיגקייט פאַר דיא יתומים", פון ציפּפער. באַגריסונגען, אַנאָנסען אין ענגליש און אידיש. מיטעל-פאָרמאַט.

„ניו יאָרק-באָסטאָן ביסקער רעליף אסס'ן".

סואווועניר-זשורנאַל, 30 מערץ, 1929. (שער-בלאַט ענגליש). 36 זייטען. אינהאַלט: אַרטיקלען — „די פעראייניגטע מאַכט", פון ח. קיהן; „צו אונזערע ביסקער לאַנדסלייט פון ניו יאָרק", פון מ. קאַרווין. באַגריסונגען, אנאָנסען.

„ניו יאָרק-באָסטאָן ביסקער רעליף אסס'ן".

סואווועניר-זשורנאַל, 1930. 46 זייטען. אַרטיקלען, אַנאָנסען, באַגריסונגען.

„ביעלאַצערקאווער בר. 17, אינט. ארבייטער אָרדן".

אַכטער יעהרליכער סואווועניר-זשורנאַל. 16 זייטען. 1938. ליסטען פון באַאַמטע און עקזעקוטיווע, באַגריסונגען, אנאָנסען.

„ערשטער בעלצער בעסאראביער ק. א. פ.".

1900 — 1937. ענגליש. 16 זייטען. מיטעל-פאָרמאַט. אינהאַלט: באַגריסונגען, נעמען און בילדער פון אָנגעזעהנע מיטגלידער, אַנאָנסען.

„בעסאראביען י. מ. ב. ענד עדיוקעישאָנאַל קלוב".

סואווועניר זשורנאַל, 1938. 36 זייטען. ענגליש. מיטעל-פאָרמאַט. אַרטיקלען, באַגריסונגען, אַ בילד פון דעם באַנקעט-קאָמיטעט, אַנאָנסען.

„בעסאראביער ברענטש 2, א. א. א.".

סואווועניר-זשורנאל צום 7טען יובילֵיי, 1937. 16 זייטען. אינהאַלט: אַרטיקלען — „דער אינטערנאציאָנאַלער ארבייטער אָרדן", פון י. צוקערמאַן; „אונזער יאָנטעף", פון י. מעלמאַן. באַגריסונגען און פאָטאָגראַפיעס. אַנאָנסען אין אידיש און ענגליש.

„ברידערליכקייט".

ארויסגעגעבען פון די „פאַראייניקטע אידישע אָרגאַניזאַציעס", אווגוסט 1936. געווידמעט דער פראָטערנאַלער, סאָציאַלער, קולטורעלערע און געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג פון די אומאָפּהענגיקע אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען און בענעוואָלענט סאָסייעטיס. 32 זייטען. אידיש-ענגליש. חיים וויינטרויב, רעדאַקטאָר. אינהאַלט: „פאַרבייגייענדיק", פון חיים וויינטרויב, „לאַנדסמאַנשאַפטן און יוגנט", פון ש. ניגער, „פראָטערנאַלע אינשורענס אין אַמעריקע", פון דר. הערמאַן פראַנק, „די צילן און אויפגאַבן פון די פאַראייניקטע אידישע אָרגאַניזאַציעס". ליעדער, פון מ. זינגער, „אשמאנער אין אַמעריקע". נייעס, אַנאָנסען, באַגריסונגען. אידיש-ענגליש.

„דהי פראָגרעסאָר."

אַרויסגעגעבען מאָנאַטליך פון די בראַדיער י. מ. ב. ע. א. פאַמפלעטען-פאָרמאַט. 4 זייטען. ענגליש, מיט אידישער אָפּטיילונג; עדיטאָריעלס, לאָקאַלע נייעס, שפּאַסען, אַנאָנסען. דזשאָרדדזש ס. ברוקמאַן, ענגלישער רעדאקטאָר. פיל קופער, אידישער רעדאקטאָר. געבונדען אין בוך פאָרמאַט. יאָהרען: 1929 — 1930 — 1931 — 1932 — 1935. פון מערץ 1936 ביז נאָוועמבער 1937.

„בריטשעווער פּראָגרעסיווע סאָסייעטי".

סואווועניר אויסגאַבע, 1924 — 1934. רעדאקטאָר — דייוויד סאָיקין. 80 זייטען. ענגליש און אידיש. מיטעל-פאָרמאַט. אינהאַלט: ארטיקלען אין ענגליש — „בריטשעווער פּראָגרעסיווע סאָס. איהר געשיכטע און איהרע דערגרייכונגען", פון דייוויד סאָיקין; „ווער איז ווער אין אונזער סאָסייעטי". ליטעראטור — ליעד, „דער טויזנטסטער מענטש", פון רודיארד קיפּלינג. בילדער, אַנאָנסען, באַגריסונגען. ארטיקלען אין אידיש — „בריטשעווער פּראָגרעסיווע סאָסייעטי, איהר היסטאָריע און עררייכונגען", פון דוד סאָיקין. באַגריסונגען.

„פאַראייניגטער בריסקער רעליף קאָמיטעט"

ערשטער יעהרליכער יובילֵיי-זשורנאל, 1938, ניו יאָרק. 4 זייטען.

„אונזער וואָרט".

ארויסגעגעבען פון: בריסקער ברענטש 286 ארבייטער רינג, און בריסקער-טשעכאנאָווצער ברענטש 15 אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרדן. 10 זייטען. ארויסגעגעבען צום פאַראייניגטען באָל, 1937. אינהאַלט: 1) לייט-ארטיקלען; 2) „וואָס איז בריסק" — פ. נאָוויק; 3) „די טעטיגקייטן פון בר. 286 א. ר. (געשיכטליכער איבערבליק) — י. ראזענבערג; 4) „אַ גייענדיגע ביבליאָטעק" (זכרונות) — ב. רובין; 5) „אייניגקייט דארף ווערן אונזער ציל" — י. העטמאַן; 6) „שוין צייט אויפצוהערן צו זיין ברוגז" — ר. זאַלצמאַן; 7) ליעדער: מנחם און ב. פרידמאַן; 8) „פעליעטאָן און ארטיקל" — י. לייזעראָוויטש. באַגריסונגען און אַנאָנסען.

יאָהר-בוך צו דער צווייטער יעהרליכער קאָנווענשאָן פון די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקע"

1938. מיטעל-פאָרמאַט זשורנאַל, אין אידיש-ענגליש. 38 ז.

רעדאַקטירט פון ז. מ. קערשטיין. אינהאַלט — אַרטיקלען: „טראַגעדיע פון אידען אין גאַליציע" — דזשאָרדזש גאָרדאָן בעטל; „גאַליציאַנער אידען אַלס פאַקטאָר אין אידישען פאָלקס-לעבען" — ז. מ. קערשטיין; „די פאַראייניגטע גאַליציאַנער אין אַמעריקע" — סאַל לאו; „אונזער קאָנוועגשאָן" — מאיר גילים; „גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקא ערוואַכען!" — אברהם מילער; „אַ כבוד און אַ שטאָלץ פאַר'ן גאַליציאַנער אידענטום" — נחמיה גילמאַווסקי; „ביי דער קאַוואַדלע פון פּראָדוקטיוויזאַציע" — צעציליע קלאַפּטען; „העלפט דער יוגענט אין גאַליציע" — רעגינאַ פרישוואַסער; „מיין האַרץ איז צעבראָכן" — יעקב קירשענבוים. אַפּיל: „שאַפט אָפּ דעם מאָגען!!" — צ. ה. רובינשטיין. רייזע בילדער: „אויך געלעבט" — חנא גאָטעספעלד. ליעדער פון דער אַלטער היים — נפתלי גראָס. באַריכטען, באַגריסונגען פון באַאַמטע, פאָטאָגראַפיעס און אַנאָנסען.

גאַניאַנדזיצער טרעסטינער סואווענירזשורנאַל.

צום 25טען יובילייִ. מאָנאַטליכער זשורנאַל, נומער 16. גרויס-פאָרמאַט. 28 זייטען. שער-בלאַט געצייכענט פון שאול ראַסקין. אינהאַלט: אַ בילד פון רעדאַקטאָר — עדיטאָריעל; דערצעהלט פון חדר — דער טונקעלער; אַ הימנע — י. זוידענבערג; אין 25 יאָהר ארום — ד. גראַסמאַן; איך זוך אַ תכלית — פּ. קאַלינסקי; דער אַטענטאַט אויפ'ן אוראַדניק — א. לייבעלקעס; די נקמה (מאָנאָלאָג) — א. לייבלקעס; טרעסטינער האָבען אַראַנזשירט אַ חזן — דער סטרייק ראש השנה — פון מ. מ. קאַנטשיק.

„אגודת עזרת הגליל, אינק."

סואווענירזשורנאַל. צוואַנציג יאָהריגער יובילייאום באַנקעט. 24 זייטען. ענגליש-אידיש-העברייאיש. מיטעל-פאָרמאַט. אינהאַלט: העברעאישע בריף פון פּאַלעסטינע. באַגריסונגען און אַנאָנסען אין ענגליש און אידיש.

גראַדזיסקער אונטערשטיצונג פאַראיין.

סואווענירזשורנאַל צום 25-יאָהריגען יובילייִ, 1913 — 1928. גרויס-פאָרמאַט. 17 זייטען. אינהאַלט — אַרטיקלען: פון גראַדזיסק אין ניו יאָרק — איזי שוואַרץ; אַ גאַסט אויף אַ ווייל זעהט פאַר אַ מייל — אַ שרייבער; דעראינערונגען פון פינסטערע טעג אין גראַדזיסק — מאַקס ווינער; קינדער-יאָהרען אין גראָדזיסק — ה. שניידערמאַן. לידער: אַ באַגריסונג פון גראָדזיסק — פון ג—ן; 25 יאָהר אַרבעט — נ. גריץ; באַגריסונגען, אַנאָנסען און פאָטאָגראַפיעס.

גראַדזיסקער מיוטשועל עיד סאָסייעטי.

סואווענירזשורנאַל צום פופצעהנטען יובילייִ-באַנקעט, 1929. 40 זייטען. קליין-פאָרמאַט. אינהאַלט — אַרטיקלען: „גראַדזיסק און ניו יאָרק", פון י. ענגעל; „גראַדזיסקער אחדות", פון אי. שוואַרץ; „גראַדזיסק שפּילט טעאַטער", פון י. גאַרד; „גראַדזיסקער לעסאָוניקעס", פון מ. שוואַרץ. ליטעראַטור: „געווידמעט די גראָדזיסקער", ליעד פון י. צוקערמאַן. באַגריסונגען און אַנאָנסען אין ענגליש און אידיש.

„דער גראַיעוער".

ארויסגעגעבען פון גראַיעווער בר. 35 אר. רינג, פעברואַר, 1937. 30-יאָהריגער יובילייאום-זשורנאַל, 32 זייטען. אידיש-ענגליש. אינהאַלט: „דרייסיג יאָהר גראַיעווער יאָנג מענס". פון היימאַן בלום; „מיינע ‚גרינע' חדשים אין אַמעריקע", פון סעם קרינסקי; „די איצטיגע לאַגע אין גראַיעווע", פון מ. פּאָפּאָווסקי; „דער אידישער האַנטווערקער פאַראיין אין גראַיעווע", פון י. האַלפערן; „שטאָפּ-שטיינדעל" (ליעדער, וואָס בלויז גראַיעווער קאָנען אָפּשאַצען); „צעהן געבאָט פאַר אונזערע מעמבערס", פון סעם קרינסקי; בילדער פון באַאַמטע, צעטעל פון באַאַמטע, בילדער פון גראַיעווע, „פּאָזשאַרני קאָמאַנדע" (פייערלעשער), דער אַלטער בית מדרש, געוועזענע שוהל, שוהל וואָקזאַל אין גראַיעווע, „דער 11טער ליסטאָפּאַד", נייע גאַס אין גראַיעווע, גראַיעווער מאַרק, בילדער פון שטאָטישע טיפּען, באַגריסונגען. אידיש. אַנאָנסען, ענגליש.

„אוהל דזשייקאָב סאָסייעטי, אינק."

סואווענירזשורנאַל, 1937. 24 זייטען. ענגליש. אינהאַלט: באַגריסונגען און אַנאָנסען.

„חברה אגודת אחים אנשי דראָהיטשין".

25-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1899 — 1924. אַרטיקלען, אַנאָנסען, בילדער, באַגריסונגען. אידיש-ענגליש.

„חברה אגודת אחים אנשי דראָהיטשין".

סואווענירזשורנאַל צום 35טען יובילייִ. שער-בלאַט אין ענגליש. 40 זייטען. גרויס-פאָרמאַט. אינהאַלט: אַרטיקלען — „אונזער היסטאָרי", פון לואיס בלום. אַנאָנסען, באַגריסונגען, אין ענגליש און אידיש.

„האָמליער בראָדערס סאָסייעטי".

37-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1899 — 1936. 28 זייטען. באַגריסונגען, אַנאָנסען.

„האָראָדישטשער בראָס. בענ. אסס'ן."

סואווענירזשורנאַל צום 26טען יובילייִ, 1926. 24 זייטען. אינהאַלט: „האָראָדישץ", פערזען פון איוב טשעזנאָוו, „פעדער שפּריצען", פון מ. נוירענבערג. באַגריסונגען און אַנאָנסען אין ענגליש און אידיש. פאָטאָגראַפיעס פון אַראַנזשיר-קאָמיטעט.

„הלוסקער ברענטש 45 א. א. א."

מימאָגראַפירט. 12 זייטען. אַרטיקלען און באגריסונגען.

„ערשטער הרובישאָווער ק. א. פּ."

סואווענירזשורנאַל צום 25טען יובילייאום (1905 — 1930). 60 זייטען. אידיש-ענגליש. באַגריסונגען, אַנאָנסען בילדער.

„ערשטער וואָגאָדיסלאַווער א. פּ."

30-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1905 — 1935. 24 זייטען. באַגריסונגען, בילדער.

„ערשטער וואָגאָדיסלאַווער א. פּ."

20-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל. 22 זייטען. 1929. באַגריסונגען, אַנאָנסען.

„וואָלקאָווישקער י. מ. ב. א."

30-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1897 — 1927. 88 זייטען. באַגריסונגען, בילדער, אַנאָנסען. אידיש, ענגליש.

„וואָראָנאָווער י. מ. ב. א."

25-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1903 — 1928. 22 זייטען. באַגריסונגען, אַנאָנסען, בילדער.

„חברה בני אהרן אנשי ווילקאָמיר".

סואווענירזשורנאַל אין אידיש-ענגליש. מיטעל-פאָרמאַט. 28 זייטען. ארויסגעגעבען צום גאָלדענעם יובילייִ — 1887 — 1937. אינהאַלט: אַרטיקלען — „צו אַלע מיטגלידער — ערע וועמען ערע קומט" — פּרעזידענט יוסף הראַוויץ; „דער נעכטן און דער היינט" — טשאַרלס זיוו; באַגריסונגען, באַריכטען און פאָטאָגראַפיעס.

„פאַראייניגטע וויניצער י. מ. ב. א."

20-יאָהריגער סואווענירזשורנאַל, 1915 — 1935. 32 זייטען. באַגריסונגען, רשימה פון פאַרשטאָרבענע מיטגלידער, ליסטען פון באַאַמטע, פון מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און פון קאָמיטע מיטגלידער.

„ווּיסאָקאָ ליטאָווסקער ברודערליכער א. פּ."

35-יאָהריגער יובילייאום-זשורנאַל, 1902 — 1937. 56 זייטען. באַגריסונגען, אַנאָנסען, בילדער, אַרטיקלען. אידיש, ענגליש. אַרטיקלען: הלל לעווין: „געשיכטליכער איבערבליק פון דער אָרג."; הומאָר: מאָריס מינאָוו: „בלעטלאַך פון אונזער אָנפאַנג".

„דער ווּיסאָקאָ ליטאָווסקער פריינד".

ארויסגעגעבען פון דער ווּיסאָקא ליטאָווסקער ברודערליכע ב. ס. 1909. צייטונג פאָרמאַט. דערשיינט צו יעדער אונטערנעמונג. אינהאַלט: „טעלעגראַמעס", גראַמען, נייעס, וויצען, אַנאָנסען, באַגריסונגען. אידיש.

„חברה תורה אנשי וויסאָקע מאזאָוויעצק".

40-יאָהריגער סאוועניר-זשורנאַל 1898 — 1938. 130 זייטען. 1938. באַגריסונגען, ליסטען פון באַאַמטע, עקס-פּרעזידענטען, קאָמיטע מיטגלידער. אַרטיקלען, ליעדער. משה גליטשינסקי: „אונזער שטעטעל וויסאָקאָ מאַזאָוויעצק", „צו לאַנדסלייט" (הומאָרעסקע), „קענט איהר ניו יאָרק" (אינטערעסאנטע פאַקטען), „הייס און קאַלט" (ליעד), אַפאָריזמען, וויצען, אַנעקדאָטען; פינאַנציעלער באַריכט פון פינאַנץ-סעקרעטאר.

„וולאדימיר וואלינסקער בר. 198, א. א. א.".

5טע יעהרליכע אויסגאַבע. 20 זייטען. 1938. מולטיגראַפירט. אַנאָנסען, באַגריסונגען. ענגליש און אידיש. ליסטען פון באַאַמטע. ארטיקלען און לידער — ט. ראָזענפעלד: „באַרג ארויף"; „יאָהר 1937" (אָפּשאצונג פון פאַרגאַנגענעם יאָהר טעטיגקייט); י. סיגנאַליסט: „ביים שיסעל (פאַבעל); ר. יוקלסאָן: „לודמאר אויף דער מאַפּע" (אָפּשאַצונג); יהושע גרינבערג: „קוילען אנשטאָט ברויט" (ליעד); איוב גוטשטיין: „א יאָר קולטורעלע ארבייט".

זאבלודאָווער פּנקס פון זאבלודאָווער ק. א. פ.

1900 —1925, 100 זייטען. רעדאגירט פון יעקב קרעפּליאַק. אין 4 טיילען: 1 — אַלטע און נייע היים. 2 — די קריטישע לאַגע פון די זאבלודאָווער אינסטיטוציעס. 3 — זאבלודאָווע, איהר געשיכטע, אַלטערטימליכקייטען, רבנים, דיינים און עסקנים. 4 — די צייטען פון השכלה רעוואָלוציע און מלחמה. אנטיילנעמער: ש. גרינבערג, ל. רובין, ח. נאווידוואר, ד. סארנאף, י. טווערסקי, מ. ליפּשיץ, דר. שאַצקי, פּ. שוואַרץ, י. צעסליאר, י. זאבלודאווסקי, א. קאַטיק. בילדער פון שוהלען, גאַסען א. א.

זאבלודאָווער פּנקס":

זאבלודאָווער רעליעף קאָמיטע און לעידיס אקזילערי. 1925, 1928, 84 זייטען מיט בילדער. רעדאקטירט פון יעקב קרעפּליאַק.

„זאסלאווער געסעל", „ראקאָווער אר. רינג ברענטש 428".

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 673 בראָדוויי. אָרג.: 1903 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: געמישט. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 30% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, זקנים-פאָנד, האָבען אַמאָל געשטיצט אַלטע היים מיט 12,000 דאָלער. פּרעזידענט: י. דאַווידסאָן, 1312 שערידען עוועניו, בראָנקס.

זלאַטאָפּאָלער לעידיס פּראָג. עיד סאָס. אָוו ברוקלין.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מיטוואָך, 12 נעווינס סט., ברוקלין. אָרג.: 1923 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 105. עלעמענט: הויז-פרויען. 30% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 60% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס אַף נאַציאָנאַלע רעליגיעזע פראַגען, צוזאַמענקונפטען, ליטעראַרישע אָווענטען. צוועק: שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: הענריעטא האלאנד, 6324 — 24טע עוו., ברוקלין.

ערשטע זלאַטניקער ק. א. פּ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 15 2טע עוו. אָרג.: 1905 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, שטיצען אַלטע היים מיט 125 דאָלער יערלאַך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: סעם שוואַרץ, 3917 טשוירטש עוו., ברוקלין.

ערשטע זלאָטשאָווער ק. א. פּ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 15 2טע עוו. אָרג.: 1896 מיט 60 מיטגלידער, איצט — 330. עלעמענט: געמישט. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 30% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, ליי-פאָנד, געשאַפען 50 טויזענד דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען אין אַלטער היים בקור חולים, בית יתומים, גמילת חסד, פאָלקס קיך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 200 דאָלער יערלאַך. סעקר.: ב. ווייספעלד, 1579 סטערלינג פּל., ברוקלין.

ערשטע זלאַטשאָווער פרויען ק. א. פּ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען דינסטאָג, 214 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1898 מיט 6 מיטגלידער, איצט — 75. עלעמענט: הויז-פרויען. 8% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קראַנקען בענעפיט, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: אסתר ווייס, 86 לואיס עוו., ברוקלין.

מחזיקי הדת אנשי זלאַטשאָוו.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 289 איסט 3טע סט. אָרג.: 1904 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 90. עלעמענט:

אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: דאַווענען, לערנען, קרקע. אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. וו. שאַפּירא, 289 איסט דריטע גאַס, נ. י.

זלאַטשאָווער רעליף פאַרבאַנד אָוו אַמעריקע.

מיטינגען: אומבאַשטימטע טעג, 289 איסט 3טע סט. אָרג.: 1914 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 600. עלעמענט: געמישט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. געשאַפען 50,000 דאָלער פאַר אַלטער היים. שטיצען דאָרטיגע מושב זקנים, בקור חולים, תלמוד-תורה, גמילת חסד, שיקען פאַר מעות חיטים. שטיצען מיט צוויי טויזענט דאָלער יעהרליך. סעקר.: ד. האָכבערג, 197 האַוועמאַיער סט., ברוקלין.

יונייטעד זעזמערער בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 91 איסט 4טע סט. אָרג.: 1901 מיט 50 מיטגלידער, איצט — 258. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. פּראָטאָקאָלען — ענגליש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים, געשאַפען ביז איצט 10,000 דאָלער. האַלטען דאָרטען אויס אַ תלמוד תורה און אַ בית יתומים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יערלאַך. סעקר.: ג. מאַלצמאַן, 2829 וועסט 30טע סט., נ. י.

אינד. זעטלער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 673 בראָדוויי. אָרג.: 1904 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 400. עלעמענט: געמישט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 500 דאָלער יערלאַך. סעקר.: ע. פּאסאָוו, 672 איסט 91טע גאַס, ברוקלין.

זעטלער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען דינסטאָג, 15 2טע עוו. אָרג.: 1928 מיט 5 מיטגלידער, איצט — 65. עלעמענט: הויז-פרויען. 10% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ה. ב. קאַנטאָראָוויטש, 771 קראָטאָנאַ פּאַרק נאָרט, בראָנקס.

חברה משכן ישראל אנשי זעטיל.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 134 הענרי סט. אָרג.: 1890 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 130. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: דאַווענען, געגענזייטיגע הילף, קרקע, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ק. אַלבערט, 134 הענרי סט., נ. י.

זעמבינער אנשי אחים אָוו בראָנזוויל.

מיטינגען: ניט רעגולאַר, 217 ריווערדייל עוו., ברוקלין. אָרג.: 1918 מיט 2 מיטגלידער, איצט — 20. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: דאַווענען, קרקע.

זעמבראָווער בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 106 פאָרסייט סט. אָרג.: 1928 מיט 18 מיטגלידער, איצט — 70. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 20% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש: צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ל. מעלצער, 871 איסט 170טע סט., בראָנקס.

זעמבראָווער פּראָגרעסיוו ברענטש 149, א. ר.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 151 קלינטאָן סט. אָרג.: 1907 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 360. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. אַרויסגעגעבען סואווענירזשורנאַל. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ב. מילער, 125 בערימאַן סט., ברוקלין.

זעמבראָווער פּאַטראָנאַט.

מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 108 איסט 14טע גאַס. אָרג.: 1938. האָבען איצט 70 מיטגלידער, ווערען געשטיצט פון 5 לאַנדסמאַנשאַפטען. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. פיהרען דורך קאָנצערטען, ליטעראַרישע שמועסען, פאַרוויילונגען. שטיצען רעגולאַר אַלטע היים. סעקר.: פּאָול בראָדער, 902 47טע גאַס, ברוקלין.

חברה תבואות שור אנשי זשאָלקיעוו.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 318 איסט האָוסטאָן סט. אָרג.: 1894 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 160. עלעמענט: 90% אַרבעטער; 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס אַף רעליגיעזע טעמעס. צוועק: שול, קרקע, בענעפיט, האַלטען אויף אין אַלטער היים בית יתומים, תלמוד תורה. האָבען געשיקט אַהיים 20,000 דאָלער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 400 דאָלער יעהרליך. סעקר.: סעם צוויבאַק, 684 ריווערסייד דרייוו, נ. י.

ערשטע זשאָלקיעווער לעידים סאָם.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 318 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1922 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 65. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען און פּראָפעסיאָנאַלען. 10% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: ליטעראַרישע אָוונטען, לעקציעס אַף וועלטליכע, נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע פראַגען. צוועק: שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: סעם צוויבאַק, 245 וועסט 29טע גאַס, נ. י.

זשאַרניצער בענ. סאָסייעטי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 80 קלינטאָן סט. אָרג.: 1914 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 75. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 25% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, האָבען געשטיצט אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: א. אולאַנאָוו, 1222 באָינטאָן עוועניו, בראָנקס.

ערשטע זשולינער חברה.

מיטינגען: זומער — צווייטען און פערטען זונטאָג, (ווינטער — צווייטען און פערטען שבת), 80 פּיט סט. אָרג.: 1898 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 75. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שול, קרקע, טויטען בענעפיט. שטיצען קהילה אין אַלטע היים און שיקען יעהרליך פאַר מעות חיטים. געשאַפען ביז איצט 5,000 דאָלער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 60 דאָלער יעהרליך. סעקר.: משה זשולינער, 80 פּיט סטריט, ניו יאָרק.

זשוראַוונער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען דינסטאָג, 62 איסט 4טע גאַס. אָרג.: 1936 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 70. עלעמענט: הויז-פרויען. 10% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: שטיצען היימישע אינסטיטוציעס. סעקר.: מרס. ווייזעל, 1020 דזשעראַרד עוו., בראָנקס.

זשוראַוונער לאָדזש 33, א. א. ב. א.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 96 קלינטאָן סט. אָרג.: 1888 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 300. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 90% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזש. גאָטטעסמאַן, 51 נאָרט סטריט, בראָנקס.

זשיטאָמירער תלמוד תורה דרכי נועם.

מיטינגען: לעצטען זונטאָג פון חודש, 295 איסט 8טע גאַס. אָרג.: 1910 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 300. עלעמענט: געמישט. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 50% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען. צוועק: דאַווענען, לערנען, האַלטען אויס די תלמוד תורה. סעקר.: טש. פישמאַן, 295 איסט 8טע גאַס, נ. י.

וועלפער ליג פון דער זשיטאָמירער תלמוד תורה.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מאָנטאָג, 295 איסט 8טע גאַס. אָרג.: 1925 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 120. עלעמענט: הויז-פרויען. 75% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען, געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפטען. שטיצען אַלע היגע קינדער אינסטיטוציעס מיט יעהרליכע סומע. סעקר.: ב. בארבער, 295 איסט 8טע סט., נ. י.



זשיטאָמירער תלמוד תורה אויף אַכטער גאַס, נ. י.

טשילדרענס גילד פון דער זשיטאָמירער תלמוד תורה.

מיטינגען: צווייטען און פערטען דינסטאָג, אַלקאָף האָטעל, וועסט 72טע גאַס. אָרג.: 1925 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 200. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט, הויז-פרויען. 90% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 45% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. צוועק: געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפטען, פאַרווילונגען, העלפען אין דער תלמוד תורה אַרבעט מיט 500 דאָלער יעהרליך. סעקר.: ס. זייד, 295 איסט 8טע גאַס, נ. י.

זשיטאָמירער תלמוד תורה פרויען אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 295 איסט 8טע גאַס. אָרג.: 1912 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 300. עלעמענט: הויז-פרויען. 50% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרווילונגען, געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפטען. שטיצען די תלמוד תורה מיט 500 דאָלער יעהרליך. סעקר.: ב. דובינסקי, 295 איסט 8טע גאַס, נ. י.

ערשטער זשיטאָמירער אונט. פאַראיין.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מיטוואָך, 91 איסט 4טע סט. אָרג.: 1893 מיט 9 מיטגלידער, איצט — 230. עלעמענט: געמישט. 50% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 300 דאָלער יערלאך. סעקר.: מ. שונסקי, 388 דעגריו סט., ברוקלין.

זשיטאמירער לעידים אונט. פאַראיין.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מאָנטאָג, 151 קלינטאָן סט. אָרג.: 1898 מיט 10 מיטגלידער, איצט 50. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 20% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שטיצען די אַלטע היים מיט און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מרס. מרים ראזענאווער, 305 וועסט 86טע סט., נ. י.

זשיטאמירער ברענטש 331, א. ר.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 7 איסט 15טע גאַס. אָרג.: 1911 מיט 20 מיטגלידער, איצט 125. עלעמענט: ארבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמער. געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאָרומס, פאַרווילונגען. אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ב. לאנדבערג, 1022 לאָנגפעלאָו עוו., בראָנקס.

זשיטאָמירער לעידים אָקז., ברענטש 331, א. ר.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 7 איסט 15טע גאַס. אָרג.: 1930 מיט 25 מיטגלידער, איצט 50. עלעמענט: הויז-פרויען. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיגקייטען: לעקציעס, פאַרווילונגען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ראָז גינסבערג, 1118 פאָרעסט עוו., בראָנקס.

זשיטאמירער ברענטש 52, א. נ. א. פ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 17 וועסט 24טע גאַס. אָרג.: 1911 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 130. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 5% אַמער. געבאָרענע, 20% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: פאַרווילונגען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. פליישמאַן, 2141 פּראָספּעקט עוו., בראָנקס.

זשיטאמיר־קלינאָוו ברענטש 12, א. א. א.

מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 12 סט. מאַרקס פל. אָרג.: 1929 מיט 40 מיטגלידער, איצט 95. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער, געשעפטסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. ווילענסקי, 1547 מילפאָרד פל., בראָנקס.

זשיכלינער יאָנג מענס בענ. סאָסייעטי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען דינסטאָג, 91 איסט 4טע סט. אָרג., 1923 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 85. עלעמענט: געמישט. 75% אַרבעטער, 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, ליי-קאַסע, קרקע, שטיצען אין אַלטער היים משמרת החולים און ביקור חולים מיט 100 דאָלער יערלאך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 200 דאָלער יערלאך. סעקר.: ד. הערשענזאָן, 2749 — 7טע סט., ברוקלין.

זשיכלינער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 140 2טע עוו. אָרג.: 1927 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 30. עלעמענט: הויז-פרויען. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: אסתר בעלאווסקי, 10 מאנראָ סטריט, נ. י.

זשעראדאָווער פראָג. סאָסייעטי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 157 איסט 86טע סט. אָרג.: 1924 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, שטיצען אין אַלטער היים בקור חולים, בית יתומים, תלמוד תורה מיט 700 דאָלער יערלאך. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: א. דזשייקאָבס, 849 45טע סטריט, ברוקלין.

זשיראַדאָווער פרויען אַקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 157 איסט 86טע גאַס. אָרג.: 1928 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 100. עלעמענט: הויז-פרויען. קליינע צאָהל ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ר. דזשייקאָבס, 849 — 45טע גאַס, ברוקלין.

זשיראַדאָווער ברענטש 301, א. ר.

מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1909 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: ארבעטער, געשעפטסלייט. 50% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרווילונגען. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ה. פאָזנאַנסקי, 1871 וואָלטאָן עוו., בראָנקס.

זשלאָבענער בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, פיטקין עוו. און פאַועל סט., ברוקלין. אָרג.: 1924 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 110. עלעמענט: געמישט. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 50 דאָלער יערלאך. סעקר.: א. האָלצמאַן, 284 איסט 98טע סט., ברוקלין.

זשמערינקער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דאָנערשטאָג,140 2טע עוו. אָרג.: 1915 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 40. עלעמענט: געמישט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 25% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, פלעגען שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: י. בערנשטיין, 350 איסט 15טע סט.,

אוהב צדק אנשי זשעלאָבריק.

מיטינגען: איינמאָל אַ חודש, 252 דעלענסי סט. אָרג.: 1901 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט: געמישט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שול, קרקע, געבען צדקה. סעקר.: י. וויינריין, 254 דעלענסי סט., נ. י.

ט.

טאַווריגער בענעוואָלענט סאָסייעטי.
מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 98 פּאַרסייט סט. אָרג.: 1921 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 94. עלעמענט: אַרבעטער. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון די מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד. סעקר.: אברהם קאָברין, 385 ווערמאַנט עוו., ברוקלין.

טאַלנער בענעוואָלענט סאָסייעטי.
מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 111 איסט האוסטאָן סט. אָרג.: 1896 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 165. עלעמענט: געמישט. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: פאַרוויילונגען, קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען נויט-ליידענדע אין אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: וו. קויר-סטיין, 2965 מעריאַל עוו., בראָנקס.

יונייטעד בראָס., טאָמאשאָוו.
מיטינגען: ערשטען און דריטען דאָנערשטאָג, 878 פּראָספּעקט עוו., בראָנקס. אָרג.: 1902 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 225. עלעמענט: געמישט. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: לואיס דימאַנשטיין, 868 העריסאָן עוו., בראָנקס.

חברה בני טאָמאשאָוו.
מיטינגען: ערשטען און דריטען מיטוואָך, 128 דעלענסי סט. אָרג.: 1898 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 170. עלעמענט: 2% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע. האָבען געשאַפען פאַר אַלטער היים 1,900 דאָלער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יעהרליך. סעקר.: א. שנור, 336 איסט 4טע גאַס, נ. י.

ערשטע טאָפּעראָווער לעדיס ק. א. פּ.
מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 214 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1912 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 245. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזשאָזעף ראובפאַגאל, 1563 ווילקינס עוו., בראָנקס.

ערשטער טאָפּאָראָווער ק. א. פּ.
מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 214 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1903 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 235. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 30% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, האָבען געשאַפען ביז איצט 8,000 דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזשאָזעף ראובפאַגעל, 1563 ווילקינס עוו., בראָנקס.

טאַראַש אינדעפּענדענט לעדיס סאָס.
מיטינגען: ערשטען און דריטען מאָנטאָג, האַנטס פּאָינט פּאַלאַס, 163טע סט. און סאָוטהערן בולעוואַרד, בראָנקס. אָרג.: 1924 מיט 150 מיטגלידער, איצט — 65. עלעמענט: הויז-פרויען. 28% אמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, לויי-פאָנד פאַר מיטגלידער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: נייטען סמיט, 651 ברייענט עוו., בראָנקס.

טאַראַשטשער פּראָג. בענ. סאָס.
מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, האַנטס פּאָינט פּאַלאַס, סאָוטהערן בולעוואַרד און 163טע סט. אָרג.: 1905 מיט 7 מיטגלידער, איצט — 155. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען—אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, פלעגען שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: רעוו. מ. טאַלטשינסקי, 2004 וואַיז עוו., בראָנקס.

טאַלטשינער בענעוואָלענט סאָסייעטי.
מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 151 קלינטאָן סט. אָרג.: 1895 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: געמישט. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, טויטען, קראַנקען בענעפיט, קרקע, שול. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: אַלבערט גראָס, 523 ווילאָבי סט., ברוקלין.

טאַלינער-זווינאָגאָראָדקער ברענטש 199, א. ר.
מיטינגען: ערשטען און דריטען פרייטאָג, 231 איסט 14טע גאַס. אָרג.: 1933 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ר. בערמאַן, 775 איסט 175טע גאַס, בראָנקס.

ערשטע טאַלנער לעדיס הילף סאָס.
מיטינגען: ערשטען און דריטען מיטוואָך, 96 קלינטאָן סט. אָרג.: 1933 מיט 8 מיטגלידער, איצט 75. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע, 15% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מיני ערליכמאַן, 115 האַרט סטריט, ברוקלין.

בית המדרש קהל חסידים אנשי טאלנע.
מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 9 אַטוירני סט. אָרג.: 1918 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 70. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 25% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. רעליגיעזע לעקציעס. צוועק: דאַוונען, לערנען, קרקע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היגע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. ד. טורעסקי, 9 אַטוירני סט., נ. י.

טאַלנער ברענטש 8, א. א. א.
מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1930 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 225. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער, געשעפטסלייט. 15% אַמער. געבאָרענע, 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס אָף פּאָליטישע, אידישע און וועלטליכע פראַגען. סעקר.: ד. סיידער, 401 איסט 48טע גאַס, ברוקלין.

טאַרבינער פּאַראייניקטע ברידערליכער אסס'ן.
מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 62 פּיט סט. אָרג.: 1913 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 260. עלעמענט: געמישט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, שטיצען אַלטע היים מיט 200 דאָלער יערלאַך. געשאַפען ביז איצט 15,000 דאָלער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: נח ווייזער, 1963 ברייענט עוו., בראָנקס.

טאַרגאָוויטשער הילפס-פּאַראיין.
מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 40 איסט 7טע סט. אָרג.: 1912 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 112. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, לייי-קאַסע, פלעגען שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 150 דאָלער יעהרליך. סעקר.: מ. לעווין, 1933 יוניאָן סט., ברוקלין.

לעדיס אקז. און טאַרגאָוויצער עיד סאָס.
מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1931 מיט 7 מיטגלידער, איצט — 62. עלעמענט: הויז-פרויען. 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היגע אינסטיטוציעס, לייי-קאַסע פאַר מיטגלידער. סעקר.: ס. זאסלאַווסקי, 767 9טע עוו., נ. י.

טאָרטשינער סאָסייעטי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 7 לואיס עוו., ברוקלין. אָרג.: 1923 מיט 13 מיטגלידער, איצט — 175. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 30% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, פלעגען שטיצען אַלטע היים מיט 400 דאָלער יערלאך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 150 דאָלער יערלאך. סעקר.: מאַקס ראָזען, 1566 איסט סטערלינג פּליים, ברוקלין.

טאַרטשינער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 18 מאנהעטאַן עוו., ברוקלין. אָרג.: 1931 מיט 3 מיטגלידער, איצט — 25. עלעמענט: הויז-פרויען. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ל. שאַפּירא, 699 גרין עוו., ברוקלין.

דהי טאָרטשבערער (פאַקל-טרעגער) יאָנג סוירקל ליג אָוו אַמעריקע, ברענטש 286 „איי", א. ר.

מיטינגען: יעדען דינסטאָג, 241 סאַוטה 4טע גאַס, ברוקלין. אָרג.: 1938 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 38. עלעמענט: אַרבעטער, סטודענטען. אַלע אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. גיבען אַרויס יעדע צוויי וואָכען אַ זשורנאַל. סעקר.: ל. הערען, 218 סאַוטה 3טע סט., ברוקלין.

ערשטע טאַרלער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 620 סטאָון עוו., ברוקלין. אָרג.: 1932 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 40. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: העלפען נויט באַדערפטיגטע מיטגלידער. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: י. פעדים, 502 קלערמאנט פּאַרקוויי, בראָנקס.

ערשטער טארלער קאָנג.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 7 איסט 15טע גאַס. אָרג.: 1913 מיט 28 מיטגלידער, איצט — 100. עלעמענט: געמישט. 2% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 3% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: בענעפיטען אין בעסערען טעאַטער. צוועק: שול, קרקע, בענעפיט. שטיצען אַלטע היים מיט 250 דאָלער יעהרליך און היגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יעהרליך. סעקר.: נייטען קאַץ, 1080 ברייענט עוו., בראָנקס.

טארנאברעגער ברענטש 403, א. ר.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1910 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע, 50% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ה. גאָלדמאַן, 8109 — 20טע עוועניו, ברוקלין.

ערשטע טארנאָווער יאָנג מענס בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 673 בראָדוויי. אָרג.: 1908 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 160. עלעמענט: געמישט. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 35% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: געגענזייטיקע הילף, קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזשאָ טראוריג, 2046 איסט 9טע גאַס, ברוקלין.

ערשטע טארנאווער פרויען־הילף סאָס., אינק.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 673 בראָדוויי. אָרג.: 1933 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט: הויז-פרויען. 40% אַמעריקאַנער געבאָרענע, קליינע צאָהל ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. צוועק: צדקה.

שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. וואַכטענהיים, 539 קלערמאנט פּאַרקוויי, בראָנקס.

טארנאפּאָלער אינטערנאשאָנאַל ק. א. פּ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 673 בראָדוויי. אָרג.: 1908 מיט 32 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: געמישט. 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: טויטען, קראַנקען בענעפיט, קרקע, ליי-קאַסע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: אַרנאָלד הימעלבראַנד, 1236 ווירדזשיניא עוו., בראָנקס.

טארנאפּאָלער יד־חרוצים ק. א. פּ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 257 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1901 מיט 60 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: אַרבעטער. 2% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים. סעקר.: ה. לאַנדאו, 1828 לאָנגפעלאָו עוו., בראָנקס.

טארנאפּאָלער ברענטש 134, א. ר.

מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 111 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1907 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 5% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: וו. האיניק, 1021 בעלמאנט עוועניו, ברוקלין.

טארנעגראָדער חברה.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 71 שעריף סט. אָרג.: 1900 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 80. עלעמענט: געמישט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 3% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קרקע, נויט-פאָנד. שטיצען אַלטע היים. האָבען געשאַפען ביז איצט 5,000 דאָלער. שטיצען דאָרטיגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יעהרליך. שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 30 דאָלער יעהרליך. סעקר.: מר. פרידמאַן, 71 שעריף סט., נ. י.

ערשטער טוראָווער אונט. פאַראיין.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 40 איסט 7טע סט. אָרג.: 1903 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 450. עלעמענט: געמישט. 35% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 25% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטור טעטיקייטען: לעקציעס וועגען געזונט און פּאָליטישע פראַגען. צוועק: קראַנקען טויטען בענעפיט, קרקע, אינוואַלידען-פאָנד, זקנים-פאָנד, אַמאָל געשטיצט אַלטע היים מיט 3000 דאָלער, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 300 דאָלער יערלאך. סעקר.: פּאָול דאָרין, 1055 קאַלעדזש עוו., בראָנקס.

קאָנג. אנשי טוראָוו.

מיטינגען: יעדען צווייטען שבת אין חודש, 248 וואַטקינס סט., ברוקלין. אָרג.: 1917 מיט 7 מיטגלידער, איצט — 30. עלעמענט: אַרבעטער. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: לערנען, דאַווענען. האָבען אייגענע שול. סעקר.: ש. באקמאַן, 368 ליוואָניא עוו., ברוקלין.

טוראָווער ברענטש 253, א. ר.

מיטינגען: צווייטען און פערטען פרייטאָג, 91 איסט 4טע גאַס. אָרג.: 1909 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 8% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 95% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטערעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מאקס מאראווטשיק, 2935 האָלאנד עוו., בראָנקס.

טורקער יאָנג מענס בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 193 2טע סט. אָרג.: 1913 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 90. עלעמענט: אַרבעטער.

20% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, געשאַפען 15 טויזענט דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען דאָרטיקען בית יתומים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 50 דאָלער יערלאך. סעקר.: י. גיילער, 440 וויאָנא סט., ברוקלין.

ערשטע טיטשינער ק. א. פ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 214 איסט 2טע סט. אָרג.: 1900 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 115. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 10% געשעפטסלייט, 30% ניט לאַנדסלייט, 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. רובינשטיין, 156 טאָמפּקינס עוו., ברוקלין.

טיטשינער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1937 מיט 25 מיטגלידער, איצט —40. עלעמענט: הויז- פרויען. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפטען. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. וואלנער, 30 וועסט 181טע גאַס, בראָנקס.

חברה אהבת צדק אנשי טימקאוויץ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 180 קלינטאָן סט. אָרג.: 1883 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 100. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמער. געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: דאַווענען, געגענזייטיגע הילף, קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: גיטלין, 180 קלינטאָן סט., ניו יאָרק.

ערשטע טיסמעניצער יאָנג מענס בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 111 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1902 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 190. עלעמענט: געמישט. 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 20% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. פּראָטאָקאָלען — ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס איבער געזעלשאַפטליכע פראַגען. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים, האָבען געשיקט שליח קיין אייראָפּע—אינ'ם פאַרלויף פון יאָהרען 10 מאָהל, האָבען געשאַפען ביז איצט 10,000 דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 700 דאָלער יערלאך. סעקר.: ס. בראָדעס, 68 קאלאָמביא סט.

ערשטע טיסמעניצער לעידים ק. א. פ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מאָנטאָג, 193 2טע גאַס. אָרג.: 1916 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: הויז-פרויען. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון די מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קראַנקען בענעפיט, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. קיטענפלין, 164 איסט 7טע סט., נ. י.

טיקטינער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 106 פאָרסייט סט. אָרג.: 1926 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 80. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: א. רוטקאָוויטש, 106 פאָרסייט סט., נ. י.

ערשטע טישאָוויצער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 623 סטאָון עוו., ברוקלין. אָרג.: 1933 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שטיצען היימישע אינסטיטוציעס. סעקר.: אסתר קאליש, 390 איסט 98טע גאַס, ברוקלין.

ערשטע גרויס-טלומאטשער בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 91 איסט 4טע גאַס. אָרג.: 1903 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 110. עלעמענט: 75% אַרבעטער, 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, האָבען געשטיצט אַלטע היים מיט 7500 דאָלער. סעקר.: סעם דרוקער, 2160 קראָטאָנאָ פּאַרקוויי, בראָנקס

ערשטע טלומאטשער יאָנג לעידים ק. א. פ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען מיטוואָך, 91 איסט 4טע גאַס. אָרג.: 1921 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 75. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קרקע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ראָז האבער, 104 איסט 10טע גאַס, ניו יאָרק.

חברה אנשי טלומאטשער.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 193 2טע גאַס. אָרג.: 1890 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 85. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 2% אַמער. געבאָרענע, 3% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קרקע, נויט-פאָנד, ליי-קאַסע, שטיצען היגע און היימישע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. פרידמאַן, 193 צווייטע גאַס, נ. י.

טלומאטשער יאָנג פרענדס ברענטש 616, א. ר.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מאָנטאָג, 140 2טע עוו. אָרג.: 1902 מיט 150 מיטגלידער, איצט — 90. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרוויילונגען. אַרויסגעגעבען געדרוקטע מאַטעריאַלען. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: סאול יודענפריינד, 1172 אנדערסאָן עוועניו, בראָנקס.

ערשטע טלוסטער בראָס. בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 111 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1899 מיט 24 מיטגלידער, איצט — 150. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 30% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזשעק לעסלער, 788 פאַקס סט., בראָנקס.

ערשטע טלוסטער לעידים ק. א. פ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען מאָנטאָג, 214 איסט 2טע סט. אָרג.: 1922 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 135. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קרקע, שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: היימאַן נאדלער, 122 נאָרפאָלק סט., נ. י.

טעלעכאנער-סוועטאָוואליער סיק בענ. סאָס.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 175 איסט בראָדוויי. אָרג.: 1903 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 160. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 3% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, פלעגען העלפען אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יערלאך. סעקר.: סאָצקי, 1165 ברייענט עוו., בראָנקס.

ערשטע טעלענעשטער בעסאראַביער ק. א. פ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 140 צווייטע עוו. אָרג.: 1907 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 70. עלעמענט: געמישט. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 30% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קראַנקע, טויטען בענעפיט, קרקע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: דזשאָזעף שניידער, 291 איסט 54טע גאַס, ברוקלין.

ערשטע טעלענעשטער לעידים אָקזילערי.

מיטינגען : ערשטען און דריטען דינסטאָג, 142 2טע עוו. אָרג.: 1933 מיט 6 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט : הויז-פרויען. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק : שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ב. סאלטץ, 1675 פּראָספּעקט פּל., ברוקלין.

טעלעראַנער סוועטאָוואָלער סאָס.

מיטינגען : אומבאַשטימט, 175 איסט בראָדוויי. אָרג.: 1935 מיט 7 מיטגלידער, איצט — 200. עלעמענט : געמישט. שטיצען אַלטע היים. סעקר.: סאָצקי, 491 איסט 165טע סט., בראָנקס.

ערשטע טעפּליקער בענ. קאָנג. סאָס.

מיטינגען : צווייטען און פערטען שבת, 1636 פּיטקין עוו., ברוקלין. אָרג.: 1912 טיט 10 מיטגלידער, איצט — 135. עלעמענט : פאַרשיידענאַרטיגער. 15% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש.-ענגליש. צוועק : שול, קרקע, בענעפיט, שטיצען אַלטע היים און שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 75 דאָלער יעהרליך. סעקר.: דזשעק דאשעפסקי, 2268 וואָלטאָן עוו., בראָנקס.

לעידים אָקז. פון ערשטער טעפּליקער בענ. קאָנג.

מיטינגען : לעצטען זונטאָג אין חודש, 1636 פּיטקין עוו., ברוקלין. אָרג.: 1924 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט : הויז-פרויען. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען : לעקציעס. צוועק : העלפען אייגענע לאַנדסלייט, נויט-פאָנד, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מרס. ג. דירעקטאָר, 37 הינסדעיל סט., ברוקלין.

טערנאָווקער בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען : צווייטען און פערטען מיטוואָך, 1638 פּיטקין עוו., ברוקלין. אָרג.: 1916 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 135. עלעמענט : געמישט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, פלעגען שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מאיר באראץ, 5302 — 15טע עוו., ברוקלין.

טערנעווקער לעידיס סאָס.

מיטינגען : ערשטען און דריטען מיטוואָך, 1781 פּיטקין עוו., ברוקלין. אָרג.: 1933 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 80. עלעמענט : הויז-פרויען. 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : גגעגנזייטיגע הילף, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ב. קאָהן, 167 דיומאַנט עוו., ברוקלין.

ערשטער טריסטיאַנעצער בענ. סאָס., אינק.

מיטינגען: : ניט באַשטימט, 1731 פּיטקין עוו., ברוקלין. אָרג.: 1914 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 45. עלעמענט : אַרבעטער, געשעפטסלייט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע, קליינע צאָהל ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען—אידיש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: סעמיועל דעניסאָן, 1100 לענאַקס ראָוד, ברוקלין.

טריסקער וואלינער יאָנג מענס בענ. אסס'ן.

מיטינגען : צווייטען און פערטען שבת, 175 איסט בראָדוויי. אָרג.: 1917 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 115. עלעמענט : 80% אַרבעטער, 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, שטיצען אין אַלטער היים קהילה, מקוה, שולע מיט 700 דאָלער יערלאך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 75 דאָלער יערלאך. סעקר.: נ. רובין, 194 אָשען פּאַרקוויי, ברוקלין.

ערשטע טרעמבאָוולער סאָסייעטי.

מיטינגען : ערשטען און דריטען שבת, 145 סאָפאָלק סט. אָרג.: 1897 מיט 7 מיטגלידער, איצט — 100. עלעמענט : מערסטענס אַרבעטער. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען—אידיש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען אַלטע היים. סעקר.: שעכטער, 74 עסעקס סט., נ. י.

טרעמבאָוולער יאָנג מענס אסס'ן.

מיטינגען : ערשטען און דריטען מאָנטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1907 מיט 16 מיטגלידער, איצט — 160. עלעמענט : 95% אַרבעטער, 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט. קרקע, נויט-פאָנד, האָבען געשאַפען פאַר אַלטער היים 10,000 דאָלער, שטיצען דאָרטיקע אינסטיטוציעס מיט 800 דאָלער יערלאך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מאַרים שלעקער, 40 אַפּעלגייט קאָורט, ברוקלין.

אגודת אחים אנשי טרעמבאָוולע.

מיטינגען : צווייטען און פערטען דאָנערשטאָג, 91 איסט 4טע גאַס. אָרג.: 1900 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 100. עלעמענט: מערסטענס ביזנעס לייט. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : קרקע, האַלטען אויף אין אַלטער היים תלמוד תורה, קינדער קיך און שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מאקס פעלנער, 155 העיוואוד סט., בראָנקס.

בית אברהם אנשי טרעסטענע.

מיטינגען : צווייטען און פערטען שבת, 203 הענרי סט. אָרג.: 1902 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 85. עלעמענט : אַרבעטער, געשעפטסלייט. קליינע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : דאַוועגען, גגעגנזייטיגע הילף, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: א. סוכער, 253 מעדיסאָן סט., נ. י.

טשאוסער סאָסייעטי, אינק.

מיטינגען : דריטען דינסטאָג אין חודש ביי מיטגלידער אין הויז. אָרג.: 1906 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 40. עלעמענט : קליינע געשעפטסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : קרקע, פלעגען העלפען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: י. ראַסקין, 3918 — 61טע גאַס, וואודסייד, ל, א.

חברה אנשי טשאָן אינד. וואָלינער אונט. פאַראיין.

מיטינגען : צווייטען און פערטען שבת, 106 פאָרסייט סט. אָרג.: 1905 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 170. עלעמענט : געמישט. 3% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : שול, קרקע, בענעפיט, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ה. וועליקי, 77 דיוויזשאָן עוועניו, ברוקלין.

גמילת חסד דחברה אנשי טשאהן.

מיטינגען : אייגמאָל אין חודש, 106 פאָרסייט סט. אָרג.: 1912 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 80. עלעמענט : געמישט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : שול, נויט-פאָנד, קרקע. פלעגען שטיצען אַלטע היים. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. גרין, 106 פאָרסייט סט., נ. י.

ערשטע טשאהנער לעידים רעליף אָקזילערי.

מיטינגען : צווייטען און פערטען מיטוואָך, 111 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1935 מיט 13 מיטגלידער, איצט — 105. עלעמענט : הויז-פרויען. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : נויט-פאָנד. האָבען געשאַפען 3,000 דאָלער פאַר אַלטער היים. שטיצען דאָרטיגע אינסטיטוציעס מיט 1,000 דאָלער יעהרליך. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. פּארדי, 1700 קראָטאָנאָ פּאַרק איסט, בראָנקס.

טשארטקאָווער ר' דוד משה פרידמאַן, זצ"ל, ק. א. פ.

מיטינגען : צווייטען און פערטען שבת, 91 איסט 4טע סט. אָרג.: 1897 מיט 40 מיטגלידער, איצט — 180. עלעמענט : געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק : קראַנקען, טויטען בענעפיט, שטיצען אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: שאָר, 1233 העראָד עוו., בראָנקס.

פוירסט טשארטקאָווער ק. א. פ.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 192 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1907 מיט 18 מיטגלידער, איצט — 24. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 50% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: קרקע. סעקר.: א העלער, 1694 סעלווין עוו., בראָנקס.

טשאָרטקאָווער ראַבי י. מ. שאַפּירא, ק. א. פ.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 214 איסט 2טע סט. אָרג.: 1892 מיט 32 מיטגלידער, איצט — 165. עלעמענט: מערסטענס אַרבעטער. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען—אידיש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, געשטיצט אַלטע היים ביז איצט מיט 20,000 דאָלער, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: לואי לאַנגער, 401 מילער עוו., ברוקלין.

חברה אנשי טשאָרטקאָוו.

מיטינגען: ערשטען זונטאָג אין חודש, 193 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1888 מיט 18 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט. 2% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שול, קרקע, קראַנקען בענעפיט. שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס מיט 90 דאָלער יעהרליך. סעקר.: א. פרידמאַן, 193 איסט 2טע גאַס., ניו יאָרק.

אינד. טשארטקאווער לעידים סאָסייעטי.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מיטוואָך, 214 איסט 2טע גאַס. אָרג.: 1904 מיט 30 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: אַרבעטער, הויז-פרויען. 5% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיגע הילף, קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מעקס פוקס, 163 נאָרפאָלק סט., ניו יאָרק.

פאַראייניגטע טשארטקאָווער רעליף פאַראיין.

מיטינגען: ערשטען און דריטען מיטוואָך, 111 איסט האַוסטאָן סט. אָרג.: 1933 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 60. 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. געשאַפען 12 הונדערט דאָלער פאַר אַלטער היים. שטיצען דאָרטען בית יתומים, י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, א. א. ז. מיט 600 דאָלער יעהרליך. סעקר.: ג. נייפעלד, 501 מעיקאָן סט., ברוקלין.

אוהב שלום טשארני אונט. פאַראיין.

מיטינגען: יעדען צווייטען שבת, 197 העגרי סט. אָרג.: 1890 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 95. עלעמענט: 90% אַרבעטער. 20% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 5% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: שול, טויטען בענעפיט, קרקע, נויט-פאָנד, שטיצען אינסטיטוציעס אין אַלטע היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ה. שווארצבארד, 214 העגרי סט., נ. י.

טשודנאָווער אינד. בענ. סאָס.

מיטינגען: צווייטען און פערטען שבת, 40 איסט 7טע סט. אָרג.: 1922 מיט 15 מיטגלידער, איצט — 130. עלעמענט: געמישט. 2% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען—אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, האָבען אַמאָל געשאַפען 25,000 דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 200 דאָלער יערלאַך. סעקר.: ס. ראַבין, 307 פולאַסקי סט., ברוקלין.

טשודנאָווער ברוקלין קאָמיוניטי קאָרפּ.

מיטינגען: מיטוואָך אָוועגט, 14 גרעהעם עוו., ברוקלין. אָרג.: 1931 מיט 25 מיטגלידער, איצט — 70. עלעמענט: געמישט. קליינע צאָהל אמעריקאַנער געבאָרענע און ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס פון ציוט צו ציוט. צוועק: ליי-קאַסע, העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. סעקר.: ש. ראַבין, 307 פולאַסקי סט., ברוקלין.

טשודנאָווער פעדעראַל קרעדיט יוניאָן

מיטינגען: מאָנטאָג אָוועגט, 722 פראָספעקט עוו., בראָנקס. אָרג.: 1935 מיט 50 מיטגלידער, איצט — 120. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 15% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. צוועק: געגענזייטיקע הילף. סעקר.: ש. ראַבין, 307 פולאַסקי סט., ברוקלין.

טשודנאָווער לעידים קלוב.

מיטינגען: ערשטען און דריטען זונטאָג, 262 סייפּרעס עוו., בראָנקס. אָרג.: 1928 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 45. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט און הויז-פרויען. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, פאַרווייליגגען, ליטעראַרישע אונטערהאַלטונגען. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: מ. אלמאַן, 134 עליאָט פל., בראָנקס.

טשודנאָווער לעידים אָקזילערי אָוו ברוקלין.

מיטינגען: צווייטען און פערטען מיטוואָך, 14 גרעהעם עוו., ברוקלין. אָרג.: 1934 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 40. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט און הויז-פרויען. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס, ליטעראַרישע פאַרווייליגגען. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער, שטיצען אָרימע אין אַלטער היים. שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. ראבין, 307 פולאַסקי סטריט, ברוקלין.

טשיגרינער אלעקסאַנדראַאָווסקער בענ. אסס'ן.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 40 איסט 7טע סט. אָרג.: 1916 מיט 8 מיטגלידער, איצט — 75. עלעמענט: געמישט. 10% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, קרקע, שטיצען לאַנדסלייט און אַלטע היים מיט 50 דאָלער יערלאַך, שטיצען היגע אינסטיטוציעס מיט 100 דאָלער יערלאַך. סעקר.: א עליס, 2563 בעדפאָרד עוו., ברוקלין.

לעידים אָקז. פון די טשיגרינער־אַלעקסאַנדראָווקער בענעוואָלענט אסס'ן.

מיטינגען: צווייטען און פערטען זונטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1934 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 35. עלעמענט: הויז-פרויען. 10% אַמער. געבאָרענע, 10% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש-ענגליש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיטגלידער. שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: א. סמאַטראַף, 68 וועסט 162טע גאַס, בראָנקס.

טשעכאַנאָווער יאָנג מען בענ. אסס'ן.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דאָנערשטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1905 מיט 12 מיטגלידער, איצט — 140. עלעמענט: געמישט. 25% אַמעריקאַנער געבאָרענע, 35% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. פּראָטאָקאָלען — ענגליש. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, קרקע, ליי-קאַסע, געשאַפען אין לעצטען יאהר 1,200 דאָלער פאַר אַלטער היים, שטיצען היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: הערי ד. קליין, 600 וועסט 178טע סט., נ. י.

טשעכאַנאָווצער פּראָגרעסיוו סאָסייעטי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 151 קלינטאָן סט. אָרג.: 1899 מיט 10 מיטגלידער, איצט — 110. עלעמענט: געמישט. 14% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — אידיש. קולטורעלע טעטיקייטען: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטען בענעפיט, נויט-פאָנד, שטיצען אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: ס. קאַמין, 179 אָשען פאַרקווי, ברוק.

טשעכאַנאָווצער פּראָגרעסיוו לעידים אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען שבת, 151 קלינטאָן סט. אָרג.: 1927 מיט 50 מיטגלידער, איצט — 50. עלעמענט: הויז-פרויען. 15% אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. צוועק: העלפען נויט-ליידענדע מיט-

גלידער. סעקר.: סיידי שונוואר, 770 לאַפאַיעט עוו., ברוקלין.

טשעכאַנאָווער לעידיס אָקזילערי.

מיטינגען: ערשטען און דריטען דינסטאָג, 40 איסט 7טע גאַס. אָרג.: 1933 מיט 18 מיטגלידער, איצט — 60. עלעמענט: הויז-פרויען. 50% אַמער. געבאָרענע, 40% ניט לאַנדסלייט. שפּראַך פון מיטינגען — ענגליש. צוועק: שטיצען היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעקר.: עטעל קראסנער, 377 מאָנטגאָמערי סט., ברוקלין.

חברה בני יעקב אנשי טשעכאַנאָווצע.

